STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08943

NA VE-NAD

Simja Sneh

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמחה סנה

נעוונד

ערשטער באַנד

בערטאַ'ן — אַ מתנה

שמחה סנה

נע ונד

ערשטער באַנד

פאָרוואָרט פון חיים פינקעלשטיין

הילע געצייכנט לעאָן פּאָך

פאַרלאַג
אונדזער וואָרט

בועגאָס־איירעס

1952

Copyright by
S. SNEH, Buenos Aires

SIMJE SNEH

"NA VENAD"

(SIN RUMBO)

PRIMER TOMO

Prólogo de *JAIME FINKELSTEIN*

Portada de *LEON POCH*

פאָרוואָרט

שמחה סנה׳ס „נע ונד״, זענען די ביכורים פון פאַרלאַג „אונ־דזער וואָרט״, אָבער נישט די ביכורים פון מחבר פון דאָזיקן בוך. שמחה סנה האָט שוין פאַר דעם אַרויסגעגעבן צוויי ביכער, איינס — אַ גרעסערע דערציילונג „אויף פרעמדע וועגן״, וואָס איז דער־שינען אין לאָנדאָן, און דאָס צווייטע — אַ זאַמלונג לידער „בלע־טער אויפן ווינט״, אַרויסגעגעבן אין בוענאָס-איירעס, דורך דעם איקוף. דאָס זענען געווען שמחה סנה׳ס וויזיט-קאַרטעס, הן אין דער פראָזע און הן אין דער פּאָעזיע, מיט וועלכע ער האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַרן יידישן לייענער. און מיט פרייד דאַרף גע־זאָגט ווערן, אַז די יידישע ליטעראַטור האָט דעם יונגן קינסטלער נישט פאַרזען. ער איז אַריין דורך דער „פּאַראַדנער״ טיר אין דעם היכל פון יידישן קינסטלערישן שאַפן, און איז אויפגענומען גע־וואָרן מיט אָפענע אָרעמס, ווי אַ נייער כוח, וואָס איז געקומען נית מיט ליידיקע הענט פון אַ ווייטן וועג.

אפילו איצט, ווען שמחה סנה האָט שוין אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם גרויסן לאַסט, וועלכן ער האָט שווער געטראָגן אין די יאָרן פון נע ונד, אפילו נאָך דעם ווי ער האָט זיך אויסגעלאָדן פון די שווערע איבערלעבונגען זיינע, דוכט זיך, אַז ער וואַנדערט נאָך אַלץ און טראָגט נאָך אַלץ אויף זיך אַ שווערן עול. און ווער ווייס, צי ער וועט אַמאָל די וואַנדערונג אָפּשטעלן און דעם עול פון זיך אַראָפּוואַרפן. דאָס איז דער גורל פון יידישן קינסטלער, וואָס האָט פּערזענלעך דורכגעמאַכט דעם פּיינפולן וואַנדער-וועג אין די יאָרן פון קריג. דער וואָס האָט אַליין אויף די אייגענע פּלייצעס געפילט דעם ביטערן טעם פון דער מלחמה און פון די

גרויל־טאַטן פון די היטלער־חיות, דער ווײסט, זעט אויס, דאָס דאָזיקע געשפּענסט קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

***

שמחה סנה פאַרמאָגט אייגנאַרטיקייט. זי קומט צום אויסדרוק אין דעם אופן פון זיינע רעאַגירונגען און האַנדלונגען אין טאָג־טעגלעכן לעבן, און פּונקט אַזוי אויך — אין אַלע זיינע שאַפונגען. אין זיי איז פאַראַן אַ געמיש פון ליריק און שטורעם באַנאַנד. און ביידע זענען עכט. די ליריק איז אַן עכטע, אַ נאַטירלעכע, וואָס קומט פון די טיפענישן פון זיין נשמה, און דער שטורעם איז אויך אַן עכטער, אַ נישט געקינצלטער. עס מאַכט דעם איינדרוק ווי ביידע וואָלטן געקעמפט אין אים, ווער ס׳זאָל האָבן די שליטה איבערן טאַלאַנט זיינעם. און אַז מען לייענט אים, פילט מען ווי מען וואָלט געגאַנגען מיט אים אויף אַ באַרג־יקן באָדן. אָט גייט ער שטיל, צאַרט, גלאַט, און אָט גיט ער זיך אַ הייב אויף, מיט אימפּעט און דראַנג, ווי ער וואָלט וועלן מיטאַמאָל צו די הימלען דערלאַנגען. אָט זינגט ער רויק, מעלאָדיש אַ וויגליד, אויף די סאַמע נידעריקסטע טענער, און אָט שטורעמט ער אויף אַ קאַמפּס־געזאַנג, וואָס שאַלט מיט ווינט און מיט שטורעם צוזאַמען, און אָט ווערט ער ווידער שטיל, ווי דאָס וואַסער אין ים ערב אַ נייעם געוויטער.

עס קען זיין, אַז דער שטורעם, וואָס האָט זיך אַזוי פרי אַריינגעריסן אין סאַמע בלי פון זיין יוגנט, איבערגעריסן זיינע יוגנטלעכע חלומות און מחשבות און זיך איינגעביסן אין זיין געמיט, שרייט איצט פון אים אַרויס.

דאָס שרייט דער ווייטיק און דער צער. וואָס ער האָט געפילט און געזען, און וואָס לאָזן אים איצט נישט צו רו.

***

אין די יאָרן פון דער מלחמה איז שמחה סנה געווען אַ זעלנער. ער האָט זיך געשלאָגן קעגן די נאַציס אין די רייען פון דער סאָוועטישער אַרמיי, שפּעטער געדינט אין דער פּוילישער אַרמיי פון גענעראַל אַנדערס, און צו לעצט אַריינגעטראָטן אין דער יידי־

שער בריגאַדע, מיט וועלכער ער איז געווען אין איטאַליע. מיט דער ביקס אויפן אַקסל האָט שמחה סנה דורכגעמאַרשירט טויזנ־טער קילאָמעטערס דורך אייראָפּע, צענטראַל־אַזיע און דעם נאָ־ענטן מזרח. צענדליקער מאָל איז אים דער טויט געשטאַנען פאַר די אויגן און צענדליקער מאָל איז ער ניצול געוואָרן פון טויט, אַדאַנק פאַרשיידענע צופאַלן בלויז. דאָך איז ער קיינמאָל פון די קעמפנדיקע רייען נישט אַוועק, נאָר פאַרקערט. ער האָט געזוכט אַ וועג צום פראָנט, כדי צו קענען אַקטיוו קעמפן און נעמען נקמה פאַרן פאַרגאָסענעם יידישן בלוט.

דאָס בלוט פון קינדער, פון פרויען און מענער, דאָס בלוט פון יידן און נישט־יידן, וואָס שמחה סנה האָט געזען פאַרגיסן טייכנווייז, שרייט אַרויס פון דאָזיקן בוך. דער מחבר איז נישט קיין זייטיקער דערציילער, קיין צושויער. ער איז אַליין אַ טייל פון דער גרויסער דראַמע, און דאָס וואָס ער דערציילט האָט ער אַליין טיף דורכגעלעבט און אויסגעווייטיקט. דאָס איז זיין אייגן בלוט און דאָס בלוט פון זיינע נאָענטסטע. ער האָט אין זיך איינ־געזאַפּט דאָס פאַרגאָסענע בלוט און אַט יאָמערט עס אַרויס פון אים מיט אַ ביטער געוויין, און אַט זינגט עס אין אים צאַרט און טרויע־ריק. און אָפּטמאָל, ווען איר לייענט דאָס בוך, דאַכט זיך אייך, אַז איר הערט אַ געזאַנג פון בלוט.

און מערקווערדיק, ווי דאָס טראַגישע לעבן אין דעם בלוטיקן קאָשמאַר האָט נישט צעבראָכן די ליבשאַפט צום מענטשן ביים יונגן קינסטלער. און נישט בלויז מענטשן, נאָר אפילו באַשעפע־נישן און די נאַטור האָט ער נישט אויפגעהערט צו זען מיט פאַר־ליבטע אויגן. ווען אַרום האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט זינקט איין צוריק אין תהו ובהו, אין דער גרעסטער נויט, האָט אַ שמייכל פון אַ קינד דערוועקט ביי אים אַ ים מיט גלויבן און בטחון, און די אויפגייענדיקע פרילינג־זון איבער די דעכער פון אַן אויסגע־קיסטאַנער שטעטל איז געווען פאַר אים אַן אָנזאָג, אַז די וואָלקנס וועלן מוזן צערינען...

ווי גרויס עס איז סנה׳ס האַס צום שונא, איז אָבער נאָך אַלץ גרעסער זיין ליבשאַפט צום מענטשן. אָפּטמאָל פרעגט איר זיך דע־

ריבער: וואָס האָט געגעבן דעם יונגן קינסטלער מער כוח אין זיין קאַמף און אין זיין שאַפן, דער האַס, צי די ליבשאַפט? עס איז דערויף באמת שווער צו ענטפערן, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז אין מערסטנטייל האָט ביי סנה׳ן דעציִדירט דער כוח פון ליבשאַפט.

***

מיט סנה׳ס בוך „נע ונד" ווערט די יידישע ליטעראַטור באַרייכערט מיט אַ ניי וויכטיק ווערק. חוץ די ליטעראַרישע מעלות, האָט דאָס בוך נאָך אַ גרויסע מעלה: עס איז יידיש און גלייכצייטיק אַלזייטיק. עס געהער נישט צו די ביכער וואָס זענען נאָר יידן, און מער קיינעם נישט. עס געהער אָבער אויך נישט צו די, וואָס מחמת דער אַלזייטיקייט, מחמת דער וועלט, פאַרזעען זיי דעם אייגענעם איך. סנה זעט די וועלט אין איר געראַנגל, אין איר ירידה און אין איר אויפקום. ער ווייס, אַז די וועלט וועט זיך קענען רעהאַביליטירן נאָר אין פּראָצעס פון אַ גרינטלעכן סאָציאַלן איבערבוי, אָבער אין דעם פּראָצעס וויל ער אויך זען דעם יידן פאַרנעמען זיין אייגענעם פּלאַץ צווישן די פעלקער פון דער וועלט.

דאָס איז אייגנטלעך סנה׳ס „אני מאמין". דאָס האָט אים דורך אַלע וועגן און פראָנטן געפירט ווי אַ זעלנער — צו דער יידישער בריגאַדע; ווי אַ קינסטלער — צו דער יידישער ליטעראַטור; ווי אַ קעמפער — צום יידישן סאָציאַליזם.

חיים פינקעלשטיין

ב.־איירעס, סעפּטעמבער 1952.

ערב שטורעם

אַ גאַנצן זומער האָבן אומרואיקע קלאַנגען זיך אַרומגעטראָגן איבער פּוילן, עקשנותדיק זיך געלייגט אויף מענטשלעכע געמיטער און פאַרסמט די לופט מיט שלעכטע פאַרגעפילן. מענטשן האָבן געלעבט ווי ביז אַהער: געהאַנדלט, געוואַנדלט, געאַרבעט, געלייגט זיך שלאָפן, שפּאַצירט, פאַרוויילט זיך, געפאָרן אויף זומער־וווינונגען, בכלל געפירט זיך ווי שטענדיק, אָבער טיף, טיף אין דער נשמה איז דער אומרו און פּחד געוואַקסן, אַראָפּגעיאָגט טייל מאָל דעם שלאָף פון די אויגן און איינמאָל פאַר אַלעמאָל צוגענומען די איינגעזעסענע נאָרמאַלע רואיקייט. אָבער דאָס אַלעס האָט געשפּראָצט, ווי געזאָגט, ערגעץ טיף־פאַרגראָבן, אויפן סאַמע דנאָ פון די מענטשלעכע נשמות; אויפן אויבערפלאַך דאַקעגן איז זיך אַלץ געגאַנגען מיט זיין נאָרמאַלן וועג, אַזוי ווי עס וואָלטן קיין שום קלאַנגען וועגן דער נאָענטער מלחמה אין דער לופט נישט אַרומגעשוועבט.

דער זומער ווידער האָט זיך יענעם יאָר איינגעשפּאַרט צו זיין שענער און זאַטער ווי שטענדיק. אַ זוניקער איז ער געווען דער זומער, אַ שיינענדיקער און באַבלימלטער פון אויבן ביז אַראָפּ, מיט רייפע גאָלדענע תבואה־זאַנגען אָן ארומגעהאָנגענער, מיט טיפער זאַפטיקער גרינקייט אַ באַקליידטער, מיט יאַגדעס, טרוסקאַווקעס און זאַפטיקע עפּל און באַרנעס אָן אָנגעשטאָפּטער, און נאָר פון צייט צו צייט האָט זיך געפּלעגט מאַכן אַ קורצער זומערדיקער שלאַקס־רעגן, מיט דומפּיקע ווייטע אָפּקלאַנגען פון דונערן, וואָס האָבן געוואָרנט: „שאַ, שאַ, פרייט זיך נישט, איר ווייסט נאָך נישט, וואָס עס גרייט זיך פאַר אייערטוועגן“.

די שטאָט, די גרויסע שטיינערנע שטאָט האָט געפּרייכט פאַר מידקייט, זאַטקייט און היץ. פון די צעגליטע אַספאַלטן האָט זיך געהויבן אַ פּאַרע. פערדישע קאָפּיטעס און אייזערנע רעדער פלעגן איבערלאָזן שפּורן אין די ווייך־געוואָרענע אַספאַלטענע אויבערפלאַכן פון די גאַסן. הייזער זענען געשטאַנען ווייסע, אין דער גאָלדענער זון געבאָדענע און געבענקט נאָך אַ קילן ווינטל. די שטאָטישע גערטנער האָבן געקאָנט מהנה זיין נאָר מיט אַ ביסעלע שאָטן די זעלטענע באַזוכער. גאָר גרויס אין צאָל זענען זיי, אָט די באַזוכער, נישט געווען, ווייל ווער עס האָט נאָר זיך געקאָנט דערלויבן, האָט זיך אויפגעהויבן און אָוועק אויף זומער־וווינונג. האָט מען

דעריבער אין די גערטנער בלויז געקאָנט באַגעגענען אַ שילער, וואָס גרייט זיך צו די עקזאַמענעס, אַן אַרבעטסלאָזן, וואָס איז דאָ אַהערגעקומען, בכדי פּטור צו ווערן אויף עטלעכע שעה פונעם שטינקעכץ פון דעם אַר־בעטס־פאַרמיטלונגס־ביוראָ, אַ זקנה מיט אַ האַלב־אָנגעשטריקטן זאָק, און ניאַנקעס מיט קינדער. די קינדער זענען געלעגן אין די באַקוועמע, ווייך־אויסגעבעטע און מיט זיידנס־באַצויגענע וועגעלעך און געקוקט מיט ברייט־צעעפנטע, לאַכנדיקע קינדער־אויגן אינעם הימל אַריין.

אויף די נאַלעווקעס איז אַלעס צוגעגאַנגען ווי שטענדיק. די האַלב־גויאישע, האַלב־יידישע אויפשריפטן אויף די שילדן האָבן געררופן, גע־בעטן זיך, איינגעלאַדן, אָנגעכאַפּט ביי די פּאָלעס די צעטומלטע, צעקאַר־קעוועטע סוחרים. דער מסחר איז טאַקע געווען אַ ביסעלע שוואַכער, אָבער: „ווייס איך וואָס, זומער מאַכט זיך שטענדיק שוואַכער" — אַזוי האָבן מענטשן געטענהט צווישן זיך, בכדי זיך צו באַרואיקן, אָבער יעדער איינער האָט שטילערהייט צו זיך אַליין צוגעגעבן: „אַז מען ווייסט נישט וואָס עס וועט זיך פון אָט די אַלע קלאַנגען אויסקאָכן, נאָך וואָס טויג עס מיר אָנצושטאָפּן זיך מיט סחורה". און מען האָט געוואַרט, געפּרוווט לייזן פאַר „קאַסע" און ווען ס'האָט זיך נישט געלאָזט, האָט מען ווידער זיך באַגנוגנט מיט אַ וועקסעלע, און שפּעטער האָט מען אינמיטן נאַכט זיך דערמאָנט די וועקסעלעך, זיך דערמאָנט די קלאַנגען וועגן דער נאָענטער מלחמה, און חרטה געהאַט אויף די אַדורכגעפירטע טראַנזאַקציעס, אָבער אויף צומאָרגנס איז מען ווידער אַרויס אין גאַס, און אין נאַלעווקער טומל־און־ווימל פאַרגעסן די נאַכטיקע פּחדים, און ווידער געמאַכט געשעפטן.

זיי ווידער, ס'ביסל „שאַריע", די „פּענטאַקעס", די איינוווינער פון שמאָלע מילע און פון די „הויכע" נומערן פון דער גענשע, דזשעלנע, פּאַ־ווע, די שניידערס און שוסטערס, די „כאַלופּניקעס", די יידענעס מיט די ציטרינען „פּאַראַ — פּיעטנאַשטשע" (צוויי פאַר פופצן), אָדער די צייי־טונגס־יינגלעך, מיט די יינגלעך וואָס פאַרקויפן אַ „קאַלטס און אַ גוטס" פון אַ קויטיקער גלעזערנער קרוג אַרויס, זיי האָבן פון אָט די אַלע זאָרגן נישט געוווסט, זייערע „געשעפטן" זענען געגאַנגען ווי שטענדיק, דאָס הייסט, טיף אין דער אדמה. האָט מען טאַקע געשוויצט ווי שטענדיק, גע־אַרבעט אין די פון שוויס־און־היץ שטיקנדיקע וואַרשטאַטן, און גע־בענקט נאָכן קילן אָוונט ווען מען וועט שוין קענען זיך אַרויסכאַפּן אויף

אַ שטיקל שפּאַציר. טײלמאָל נאָר פּלעגט זיך מאַכן אַז אַ מאַמע איז אַהײמגעקומען פֿון מאַרק און געטראָפֿן אַ בריװ פֿון איר זון, װאָס דינט אין מיליטער, זאָגנדיק, אַז „װער װײסט צי מען װעט אונדז אָפּלאָזן אַזױ שנעל, װײל מען רעדט פֿון אַ מלחמה״. אַזאַ־אַ מאַמע פּלעגט שטײן בלײבן בלײך װי די װאַנט, מיט פּלוצים אױפֿגעפֿרישטע זכרונות װעגן „יענער״ מלחמה, מיט דערמאָנונגען װעגן הונגער און נױט, װעגן װאַל־גערן זיך אױף װײטע װעגן, װעגן אַן אומגעקומענעם חתן צי ברודער. פּלעגט אַזאַ מאַמע פֿאַרברעכן די פֿאַרהאָרעװעטע שאָרסטקע הענט, און לױפֿן כאַפּן אַ מאָטל צו אַ שכנטע. אָבער שטענדיק פּלעגט זי, די שכנטע, טרײסטן, אַז מסתמא רעדט מען נאָר אַזױ, װײל אָט גײען שױן אַרום אַזעלכע נאַרישע בבא־מעשׂות װעגן אַ נאָענטער מלחמה טאַקע, פֿון פֿאַר פּסח אָן, און גאָרנישט. אלא װאָס, מענטשן האָבן ליב צו פּאַטשקען מיט די צינגער. הלמאי װידער מען לאָזט נישט אָפּ די זעלנער װאָס זע־נען אַװעק אױף די „טשװיטשעניעס״ (זומערדיקע איבונגען פֿאַר רעזער־װיסטן), איז, מילא, װי יענער זאָגט, דער פּאָליאַק מוז דאָך װײזן, אַז ר׳האָט אױך עפּעס אַ שטיקל אַרמײ, װײל קוים װערט דער דײטש גע־װאָר׳, אַז מען האָט גאָרנישט גרײט, קאָן ער זיך דאָך טאַקע כאַפּן צו די כלים. אַזױ װידער, אַז ער װעט זען, אַז מען שלאָפֿט דאָ אױך נישט, װעלן אַלע אָפּקומען בלױז מיט סטראַשונקעס און פּאַרטיק.

אױף אײן אָרט בלױז האָט די נאָענטע מילחמה געמאַכט מער רעש װי ערגעץ אַנדערש. דאָס איז געװען קראַשינסקיס גאָרטן, דער גאָרטן אױף די נאַלעװקעס, דער „בית־המדרש־גאָרטן״ פֿון יידישן װאַרשע. דאָ זענען די קינדער זעלטן געלעגן אין װיגעלעך, מערסטנטײל האָבן זײ זיך אַרומ־געפּױזעט אין די זאַמדיקע אַלײען, אָדער געזעסן אױף די אָפּגעמאָגער־טע הענט פֿון זײערע מאַמעס. קײן גוװערנאַנטקעס האָט מען דאָ אײנ־גאַנצן נישט, אָדער גאָר זעלטן געזען. אַ „לײטישע״ מאַמע האָט געשיקט איר קינד מיט עמיצן אין „זאַקסישן״ גאָרטן אַרײן, און אַלײן אַװעק אױף אַ „פּול טשאַרנעי״ (אַ שװאַרצע קאַװע) אין דער „זשעמיאַנסקע״ (קאַפֿע־הױז), אָבער דאָ, אין קראַשינסקיס גאָרטן זענען געזעסן די מאַמעס װאָס זענען אין קײן „צוקערניעס״ און קאַפֿע־הײזער נישט געגאַנגען. זײ האָבן אַלײן אַכטונג געגעבן אױף זײערע קינדער, און מיט האַלבע אױערן צו־געהערט זיך צו די שמועסן פֿון הױף־פּאָליטיק, װאָס זענען אָט־דאָ גע־

פירט געוואָרן. און די שמועסן זענען נישט געווען סתם אַזוי אין דער וועלט אַריין. מען האָט דאָ געקאָנט געפינען געניאַלע עצות, ווי אַזוי די וועלט קאָן געראַטעוועט ווערן, ווי אַזוי די מלחמה קאָן גאָר לייכט אויס־געמיטן ווערן, פאַרוואָס די וועלט פירט זיך אַזוי ווי זי פירט זיך, און וואָס וואָלט געווען, ווען מען פירט די גאַנצע זאַך אַביסעלע אַנדערש, טאָ־קע אַזוי, ווי די דאָזיקע עצה־געבער וואָלטן געפירט, ווען זיי „וואָלטן געהאַט אַ דעה". די עצה־געבער, יידן מיט בערד און אָן בערד, יידן מיט קאַפּאָטעס און אָן קאַפּאָטעס, יידן וואָס לייענען אַ צייטונג און פאַרשטייען אין די קליינע אותיהלעך, אָבער, מישטיינס־געזאָגט, אַלע געבעך אָן פּרנסה, אָט די אַלע עצה־געבער, זענען געזעסן אין די אַלייען צווישן די שיטערע, מיט שטאָטישן שטויב באַדעקטעביימער, און יעדער האָט זיך געהאַט זיין קרייזל, זיין רעדל „חסידים" אַרום זיך. מערסטנטייל האָט מען זיך בלויז צוגעהערט וואָס יענער דערציילט אָדער גיט צו פאַרשטיין, אָבער טייל מאָל, פלעגן זיך צונויפטרעפן יידן עקשנים, יידן בעסער־ווייסערס, יידן וואָס זאָגן, אַז קיין געלט האָבן זיי טאָקע נישט, אָבער וואָס שייך שכל, איז דאָס אַרטיקל ברוך־השם פעלט זיי נישט. איז, אַז אַזעלכע יידן האָבן זיך צונויפגעטראָפן, האָט מען זיך טאָקע געשאַרפט און גע־אַמפּערט, געבררענגט כלערליי ראיות מיט פסוקים פאַרבראַקט, און נישט איינמאָל פלעגן די געוואַלדן גיין עד־לב־השמים. אין אַזאַ פאַל פלעגט דאָס רעדל אַרום די שרייערס וואַקסן, פאַרבייגייערס פלעגן זיך אָפּשטעלן, „יינגלעך" פון די נאַלעווקער געשעפטן, וואָס מ'האָט זיי געשיקט מיט אַ פּעקל צו אַ קונה, פלעגן אָפּשטעלן זיך און זיך צוהערן צו דער דיסקוסיע.

אין אָט די אַלע דיסקוסיעס האָבן טאָקע ס'רוב „פּאָליטיקער" אויפ־געוויזן, אַז קיין מלחמה וועט נישט זיין. דער דייטש סטראַשעט בלויז. אַז ר'האָט געזען, אַז מ'גיט אים אַלץ נאָך, איז ער, דער יעקע, געוואָרן חוצפּהדיק און וויל מער, אָבער אַצינד אַז מען ווייזט אים אַ פייג, וועט ער זיך מישב זיין, און צוויי מאָל אַ קלער טון. חשק צו שלאָגן זיך האָט ער טאָקע, דער דייטשישער צורר־ישראל, אלא וואָס? ר'וועט מורא האָבן. ס'טייטש, אַ גאַנצע וועלט: ענגלאַנד, די פראַנצויזן און היינט ווו איז פּאָ־ניע? ס'הייסט, פּאָניע וועט אים לאָזן אַזוי דעם דייטש קריכן סתם אין דער וועלט אַריין? און ועל כולם, ווי איז דאָס מעגלעך בכלל אַ מלחמה, אַז מענטשן ווילן נישט, אַז זיי געדענקען נאָך יענע מלחמה.

אַזוי האָבן געטענהט צווישן זיך די פּאָליטיקאַנער און וועלט־פאַר־זאָרגער פון קראַשינסקיס גאָרטן, געאַמפּערט זיך גאַנצע טעג, ביז וואַנען עס פלעגט צופאַלן דער אָוונט און דעמאָלט פלעגן זיי זיך שלעפּן מיט מידע אַלטע פיס אַהיים, אין די אָרעמע אַרבעטסלאָזע שטובן.

אין די אַרבעטער־פאַריינען איז די שטימונג געווען פול מיט געמיש־טע געפילן. פון איין זייט די נאָענטקייט פון עפּעס אומזיכערס און אומ־רואיקס, און פון דער צווייטער זייט האָט מען פון די „הויכע פענצטער" אַ ווונק געגעבן און אַביסינקעלע נאָכגעלאָזט דעם מויל־שלאָס, וואָס די פאַשיסטישע רעגירונג האָט אַרויפגעלייגט אויף דער אַרבעטער־פּרעסע. מען האָט שוין „געמעגט" אָפּדרוקן אַן אַנטינאַצישן אַרטיקל, און אַז מען האָט אַרעסטירט דעמאָנסטראַנטן פאַר דער דייטשער אַמבאַסאַדע, האָט מען זיי באַלד דערנאָך אָפּגעלאָזט. אין די תפיסות האָבן פּאָליטישע אַרעס־טאַנטן געזאַמלט גראָשנס פאַר דער „אַוויאַציע־הלוואה". אמת, מ׳האָט נאָך געדענקט, אַז דעם ערשטן מאַי האָט מען נישט געטאָרט פייערן אין די גאַסן, נאָר מיט אַקאַדעמיעס אין פאַרמאַכטע לאָקאַלן. אמת, די באַנ־דעס פון די פאַשיסטישע סטודענטלעך פלעגן ווייטער הוליען: אמת, מען האָט געהייסן זיך „פרייען" וואָס מען האָט שוין דערלעבט אַ גרענעץ מיט אונגאַרן. אָבער דאָך, האָט זיך אין דער אַרבעטער־מאַסע געפילט אַ גע־הויבנקייט און קאַמפּס־גרייטקייט. די טיפע שנאה צום פאַשיזם האָט דער־הויבן און באַפליגלט און דאָס געפיל אַז ענדלעך גרייט זיך עמיצער אונ־טערצודריקן אַ פויסט אונטער דער נאָז פון דער פאַשיסטישער חיה, אַט דאָס געפיל האָט אַוועקגעיאָגט און צעווייעט דעם אומרו און שרעק.

פון די פּאָלקן וואָס אויף דער דייטשער גרענעץ האָבן אָנגעהויבן קומען ידיעות, אַז מען לאָזט טאַקע נישט אָפּ אַהיים, אַז מען בויט באַ־פעסטיקונגען, אַז מען גרייט זיך, אַז מען „וועט זיי ווייזן". דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן די א. ג. שטילע מאָביליזאַציע: ס׳האָבן אָנגעהויבן קומען אויפפאָדערונגען צום מיליטער צוערשט בלויז פאַר געוויסע קאַטעגאָריעס סאָלדאַטן, מערסטנטייל מעכאַניקער, וואָס האָבן געדינט אין די ווייניקע מעכאַניזירטע אָפּטיילונגען. חברה יונגוואַרג וואָס איז געווען אויף אויס־פלוגן אָדער זומער־קאָלאָניעס אין די קאַרפּאַטן־בערג, וואָס אויף דער סלאָוואַקישער גרענעץ, פלעגן צוריקקומען און דערציילן פון נייע פּריש־געבויטע פאָרטיפיקאַציעס, פון דייטשע סאָלדאַטן וואָס פאָרען זיך אַרום

אויף דער סלאָוואַקישער גרענעץ ווי ביי זיך אין דער היים. אָפּגעבערענט זענען זיי געווען דאָס יונגוואַרג, און דערציילט דאָס אַלעס ווי אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע, וואָס דאַרף זיי גאָר אינגאַנצן נישט באַרירן.

און פּלוצלינג האָט מען גענומען ליקווידירן אַלע זומער־קאָלאָניעס און דאַטשעס. אויף טייל ערטער, לויט אַ באַפעל פון דער הויך, ערגעץ אַנדערש ווידער פון זיך זעלבסט, ספּאָנטאַן. מענטשן זענען געפאָרן אַהיים, באַאומרואיקטע שוין נישט אויף קיין קאַטאַוועס, מיט שרעק אין האַרצן און צעפּלויגענעם אומרו אין די אויגן. אָבער מ׳האָט נאָך אַלץ נישט געגלויבט אַז דאָס איז עס טאַקע, אַז שוין איז טאַקע אָנגעקומען די עת־צרה. די צייטונגען האָבן געדרוקט יעדן טאָג באַריכטן פון דיפּלאָמאַטישע רייזעס און געשפּרעכן, וועגן דעם ווו עס זיצט און וואַרט, און ווו עס זיצט נישט, יענער אָדער אַן אַנדערער מיניסטער. דאָס אַלץ האָט צוגעגעבן האָפענונג. מען האָט זיך דערמאָנט אַן יענעם יאָר, ווען דער אַלטער פּילסודסקי האָט אַ קלאַפּ געגעבן מיט דער פויסט אין טיש, און דער דייטש האָט זיך צוריקגעצויגן. מען האָט זיך אפילו דערמאָנט, ווי אַזוי עס האָט זיך דעמאָלט אַלעס אויסגעלאָזט, מיט פריינטשאַפט צו דייטשלאַנד, און מיט אַ פאַשיסטישן רעזשים אין פוילן. ציניקער האָבן געטענהט אַז אויך דאָס מאָל וועט געשען גענוי דאָס זעלבע. דאָס פאָלק, דאָס פּשוטע פאָלק האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם אין אָפּוואַרטונג פון אומגליק און געטרייסט זיך, אַז סוף־כל־סוף קאָן פאָרט צו קיין מלחמה נישט קומען.

אָבער עסנוואַרג האָבן טייל מענטשן יאָ גענומען גרייטן. כלומרשט אויף קאַטאַוועס, מיט אַ שמייכל, ווי איינער זאָגט: „כ׳וועל עס סיי ווי נישט דאַרפן, אָבער וואָס אַרט מיך אַז עס שטייט נאָך אַ זעקל מעל אין שטוב". דער שמייכל האָט געזאָלט געבן צו פאַרשטיין, אַז אין פאַל אויב עס וועט טאַקע קיין מלחמה נישט זיין, האָט ער, דער קויפער פונעם זעקל אַ פאַרטיקן תירוץ, אַז לעולם האָט ער דאָך אין דער מלחמה נישט געגלויבט, אלא וואָס? אַלע קויפן, קויפט ער אויכעט. אויב ווידער עס מאַכט זיך יאָ טאַקע עפּעס, איז פאַרוואָס זאָל ער טאַקע נישט האָבן אַ ביסעלע שפּייז שטיין, כאָטש דעם ערשטן ווינטער איבערצוקומען.

דאָס קויפעריי האָט זיך נאָך פאַרשטאַרקט, ווען ס׳האָבן זיך אין די צייטונגען באַוויזן אינסטרוקציעס פון דער רעגירונג, אַז מען זאָל טאַקע זיך איינקויפן אַ ביסל שפּייז. מענטשן זענען געוואָרן נאָך אומרואיקער און

געקויפט טאַקע מער. מען האָט אָנגעהויבן לויפן אין די בענק און אָפּנעמען ס׳געלט, אָבער די בענק האָבן אָנגעהויבן אויסצאָלן נאָר 100 זלאָטעס אַ טאָג. חוץ דעם זענען פאַר דער מלוכהשער פּ.ק.אָ. געשטאַנען באַנדעס פון די פאַשיסטישע סטודענטלעך און געשלאָגן יידן מיטן אויסרייד, אַז: „זאָלן זיי נישט רואינירן אונדזערע פינאַנצן, די זשידעס!״

און דער זומער איז אַלץ געשטאַנען אַ יום־טובדיק־אויסגעפּוצטער און שפּעדיק זאַטער און יעדן טאָג באַגילדט די שטאָט מיט דער זעלבער שפּעט־זומערדיקער זון. דער טייך האָט געדופן און געלאָקט: „קומט מענטשעלעך, ווער מלחמה? וואָס מלחמה? שיפט אייך אַביסעלע! ברענט אייך אָפּ אויף דער זון! קילט אייך אָפּ אַביסעלע אין מיינע וואַסערן״ און מענטשן האָבן געפאָלגט, געזאָרגט זיך טאַקע, געשראָקן זיך, אויפגעצאַפּלט יעדן פרימאָרגן קויפנדיק די צייטונג, אָבער ווידער געגאַנגען צו דער ווייסל, און געלאָזט דעם ווינט טראָגן זייער געלעכטער איבערן אויבערפלאַך פון גראָען טייך.

און אין איינעם אַזאַ גאָלדענעם שפּעט־זומערדיקן טאָג האָבן זיך באַוויזן אויף די גאַסן פלאַקאַטן וועגן דער אַלגעמיינער מאָביליזאַציע. קעגן וועמען די דאָזיקע מאָביליזאַציע קומט פאָר, דאָס האָבן די פלאַקאַטן נישט דערציילט. מען האָט גערופן נאָר די יינגסטע יאָרגענג, און דאָס האָט געגעבן די אָפּטימיסטן אַ נייע האָפענונג, אַז „עס וועט פאַרט צו קיין מלחמה נישט קומען״, אַז עס איז נישט מער ווי אַ מאַנעווער א. אַז. וו.

לאַנג אָבער האָט שוין דאָס אַלעס נישט געדויערט. אין עטלעכע טעג נאָך אָט־דער חוזק־מאָביליזאַציע האָבן די צייטונגען מיט פעטן גרויסן שריפט זיך צעשריגן אויף די ערשטע זייטן:

„דאָס דייטשע מיליטער איז אַריין קיין פוילן״, און כאָטש מען האָט דאָך פאָרט אויף עפּעס זיך געריכט, כאָטש דער אומרו און פחד האָט געגאָגט אין האַרצן שוין חדשים־לאַנג, כאָטש די שרעק איז געהאַנגען שוין לאַנג איבערן לאַנד, זענען פאָרט מענטשן שטיין געבליבן פאַרבליפטע, אומבאַהאָלפענע, ווי קליינע קינדער אין אַ גרויסן וואַלד פאַרבלאָנדזשעטע, און אין אַלעמענס אויגן איז געווען די איבערראַשונג, און אויף אַלעמענס ליפּן האָט געהאַנגען די זעלבע פראַגע: „ווער האָט זיך דאָס געקענט ריכטן, אַז טאַקע שוין, אַז טאַקע אַזוי שנעל?״

די ערשטע טעג

געשען איז עס טאַקע פּריטיק, ווען די ציַיטונגען זענען אַרויס מיט די גרויסע שרייַענדיקע קעפּ אויף דער ערשטער זיַיט, אַז ס'האָט זיך שוין טאַקע אָנגעהויבן, און באַלד פּריַיטיק האָט זיך באַוויזן דער ערשטער דיַיטשער עראָפּלאַן איבער וואַרשע. באָמבאַרדירט האָט מען נאָך נישט די שטאָט, אָבער נאָכמיטיק זענען אָנגעקומען באַלד ידיעות וועגן אַנדערע שטעט וואָס האָבן שוין זוכה געווען דערצו. די גאַס, די וואַרשעווער גאַס, האָט לכתחילה אויפגענומען די גאַנצע זאַך גאָר לייַכט. געווען מענטשן וואָס האָבן אָנגעהויבן באַלד קלערן וועגן אַרויספאָרן פון וואַרשע, אָבער אויך זיי האָבן זיך נישט פאַרגעשטעלט, וואָס עס קומט פאָר און וואָס עס רוקט זיך אָן. מען האָט געדענקט יענע מלחמה און מען האָט זיך דערמאָנט, אַז עס איז דעמאָלט אָנגעקומען אַלץ לייַכטער אויף דער פּראָווינץ, האָט מען גענומען זוכן אַ וועג ווי אַזוי אַרויס פון וואַרשע. אָבער וועגן דעם, אַז נישט ווייַט איז די צייַט, ווען מען וועט מוזן פאַרלאָזן וואַרשע, דאָס איז גאָר קיינעם נישט איינגעפאַלן, ווייַל ווי אַזוי עס זאָל נישט זיַין, האָבן אַפילו די געשוווירענע פּעסימיסטן גערעכנט זיך, אַז עס וועט דויערן כאָטש „איבערן ווינטער". אָבער וועגן פאַרלאָזן די שטאָט האָבן געקענט קלערן נאָר די „אויבערשטע פון שטייסל" — די איינוווינער פון מאַרשאַלקאָווסקע, יעראָזאָלימער אַלייען, פון אויאַזדאָווסקע אַלייען. די שטאָט אַלס גאַנצע האָט וועגן אַנטלויפן נישט געקלערט. מען האָט זיך איינגעהערט אין די ידיעות וואָס האָבן זיך געטראָגן פון די גאַסן־מיקראָפאָנען, און געוואַרט אויף אינסטרוקציעס, געוואַרט מען זאָל רופן צו טון עפּעס. יעדער איינער איז געווען גרייט עפּעס צו טון, און ווען מען האָט גערופן צען מענטשן זענען געקומען טויזנט.

אויף שעראַקע גאַס, אין פּראַגע, איז געווען דער פּ. ק. או. (פּאָוויאַטאָווא קאָמענדאַ אוזופּעלניען), דער מיליטערישער אַמט וווהין די מאָביליזירטע סאָלדאַטן מעלדן זיך צוערשט. עס האָבן זיך אַ שאַט געטון רעזערוויסטן פון אַלע עקן שטאָט. די שטאָט האָט געפיבערט אין באַגער צום קאַמף, צו זיַין וואָס שנעלער אין מונדיר, צו באַקומען שוין אין האַנט אַריין די ביקס, אַוועקשטעלן זיך ווי אַ מויער אַנטקעגן שונא. אין די אַר־

בעטער־פאַרייניקן האָט מען אַרומגעטראָגן אויף די ליפּן בראָניעווסקיס *) ליד „באַגנעט נאַ בראָן״, וואָס האָט געאָטעמט מיט קאַמפּס־ווילקייט. רעזערוויסטן, וואָס זייערע יאָרגענג האָט מען נאָך נישט אָנגערופן אין די מאָביליזאַציע־פּלאַקאַטן, זענען געקומען אין דער פּ. ק. או., פאָדערנדיק מען זאָל זיי שוין נעמען אין מיליטער אַלס פרייוויליקע. דער גרויסער הויף פונעם פּ. ק. או. איז געווען שוואַרץ פונעם אָנפלוס פון מענטשן. די באַאַמטע זענען אַרומגעלאָפן מיט פּאַפּירן אין די הענט, צעקאָרקעוועטע, צעיאַכמערטע, אָנמעכטיקע אַנטקעגן אַט דעם מענטשן־שטראָם, גערופע־נע און אומגערופענע. אומבאַהאָלפן זענען זיי געווען, די באַאַמטע: אָן אינסטרוקציעס, נישט צוגעגרייטע צו אַזאַ מין מענטשן־אָנפלוס, האָבן זיי געבאָמבאַרדירט די הויפּט־קוואַרטיר פון דער אַרמיי מיט אָנפראַגן: וואָס טוט מען? אָבער די ענטפערס וואָס זענען אָנגעקומען, זענען געווען הילפלאָז, געַנוי ווי זיי אַליין. עס איז נישטאָ קיין טראַנספּאָרט, עס איז נישטאָ קיין מונדירן, עס איז נישטאָ קיין פאַרבינדונג, עס איז נישטאָ קיין געווער. עס פעלט אינסטרוקטאָרן, עס פעלט... עס פעלט...

מען האָט אויפגעפאָדערט די באַפעלקערונג צו מעלדן זיך צו דער אַרבעט פון גראָבן אַנטי־באָמבאַרדיר גרובנס. מענטשן זענען באַלד אָנגעקומען — צען אָנשטאָט איינעם, מיט רידלעס, מיט פונקען אין די אויגן. ס׳זענען געקומען שלאָסערס פון וואָליע און מאָקאָטאָוו. ס׳זענען געקומען די שניידערס, שוסטערס און קאַמאַשן־שטעפּערס פון מוראַנאָוו און דזשי־קע. ס׳זענען געקומען אַלטע גויים אין אויסגעשמאַלצעוועטע היטלעך פון מעטאַל־אַרבעטער און אַלטע יידן מיט באָרד און פּאות. די דאָזיקע פּאַרטייעס האָבן געמאַרשירט איבער די וואַרשעווער גאַסן, צו די ערטער פון זייער אַרבעט, מיט שטאָלץ, טראָגנדיק די רידלעס אויף די אַקסלען, רואיקע, דיסציפּלינירטע, און מיט בטחון און אָפּפערווילקייט אין בליק.

די וואַרשעווער גאַס האָט פאַרלוירן איר זאַרגלאָזן, שפּילעוודיקן קאַ־ליר און טאָן. איינגעצויגן האָט זי זיך די גאַס און ערנסטער געוואָרן. אַ קנייטש האָט צונויפגעצויגן די ברעמען און די שמייכלענדיקע ליפּן האָבן זיך ערנסט און אַנטשלאָסן צונויפגעפּרעסט. מען האָט געוואַרט אויף אַ צייכן, אויף אַ האַנט וואָס וועט נעמען און פירן, און מען האָט געגלויבט

*) בראָניעווסקי — אַ רעוואָלוציאָנערער פּוילישער דיכטער.

אַז אַט־אַט קומט ער, דער צייכן, אַט־אַט וועט עמעצער זיך אַרויסרוקן אין די ערשטע רייען און אַ געשריי טון: פאַראויס!

אָבער דער צייכן איז נישט געקומען.

דערפאַר האָבן אָבער אָנגעהויבן קומען ידיעות פאַרנאַכטצו פון די גרענעצן. דער דייטש איז שוין אַריין אַזוי און אַזוי ווייט. ער שטייט שוין דאָ. ער איז שוין דאָרט. דאָס און יענץ גרענעץ־שטעטל איז שוין פאַר־ברענט. יענע צי אַנדערע פעסטונג האָט זיך שוין אונטערגעגעבן. די ידיעות זענען געקומען, קיינער ווייסט נישט פונוואַנען, ווי אַרום. זיי האָבן אַרומגעפלאַטערט, די ידיעות, צווישן עולם ווי אומרואיקע פייגל אי־בער די הויכע גראָזן ביים טייך, אויפהייבנדיק זיך און זעצנדיק זיך, און דער ווינט, דער שלעכטער ווינט פון אומרואיקייט און שרעק האָט געוויגט די גראָזן, דאָס מענטשן־גראָז, אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער.

דער ערשטער אָוונט אָן ליכט אין וואַרשע איז אָבער פאָרט געווען אַזאַ מין אָוונט, אַז מען האָט קלאָר נישט געקאָנט וויסן, צי איז דאָס טאַקע שוין אַ מלחמה צי איז עס גלאַט אַזוי אַ פורים־שפיל. אַלץ אַזוי אויף „אומישנע״. פינצטער זענען זיי טאַקע געווען די גאַסן, אָבער דער זומערדיקער אָוונט האָט אַרויסגערופן אין גאַס אַרויס טויזנטער שפּאַצי־רער. פאַר די פאָרלעך איז די פינצטערניש געווען ממש אַ געווינס, ווייל ווען נאָך האָט איר אַזאַ געלעגנהייט, ס׳זאָל זיין אַזוי שמעקנדיק און שיין אין דרויסן, און מען זאָל קענען קושן זיך אומגעשטערט. קינדערלעך זע־נען אַרומגעלאָפן און געשפּילט זיך אין באַהעלטעניש, און די מאַמעס זע־נען זיי נאָכגעלאָפן און אַרומגעזוכט מיט אַ געשריי. די דראָזשקעס און אויטאָס זענען אַרומגעפאָרן מיט בלויע פּאַפּירלעך אויף די לאַמטערנעס. פאַר די קאַפעהייזער האָבן זיך געזאַמלט גרופּקעלעך און איינגעהערט זיך אין די ידיעות, ידיעהלעך, פּליאָטקעלעך. די פענצטער פון די קאַפעהייזער און רעסטאָראַנען זענען געווען פאַרשטעלט מיט שוואַרצן פּאַפּיר, אָבער דורך די קליינטשיקע שפּעלטלעך האָט די ליכט פריילעך געווונקען און אַריינגערופן אינעווייניק. מוזיק האָט זיך פאַרדעמפט אָפּגעריסן פון הינטער די קאָטאַרעס, וואָס ביי די רעסטאָראַן־טירן און דערמאָנט, אַז אַחוץ מלחמה, איז נאָך פאַראַן אויף דער וועלט אַ דזשאַזבאַנד, אַ גלעזל גוט ביר און אַ פריילעכע קאָמפּאַניע צום פאַרברענגען.

אויף צומאָרגנס האָט זיך אין שטאָט פאַרשפּרייט די ידיעה אַז אויף

אולריקאָוו איז אַ הויז שוין געוואָרן געטראָפן פון אַ באָמבע, און מענטשן האָבן זיך אַ לאָז געטון אָנקוקן דאָס גרויסע וווּנדער. ווער ס׳האָט געהאַט צייט איז געלאָפן באַלד אינדערפרי, אָבער די וואָס האָבן געאַרבעט זענען געגאַנגען ערשט נאָכמיטיק. לעבן הויז האָבן זיך פאַרזאַמלט הונדערטער מענטשן און געקוקט אויף די צעשטערטע אייזנבעטאָניקע קאָנסטרוקציע, וואָס האָט מיט צעדרייטע שינעס אַרויסגעשטאַרט אין דער לופטן. די וואָס זענען דאָרט געווען נאָך אינדערפרי האָבן דערציילט, אַז זיי האָבן דאָרט געזען אַ צעריסענעם פּרויען־קערפּער וואָס איז געבליבן הענגען אויף איינער פון אָט די שינעס טאַקע. איין וואַנט איז געווען אינגאַנצן אַראָפּ־געריסן און פּאַר דער גאַס זענען אַנטבלויזט געוואָרן אינעווייניקן פון שטובן, מיט גאַנצע טאַפּעטן אויף די ווענט, מיט נאָך אַלץ הענגענדיקע בילדער. אויף איין וואַנט האָט געהאַנגען אַ זייגער און ווי גרויס דאָס וווּנדער זאָל נישט זיין, אָבער ר׳איז אַלץ געגאַנגען, דער פּענדל האָט נאָך געוויגט זיך הין און צוריק, אַ רואיקער און אומדערמידלעכער.

אויף נאָוואָליפּיע האָט מען געזען ווי אַ גרופּע פּאָליציאַנטן האָבן גע־פירט געכאַפּטע פּאַראַשוטיסטן, וואָס זענען אַראָפּ אינמיטן דער נאַכט אויף אַ פּלאַץ הינטער וואַרשע. באַלד זענען אָנגעקומען ענלעכע ידיעות אויך פון אַנדערע גאַסן. די קלאַנגען וועגן די פּאַראַשוטיסטן האָבן איינ־געשפּאַרט זיך אַרומגעבלאָנקעט איבער דער שטאָט, צוזאַמען מיט אַנ־דערע קלאַנגען, אַז דאָ האָט מען אַנטדעקט סאַבאָטאַזש אין אַן עראָפּלאַ־נען־פאַבריק, און אַז דאָרט האָט מען ווידער געכאַפּט שפּיאָנען, און ערגעץ אַנדערש ווידער האָט מען איבערגעשניטן די טעלעפאָן־קאַבלעס וואָס אונ־טער דער ערד.

עס זענען געקומען מער אַלאַרמען. דייטשע עראָפּלאַנען האָבן גע־נומען אַרומפליען איבער דער שטאָט פּונקט ווי ביי זיך אין דער היים. פון איינציקן וואָלקנקראַצער אין וואַרשע, פונעם „פּרודענטיאַל־הויז" אויף שוויענטאָ־קשיסקע, האָבן לופט־שוץ־קוילנוואַרפער געקנאַקט גאַנצע סעריעס פון לייכטנדיקע קוילן. אין ראַדיאָ האָט די מוזיק זיך איבערגע־ריסן אַלע מאָל, און דער ספּיקער האָט אָנאָנסירט: „אוואַגאַ! אוואַגאַ! נאַדכאָדזשי!" (אַכטונג! אַכטונג! ס׳קומט אָן!) אָדער: „אוואַגאַ! אוואַ־גאַ! פּשעשעדל!) (אַכטונג! אַכטונג! דורכגעגאַנגען!) די דאָזיקע אַנאָנסי־רונגען זענען געווען באַגלייט מיט געהיימע שיפרירטע מעלדונגען, מיט

סודותפולע ציפערן, מיטן אומגעדולדיקן געקלימפּער פונעם מאָרז־אלף־בית. דעם ספּיקערס שטים איז געווען אַן איינטאָניקע, אַ גלייכע. אָבער דווקא אָט די איינטאָניקייט און רואיקייט האָט אָנגעוואָרפן אַ פּחד, צעשרויפט די געמיטער און געבליבן הענגען אין דער לופטן ווי אַ גרויסער שוואַר־צער פראַגעצייכן.

ביי די קאָפע־טישלעך האָט מען גענומען שמועסן וועגן דעם, אַז די וועלט וועט נישט שווייגן, אַז ענגלאַנד און פראַנקרייך וועלן איצט דער־לאַנגען דעם דייטש אַזאַ קלאַפּ, אַז ער וועט קיין תחית־המתים נישט אויפשטיין. אין די צייטונגען האָבן זיך ווידער באַוויזן ידיעות וואָס דער אָדער יענער ענגלישער צי פראַנצויזישער מלוכה־מאַן זאָגט. דאָן איז זונ־טיק אינדערפרי דער טאָג אויפגעשטאַנען אַ פולער מיט גוטע צוזאָגן און פריידיקער אָפּוואַרטונג און אַרום עלף אַזייגער האָט מען שוין געוווּסט, אַז אָט־אָט־אָט און ענגלאַנד מיט פראַנקרייך דערקלערן מלחמה. די „נייע־וועלט־גאַס“, ווו עס געפינט זיך די ענגלישע אַמבאַסאַדע איז שוואַרץ געוואָרן פון יום־טובדיק אָנגעטועענעם עולם. די שמאָלע גאַס האָט שיעור נישט געפּלאַצט פונעם געדראַנג פון דער מענטשן־מאַסע. די אָפּוואַרטנ־דיקע אָנגעצויגענע אומגעדולדיקייט האָט זיך אַרויסגעריסן אין אַ גרויסן געשריי, ווען דער ענגלישע אַמבאַסאַדאָר האָט זיך באַוויזן אויפן באַל־קאָן. ער האָט גערעדט רואיק צום איינגעשטילטן עולם. די רואיקע גאָרגל־דיק־געדעמפּטע ענגלישע ווערטער האָבן זיך געקייקלט אין דער שפּעט־זומערדיקער גאָלדענער לופט, ווי גוט־בשורהדיקע שליחים, וואָס טראָגן נחמה און באַרואיקונג. די דיפּלאָמאַטיש־געטאָקטע, אויסגעשטודירטע פראַזן, וואָס קיינער האָט זיי נישט פאַרשטאַנען, האָבן זיך געלייגט ווי אַ באַלסאַם אויף אַ ווונד, און די לעצטע פּאָר ווערטער וואָס זענען אַרויס־געזאָגט געוואָרן אויף פּויליש מיט אַן אויסלענדישן אַקצענט, האָבן אַרויס־גערופן אַ שטורעם פון ענטוזיאַזם. די גאַס האָט געהילכט פון די לאַנג־דויערנדיקע וויוואַט־אויסגעשרייען. דער המון האָט זיך שפּעטער אַ לאָז געטון צום קבר פון אומבאַקאַנטן זעלנער. דער פראַנצויזישער אַמבאַסאַ־דאָר איז אָנגעקומען דאָרט אַהין צוזאַמען מיט אַ מיליטערמאַן מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד און מען האָט צוגעטראָגן אַ גרויסן קראַנץ פון ווייסע און רויטע רויזן. דער מיליטערמאַן מיט די בלישטשענדיקע מע־דאַלן און מיט אַ רואיק שמייכעלע אויף די ראָזעווע בעקעלעך, האָט

אויסגעזען ווי דער הייליקער ניקאָלאַס, וואָס מען האָט אים פּאַר אַ געלעכטער איבערגעטון אין אַ מיליטערישן מונדיר. דער המון האָט געיובלט, געטומלט, געשריגן, „ניעך זשיע פּאָלסקאַ“! און „וויוו לאַ פראַנס“! און די ידיעה, אַז פּוילן איז שוין נישט אַליין, האָט זיך אַ טראָג געטון איבער די גאַסן אַ פריידיקע און דערמונטערנדיקע.

אָבער די אַלאַרמען זענען געוואָרן אָפטער און אָפטער. אָט איז שוין ווידער די גאַס אַן אויסגעליידיקטע, אַן אויסגעקערטע פון מענטשן, וואָס קוקן אַרויס מיט אימה און פּחד דורך די דינע שפּעלטעלעך פון די קוים־אויפגעעפנטע טויערן. אָט האָט מען שוין ווידער געכאַפּט אויף דער צי יענער גאַס אַ שפּיאָן, אַ דיווערסאַנט, אַ דייטשן געהיימען ראַדיאָ. אָט קומען שוין ווידער ידיעות פון די פראָנטן, וואָס זענען אייגנטלעך שוין קיין פראָנטן נישט, נאָר באַוועגלעכע, שנעל מאַרשירנדיקע פלאַמען. שלעכט זענען זיי די ידיעות, פול מיט אימה און גרויל. ידיעות טויזנט־פיסיקע, טויזנט־הענטיקע, מיט אַ פּחד און שרעק אַרומבאַהאָנגענע, מיט צעריסענעם אָטעם צאַפּלענדיקע, ידיעות — שוואַרצע קראָען, ידיעות — מויט־אָנזאָגערס, פאָכענדיקע מיט שוואַרצע פליגל.

די צייטונגען זענען אַרויס מיט גענויע אויסרעכענונגען וועגן דעם וויפל באַפעלקערונג עס פאַרמאָגט ענגלאַנד, פראַנקרייך און פּוילן צוזאַמען פון איין זייט, און וויפל דייטשלאַנד פון דער אַנדערער. לויט אָט דער סטאַטיסטיק איז אויסגעקומען אַז דייטשלאַנד דאַרף צעריבן ווערן צווישן אַ יאָ און אַ ניין, אַז די דייטשן האָבן געהאַט אַ טעות, מיינענדיק, אַז קיינער וועט נישט קומען פּוילן צו הילף. אָבער איצט, ווען פּוילן שטייט שוין נישט איינזאַם, וועט דער דייטש וואַרפן זיך אויף די קני און ממש בעטן רחמים מען זאָל אים אָפּלאָזן, מען זאָל מיט אים מאַכן שלום, אָבער גלאַט אַזוי וועט עס נישט צוגיין. מען דאַרף איצטער פאָדערן גאַראַנטיעס, אַז ער וועט זיך אויפפירן לייטיש, דער דייטש טאַקע.

דאָס אַלץ איז געווען אין די צייטונגען, אָבער מענטשן האָבן אויפגעהערט גלויבן. מען האָט געזען איין זאַך: איבערן הימל זענען זיך כסדר אַרומגעפלויגן די דייטשע עראָפּלאַנען, אומגעשטערט, רואיק, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף די סעריעס קוילן וואָס האָבן זיך געריסן צו זיי פון די קוילנוואַרפער, וואָס אויף די דעכער פון די הויכע געביידעס. קיין פּוילישע עראָפּלאַנען האָט מען נישט געזען. קיין לופט־שוץ־אַרטילעריע

האָט מען נישט געהערט, קיין ידיעות וועגן קיין געוווּנענע שלאַכטן זענען נישט געקומען. די זיכערקייט איז אַראָפּ פון די פּנימער. אין די אויגנאָפּ־לען האָט געגומען אַרומטאַנצן אַ שלעכט פייערל. באַוועגונגען זענען גע־וואָרן נערוועזע, צעפּלויגענע, פולע מיט אומרו און צעטראָגנקייט.

מענטשן האָבן אָנגעהויבן אַרומזוכן גאַז־מאַסקעס. יעדער האָט גע־וואָלט קויפן כאָטש פאַר זיין פאַמיליע אַ פּאָר גאַז־מאַסקעס. אָבער מען האָט נישט געקריגן. מען האָט געקאָנט קריגן נאָר אַ מין באַנדאַזש, וועלכן מען האָט געדאַרפט צולייגן, אַן אַדורכגעווייקטן מיט אַן אַנטיסעפּטיש מיטל, צו דער נאָז און מויל. מענטשן האָבן דאָס געקויפט, געדרייט די דאָ־זיקע טאַמפּאָנען אין די פינגער און געהאַט נאָך מוט צו וויצלען זיך: „זעסט, אָט דאָס האָט פוילן צוגעגרייט בכדי צו געווינען די מלחמה״. קיין גאַזן האָט מען טאַקע נישט געזען, אָבער די עראָפּלאַנען, זייער ד׳ענערווירנ־דיקעו׳ זשום, וואָס האָט צעשרויפט די נערוון גאַנצע טעג און נעכט, האָט מען יאָ געזען, אַלע מאָל, אַלע שעה, אַלע האַלבע שעה. איין אַלאַרם איינגעשטילט, און שוין אַ צווייטער, און ווידער פייפט אַ דריטער. די סירענעס פון די פאַבריקן האָבן אויפגעהערט צו זיין צייכנס פון צייט, פון רואיקייט, פון געמעסיקטער איינגעאָרדנטקייט. זיי זענען געוואָרן הודענדיקע שוואַרץ־בשורה־טרעגערס. זייער קלאַנג האָט זיך געריסן אין די אויערן און געמאָרדעוועט, געמאַטערט, צעדרייט די געמיטער, פאַר־פּאָלגט און נאָכגעיאָגט אומעטום ווו מען האָט זיך נאָר אַ קער געטון.

מען האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין גראָבן די שוץ־גרובנס, אָבער שוין נישט מיטן זעלבן ענטוזיאַזם: „וואָס קען עס מיר העלפן אין פאַל פון אַ באָמבע״, האָבן מענטשן געטראַכט „אַז סיי ווי איז עס נישט צוגע־דעקט, אַז סיי ווי איז עס אָפן און אומבאַשיצט?״ אָבער געגראָבן האָט מען. מ׳האָט אַלץ נאָך געוואַרט אויף אַ נס, אויף דעם אַז אַ צייכן מוז קומען, אַז עמעצער וועט פאַרט זיך אַרויסרוקן פאַראויס און אָנווייזן דעם וועג. אָבער דער צייכן איז נישט געקומען. דער נס איז נישט געשען, און אַ יאושדיקע פאַרצווייפלונג האָט געגומען אַרויסקוקן פון מענטשלעכע אויגן, פאַרצווייפלונג געמישט מיט אַנטוישונג, מיט כעס, וואָס מען איז אומבאַהאָלפן, מיט טענות צו זיך אַליין, פאַרוואָס מען האָט געגלויבט, געטרוימט, געוועז פול מיט האָפענונג, און אָט איצט...

סוחרים האָבן גענומען אויסרוימען די געשעפטן. דאָ און דאָרט האָט אַ געשעפט זיך פאַרמאַכט און אויסגעדרייט זיך שטום צו דער גאַס מיטן ברוגזן הינטן פון דער אַראָפּגעלאָזטער זשאַלוזיע. זיי זענען געוואַקסן אין צאָל, די דאָזיקע פאַרמאַכטע קלייטן און געגעבן אָנצוהערן, אַז זייערע אייגנטימער האָבן שוין מער נישט קיין האָפענונגען, האָבן שוין מער נישט קיין אילוזיעס. דערנאָך האָבן איינער נאָכן אַנדערן גענומען פאַרקלאַפּן די טירן די פאַרשידענע אַמטן. גרויסע אויטאָס, אָדער פערד־געשפּאַנטע וואָגנס אויף גומענע רעדער, האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַר די ביוראָען, און באַברילטע, צעשראָקענע באַאַמטע האָבן אַרויסגעטראָגן גאַנצע קאַסטנס, פול אָנגעפּאַקטע מיט פּאַפּירן און דאָקומענטן. די אויטאָס און וועגענער פלעגן דערנאָך אַוועקקייקלען זיך איבער די אימה־באַוואָרפענע גאַסן און די באַאַמטע זענען זיך צעקראָכן הילפלאָזע און שלאַבערדיקע. די טירן פון די אַמטן זענען פאַרקלאַפּט געוואָרן אין דער ברייט מיט פּראָסטע, אומגעהובליעוועטע ברעטער. די ווייס־געמאָלטע אָדלערס וואָס אויף די שילדן, האָבן אַראָפּגעקוקט בייז און מיט טיפן צאָרן אויף די פאַרביי־גייער ווי איינער זאָגט: „זעט, צו וואָס מען האָט דערפירט".

מענטשן האָבן גענומען זוכן אַן עצה ווי אַזוי מען קריגט זיך אַרויס פון שטאָט. מען האָט געצאָלט ריזיקע סומעס פאַר אַן אָרט אין אַן אויטאָ. אַ ליטער בענזין האָט געקאָסט אַ מטמון מיט געלט. מען האָט זיך איבערגעגעבן אויפן אויער אַז דער צי יענער אייגנטימער פון אַ טראַנס־פּאָרט־פירמע וויל פאַרדינגען אַ וואָגן. מען איז אַרומגעלאָפן אין די גאַסן ווי פאַרסמט. אָבער אַרויס זענען דערוויייל איינציקע גליקלעכע. מען האָט זיך באַזונדערס נישט געקאָנט גלויבן אַז טאַקע שוין, נאָך אַ פּאָר טעג פון קריג, דאַרף מען שוין פאַרלאָזן די שטאָט. מען האָט אָנגעהויבן קוקן מיט אומצוטרוי אויף די מענטשן וואָס האָבן געבראַכט שלעכטע בשורות. מען האָט געפּרוווט נישט גלויבן. אָבער דאָס אַלץ איז געווען אין שטוב. די שטובן האָבן נאָך געהאַט אַ נאָרמאַלן אויסזען: די זעלבע מעבל. די זעלבע גאַרדינען, די זעלבע סאָפע, דער זעלבער טיקטאַק פון זייגער. אָבער די גאַס, די גאַס איז געווען שוין אַן אַנדערע. אַ שרעקעוודיקע, אַ פולע מיט געשפּענסטער און פּחדים, אַ גרויליקע.

די נערוון האָבן זיך אָנגעצויגן. די אָנגעשטרענגטקייט האָט געקלאַפּט אין די שלייפן מיט שנעלע, אומרואיקע העמערלעך. די לופט איז פול

געוועז מיט נישט־אַרויסגעזאָגטער מורא, מיט שלעכטע פֿאָרגעפֿילן.

אַ פֿראָסטער מיטוואָך פֿאַרנאַכט איז עס געווען, אַ שיינער זומער־דיקער פֿאַרנאַכט, פֿון אָט יענע פֿאַרנאַכטן, וואָס זאָגן אָן, אַז אָט באַלד קומט ער דער האַרבסט, דער פֿרעכטיקער פּוילישער האַרבסט, דער באַ־רימטער פּוילישער „גאָלדענער האַרבסט". קליינטשיקע זומער־פֿליטער־לעך האָבן זיך אַרומגעטראָגן אין דער בלאָ־סאמעטענער פֿאַרנאַכטיקער לופֿט. די שאָטנס אונטער די ביימער פֿון די שטאָטישע גערטנער האָבן זיך צעוואַקסן און געוואָרן ווי ווייכע, פּליושענע, טיפֿע סאָפֿעס. די הויך איז פֿון אַ בלויער געוואָרן פּורפּור־רויט, און שפּעטער שטאָלערן־טונקל, און געפֿליעסקעט געמיטלעך רואיק, שפּילעוודיק, ווי קיינמאָל גאָרנישט, ווי עס וואָלט גאָרנישט נישט געשען...

און אין אָט־דער פֿאַרנאַכטיקער לופֿט האָט זיך צעטראָגן די ידיעה, אַז עס איז נישטאָ שוין אויף וואָס צו האָפֿן, אַז מענטשן זענען אייגנטלעך שוין איבערגעלאָזט אויף גאָטס באַראָט, אַז די פּוילישע רעגירונג האָט שוין פֿאַרלאָזט וואַרשע.

גאָלדענער האַרבסט

די נאַצישע פליער, וואָס זענען אין בלוילעכן קאַיאָר פון 7־טן סעפּטעמבער 1939 געקומען אויף אַן אויסשפּיר־פליצוג איבער וואַרשע, האָבן געטראָפן די שטאָט אַן אומרואיקע און וואַכנדיקע. די פּאַרטאָגיק־פּאַרפּאַליציאַנטן האָבן נאָכגעקוקט מיט חשד יעדן איינעם וואָס האָט זיך אין זאַמלט אין רירעוודיקע רעדלעך, קליינע און גרויסע, רעדלעך וואָס אָט קאָרטשען זיי זיך איין און אָט פּאַרברייטערן זיי זיך, ווערן מער און מער אָנגעשוואָלן, און פּלוצים פּלאַצן זיי, פּויזען זיך פונאַנדער, בכדי אין אַ רגע אַרום זיך ווידער צו פּאַרזאַמלען אויף אַ ניי אָרט און ווידער צו צעוויען זיך. דער עולם האָט באַמערקט די פּיינטלעכע עראָפּלאַנען אָבער דער באַוווסטזיין פון אַ געפאַר איז נאָך געווען זייער ווייט פון זיי. באַזונדערס האָט גראָד אין יענעם מאָמענט קיין שום געפאַר פון הימל נישט געדראָעט דערווייל — די פליער, ווי געזאָגט, זענען געווען אויף אַן אויסשפּיר־פליצוג.

יענע נאַכט, די נאַכט פון מיטוואָך אויף דאָנערשטיק, איז געווען די נאַכט, ווען וואַרשע האָט ס׳ערשטע מאָל באַנומען די גרויס פון דער אָנקומענדיקער בראָך. מענטשן זענען געזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, אויסגעאַרבעט פּלענער, וווהין און ווי אַזוי צו אַנטלויפן, באַטראַכט די פּלענער ווידער און ווידער אַמאָל, געקומען צום אויספיר אַז די פּלענער זענען אומאויספירבאַר, באַטראַכט פרישע פּלענער און ווידעראַמאָל זיי אָפּגעוואָרפן. דערנאָך איז מען געגאַנגען שלאָפן, און אויפגעכאַפּט זיך פונעם שווערן, זמאָרעוואַטן שלאָף יעדע האַלבע שעה, געפּרוווט אין דער נאַכטיקער שטילקייט נאָכאַמאָל איבערטראַכטן אַלעס רואיק, מיט קאָפּ, און צום סוף מידע, מיט רויטע, פּאַרלאָפענע אויגן אויפגעשטאַנען, און נערוועז געדרייט די גאַלקעלעך ביי די ראַדיאָ־אַפּאַראַטן, וואָס זענען פּלוצלינג שטום־געוואָרן. אומבאַהאָלפן זענען זיי געשטאַנען, די ראַדיאָ־אַפּאַראַטן, און אָנשטאָט דעם פריילעך־צעזונגענעם קול פון גימנאַסטיק־אינסטרוקטאָר, וואָס פלעגט יעדן טאָג צעקלינגען זיך אין דער צייט, האָט מען נאָר געקאָנט הערן, ווי די אַפּאַראַטן כאָרכלען און מאָרדעווען זיך אַיגעווייניק ווי אַ חולה־מסוכן. און נאָר טיילמאָל פלעגט אָט דאָס גרילצעוואַטע זשומען פון זיינע מעטאַלענע לונגען, ווערן איבערגעריסן מיט אַן

אומפאַרשטענדלעכן געפּייפערײַ פונעם מאָרז־אַלף־בית, וואָס האָט אויף אַן אומבאַנעמבאַרער שפּראַך געפּרוווט איבערגעבן עפּעס, וואָס אַלע האָבן שוין סײַ־ווי געוווּסט, און דאָך געוואָלט עס דערהערן דײַטלעך און קלאָר, מיט פאַרשטענדלעכע ווערטער.

די גאַסן זענען געווען פול מיט מענטשן. מען האָט זיך געזאַמלט אַרום אָנגעקומענע פּליטים פון ווײַטע שטעט, וואָס זענען שוין פאַרכאַפּט געוואָרן דורך די דײַטשן. די פּליטים זענען געקומען צוזאַמען מיטן אָפּטרעטנדיקן מיליטער, וואָס איז אַדורכגעפלאָסן בײַנאַכט דורך דער הויפּטשטאָט, ציענדיק ווײַטער אויף מזרח. פון אויער צו אויער האָבן זיך געטראָגן די דערציילונגען פון די פּליטים, פולע מיט שריפות, צעבאָמבאַרדירטע שטעט און דערפער, מיט טויט און פאַרניכטונג. די דורכפאָרנדיקע סאָלדאַטן האָבן געהאַט פאַרלאָשענע אויגן, צעריסענע, מיט בלוט־פאַרפלעקטע מונדירן. און עס האָט געשלאָגן פון זיי מיט טויטער מידקייט און טעמפּער יאושדיקער אַפּאַטיע.

די עראָפּלאַנען האָבן בלויז מיט שײַנע, אַקראָבאַטיש־קאַרק־ברעכנדיקע ספּיראַלן זיך אַראָפּגעלאָזט עטלעכע מאָל גאָר נידעריק, שפּעטער זיך ווידער אַ הויב געטאָן אין דער הויך, אויפגעכאַפּט אויף די שפּיצן פון זייערע פליגלען די ערשטע, קופּערדיק־רויטע אָפּשײַנען פון דער אויפגייענדיקער זון און גענומען דעם קורס אויף מערב.

די סטרוזשעס, די גלײַכגילטיקע, אײַביק־פאַרכמורעטע וואַרשעווער סטרוזשעס, זענען ווי געוויינלעך אַרויס יענעם טאָג פון זייערע קליינע נאָרעס, און צעטשאָכעטע פון שלאָף האָבן זיי, ווי קיינמאָל גאָרנישט, גענומען וואַשן די טראָטואַרן מיט די גומענע קישקעס פון די הידראַנטן. די טראָפּנס פונעם צעשפּריצטן וואַסער האָבן געפערלט זיך און געפינקלט אין דער זון, וואָס איז דערווײַל אַרויסגעקומען און צעשפּילט זיך אויף די דעכער און ביימער־שפּיצן פון די גערטנער. און דעמאָלט, גראָד יענעם טאָג, האָבן מענטשן דערפילט די טיפע איינגעבאַקענע שיינקייט פון דער שטאָט, אין וועלכער זיי האָבן לאַנגע יאָרן געוווינט, געאַרבעט, געליטן און געפרייט זיך. מענטשן פון אַ גאַנץ יאָר, יידן, וואָס זענען געווען שטענדיק צופיל פאַרנומען, כדי צו פאַרדרייען זיך דעם קאָפּ מיט אַזעלכע נאַרישע בבא־מעשות, ווי אַן אָפּגלאַנץ פון דער זון אויפן קופּאָל פון דער טלאָמאַצקער שיל, אַזעלכע יידן, באַטראַכטנדיק איצט די שטאָט, וועלכע

זיי האָבן זיך געגרייט צו פאַרלאָזן, האָבן געקרעכצט, געזיפצט, געפילט אַז עפּעס רייסט זיך אָפּ ביי זיי טיף אין האַרצן און שפּאַרט אָן אַזש ביז צום גאָרגל, שטיקט און ווערגט, און רייסט אין די אויגן ווי האַרבער כריין. פלעגט מען כאַפּן נאָכאַמאָל אַ בליק אויף די מיט טוי־באַדעקטע גאַסן, אַריינציען אין די לונגען די פרישע פאַרטאָגיקע לופט, אַרומנעמען מיט ליבשאַפט אין בליק די אַלטע, אין האַרצן־איינגעבאַקענע מעבל, און — — סוף־כל־סוף באַשלאָסן צו בלייבן דערווייל. מען האָט זיך געריסט, אַז די מעשות וואָס מען דערציילט, זענען פאָרט אַביסל איבערגעטריבן, אַז אויך אין יענער מלחמה זענען מענטשן געלאָפן און דערנאָך געמאַטערט זיך ביים צוריקקומען, אַז צום בעסטן האָבן אויסגעשפּילט די יעניקע וואָס זענען פאַרבליבן אויפן אָרט, און אַז „אַ וועלט גייט נישט אונטער".ליידן וועט אוודאי אויסקומען, נישט שייך צו זאָגן, אָבער פונדעסטוועגן, מיט אַ ביסעלע בטחון אין אויבערשטנס הילף, קומט מען אַלץ דורך. האָט מען הייסט עס באַשלאָסן דערווייל צו בלייבן, געחשבונט דאָס געלט, מיט וועלכן מען איז געבליבן שטיין אין אזאַ עת־צרה, געטראַכט ווו מען קאָן נאָך טאַקע אָפּנעמען עפּעס אַ פאַרלעגענעם חוב, געפּרוווט פאַרשטשיבען און פאַרגראָבן אין מייזן־לעכער ס׳ביסל צירונג צי אַנדערע ווערטפולע זאַכן, און צוביסלעך גענומען אַרויפשלעפּן אין די שטיבער פון די געשעפטן אַרויס יענע סחורות, וואָס מען קאָן זיי האַלטן אין אַ שאַנק צי אין אַ קופערט.

אָבער דאָס יונגוואַרג האָט נישט געוואָלט וויסן פון קיין שום מעשות, נישט געוואָלט הערן פון קיין פאַרשטענדיקע עצות, נישט געפּרוווט אפילו צוהערן זיך צו דעם, אַז עס איז כדאי זיך אַמאָל צו פאַרלאָזן אויפן אויבערשטנס הילף. זיי, די יונגע חברה, וואָס די רעגיסטערס פון דער וואַרשעווער פּאָליציי האָט זיי שוין פון לאַנג געהאַט כמעט אַלע פאַרקאַטאַלאָגירט אַלס „געפערלעכע לינקע עלעמענטן", זיי, דאָס יונגוואַרג, וואָס האָט נישט געגלויבט אין קיין נסים, זיי, די יונגע חברה, האָבן זיך געריסן אַוועקצוגיין פון דער שטאָט. אַפילו „באַלעבאַטישע" יוגנט, וואָס האָט זיך אין קיין נאַרישע „רויטע געשעפטן" נישט געמישט, האָבן אויך געוואָלט אַרויס. אַוועקגיין האָט געהייסן עפּעס טאָן, זיין אַקטיוו, פּרוון געפינען אַן עצה צום גרויסן אומגליק. בלייבן — האָט געהייסן זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, און וואַרטן ביז דאָס אומגליק וועט קומען גלייך אין שטוב אַריין.

האָט מען טאַקע נאָך אינמיטן דער נאַכט געגומען זיך פּאַקן, אָנגעשטופּט די גרויסע לייוונטענע רוקזעק, וואָס מען פלעגט זיי נוצן ביז אַהער אויף אויספלוגן און הינטערשטאָטישע שפּאַצירן, אָנגעטון זיך ספּאָרט־מעסיק, אַרויפגעצויגן אויף די פיס פעסטע ספּאָרטאָווע שיך, פאַרבייט אין די ברעגן פון די רעקלעך אַ ביסל געלט, און — — — גענומען זיך צום שווערסטן שטיקל אַרבעט: צום געזעגענען זיך. מאַמעס, וואָס האָבן רואיק געהאָלפן ביים פּאַרפּאַקן, געשניטן און פאַרגרייט עטלעכע סאַנדוויטשעס אין וועג אַריין, און ארומגעפּאָרעט זיך פארהאוועט אין די מאָרגן־שלאָפראָקן, זענען שטיין געבליבן פלוצלינג אָפּהענטיקע, דערשלאָגענע, איבערראַשטע, ווי ס׳וואָלט זיי גאָר ביז אַהער נישט איינגעפאַלן אַז צוליב דעם טאַקע האָבן זיי זיך געפּאָרעט, אַז זיי האָבן מיט אייגענע הענט געהאָלפן פּאַרפּאַקן זיך די „קינדער" אין אַזאַ ווייטן וועג אַריין. האָבן זיי, די מאַמעס, געפּרוווט נאָכאַמאָל כאַפּן אַ בליק אויף די קרעפּטיקע אומרואיקיונגע זין און טעכטער, געפּרוווט איינקריצן אין זכרון איינמאָל פאַר אַלעמאָל זייערע געשטאַלטן און געזיכט־שטריכן, און געפּרוווט טרייסטן זיך אַז אַלץ איז דאָך נאָר אויף אַ קורצער צייט, אויף דערווייל. אָבער גאָר פלוצלינג, אומגעריכט, פלעגן זיי זיך דערמאָנען די מאַמעס, אַז אָט־אָט, אין אַ האַלבער שעה אַרום, וועט די שטוב זיין ליידיק, אַז מען וועט זיך אַרומדרייען זאַלבעצווייט בלויז אין די צימערן, אַז די נעכט וועלן זיין פול מיט שרעק פאַר די געפאַרן וואָס לויערן אויף ווייטע, מיט גרויל־פאַרפולטע וועגן, און דער גאָלדענער פרימאָרגן פלעגט טונקל ווערן, אַ נעפּל פלעגט פאַרציען די אויגן, פונעם נעפּל פלעגן אַרויסרייסן זיך די געצוימטע שטרעמעלעך פון מאַמעשע טרערן און פליסן איבער ציטערדיקע באַקן, און לסוף, לסוף פלעגט אַ ביטער געיאָמער אָפּהילכן אין דער איינגעהאַלטענער שטילקייט פונעם צימער. פאַרכמורעטע, פאַרדאגהטע טאַטעס, האָבן נערוועז געשאַרפּעט די וואָנצעס, געקייט שפּיצן פון בערד, איבערגעטרעטן אין צעטראָגענער פאַרלוירנקייט פון איין פוס אויפן צווייטן און אָנגעשריגן מיט רוגזה, מען זאָל נישט באַווייגען די קינדער, זיי שטאַרבן נאָך נישט חלילה־וחס. דערנאָך פלעגן זיי, די טאַטעס, העלפן אַרויפציען די רוקזעק אויף די פלייצעס, געקוקט נאָך אַמאָל, צי די לעדערנע פּאַסן קוועטשן ניט צופיל אויף די אַקסלען, אַרויסקוועטשן פון זיך זויערע, אויפגעצווונגענע שמייכעלעך און באַגלייטן די „קינדער" אַראָפּ אויפן גאַס.

קיינמאָל נאָך איז די גאַס נישט געווען אַזוי לעבעדיק ווי יענעם פרי־מאָרגן. אויסער די רעדלעך פון דיסקוטירנדיקע, פאַרזאָרגטע און צעחושטע מענטשן, וואָס האָבן פון אַוועקגיין דערווייל נישט געקלערט, האָבן אַ שטראָם געטון איבער די גאַסן די מחנות פון דער יוגנט וואָס האָט שוין אָנגעהויבן פאַרלאָזן די שטאָט. גרופּנווייז זענען זיי געגאַנגען, צו 8—10 מאַן אין אַ גרופּע, און אין זייערע אויגן האָט טראָץ דעם גרויל פון דער סיטואַציע, זיך אָפּגעשפּיגלט אויך די עמאָציע פונעם ווייטן, געפאַר־פולן וועג. זיי האָבן לגמרי נישט אויסגעזען ווי פּליטים, נאָר ווי ספּאָרטלער וואָס קלייבן זיך אויף אַ ווייטן, אינטערעסאַנטן אויספלוג. די זון איז שוין אויפגעגאַנגען, און זיי, די יונגע גוואַרדיע פון דער יידישער וואַר־שעווער יוגנט, האָבן אַריינגענומען די זון־שפּריצלעך אין זייערע יונגע, פריידיקע, לעבנסלוסטיקע אויגן, און געשפּרייזט מיט אַ פעסטן זיכערן טראָט, וואָס נאָר יוגנט קאָן באַווייזן צו האָבן. זיי האָבן געשטראָמט די גרופּקעלעך פון אַלע גאַסן, פונעם יידישן צפון, פון די נאַלעווקעס, גענשע און דזשיקע, פון מוראַנאָוו, סטאַווקעס און שמאָלע־ און ברייטע־מילע, פון גזשיבאָוו, טוואַרדע און פּאַנסקע, פון די „אַריסטאָקראַטישע" געגנטן: פון האָזשע, זשוראַווע און פּיענקנע. וואָס נענטער צו דער ווייסל, האָבן זיך די גרופּקעלעך אַלץ געמערט אין צאָל, געוואַקסן פון קליינע שמאָלע ריטשקעלעך אין גרעסערע שטראָמען, און האַרט ביי דער ווייסל צונויפ־געגאָסן זיך אין איין גרויסן, פלייצנדיקן מענטשן־טייך, וואָס האָט גע־ראַיעט און געווימלט אויף דער ברייטער, ווייסער, שטיינערנער פּאָניאַ־טאָווסקי־בריק, און אויף דער קערבעדזש־בריק, אונטער דער נעץ פון די אייזערנע שטאַנגען, וואָס האָבן פונווייטנס אויסגעזען ווי אַ דינער גע־שטריקטער געוועב, און געפלאָסן ווייטער אויף מזרח, צום ברייטן, אין זון געבאָדענעם גראָכאָוו, וווּ אינצווישן די שמעקנדיקע וועלדער האָט זיך גע־צויגן דער ברייטער, ווייסער טראַקט.

דער איינדרוק פון אַן אויספלוג, פון אַן אומגעריכטער „יום־טוב אין דער וואָכנדיקער עסקאַפּאַדע" האָט זיך נאָך שטאַרקער איינגעבירגערט אין די יוגנטלעכע מוחות, ווען די לעצטע גראָכאָווער הייזער זענען שוין געווען פון הינטן. דער האַרבסט, האָט זיך צעשפּילט און צעזונגען אויף אַלע אינסטרומענטן, מיט דער גאַנצער פילפאַרביקער בונטקייט וואָס ער האָט ווען עס איז געקענט אויסשפּילן. אין דער זאַפטיקער טיפער גריב־

קייט פון די בלעטער האָבן זיך גענומען ציען די רויטלעך גאָלדענע אָדער־לעך פון פריען האַרבסט. איבער די ביימער זענען געהאָנגען דינע טולענע פאַרהענגלעך פון האַרבסטיקן פרימאָרגנדיקן נעפל.

דער אויסגעפאָלירטער קופערנער טעלער פון דער אויפגעגאַנגענער זון האָט מיט לאַנגע, אומדערזעבאַרע הענט שוין געקליבן די פערעלעך טוי, וואָס האָבן געהאָנגען אויף די צווייגן און געוואַלגערט זיך אין די האַרבסטיק־צוגעברוינטע גראָזן. פון די פעלדער האָט זיך געהויבן אַ פאַ־רע און אַרומגעשלעפט דעם דינעם שפינוועבס, וואָס האָט צווישנווייז זיך אַרומגעבלאָנקעט אין דער לופטן. אונטערשטאָטישע דאַטשעס, קליינע ווי־לעס און ווייסגעמאָלטע, מיט שטרוי אָדער שינדל־געדעקטע פויערישע כאַטעס, זענען געשטאַנען שטיל און שטומערהייט אָפגעריכט אַ תפילה צום אויפקומענדיקן באַגאָלדיקטן טאָג.

אויפן טראַקט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נישט נאָר יוגנט, און נישט נאָר יידן פאַרלאָזן די שטאָט. דער המון איז געווען אַ פאַרשידנפאַרביקער און פאַרשידנאַרטיקער, און פאַרנומען דעם גאַנצן ברייט פון טראַקט. יוגנטלעכע חברה מיט רוקזעק אויף די פלייצעס, עלטערע מענטשן מיט פעקלעך אונטערן אָרעם, אַ טייל אפילו מיט קליינע קינדער אויף די הענט, און אַ טייל האָבן געפירט ס׳ביסל „פאַרמעגן" — אַ פאָר קישנס און עט־לעכע מלבושים — אויף קליינע האַנט־וועגעלעך, אָדער קינדער־וועגעלעך. טיילמאָל פלעגן אָנקומען אויטאָס, געפאַקטע ביזן לעצטן שטיקעלע פלאַץ מיט מענטשן און באַגאַזש, און דעמאָלט פלעגט דער שטראָם פון די פוס־גייער זיך צעשפאַלטן, פונאַנדערטיילן אויף ביידע זייטן, און אַדורכלאָזן די גליקלעכע, וואָס האָבן נישט געמוזט גיין צופוס. פלעגט זיך מאַכן, אַז אַזאַ אויטאָ פלעגט קאַליע ווערן און אָפשטעלן זיך אינמיטן וועג, און די פאַסאַזשירן פלעגן אַרויסגיין און באַטראַכטן דעם אויטאָ מיט פאַרזאָרגטע אויגן. דער שאָפער פלעגט הייבן די בלעכענע דעק פונעם מאָטאָר און באַ־טאַפן די שטאָלענע געדערים פון דער מאַשין. יעדער אַזאַ אויטאָ פלעגט מאָמענטאַל צוציען אַרום זיך אַ מענגע מענטשן, וואָס האָבן מיט נייגע־ריקייט נאָכגעפאָלגט די באַוועגונגען פונעם שאָפער, און געפרוווט אָנ־קניפן באַציאונגען מיט די אייגנטימער פון דער מאַשין, ווייל טאָמער, אפשר מאַכט זיך פאָרט אַ שטיקל אָרט פאַר נאָך עמיצן. אָבער מערסטנ־טייל איז קיין אָרט נישט געווען, און די פאַסאַזשירן וואָס זענען שוין גע־

פאַרן פריער האָבן מיט בייזע, רוגזהדיקע בליקן און שלעכטע װערטער געפּרוװט אַװעקיאָגן די אומגעבעטענע געסט. אויב ס׳האָט זיך נאָך געטראָפן, אַז די פּאַסאַזשירן זענען געװען פּאַליאַקן, און ס׳האָבן זיך געװאָלט אײַנבעטן ייִדן, פלעגט מען נאָך אַרויספּאָלן אויף זיי מיט טענות, הלמאי די זשידעס גייען נישט אויפן פראָנט, נאָר זיי אַנטלויפן. זיי הייסט עס, די פּאַליאַקן, זיי פּאַסט יאָ צו אַנטלויפן פון דער „קאָכאַנאַ סטאָליצאַ״ (באַליבטער הויפּטשטאָט) אָבער די זשידעס? און ס׳האָט געפּאַסט, אַז די רעקרוטיר־אַמטן פאַר דער אַרמיי זענען נישט אַנטלאָפן, און די גאַנצע „העלדישע״ רעגירונג מיטן גאַנצן קאַפּעלוש־מאַכער רידז־שמיגלי װאָס האָט ערשט מיט עטלעכע װאָכן צוריק געריסן דעם גאָרגל אַז: „גוזשיקא ניע דאַמי״ (קיין קנעפּל אַפילו װעלן מיר דעם שונא נישט אַװעקגעבן), אַז אַט די רעגירונג איז נישט אַנטלאָפן, בלויז די זשידעס אַנטלויפן. האָבן ייִדישע קעפּ זיך געבויגן אין ביטערן איראָנישן שמייכל, און געטראַכט, אַז אַפילו איצט, װען דער שונא דראָעט צו פאַרניכטן זיי ביידן, אי דעם פּאָליאַק און אי דעם ייִד, בלאָנקעט זיך נאָך אַלץ אַרום די נאַציִשע פּראָפּאַגאַנדע אין די טעמפּע פּוילישע מוחות.

איבערן װעג האָבן זיך אויך געטראָגן די לאַסט־אויטאָס פון דער װאַרשעװער מוניציפּאַליטעט, פון רעגירונגס־אַמטן, און שפּעטער האָבן געגומען זיך באַװייזן די גרויסע, רויטע, שטאָטישע אויטאָבוסן. פול־געפּאַקט זענען זיי געװען די אויטאָבוסן, יעדעס פּיצל אָרט איז געװען באַצאָלט מיט „גאָלד״, און מער קיין ערטער זענען נישט געװען. אָפּטיילונגען מיליטער, טיילװייז צופוס, טיילװייז אויף פויערישע פורלעך פלעגן טיילמאָל אַרויסקומען פון װאַלד, און זייטנװייז ציען מיטן װעג, און נאָך אַ שטיקל צייט װידער אַריין אין װאַלד. פּויערישע פורלעך פלעגן װערן באַלאַגערט מאָמענטאַל װי זיי פלעגן פון די זייטיקע דאָרפישע שטעגלעך אַרויסקומען אויפן ברייטן שליאַך אַרויס, די פויערן האָבן זיך נישט געקאָנט אַן עצה געבן מיט די מענטשן, װאָס האָבן געװאָלט כאָטש אַביסעלע „מיטפאָרן״, האָבן זיי געפּאָכעט מיט די בייטשן אויף לינקס און אויף רעכטס, געשאָלטן מיט שװערע, פויערישע קללות די שטאָטישע „פּאַנעס״, װאָס זענען נישט קראַנק און געשװאָלן צו גיין צופוס, און לסוף מידע, הילפלאָזע, פּשוט פאַרקערעװען װידער אין אַ זייטיקן װעג.

די שטעט און שטעטלעך, װאָס אויפן גרויסן שליאַך װאַרשע־לובלין

זענען געווען רואיקע, פונקט ווי עס וואָלט גאָר קיין מלחמה אויף דער וועלט נישט געווען. די געשעפטן זענען געווען אָפן, פויערן האָבן איינגעקויפט וואָס עס האָט זיך געלאָזט, און די איינוווינער האָבן פאַרטראַכטערהייט געקוקט אויף די וואַרשעווער, וואָס זענען אין אַזאַ פּאַניק אַרויס אין וועג אַריין. זיי האָבן זיך געוווּנדערט שטאַרק, די קליינשטעטלדיקע, און גערדרייט מיט די קעפּ אויפן גרויסן ווונדער, און ס'ערשטע מאָל האָט זיך די זאָרג און מורא פאַרגנבעט אין זייערע רואיקע געמיטער. דאָ און דאָרט האָט זיך אַ געשעפט פּלוצלינג צוגעמאַכט, דאָ און דאָרט האָט זיך באַוויזן אַ גרופּקעלע פרישע וואַנדערער, וואָס האָבן באַשלאָסן צוצוטשעפּען זיך צום גרויסן שטראָם.

צו האַלבן טאָג צו, האָבן זיך הויך אין הימל באַוויזן עראָפּלאַנען. זיי זענען געפלויגן הויך, רואיק, מאַיעסטעטיש, אין שליסלען צו דריי — איינער פאָראויס און צוויי פון הינטן. מענטשן האָבן צוגעלייגט די הענט צו די אויגן, צו פאַרשטעלן זיך פון דער בלענדנדיקער זון און אַרויפגעקוקט הויך צו די רואיקע שטאָלענע פייגל. „נאַשע" (אונדזעריקע) — פלעגן זאָגן מענטשן מבינים, וואָס האָבן בייגעוווינט טיילמאָל די מיליטערישע פאַראַדן אויפן מאָקאָטאָווער פעלד, „נאַשע" — האָבן איבערגעחזרט אַנדערע, און געוווּנדערט זיך אַז מען קאָן דערקענען אַן עראָפּלאַן, כאָטש ער פליט אַזוי הויך, און כאָטש מען זעט נישט די צייכנס, „נאַשע" — האָבן זיך באַרואיקט די וואַנדערער, און אַנגענומען מיט מוט, אַז פאָרט איז נישט אַלץ הפקר נאָך. „נאַשע" — האָבן מאַמעס באַרואיקט קינדער אויף די הענט, אַרויפטייטלענדיק צום הימל מיט שטאָלץ, „נאַשע, נאַשע" — האָבן זיך די גוטע בשורות געטראָגן איבערן גאַנצן טראַקט. אָבער פּלוצלינג האָבן זיך די שליסלען פון די גלייכמעסיק פליענדיקע עראָפּלאַנען אויסגעקרימט, איינגעבראָכן און גענומען נורקעווען גלייך אַראָפּ־צו. צו די מענטשלעכע ליפּן איז נאָך אַלץ געווען צוגעקלעפּט דאָס שטאָלצע שמייכעלע, און מען האָט הנאה געהאַט פון די פליער: „ווי שיין זיי מאַנעווורירן דאָס מיט די עראָפּלאַנען" — האָבן מענטשן זיך געוויזן איינער דעם אַנדערן. די עראָפּלאַנען זענען אַראָפּ נידעריקער, נאָך נידעריקער, גאָר נידעריק — — — מענטשלעכע בליקן זוכן דעם רויט־ווייסן צייכן אויף די ברעגן פון די פליגל, און פּלוצים האָט איין גרויסער גרויל־אויסגעשריי אַ טרייסל געטון מיטן טראַקט: אויף

די פליגל פון די עראָפּלאַנען זענען געווען האַקנקרייצן. מענטשן זענען אין טויט־שרעק זיך צעלאָפן אויף ביידע זייטן פון וועג ווי אַ סטאַדע צעפּלאָשעטע סטעפּ־פייגל, אויסגעלייגט זיך אין די קאַנאַוועס וואָס נעבן וועג, געזוכט שוץ אונטער די צווייגן פון די ברייטע קאַשטאַנעס און ליפּעס וואָס זענען נעבן די קאַנאַוועס געוואַקסן. אָט פליט שוין דער ערשטער עראָפּלאַן גאָר נידעריק איבערן טראַקט, מען קאָן אַפילו זען דעם פּילאָט, אָט הייבט ער זיך שוין ווידער אויף און — — — גאָרנישט. עס האָט קיינעם גאָרנישט נישט געשאַדט. „זיי זעען דאָך, אַז ס'איז נישט קיין מיליטער" — האָבן מענטשן ווידער גענומען זיך באַרואיקן — „אויף קיין ציווילע שיסן זיי נישט — האָבן אַנדערע געזאָגט. „קיין שום מיליטער שיסט נישט אויף קיין ציווילע, דערויף זענען פאַראַן אינטערנאַציאָנאַלע אָפּמאַכן", — האָבן צוגעגעבן די, וואָס זענען „אינטעליגענט" און פאַרשטייען עפּעס. ווען דאָס נעכסטע דריילינג עראָפּלאַנען האָבן אַראָפּגענידערט זענען שוין מענטשן נישט אַנטלאָפן. געווען אפילו אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז דווקא דאָס לויפן טויג נישט, ווייל אויב מען לויפט, קענען דאָך די פּילאָטן נישט זען צי ס'איז מיליטער צי נישט. זענען די מענטשן געגאַנגען רואיק ווייטער און געוואַרט אַז די עראָפּלאַנען זאָלן ווידער זיך רואיק אַרויפהייבן ווי פריער, אָבער, פּלוצלינג, איז די גאָלדיק־האַרבסטיקע, זוניקע לופט צעריסן געוואָרן פון אַ קורצן אָפּגעהאַקטן „טאַ־טאַ־טאַ", פּונקט ווי אַ מאָטאָציקל וואָלט זיך דאָרט אין דער הייך פאַרכלינעט מיט זיין אייגענער בענזין. דער „טאַ־טאַ־טאַ", — אַ קורצער און אַ שטיפנדיק־פריילעכער, איז אַ ווײלע העגגען געבליבן אין דער לופט און נאָך אַ קליינער פּויזע האָבן זיך צעטראָגן גוואַלדן און יאָמער־געשרייען. מענטשן האָבן זיך אַ וואָרף געטון אַהינצו צום אָרט, פון וואַנען די געשרייען זענען געקומען, און דערזען דאָרט צום ערשטן מאָל דאָס עקלהאַפטע פּרצוף פון דער מלחמה: עטלעכע מענטשן האָבן זיך געוואָרפן קאָנוווּלסיוו אין קאַלוזשעס בלוט, ווי פיש אַרויסגענומענע פון וואַסער. אַן עלטערער פּאָליאַק איז געלעגן מיט ברייט־צעוואָרפענע פיס, אַן אַדורכגעלעכערטער מיט אַ סעריע קוילן וואָס האָט אים כמעט צעשניטן אויף צוויי העלפטן. זיינע גרויע וואָנצעס האָבן אַרויפגעשטאַרצט הויך, אָנגעסטראָשעטע ווי ביי אַ געשאָסענעם ו אָז. אַ יידישער יונגערמאַן איז געלאָפן נישט ווּיסנדיק אַליין ווהין ע לויפט, און צוגעהאַלטן מיט דער

רעכטער האַנט דעם לינקן, דורכגעשאָסענעם אָרעם. זיינע חברים האָבן אים פאַרהאַלטן, געפרווּוט אַראָפּרייסן דעם אַרבל און מיט פּאַסן פון העמד פאַרבינדן די אָדערן העכער פון ווונד און אַזוי־אַרום פאַרטאַמעווען דאָס בלוט. אַ מיטליעריקער ייד איז געלעגן אין אַ קאַלוזשע בלוט און געבעטן מען זאָל אים כאָטש אַוועקנעמען אין אַ זייט און אַוועקלייגן אויפן גראָז. און אַביסעלע ווייטער, איז האַרט נעבן אַ בוים געלעגן אַ פרוי אין די דרייסיקער מיט אַ קליין, קיילעכדיק, רויט רעדעלע אין שטערן. זי איז געלעגן רואיק, מיט האַלב־אָפענע, כמעט ווי צעשמייכלטע ליפּן, מיט פאַר־וואָרפענע אָרעמס, און אַ לייכט ווינטל האָט זיך אַרומגעשפּילט אין די פאַלדן פון איר קלייד און אַנטבלויזט אירע קניען. דערנעבן איז געשטאַ־נען אַ האַנט־וועגעלע מיט עטלעכע קלומיקעס און קישנס, און אויפן הויפן פונעם געפּעק איז געזעסן אַ קינד און מיט ברייט־אָפענע קינדערישע אויגן געקוקט מיט פאַרוווּנדערונג אויף דער מאַמאַ וואָס איז אַזוי פּלוצלינג אַנטשלאָפן געוואָרן.

דער מענטשלעכער המון האָט זיך אַ וואָרף געטון פאָרויס. מען האָט פאַרגעסן אָן די פאַרוווּנדעטע, מען האָט נישט געקלערט, אַז אויב די עראָפּלאַנען קומען ווידער, וועלן זיי סיי־ווי דעריאָגן, מען האָט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין דין־וחשבון אַז נאָך אַ קילאָמעטער צי צוויי שפּילט סיי־ווי קיין ראָל נישט. מען איז געלאָפן אין טויט־שרעק, אין אימה און אין פּחד. די עראָפּלאַנען האָבן אָנגעהויבן קומען אָפטער. יעדעס מאָל איבערלאָזנ־דיק אויפן וועג עטלעכע קאָנוווּלסיוו־צאַפּלענדיקע מענטשן אויפן טראַקט. אויף איין אָרט איז געלעגן אַ דערשאָסענע קו מיט אַן אָנגעלאָפענעם צע־בלאָזענעם בויך, מיט אַ פולן אייטער פון וועלכן ס'האָט נאָך אַלץ געררו־נען בלוט געמישט מיט מילך, מיט פיר קאָמיש־אַרויפשטאַרנדיקע קורצע פיס. איבער דער קו איז געשטאַנען אַ שגצל מיט אַ פלאַקסענעם צעשווי־בערטן קאָפּ, מיט אַ בייטש אין האַנט און געיאָמערט ביטער: „קראַסולאַ, קראַסולאַ!“

און אין דער לופטן איז אַלץ געשטאַנען דער זעלביקער גאָלדיק־צע־רויטלטער, מיט אויבס שמעקנדיקער, זאַפטיקער, טויזנט־פאַרביקער, אין זון געבאָדענער האַרבסט. דער פּוילישער גאָלדענער האַרבסט!

קאַוואַלעריע און טאַנקען

דאָס געשעעניש איז געווען אין יענעם יאָר אַן אויסערגעוויינטלעכס. פּויערים האָבן דערציילט אַז זיי האָבן שוין לאַנג אַזאַ שפּע פון די פעלדער נישט אַראָפּגענומען. האָבן טאַקע געפעלט אַרבעטס־הענט צום שניט, און ווען עס איז אין די דערפער באַקאַנט געוואָרן, אַז די וואַיטקעס און באַרטקעס, 1) וואָס מען האָט זיי גענומען אויף זומער־מאַנעוורעס, אָדער וואָס האָבן גראָד יענעם יאָר געזאָלט ענדיקן זייער מיליטער־דינסט, אַז זיי, די פּויערישע זין, וואָס מען דאַרף זיי צום שניט, קומען נישט צוריק, האָט זיך אַ קאָך געטון אין די דערפער נישט אויף קיין קאַטאָוועס. אָבער וואָס האָט מען געקאָנט טון? „וואָינאַ טאָ וואָינאַ" 2) — האָבן אַלטע פּויערים געשאָקלט מיט די קעפּ, געקרעכצט, דערמאָנט זיך ווי אַזוי זיי זענען אַליין געווען אַמאָל סאָלדאַטן ביי ניקאָלייען, געדרייט די לאַנגע וואָנצעס, און געטרייסט זיך טיף אין האַרצן, אַז אויב עס איז שוין טאַקע יאָ מלחמה, איז נישקשה, די שטאָטישע פּאַנעס וועלן שוין מוזן באַצאָלן ווי עס דאַרף צו זיין פאַרן פּרעס זייערן. גערעדט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, האָט מען נישט דערוועגן, נאָר אונטער די גראָבע וואָנצעס האָט זיך געשמייכעלט דאָס כיטרע פּויערישע שמייכעלע.

ווען די מלחמה איז ענדלעך אויסגעבראָכן, האָט מען אין די דערפער גענומען גראָבן טיפע גריבער אין די סטאָדאָלעס און פאַרגראָבן דאָרט קאַרטאָפל, תבואה, און וואָס ס'האָט זיך נאָר געלאָזט. מען איז געפאָרן אין די נאָענטע שטעטלעך און איינגעקויפט זאַלץ, צוקער, מכשירים צום באַלעבאַטישקייט אאַז"וו, ווייל אויב ס'האַלט שוין יאָ טאַקע אַזוי שמאָל, איז גלייכער דאָס צו האָבן אונטער דער האַנט. געאַרבעט האָט מען פון באַגינען ביזן שפּעטן אָוונט אַריין, און דערנאָך, אָפּעסנדיק די פּויערישע וועטשערעס פון די ליימענע שיסלען אַרויס, האָט מען לאַנג געקניט פאַר די פאַרשטויבטע הייליקע בילדער וואָס הענגען הויך אין אַ ווינקל, מיט פּאַפּירענע קאָלירטע בלומען באַצירט, געקלאַפּט זיך מיט שווערע פּיר־קאַנטיקע פּויערישע פויסטן אין דער ברייטער ברוסט, און געבעטן גאָטס זון און זיין הייליקע מוטער אַז זי זאָל זיך מרחם זיין איבער אַן אָרעמען

1) וואַיטעק, באַרטעק — פּוילישע נעמען, אַמייסטנס באַנוצטע צווישן פּויערטום.
2) מלחמה איז מלחמה.

פויער, וואָס האָט גאָט אין האַרצן, און אָפּהיטן זיין זון אויפן פּראָנט פון דעם שונאס קוילן, ווייל טאָמער „בראָן באָזשע" 3) עס טרעפט אַן אומ־גליק, איז נישט נאָר דעם טאַטנס האַרץ וועט ווייטיקן, נאָר אַ גוט, ער־לעך, קאַטוילישׂ באַלעבאַטישקייט וועט גיין צו גרונט. נאָך אַזאַ מין תפילה איז שטענדיק לייכטער געוואָרן אויפן האַרצן, און ווען מען איז אויפגעש־טאַנען פון קניען, האָט מען נאָך אַמאָל געכאַפּט אַ בליק אויף די הייליקע, פילפאַרביקע בילדער, אַרויס אַ קוק געבן צי אין די שטאַלן און סטאָדאָלעס איז אַלץ אין אָרדענונג, אַן אָטעם געטון נאָך אַמאָל די מיט היי־שמעקנדיקע נאַכטיק־טויאיקע לופט און שפּעטער אויסגעצויגן זיך, מידע, פאַרמאַטערטע אויף די געלעגערס, כראָפּענדיק הויך, מיט גענוס, מיט אַן אָפן מויל און אויפגעשטעלטע צעפּאַטלטע וואָנצעס.

און אַזוי זענען אַוועק די ערשטע טעג און נעכט, רואיקע, מיט אַר־בעט־פאַרפּולטע, מיט שווייס און פרישן היי דורכגעזאַפּטע, און נאָר טייל־מאָל באַאומרואיקטע פון אַ פּלוצלינגער מחשבה, אַז „בוג יעדען וויע" 4) — וואָס עס איז געשען מיט וואַיטעקן צי באַרטעקן. די מלחמה גופא איז געווען עפּעס אַזוי ווייט און נישט רעאַל, אָבער דאָס פעלד, דער שניט, דער האַרבסט־אַקער, דאָס קאַרטאָפל־גראָבן איז געווען דערנעבן, נאָענט, ממשותדיק, און נישט געלאָזט קלערן וועגן עפּעס אַנדערש, נישט געלאָזט טראַכטן, אַז אָט די גאַנצע „קאָכאַנאַ פּאָלסקאַ" גייט צו גרונט, צוזאַמען מיט אירע מאַרשאַלקעס, גענעראַלן, סעקוועסטראַטאָרן פון שטייער־אַמט, אינספּעקטאָרן, סקלאַדקאָווסקיס 5) דעקרעטן און נאָך אַנ־דערע גוטע זאַכן. דער פויער האָט אויפגענומען די מלחמה ווי אַן אומ־פאַרמיידלעכע צרה, ווי אַ פּלאָג, וואָס איז פון צייט צו צייט צוגעשיקט פון גאָט אַליין, בכדי מענטשן זאָלן וויסן, אַז נישט בלויז גוטס האָט גאָט צוגעגרייט פאַר זיין שיין וועלטל, און בכלל איז מלחמה אַזאַ ענין, וואָס געהער זיך אַן מיטן פויער נאָר אויף אַזויפיל אַז פויערישע זין גייען זיך שלאָגן, און אַז פויערישע פעלדער ווערן צעטרעטן אויב די שלאַכט איז נאָענט. איצט אָבער האָט זיך די מלחמה ערשט אָנגעהויבן בלויז, און ביז זי וועט צוקומען דאָ אַהער, אינמיטן לאַנד אַריין, וועט נאָך אוודאי אַ סך

3) גאָט באַהיט.
4) איין גאָט ווייסט.
5) לעצטער פּרעמיער־מיניסטער.

וואַסער אָפּשווימען אין דער ווייסל. און באַזונדערס, האָט דער שרייבער פֿון דער גמינע אַליין דערציילט, אַז דער וואָיט 6) האָט גערעדט מיטן רעפּערענט פון סטאַראָסטאַ, 7) און יענער האָט אים דערציילט אַז ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבן שוין אַרויסגעשיקט גרויסע אַרמייען, און עס וועט נישט דויערן לאַנג און מען וועט דעם שוואב 8) צערייבן ווי אַ וואָרעם.

אָבער לאַנג האָט די דאָזיקע שלווהדיקע רואיקייט נישט געדויערט. דייטשע עראָפּלאַנען פלעגן אָנקומען און אַרומפליען אין לויטערן הימל רואיקע, אין דער גאָלדענער זון צעגלאַנצטע, חוצפהדיק־זיכערע. קיין פּוילישע עראָפּלאַנען האָט מען נישט געזען אויף קיין רפואה, און אויב שוין יאָ אַמאָל, איז אײנצלנע, נידעריק, און דאָס בלויז די קליינע צווייפּערזאָניקע עראָפּלאַנען, אָבער זייער, זייער זעלטן. פויערים האָבן מיט כיטרע, איראָנישע שמייכעלעך געשמועסט צווישן זיך אַוו עס זענען אַהינגעקומען די גרויסע געלטער, וואָס מען האָט אויסגעקוועטשט פון לאַנד אויף דער „אַוויאַציע הלואה“, אַוו עס זענען אַהינגעקומען די עראָפּלאַנען וואָס פלעגן אַרומפליען בשעת די מאַנעוורעס יעדן זומער, וואָס הערט זיך עפּעס מכוח די אַלע צוזאָגעכצן און פאַרזיכערונגען וועגן דעם אַז אַ שטאַרקע אַרמיי איז געוואָרן צוגעגרייט אין פאַל פון אַ מלחמה, צוזאָגעכצן, וועלכע עס האָבן נישט געזשאַלעוועט אויף די דאָרפישע מיטינגען אַלע רעדנער און סיים־דעפּוטאַטן פון דער רעגירונגס־פאַרטיי, פון „אָזאָן“. פויערים האָבן אָנגעהויבן דערמאָנען, אַז דער אָדער יענער פאַרטיי־טוער האָט זיך געקויפט אַ גוט, אײַנגעאָרדנט אַ פאַבריק, אויסגעבויט אַ הויז, און קיין עראָפּלאַנען אין הימל זעט מען נישט. גערעדט וועגן דעם אַלעם האָט מען זעלבסטפאַרשטענדלעך אין דער שטיל, קיינער זאָל נישט הערן, ווייל עס איז דאָך מלחמה, און קריגס־געזעצן זענען שטענדיק אַזעלכע, אַז עס איז גלייכער קיין איבעריק וואָרט נישט אַרויסצולאָזן פון נאַרישן מויל.

און פלוצים האָבן ווייטע, אומרואיקע קלאַנגען גענומען אַרומבלאָנקען זיך איבער די פוילישע דערפער. קלאַנגען שלעכטע, אָנגעפילטע מיט פאַרדאַכט און חשד, מיט מורא און גרויל. אָט האָט מען דערציילט, אַז

---

6) עלטסטער אין דאָרף.
7) העכסטער מלוכה־באַאַמטער אין אַ באַצירק.
8) זידל־וואָרט פאַר דייטשן.

אין דער דעמבלינער פעסטונג, האָט דער קאָמאַנדאַנט פון דער אַוויאַציע־
באַזע אַרויסגעגעבן אַ באַפעל איין טאָג פאַרן אויסברוך פונעם קריג, אַז
מען זאָל צענעמען אַלע עראָפּלאַנען און זיי איילן, און ווען צומאָרגנס, אַז
מען האָט געדאַרפט זיך באַנוצן מיט די עראָפּלאַנען, האָבן געפעלט חלקים
אין די מאָטאָרן, און די מאַשינען זענען געבליבן שטיין אויף דער ערד,
אומבאַשיצטע, און דייטשע עראָפּלאַנען, זענען אָנגעקומען און צעקלאַפּט
זיי אויף פּיץ־פּיצלעך. אָט האָט מען דערציילט, אַז איינער פון די העכס־
טע קעפּ אינעם אַוויאַציע־מיניסטעריום איז געווען אַ דייטשער שפּיאָן.
אָט האָט מען דערציילט, אַז אַ גאַנצער מאַגאַזין מיט אַמוניציע האָט אויפ־
געריסן, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דער קאָמאַנדאַנט איז געווען
אַ דייטש. אָט האָט מען דערציילט, אַז ביים וויצע־בירגער־מייסטער פון
נאָענטן שטעטל, האָט מען געפונען אַ געהיימע ראַדיאָ, דורך וועלכער ער
האָט זיך קאָמוניקירט מיט די דייטשן. אָט האָט מען דערציילט, אַז דער
כטאַראָסטאַ אַליין איז פאַרשוווּנדן געוואָרן צוויי טעג פאַרן אויסברוך פון
קריג, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ער שטאַמט פון אַ דייטשער פאַ־
מיליע אין פּויזנער קאַנט. דערנאָך האָבן גענומען אַרומגיין איינגעשפּאַר־
טע, עקשנותדיקע קלאַנגען וועגן פּאַראַשוטיסטן. דער ערשטער האָט דער־
ציילט דער דאָרפס־משוגענער, דער „גלופּי אַמבראָזשי" 9) אַז ער האָט
מיט זיינע אייגענע אויגן געזען אינמיטן דער נאַכט, ווי מלאכים לאָזן
זיך אַראָפּ פון הימל און ווערן פאַרשוווּנדן אין וואַלד. אָבער אמבראָזשי
איז געווען אַ משוגענער, וואָס פלעגט נישט וועלן אַרבעטן, שלאָפן אַ
גאַנצן טאָג אין שאָטן פון אַלטן קלויסטער און אַרומבלאָנקען זיך גאַנצע
נעכט איבער די לאָנקעס נעבן טייך. מילא, וואָס אַ משוגענעם קאָן איינ־
פאַלן? אָבער עס זענען געקומען די פּאָסטוכער און אויך דערציילט נסים
וועגן ווייסע באַשעפענישן וואָס לאָזן זיך אַראָפּ ביינאַכט פון הימל, און
הענגען אויף אַזאַ גרויסן ווייסן שירעם. דערנאָך האָט דער פּשאָדאָווניק
10) געברענגט די ידיעה, אַז עס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט דייטשע פּאַראַ־
שוטיסטן און מען זאָל זיין „פאָרזיכטיק". ווי אַזוי מען זאָל זיין פאָרזיכ־
טיק, וואָס מען האָט צו טון, דאָס האָט דער בייכיקער פאָרשטייער פון
דער מאַכט נישט באַוויליקט צו זאָגן. אָבער אויף צו מאָרגנס, האָבן פויע־

---

9) אַמבראָזשי דער נאַר.

10) עלטערער פּאָליציאַנט.

רים, וואָס זענען אַהיימגעגאַנגען שפּעט פון נאָענטן דאָרף, באַמערקט צוויי ווייסע געשטאַלטן. זיי האָבן זיך אַ לאָז געטון זיי נאָכיאָגן, אָבער זיי זענען פאַרשוואונדן אין וואַלד. אין אַן אַנדער דאָרף האָט מען געכאַפּט אַ מענטש, וואָס האָט גערעדט אַ שלעכטן פּויליש, און ווען דער דאָרפישער פּאָליציאַנט איז צו אים צוגעשטאַנען מיט פראַגן, ווער ער איז, וואָס ער וויל אאַז״וו, האָט ער אַרויסגעכאַפּט אַ פּיסטויל. געווען נאָך אַ גליק, וואָס דער הויכער אַנטעק, אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט, איז באַצייטנס צוגע־שפּרונגען, אַרויסגעריסן אים דעם פּיסטויל, און מיט איין פעסטן זעץ אויסגעצויגן אויף דער ערד, ווי אַ הערינג. מען האָט אים באַלד טאַקע, אַ ליגנדיקן, אויסגעפּאַרטיקט מיט קלאָניצעס, אַזוי אַז ווען דער פשאָדאָוור־ניק איז אַראָפּגעקומען, האָט ער שוין נישט געהאַט מיט וועמען צו ריידן. דער פשאָדאָווניק האָט געפונען ביים פרעמדן עפּעס מאָדנע פּאַפּירלעך מיט צייכענונגען, טאַקע אַזעלכע צייכענונגען, ווי מען מעסט אויס אַ פעלד צום צעטיילן צווישן די יורשים. אָבער גיי ווייס, וואָס דאָס באַטייט.

און פלוצלינג האָבן אָנגעהויבן אָנקומען אין די דערפער די יידן פון די קליינע שטעטלעך. מיט בעטגעוואַנט, זענען זיי אָנגעקומען, די יידן טאַקע, מיט קינד־געשיר, און אייגעבעטן זיך „איבערצווווינען״ די שלעכ־טע צייט. „אַז די זשידקעס אַנטלויפן״ — האָבן די פּויערים געטענהט צווישן זיך — „איז אַ סימן, אַז עס איז נישט פויגלדיק״. „ווייל — האָבן אַנדערע צוגעגעבן — זשידקי טאָ מאָנדרי נאַרוד״. 11) געקומען זענען די יידן מערסטנטייל פון די שטעטלעך וואָס ליגן נאָענט צו די גרויסע שליאַכן, ווו די שאָסייען זענען געבויט פון האַרטע שטיינדלעך, ווו די אויבערפלאַך איז אַ גלאַטע, און דאָס וואַסער פון אַ רעגן בלייבט נישט שטיין אין קאַלוזשעס, נאָר עס רינט אַראָפּ אין די קאַנאַוועס אַריין. די יידן האָבן מורא געהאַט אַ סך צו ריידן, אָבער אין זייערע אויגן איז גע־לעגן אַזאַ שרעק, אַז רייד זענען שוין געווען איבעריק. זיי האָבן זיך איינ־געאָרדנט, די יידן, ווער אין אַ שייער, ווער טאַקע אין אַ שטובל ביי אַ באַקאַנטן פּויער, און ווער אפילו אין אַ האַלבן שטאַל. געצאָלט האָבן זיי נישקשה, אַ ברירה האָבן זיי געהאַט, ווייל ווען נאָך קאָן מען אַרויסציען די פּאָר גראָשן ביי אַ יידן, אויב נישט ביי אַזאַ געלעגנהייט. פּויערים,

---

11) יידן זענען אַ קלוג פאָלק.

וואָס האָבן געהאַט לאַנגיאָריקע גוטע פריינט צווישן די יידן, האָבן זיך גענומען טאַקע נאָכפרעגן וואָס עס הערט זיך מיט דער מלחמה, און אַרויסגעצויגן פון זיי, אַז דאָס פוילישע מיליטער טרעט אָפּ, אַז די דייטשע עראָפּלאַנען באָמבאַרדירן מיט צינד־באָמבעס סיסטעמאַטיש אַלע שטעטלעך און דערפער, וואָס זענען נאָענט צו די גרויסע טראַקטן, מיט וועלכע דאָס מיליטער טרעט אָפּ טאַקע, אַז די דייטשן זענען שוין נאָענט, טאַקע זייער נאָענט. די פויערים האָבן יאָ געגלויבט און נישט געגלויבט, ווייל ווי גלויבט מען עס, אַז שוין נאָך צוויי וואָכן קריג זענען די דייטשן נאָענט, זענען די דייטשן שוין אין סאַמע מיטן פון פוילן, און פון דער צווייטער זייט, אויב עס וואָלט געווען אַ ליגנט, פאַרוואָסזשע אַנטלויפן זיי טאַקע די יידן? האָט זיך טאַקע איין גאָספּאָדאַזש, 12), און נאָך אייגער, און אַ דריטער, און אַ פערטער, געכאַפּט צו פערד און וואָגן, און אַרויס נענטער צום שליאַך אַ קוק געבן, וואָס עס הערט זיך אויף דער ברייטער וועלט. זיי זענען צוריקגעקומען און באַשטעטיקט, אַז אַזוי איז עס טאַקע, אַז דאָס מיליטער טרעט אָפּ מיטן גרויסן שליאַך אויפן וועג קיין לובלין. די נאָענטע שטעטלעך זענען נאָך נישט געריררט, אָבער פויערים פון יענער זייט ווייסל האָבן דערציילט, אַז דער דייטש האָט שוין איינגענומען ראַדאָם, אַז ער צינדט. אונטער פון די עראָפּלאַנען אַלע שטעטלעך ווו דאָס פוילישע מיליטער פאַרהאַלט זיך נאָר. פון פולאַוו, למשל, האָט מען אַרויסגעיאָגט די גאַנצע באַפעלקערונג, און אונטער דער גרויסער נייער אייזערנער בריק, האָט מען אַוועקגעלייגט דינאַמיט, כדי זי צו קענען אויפרייסן יעדער רגע. דערווייל טרעט אָפּ דאָס פוילישע מיליטער מיט דער דאָזיקער בריק טאַקע, און ציט זיך צוריק קיין לובלין, ווו מען קלערט דעם דייטש צו פאַרהאַלטן. ס׳הייסט פאַרהאַלטן קלערט מען אים אויף דער ווייסל, נאָר מען קאָנצענטרירט דאָס מיליטער אין לובלין.

אין אַ שיינעם, העלן טאָג, האָבן אָנגעהויבן אָנקומען סאָלדאַטן אין די דערפער. טיילמאָל אין פולן אָרדענונג, מיט זייערע אָפיצירן. און טיילמאָל גרופּקעלעך־ווייז, צו 20—30 מאַן. טויט־מיד זענען זיי געווען די סאָלדאַטן, שמוציק, נישט געוואַשן, נישט געראַזירט, מיט בלוט־פאַרפלעקטע און צעריסענע מונדירן, מיט רויטע, געשוואָלענע, נישט אויס־

12) באַלעבאָס, פאַרמעגלעכער פויער.

געשלאָפּענע אויגן, וואָס האָבן עדות געזאָגט אויף נאַכטיקע צופּוסיקע מאַרשן, אויף מאַטערניש און טויט־שרעק. זיי האָבן גאָרנישט גערעדט ד״י סאָלדאַטן, פאַרהאַלטן זיך אין דאָרף אַ שעה אָדער צוויי, געענטפערט מיט סאַרקאַסטישע בייסיקע שמייכעלעך, און איראָנישע האַלבע ווער־מען׳, ווען מען האָט זיי געפרעגט, וואָס עס הערט זיך אויף די פראָנטן, און געגאַנגען ווייטער. טיילמאָל נאָר פלעגן זיך מאַכן, אַז אַזאַ סאָלדאַט פלעגט פלוצלינג אַריינפאַלן אין אַ ווילדער רציחה, רייסן פון זיך די שליפעס — מיט די נומערן פון פאָלק, אַרויסרייסן פון פירשפּיציקן היטל דעם אָדלער און טרעטן אים מיט די פיס, און שעלטן די גענעראַלן, די מאַרשאַלקעס, די אָפיצירן און דעם גאַנצן „זלאָדזשעיסקי זשאָנד“ 13), וואָס שיקט די סאָלדאַטן זיך שלאָגן מיט די שוואַבעס, און גיט אים נישט מיט וואָס זיך צו שלאָגן. „די דייטשן האָבן טאַנקן“ — האָבן זיי גערע־דט, די סאָלדאַטן, און אויסגעשטעלט אויף די צוהערער די ווילדע, מיט בלוט־אָנגעלאָפענע אויגן — „און מיר? מיר האָבן ביקסן פון יענער מל־חמה, און נישט שטענדיק האָבן מיר קוילן צו זיי“. „אַבי מיר האָבן שיינע פערדלעך אין אונדזערע קאַוואַלעריע־רעגימענטן“ — האָבן אַנדערע זיך געוויצלט. „יאָ, פערדלעך, און שיינע, גלאַנציקע שווערדלעך, מיט פיקעס און ווייס־רויטע פענדלעך אויף זיי“ — האָבן דריטע צוגעגעבן. נאָר די גרעסטע רציחה פלעגט וועקן די סאָלדאַטישע גאָרגלען, ווען מען האָט דערמאָנט די אָפיצירן זייערע. „מיידן גיב זיי“ — האָבן זיי מיט איינגע־האַלטענער רציחה גערונעדט — מיידן מיט ווייַן און מיט וואָדקאַ, די היבטישע זין, ד״י מנובלים, דאָס קענען זיי, אָבער מלחמה פירן? אויף דעם שיקט מען דעם סאָלדאַט און מען הייסט אים גיין שלאָגן זיך מיט פויסטן אַנטקעגן טאַנקן. איר פאַרשטייט, אַנטקעגן טאַנקן!“ —און פויע־רישע געמיטער האָבן זיך אָנגעצונדן מיט לאַנגער, פון דורות־אָן ברע־נענדיקער רציחה, אין די גרינע פויערישע אויגן האָבן זיך געפינקלט שלעכטע פייערלעך, פייערלעך פון שנאה, פייערלעך פון ביטערער גאַלי־קער אַנטוישונג, פייערלעך פון יאוש און האָפענונגלאָזיקייט. און נישט איין סאָלדאַט האָט אַ טראַסק געטון די ביקס אויף דער קופּע רויכיקער מיסט, וואָס איז גראָד געווען אונטער דער האַנט, און אין אויפגעפראַלטן

---

13) גנבהשע רעגירונג.

מונדיר, אָן קנעפּ, אָן די אָפּצייכענונגען, מיט די שיך אויף די אַקסלען, אַ שפּיי געטון אויף דער גאַנצער „פּאַנסקאַ וואָינאַ“, 14) און אַוועקגעשפּרייזט צו זיך אַהיים.

אין די הימלען האָבן זיך באַוויזן לונעס. דאָס האָבן שוין געגומען ברענען די שטעטלעך האַרט ביי דער ווייסל. דאָס שטעטעלע קוראָוו איז פאַרברענט געוואָרן אין איינציקע פופצן מינוט, נאָר עס האָט געַרויכערט גאַנצע צוויי טעג. און אַזוי אויך די אַנדערע שטעטלעך אויפן וועג קיין לובלין. די דייטשע עראָפּלאַנען פלעגן דאָס טון רואיק, סיסטעמאַטיש. זיי פלעגן קומען צו האַלבן טאָג צו, מאַכן עטלעכע גרויסע קרייזן איבער דעם אָנגעצייכנטן שטעטעלע, דערנאָך פלעגן זיי זיך אַראָפּלאָזן איינצלווייז און יעדער עראָפּלאַן פלעגט אויסשיסן זיין פּאָרציע צינד־באָמבעס אויף אַן אַנדערן פונקט פונעם שטעטל, און ווען דאָס פייער האָט אַ זעץ געטון צום הימל, פלעגן זיי נאָך עטלעכע מאָל אַרומקרייזן איבער דעם שטעטל, מאַכן קאָזשעלקעס און אַקראָבאַטישע לופט־פליערישע קונצן און רואיקע, זיכערע, פון קיינעם נישט פאַרטשעפּעט, אומקערן זיך אומבאַשטראָפט צו זייערע באַזעס. זיי פלעגן איצט קומען וואָס אַמאָל אָפטער, און פאַר לצנות־וועגן, פלעגן זיי זיך סתם אַזוי אַראָפּלאָזן איבער אַ דאָרף און אויב ער האָט שוין געהאַט אויסגעשיט אַלע באָמבעס אויפן נאָענטן שטעטל, פלעגט ער אַזוי זיך, צו פאַרוויילן זיך אַביסל, אַ קנאַק טון פון קוילנוואַרפער איבער דאָרף. ס׳פלעגט זיך מאַכן, ווען אַ פויער, וואָס איז גראָד געשטאַנען פאַר דער כאַטע און גלאָצן אין הימל אַריין, צעשפּרייטן די אָרעמס, ווי אַ געשאָסענער פויגל, און מיט אַ פלוצימדיקן: „אָ יעזו!“ באַגיסן מיט בלוט דאָס געלע זאַמד, און באַשפּריצן דערמיט די פרישאויסגעווייסטע ווענט פון דער כאַטע. פויערים האָבן אויפגעהערט אַרויסצוגיין צו דער אַרבעט אין די פעלדער און געקוקט מיט פחד אויפן בלויען הימל, באַלד ווי זיי האָבן דערהערט דאָס רוישן פון די עראָפּלאַנען. דער הימל, דער גוטער בלויער הימל, מיט די געמיטלעך־שפּאַצירנדיקע וואָלקנדלעך, האָט אויפגעהערט צו זיין דער בשורה־טרעגער פון זון און רעגן, פון גוטן וועטער פאַר דער אַרבעט אין פעלד, אָדער פון געבענטשטע וואַסערן דאָס פעלד צו באַפרוכפּערן. ער איז געוואָרן אַ שליח פון

14) מלחמה פון די פּאַנעס, פון די פּריצים.

מלאך־המות, דער הימל, אַן אָנזאָגער פון פייער און טויט. דאָס רוישן פון די מאָטאָרן האָט זיך געטראָגן איבער די וועלדער און פעלדער אײנטאָניק, דענערווירנדיק, שרעקנדיק און אַרויסציענדיק ס׳חיות פון די מענטשן.

דאָס אַדורכמאַרשירן פון לויזע גרופן סאָלדאַטן איז געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג: עס זענען געגאַנגען גאַנצע פּאָלקן, וואָס האָבן שוין מורא געהאַט צו גיין מיט די גרויסע צענטראַלע שליאַכן, און עס זענען געגאַנגען לויזע איבערבלייבעכצן פון צעקלאַפּטע רעגימענטן, וואָס האָבן נישט געוווסט אַפילו וווהין און נאָך וואָס זיי גייען. עס זענען געגאַנגען איינצלנע סאָלדאַטן, וואָס האָבן „פאַרלוירן" זייערע אָפּטיילונגען, און געפּרווט אַפילו טיילמאָל איינהאַנדלען ציווילע „שמאַטעס" בכדי צו קענען זיך אַריבערקלייבן אַהיים. אַלע האָבן געהאַט דאָס זעלבע צו דערציילן: וועגן גענעראַלן און פּאָלקאָווניקעס, וואָס האָבן שטיין געלאָזט זייערע פּאָלקן און אַנטלאָפן דער טייוול ווייס וווהין, וועגן אָפיצירן וואָס האָבן געמאַכט אין די הויזן ביים ערשטן שאָס, וועגן אַטאַקעס פון קאַוואַלעריע מיט גאָלע שווערדן אויף טויט־שפּריצנדיקע טאַנקן, וועגן גבורה פון פּוילישן סאָלדאַט, אויב עס האָט זיך שוין יאָ געמאַכט אַמאָל אַ שלאַכט אויג אויף אויג, פּנים־לפנים. פּחדנים זענען זיי, די דייטשע הינער־פרעסעו׳, די באַנדיטן און „העלדן" וואָס שיסן צו פּאַסטעכער אויף די לאָנקעס, און ווען עס קומט צו אַן אַטאַקע אויף באַגנעטן, אַנטלויפן זיי. די הינטישע נבלות, און האַלטן נישט אויס דעם אימפּעט. אָבער די מלחמה איז שוין סיי־ווי פאַרשפּילט, ווייל די דייטשן האָבן טאַנקן, און קיין דייטשער סאָלדאַט מאַכט נישט קיין איין טריט צופוס, אַלץ איז ביי זיי אויף רעדער, אויטאָס, גרויסע און קליינע, מאָטאָציקלען און ראָווערן, און זיי דאַרפן נישט צו מאַרשירן און שלאָגן זיך נאָך אַ מאַרש וואָס דויערט אַ גאַנצע נאַכט. און די הויפּטזאַך, זיי קלאַפּן פריער פון גרויסע האַרמאַטן, אַקערן דורך די ערד מיט שראַפּנעלן פון דער אַרטילעריע און מיט באָמבעס פון די עראָפּלאַנען, און ווען דאָס איז געטון, קומען זיי צום גרייטן, און נעמען די פּאָזיציעס אָן אַ שאָס אפילו. און דער פּוילישער סאָלדאַט האָט נישט קיין געווער, האָט נישט קיין אַמוניציע, האָט נישט קיין טאַנקן, און מאַרשירט, ד״ה ער אַנטלויפט גאַנצע נעכט נאָכאַנאַנד. אַזוי האָבן זיך די דורכגייענדיקע מאַרודערן אָפּגערעדט ס׳האַרץ פאַר די פּויערים, און געזוכט אַ געלעגנהייט, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון גאַנצן

עסק, וואָס איז שוין סיי־ווי קיין שמעק טאַבאַק נישט ווערט.

די פּאַליציאַנטן אין די דערפער האָבן גענומען אויסטון די מונדירן און אַרומשפּאַצירן אין די ציווילע קליידער. דאָס איז שוין געווען דער ערגסטער סימן, ווייל אַז אַ פּאָליציאַנט וויל שוין פּטור ווערן פון זיין מונדיר, איז אַ סברא, אַז די מלוכה האַלט שוין טאַקע ביים אונטערגיין. און פּלוצלינג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די מעשה איז גאָרנישט אַזוי פּראָסט. זונטיק האָט דער גלח געהאַלטן אַ רעדע נאָך די תּפילות, און געבעטן גאָט ער זאָל אָפּהיטן דאָס דאָזיקע פרומע, קאַטוילישע גאָט־פּאָרכטיקע לאַנד פון הונגער, נויט, מגיפות און פון דער גרעסטער פון אַלע צרות, פון גאָטלאָזיקייט. ער האָט געבעטן גאָט, אַז ער זאָל אַראָפּ־שיקן זיין גענאָד און אַריינהויכן אין די נשמות פון זיינע שעפּעלעך אַ ווילן קעגנצושטעלן זיך דעם אַנטיקריסט וואָס שאַרפט זיינע ציין אויף די אומשולדיקע. די עלטערע גאָספּאָדאַזשעס האָט דער גלח שפּעטער אין אַ פּריוואַטן שמועס דערציילט, אַז די באָלשעוויקעס זענען אַריבער די גרע־נעץ שוין זינט עטלעכע טעג, אַז זיי גייען ווי אַ שטורעם פאָראויס, אַז זיי ווילן באַזעצן דאָס לאַנד, און נישט צולאָזן דעם דייטש צו זייערע גרע־נעצן, אַז די פּוילישע רעגירונג האָט שוין פאַרלאָזט דאָס לאַנד. דערציילנ־דיק דאָס, האָט דער גלח אַלע צוויי מינוט פאַרגלאָצט די וואַסערדיקע אויגן צום הימל, און דערמאָנענדיק די באָלשעוויקעס, האָט ער יעדעס מאָל אויסגעשפּיגן, און געקריצט מיט די ציין. דאָס הייסט עס, איז געווען די סיבה, פאַרוואָס די פּאָליציאַנטן האָבן פּלוצלינג אויפגעהערט צו טראָגן זייערע מונדירן, און גענומען חנפענען אי די יידן, אי די יעניקע פּויערים, וואָס זענען געזעסן אַמאָל פאַר געהערן צו דער סאַמאָפּאָמאָץ כלאָפּסקאָ. 15)

איינציקוויז האָבן אָנגעהויבן אַהיימקומען די פּויערישע זין וואָס האָבן געדינט אין מיליטער. זיי פלעגן קומען ביינאַכט, אַנקלאַפּן שטיל אין די לאָדנס, און איינשטילן די פּלוצימדיקע פרייד־אויסגעשרייען פון זייערע מאַמעס, מיט אַ לאַנגן „ששש"..., פּונקט ווי זיי וואָלטן נאָך אַלץ מורא געהאַט פאַר עמיצן. זיי פלעגן בלייבן זיצן אין שטוב, אינעם שיין פון נאַפטענעם לעמפּל, קוקן מיט צעדולטע אויגן אויף די אָרום־פאַר־

15) פּויערישע זעלבסטהילף — אַ פּויערישע פּאַרטיי ענג פאַרבונדן מיט דער קאָמפּאַרטיי.

זאַמלטע בני־בית, קראַצן זיך די פלאַקסענע צעשויבערטע טשופּרינעס, פירן מיט קויטיקע הענט איבער די פון היץ און ווייטע ווינטן צעפּלאַצטע פּנימער, און כּמעט ווי נישט ענטפערן אויף די געשטעלטע פראַגן. טייל־מאָל בלויז, ווען אַ שכנטע, וואָס האָט אויך געוואַרט אויף איר זון, פלעגט אַריינקומען און פרעגן, צי אפשר ווייס ער נישט עפּעס, פלעגן זיי קוקן אויף דער פרעגנדיקער מיט אַ צעחושטן, פאַרתמטן בליק, און ענטפערן: „ניע וויעם". 16). אָבער אָפט פלעגט פאַלן דאָס קורצע פויעריש־זאַכלע־כע: „פּאַדל ניע דאַלעקאָ מניע", 17). און אַ שלוכץ פלעגט צערייסן די נאַכט, וואָס האָט נאָך אַלץ געדונערט מיט אָפּקלאַנגען פון ווייטע האַר־מאַטן־שאָסן, די נאַכט, וואָס האָט נאָך אַלץ געשיינט מיטן אָפּגלאַנץ פון ווייטע לונעס, מיט רויטקייט פון ווייטע שריפות. אַרום אָט־די פּלוצים אַהיימגעקומענע פלעגן זייערע מאַמעס אַרומגיין אויף די שפּיץ נעגל, צו־טראָגן זיי דאָס בעסטע און שענסטע, און שכנטעס פלעגן קוקן מיט קנאה, טראַכטנדיק וועגן דעם, אַז זייער אַנטעק צי מאַטשעק האָט נישט געהאַט געוניג שכל, אויף צו האָבן אין דער ערד די גאַנצע „פאַרדאַסטע" מלחמה, און אַדורכרייסן זיך אַהיים. אָט־דער האָט געהאַט אַ קאָפּ אויפן קאַרק — האָבן זיי געטראַכט די שכנטעס — און איז דאָ אין דער היים, אָבער מיינעו', אָדער ער וועט געהרגעט ווערן, אָדער ער וועט פוילן ערגעץ אין געפאַנגענשאַפט.

די צוריקגעקומענע סאָלדאַטן פלעגן אָפּעסן דאָס שוואַרצע, זויערע, פויעריש־היימישע ברויט מיט אַ שיסל זויערע מילך, נישט ריידן גאָר־נישט, און אַוועקפאַלן אויף אַ קופּע היי אין סטאָדאָלע, און אָפּשלאָפן צוויי, דריי מעת־לעת נאָכאַנאַנד, ווי מתים. דערנאָך פלעגן זיי אויפ־שטיין, און זאַכלעך, רואיק, ווי קיינמאָל גאָרנישט, נעמען זיך צו דער אַרבעט אינעם באַלעבאַטישקייט. בלויז טיילמאָל, ווען מען פלעגט זיי אַ פרעג טון, ווי אַזוי עס איז זיי צוגעגאַנגען אויפן פראָנט, פלעגן זיי ענט־פערן אַלע מיטן זעלבן באַקאַנטן נוסח: „קאָוואַלעריע קעגן טאַנקן האָבן זיי געשיקט, די פּאַנעס, אַ רוח אין זייער אויסגעלאַסענער, הינטישער, פּריצישער נשמה".

---

16) כ'ווייס נישט.

17) געפאַלן נישט ווייט פון מיר.

„גיי, קינד מיינס, גיי!״

כאָטש עס האָט געדויערט אַן ערך דריי וואָכן, און פונדעסטוועגן, אַז עס איז קלאָר געוואָרן, אַז שוין, אויס פּוילן, נישטאָ מער פּוילן, נישטאָ קיין רעגירונג, נישטאָ קיין פּויליש מיליטער, קיין אַמטן, נישטאָ גאָרנישט נישט — איז, עפּעס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס אַלץ וואָס איז במשך פון אָט־דער צייט געשען, איז געווען נישט מער ווי אַ בייזער חלום. מען האָט זיך נישט געקאָנט צוגלויבן, אַז די רויט־ווייסע שילדן מיטן „תרנגול״ האָבן שוין מער קיין שום חשיבות נישט, אַז טאַקע דאָ ביי די ברעגעס פון דער ווייסל, הענגט אַ פאָן מיטן האקנקרייץ. און פּונקט ווי אין די ערשטע מינוטן נאָך עמיצנס טויט, גיט מען זיך נישט אָפּ קיין דין־וחשבון, אַז אָט ליגט ער דער מת, וואָס איז ערשט געווען אַ לעבעדיקער נפש, אַזוי איז געווען שווער צו באַנעמען, אַז ער ליגט טאַקע, דער „תרנגול״, אַ געשאָכטענער, און הגם ער פּאַטשט נאָך מיט די פליגל אָן דער ערד, הגם ער פריכצט נאָך אין גסיסה, און צוזאַמען מיטן בלוט פון איבערגעשניטענעם גאָרגל, גייט אים אויס ס׳לעצטע ביסל חיות, אָבער נאָך אַ ווייל וועט ער בלייבן אַ טויטער, און אומבאַוועגלעכער.

דער איבערגעשניטענער גאָרגל האָט נאָך אַלץ געבלוטיקט: דאָס איז געווען דאָס צעבונטעוועטע וואַרשע, וואָס האָט נאָך אַלץ אָפּגעענטפערט מיט שאָסן, מיט אַטאַקעס קעגן אַטאַקעס. עקשנותדיק, אונטער אַ האָגל פון באָמבעס און שראַפּנעלן, אין פלאַם פון שריפות, מיט צעקלאַפּטער וואַסער־לייטונג, אָן ליכט, אָן מעדיקאַמענטן, האָט נאָך אַלץ וואַרשע געקעמפט. די געדעמפטע אָפּקלאַנגען פון וואַרשעווער גערעמלען האָבן זיך געטראָגן איבערן לאַנד, האָבן נאָך געצונדן פייערלעך אין די אויגן, און געמאַכט דאָס האַרץ קלאַפּן שנעלער, אָבער מען האָט שוין אויף גאָרנישט נישט געהאָפט. מען האָט געוווסט: פּוילן עקזיסטירט שוין נישט מער.

די דייטשן האָבן שוין געהאַט צעקלאַפּט אַלע גרעסערע אַרמיי־איינהייטן, און הגם דאָ און דאָרט האָבן זיך נאָך לויזע גרופּקעלעך געבלאָנקעט אין די וועלדער, אָבער אין דער דייטשער פּרעסע איז שוין געווען געמאָלדן אַז „דער פעלדצוג אין פּוילן געענדעט״. זיי האָבן זיך גענומען איינשטעלן די אַדמיניסטראַציע אין דעראָבערטן לאַנד.

אין די קליינע שטעטלעך זענען אָנגעקומען דייטשע פּאַטרולן אויף מאָטאָציקלעטן. זיי פלעגן פאָרפאָרן מיט אַ טראַסק, מיטן געווער אין האַנט גרייט צום שיסן, מיט פוילישע איבערזעצערס, און שטענדיק מיט אַזאַ איינעם, וואָס איז באַלד, אויפן אָרט, נאָמינירט געוואָרן אַלס ביר־גערמייסטער אין שטאָט. מערסטנטייל זענען דאָס געווען דייטשן וואָס האָבן יאָרנלאַנג געוווינט אין פוילן, טיילמאָל אפילו פון דור־דורות, דאָ געבוירענע און דאָ דערצויגענע, אויף פוילישער מילך געהאָדעוועטע, און מיט פוילישן ברויט געקאָרמעטע, אין פוילישע שולן געכאָוועטע. איצטער זענען זיי געקומען, שטאָלצע מיט פאַרריסענע קעפּ, חוצפּהדיקע, מיט האקנקרייץ־אָרעמבענדער אויף די אַרבל, דורכפלעכטנדיק זייער אויסגע־צייכנטן פויליש מיט דייטשע ווערטער, באַפעלנדיקע און מאַכטהאָבע־רישע. אין די דייטשע קאָלאָניעס, וואָס אויף די ווייסל ברעגעס, האָבן די געוועזענע „פאָליאַקן־פּראָטעסטאַנטן" געיובלט און געפּרייט זיך, באַ־צירט די ציכטיקע כאַטעס מיט האַקנקרייץ־פאָנען, געשיכורט און געהו־ליעט. און דאָס אַלץ זענען געווען דייטשן, וואָס פלעגן זיך פריער באַליי־דיקן, ווען מען פלעגט זיי זאָגן אַז זיי זענען נישט קיין פּאָליאַקן. דייטשן, וואָס האָבן געוווינט אין פוילן פון 300—400 יאָר שוין. די זין זייערע, אָדער, אויב זיי זענען געווען אין דער פוילישער אַרמיי, האָבן זיי גע־שפּיאָנירט און אויסגעפירט סאַבאָטאַזש־אַקטן אין צייט פון דער קורצער „מישטיינס־געזאָגט־מלחמה", אָדער, נאָך צוויי צי דריי מאָנאַטן פאַרן קריג זענען זיי אַוועק קיין דייטשלאַנד, און איצטער זענען זיי צוריקגע־קומען צוזאַמען מיט דער היטלעריסטישער אַרמיי, אין נייע מונדירן, מיט קרייצן און מעדאַלן, זיגרייכע, עזותדיקע, און חוצפּהדיק־פאַרשייטע.

אין אָנהייב האָבן זיך די דייטשן געגומען אויפפירן לייטיש; מען האָט נישט געטשעפּעט קיינעם, די סאָלדאַטן האָבן אַרומגעשפּאַצירט אין ניי־דעראָבערטן לאַנד, וואָס האָט זיך געטוקט אין בלוי־דורכזיכטיקן, מיט גאָלדנס־געהאָפטענעם האַרבסט, ווי שמייכלענדיקע אויסלענדישע טור־ריסטן. יונג זענען זיי געווען מערסטנטייל, פעסטע בלאָנדע שקאָצים. מיט אַ געלעכטער און אַ לוסטיקן קנייטש אין די אויגן־ווינקעלעך. זיי האָבן אַרויסגעגעבן באַפעלן, אַז די סוחרים, אָן אונטערשיד פון נאַציאָנאַליטעט, זאָלן עפענען זייערע געשעפטן, און מען וועט קיינעם חלילה־וחס, נישט טשעפּען. ווער עס אַרבעט ערלעך, און וועט זיך נישט בונטעווען קעגן

ז׳ער דייטשער מיליטערישער מאַכט, דעם וועט קיין האָר פון קאָפּ נישט אַראָפּפאַלן. ווען מ׳האָט זיי אָנגעוויזן, אַז מען דאַרף ברענגען סחורות פון גרעסער עשטעט, און אויף די וועגן איז אַ מורא צו פאָרן צוליבן מיליטער, האָבן זיי גענומען אַרויסגעבן צעטעלעך, אַז פלוני־אַלמוני איז אַ סוחר, און פאָרט דאָרט און דאָרט, און מען זאָל אים נישט שטערן. די דייטשע פּאַטרולן אויף די וועגן האָבן רעספּעקטירט די דאָזיקע שיינען, נישט געפרעגט קיינעם ווער ער איז, צי איז ער אַ ייד אָדער נישט, און נאָכן איבערלייענען דאָס צעטעלע, צוריקגעגעבן עס מיט אַ העפלעך, מערב־אייראָפּעאיש שמייכעלע און אָפטמאָל אַפילו מיט אַ „דאַנקע שעהן". זיי פלעגן אַרומשפּאַצירן אין די גאָלדיק־זוניקע נאָכמיטיקס, די סאָלדאַטן, און לאַכנדיק קויפן אַלץ, וואָס ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט, גריזשען די זאַפטיקע פאַררויטלטע פּוילישע עפּל, באָדן זיך אין דער ווייסל, קויפן גאַנצע שאָקן מיט אייער און מאַכן אויף דער פרייער לופט אייערקוכנס, און קנייפּן די פעסטע לייביקע שיקסעס, מיט וועלכע זיי האָבן נישט געקאָנט אויסטענהן, אָבער נישקשה, זיי האָבן זיך שוין פאַרשטענדיקט...

אַזאַ מין אידיליע פלעגט דויערן צוויי־דריי טעג, און דערנאָך פלעגן זיך באַווייזן אין שטעטל אַ גרופּע „שוואַרצע טייוולאָנים", עסעסאָווצעס אין די שוואַרצע מונדירן, און צוזאַמען מיטן מיליטערישן קאָמאַנדיר און מיטן ציווילן בירגערמייסטער פלעגן זיי מאַכן אַ שפּאַציר איבער די גאַסן. זיי פלעגן זיך אָפּשטעלן דאָ, אָנווייזן עפּעס דאָרט, נאָטירן, צייכענען, פאַרשרייבן, און... באַלד אויף צומאָרגנס פלעגט עס זיך אָנהייבן.

אָנגעהויבן האָט עס זיך אויך לוסטיק, וויציק, אומשולדיק־קונדייסיש. אָט גייט אַ ייד איבער דער גאַס. אַ 18־20 יעריקער דייטש קומט אים אַנטקעגן. ער הייסט בלייבן שטיין, דער דייטש, נעמט אַרויס אַ שערל פון טאַש, און שערט אים אָפּ אַ האַלבע באָרד מיט איין פּאה. „איצט וועסטו זיך שוין מוזן אָפּראַזירן און אויסזען ווי אַ מענטש", פלעגט ער לאַכן דעם ייד אין די אויגן. און געהייסן אים אויפקלייבן די האָר פון די מראַטוּאַרן. „זע, גיב אַכטונג, זאָלסט אויפקלייבן אַלע האָר, ווייל אויב דו לאָזט דאָ איבער שמוציקע יידישע האָר, וועל איך דיר שוין מוזן אָפּשערן די באָרד מיטן קאָפּ צוזאַמען". אָט קומט צו אַ דייטש צו אַ יידענע, וואָס פאַרקויפט עפּל. „וויפל קאָסטעט איין קילאָ?" — פרעגט ער, דער דייטש. „50 גראָשן" — ענטפערט די יידענע. „וואָרום זאָ טייער?" —

פרעגט ער ווידער, און שמייכלט — „קאָנסטו דען ניכט בּיליקער פער־קויפן?" „ניין, איך קאן נישט, ערנוואָרט" — ציטערט שוין די יידענע פאַר שרעק. און דעמאָלס קומט דער וויץ. דער דייטש צעשפּרייט זיין רויט־אָנגעלאָפענע מאָרדע אין אַ בּרייטן געלעכטער. ער פאַרהאַלט עט־לעכע יידישע דורכגייער, און שטעלט זיי אויס אין אַ קרייז. ער זאָגט ערנסט און מיט פּאַטאָס: „דיזע יודין זאַגט, דאס זי איין עהרען־וואָרט האט, אבער דאס איזט קאָמיש, ווייל די יודען קיין עהרע האַבּען, און דער־רום קאַן עס אַאוך ביי יודען קיין עהרען וואָרט געבּען, פערשטאַנדען?" — ער לאַכט דער דייטש, די יידן שטייען אַרום און שווייגן. דעמאָלט פאַלט דער דייטש אַריין אין אַ חיהשער רציחה: „אַנטוואָרטן, פאַרשטאַנדען. ווען איין דויטשע פראגט, דאַן מוסט איהר אַנטוואָרטן, שמוציקעס דרעק!" — אַ שוים זעצט אים פון פּיסק, ער ציט אַרויס דעם פּיסטויל, און האַלטנדיק אים אָנגעצילט, צווינגט ער אַלעמען נאָכצוזאָגן אים כאָראַל, אַז: „מיר, פאַרזאַמלטע יידן, באַשטעטיקן אַז די יידן האַבּן נישט קיין ערע און קענען נישט האַבּן קיין ערנוואָרט". דעמאָלט לייגט ער אַוועק דעם פּיסטויל, צעטיילט עטלעכע קלעפּ אויף רעכטס און אויף לינקס, און אַ צופרידענער מאַרשירט ער אַוועק.

ס'איז שבת פאַרנאַכט. אַ יידענע זיצט פאַר דער טיר, מיט די בּרילן אויף דער שפּיץ נאָז. אַ תחינה ליגט אויף אירע קני. די איינגעפאַלענע ליפּן שעפּטשען שטיל, מיט כוונה, מיט שבת־פאַרנאַכטיקער, נאָך־שלוש־סעודות־דיקער פרומקייט. איר גאַנץ ביטער האַרץ, איר גאַנץ געפּלאָגט און געמאַטערט לעבּן, אירע אַלע זאָרגן, צרות, האָפענונגען און געבּעטן לייגט אַריין די יידענע אין אָט דעם צעוויגטן צעשאָקלטן שעפּטשען. און די לופט אַרום איז אַ שטילע, אַ סאמעטענע, אַ ליבּלעכע, פּונקט ווי גאָט אַליין וואָלט מיט אומדערזעבּאַרע הענט געקליבּן דער יידענעס טרערן, וואָס קאַפּען אויף די געלע בּלעטלעך פון דער אַלטער תחינה. און פּלוצ־לינג: „וואס איסט דאַס? איין טאַלמוד? אַה, איהר פערפלוכטע..." און באַשטיוולטע פיס צעטרעטן די תחינה, אַ האַריקע פויסט וואַרפט אַראָפּ מיט איין קלאַפּ, אי די פאַרצייטישע בּרילן פון דער שפּיץ נאָז, אי דאָס קאָפּטיכל מיטן שייטל צוזאַמען. דאָס שבתדיק־פאַרנאַכטיקע ווינטל שפּילט זיך ווייטער מיט די תחינה־בּלעטער, און גאָטס הענט ליגן אין בּלאָטע מיט צעקוועטשטע פינגער.

זיי האָבן זיך גענומען זייער שטאַרק צו פאַרזאָרגן די יידן מיט הי־גיענע, די דייטשן טאַקע. יעדן טאָג גייען אַרום גאַנצע באַנדעס, כאַפּן יידן אין די גאַסן, פירן זיי אין מרחץ, הייסן מאַכן הייס וואַסער און הייסן די יידן באָדן זיך אין כמעט קאָכענדיקן וואַסער. דערנאָך ברענגט מען אַ ייד אַ שערער און מען הייסט אַלעמען אָפּשערן, אָבער בלויז האַלבע בערד, פון איין זייט נאָר, זיי שטעלן שפּעטער אויס די יידן אין שורות צו פיר, און מיט געזאַנג פירט מען זיי איבערן שטעטל.

ביידע שוחטים פון שטעטל האָט מען אַרומגעפירט האַלב נאַקעט, מיט חלפים אין די הענט, און געצוווּנגען זיי טאַנצן אין מיטן גאַס.

באַלד דערנאָך זענען געקומען די פאַראָרדענונגען, אַז יידן מעגן אַרויסקומען אין גאַס אַריין נאָר אין באַשטימטע שעהן. דערנאָך אַז יידן מעגן וווינען נאָר אין באַשטימטע גאַסן. קיין געלע לאַטעס זענען נאָך נישט געווען, איז עס אויסגעקומען די דייטשן אַביסל שווערלעך צו דער־קענען יענע יידן, וואָס קליידן זיך אייראָפּעאיש. אָבער די דאָזיקע שוועַ־ריקייטן איז געווען זייער לייכט ביייצוקומען. דערויף האָבן דאָך עפּעס די יידן „גוטע פריינט און באַקאַנטע" צווישן דער אָרטיקער באַפעלקערונג, צווישן די פּאָליאַקן. באַנדעס פון דייטשע סאָלדאַטן, באַגלייט פון פּויליַ־שע „וועגווייזערס", פלעגן זוכן די יידן, און פּאָליאַקן פלעגן זיי לייכט גע־פינען. פּאָליאַקן, וואָס האָבן נעכטן געהאַנדלט מיט די יידן, געווען די בעסטע גוטע פריינט, געמאַכט געשעפטן, געבאָרגט געלט, געקויפט און פאַרקויפט, זענען איצטער געוואָרן די „אויגן און אויערן" פון דער צע־יושעטער דייטשער בעסטיע, אָנגעוויזן ווו יידן וווינען, ווו יידן האָבן באַהאַלטן זייער סחורה, ווו זיי האַלטן ס׳צירונג, געגעבן אינפאָרמאַציע, צי דער אָדער יענער ייד איז רייך צי אָרעם. באַנדעס פּאָליאַקן פלעגן זיך אויסשטעלן פאַר יידישע געשעפטן, און דייטשן פלעגן צווינגען די יידן צו „פאַרקויפן" זייער סחורה צו די פאַרזאַמלטע פּאָליאַקן פאַר גראָשנס, פאַר אַ זלאָטע אַ פאָר שיך, פאַר 2 זלאָטעס אַן אַנצוג אאַז״וו. שפּעטער פלעגן די דייטשן צונעמען אויך דאָס דאָזיקע געלייזטע געלט פאַר „פאַרלעגע־נע שטייערן". טיילמאָל ווידער פלעגט אַ „גוטער" פּאָליאַק אַריינקומען צו אַ ייד צוזאַמען מיט אַ דייטשן אָפיציר, און „אָפּקויפן" פון אים דאָס גאַנצע געשעפט פאַר אַ שיבוש.

מען האָט אָנגעהויבן כאַפּן אויף אַרבעט. אין באַשטימטע שעהן,

פלעגן דייטשן, צוזאַמען מיט פּוילישע וועגווייזערס אַרומגיין איבער יידי־שע שטובן און נעמען צו דער אַרבעט. מערסטנטייל איז עס געווען אַן אַרבעט, וואָס איז גאָרנישט נויטיק געווען אַצינד, ווי טראָגן שטיינער און שפּעטער צוריקטראָגן זיי אויפן פריערדיקן אָרט. וואַשן אַ דיל, אָנטראָגן שפּעטער בלאָטע, אויסשמירן דעם דיל, און... וואַשן אים פונדאָסניי. אויס־גראָבן אַ גרוב און צוריק פאַרשיטן אים מיט די גאָלע הענט, א. ד. גל.

וואַרשע איז געפאַלן. דאָס לעצטע פלעמעלע פון ווידערשטאַנד איז געוואָרן צוגעטרעטן מיטן ברוינעם שטיוול. אייגנטלעך האָט מען דאָך געוווסט אַז עס קאָן גאָר אַנדערש נישט געשען, אַז קיין אַנדערער אויס־גאַנג פון אָט־דעם האָפענונגסלאָזן וואַרשעווער קאַמף האָט גאָרנישט גע־קאָנט געמאָלט זיין. אָבער דאָך, ווען עס איז באַקאַנט געוואָרן, אַז אויך דאָרט שפּאַצירן שוין אַרום די דייטשן איבער די גאַסן, איז עס געווען ווי נאָך אַ מעסער וואָלט זיך אַריינגעשטאָכן אין סאַמע אָנגעווייטיקטסטן אָרט. מענטשן האָבן זיך איבערגעגעבן די ידיעה וועגן דער וואַרשעווער קאַפּיטולאַציע מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, נישט וואַגנדיק צו קוקן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן אַריין.

מיט זייטיקע וועגן, ווי אויף די פליגלען פון ווינט האָבן אָנגעהויבן קומען ידיעות, אַז די רוסן גייען פאָראויס. די ידיעות האָבן אַרומגעפלאַ־טערט איבער די יידישע שטיבער ווי שוואַלבן וואָס ברענגען אַ גוטע בשורה אין דער סאַמע שרעקלעכסטער פראָסט. מען האָט זיך איבערגע־געבן פון אויער צו אויער, אַז די רוסן האָבן צעקלאַפּט דעם שוואַכן פּוי־לישן ווידערשטאַנד, און איצטער מאַרשירן זיי מיט אַ ברייטער וואַנט אויף מערב. מען האָט דערציילט וועגן צוזאַמענשטויסן מיט דייטשע אָפּ־טיילונגען. וואָס פלעגן זיך שטענדיק ענדיקן מיט דייטשע מפּלות, און מיטן צוריקצוג פון די דייטשן. מען האָט דערציילט, אַז אומעטום, וווּ די רוסן קומען אַריין, אָטעמען אָפּ די יידן פרייער, דערפילן ערשט די יידן, וואָס מיינט קענען לעבן אָן שרעק, קענען אַרומגיין פריי אין גאַס, קענען זיין דאָס וואָס זיי זענען: יידן און מענטשן מיט מענטשן צוגלייך.

גרויסע מחנות פון דייטש מיליטער האָבן גענומען ציען אַריבער אויפן לינקן ברעג פון דער ווייסל. די דייטשן אַליין האָבן איצט דער־ציילט, אַז ביז צו דער ווייסל וועט זיין איינגעשטעלט די רוסישע הער־שאַפט, אַז די ווייסל וועט זיין די גרענעץ. לובלינער יידן, וואָס זענען גע־

קומען צופאָרן האָבן דערציילט, אַז דאָס רוסישע מיליטער שטייט שוין אין פּיאַסקי, 7 קילאָמעטער פון לובלין, אַז זיי פאַרפאָרן אָפּט אין שטאָט אַריין, קיין לובלין אין זייערע לאַסט־אויטאָס און טאַנקן. זיי האָבן דערציילט, די לובלינער, אַז די דייטשן צוימען דעמאָלט אָפּ די גאַסן, און לאָזן קיינעם נישט צו, אָבער נישט שטענדיק געלינגט עס זיי. מען האָט דערציילט, ווי אַ רוסישער טאַנק איז פאַרפאָרן אין לובלין אויף גראָדסקע גאַס, און אָפּגעשטעלט זיך. מענטשן האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום און אַרום. אַ דייטשער זשאַנדאַרמעריע־פּאַטרול איז צוגעקומען און געפּרוווט די מענטשן פונאַנדעריאָגן. פון טאַנק איז אַרויס אַ יונגער קאָמאַנדיר מיט אַ פּיסטויל, גרייט צום שיסן, אין האַנט. „זאָלסט שוין אַוועקגיין פון דאַנען״ — האָט ער געשריגן, דאָס קאָמאַנדירל, אין אַ האַלב־דייטש־האַלב־יידיש — „הערסט, וואָס מען רעדט צו דיר, דאָ שטייט אַ סאָוועטישער טאַנק, זאָלסטו נישט וואָגן פונאַנדעריאָגן די מענטשן. דאָס שטיקל אָרט ווו אונדזערס אַ טאַנק שטייט, איז אַ פרייַ שטיקל אָרט, פאַרשטייסט וואָס מען רעדט צו דיר״. דער פּאַטרול האָט זיך גענומען צוריקציען, דער קאָמאַנדיר האָט אים צוריקגערופן: „אַ קאָמאַנדיר האָט גערעדט צו דיר, סאַלוטיר, ווען דו גייסט אַוועק״, — האָט ער אים אַ זאָג געטון — „אפשר געפעלט דיר נישט וואָס דו מוזט סאַלוטירן אַ יידן, נאַר פאַרפאַלן, ברודערל״. — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ געלעכטער. דער עלטסטער פון פּאַטרול האָט פאַרגלאָצט די אויגן, סאַלוטירט, און אַוועק, אונטער דער באַגלייטונג פון הילכיקן געלעכטער פון די פאַרזאַמלטע.

יידן אין די שטעטלעך ווו די רוסן זענען נאָך נישט אַריינגעקומען, האָבן זיך איבערגעגעבן די דאָזיקע מעשות, ווי בשורות־טובות פון דער גרויסער ישועה וואָס אָט־אָט קומט זי אָן. מען האָט געזעהן אין באַהעלטעניש גרויסע רויטע טראַנספּאַרענטן, געהאָפטן פאָנען, געגרייטע אויפנאַמס־קאָמיטעטן, צוגעגרייט גרופּעס קינדער, וואָס האָבן געזאָלט מיט בלומען־קרענץ אַנטקעגן־גיין און אויפנעמען די אַריינמאַרשירנדיקע אַרמיי מיט געזאַנג.

אָבער פּלוצים איז אַלץ אַנטשוויגן געוואָרן. די רוסן זענען טאַקע געשטאַנען אין פּיאַסקי, אָבער מען האָט אָנגעהויבן שמועסן אַז זיי וועלן זיך צוריקציען, אַז זיי גייען אויף צוריק ביז צו דער ליניע פון בוג און סאַן. דאָס פּלעמעלע, וואָס האָט אָנגעהויבן שיינען אין די יידישע אויגן

איז אויסגעלאָשן געוואָרן. רוקנס האָבן זיך איינגעבויגן, קעפּ אַראָפּגע־לאָזט. מען האָט ווידער אָנגעהויבן קוקן אין דער צוקונפט אַריין מיט שרעק, מיט מורא. די זעלבע מחנות דייטשן, וואָס ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק זענען זיי אַריבערגעגאַנגען אויפן לינקן ברעג פון דער ווייסל, זענען איצטער צוריקגעגאַנגען, מיטן צוגאָב פון נאָך מער צאָלרייכע רע־גימענטן. יידן זענען געלעגן ביינאַכט אין די בעטן און געפּרוווט קוקן מיט שלאָפלאָזע מידע אויגן אין דער צוקונפט. אינדרויסן האָבן גערוישט טויזנ־טער אויטאָס, טאַנקן און האַרמאַטן פון דער צוריקקומענדיקער דייטשער אַרמיי. די גאַסן זענען געווען פינצטער, אין די שטובן איז אויך געווען פינצטער, און בלויז דאָס רוישן פון די מאָטאָרן און דאָס געקלימפּעריי פון די טאַנקן און פון דער אַרטילעריע האָט זיך געריסן אין די שטיבער דורך די פאַרמאַכטע לאָדנס, אָוועקגעיאָגט דעם שלאָף פון די אויגן, און אָנגעפילט דעם חלל מיט פּחד, מיט אימה, מיט אַנטוישונג פון נישט־דערפילטע, אומזיסטע האָפענונגען.

די דייטשן האָבן ווידער גענומען שלעפּן אויף „אַרבעט“. די „וויצן“ זייערע זענען געוואָרן וואָס אַמאָל מער אכזריותדיקע, וואָס אַמאָל מער חיהשע. זיי פלעגן אָפּהאַלטן די געכאַפּטע יידן גאַנצע נעכט אונטערן גאָלן הימל, גאַנצע טעג אָן שפּייז און אָן וואַסער, שלאָגן, צונעמען דאָס אָנ־טועכץ, זידלען, פּאַטשן, דערנידעריקן.

פונדערווייטנס זענען געקומען גרוסן, אַז די רוסן ציען זיך ווירקלעך צוריק. חברה יונגוואַרג האָט זיך גענומען רייסן אין וועג אַריין. מאַמעס האָבן געוויינט, מאַמעס האָבן נישט געוואָלט לאָזן אַוועקגיין. ס'וועט זיך איינשטילן“ — האָבן זיי געטענהט די מאַמעס — „אַ וועלט גייט דאָך נישט אונטער“. אָבער אָט איז אַ זון אַהיימגעקומען מיט אַ בלויען צייכן פון אַ נאַהייקע איבערן גאַנצן פּנים, אָט איז אַ צווייטער געקומען מיט אַ צעבראָכענעם' האַנט, אָט אַ פערטער מיט אַ האַלב־אָפּגעריסענעם אויער. אָט האָט מען דערשאָסן אַ יונגנמאַן, ווייל ער האָט געפּרוווט עפּעס צו־ריקענטפערן אַ דייטש. אָט איז געקומען אַ בחור און דערציילט, אַז היינט האָט מען געצווונגען אַ יידישן יונגנמאַן אויפצועסן פערדישע צואה. ער, דער צושויער, האָט זיך איינגעהאַלטן מיט די לעצטע כוחות, בכדי נישט צו וואַרפן זיך אויפן דייטש, וואָס איז געשטאַנען מיטן פּיסטויל אין האַנט, און געחכמהט זיך: „דו מוזט אַרבעטן גוט, און דעריבער דאַרפסטו

עסן, אָבער פאַר יידן האָבן מיר נאָר אַזאַ מין שפּייז, און אויב דו זאָגסט זיך אָפּ, הייסט עס, דו סאַבאָטירסט פאַראָרדענונגען פון דער דייטשער מאַכט, און איך וועל דיך שיסן". דער ייד האָט געגעסן, און שפּעטער גע־בראָכן מיט דער גרינער גאַל פון זיך אַרויס דעם גאַנצן וועג אַהיים.

מאַמעס האָבן אויפגעהערט איינצוהאַלטן זייערע קינדער. זיי האָבן נאָר געוויינט אין דער שטיל, און דורכגעזאָפּט מיט הייסע מאַמעשע טרערן די קישנס ביינאַכט. אָבער זיי האָבן אָנגעהויבן צוגרייטן אָנטועכץ, וועש און עסנוואַרג אין וועג אַריין: „נו, מילא, זאָל שוין זיין אַזוי" — האָבן זיי געטראַכט — „זאָלן די קינדער אַוועקגיין, און מיר וועלן שוין דאָ, ווי עס איז, איבערקומען". און יונגוואַרג האָט זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין. זיי האָבן זיך געאיילט, געוואָלט צוקומען צו די רוסישע ליניעס, איידער זיי ציען זיך וויט אַוועק, איידער די נייע גרענעצן שטעלן זיך איין. די שיין פון וויטן רויטן פאָן האָט געצויגן, די פרייע ווייטע וועלט האָט גערופן, געלאָקט, לאַנגיעריקע טרוימען פון בויען אַ נייע וועלט, פון אַ גרויסן רויטן פרילינג, זענען געווען אַזוי נאָענט, ממש מיט דער האַנט אָנצוטאַפּן. וועגן די עלטערע האָט מען נישט געטראַכט. יוגנט איז עגאָ־איסטיש. יוגנט איז עקספּאַנסיוו. יוגנט רייסט זיך פאָראויס. און באַזונ־דערס, ווען מען האָט געקאָנט איינפאַלן אַז מען לאָזט זיי איבער אויף איי־ביק, אַז די בראָך וועט זיין אַזוי גרויס, אַז מען לאָזט איבער די נאָענטסטע און טייערסטע אויף אַ זיכערן טויט. „קיין אַלטע מענטשן און קיין פרויען וועלן זיי פאָרט נישט טשעפּען" — האָט מען געפּרוווט זיך איינריידן, ווען דער אומרו פלעגט נעמען צאַפּלען אינעווייניק. אַזוי האָבן געקלערט די מאַמעס אויך, און פּונקט ווי זיי האָבן געפּרוווט פריער איינהאַלטן זייע־רע זין און טעכטער, פּונקט ווי זיי האָבן געפּרוווט זיי פריער אָפּריידן, פלעגן זיי איצטער מיט פאַרשטיקטע טרערן, מיט מאַמעשן פאַרגעפּיל אַז אָט זעען זיי זייערע קינדער צום לעצטן מאָל, אַליין צונויפבינדן די קלומיק־לעך אין וועג אַריין, אַרויסבאַגלייטן צום פּלויט, און שעפּטשען מיט ציי־טערדיקע ליפּן: „פאַרפאַלן, מסתם איז אַזוי באַשערט, אפשר וועט גאָט העלפן, און מיר וועלן נאָך זיין צוזאַמען, אָבער איצט, גיי, קינד מיינס, גיי".

דאָס ליכט קומט פון מזרח

די באַן־רעלסן אויפן וועג וואַרשע־לובלין זענען געווען איבערגעהאַקט
אויף עטלעכע ערטער. שווער געווען צו וויסן ווער עס האָט דאָס געטון.
געווען מענטשן וואָס האָבן דערציילט אַז דאָס האָט דאָס פּוילישע מילי־
טער אַליין אויפגעריסן די רעלסן. געווען ווידער אַנדערע, וואָס האָבן גע־
ווּוסט צו דערציילן, אַז דייטשישע באָמבעס, וואָס האָבן געזוכט די עשאַ־
לאָנען פון די פּוילישע אַרמיי־טראַנספּאָרטן, האָבן די רעלסן צעשטערט.
ווי ס'זאָל נישט זיין, זענען נאָך דעמאָלט, אין אָנהויב אָקטאָבער 1939,
קיין באַנען פון וואַרשע קיין לובלין נישט געגאַנגען. נישט ווייט פון פּו־
לאַווי, אין דער ריכטונג צו דער קליינטשיקער דאָרף־סטאַנציע גאָלאָמב,
איז די באַן־ליניע געווען צעשטערט פון אַ מעכטיקן אויפרייס. אַ טיפער
גרוב, ווי אַ רוי־ברוינער לאָך נאָך אַן אויפגעשניטענעם געשוויר, האָט זיך
איינגעביסן אין גראָז־גרינעם לייב פון דעם הויך־אָנגעשיטן באַן־וואַל, און
די איבערגעהאַקטע רעלסן האָבן זיך אויפגעהויבן אין פאַרדרייטע
ספּיראַלן, פּונקט ווי איבערגעשניטענע סטרונעס פון אַ צעשמעטערטער
פּידל. פּויערים פון די אַרומיקע דערפער האָבן פאַריכט די ליניע, אונטער
דער אויפזיכט פון דייטשישע סאָלדאַטן.

אָבער דער אָפּשניט פון פּולאַווי ביז לובלין איז פאַרבליבן גאַנץ, און
די באַן האָט שוין גענומען פונקציאָנירן. צוויי מאָל אַ טאָג איז זי געגאַנ־
גען די באַן, אַהין און צוריק, אַ פולע מיט דייטשישע סאָלדאַטן און אָפי־
צירן, און בלויז מיט צוויי־דריי וואַגאָנעס, פאַר דער אָרטיקער באַפעלקע־
רונג. יידן האָבן מורא געהאַט צו פאָרן מיט אָט־דער באַן, הגם קיין
אָפיציעלער פאַרבאָט פאַר יידן צו פאָרן מיט באַנען, איז נאָך דעמאָלט
נישט געווען, אָבער די פּוילישע „פּאַטריאָטן" האָבן שוין דעמאָלט אָנגע־
הויבן צו באַווייזן, וואָס זיי קענען. און פאַרוואָס טאַקע זיך נישט „פאַר־
ווײַלן" אַביסל, אין אַזעלכע שלעכטע צייטן, ווען דאָס האַרץ טוט נעבעך
וויי, ווייל פּוילן איז אָקופּירט געוואָרן פון שונא? און פאַראַן דען אַ בע־
סערע אופן פון פאַרווײַלן זיך, ווי צונעמען ביי אַ יידן זיין פּעקל שמאַ־
טעס צי עסנוואַרג, און אים אַליין אַ שליידער טון דורך דער צעפּראַל־
טער טיר פון לויפנדיקן צוג? אַזוי שיין באמת צו קוקן ווי דער ייד קייקלט
זיך אַראָפּ פון דעם באַן־וואַל, צערייסט זיך דאָס אָנטועכץ אָן די שטעכי־

קע קוסטן וואָס וואַקסן אויפֿן שיפּועדיקן באַרג־אַראָפּ, און צעממיתטע און צעבלוטיקט זיך זיין פּנים אָן די קליינע שפּיציקע שטיינדעלעך. אַ שאָד נאָר וואָס די באַן גייט שנעל, און מען קאָן נישט לאַנג קוקן די אויגן מיטן בילד פֿונעם יידן, וואָס ליגט אַזאַ קאָמיש־רואיקער שוין אין דער קאַנאַווע, אַ צעהרגעטער, מיט פֿאַרגלייזטע אויגן, מיט בריית צעוואָר־פֿענע, אָנמעכטיקע הענט און פֿיס. די דייטשן באַמערקן פֿון זייער וואַ־גאָנעס אַז עפּעס איז פֿאַרגעקומען, און זיי קומען פֿרעגן, וואָס איז דאָ גע־שען? זיי פֿרעגן שטרענג, ערנסט, זיי ליידן נישט קיין אומאָרדענונגען, די דייטשן, און פֿאָדערן אויפֿקלערונגען. אָבער די פּאָליאַקן כאָטש זיי פֿאַר־שטייען נישט די דייטשע טענות, גיבן זיי באַלד אַ פֿאַרטיקן תּירוץ: זיי טייטלען מיטן פֿינגער אין דער ריכטונג פֿון אומבאַוועגלעכן שוואַרצן פֿלעק דאָרט אין דער קאַנאַווע, און האַלטן אין איין איבערחזרן איין וואָרט, וואָס זיי האָבן זיך אויסגעלערנט שנעל, שוין גאָר צו־שנעל: „יודע, יודע, יודע". און דעמאָלט ווייזט זיך אַרויס, אַז כאָטש מיט ווערטער קע־נען זיי זיך נישט פֿאַרשטענדיקן, אָבער דאָס דאָזיקע וואָרט פֿאַרייניקט זיי ביידן, דעם שטרענגן דייטשן אָפֿיציר, און דעם האַלב־שיכורן פּוילישן ענדעקישן כוליגאַן. דער דייטש שמייכלט ברייט: „גוט, גוט", חזרט ער איבער עטלעכע מאָל, און גייט צוריק אַ צופֿרידענער צו זיך אין וואַגאָן, ווו ס'זיצן די זיגער און שעפּן נחת פֿון די באַזיגטע, וואָס לערנען אַזוי שנעל די חכמה פֿון נאַציזם.

אָבער מ'איז פֿאָרט געפֿאָרן מיט אָט־דער באַן טאָקע, באַמיט זיך נישט צו רעדן בכלל, געזעסן אין גרופּעס, אונטערגעקויפֿט פּוילישע קאָנ־דוקטאָרן, אַז זיי זאָלן באַשיצן פֿון די אָנפֿאַלער, אויסקויפֿן זיך ביי די אָנפֿאַלער, און ענלעכע יידישע פֿאַרטיידיקונגס־מיטלען. פֿון אַלע שטעט־לעך וואָס לעבן דעם ווייסל־פּאַס, איז מען געקומען קיין פּולאַווו, פֿון דאָרטן מיט דער באַן קיין לובלין, כּדי צו זוכן ווייטער דעם וועג צו יענע מקומות, ווו יידן מעגן אַרומגיין פֿריי אין גאַס, אַרבעטן, לאַכן, זינגען, רעדן יידיש, און אַפֿילו טראָגן אַ ביקס אויפֿן אַקסל. אויב ס'איז געוועזן נענטער צו לובלין איז מען שוין געגאַנגען אַהין צו־פֿוס, מיט זייטיקע וועגן, צווישן אָפּגעשוירענע נאָך־שניט פֿעלדער, און געמיטלעך־רוישנדי־קע וועלדער, מיט זייטיקע שמאָלינקע סטעזשקעס און טייל מאָל סתּם מיט אַן אומוועג, געפֿירט בלויז פֿון אַן אינסטינקט.

לובלינער יידן זענען אַרומגעגאַנגען פאַרזאָרגטע און דערשראָקענע. די ישועה איז געווען אַזוי נאָענט, ממש אונטער דער האַנט, און פּלוצ־לינג האָט זיך אַלעס אויסגעלאָזט — אַלע האָפענונגען, דערוואַרטונגען, אויסזיכטן, אַלעס, אַלעס האָט זיך אָפּגערוקט ווייט, ווייט, צוזאַמען מיט די אָפּטרעטנדיקע סאָוועטישע פּאָלקן. מער זעט מען שוין נישט קיין סאָ־וועטישע געפּאַנצערטע אויטאָס, קיין סאָוועטישע טאַנקען, וואָס האָבן גע־פלעגט פאַרפאָרן פריילעך, מיט אַ טראַסק, אין די שמאָלע, אַלטע לובלי־נער גאַסלעך. דער דייטשער גאַרניזאָן האַלט אין איין וואַקסן. מען כאַפּט כסדר אויף „אַרבעט", דייטשע אָפּטיילונגען פליסן דורך די גאַסן און גייען ווייטער; אויף דרום און אויף מזרח. פון די יידישע אויגן איז פאַרשוווּנדן דאָס פריילעכע פייערל, די טיפע פאַרבאָרגענע פרייד וואָס ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט זי אויף שטום־לשון זיך אויסגעטענהט מיט די פאַרבייגייענדיקע דייטשן: „שוין נישט לאַנג, שוין גאָר אינגיכן, און מיר וועלן אייער שוואַרצע פּטור ווערן". יידן קלערן איצט, וואָס זיי האָבן צו טון, און ווידעראַמאָל די זעלביקע פּראָבלעמען, דאָס זעלבע קווענקלען זיך: אַוועקגיין צי נישט. בלייבן איז שלעכט, בלייבן איז ביטער ווי דער טויט, אָבער צוריקגעשמועסט, ווי קאָן מען דאָס סתם נעמען און גיין, לאָזן שטיין הייזער, שטובן, מעבל, געשעפטן, און ווי אַזוי לאָזט מען זיך דאָס אין וועג אַריין מיט אַלטע לייט, מיט ווייבער און קליינע קינדער? און מען טרייסט זיך, אַז די דייטשן וועלן זיך באַרואיקן, אַז עס מוז זיך פאַרט אַלעס איינאָרדענען, אַז מ'האָט אַ גרויסן גאָט אין הימל, און אַז „אַ וועלט גייט נישט אונטער, חלילה־וחס". אָבער יונגוואַרג האָט נישט קיין צייט צו טראַכטן און צו וואַרטן, יונגוואַרג האָט געגרייט רויטע פענער און קאָן זיי נישט אויסנוצן, יונגוואַרג איז אומגעדולדיק, ברויזיק און רייסט זיך אין וועג אַריין ווי אַ יונג לאָשעקל אין צוים.

גאַנצע גרופּעס זענען זיי געגאַנגען, פון אַלע אַרומיקע שטעטלעך און פון לובלין גופא — אומגעדולדיקע, צעקאָרקעוועטע, פאַרזאָרגטע וועגן גורל פון די פאַרבלייבנדיקע, און דאָך פריידיקע, כמעט מיט אַ גע־לעכטערל. זיי זענען געגאַנגען מיט די ברייטע וועגן, צווישן די האַרבסטיק־שמעקנדיקע סאָסנע־וועלדער, פאַרהאַלטנדיק זיך נאָר ביי באַקאַנטע פויע־רים, און טיילמאָל סתם אין וואַלד אונטערן גאָלן הימל. די וועלדער זענען געשטאַנען רואיקע, געטוקטע אינעם בלאָלעכן האַרבסטיקן אומעט, פאַר־

טראַכטע און פאַרבענקטע. בלעטער, ברוינע און רויטע בלעטער האָבן שוין געצומען פאַלן פון דיביימער, און געלייגט זיך מיט אַ שטילן קרעכץ אויפן גראָז. זיי האָבן גערוישט אונטער די פיס, די בלעטער, און געדוכט האָט זיך' אַז מען טרעט אויף נישט פאַרווירקלעכטע חלומות, אויף האָפענונ־גען, אויסגעשפּינטע און צערונענע, אויף שלעכטע פאַרגעפילן, אויף אומ־רואיקע פחדים וואָס פּיקן זיך אויס ערגעץ טיף אין האַרצן, נאָר מען צוימט זיי, און מען לאָזט זיי נישט אַרויסקומען אויף דער אויבערפלאַך.

אונטער' לובלין האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן „קיינעמס לאַנד". די סאָוועטישע פאָלקן האָבן זיך שוין צוריקגעצויגן אין דער ריכטונג פון זאַ־מאָשטש, און די דייטשן זענען נאָך נישט געגאַנגען פאָראויס. זענען דער־פער' און שטעטלעך געשטאַנען און געוואַרט אין איין שרעק. די מאַכט איז געלעגן און געוואַלגערט זיך אין די גאַסן. פּוילישע גימנאַזיסטלעך און סטודענטלעך האָבן אַרומגעשפּאַצירט איבער די גאַסן מיט ווייסע אָרעמ־בענדער'. יידן, וואָס האָבן נאָך נישט פאַרזוכט דעם טעם פון דייטשן שטיוול, זענען אַרומגעגאַנגען און געחקרנט זיך צי די רוסן זענען טאַ־קע אַוועקגעגאַנגען שוין אויף זיכער, צי טאָמער וועלן זיי פאַרט זיך אומ־קערן. ווען זיי זענען אָפּגעטרעטן, די רוסן, האָבן זיי געלאָזט וויסן דער גאַנצער' באַפעלקערונג, און ספּעציעל די יידן, אַז ווער עס וויל, קאָן מיט־גיין. זיי האָבן צוגעשטעלט אַפילו מיליטערישן טראַנספּאָרט פאַר די ווי־ליקע און אַ סך יידן זענען טאַקע געגאַנגען. אין דער ערשטער ריי די יע־ניקע, וועלכע האָבן אָנגענומען מלוכהשע פּאָסטנס אין דער קורצער צייט ווען די רוסן זענען דאָרט געשטאַנען. אַנדערע יידן האָבן זיך געקווענקלט, געוואַרט, געפּילפּולט זיך און געפּרוווט אַרויסדרינגען אַז אויב אַ ייד איז געווען אַ קאָמוניסט, אָדער ער האָט געהאַט אַ קאָמוניסט אין דער משפּחה, מילא פאַרפאַלן, אַזעלכער מוז טאַקע גיין, אָבער אַנדערע מוזן נישט. ווען די דייטשן וועלן קומען, וועט מען דעמאָלט זען.

די וואַנדערער', די יונגע חברה, וואָס זענען דורך אַזעלכע מקומות דורכגעגאַנגען, האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין די רואיקייט און געמיט־לעכקייט פון אָט די יידן טאַקע, זייער בטחון אין אויבערשטנס הילף, זייער אומוויסן וועגן דעם, וואָס עס קומט אויף זיי, און זייער אומגלויבן אין דעם וואָס מען דערציילט זיי. אָבער די קליינשטעטלדיקע האָבן גע־קוועטשט מיט די אַקסלען, און געדרייט מיט די קעפּ, ווי אייבער זאָגט:

„ווייס איך וואָס, צו לאָזן שטיין אַלץ און גיין סתם אין דער וועלט אַריין, דערויף האָב איך שטענדיק צייט“.

זענען זיי געגאַנגען ווייטער די וואַנדערער, און אַ מאָדנע זאַך, כאָטש זיי זענען אָקאָרשט אַליין אַרויס פון אונטער דער דייטשישער הער־שאַפט, אָבער דאָס בילד פון די נאָך רואיקע יידישע שטעטעלעך, וואָס שטייען און וואַרטן אויפן דייטש ווי קיינמאָל גאָרנישט, האָט ביי נישט איינעם פון זיי אַרויסגערופן, אחוצן בענקשאַפט אַהיים, אויך אַ ספק, צי האָבן זיי טאַקע גוט געטון, און צי זענען אַמאָל נישט גערעכט אָט־די יידן פונעם קליינטשיקן שטעטעלע איזביצאַ, צי פונעם גרעסערן שוין, אָבער אויך רואיקן און פולן מיט בטחון קראַסניסטאַוו, וואָס שפּאַצירן נאָך אין אַ שטילן שבת־נאָכמיטיק רואיקע און געמיטלעכע.

אין אָט די וואַנדערונגען פלעגן זיי, די יונגע חברה, ס׳ערשטע מאָל זען סאָוועטישע עראָפּלאַנען. רואיק זענען זיי געפלויגן די עראָפּלאַנען, נישט גאָר נידעריק, אָבער אויך נישט הויך. די רויטע שטערנס, אָט־די פינף־שפּיציקע צויבער־צייכנס, וואָס מען האָט אַזויפיל יאָרן געטרוימט וועגן זיי, האָט מען איצטער געקאָנט זען דייטלעך אויף די פליגל־שפּיצן. די עראָפּלאַנען האָבן דערמונטערט, אַוועקגעיאָגט די ספקות און באַפוילן די פיס צו גיין גיכער, וואָס אַמאָל גיכער.

אין זאַמאָשטש זענען נאָך געשטאַנען די רוסן. זיי האָבן זיך שוין טאַקע געגרייט צום אַוועקגיין, אָבער זיי זענען נאָך געווען אין שטאָט. אמת, די גרעסערע אָפּטיילונגען זענען שוין אַוועק, אָבער אַ קליינער גאַר־ניזאָן איז נאָך געשטאַנען אין שטאָט און געווען פאַרנומען ביי די עוואַ־קואַציע־אַרבעטן. און דאָ, אין דער אַלטער שטאָט זאַמאָשטש, פלעגן זיי, די יונגע יידישע קליינשטעטלדיקע בחורים, ס׳ערשטע מאָל זיך באַגעג־נענען מיט די סאָוועטישע סאָלדאַטן. אָבער די סאָלדאַטן האָבן נישט גע־וואָלט רעדן, זיי האָבן נישט געהאַט קיין צייט, זיי האָבן געהאַט אַ באַ־פעל צו שיקן יעדן איינעם וואָס וויל אַריבער אויף דער „סאָוועטישער זייט“ ווייטער, 10 קילאָמעטער הינטער זאַמאָשטש. דאָרט איז נאָך גע־שטאַנען אַ גרויסער מאָטאָריזירטער סאָוועטישער פּאָלק, און זיי קענען העלפן ביים אַריבערגיין. פלעגן זיך די סאָלדאַטן פאַרהאַלטן, ווען מען האָט זיך געווענדט צו זיי, געבן צו פאַרשטיין, ווי אַזוי אַרום מען קען דאָרט צום פּאָלק אַהינקומען, און געוואָלט גיין ווייטער. אָבער ס׳איז זיי

קיינמאָל נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט אָפּצוטשעפּען זיך פון די יידישע יונגעלייט, וואָס ווילן דווקא אַ שמועס טון מיט אַ „סאָוועט". דער שמועס איז שטענדיק געווען אַ מאָדנער, אַ קאָמישער, אַ פולער מיט האַלבע שמייכלען און נישט דערזאָגטע ווערטער. די רוסן האָבן געשמייכלט מיט זייערע ברייטן, גוטהאַרציקן שמייכל און געקלאַפּט אין די פּלייצעס די „רעביאַטאַ" 1), וואָס ווילן לעבן אונטער סאָוועטישער מאַכט, און די קליינשטעטלדיקע פילאָזאָפן, וואָס האָבן זיך אָנגעפּאָמפּעט אין די היימען זייערע מיט מאַרקסן און באָגדאַנאָוון, מיט לענינען און סטאַלינען, פלעגן קוקן אויף אָט די ברייטפּלייציקע וואַנקאַס, ווי זיי וואָלטן געפּרווט דערגיין פון זייערע בליקן, צי מען קאָן זיך מיט אַזאַ איינעם פאַרמעסטן אין אַ פרשה מארקס. אָבער גיי רעד, ווען וואַנקאַ שמייכלט בלויז, האָט נישט קיין צייט, און מען קאָן אים נישט פאַרשטיין. און אויב ער רעדט שוין יאָ, וואַנקאַ טאַקע, וויל ער קודם־כל וויסן, צי דו קאָנסט אַרבעטן אויף אַ טראַקטאָר, פירן אַן אויטאָ, זיין אַ שלאָסער, אַ טאָקער, און לסוף ענדיקט ער אַז נישקשה, אויב דו קאָנסט נישט, וועסטו זיך אויסלערנען, און „ניע באָיסיאַ, או נאַס ראַבאָטאַ דליאַ וסיעך יעסט"2).

דער מאָטאָריזירטער פּאָלק, וואָס איז געשטאַנען 10 קילאָמעטער פון זאַמאָשטש האָט געהאַט עטלעכע יידישע קאָמאַנדירן, און ווען חברה פלעגט קומען אַהינצו, פלעגט מען טאַקע צו זיי אַרויסרופן אָט די יידישע קאָמאַנדירן טאַקע. זיי פלעגן קומען צוגיין, אַרויפרוקן די היטלען מיט די גלאַנציקע דאַשקעס אויפן קאַרק, אַזוי אַז די געלאָקטע טשופּרינעס פלעגן פאַלן אין די אויגן אַריין, און געקוקט אויף די אָנגעקומענע פליטים פריידיק און גאַסטפריינטלעך, מכבד געווען מיט שוואַרצן סאָלדאַטסקען ברויט, און אויב ס'איז פונקט געווען מאָלצייט, מיט אַ „קאָטיעלאָק" (3) הייסן באָרשטש, אין וועלכן ס'זענען אַרומגעשווומען שטיקער פלייש. „זאָרגט נישט — פלעגן זיי איינטענהן מיט די וואַנדערער — איר זענט שוין אַריינגעפאַלן אין לייטישע הענט, און אויב איר ווילט טאַקע אַהינצו, צו אונדז, וועט איר פאָרן. מיט וואָס צו פאָרן איז שוין קיין עין־הרע דאָ."

און דאָ פלעגן זיי ווייזן אויפן ברייטן פעלד ווו ס'זענען געשטאַנען

1) ווערטלעך — „קינדער", געמיינט — „חברה יאַטן". 2) האָב נישט קיין מורא, ביי אונדז סטייעט אַרבעט פאַר אַלעמען. 3) קעסעלע, טעפּל.

די אויטאָס פון פאָלק, אין גלייכע לאַנגע שורות, ווי סאָלדאַטן אויף אַ פּאָלקאָווע יום־טוב. וועגן מאַרקסן האָבן אויך זיי נישט געוואָלט רעדן. „נישטאָ קיין צייט, חברים — פלעגן זיי לאַכן צו די קליינשטעטלדיקע „טעאָרעטיקער״ און שאַרפע קעפּ — מירן זיך נאָך טרעפן אַמאָל, וועלן מיר זיך שוין דורכשמועסן.״

האָט מען זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אויטאָס און געפאָרן מיטן ברייטן וועג אַהינצו, צום בוג. די בחורים פלעגן אָנקניפּן פריינטשאַפט מיט די וואַנקאָס, זיי מכבד זיין מיט פיינשמעקנדיקע פּוילישע פּאַפּיראָסן, אָבער זיי, די וואַנקאָס, פלעגן געבן איין צי, און גלייך דעם פּאַפּיראָס אַוועקוואַרפן. „דאָס איז שטרוי — פלעגן זיי זאָגן — און נישט קיין פּאַפּיראָסן.״ נאָכדעם פלעגן זיי אַרויסנעמען ברוינע מאַכאָרקע, פאַרדרייען עס אין צייטונגס־פּאַפּיר און דערלאַנגען עס די געסט. — נאָ, רויכער — האָבן זיי געזאָגט — פאַרזוך אַ סאָלדאַטסקען! — זיי פלעגן ערנסט וואַרטן אויפן אומפאַרמיידלעכן צעהוסטן זיך, און אַרויספּלאַצן מיט אַ ברייט, האַרציק, הילכיק געלעכטער.

די אויטאָס פלעגן אַריבעריאָגן בוידן און פורן, מיט וועלכע די דאָרפישע און קליינשטעטלדיקע יידן פון הרוביעשאָווער קאַנט, האָבן איצט געצויגן אויף מזרח. זיי זענען געפאָרן מיטן גאַנצן געפּעק, מיט אַלטע בעטן און שענק, מיט בעטגעוואַנט און קיך־געשיר, טיילמאָל מיט צוגעבונדענע קי און ציגן, און אָפטמאָל זענען די פורלעך געווען אָנגעטריבן פון יונגע חברה, וואָס זענען געווען איצט מיליציאַנטן, און זיי האָבן פאַרהאַלטן די ביקסן זייערע, און איצטער שפּאַנען זיי מיט די ביקסן איבער די פּלייצעס און איילן אונטער די פערד מיט אַ פריילעכן, פּויערישן: וויאָ־אָ־אָ!

די בריק איבערן בוג איז געווען צעשטערט, אָבער די סאָוועטישע מאַכט האָט אין עטלעכע טעג צייט פאַרוואָרפן דערנעבן אַן אַנדערע בריק, אַ פּראָוויזאָרישע, אַ האָלצערנע און נידעריקע. פון ביידע זייטן בריק — סאָוועטישע סיגנאַליסטן מיט פענדלעך אין די הענט, וואָס לאָזן אַדורך די אויטאָס איינציקווייז. זיי באַמערקן, די סיגנאַליסטן, די פריש־אָנגעקומענע ציווילע, די וואָס אַנטלויפן פון יענער זייט. „זדראַווסטוויטיע!״ (4) — שרייען זיי הויך. „זדראַווסטוויטיע!״ — ענטפערן די יאַטן. אַט דאָס וואָרט האָבן זיי זיך שוין באַוויזן אויסצולערנען.

4) זייט באַגריסט.

קיין וולאַדימיר־וואָלינסק קומען אָן די אויטאָס שפּעט אין אָוונט. ס'איז מלחמה־צייט, און נאָך ניין אַזייגער טאָר מען נישט גיין אין גאַס. די יאַטן קריכן אַראָפּ פון די אויטאָס און לאָזן זיך זוכן עפּעס אָן אָרט צום איבערנעכטיקן. נאָך עטלעכע טריט פאַרהאַלט זיי אַ ציווילער באַוואָפנטער פּאַטרול. אַן עלעקטריש לעמפּל פויזעט איבער די פּנימער. „יידן"? — פּאַלט די פראַגע, אין יידיש טאַקע. „יידן, יידן!" — קומט דער ענטפער אַ גרייטער, אַ פריידיקער. — „שלום עליכם, אדוני נאַטשאַלניק!" — וויצלען זיך אַנדערע — „ווייזט אונדז אָן אַן אָרט צום שלאָפן." דער מיליציאַנט לאַכט פון אָט־דעם קאָמישן „אדוני נאַטשאַלניק", און פירט די חברה אין אַלטן בית־מדרש. „אָט דאָ וועט איר איבערקומען די נאַכט, און מאָרגן וועט מען שוין עפּעס צוטראַכטן".

אין בית־מדרש איז אויך ליהודים. ווער שלאָפן? וואָס שלאָפן? מען רעדט און מען רוישט, מען פרעגט אויף צוגן, יעדער איינער וויל פאַרן ערגעץ אַנדערש. מען דערמאָנט זיך די, וואָס זענען איבערגעבליבן דאָרט, אין די פינצטערע ווייטע שטעטלעך וואָס אויף די ווייסל־ברעגעס, אונטערן דייטשן פּחד, אונטער כסדרדיקער שרעק און אימה. מען זיצט אַזוי אָפּ און מען טענהט אַ גאַנצע נאַכט, ביז וואַנען פון דער טיפער געדיכטער פינצטערניש נעמען זיך אויסשיילן ליכטיקע פלעקן. אינעם בלוילעכן באַגינען טויכן אויף די קאָנטורן פונעם אַלטן אָרון־קודש, און פּלוצלינג באַווייזט זיך אויפן פּרוכת אַ גאָלד־רויטלעכער אָפּשיין. דאָס גייט שוין אויף די זון, און די שטראַלן צעברעכן זיך אויף די פאַרשטויבטע שויבן פון די אָפּענע פענצטער פון אַלטן בית־המדרש, און שלאָגן זיך אָפּ צוריקווענס אויפן אָרון־קודש.

— חברה, ס'איז שוין טאָג. ס'איז שוין ליכטיק — רופט זיך אָן אַ יאַט, ווי ער וואָלט דערזען די זון פלוצים און אומדערוואַרט. ער שטעלט זיך אויף דער יאַט און גייט צו צום פענצטער. פונווייטנס זעט מען עפּעס אַ גרויסן בנין. פונעם דאַך הענגט אַראָפּ אין דער פרימאָרגנדיקער זון אַ גרויסע רויטע פאָן מיט אַ סערפּ און האַמער. „ס'איז שוין ליכטיק, חברה" — חזרט ער איבער נאָך אַמאָל — „דאָס ליכט קומט פון מזרח" — גיט ער צו פאַרטרוימט, ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין.

לעמבערג אונטער סערפּ און האַמער

אויף די לעמבערגער גאַסן מישט זיך אויס דער גרינלעך־צוגעברוינטער האַרבסט מיט דער רויטקייט פון אַרויסגעהאנגענע פאָנען. די שטאָט, פּונקט ווי יעדע שטאָט, האָט געהאַט אייביק איר קאָליר, איר טאָן, איר ספּעציפישע ליכט און אייגנאַרטיקע שאָטנס, און איצט האָט זיך אין אָט־דעם אַלטן קאָליר אַריינגעריסן אַ נייער, אַ פרישער, אַן אומרואיקער: די לעבעדיקע רויטקייט פון אָט־די פאָנען טאַקע. זיי הענגען, די פאָנען, פון יעדן הויז, פון יעדער געביידע, זיי וויגן זיך שטאָלץ פון די גרויסע באַלקאָנען אויף דער ברייטער לעגיאָנען־גאַס, פון די רחבותדיקע מלוכהשע בנינים, פון די קליינע הייזקעס אויף קלעפּאַראָוו, אויף זאַמאַרסטינאָוו, איבערן שטרענגן קופּאָל פון ציטאַדעל, און איבער דער מאַיעסטעטישער געביידע פון דער גרויסער אָפּערע. די שלאַנקע גאָטישע געשניצטע טורעמלעך פון די אומצאָליקע לעמבערגער קלויסטערס און קירכעס פּרוּוון פּראָטעסטירן קעגן אָט־דער רויטקייט טאַקע, און אַלס צייכן פון ווידערווילן קראַצן זיי די פאַרבייפּליסנדיקע, פאַמעלעכע וואָלקנדלעך מיט גאָלדענע גלאַנציקע קרייצן, אָבער אָן דערפאָלג. די רויטקייט פון די פאָנען איז שטאַרקער און איבערצייגנדיקער, זי דערמונטערט און פרישט אָפּ ס׳געמיט פון גוטע פריינט און וואַרפט אָן אַ פחד אויף די שונאים.

די ווענט זענען פאַרקלעפּט מיט פּלאַקאַטן. פאַרשידנאַרטיק זענען זיי די פּלאַקאַטן, פאַרשידנפאַרביק און צאָלרייך און שרייען אויס מיט גרויסע אותיות, מיט פעטן שריפט אָט דאָס אַלץ, וואָס די פאָנען פּרוּוון איבערגעבן אויף שטום־לשון. די פּלאַקאַטן זענען אין אַלע שפּראַכן: אין אוקראַיניש, אין פּויליש, אין יידיש און אין רוסיש. זיי רופן, די פּלאַקאַטן, און מאָנען, זיי דערמונטערן און פאָדערן, זיי וועקן נייע האָפענונגען און נייע פאַרלאַנגען, נייע טרוימען און נייע וויזיעס.

אומעטום מיטינגען. אין די אַרבעטער־פאַריינען, אין קלובן און געזעלשאַפטן, אינמיטן גאַס, און אין פאַרמאַכטע לאָקאַלן. יעדער מיטינג: אַ נייע לאָזונג, יעדער פּלאַקאַט אַן אַנדערער רוף. אָבער אין איין פּרט זענען אַלע איינשטימיק. מען דאַרף אַרבעטן, מען דאַרף בויען, מען דאַרף באַפעסטיקן. וואָס בעסער מען וועט אַרבעטן, וואָס שטאַרקער מען וועט בויען, אַלץ מער איז דאָס דעראָבערטע באַפעסטיקט און באַוואַכט, און

אַלץ ווייטער און ווייטער רוקט זיך אָפּ דאָס געשפּענסט פון מלחמה, אַלץ מער צוגעגרייט קאָן מען זיין, אויב אַ מלחמה וועט פאָרט אויסברעכן.

דאָס, וואָס די פּלאַקאַטן שרייען אויס מיט קורצע הילכיקע פראַזן, גיבן צו פאַרשטיין די צייטונגען אין געניוע, פולע מיט איינצלהייטן לייט־אַרטיקלען. עס זענען פלוצלינג פאַרשוווּנדן פון די צייטונגען די ידיעות וועגן מאָרדן און זעלבסטמאָרדן, וועגן ליבעס און פאַראַטן, וועגן דעם, אַז „אַ קו איז געפלויגן איבערן דאַך און געלייגט אַן איי". זאַכלעך זענען זיי געוואָרן די צייטונגען און רעדן וועגן: גרינדן קאָאָפּעראַטיוועס, בויען פאַבריקן, אויפשטעלן נייע אַרבעטס־וואָרשטאַטן, בויען שולן, טעאַטערס, פאָלקס־טעאַטערס, פאַרלעזונגען אאַז"וו. די אויסלענדישע ידיעות, אויף דער לעצטער זייט — קורצע און לאַקאָנישע. אַלע אַנדערע זייטן — פאַר־פולטע מיט קאָנקרעטע אויפגאַבעס און שוין דערגרייכטע אויפטועכצן. דאָ און דאָ איז שוין די און די פאַבריק געלאָזט געוואָרן אין גאַנג, דאָרט און דאָרט שטעלט מען אַ נייע פאַבריק, דער און דער אַרבעטער האָט זיך אויס־געצייכנט ביי דער אַרבעט, יענער ווידער איז צוריקגעשטאַנען. די צייי־טונגען לויבן, קריטיקירן, וועקן, ציען ביי די פאָלעס די לאַנגזאַמע, פאָ־דערן צו באַזייטיקן די שעדלעכע, מאָנען דאָס, פאָדערן יענץ, מיט איין וואָרט — זיי זענען אויף דער וואַך.

אין אַן אַלטן אַריסטאָקראַטישן פּאַלאַץ אויף סלאָוואַצקי־גאַס האָט מען איינגעאָרדנט דעם נייעם ליטעראַטן־פאַריין. דער אייגנטימער, אַ פּוילישער גראַף, וואָרטשעט שטילערהייט אין אַ ווינקעלע פון אַ בוידעם־צימערל פון זיין אייגענעם פּאַלאַץ. די שרייבער קומען זיך צונויף, דיס־קוטירן, רעדן, פּלאַנירן, גרינדן צייטונגען, צייטשריפטן, אָרדענען איין פאָרלעזונגען, רעפעראַטן. זיי האָבן פלוצלינג דערפילט אַז מען דאַרף זיי, אַז זיי זענען נוצלעך.

קאָנקורסן פון ליבהאָבערישער קונסט זענען איינגעאָרדנט געוואָרן אין די גרעסטע זאַלן פון שטאָט. עס זענען געקומען אָנגעשטעלטע, אַר־בעטער, אינטעליגענטן. מען טיילט פּרעמיעס, מען קלייבט אויס די בעס־טע, מען שאַפט פאָלקס־בינעס, גרופּן פון רעציטאַטאָרן, שוישפּילער, מו־זיקער, פּלאַסטיקער, סקולפּטאָרן. די קונסט פון פאָלק, פון פשוטן אַר־בעטס־מענטש קומט אַרויס אויף דער אויבערפלאַך און שטופּט זיך צום אויבנאָן.

עס וואקסן אויס איבערנאַכט קאָאָפּעראַטיוון, עס גרינדן זיך קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוון און פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון. די פאַבריקן, די גרויסע פאַבריקן זענען שוין נאַציאָנאַליזירט. די פריערדיקע אייגנטימער מעגן אַרבעטן אַלס טעכנישע לייטער, אויב זיי ווילן, און אויב זיי זענען נישט קיין שונאים. קלענערע וואַרשטאַטן און קליינע געוועלבלעך לאָזט מען איבער די אייגנטימער, אָבער די שטייערן זענען גרויס, קיין סחורה באַקו־מען זיי נישט לייכט, און ס׳איז זיי שווער צו קאָנקורירן. דער פּריוואַטער מסחר גייט אַרונטער אין די קעלערס, די ספּעקולאַציע נעמט אויפהייבן דעם קאָפּ. אין די קאַפעען גייט אָן אַ מסחר מיט סחורות, וואָס זענען פאַרשטעקט ערגעץ אין מייזן־לעכער. מען זעט זי נישט די סחורה, אָבער מען פאַרקויפט זי, און דער קויפער פאַרקויפט זי ווידער און זעט זי אַלץ נישט. מען האַנדלט מיט וואַליוטע, מיט דאָלאַרן, מיט פונטן, מיט „האַר־טע״ און „ווייכע״, מיט „לאָקשן״ און מיט „חזרימלעך״.

די שטאָט איז איבערפולט מיט פּליטים, מיט אָנגעקומענע פון „יע־נער זייט״. די נייע זוכן אויף זייערע קרובים, זייערע באַקאַנטע. די שטאָט ווערט ענג, עס פעלן דירות, עס פעלט פּלאַץ פאַר די ניי־אָנגעקומענע, און דער צופּלוס איז וואָס אַמאָל שטאַרקער, וואָס אַמאָל ווימלדיקער. די ניי־אָנגעקומענע קוויקן זייערע אויגן די ערשטע טעג מיט די רויטקייט פון די אַרויסגעהאנגענע פענער, מיט די פּלאַקאַטן, מיט די מיטינגען און לאָזונגען, מען דאַרף אָבער עסן, און די פּרייזן וואַקסן. די פּאָר גראָשן, וואָס אַ יעדער האָט געבראַכט פאַרגייט אין דער פאָלע פון רעקל גייען אַוועק און רינען אויס ווי וואַסער, און עסן ווילט זיך. חוץ דעם, דער הו־הא פונעם מלחמה־פּעריאָד, די לייכטקייט צו כאַפּן אַ גוט פאַרדינסטל רייצט און לאָקט. יידן האַנדלען און וואַנדלען, יידן לויפן און קויפן, יידן זוכן אויס געשעפטן פון אונטער דער ערד אַרויס.

אין אַ שיינעם העלן טאָג איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען די ידיעה, אַז די סאָוועטישע מאַכט האָט אָפּגעשאַפט דאָס פּוילישע געלט. יידן סוח־רים, יידן, וואָס האָבן קאָפּ אויפן קאַרק און זענען נישט געגאַנגען אַר־בעטן, האָבן דערשנאַפּט אַ ניי מסחר. מען האָט גענומען אָפּקויפן די פּוי־לישע אַנטוועַרטעטע באַנקנאָטן, פירן זיי צוריק אויף „יענער זייט״. דאָרט, ביים דייטש, איז די פּוילישע וואַליוטע דערווייל פאַרבליבן אין קראַפט. — שלעפּט מען די וואַליוטע אַהין און מען ברענגט אַהער כל־מיני סחו־

רות. אַהין גייט מען אַלס גויים, צוריק קומט מען אַלס יידן וואָס אַנט־לויפֿן פֿון דייטש. די גרענעץ איז נאָך אַ לויזע, אַ נישט־סטאַביליזירטע, און ווער עס וויל איינשטעלן, דער קאָן כאַפּן אַ לייטיש פֿאַרדינסטל.

דער גאַסן־האַנדל האָט זיך צעוואַקסן. דאָס סאָוועטישע געזעץ דער־לויבט יעדן בירגער אַרויסגיין אויפֿן גאַס און פֿאַרקויפֿן זיין אייגנטום, אויב ער אַליין וויל נישט צי קאָן עס נישט פֿאַרברויכן. אָן דעם דאָזיקן האָבן זיך אָנגעכאַפּט די ספּעקולאַנטן. מען פֿאַרקויפֿט פֿראַנק און פֿריי אין גאַס, מאַנטלען, פֿוטערס, אַנצוגן, שטיוול, שיך, גאַרדינען, אַלעס, אַלעס, אָבער אַממייניסטן פֿאַרקויפֿט מען זייגערלעך. עס פֿעלן זייגערלעך אין רוסלאַנד. „מיר האָבן נישט געהאַט קיין צייט צו פּראָדוצירן זייגער־לעך, מיר האָבן געמוזט בויען גרויסע מאַשינען און אויפֿשטעלן גרויסע שאַכטעס און פֿאַבריקן" — פֿאַרענטפֿערן זיי זיך די סאָלדאַטן ווען זיי קומען אַרויס אויפֿן מאַרק בכדי צו קויפֿן אַ זייגערל. אַזוי אָנגענעם איז צו האָבן אַ זייגערל אויף דער האַנט און וויסן צו יעדער צייט ווי שפּעט עס איז. די ספּעקולאַנטן פֿאַרקויפֿן די זייגערלעך מיט גראַנדיקע פֿאַר־דינסטן, און ווייצלען זיך אויפֿן חשבון פֿון די וואַנקאַס וואָס האָבן קיינ־מאָל קיין זייגערל נישט פֿאַרמאָגט. מען שלעפּט אַרויס פֿון באַהעלטע־ניש זייגערס, וואָס די זיידעס האָבן עס נאָך געקראָגן צו זייערע חתונות, זייגערס וואָס מען האָט זיי צורעכטגעמאַכט, און אויב זיי ווילן אויס־האַלטן איין וואָך איז אויך גוט. אָבער אַלץ ווערט פֿאַרקויפֿט.

די ספּעקולאַציע צעוואַקסט זיך. אַלע האַנדלען, ווער ס'האָט נאָר אַ האַנט מיט אַ פֿוס. די פּיס דאַרף מען בכדי צו שטיין אין דער ריי און קויפֿן וואָס עס זאָל נישט זיין אין דער קאָאָפּעראַטיוו, הענט דאַרף מען צו האַלטן עס פֿאַר די אויגן פֿון די פֿאַרבייגייענדיקע קונים. דער דורכ־גאַנגס־טויער אינעם הויז פֿון פּאַסאַזש מיקאָלאַש איז פֿול. מען קאָן דאָרט קריגן אַלעס וואָס דאָס האַרץ גלוסט. עס שטייען דאָרט און האַנדלען יידן און גויים, קינדער און אַלטע לייט, אַמאָליקע פּאָליציאַנטן און אַמאָליקע אינדוסטריעלער, אַמאָליקע מלוכה־באַאַמטע און אַפֿילו אַמאָליקע אָפֿי־צירן. אַממייניסטנס זעט מען אָבער האַנדלען די ניי־אָנגעקומענע. זיי דאַרפֿן צאָלן מער פֿאַר אַ דירה, פֿאַר עסן, זיי זענען וואַנדערער, קיינער פֿאַרנעמט זיך נישט מיט זיי, און זיי קומט עס אָן אַמלייכטסטן זיך אַוועק־צושטעלן האַנדלען אין גאַס, ווייל קיינער קען זיי דאָ נישט.

דער לעמבערגער המון, דער אויסזען פון דער לעמבערגער גאַס איז געביטן. די שפּראַך, דער קלאַנג פון דער גאַס האָט זיך פאַרענדערט, פאַר־פּילפּאַכיקט און פאַרפּילפּאַרביקט. עס מישן זיך אויס די קלאַנגען פונעם אוקראַיִנישן האַרט־פויערישן לשון מיטן ברייטן, אימפּעטפולן ווע־ליקאָ־רוסישן דיאַלעקט, דער ווייכער צעזונגענער לעמבערגער פּויליש פלעכט זיך דורך מיטן דונערדיקן האַלב־רוסיש־האַלב־אוקראַיִניש פון דאָנער קאָ־זאַקן, דער גאַליציאַנער און וואַרשעווער יידיש קלאַפּט זיך אָן אָן די גאָר־גלדיקע קלאַנגען פון אַרמעניש, פון גרוזיניש, פון די אַזיאַטישע שפּראַכן. די איירָאָפּעאישע קליידונג פון די איינגעזעסענע לעמבערגער, די ספּאָר־טאָווע קליידער פון די פּליטים, שניידן זיך שאַרף אָפּ פון די סאָוועטישע מונדירן, פון די וואַטענע „פופייקעס״ 1) ווייכע קאַפּעליושן און שפּיציקע בודיענאָווקעס, דאַמען־הוטן פון דער לעצטער פאַר־מלחמהדיקער מאָדע און די פּשוטע בערעטן און בונטע פויערישע קאָפּטיכלעך. און אַלץ לויפט, אַלץ יאָגט זיך, אַלץ איילט, קיינער האָט קיין צייט נישט. ווער עס איילט צו אַרבעט, צו אַ זיצונג, צו טון עפּעס, אויפבויען עפּעס — און ווער עס איילט צו מאַכן אַ ניי געשעפטל, גיין אויספּועלן עפּעס ביי אַ נייעם נאַ־טשאַלניק, פאַרקויפן אַ פאַרשטשיבעטע ערגעצווו סחורה, פאַרדינען, פאַר־דינען, פאַרדינען.

ווּעמען זוכן יידן אין אַזאַ צייט? — אַנדערע יידן. לויפן טאַקע די לעמבערגער אַרום און האָבן אַ ספּעציעלע הנאה צו פּאַקן אַ יידיש־סאָ־וועטישן סאָלדאַט צי קאָמאַנדיר און דרייען אים אַ ספּאָדעק. און זיי, די סאָוועטישע יידן טאַקע, זיי האַלטן אין איין לאַכן, רק זיי פרייען זיך, רק זיי זענען לוסטיק און לעבעדיק. זיי קוקן זיך צו צום לעמבערגער הור־הא, צו די פאַרשמייעטע מנחם־מענדלס און פינטלען מיט אַן אייגל. ווי איינער זאָגט: „מיר האָבן שוין געזען אַזעלכעס, ברודערקע, מירן אייך שוין איינבייסן, נישט קשה״, ווען מען פרעגט זיי, ווי אַזוי עס לעבט זיך אין רוסלאַנד גופא, ענטפערן זיי: „ביי אונדז, ברודערקע, איז דאָ אַלעס, הימל און ערד — אָבער אַזאַ איינער ווי דו וועט ליגן אין דער ערד״. זיי קוקן מיט ביטול אויף אָט־די אַלע מענטשן דאָ, זיי זאָגן עס נישט אַרויס הויך, אָבער די בליקן זייערע זענען פול מיט אָנדייטונג, אַז מען וועט

1) אַ מין רעקל, אונטערגעשלאָגן מיט וואַטע.

דאַרפֿן געבן אַ שפּאַן־איין אָט דאָס צעבאַלעוועטע ביסל מענטשן, לערנען זיי לעבן אַנדערש, צוציען ביי זיי דעם פּאַסיק אויפֿן בויך, און מאַכן די מוסקולן פעסטער, די הענט אַרבעטזאַמער, דעם מוח רואיקער.

די סאָוועטישע סאָלדאַטן שפּאַצירן אַרום אין די גאַסן אין גאַנצע מחנות: הויכע ברייט־פּלייציקע דאָנער און קובאַנער קאָזאַקן; גרויסע, בלאָנדע מאָסקווער; קרעמפּע און פעסט־געבויטע אוקראַינער; שלאַנקע שוואַרצע, גראַציעזע קאַווקאַזער, קליינע, רירעווידיקע, חנוודיקע אוזבעקן; קרומאויגיקע קירגיזן; קליינוווקסיקע, ברוינהויטיקע סיביריאַקעס. זיי גייען אַרום אין די גאַסן און וווּנדערן זיך: זיי האַלטן אין איין וווּנדערן זיך, אַז עס איז דאָ אַזוי פיל קאָפּע־הייזער און אַזוי ווייניק פאַבריקן, אַז עס איז דאָ אַזוי פיל שיין אָנגעטוענע מענטשן און מען האָט נישט פּראָדוצירט קיין ביקסן, אַז ס'איז דאָ אַזויפיל שיינע מלוכה־געביידעס און מען האָט פאַרשפּילט די מלחמה אין צוויי וואָכן. אַז... אַז... זיי וווּנדערן זיך, אָבער ערשט איצט זעען זיי, ווער ס'איז געווען גערעכט. ערשט איצט הייבן אָן אַ סך פון זיי צו פאַרשטיין, פאַרוואָס דאָס לעבן ביי זיי דאָרט איז געווען אַזוי האַרט און שאַרסטקע.

די אַדמיניסטראַציע פון די נייע ראַטנלענדישע פּראָווינצן הייבט זיך אָן אויסצופאָרמירן פונעם כאַאָס פון איבערגאַנגס־פּעריאָד. אָנגעקומענע באַאַמטע פון מאָסקווע, פון קיעוו, פון כאַרקאָוו, פון אַנדערע סאָוועטישע צענטערן שמידן אויס פאַמעלעך די נייע מלוכה־מאַשין. מען גרייט וואַלן צו דער אַלגעמיינער קאָנסטיטואַנטע פון מערב־אוקראַינע, וואָס דאַרף באַשליסן וועגן אָנשליסן זיך פאָרמעל און געזעצלעך אַלס אַ טייל פונעם ראַטנפאַרבאַנד. מען פּרוּווט אַריינציען אין דעם מלוכה־אַפּאַראַט אַלע שיכטן פון דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג. מען זוכט צו מאַכן די אָרטיקע אַרבעטער־מאַסן אַקטיוו, צו באַוועגן זיי צו זעלבסטשטענדיקייט, צו נעמען די מלוכה־מאַשין אין זייערע אייגענע הענט. די קאַמפּאַרטיי אין פּוילן איז געווען פונאַנדערגעלאָזט נאָך אַ שטיק צייט פאַר דער קריג, איז דעריבער שווער איצט צו געפינען די געהעריקע מענטשן, אויף אַוועקצושטעלן אויף די געהעריקע ערטער. באַזונדערס, אין פיל פאַלן וויל מען ווייזן דער מאַסע, אַז מען פּאַוואָריזירט נישט דווקא פּאַרטייער, אַז מען זוכט נישט דווקא מענטשן מיט „סטאַזשן". עס וואַקסן אויס פאַרשידענע נאָכלויפער, קאַריעריסטן, מענטשן מיט צווייפלהאַפטער פאַרגאַנגענהייט.

זיי נוצן אויס די לייכטגלויביקייט פון די נישט געגוג וואַכזאַמע צוגעשיק־טע באַאַמטע, און שטופּן זיך אויף הויכע פּאָסטנס. איין קאַריעריסט פּראָ־טעזשירט דעם צווייטן, איין נאָכלויפער שלעפּט נאָך דעם אַנדערן. אין פיל פאַלן כאַפּן זיך אַריין אויף פאַראַנטוואָרטלעכע אַמטן אַפילו נעכטי־קע שונאים.

חברה יוגנט, נעכטיקע אייגוווינער פון פּאַוויאַק און וראָנקי, 2) פון לוקישקי און בערעזע־קאַרטוסקע, הייבט אָן פילן זיך באַעוולט. זיי זענען געקומען אַהער מיטן גאַנצן האַרצן, גרייט מקריב צו זיין זייער גאַנצע ענערגיע, אַלע זייערע כוחות, אָבער מען דערזעט זיי נישט, מען שאַצט נישט אָפּ זייער גוטן ווילן, זייערע גוטע כוונות. און חוץ דעם — גייען זיצן, הענגען אַ פּאָן, אַנטיילנעמען אין אַן אומלעגאַלן מאַסן־מיטינג, אָנ־ברעכן שטרייקברעכער די ביינער, אַפילו אַוועקלייגן אַ פּראָוואָקאַטאָר איז געווען לייכטער, ווייזט זיך אַרויס, ווי פּאַרקאַטשען די אַרבל צו גראָער, טאָג־טעגלעכער מיזאַמער אַרבעט. דער טויש, די ענדערונגען פון איין אַרט לעבן אויף אַ צווייטן איז געקומען פּלוצלינג, שוין גאָר צו פּלוצ־לינג. עס האַלטן אויס די בעסטע, די פסיכיש־געזונטסטע. אַנדערע נעמען וואָרטשען אין די ווינקעלעך, צווישן זיך, אָבער זיי וואָרטשען און ברומען, זיי קרומען זיך פּונקט ווי מענטשן, וועמען ס׳האָט באַגעגנט אַ נישט־פאַרדינטע עוולה. זיי הויבן אָן אויסצופּיקן פון נייעם לעבן די שווערי־קייטן, די שטיינער אין וועג, זיי ווייסן צו דערציילן וועגן אומאָרדענונ־גען און פּראָטעקציע אין די ניי־געגרינדעטע אַמטן, וועגן אומערלעכקייטן, וועגן דעם, אַז דער צי יענער נעמט כאַבאַר, אַז דאָס צי יענץ שיין מיידל קאָן אַלעס דערליידיקן ביי דעם און דעם נאַטשאַלניק, זיי ווייסן דאָס... זיי דערציילן יענץ... זיי קלאָגן זיך, זיי זענען אומצופרידן.

די שטאָט איז וואָס אַמאָל ענגער. אין איין שטוב שלאָפן צו צען־צוועלף מענטשן. אין אַ שטוב וווּ ס׳האָט פריער געוווינט אַ פּאָרל בלויז, זענען הייגט צוגעקומען נאָך 5־6 קרובים און באַקאַנטע פון יענער זייט. עס הייבט אָן פעלן אַרבעט אַפילו פאַר די, וואָס ווילן אַרבעטן, שוין אָפּ־גערעדט פון די וואָס ווילן נישט, און האַנדלען אויפן „טאָלטשאָק" 3). מ׳פּרוווט אָפּוועגדן דעם צופלוס פון נייע מענטשן אין די קליינע שטעט־

2) נעמען פון תפיסות אין פאַר־מלחמהדיקן פוילן.

לעך, אָבער עס גייט נישט. אין די קליינע שטעטלעך איז אוממעגלעך צו האַנדלען, צו כאַפּן אַ פּאַרדינסטל. באַזונדערס איז אויך די פּאַרזאָרגונג מיט סחורות אַ בעסערע אין די גרויסע שטעט.

איבערו דער שטאָט האָבן גענומען אַרומגיין קלאַנגען, אַז גאָר אינגיכן וועט זיך אָנהייבן אַ ווערבירונגס־אַקציע קיין טיף־רוסלאַנד. אַנדערע האָבן געוווסט צו דערציילן, אַז צוליב דער פאַרגרעסערונג פון דער אַרמיי פעלט אויס אַרבעטס־הענט אין רוסלאַנד. נאָך אַנדערע האָבן דערציילט, אַז יעדער איינער, וואָס וועט זיך ווערבירן קיין רוסלאַנד וועט קאָנען דאָרט אַראָפּנעמען אויף אַ לעגאַלן אופן זיין פאַמיליע און אַפילו ווייטע קרובים פון אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע. די פּליטים, די יונגע חברה האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן אָט־דעם לעצטן קלאַנג. דאָס מיינט מען דאָך זיכער זיי — האָבן זיי געטראַכט. זיי האָבן זיך גענומען דערמאָנען די טאַטעס און מאַמעס, די ברידער און שוועסטער וואָס זענען פאַרבליבן דאָרט, אין די פינצטערע אימהדיקע שטעט און שטעטלעך אונטערן נאַצישן שטיוול. מען האָט געוואַרט מיט אומגעדולד אויפן אָנהויב פון דער ווערביר־אַקציע. מען איז געלאָפן געוווירער ווערן צי די קלאַנגען וועגן לעגאַל אַראָפּנעמען קרובים זענען אמתדיקע. קיין אָפיציעלע באַשטעטיקונג דערויף האָט מען נישט געקריגן, אָבער קיין אָפּלייקענונג אויך נישט. די קלאַנגען האָבן זיך פאַרשטאַרקט. יידן איינגייער אין די „הויכע פענצטער" האָבן געוווסט צו דערציילן, אַז אַזוי איז עס טאַקע, אלא וואָס? אַזוי ווי די סאָוועטישע מאַכט קאָן נישט אויף זיך נעמען צו פאַרפליכטן זיך אַז זי וועט טאַקע אַראָפּברענגען אַלע, קאָן מען דאָס אָפיציעל נישט באַשטעטיקן. אַז עס וועט זיך פאָדערן אָן אויספאָרשונג אין יעדן באַזונדערן פאַל אַאַז"וו און דווקא דערפאַר, וואָס די גאַנצע זאַך איז נישט געווען קיין אָפיציעלע, דווקא דערפאַר ווייל עס איז מכלומרשט געווען אַ סוד, האָט מען נאָך שטאַרקער גענומען גלויבן דערין. און באַזונדערס האָט מען געגלויבט דערין, ווייל מען האָט געוואָלט גלויבן.

און ס'איז געקומען. פּלאַקאַטן האָבן צו וויסן געגעבן, אַז יעדער איינער, וואָס פילט זיך בכוח צו אַרבעטן אין אַ קוילנגרובן קאָן זיך פאַרשרייבן אויף אַרבעט אין דאָנבאַס. עס זענען געקומען מענטשן אין די טויזנטער. אין די צענער־טויזנטער. עס זענען געקומען די, וואָס האָבן זיך

---

3) אַ ספּעציעל אויסגעטיילטער מאַרק פאַרן פּרייען האַנדל.

ניִשט געקאָנט געפֿינען קיין דירה, וואָס האָבן ניִשט געקאָנט געפֿינען קיין אַרבעט. ס׳זענען געקומען די, וואָס ס׳איז זיי פֿאַרמיאוסט געוואָרן צו שטיין און האַנדלען. די, וואָס האָבן געוואָלט אַ קוק טון מיט זייערע אייגענע אויגן ווי אַזוי זעט עס טאַקע אויס, דאָס לעבן אין ראַטנפֿאַרבאַנד גופֿא. ס׳זענען געקומען לסוף די, וואָס האָבן געזאָגט: „מיר ווילן זיך ניִשט פּאַטשקען אין היגן געמויזעכץ, לאָמיר גיין אָנקוקן דאָס אמתדיקע בעסערע סאָוועטישע לעבן, לאָמיר זיך פּראָלעטאַריזירן אין סאָוועטישע לעבנס־באַדינגונגען".

דאָס ווערביר־ביוראָ איז געווען פֿאָרמעל באַלאַגערט. מען איז געשטאַנען אין ריי פֿון באַגינען אָן ביז שפּעט אין אָוונט. מען האָט זיך געהרגעט, געשלאָגן, געזוכט פּראָטעקציע, אַבי צו פֿאָרן, צו פֿאָרן וואָס שנעלעו׳. די באַאַמטע האָבן זיך ניִשט געקאָנט קיין עצה געבן מיטן אָנפֿלוס פֿון די מענטשן. אין דריי־פֿיר טעג איז דער ערשטער קאָנטינגענט געווען פֿאַרעגיסטרירט און מען האָט זיי אויפֿגעפֿאָדערט אין דריי טעג צייט צו זיין אויפֿן וואַקזאַל, מען האָט פֿאַרשפּראָכן די אַנדערע, אַז אַ צווייטע ווערביר־אַקציע וועט פּראָקלאַמירט ווערן גאָר אינגיכן.

אין באַשטימטן אָוונט איז דער וואָקזאַל געווען פֿול אָנגעפּאַקט מיט מענטשן. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ חוץ די פּליטים פֿאָרן אַ סך לעמבערגער אויך. דער געזאַנג פֿון די נייע, פֿריש־אויסגעלערנטע סאָוועטישע לידער האָט זיך אויסגעמישט מיט אויסגעשרייען: „חיים! בערל! לאה! איוואַן! נאזאר! זייט געזונט! פֿאָרט געזונטערהייט!" אַן אַלטער חסידישער טאַטע האָט זיך געבעטן ביי דער טאָכטער: „רחל, עך בעט דעך, פֿאָר ניִשט, וואָס איז דער שלעכט באַ מיער אינדריים?". מ׳האָט געוואַלדעוועט, געשריגן, געזעגנט זיך, געזונגען, געלאַכט, געוויינט. אַ גרויסע שפּאָגל־נייע סאָוועטישע לאָקאָמאָטיוו פֿון „דזשערזשינסקי"־טיפּ, האָט געסאָפּעט שווער און אומדערמידלעך און געלאָזט דיקע קנוילן פֿון ווייסער פּאַרע אין דער טונקעלער נאַכט אַריין. דער מאַשיניסט, אַ יונגער פֿריילעכער חברהמאַן האָט אייַנגעטענהט מיט אַן עלטערן, באַברילטן סאָוועטישן באַאַמטן, דעם אָנפֿירער פֿון טראַנספּאָרט. דער באַאַמטער האָט אַראָפּגענומען די ברילן, געווישט לאַנג די גלעזער מיט אַ נאָזטיכל און אין זיינע מוילווינקעלעך האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט אַ באַהאַלטן, פֿאַרזאָרגט שמייכעלע.

דאָס שוואַרצע גאָלד

דער זברוטש איז אַ קלײן שמאָל טײכעלע. אַמאָל איז עס געװען די פּויליש־סאָװעטישע גרעניץ — באַװאַכט, פֿאַרקלאַפּט און פֿאַרהאַמערט פֿון בײדע זײַטן. שװער געװען שטענדיק צוקומען אַהער צום זברוטש. פּאָליציאַנטן האָבן נאָכגעקוקט מיט חשד יעדן אײנעם װאָס האָט זיך אײַן אַ גרעניץ־שטעטל באַװיזן. איצט האָט זיך דאָס אַלץ געענדיקט. דער צוג שנײַדט אַדורך דעם זברוטש און לױפֿט אַ זיגרײַך־סאָפּענדיקער פֿאָראױס מיט אַ לוסטיקן פֿײַף און אַ הילכיק געקלימפּערײ װאָס קײַקלט זיך איבער די ברײטע פֿעלדער. אָבער דאָך זעט מען נאָך אָן אַז עס איז פֿאַרט אַ גרעניץ. דוכט זיך, דאָס זעלבע לאַנד, די זעלבע זאַטע, שפּעדיקע, רחבותדיקע אוקראַינע, און דאָך, עפּעס איז זי די ערד אַן אַנדערע װי נאָר דער צוג גײט אַריבער דאָס טײכעלע, דעם אַמאָל מעכטיקן באַריער זברוטש, װאָס איז פּלוצלינג אַ קלײן געװײנלעך ריטשקעלע געװאָרן.

קודם־כּל די פֿעלדער טאַקע גופֿא: אויף דער אַמאָל־פּױלישער זײַט ליגן די פֿעלדער צעשניטן, צעפּאַסעװעט, צעקעסטלט אין די קלײנע פּױלישע נחלות. אַזױ זעען זײ טאַקע אױס די פֿעלדער, װי אַ פֿאַרשידנפֿאַרביקער שאַך־ברעט. אויף דער סאָװעטישער זײַט: דער ברײטער אָפּענער שטח פֿון ריזיקע קאָלכאָזנע פֿעלדער, װאָס ציען זיך אײנטאָניק, ברײט, צעפֿלאָסן אַזש ביזן װײַטן האָריזאָנט. די פּױלישע קעסטעלעך־פֿעלדער װאָרענען: געדענק! דאָס איז מײַנס, גײ נישט, טרעט נישט, טשעפּע נישט — — — נישט, נישט, נישט! די סאָװעטישע רופֿן: ברײט זענען מיר, קײן גרעניצן האָבן מיר נישט, קומט אַהער, פֿאַראַן דאָ אָרט און אַרבעט פֿאַר אַלעמען... יאָ, יאָ, יאָ!

אויף די װאָקזאַלן פֿאָנען. דאָס איז לכּבֿוד די נײַ־אָנגעקומענע, די „מערבֿ־אוקראַיִנישע און מערבֿ־װײַסרוסישע ברידער, װאָס זענען געקומען באַװײַזן מיט זײער פּראַצע, אַז זײ זענען מיט אונדז״. אויף די װאָקזאַלן אָרקעסטערס. װי נאָר דער צוג שטעלט זיך אָפּ — צעבלאָזן זיך די מעשענע טרומײטערס, צעפּױקן זיך די פּױקן, צעקלימפּערן זיך די טאַצן. חבֿרה שיט זיך אַרױס פֿון די װאַגאָנעס, און אויב דער צוג שטײט אַביסעלע לענגער, כאַפּט מען אַרײַן אַ טענצל אויך. װאַרשעװער און לעמבערגער יאַטן פֿינקלען מיט די אױגן, װאַרפֿן גנבֿהשע בליקן איבער אויפֿן

אַנדערן, שטאָרקען זיך מיט די עלנבויגנס און שושקען זיך: „יאַנקל! קוק נאָו, אָט די־אָ, מיטן רויטן באַבלימטן קאָפּטיכל, אַ מויד, האַ! ש׳אָבן אַזאַ יאעו!“ און מען לאָזט זיך איבערן וואקזאל, מען וואַרפט זיך איבער מיט האַלב־פּויליש־האַלב־אוקראַינישע ווערטער. יוגנט וואַרפט זיך איבער מיטן אינטערנאַציאָנאַלן לשון פון בליקן, אויגנגלאַנץ, שמייכעלעך, און מע טאַנצט, מע טאַנצט... ביז וואַנען די „דזשערזשינסקי“־לאָקאָמאָטיוו צערעוועט זיך אויפסניי ווי אַ ווילדער בוהיי וואָס בענקט נאָך אַ קו, חברה לויפן צוריק אין די וואַגאָנעס, און דער צוג לויפט ווייטער איבער די פעלדער, אַן איילנדיקער, אַ וואַזשנע־קלימפּערנדיקער, מעשה באַלעבאָס וואָס האָט קיין צייט נישט.

און אַזוי שלינגט ער, דער צוג, קילאָמעטערס און טעלעגראַפן־סלופּעס, וואַרפט זיך איבער בייטאָג מיט די וואָלקנס אין אַ ווייס־וואַטענעם לשון, טענהט זיך אויס ביינאַכט מיט די שטערן אויף פונקען־שפּראַך. חברה זינגען, לאַכן, טאַנצן, מיט איין וואָרט — לעבן אַ גוטן טאָג.

און אויפן דריטן טאָג ענדערט זיך דער פּייזאַזש. אויפן גלייכן פעלד נעמען אַרויסוואקסן בערגלעך, אָבער עפּעס אַזעלכע מאָדנע, רעגולער־דרייעקיקע מיט אַן אייזערנעם קראַן אויפן סאַמע שפּיץ. שוואַרצלעכע רויכן שלעפּן זיך איבער דער ערד און בלאָנקען זיך לאַנג אַרום, ביז וואַנען זיי הייבן זיך פּאַמעלעך אויף און צערונען. קוימענס, קוימענס, אַ וואַלד פון קוימענס. ביינאַכט צעשיינט זיך דער הימל אויפן האָריזאָנט ווי אַן אָנגעצונדענע פון ווייטע שריפות. אין דער לופטן טראָגט זיך אַ ווייט סאָפּען ווי פון טויזנטער מעכטיקע לונגען, אַ הודען פון לאַסט־צוגן, אַ פּייפן פון סירענעס. דאָס זינגט דער דאָנבאַס זיין שטענדיק ליד פון אַרבעט!

דער צוג פאַרפאָרן מיט אַ טראַסק אויף דער סטאַנציע סטאַלינאָ. ווידער אַן אָרקעסטער, ווידער טראַנספּאַרענטן און פאָנען אויפן וואָקזאַל, און אַ לוסטיקער: „חברים, שטייגט אויס, מיר זענען אָנגעקומען!“ אַ דעלעגאַציע פון אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס גייט אַרום איבערן וואָקזאַל און שליסן קאַנטשאַפט מיט די ניי־אָנגעקומענע. אייגנוויינער, סתם מענטשן, וואָס האָבן גראָד אַ פרייען אָוונט, האָבן זיך פאַרזאַמלט צו באַגריסן די ערשטע, וואָס זענען געקומען אַהערצו פון דער, ביז־אַהער פאַרשלאָסענער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, וואָס זענען געקומען נישט אַלס טוריסטן, נאָר צו טיילן די פרייד און ליידן פון אָט־דעם גרויסן און גראָען לאַנד.

חברה שיט זיך אַרויס פון די וואַגאָנעס, מ׳שרייט זיך איבער, מ׳רופט זיך, מען געוואַלדעוועט און ליאַרעמט, מ׳לאַכט און זינגט. די באַאַמטע פון אויפנאַמס־קאָמיטעט פּרוּוון אַריינפירן אַ שטיקל אָרדענונג אין אָט־דעם צעגאָסענעם מענטשן־ים. צוערשט פּרוּווט מען לייענען נע־מען, נאָר ווו? ווען? נעכטיקע טעג. דער ליאַרעם איז גרויס, און קיין נע־מען הערט מען נישט. דעמאָלט נעמען די באַאַמטע פאָרמירן גרופּעס פון סתם צופעליקע מענטשן, אָפּגעציילט אַ הונדערטער, צי הונדערט און צוואַנציק און „היידאַ!" — פאַרלאָדן אויף די וואַרטנדיקע לאַסט־אויטאָס. יעדע אויטאָ־גרופּע — אַן אַנדערער אויפשריפט פון אַ שאַכטע. אָט די אויטאָס גייען צו דער שאַכטע אויפן נאָמען פון אָרדזשאָניקידזע, אָט די ווידעו׳ צו דער קאַגאַנאָוויטש־שאַכטע, יענע ווידער צו דער שאַכטע נאָוואָ־טשייקינאָ. גוטע פריינט און חברים נעמען זיך רופן. מען האָט מורא זיך צו פאַרלירן, צו ווערן אָפּגעריסן איינער פון אַנדערן, צו פאַרלירן די גוט־פריינטשאַפטן, וואָס זענען געשלאָסן געוואָרן אין דער צייט פון דער נסיעה. דער ליאַרעם וואַקסט, אָבער די שאָפערן פון די אויטאָס נעמען זיך ווייניק וואָס איבער. דער אויטאָ איז פול? גוט. דער קלאַקסאָפאָן פון ערשטן אויטאָ גיט אַ קורצן, אָפּגעריסענעם ביל, און דער קאָנוואָי רירט פון אָרט. די אויטאָ־קאָלאָנע ציט זיך אויס און לויפט אַ פריילעכע אי־בערן אַספאַלטענעם וועג און פילט אָן דעם שטילן אָוונט מיט די גע־שרייען און געזאַנגען פון די „נייע". סירענעס פייפן. דער דאָנבאַס נעמט אויף זיינע געסט.

אויף די שאַכטעס — צוגעגרייטע וווינונגען אין די אַזוי־גערופענע „אָבשטשעזשיטיעס".1) אויף די ווענט גרויסע טראַנספּאַרענטן: „אונדזער פלאַמיקע באַגריסונג די בלוט־ברידער פון מערב־אוקראַינע און מערב־ווייסרוסלאַנד!". די ווינציקע וואָס קענען לייענען, נעמען זיך אַביסעלע וואונדערן: „סטייטש, וואָס פאַר אַ „בלוט־ברידער" זענען דאָ געקומען. אַז אויף הונדערט יידן קאָן מען פאַקן סך־הכל אַ צוויי־דריי אוקראַינער, און ערשט ווו זענען די עטלעכע פּאָליאַקן?" אָבער קיין קשיות פרעגט מען נישט. „וויס איך וואָס"? — זאָגן חברה — זיי האָבן געהערט אַז עס קו־מען אַרבעטער פון מערב־אוקראַינע, נו הייסט עס דאָך, אַז מיר זענען

1) הייזער — אכסניות פאַר די נישט־פאַרהייראַטע.

בלוט־ברידער, משפחה, קרובים הייסט עס". „נו, און מען ווייסט נישט אַז אַ מערהייט זענען יידן"? ווונדערן זיך אַנדערע. „יידן, דאָ איז נישטאָ קיין שום אונטערשיד — יידן, גויים, אַלע גלייך". און חברה ווונדערט זיך אַביסעלע, און עס טוט אַביסל אַ הנאה, וואָס אַלע זענען גלייך, און מען מאַכט נישט קיין חילוק צווישן יידן און גויים, און הלמאַי זאָל מען לייקענען, עס פאַרדריסט אַביסעלע, וואָס מען האָט פאַרגעסן צו געבן צו וויסן, אַז עס קומען טאַקע יידן. אָבער ס'א נאַרישקייט, נישט כדאי צו רעדן. אָט וואַרט שוין דער אויפנאַמס־קאָמיטעט פון דער שאַכטע. אָט פירט מען שוין די חברה צום גרויסן פלאַץ, ווו עס קומט פאָר דער פייערלעכער אויפנאַמס־מיטינג. מען רעדט אוקראַיניש. יידן פון וואַרשע שטייען מיט אָפענע מיילער, און פאַרשטייען נישט אַ וואָרט, אפילו די לעמבערגער קוים־קוים וואָס זיי כאַפּן עפּעס אויף פונעם געזאָגטן. אָפּגערעדט. פּאַרטיק. מען פירט חברה צום הויז ווו זיי וועלן וווינען דערווייל. מען וואַשט זיך אַרום, מען טוט זיך איבער, און מען גרייט זיך צום אָונטברויט.

דער זאַל פון דער סטאָלאָווקע איז באַדעקט מיט ווייסע טישטעכער, און באַצירט מיט טראַנספּאַרענטן לכבוד די געסט. דער מאָלצייט — אַ פּשוטער, אָבער אַ געשמאַקער. די אָרטיקע האָבן שוין אָפּגעגעסן פריער. איצטער שטייען זיי און קוקן אַריין דורך די פענצטער, טשיקאַווע צו כאַפּן אַ בליק אויף די „נייע". זיי באַוווּנדערן זייער אָנטועכץ, זיי ווונדערן זיך, וואָס הגם זיי זענען אוקראַינער, דאָך רעדן זיי נישט קיין אוקראַיניש. זיי קוקן מיט גרויסע, ברייט־צעעפנטע אויגן אויף אָט־די ערשטע געסט פון דעו' ביז־איצט פאַרשלאָסענער, ברייטער וועלט...

אין דרויסן שטייט אַ רואיקער שפּעט־האַרבסטיקער אָוונט. דער דאָנבאַס האָט זיך צעפינקלט מיט טויזנטער עלעקטרישע לאָמפּן, און פינטלט אין דער טיף־בלויער, ווייכער נאַכט מיט טויזנטער אייגעלעך. רויטע אָפּשיינען פון די ערד־גרובנס, פון די ריזיקע מאַרטין־אויוונס לעקן מיט רויטע צינגער דעם גראַנאַטענעם הימל. דער דאָנבאַס סאָפּעט און זאַטעמט שווער, אַ ריזיקער, אַן אומדערמידלעכער, ווי אַ מעכטיקער בלאָזזאַק אין אַ גוואַלדיק־גרויסער קוזשניע וואָס שפּריצט מיט פונקען, און אַרבעט, אַרבעט, אַרבעט...

צומאָרגנס אינדערפרי — אַ באַזוך אין שאַכטע. מען נעמט חברה און מען פירט זיי אויפן שאַכטע־הויף. אָט־דאָ דאַרף מען זיך פאַרשרייבן,

אַז מען פאָרט אַראָפּ. אָט־דאָ קריגט יעדער איינער אַ קאַרבידענעם לעמפּל אין האַנט אַריין, אָט־דאָ באַקומט מען די „ספּעצ־אָדיאָזשדע", 2) אָט־דאָ טוט מען זיך איבער. חברה לאַכט אַנקוקנדיק איינער דעם צווייטן אין די שוואַרצע אַרבעטס־קליידער, מיט די שטייפע האַרטע קוילנגרעבער־היט־לען אויף די קעפּ (אַ שוץ קעגן שטיינער וואָס פאַלן פון דער הויך). „קוק מעך נאָר אָן, שלמה, אַ? דער טאַטע וואָלט מעך נישט דאַקענט, ווי מיינסטו?" חברה לאַכט, שטיפט, און מען קומט צו אַזוי לאַכנדיק צום ברייט־צעעפנטן טויער פון שאַכטע־מויל. דאָ רעווידירט מען יעדן איי־נעם, און מען וואָרנט: פאַר אַ געפונענעם פּאַפּיראָס צי אַ שוועבעלע — אַ פּראָצעס פאַר סאַבאָטאַזש.

צו 30־40 אין אַ ווינדע פאָרט מען אַראָפּ אונטן. פון די ווענט רעגנט. דאָס ריזלט און רינט דאָס אונטערערדישע וואַסער. די שאַכטע איז טיף, אַן ערך 800 מעטער. אַראָפּגעקומען, באַקוקט מען די איינריכטונגען פון־נעם צענטראַלן פונקט. די קליינטשיקע מעדיצינישע סטאַנציע, די סיגנאַל־סטאַנציע, די פאַרטיילונגס־פונקטן, דאָס קליינטשיקע וואַקזאַלעכל פון וואַנען עס גייען אָפּ, און קומען אָן די וואַגאָנעטקעס פול מיט קוילן.

דער לייטער פון דער שול פאַר די ניי־געקומענע האַלט אַ קליינע קורצע רעדע. מען דאַרף געדענקען, אַז גייענדיק אין דער שאַכטע, קאָן מען שטענדיק געפינען די ריכטונג לויטן ווינט פון דעם ווענטילאַציע־שטראָם. אַ ווינט אין פּלייצע מיינט אַז דו דערווייטערסט זיך פון אַרויס־גאַנג, אַ ווינט אין פּנים — אַז דו גייסט אַרויס. אָט די דאָזיקע שאַכטע איז אַן אַלטע, און די דורכגענג און קאָרידאָרן זענען טיילמאָל נידעריק. דאַרף מען געדענקען צו גיין איינגעבויגן. די איינציקע ליכט איז דאָס קאַרבידענע לעמפּל, היט עס דעריבער ווי אַן אויג אין קאָפּ. אין דער־אָ שאַכטע, גייט מען פון דער צענטראַלע צום אַרבעטס־פּלאַץ צופוס, ווייל דאָס איז אַן אַלטע שאַכטע, געבויט פון אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטן, אָבער אין די נייע סאָוועטישע שאַכטעס איז אַלץ אַנדערש, בעסער, לויטן לעצטן וואָרט פון טעכניק. און ער פאַרשפּרעכט, דער אינסטרוקטאָר צו נעמען די חברה אויף אַן אויספלוג אין דער דערבייאיקער נייער שאַכ־טע, וואָס איז אויסגעבויט שוין דורך דער סאָוועטישער מאַכט.

2) ספּעציעלע אַרבעטס־אַנטועכץ.

ווארעם איז אונטן אין דער שאַכטע. שוין טיילמאָל צו וואַרעם. אין דער טונקלקייט,ביים שיין פון די קליינטשיקע קארבידיקע לעמפּעלעך פויזן אַרום די קוילן־גרעבער. יונגען־ריזן, מיט מעכטיקע האַלב־נאַקעטע קערפּערס, און מוסקולעוואַטע הענט. אין די ברייטע קאָרידאָרן לויפן הין און צוריק וואגאָנעטקעס, געלאָדענע מיט קוילן און ליידיקע. אין די שמאָלע קאָרידאָרן מענטשן גייען און קומען פון דער אַרבעט. די דורכ־גענג פאַרפּעסטעוועט מיט הילצערנע סלופּעס. דאָס געקלימפּעריי פון די וואַגאָנעטקעס, די סיגנאַלן, די געדעמפּטע אָפּקלאַנגען פון די קילאָפּן, דאָס אומדערמידלעכע סאָפּען פון דער אונטערערדישער עלעקטראָ־סטאַנ־ציע, די ווייטע קנאַלן פון דינאַמיט־אויפרייסן, אַט־דאָס אַלץ גיסט זיך צו־נויף אין איין גרויסער אַרבעטס־סימפאָניע וואָס נעמט דיך אַרום פון אַלע זייטן אין דער האַלב־טונקעלער סצענעריע פונעם אונטערערדישן שאַכטע־מלכות, וואָס שפּרינקלט און פינקלט מיט אומצאָליקע, פינטלדי־קע עלעקטרישע לעמפּלעך.

דער אינסטרוקטאָר גיט צו פאַרשטיין די ניי־געקומענע דעם גאַנג און אָרדענונג פון דער אַרבעט, דעם אופן פון אַרבעטן, די באַדייטונג פון די באַזונדערע פאַכן און פּראָפעסיעס אין דער שאַכטע. אַט־די אַרבעטער גראָבן און פאַרברייטערן דעם קאָרידאָר. אַט־די אַנדערע ווידער באַפעס־טיקן אים מיט הילצערנע סלופּעס, זיי הייסן קרעפּילשטשיקעס. אַט־די ווידער פירן די וואַגאָנעטקעס, יענע ווידער וואַכן אויף די קרייצונגען און גיבן די סיגנאַלן. און ערשט דאָ ביי דער סאַמע וואַנט פון שוואַרצן קויל אַרבעטן די מאַשיניסטן, אויף די אַזוי־גערופענע „ווּרובאָוואיא מאַ־שינאַ". אַ מין עלעקטרישע מאַשין וואָס שניידט זיך איין אין דער קוילן־וואַנט. דער קויל שיט זיך אַראָפּ און מען דאַרף אים לאָדן אויף די וואַגאָ־נעטקעס. ערשט דאַרף מען אָפּקלאַפּן מיט קילאָפּן דעם קויל וואָס איז אַליין נישט אַראָפּגעפאַלן. דאָס טוען די זאַבאַישטשיקעס. די קוילן לאָדט מען אויף אַ מעטאַלענעם טראַנסמיסיע־קאָנוועיער, וואָס לויפט הין און צוריק אַן איילנדיקער, אַ קנאַקענדיקער, און שיט די קוילן גלייך אין די אָנקומענדיקע וואַגאָנעטקעס. אַ סך פון די ליידיקע שוין קאָרידאָרן פאַר־שיט מען אויפסניי, טיילמאָל דורך אָנלייגן שטיקער שטיינער, און דער־נאָך זעצט זיך שוין דער גרונט במילא, פון זיך זעלבסט — און טיילמאָל דורך אַ ספּעציעלן דינאַמיט־אויפרייס. דאָס טוען די פּאָראָדטשיקעס און

בורילשטשיקעס. עס אַרבעטן עלעקטראָמאָנטערן, מעכאַניקערס, טאָקערס, מאַשיניסטן פון די דינאַמאָ־מאָטאָרן. דער מכלומרשטער הור־האַ פון דער שאַכטע נעמט זיך אויספורעמען אין די רואיקע, געמעסיקטע רייד פור־נעם אינסטרוקטאָר, און ערשט איצט דערזעט מען אַז אַלץ איז אויף זיין פּלאַץ, אַז עס קלאַפּט, אַז עס איז דאָ אַ שייכות, אַ צוזאַמענהאַנג פון איין אַרבעט מיט דער צווייטער, אַז אַלץ איז געבונדן און געפּלאַנט אין איין גרויסן סיסטעם, וואָס זיין ציל איז צו שלעפּן אויף דער אויבערפלאַך אַרויס די שוואַרצע, פון טיפסטן ערד־אינגעווייד אַרויסגעריסענע, קוילן.

חברה פּאָרט צוריק אַרויף. מען פאַרזאַמלט זיך אין גרויסן זאַל פור־נעם קלוב. עס קומט אָן דער סעקרעטאַר פונעם אָרטיקן פּאַרטיי־קעמערל. אַ מיטלוווקסיקער איז ער, אַ ברייטער, מיט אַ פריילעכן קנייטש אין די אויגן־ווינקעלעך. ער נעמט אַרום מיט זיין כיטרען צעשמייכלטן בליק די פאַרזאַמלטע און זאָגט:

— מירן וועלן זיך, הייסט עס, דורכשמועסן — און ער נעמט רעדן.

ער רעדט וועגן דעם, אַז אין דער דאָזיקער אַרבעטער־מלוכה אַר־בעט מען פאַר זיך, פאַר אַ נייער בעסערער וועלט, פאַר אַ בעסערן לעבן, פאַר דעם סאָציאַליזם. דאָס כיטרע שמייכעלע פאַרשווינדט פון זיין פּנים. ערנסט ווערט עס, דאָס פּנים, און באַהויכט מיט באַגייסטערונג, מיט ענטוזיאַזם, מיט טיפן, אומבויגזאַמען גלויבן. ער דערציילט וועגן זיין אייגן לעבן. אַ לענינגראַדער, איז ער, זיין טאַטע איז געהרגעט געוואָרן אין 1917 בעת אַ דעמאָנסטראַציע. אים אַליין האָט די רעוואָלוציע צוגע־טוליעט, אַרויסגעהויבן און געמאַכט פאַר אַ מענטשן. מען האָט אים גע־שיקט אַהערצו, כאָטש ער איז נישט קיין קוילנגרעבער, נאָר מען דאַרף אים איצטער דאָ, איז ער געקומען. ער ווייסט אַז זיי, די ניי־געקומענע, זענען נישט קיין פאַכלייט, אַז עס וועט זיי מסתמא זיין שווער, זייער שווער. נאָר מען דאַרף זיך שטאַרקן, מען דאַרף קענען איבערוועגן די שוועריקייטן, ווייל עס פעלן דאָ אויס מענטשן. שוואַרצע כמאַרעס רוקן זיך אָן. אַ מלחמה הענגט אין דער לופטן. דאָס ערשטע צום פאַרגרייטן זע־נען די קוילן, ווייל אָן די קוילן קאָן מען גאָרנישט נישט אויפטון. זיין שטים וואַקסט, נעמט אָן נייע טענער, רופט, מאָנט און באַגייסטערט. — העלפט אונדז אין אונדזער אַרבעט — פאַרענדיקט ער — העלפט אונדז אַרויסבאַקומען דעם גרעסטן אוצר אונדזערן, דאָס שוואַרצע גאָלד.

וויין און טרערן

כל־זמן די ניי־געקומענע האָבן זיך אַרומגעדרייט אויף מלוכהשע קעסט, צוגעהערט זיך צו לעקציעס וועגן קוילן־גרעבעריי, צו די זיכער־קייטס־פאָרשריפטן וואָס פאַרפליכטן אין די שאַכטעס, צו די פּאָליטיש־דערציערישע לעקציעס אאַז״ו, און גענומען דערפאַר באַצאָלט די געזעצ־לעכע 10 רובל אַ טאָג, ד״ה אַ געהאַלט וואָס ווערט אויסגעצאָלט יעדן איי־נעם אין די ערשטע טעג ווען ער נעמט זיך לערנען דאָס פאַך, כל־זמן אָט־דער יום־טוב איז אָנגעגאַנגען, איז אַלץ געווען אין בעסטן אָרדענונג. חברה האָט געשלאָסן נייע קאַנטשאַפטן מיט די אָרטיקע, בייטאָג באַזוכט די לעקציעס, אין אָוונט געפאָרן אין דערבייאיקן שטעטל מאַקעיעווקאַ, צי אפילו אין ווייטערן סטאַלינאָ, און געווען ענטוזיאַסטיש געשטימט וועגן גאַנצן ענין. מען פלעגט אויך אַראָפּפאָרן אַלעמאָל אין שאַכטע אויף אַ פאָר שעה. צוקוקן זיך צו דער אַרבעט, אַרויפקומען אין דער הייך אויסגע־רוסטע ווי די שדים, מיט אַלטע שאַכטיאָרן צוגלייך, און שפּעטער, נאָך אַרומוואַשן זיך אין דער באַניאַ 1) באַוואונדערן איינער דעם צווייטן, וואָס דאָס אויסזען וייערס בייט זיך וואָס אַמאָל מער. ספּעציעל בייטן זיך די אויגן, ווייל עס קומט אָן שווער, און מיט דער צייט ווערט עס אינגאַנצן אומעגלעך אַראָפּצונעמען דעם שוואַרצן קוילן־שטויב פון די ברעמען און וויעס. די אויגן זעען אויס ווי אונטערגעפאַרבטע, פּונקט ווי ביי פילם־אַקטיאָרן. די מיידלעך איז גאָר געפעלן געוואָרן דער ענין, ווייל די פאַר־טיפטע־פאַרשוואַרצטע אויגן גיבן צו אַ ספּעציעלן חן, ווער שמועסט נאָך אַ בלאָנדע — אַזאַ זעט שוין אויס גאָר אָריגינעל. איז ווי געזאָגט דער ענטוזיאַזם געוואָקסן, און מען האָט שוין געוואַרט מיט אומגעדולד, ווען וועט זיך דאָס אָנהייבן די אַרבעט אויף „אַן אמת“. פאַר דער טיר פון אָבשטשעזשיטיע האָט מען צוגעקלאַפּט אַ גרויסן לוח מיט די רובריקן: „נאָמען — פּראָצענט פון אויסגעפירטע אַרבעט“ און מיט אַן אויפ־שריפט: „סטאַכאַנאָווצעס 2) פון די מערב־געביטן“. דער לוח איז דער־ווייל געהאָנגען אַ ריינער און געוואַרט אויף נעמען, און יעדער איינער

1) באָד.

2) פון נאָמען סטאַכאַנאָוו — וואָס איז געווען דער ערשטער סאָוועטישער אַרבעטער אָנצוהייבן די גרויסע באַוועגונג פון שלאָגלעריי און סאָציאַליסטישע אַרבעטס־פאַר־מעסטונג.

פון דער חברה, האָט זיך שוין געזען אויפן דאָזיקן לוח מיט גרויסע אות־יות און מיט אַ געוואַלדיק גרויסן פּראָצענט. אין אַ צעבראָכענעם רוסיש פּלעגן זיי זיך אויסטענהן מיט די אַלטע שאַכטיאָרן און פאַרשפּרעכן זיי צו ווערן סטאַכאַנאָווצעס וואָס שנעלער, אָבער די שאַכטיאָרן האָבן בלויז געשמייכלט, הערנדיק די דאָזיקע צוזאָגעכצן און געברומט אונטער דער נאָז עפּעס אַזעלכעס, וואָס די נייע האָבן נישט פאַרשטאַנען, אָבער אויב ס׳האָט זיך צוגעהערט אַן „אַלטער״, פּלעגט ער אַרויסזעצן מיט אַ היל־כיק געלעכטער.

איידער וואָס ווען, האָט אונטערגערוקט דער יום־טוב פון דער אָק־טאָבער־רעוואָלוציע. די שאַכטע האָט זיך פּיבערהאַפט געגרייט צו דעם יום־טוב טאָקע. דער גרויסער קלוב האָט גענומען זיך יום־טובדיק אויס־פּוצן, אויף אַלע הייזער האָבן זיך באַוויזן פאָנען, איבערן שאַכט־הויף האָבן זיך געטראָגן די קלאַנגען פון די טרומייטן און אַנדערע אינסטרו־מענטן — דאָס האָט דער שאַכטע־אָרקעסטער זיך געגרייט צום גרויסן טאָג. די קינדער אין די קינדער־גערטנער און שולן האָבן זיך פּיבערהאַפט איינגעחזרט די רעציטאַציעס און איינאַקטערס, מיט איין וואָרט אומע־טום האָט געהערשט אַן ערב־יום־טובדיקע שטימונג.

אַן ערך 3 טעג פאַרן יום־טוב איז פאַר דער שאַכטע פאָרפאָרן אַ שוואַרצער גלאַנציקער „זיס״ 3). ער האָט זיך פאַרהאַלטן מיט אַ סקריפּ פאַר די טירן פון אבשטשעזשיטיע און פון זיין אינעווייניק זענען אַרויס־געשפּרונגען צוויי מענטשן, אָנגעטון לייטיש, אין שוואַרצע גוטע, וואַרע־מע מאַנטלען, מיט הויכע שטיוול, און מיט היטלען מיט אַרויפגערוקטע דאַשקעס. דער עלטערער, אַ רוס פון אַן ערך 50 יאָר איז אַריין אין קאַנ־צעלאַריע, און נאָך אים איז נאָכגעגאַנגען אַ מאַן פון אַ יאָר 30־35, אַ הויכער, שטאַלטנער חברהמאַן מיט אַ קלוג אינטערעסאַנט פּנים. זיי האָבן געפרעגט אויף די ניי־געקומענע, זיי ווילן האָבן אַ שמועס מיט זיי, זיי זענען, זאָגן זיי, פאַרשטייער פון אַ צייטונג, פון אַ טעלעגראַפן־אַגענטור.

ביי דער צייט, האָבן די חברה פונקט געהאַט זייער נאָכמיטיק־אָפּרו, און געוואַלדעוועט צווישן זיך, געשפּילט אין דאָמינאָ, אין קאָרטן, געלאַכט, געשטיפט און דיסקוטירט וועגן דער נאַר־וואָס אויסגעווײלטער „קאָ־

---

3) ראשי־תיבות פון „זאַוואָד אימעני סטאַלינא״ — אַ פאַבריק פון אויטאָמאָבילן.

מיסיע" זייערער. דאָס האָט געזאָלט זיין אַ מין פֿאַרוואַלטונג, וואָס זאָל זיי פֿאַרבינדן מיט דער אָנפֿירערשאַפֿט פֿון דער שאַכטע, און מיט דער אָרטיקער מאַכט. ווען דער אַלטער אַנטאָן ניקאַלייעוויטש, דער וועכטער פֿון אָבשטשעזשיטיע איז אַריינגעקומען און געמאָלדן וועגן די געסט, האָבן זיי טאַקע באַשלאָסן צו שיקן די דאָזיקע קאָמיסיע, אַז זיי זאָלן זיך אויסטענהן מיט די צייטונגס־מענטשן, אָבער אין „קראַסני־אוגאָלאָק" ווו זיי, די צייטונגס־מענטשן, האָבן געוואַרט, זענען אַריינגעלאָפֿן כמעט אַלע. און אָט דאָ טאַקע אינעם „קראַסני־אוגאָלאָק" איז פֿאָרגעקומען דער שמועס צווישן דער סאָוועטישער פּרעסע און די „בלוט־ברידער פֿון מערב־אוקראַינע און מערב־ווייסרוסלאַנד".

דער שמועס איז געווען אַ קאָמישער, אַ פֿולער מיט סיורפּריזן פֿאַר ביידע זייטן, אַ דורכגעפֿלאָכטענער מיט פֿאַרוווּנדערונג מצד די פּרעסע־לייט, און מיט דורכגעטריבענע געלעכטערלעך און איראָנישע בליקן פֿון דער וואַרשעווער און לעמבערגער חברה יאַטן. די פּרעסע־לייט האָבן זיך געוווּנדערט, אַז: די ניי־געקומענע זענען לייטיש אָנגעטון, אַז קיינער קען נישט קיין אוקראַיניש, אַז די „בלוט־ברידער" זענען כמעט אַלע יידן, אַז קיינער פֿון זיי האָט קיינמאָל אין קיין שאַכטע נישט געאַרבעט, צומאָל קיין שאַכטע אויף די אויגן נישט געזען, אַז אַזויפֿיל פֿון זיי ווייסן ווער ס'איז מאַרקס און ענגעלס, און לענין און סטאַלין, אַז זיי זענען נישט קיין פֿולע עם־הארצים אין „חכמת־הדיאַלעקטיקע", אַז... אַז... אַז... דער קולמינאַציע־פּונקט פֿון פֿאַרוווּנדערונג איז געווען, ווען ס'האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז עטלעכע פֿון די ניי־געקומענע האָבן געלייענט אין פּוילישער איבערזעצונג אַ ראָמאַן פֿון איינעם פֿון די פּרעסע־לייט, וועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין, דער סאָוועטישער ראָמאַניסט א.

די חברה יאַטן ווידער האָבן זיך געוווּנדערט, וואָס די סאָוועטישע פּען־מענטשן זעען אויס אַזוי, ווי זיי זעען אויס; זיי האָבן זיך גערעכנט אויף שרייבער, מיט בערד אוןברילן, ערנסטע און מרה־שחורהדיקע, און דאָ, נאַדיר גאָר אַ מעשה, שטייען צוויי מענטשן, מיט גוטמוטיקע שמייכעלעך, מיט אַן אויסזען פֿון פּשוטע אַרבעטער, מיט געזיכטס־שטריכן פֿון פּאָלקס־מענטשן, צוגענגלעכע, ליבנסווירדיקע, צוגעלאָזענע. און ערשט האָבן זיי זיך געוווּנדערט, וואָס זיי, די סאָוועטישע שרייבערס, ווייסן אַזוי ווייניק וועגן לעבן אין אַמאָליקן פּוילן, וועגן דער אַרבעט

פון דער געוועזענער פוילישער קאָמפּאַרטיי, וועגן דעם, אַז די פּאַרטיי איז געוואָרן פונאַנדערגעלאָזן נאָך אַ צייט פאַרן קריג דורך די פּאַרטיי־אָרגאַנען גופא, און ועל־כולם האָבן זיי געוואָלט וויסן די ניי־געקומענע, וואָס הערט זיך עפּעס מיטן אַראָפּברענגען די פאַמיליעס? אָבער די קאָ־רעספּאָנדענטן האָבן נישט געקענט פאַרענטפערן אָט־די אַלע פראַגעס. זיי האָבן בלויז צוגעזאָגט נאָכפרעגן זיך און אויספאָרשן דעם גאַנצן ענין.

צוערשט האָבן זיי, די פרעסע־לייט, אַרויסגענומען גרויסע בלאָק־נאָטן און גענומען פאַרצייכענען אַלץ, אָבער ווען דער אָנפלוס פון פראַגעס האָט גענומען וואַקסן, האָבן זיי איינגאַנצן פאַרגעסן, אַז דער ציל פון זייער וויזיט איז געווען — אַ באַריכט פאַר דער פרעסע. זיי האָבן פאַרשטעקט די נאָטיץ־ביכלעך אין טאַש, געאַמפּערט זיך מיט די פראַגעס, געזוכט ענט־פערס, און לסוף, כאַפּנדיק זיך אַז עס איז שוין צייט, איילנדיק זיך גענומען געזעגענען. דער ראָמאַניסט האָט זיך עפּעס דערמאָנט שוין אַוועקגייענ־דיק, און צוריקקומענדיק צו די פאַרזאַמלטע, האָט ער אויף שנעל אויס־געקליבן 3 פון זיי — אַ יידישן בחור, אַ וואַרשעווער, אַ יידיש מיידל, און אַן אוקראַינישן לעמבערגער שגץ, און איינגעלאַדן צו זיך אויף יום־טוב אויף „אָקטיאַבערסקי“.

— איך וואָלט גערן איינגעלאַדן מער — האָט ער זיך ווי פאַרענט־פערט — נאָר די ליסטע פון מיינע געסט איז שוין אַ פולע.

צום באַשטימטן טאָג איז ער טאַקע געקומען, דער ראָמאַניסט, מיט דעם זעלבן שוואַרץ־גלאַנציקן „זיס“, נאָכגעפרעגט אויף די איינגעלאַדע־נע געסט, און ווען זיי זענען שוין אַלע דריי אַריין אין אויטאָ, אָפּגעפאָרן מיט אַ טראַסק צעשפּריצנדיק דעם שוואַרצן קוילן־קויט אויף אַלע זייטן.

דער שרייבער האָט פאַרנומען אַ גרויסע דירה פון עטלעכע צימערן אין איינעם פון די ניי־אויסגעבויטע הייזער אין צענטער פון מאָקעיעווקאַ. פאָרנדיק אַהיים, האָט ער, דער ראָמאַניסט, געגעבן צו פאַרשטיין זיינע געסט, פאַרוואָס ער האָט אַן אייגענעם אויטאָ. פראָסט פּשוט דערפאַר, ווייל ער איז אַ שרייבער. ער האָט זיי דערציילט, ווי אַזוי די ראַטנמאַכט זאָרגט פאַר אירע קינסטלער און געלערנטע, אַז זיי זענען אַרומגערינגלט מיט דעם גרעסטן קאָמפאָרט, אויף וויפל די שווערע סאָוועטישע לעבנס־באַדינגונגען דערלויבן דאָס, אַז ווער, ווער, אָבער זיי, די שרייבער און מוזיקער, די מאָלער און סקולפּטאָרן, די געלערנטע און פילאָזאָפן, די

פּראָפעסאָרן און אינטעלעקטואַלן, זיי, די מענטשן פון מוח און קונסט — זיי האָבן אַלץ, וואָס עס איז נייטיק כדי צו שאַפן זיי אַזעלכע באַדינגונ־גען, אַז זיי זאָלן קענען אַנגיין מיט זייער אַרבעט לטובת דער סאָוועטי־שער קולטור. ער האָט מיט שטאָלץ דערציילט, ווי שווער עס איז אים געווען אַרויסצוקומען אויפן ברייטן שליאַך פון אָנערקענונג און באַרימט־קייט אַלס שרייבער, אַז ער איז אַ מענטש פון פאָלק, אַ זון פון אַרבעטער, אָבער ווי נאָר ס׳איז דערגאַנגען דאָרט ווו ס׳דאַרף דערגיין, אַז ער איז אַ טאַלאַנטירטער שרייבער, האָט אים דאָס סאָוועטישע פאָטערלאַנד תיכף באַזאָרגט מיט אַלעם נויטיקן. ער האָט געזאָגט, אַז די סאָוועטישע קינסט־לער וויסן, אַז זייער קאָמפאָרט איז ווערט פיל מער ווי דער קאָמפאָרט פון אַ שרייבער אין אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד, ווייל אַזאַ קאָמפאָרט, אויפן כאָן פון די אַלגעמיינע שווערע לעבנס־באַדינגונגען איז אַ באַווייז פון נאָך גרעסערער אָנערקענונג, און דעריבער זענען זיי גרייט, די סאָוועטי־שע קינסטלער, צו זיין אומעטום און שטענדיק צום דינסט פון זייער פאָ־טערלאַנד. די דריי חברה האָבן זיך איינגעהערט אין די פשוטע, האַרצי־קע רייד פונעם גרויסן שרייבער, געשעפּט נחת פון זיינע אויספירונגען, געקוויקט זיך מיט זיין פּשוטער, פאָלקסטימלעכער חכמה, געהאַט אַן הנאה צו קוקן ווי ער פירט די מאַשין אויפן גלאַטן שוואַרץ־געפלאַסטערטן וועג, און געטרוימט... געטרוימט... געטרוימט...

אין דער וווינונג פונעם שרייבער איז געווען טומלדיק און רוישיק. ס׳האָבן זיך פאַרזאַמלט ביי אים די בעסטע און שענסטע פון שטאָט, די־רעקטאָרן פון זאַוואָדן און שאַכטעס, נאַטשאַלניקעס פון פאַרשידענע מאַכט־אָרגאַנען, פון דער אַרבעטער און פויערים מיליציע, פון דער נ. ק. וו. ד., אינזשעניערן, דאָקטוירים, קינסטלער, מיט איין וואָרט די גאַנצע „סמעטענע״.

און ווידער די זעלבע קעגנזייטיקע פאַרוווּנדערונג, וואָס אויף דער שאַכטע, ווידער די זעלבע שמייכעלעך, פאַרלעגענע ליפּן־פאַרבייסונגען, האַלבע בליקן געוואָרפענע היִן און הער, נישט דערזאָגטע ווערטער און איינגעהאַלטענע געדאַנקען. דער טיש איז געווען געדעקט מיט קאָמפאָרט, מיט געבראָטענע עופות, מיט קאַוויאַר, מיט געשמאַקע סאַנדוויטשן, מיט שאַמפּאַניער, מיט איין וואָרט — מיט אַלעם גוטן. די געסט אַנגעטון ליי־טיש, באַשיידן אָבער נישט שלעכט, די מענער מערסטנטייל אין די גימ־

נאַסטיאַרקעס פון מיליטערישן שניט, אין ברייטע בופן־הויזן און הויכע גלאַנציקע שטיוול, די אָנצוגן פון אייראָפּעאישן שניט זענען געווען פון גוטן לענינגראַדער שטאָף, אָבער די מאָדע פון אַ יאָר 8־10 צוריק שוין. די פרויען־קליידער פּשוט און געוויינלעך, אָן ספּעציעלע באַפּוצונגען און שמאָכטעס, און נאָר עטלעכע פון זיי האָבן זיך אָנגעטון ווי מען טוט זיך אָן אין „מערב" אויף אַ שמחה.

איז מען געזעסן ביים טיש, און געשמועסט און געלאַכט, און אי־בערגעגעבן זיך די לעצטע נייעסן פון שטאָט, און פון מאָסקווע, די לעצ־טע ידיעות פון פּאַרטיי־לעבן, די לעצטע דערגרייכונגען אויף די שאַכטעס און זאַוואָדן, די לעצטע אויסצייכענונגען פון דער אָדער יענער אונטער־נעמונג אָדער קינסטלערישער דערגרייכונג. דער טומל איז געוואַקסן, אַ היימישער, אַ גוטמוטיקער, אַ פריידיקער. איבער אַלע טענער האָט זיך געהויבן איינער, וואָס האָט דאָמינירט דעם טיש, דער טאָן פון אַ זיגרייך, מעכטיק לאַנד, וואָס ווייס גוט צו וואָס עס גייט, און וואָס עס וויל, פון אַ לאַנד, וואָס איז גרייט צו גיין מיט אַן אָנגעבויגענעם קאָפּ פאָראויס, ווי אַ האַרטנעקיקער ביק, און דורכברעכן מויערן, אַבי צו דערגרייכן דעם געשטעלטן ציל.

און אַ מאָדנע זאַך. די הייטערקייט און מונטערקייט ביים טיש האָט געווירקט אויף די דריי חברה אין פּונקט אַ פאַרקערטער ריכטונג. ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגעשמועסט, זענען זיי זיצן געבליבן מרה־שחורהדיקע, פאַרלוירענע, און אומעטיקע. דורך דער העל־צעשיינטער ליכט פון די לאָמפּן, דורך די פינקלענדיקע בעכערס און פלעשער, דורך דער פריילעך־צעגאָסענער שמחהדיקער אויפגעלייגטקייט, דורך דעם גאַנצן הילכיקן געטומל און געווימל, זענען פלוצלינג אויפגעשווומען, ווי אַרויסגערופן דורך אַ געהיימער האַנט, די בילדער פון זייערע היימען, דאָרט, העט ווייט, ביי די ברעגעס פון דער גראָער ווייסל. אָסיען איז איצטער דאָרט, אין פּוילן. דער ווינט פייפט אין קוימען, ווי אַן אַלטע מכשפה. דער רעגן זיפּט זיך אַ דינינקער, אין קליינטשיקע, קוים באַמערקבאַרע פאַרן אויג, טראָפּעלעך. די ווערבעס ביים טייך האָבן זיך איינגעקאָרטשעט, און זייערע צעלאָזענע נאַקעטע צווייגן ציטערן, ציטערן. רויטע בלעטער פוילן ביים וועג, און אויף די דורכגעווייקטע טרויעריקע פעלדער גייט אום אַ נעפּלדיקער טרויער, אַ צעשוואומענער, אַ פאַרבענקטער, אַ האַרץ־רייסנדי־

קער, און אַזאַ נאָענטער. אוי, ווי נאָענט... און אין די היימען איז שוואַרץ און פינצטער. אויסגעלאָשן זענען זיי די היימען, די פענצטער גלאַנצן מיט שוואַרצע לעכער אין דער גאַס אַריין, און אין די גאַסן טאַקע, גייט אַרום שרעק און אימה, פחד און גרויל, פרעמדע אכזריותדיקע, שוואַרצע און ברוינע מונדירן, ווילדע געשרייען, און ווילדע בלוטדורשטיקע נאַצי־שע לידער. און טיילמאָל, אינמיטן דער נאַכט — אַ שאָס. און טיילמאָל — אינמיטן דער נאַכט — אַ פלוצימדיקער געשריי, אַ האַרצרייסנדיק געיאָמער, וואָס פאַרקייקלט זיך איבער די נאַסע שטיינער פון ברוק, קאָלערט זיך ביז ער ווערט אַנטשוויגן, און די שטילקייט הענגט ווייטער, אַ שרעק־לעכע, אַ שניידנדיקע, אַ ליאַרעמדיקע שטילקייט, וואָס איז נאָך צען מאָל ערגער פון געשרייען — — —

אַט־דאָס אַלץ האָבן די דריי פרעמדע, אויסלענדישע געסט, פונעם קאַפּיטאַליסטישן מערב געהאַט פאַר די אויגן, ווען דער טיש האָט גע־טומלט און געררודערט, ווען עס האָבן זיך געטראָגן די הילכיקע טאָאַסטן, פאַרן ווילזיין פון גרויסן סאָוועטישן פאָלק, פאַרן זיג פון דער גרויסער לענין־סטאַלין פאַרטיי, פאַר דער רויטער אַרמיי, פאַרן באַליבטן פירער פון אַלע פעלקער, פאַרן גרויסן, קלוגן און גוטן, און לייבלעכן סטאַלין... די געסט האָבן געטרונקען נאָך יעדן טאָאַסט, און אַזוי האָבן אויך גע־טרונקען די פרעמדע, די אויסלענדער, מיט אויגן פאַרקוקט ווייט, אין זייערע ווייטע היימען, וואָס זענען פלוצלינג אָנגעקומען אַהער, כמעט לעבעדיקע, ממש מיט דער האַנט אָנצורירן. האָבן זיי געטרונקען די שטאַרקע סאָוועטישע וואָדקאַ, דעם שוימיקן שאַמפּאַניער, און געזעסן פאַרזונקען אין טראַכטענישן, אין בענקענישן, אין זייערע צרות...

דער ראָמאַניסט האָט זיך פלוצלינג אַ ווענד געטון צום וואַרשעווער:

— און וואָס פאַר אַ טאָאַסט וועט איר הייבן, חבר? — האָט ער אַ פרעג געטון.

דער בחור האָט זיך אויפגעשטעלט, אָנגעגאָסן אַ פול גלעזעלע מיט וואָדקאַ, און אַ זאָג געטון מיט אַ האַרטער, שטרענגער שטים, מיט אַ שטים וואָס ער האָט זי אַליין נישט דערקענט:

— איך וועל טרינקען דערפאַר, וואַרשע זאָל וואָס שנעלער באַפרייט ווערן פון פאַשיסטישן יאָך! — און ער האָט אַ צי געטון דאָס גלעזל מיט אַ זשליאָק.

שטיל, גאָר שטיל איז געוואָרן ביים טיש, און מען האָט געקענט הערן, ווי דער בראָנפן בולגאָטשעט אין גאָרגל פון פרעמדן בחור. דער באַלעבאָס, דער ראָמאַניסט, האָט אַ בלאַסער פון כעס און פאַרלעגנהייט זיך אָנגערופן:

— ניין, דאָס וועלן מיר נישט טרינקען. מיר האָבן איצט אַן אָפּמאַך מיט זיי, מיט די דייטשן.

דער בחור האָט אַוועקגענומען דאָס נישט־דערטרונקענע גלעזעלע פון מויל, אַ וואָרף געטון אַ קריגערישן בליק די פאַרזאַמלטע און געזאָגט הויך, און דייטלעך:

— אָבער איך, איך וועל יאָ טרינקען! — און דערטרונקען דעם בראָנפן ביזן סוף — איך האָב מיט זיי קיין אָפּמאַך נישט געשלאָסן.

די שטילקייט האָט דער ערשטער איבערגעריסן דער נאַטשאַלניק פון דער מיליציע. אויף זיין ברייטן, וועליקאָרוסישן פּנים האָט זיך באַוויזן אַ כיטרע, פויעריש שמייכעלע. ער האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט און געזאָגט:

— און איך וועל טרינקען דערפאַר, אַז עס זאָל נישט זיין קיין שוועריקייטן אין דער אַלקאָהאָל־אינדוסטריע.

פּאַמעלעך, פּאַמעלעך איז די שטימונג, די הייטערע, פריילעכע יום־טוב־שטימונג צוריקגעקומען. מען האָט פאַרענדיקט די וועטשערע, דער גראַמאָפאָן האָט זיך צעשפּילט. פאַרלעך האָבן גענומען טאַנצן אינעם גרויסן סאַלאָן, פון וועלכן מען האָט באַזייטיקט די טישן. אַ יונגער קאָמאַנדיר האָט גענומען אַרומשפּאַצירן אויף די הענט, וויגנדיק די פיס אין דער הויך ווי אַ דרעסירטער בער. די באַלעבאָסטע האָט פונאַנדערגעטראָגן שוואַרצע קאַווע מיט אַ ליבנסווירדיקן שמייכעלע. אין די האַלבפאַרטונקלטע וווייטערדיקע צימערן, האָבן זיך געשושקעט פאָרלעך. מיט איין וואָרט, דער יום־טוב איז זיך ווייטער געגאַנגען זיין וועג, אומגעשטערט, פריילעך, לעבעדיק און לוסטיק.

דער נאַטשאַלניק פון דער מיליציע, דער זעלבער, וואָס האָט פריער געהויבן דעם טאָאַסט פאַרן ווווילזיין פון דער בראָנפן־אינדוסטריע, איז איצטער געזעסן פאַרטראַכט, און געקלערט גאָר שטאַרק וועגן עפּעס. פּלוצלינג האָט ער אַ הויב געטון זיין מעכטיקן קאָרפּוס, מיט דער מעדאַלן־באַהאָנגענער ברוסט, און אויסזוכנדיק מיט די אויגן דעם וואָרשע־

ווען יאַט, וואָס איז געזעסן אין אַ ווינקל אַן עצבותדיקער און מרה־שחורהדיקער, איז ער צוגעגאַנגען צו אים, און שטיל און מילד אַ זאָג געטון:

— ווילסט שפּילן אין דאָמינאָ?

— יאָ. — האָט דער יאַט האַלב־מעכאַניש געענטפערט.

זענען זיי אַריין אין אַ זייטיק צימערל, און גענומען קלימפּערן מיט די ביינער אויפן שוואַרץ־פּאָלירטן קליינעם טישל. דער נאַטשאַלניק האָט פּלוצלינג אַ זאָג געטון:

—הער זיך איין, בראַטאָק, 4) מיר דוכט זיך אַז עס גלוסט זיך דיר אָפּרעדן פון האַרצן, איז, אויב דו האַלטסט מיך פאַר אַ גוטן ברודער, פאַר אַרויס, דרוג, 5) מיט אַלעם וואָס ליגט דיר אויפן האַרצן.

— איך, איך האָב גאָרנישט וואָס צו רעדן — האָט דער יאַט געענטפערט. אָבער אויפהייבנדיק די אויגן, האָט ער באַמערקט יענעמס, דעם נאַטשאַלניקס בליק. אַ בליק אַ גוטן און אַ קלוגן, אַ בליק אַ האַרציקן אין אַ ווייכן, און דאָך אַ שטרענגן און אַ מעכטיקן, און ער האָט גענומען רעדן. ער האָט אים דערציילט וועגן קליינע פּוילישע שטעטלעך, וואָס ליגן פאַרוויסטע און טרויעריקע, פאַריתומטע און אבלדיקע, וועגן מאַמעס וואָס בענקען נאָך זייערע זין און טעכטער, און באַגיסן מיט איינזאַמע טרערן די קישנס אין די פינצטערע האָפענונגלאָזע נעכט, וועגן טאַטעס וואָס בייסן די שפּיצן פון גראָע בערג אין גרויס ווייטיק, וועגן פאַרשניטענע יונגע לעבנס, וועגן באַמבעס, צרות, פּיין און טויט...

דער נאַטשאַלניק האָט זיך איינגעהערט אין די אומגעלומפּערטע ווערטער פון פרעמדן בחור, אין זיין גרייזיקן רוסיש, אין זיין טרערן־פאַרשטיקטע יידיש־ווייטיקלעכע קלאָגערייען, און געהערט האָט ער פונקט ווי ער וואָלט זיך גאָר צו יענעמס רייד נישט צוגעהערט, אָבער ווען יענער האָט געענדיקט, האָט ער גענומען רעדן אַליין, און דערציילט אים:

אַז ווער עס דאַרף וויסן וועגן אָט־דעם אַלעם, ווייסט עס, — אַז אַ גרויס געראַנגל גרייט זיך איבער דער וועלט, אַז גוטס און שלעכטס וועלן זיך סוף־כל־סוף אַ וואָרף טון איינער דעם צווייטן צום גאָרגל. אַז דאָס שלעכטע איז שטאַרק, זייער שטאַרק, אַז מען מוז שאַרפן די נעגל און די

---

4) ברודערל.

5) פריינט.

צייך, כדי דאָס שלעכטע זאָל נישט באַווייזן צום האַלדז זיך צוקריגן, אַז מען דאַרף זיך גרייטן, גרייטן, גרייטן, וואָס מער, וואָס בעסער, וואָס שטאַרקער. אַז דאָ, אין דעם דאָזיקן לאַנד, זענען אַלע פאַרנומען מיט גרייטן זיך, מיט בויען, מיט שמידן דאָס געווער, כדי עס זאָל זיין גרייט, ווען די צייט וועט קומען. אַז עס פאָדערט זיך דערויף צייט, אַז מען טאָר זיך נישט פאַרלאָזן אויף קיין שום פרעמדע „פריינט“, וואָס קוקן בלויז אויס, אַז מען זאָל אָפּגיין אין בלוט, און שטיין בלייבן אויף די קניען בלוטלאָזע און מאַכטלאָזע. אַז מען דאַרף האָבן אַ סך, אַ סך אייגענע כוחות, און נישט פאַרלאָזן זיך אויף קיינעמס „גוט־פריינטשאַפט“. אַז דאָס לאַנד וועט געפירט מיט אַ זיכערער, גוטער, געטרייער האַנט, אַז מען דאַרף האָבן צוטרוי. דו הערסט, צוטרוי דאַרף מען האָבן... — האָט ער אויפגערעגטערהייט פאַרענדיקט.

דער בחור האָט געקוקט אין די בלויע, גוטע אויגן פון נאַטשאַלניק, באַטראַכט זיינע ברייטע רוסישע געזיכטס־שטריכן, זיין פלאַקסענע טשופרינע וואָס איז אים געפאַלן אין די אויגן אַריין, זיין מעכטיקע, ווי פון שטיין אויסגעגאָסענע פיגור, איינגעהערט זיך אין זיין מילדער און דאָך אַנטשלאָסענער שטים, און... ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

ער האָט פאַרשטאַנען.

דער טאַנק פון די ברידער פינטשוק

און ענדלעך האָט זיך די אַרבעט אויף „אָן אמת״, די אַרבעט אין שאַכטע, אָנגעהויבן. שוסטערס און שניידערס, קאמאשנשטעפּערס און בוכהאַלטערס, האַנדלס־אַנגעשטעלטע און ביוראָליסטן האָבן גענומען אין זייערע נישט־געשולטע, נישט צוגעוווינטע הענט די קילאָפּן, די גרויסע האַמערס, די שווערע דזשאַגאַנעס, די גראַב־אייזנס און די קאַרבידענע לעמפּלעך און אַראָפּ דורכן ברייט־צעעפנטן שאַכטע־פּיסק, צעקראָכן זיך אין די פּאַרפּלאָנטערטע, פּאַרדרייטע קאָרידאָרן און דורכגענגלעך, ביז זיי זענען צוגעקומען צום סאַמע אָרט, וו אין ווייס־גראָלעכן פעלדזיקן באָדן, אָדער ווי מען רופט עס דאָרט, אין דער „פּאָראָדע״, ליגן איינגעפּרעסט שיפּועדיק, צעפינקלט אינעם רויטן שיין, דיקע שוואַרץ־בלוילעכע שיכטן פון שוואַרצע אוצרות, פון גוטן, אַלמעכטיקן אַנטראַציט־קויל.

חברה האָבן זיך אַ נעם געטון מיטן פולן ברען, מיט דער גאַנצער התלהבות. „לאָמיר אַראָפּיאָגן פון זייערע פּנימער, פון די פּנימער פון די אַלטע שאַכטיאָרן, דעם איראָנישן, צווייפלפולן שמייכעלע זייערן״ — האָבן זיי געטראַכט און אָנגעשטרענגט זיך, און געשוויצט, געדלובעט מיט די גראַב־אייזנס די שוואַרצע ווענט פונעם „זאַבאָי״ 1), געטאַסקעט די שווערע הילצערנע סלופּעס צו די „אוקרעפּליעניעס״ 2) צונויפגעלייגט די שטיינער פון דער אַראָפּגעפאַלענער פּאָראָדע אין גלייכע ווענט, געלערנט זיך אַרבעטן אויף דער „וורובאָוואַיאַ מאַשינאַ״, וואָס האָט מיט שאַרפע מעסער־ציין זיך איינגעביסן אין דער שוואַרצער קוילן־וואַנט, געשטופּט די געלאָדענע וואַגאָנעטקעס, געאַרבעט, געהאָרעוועט, מיט ברען, מיט פייער, מיט פאַרביסנקייט פון בייע, גענוי ווי עס שטייט אין פּסוק: „אַ בייער בעזים קערט גוט״.

די רעזולטאַטן האָבן לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן אויף זיך. אויפן אַרויסגעהאָנגענעם לוח, וואָס פאַרן אָבשטשעזשיטיע, אויפן גרויסן לוח פון די סטאַכאַנאָווצעס, האָבן זיך גענומען באַווייזן נעמען פון די „מערב־אוקראַינער ברידער״, נעמען פאַרענדיקטע מיט „מאַן״, „בלאַט״ אָדער „קינד״, און מיט צושריפטן: 110 פּראָצענט פון דער נאָרמע, 120, 125

---

1) דער פוסטער רוים וואָס שאַפט זיך נאָך אַרויסנעמען דעם קויל.
2) באַפעסטיקונגען.

און אפילו איינמאָל מיט אַ 150 פּראָצענט. חברה איז אַרויפגעקומען פון שאַכטע טויט־מיד, קוים זשיפּענדיק. אויף די אויסגעריסטע פּנימער — זיגרייכע שמייכלען, אין די מיט קוילן־שטויב באַזוימטע אויגן — גאָל־דענע פונקען, אויף די פאַרשוואַרצטע ליפּן, צווישן וועלכע ס׳האָט מאָד־נע געטאַנצט אַ רויטע צונג, אַ פריילעך לידל. איז מען געגאַנגען אין דער סטאָלאָווקע, אָפּגעגעסן און געפּרוווט עפּעס אַ לייען טון, געפּרוווט אַ שמועס טון, געפּרוווט אַ ווויווע טון, אַ לאַך טון — אָבער עס איז נישט געגאַנגען. נישט טויט, נישט לעבעדיק פלעגן די חברה דעמאָלט אַוועק־פאַלן אויף די אייזערנע בעטלעך אין די צימערן פונעם אָבשטשעזשיטיע, און אַריינפאַלן מאָמענטאַל אין אַ שטאַרקן, שטיינערנעם שלאָף, ביז וואַ־נען איבער די קאָרידאָרן פלעגט זיך אויפסנייי צעשרייען דער אַלטער מאַטוויי, דער היטער פון אָבשטשעזשיטיע, אַז עס איז שוין צייט אויפ־צושטיין צו דער אַרבעט. די מידקייט האָט גענומען קריכן אין די ביינער, אַוועקנעמען און צעחושן די געדאַנקען, צעטומלען און זעצן זיך אויפן קערפּער, אויפן מוח, ווי אַ שווערע, אומדערטרעגלעכע לאַסט.

חברה האָבן אָנגעהויבן פאַמעלעך צו פאַרשטיין דעם באַטייט פונעם געהיימנישפולן, איראָנישן שמייכעלע וואָס האָט זיך שטענדיק אַרומגע־בלאָנקעט אין די מויל־ווינקלען פון די אַלטע שאַכטיאָרן. זיי האָבן עס פריער טאַקע נישט פאַרשטאַנען. אָט אַרבעטן זיי דאָך אויך ביי דער זעל־בער אַרבעט, און גאָרנישט... זיי האָבן נאָך צייט צו גיין שפּאַצירן, צו פאָרן אין שטעטל אַריין אין קינאָ, צו גיין אין קלוב, צו לערנען זיך שפּילן אויף אַ באַלאַלייקע, צו טון דאָס, צו פאַרנעמען זיך מיט יענעם, און דאָ? גאָרנישט. געקומען פון דער אַרבעט, און גלייך ציט עס אין בעט אַריין... און חברה האָט געשאָלטן די אייגענע שוואַכע, נישט אויסגעאַרבעטע מוס־קולן, די לאַנגע דורות פון קרעמערייַ און לייכטע „הונגער־פּרנסות", וואָס האָבן זיך נאָכגעשלעפּט ווי אַ שווערע ירושה, דעם נישט־צוגעוווינטן קער־פּער זייערן, די שוואַכקייט און מידקייט האָבן זיי געשאָלטן. אָבער גע־פילט האָבן זיי אַז עס וואַקסט אַריבער זייערע כוחות, אַז כאָטש נעם און צעשנייז זיך, עס גייט נישט, נו, עס גייט נישט. און זיי האָבן גענומען חשבונען און עס איז זיי אויסגעקומען, אַז עפּעס שטימט ער נישט דער גאַנצער חשבון:

אין שאַכטע דאַרף מען אַרבעטן 8 שעה אַ טאָג. געווען אַמאָל ווייני־

קעו׳, 6 צי 7, אָבער איצטער׳, אַזוי ווי עס גרייט זיך אַ מלחמה אויף דער וועלט, האָט מען באַשטימט גאַנצע 8. אָבער דאָס איז נאָך גאָרנישט. ווען ד׳ו קומסט צוגיין אין שאַכטע, גייסטו טוישן די קליידער, נעמען די כלים צו דער אַרבעט, נעמען דאָס לעמפל, דעמאָלט פאָרסטו אַראָפּ, ערשט דאַרף מען גיין אַ קילאָמעטער און טיילמאָל אַנדערטהאַלבן צופוס, נישט שטענדיק זענען די דורכגענג געגוג הויך אויף צו גיין אויסגעגלייכט, דויערט עס טאָקע לענגער׳, און פון מאָמענט ווען דו קומסט־צו צום אַר־בעטס־פּלאַץ הייבן זיך ערשט אָן די 8 שעה. די אַכט שעה האָבן טאָקע אַן איבעררייס אינצווישן פון אַ שעה צייט, אַזוי אַז אַרבעטן אַרבעט מען בלויז 7, אָבער מען איז אונטן, און עס פאַרנעמט צייט, און ערשט ווו איז דאָס צוריקגיין, דאָס אַרויפפאָרן, דאָס אויסבאָדן זיך, דאָס צוריק־טוישן די מלבושים? און עס איז זיי אויסגעקומען דער חשבון, אַז דער אַרבעטס־טאָג פאַרנעמט זיי גאַנצע 12 שעה!

דאָס עסן אין דער סטאַלאָווקע האָט זיך אויך גענומען פאַרערגערן, און אפשר האָט עס זיך נישט פאַרערגערט, נאָר חברה האָט פשוט גע־דאַרפט עסן מער׳, און די פּאָר רובל פון דער היים האָבן זיך דערווייל אויסגעלאָזט, און מען האָט געדאַרפט שפּאָרן. האָט מען געגעסן אַ בי־ליקערן מיטיק איז נישט געווען קיין כוח צו אַרבעטן, האָט מען געגעסן אַ טייערן, האָט געגומען אויספעלן געלט. אַלטע שאַכטיאָרן, וואָס לעבן אוין; דער שאַכטע מיט זייערע פאַמיליעס, עסן נישט אין קיין סטאָלאָוו־קעס, מען קאָכט ביי זיך אין שטוב, מען האָט אַן אייגענע הייזקע וואָס שטייט אויפן באָדן פון דער שאַכטע. לעבן דער הייזקע אַ גאָרטן, האָדע־וועט מען אַ חזירל, האַלט מען אַ בהמה, אַ פּאָר הינער, פּראָדוקטן קויפט מען ביליק אין דער קאָאָפּעראַטיווער שאַכטע־קראָם, איז טאָקע אַלץ בי־ליקער׳, באַקוועמער׳, און געשמאַקער. און די סטאָלאָווקע איז אַ סטאַ־לאָווקע. עסטו אָפּ אַ מיטיק פּאַר אַ רובל מיט צוואַנציק קאָפּיקעס, בור־טשעט דער הונגער ווייטער אין בויך, עסטו ווידער אָפּ פּאָר פיר צי פערטהאַלבן רובל, הייגט ווו זאָלסטו נעמען דערויף, אַז דורכשניטלעך פאַרדינט זיך נישט מער ווי אַ 8—12 רובל אַ טאָג. הייסן הייסט עס 50 ביז 70 רובל אַ וואָך. און אַ וואָך האָט דאָך עפּעס 7 טעג צום עסן, כאָטש זי האָט נישט מער ווי 6 טעג צו אַרבעטן. און די אַרבעט איז אַ גאָרמירטע, נישט געאַרבעט — נישט פאַרדינט, מעגסטו אָפּזיין אַ גאַנצן

טאָג אין שאַכטע, אָבער אויב די קענסט נישט ווייזן וואָס דו האָסט געטון, האָסטו אַ טאָג פאַרשריבן אין הימל, און נישט אין שאַכטע־קאַנצעלאַריע. און דאָס וואָס האָסט שוין יאָ געטון ווערט עס ערשט אָפּגעמאָסטן, און דאָס באַקומסטו. און יעדע זאַך, יעדע אַרבעט האָט איר נאָרמע, ד״ה אַזאָ און אַזאָ צאָל אַרבעט דאַרף ווערן אָפּגעטון אין די 8 שעה, פאַר די 8 שעה מיט נאָרמאַלער אַרבעט. דאָס הייסט, מיט הונדערט פּראָצענט נאָרמע באַקומסטו אַזאָ און אַזאָ געהאַלט. ווייניקער געאַרבעט ווי די הונדערט פּראָצענט, באַקומסטו ווייניקער, אויף אַזוי פיל, אויף וויפל פּראָצענט מען איז הינטערשטעליק. אויב אָבער דו מאַכסט מער, דאַן, באַקומט מען נישט נאָר מער לויטן פּראָצענט, נאָר לויט אַ פּראָגרעסיוו־וואַקסנדיקן טאַריף, און אַזוי צ״ב קומט אויס פאַר 150 פּראָצענט נאָרמע, נישט 150 פּראָצענט געהאַלט, נאָר טאָפּלטער געהאַלט.

חברה זענען טאַקע געקומען צום באַשלוס, אַז עס לוינט נישט אַנדערש צו אַרבעטן, ווי נאָר די נאָרמעס אַריבערשטייגן, און דעמאָלט קאָן מען אי עסן בעסער או אי זיך קויפן אַ בגד אַפילו. נאָר ווי אַזוי, ווי אַזוי אַרבעט מען דאָס „סטאַכאַנאָוויש״ אַז עס ליגט אַזאָ מידקייט, אַזאָ שווערע מידקייט אין די ביינער, אַז עס איז נישטאָ קיין כוח צו רירן זיך פון אָרט נאָך דער אַרבעט, אַז מען וויל לייענען אַ ביכל, און די אויגן קלעפּן זיך, אַז מען ווערט אַנטשלאָפן אין קינאָ, באַלד נאָכדעם ווי עס ווערט פינצטער, און אָדער עס וועקט דיך אַ לאַכנדיקער שכן, אָדער דאָס געשיסעריי אויפן עקראַן. און ערשט דאָס לייענען, שווער קומט עס אָן דאָס לייענען, מען דאַרף זיך ערשט לערנען רוסיש צי אוקראַיניש. קיין יידיש ביכל איז אויף דער שאַכטע נישטאָ, ווייל ס׳איז כמעט קיין יידישע שאַכטיאָרן נישטאָ. פאַראַן עטלעכע אינזשעניערן יידן, אָבער זיי רעדן און לייענען בלויז רוסיש. און ווען וואָלסט שוין געהאַט אַ יידיש ביכל, איז ווידער די זעלבע מעשה — די מידקייט, וואָס טוט מען מיט דער מידקייט?

און חברה האָט גענומען אַראָפּלאָזן פון טאָן, און געפּרוווט דערגיין פון די אַלטע שאַכטיאָרן דעם סוד פון זייער שטאַנדהאַפטיקייט, פון זייערע „אייזערנע כוחות״, פון זייערע שמייכלען, פון זייער אומדערמידלעכקייט און גוטן אויסזען. און באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די שאַכטיאָרן זענען צווייערליי: איין קאַטעגאָריע — דאָס זענען די „אַמאָליקע״. די אַמאָליקע קעגנער פון דער רעוואָלוציע, די אַמאָליקע קולאַקעס, וואָס מען

האָט פאַרטריבן פון די דערפער, ווען עס האָבן זיך אָרגאַניזירט די קאָל־כאָזן, די אַמאָליקע פּאָליציישקע און זייערע זין וואָס די טאַטעס האָבן זיי אויסגעכאָוועט — אונטערן נאָז פון דער סאָוועטישער מאַכט — אין פיינטלעכקייט צום סאָוועטישן רעזשים. פון זיי טאַקע זענען געקומען די שמייכלעך, פון זיי איז געקומען דער חוזק, דאָס אָפּשפּעטן, די איראָניע, דאָס וואָרטן, אַז „זאָלן זיי, די נייע, נאָר אַביסל אַן אַרבעט טון — און זיי וועלן אַנטלויפן פונדאַנען, זיי מוזן אַנטלויפן". די דאָזיקע שאַכטיאָרן האָבן בלויז געלאַכט, ווען מען האָט זיך צו זיי געווענדט נאָך הילף. גע־ראָטן זיך זוכן לייכטערע פּרנסות, און אויף זיך אַליין האָבן זיי געזאָגט, אַז זיי זענען שוין צוגעווינט, און מיט באַהאַלטענעם שטאָלץ צוגעגעבן אַז „רוסקי נאַראָד קרעפּקי" 3). זיי האָבן נישט געחוזקט דערפון, אַז יידן זענען שוואַך, אַ ניין! פאַר אַזאַ מעשה, ווייסן זיי, קאָן מען מיאוס אָפּ־שניידן, אָבער אין אָט־דעם „רוסקי נאַראָד קרעפּקי" — איז געלעגן אי דאָס, אי יענץ, אי דער פאַרבאָרגענער רוסישער שטאָלץ, אי דאָס אָפּ־חוזקן פון שוואַכן יידן. אָבער זיי זענען געווען אין אַ מינדערהייט. די מערהייט שאַכטיאָרן זענען געווען די האַרטנעקיקע, שטאָלענע דאָנבאַ־סאָווצעס, זין פון אַן אייזערנער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־גענעראַציע, וואָס האָט זיך געהאַרטעוועט אין פייער פון בונט, און אויסגעהאָדעוועט קינדער אין עקשנותדיקייט און אומדערמידלעכקייט פון געטרייע פּראָ־לעטאַריער, אין טיפער געטרייקייט צו דער סאָוועטישער מדינה. און זיי, זיי האָבן נישט געחוזקט, זיי פלעגן אָפּגעבן גאַנצע שעהן פון זייער אייגענער אַרבעט, און העלפן און צוווייזן און לערנען: „אויב דו נעמסט אָן דעם קילאָף אָט־דאָ, איז דיר לייכטער אַ קלאַפּ צו טון, און דו מאַטערסט זיך נישט אַזוי, קענסט צוויי מאָל קלאַפּן מיטן זעלבן סכום ענערגיע, און דו ווערסט גאָרנישט מיד. אַז דו היטסט צו די „וורובאָוואַיאַ מאַשינאַ" זאָל שניידן טיף, קלאַפּסטו אויס מער קוילן פונעם „זאַבאָי", אַז דו ווילסט שפּעטער אָפּקלאַפּן דעם פאַרבליבענעם קויל, הויבט נישט אָן אין דער הויך, קלאַפּ אונטן, וועט פון דער הויך שוין במילא פאַלן. טאַקע נישט קיין קלעצער באַזונדער, לייג אויס צוויי קלעצער אין דער לענג און קאָ־לער איבער זיי די פאַרבליבענע. ביסטו מיד, רו זיך אָפּ אַ קאַפּעטשקע, און

3) דאָס רוסישע פאָלק איז שטאַרק.

די קורצע איבערייסן העלפן אַרויסבאַקומען מער אַרבעט... און אַזוי זענען זיי אַרומגעגאַנגען די אַלטע, געניטע, שווערע דאַנבאַסאָווצעס און גע־עצהט, און געלערנט. גוטע, ליבלעכע, פריינטלעכע, ממש אייגענע...

חברה האָט זיך ביסלעכווייז גענומען צוגעוווינען. געגאַנגען איז טאַקע שווער, זייער שווער. וואָס דורות און לאַנגיאָריקע אַרבעט מאַכן מיט אַ פּאָלק, דאָס באַקומט זיך נישט אַזוי לייכט במשך פון וואָכן, אָבער דאָך, עפּעס, עפּעס האָט זיך יאָ אָנגעהויבן צו באַקומען. און דאָ איז ווידער געקומען די צעטיילונג: די נאָכלויפערס, די אַוואַנטוריסטן, די שוויצערס, די יעניקע, וואָס האָבן דאָרט, אין די אַלטע היימען מדקדק געווען אויף יעדן טראָפּ אין שולחן־ערוך פון „חכמת־הדיאַלעקטיקע", די „בעסער־וויסערס" — זיי אַלע האָבן איצט געגוואַלדעוועט צום שטאַרקסטן, געברומט און געוואָרטשעט, געשיט פּעך און שוועבל, געזוכט כלערליי תירוצים, געלאָפן צו דאָקטוירים, געזוכט שוין אַ וועג אויף צוריק. די רויִקע, אויסגעהאַלטענע חברים, וואָס זענען געגאַנגען אויף „מאַסוווקעס" שטענדיק ווען מען האָט זיי דאָרט, אין די אַלטע היימען, געררופן, געגאַנגען הענגען אַ פּאָן און נישט געפרעגט קיין קשיות, די פּשוטע, די אומגעלומפערטע, די איבערגעגעבענע און געטרייע, די וואָס האָבן נישט געוווסט ווי אַזוי מען גייט אַריין און ווי אַרום מען קריכט אַרויס פון אַ דיסקוסיע, אָט די חברה האָבן פּאַמעלעך אָנגעהויבן איבערנעמען די תורה פון קוילנגרעבעריי, די גרויסע לערע פון מי און אַרבעט.

די לייטונג פון דער שאַכטע האָט אָנגעהויבן מער זיך צו אינטערעסירן מיטן גאַנצן ענין. מען האָט אפילו גענומען רעדן, אַז אַ טייל חברה וועט מען שיקן אין שטאָט אין דער „גאָרנאָ פּראָמישלעננאָיע אוטשילישטשע 4) בכדי זיי אויסצושולן. מען האָט זיך אַרומגעקוקט אַז מען דאַרף האָבן אַ יידיש ביכל, אַ יידישע צייטונג — און מען האָט געשריבן קיין קיעוו, און באַלד איז עס אָנגעקומען. אמת, אין קליינע צאָלן, אָבער אין ראַטנפאַרבאַנד פעלט שטענדיק ביכער. די אַמאָל שטומע און טויבע מאַסע פון צאַרישן רוסלאַנד, איז געוואָרן אויס שטום און טויב, און וויפל מיליאָנען מען זאָל נישט דרוקן, וועט אַלץ נאָך אויספעלן, איז אַלץ דער הונגער נישט געזעטיקט. נישט פאַראַן קיין צוריקגעבליבענע צייטונגען

4) קוילנגרעבערישע אַקאַדעמיע.

אין רוסלאַנד. די רעדאַקציעס דרוקן און אַלץ ווערט פאַרקויפט, און אויב מען דאַרף פאַרשטופן אַ נייעם לאַך קומט עס טאַקע אַן שווערלעך. אָבער דאַך האָבן אָנגעהויבן צייטונגען קומען, און ביכלעך און בראָשורן.

דערווייל האָבן זיך אונטערגערוקט די וואַלן צום אָרטיקן סאָוועט. און ווידער אַ נייע סיבה צום וווּנדערן זיך. די ניי־געקומענע האָבן נישט געקענט פאַרשטיין אַז אַזוי זעען אויס וואַלן. ס'טייטש, אין פּוילן זענען וואַלן געווען: צעהיצטער קאַמף, קעגנער וואָס שפּרינגען זיך איינער דעם אַנדערן צום גאָרגל, טיילמאָל אפילו געשלעגן און בלוט־פאַרגיסונג. און דאָ — אַלע פרייען זיך, אַלע שטימען, אַלע זענען איינשטימיק, און ס'איז זיי מאָדנע אויסגעקומען, דער חברה, דער גאַנצער עסק טאַקע מיט אַזעל־כע וואַלן. און פּלוצלינג, נאַדיר אַ מעשה, מען האָט זיי אויך אַרויפ־גענומען אויף די וואַל־ליסטעס! ס'טייטש? אין פּוילן האָט מען געדאַרפט דערווייזן, אַז מען איז אַ בירגער, אַז מען האָט אַלע פּאַפּירן אין אָרדע־נונג אאַז״וו, און דאָ, אָן שום געשעפטן, אָן בויכווייטיק, נעם און שטים. אָבער וואָס איז דאָס שטימען פאַר אַ שטימען, אַז ס'זענען נישטאָ קיין ענדעקעס 5) צי בורזשויען, צי אַנדערע קעגנער, וועלכע מען דאַרף באַ־קעמפן. אמת, די וואַלן זענען טאַקע געהיים, קאָנסט שטימען „יאָ" אָדער „ניין", אויב אַ מערהייט איז פאַר אַ „ניין" — בלייבט עס טאַקע „ניין" אָבער צום שטימען „ניין" דאַרף מען אַריינגיין אין פינצטערן צימערל. דעם „יאָ" דאַקעגן, שטימט מען אָפּענערהייט, אַז די וואַל־קאָמיסיע זאָל זען. גייסטו אין פינצטערן צימערל — ווייסט מען גלייך וואָס דו שטימסט, ווייסט מען, אַז דו ביסט אַ „ניין־זאָגער", און ווער וויל דאָס איינשטעלן?...

זענען טאַקע אַראָפּגעקומען ספּעציעלע שליחים פונעם וואַל־קאָמי־טעט, און אויפגעקלערט: אַז דאָ, אין אָט־דער אַרבעטער מלוכה איז נישט פאַראַן מער קיין קאַמף צווישן פאַרטייען, אַז קאַנדידאַטן ווערן אַרויס־געשטעלט דורך פאַרזאַמלונגען פון אַרבעטער, אַז יעדע פאַרזאַמלונג וואָס ציילט מינימום 50 אַנטיילנעמער, האָט שוין ס'רעכט אַרויסצושטעלן אַ קאַנדידאַט, אַז כאָטש עס זענען נאָך פאַראַן אפשר ווו ערגעץ פאַרבאַ־האַלטן, איבערבלייבעכצן פון שונאים, אָבער דאָך, האָט נאָך נישט גע־טראָפן אַז אַ פאַרזאַמלונג זאָל אַרויסרוקן אַ קאַנדידאַט וואָס איז אַ שונא

5) אַ רעאַקציאָנער־אַנטיסעמיטישע פּאַרטיי אין אַמאָליקן פּוילן.

פון רעזשים. זייער אָפּט שטעלט מען טאַקע אַרויס אַן „אומפּאַרטייאישן״, ד״ה אַזעלכע, וואָס געהערט נישט צו דער פּאַרטיי, אָבער דאָס איז נישט קיין חסרון, אדרבא ואדרבא, די סאָוועטישע מאַכט זוכט אַליין צו אַק־טיוויזירן די ברייטע אומפּאַרטייאישע מאַסע, און עס איז גענוג אַז אַ מענטש איז נישט קיין שונא, און ער מוז נישט דווקא זיין אַ פּאַרטייער.

אין שטעטל, אין מאַקיעווקאַ, האָבן זיך די יידן דערוווּסט וועגן די ניי־געקומענע. געוווּסט, הייסט עס, האָבן זיי עס שוין לאַנג. אויפן יום־טוב, אויף דער ערשטער גאַלאַ־פאָרשטעלונג אין אָרטיקן צירק לכבוד די נייע, האָט אַפילו אַ יידיש מיידל געזונגען יידישע פאָלקס־לידער. אָבער אין אָנהייב האָט מען זיך נענטער פערזענלעך נישט באַקענט. די יידן ווינען אין שטאָט, און זיי, די אָנגעקומענע, אויף די שאַכטעס. אָבער איצטער, נאָך די ערשטע טעג פון ביטערער האַרעוואַניע, ווען זיי האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צוגעוווינען מער צו דער אַרבעט, האָט חבורה גענומען מער פאָרן אין שטאָט, און ווי דער שטייגער איז, זוכן אַ יידן, זוכן אַ יידישע שטוב, און כאָטש ווייניק יידן ווינען אין יענע קאַנטן, אָבער דאָך האָט מען יאָ געפונען. די יידן אין שטאָט האָבן זיך פאַרנומען מערסטנ־טייל מיט שוסטעריי און קאָמאַשנשטעפעריי כאָטש אַ געוויסער צאָל האָט אויך געאַרבעט אַלס פּראָפעסיאָנאַלן: דאָקטוירים, יוריסטן, לערער אאַז״וו. די אינטעליגענץ איז אָבער געווען אַסימילירט צו ביסלעך, און לייכטער איז געווען צוצוקומען צו „עמך״.

די אָרטיקע יידן האָבן גענומען אויספרעגן די געסט זייערע ווי עס גייט זיי אויף די שאַכטעס ביי דער אַרבעט אאַז״וו, געשמייכלט, ווען מען האָט זיי דערציילט וועגן די שווערקייטן ביי דער אַרבעט, ווי איינער זאָגט: „מיר האָבן פאָראויס געוווּסט, אַז ס׳וועט אייך אַזוי לייכט נישט אָנקומען, דאָס איבערשיכטן טאַקע״. און זיי האָבן אַליין גענומען דער־ציילן די שווערקייטן פון אַמאָל, ווען מען האָט אָנגעהויבן ליקווידירן די אַמאָליקע פּריוואַטע וואַרשטאַטן און געשעפטן, און איינגעוווינען זיך צו אַ נייעם לעבנס־שטייגער. זיי האָבן דערציילט וועגן די שווערקייטן און וועגן די גרויסע דערגרייכונגען אין די קרימער קאָלווירטן, אויף אורא־לער זאַוואָדן, און אין ווייטן פּרוכטבאַרן בירא־בידזשאַן, און דערציילט אַלץ האָבן זיי, מיט אַ קלוג, דורכגעטריבן געביפט שמייכעלע, מיט אַ יידישן קנייטש אין די אויגן־ווינקלעך, מיט אַן איינגעהאַלטן געלעכטערל.

און געמיינט האָט דאָס געלעכטערל: „דאָס אַלץ וואָס מיר דערציילן, דערציילן מיר שוין אין נחת, און אויב מיר לעבן איצטער ווי מענטשן, מיר דערנערן זיך און קליידן זיך מיט לייטן גלייך, איז, מיר זענען שוין דורכגעגאַנגען אַלע צרות, אָבער איר, נייע, אַז איר וועט זיך נישט פּרוּוון איינפּאַסן, וועט איר נאָך האָבן צו זינגען און צו זאָגן. אָבער עס איז גענוג געווען, אַז איינער פון דער חברה, פון די יעניקע וואָס פלעגן אַרומגיין מיט אַ פולן בויך מיט טענות, געדעכטע און אומגערעכטע, אמתדיקע צי אויסגעדוכטע, צי אַפילו אויסגעטראַכטע, אַז אַזאַ איינער, זאָל פּרוּוון מיט די טענות אַרויספּאָרן אויפן טיש. אָ, דעמאָלט האָט זיך באַלד דאָס בילד געביטן. פּנימער האָבן זיך אָנגעצונדן, קעפּ אויסגעצויגן קריגעריש פאָראויס, קולות זענען געוואקסן, העגט האָבן זיך צעפּאָכעט און זשעסטיקולירט: האַ, עס געפעלט דיר נישט? חכם איינער? שפּאַן זיך איין צו אַלדי שוואַרצע יאָר! האָרעווע, ווי מיר האָרעווען שוין אַ פערטל יאָרהונדערט באַלד! און פאַר וועמען האָרעווען מיר? פאַר זיך אַליין. און ווער איז זי דאָס, די „סאָוועטסקע וולאַסט" 6) טאַקע? מיר אַליין. און פון וואָס האָבן מיר אָנגעהויבן, מיינט איר, אויסגעצאַצקעטע האַלאַדראַנצעס? איר זעט שאַכטעס, איר זעט פאַבריקן, דאַמנעס, ארץ־גרובנס, מאַרטען־אויוונס, וואַרשטאַטן, זאַוואָדן? האַ, איר זעט דאָס אַלץ? איז, מיינט איר אוודאי, אַז דאָס וואַקסט אויפן פּריפּעטשיק, אָדער אונטער אַ וואַרעמען איבערבעט. ניקאָלאַי האָט אונדז געלאָזט אַ ירושה, אַ רוח אין זיין צאַרסקע עלטער־עלטער זיידן (און דאָ איז נאָך צוגעקומען אַ רוסיש „דריי־גאָרנדיקער" מיט פולן נוסח ווי עס שטייט אין ספר). איר וואָלט זיך באַמאַכט, אַ יעדער איינער וואָלט זיך באַמאַכט, כ'בעט איבער אייער כבוד, מיט אַזאַ פאַרדאָסטער ירושה. און מיר, מיר שלעפּן און שלעפּן, און פאַר וועמען שלעפּן מיר, פאַר אונדז אַליין שלעפּן מיר, און נישט נאָר פאַר אונדז, פאַרן גאַנצן „ראַבאָטשי קלאַס" 7) פון גאָר דער וועלט, פאַרן „מיראָוואָי פּראָלעטאַריאַט 8) שלעפּן מיר, און מיר באַקלאָגן זיך נישט. קענסט נישט אַרבעטן אויף דער שאַכטע, גיי צו אַן אַנדער פאַך, אָבער רעד נישט, וואָרטשע נישט, ווייל דו האָסט נאָך צו ווייניק געאַרבעט, אַז זאָלסט האָבן אַ רעכט דאָס מויל צו עפענען".

---

6) סאָוועטישע מאַכט. 7) אַרבעטער־קלאַס. 8) וועלט־פּראָלעטאַריאַט.

אַן אַלטער שוסטער, אַ ייד אין די זיבעציקער, אַ פעסטער, אַ ברייי־טער, אַ כמעט פּירקאַנטיקער, האָט אַרויסגעשלעפּט פון בוזים־קעשענע אַ פּאַפּיר און גענומען פּאַכן דערמיט פאַר די אויגן פון די נייע:

„זעסט דאָס פּאַפּירל? ווייסט וואָס דאָס איז? אָט זאָג איך דיר שוין. דריי זין האָב איך אין דער רויטער אַרמיי. יונגען ווי די בערן, האַ מאַ־מאָשאָ — האָט ער פלוצלינג געפּאָדערט צושטימונג ביי זיין ווייב, וואָס איז געזעסן און געשמייכלט אַנטקעגנאיבער — יונגען ווי די בערן. און אַלע דריי טאַנקיסטן, נאָר וואָ׳דען? זיי דינען אין באַזונדערע פּאָלקן. פּאָלט מיר איין, דעם אַלטן פלאָקנשיסער, אַז אויב עס גייט צו אַ מלחמה טאָ פאַרוואָס זאָלן זיי נישט זיין אַלע צוזאַמען? פאַרוואָס? נו, איך פרעג אייך? נו, נעם איך, און זעץ זיך אַוועק, און כאָטש עס קומט מיר אָן שווער, ווייל קיין „אוטשילישטשעס" האָב איך נישט „קאָנטשאַיעט", 9) אָבער פּאַרט נעם איך און שרייב אַליין אַוועק אַ בריוו צום נאַרקאָם, 10) אַזוי און אַזוי, איך וויל מיינע זין זאָלן זיין אַלע צוזאַמען, ווייל אויפן פראָנט מאַכט זיך פאַרשידנס. דערצייל איך קיינעם גאָרנישט און שיק עס אַוועק. און ס׳קומט אָן אַן ענטפער, אַז נישט נאָר זיי וועלן זיין צו־זאַמען, נאָר זיי וועלן האָבן זייערס אַן אייגענעם טאַנק, און זיי וועלן אויפשרייבן אויפן טאַנק אַז דאָס איז דער „טאַנק פון די דריי ברידער פינטשוק". איך פרעג דיך, ווו נאָך קאָן דאָס אַ ייד דערגרייכן, האַ? ענט־פער מיר!

און בייז איז ער געווען, דער אַלטער, מיט אַ געמאַכטער בייזקייט, און אין די קנייטשעלעך וואָס אַרום די אויגן, האָבן זיך באַהאַלטן לוס־טיקע פריילעכקייטן. אַ שטאָלץ, אַ גרויסער שטאָלץ האָט געשטראַלט פון זיין פּנים, פון זיין גאַנצער פּירקאַנטיקער, געזעצטער, שוסטערשער גע־שטאַלט. ער האָט פאַרענדיקט:

„נאָר נישט געזאָרגט. מיטן אויבערשטנס הילף, וועט די „סאָ־וועטסקע וולאַסט" זיין געזונט און שטאַרק, און די שונאים קראַנק און געשוואָלן ווי אַ באַרג".

זיינע צוויי איידעמס, ביידע פּאַרטייער, האָבן געלאַכט און געשעפּט נחת פון זייער פריילעכן שווער.

---

9) שולעס נישט געענדיקט. 10) נאַראָדני קאָמיסאַר — פאָלקס־קאָמיסאַר.

דער צוריקער

דער ווינטער, דער רוסישער ווינטער, איז פּלוצלינג אַרויס פון זיין געלעגער ווי אַ בער, און זיך אַ לייג געטון איבערן דאָנבאַס. געקומען איז ער יענעם יאָר שנעלער ווי שטענדיק, כמעט אומגעריכט, באַגלייט פון שטאַרקע וואַיענדיקע ווינטן, פון מעכטיקע זאַווערוכעס, טראָגנדיק מיט זיך דיקע איבערבעטן פון ווייסן שניי, איינקאָווענדיק די טייכן, מאָלנדיק ביימער אויף די פענצטער, קנאַקנדיק מיט פראָסטן, סקריפּענדיק אונטער די פיס, אַ ווינטער אַ שטרענגער, אַ בייזער, אַן אומברחמנותדיקער און פיינטלעכער. האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבערן דאָנבאַס אַ שווערער, בלייענער הימל, וואָס איז געהאָנגען נידעריק און דראָענדיק, גלייכגילטיק צו די פרירנדיקע מענטשעלעך, און געהאַלטן אין איין שיטן און שיטן מיט שניי. דער שניי איז געפאַלן אין דיקע ברייטע פלאַטן, צעפינקלטע, צעבריליאַנטעוועטע, אומשולדיק־ווייסע און פוכקע, און געדאַכט האָט זיך אַז דער שניי וויל פאַרדעקן אַלץ, אַרומנעמען אַלץ, אַזוי אַז מען זאָל גאָרנישט קענען אַרויסזען פון אונטער אים, מען זאָל גאָרנישט קענען ווידערשפּעניקן אים, מיטן מינדסטן אַנדערן קאָליר צי אָפּשיין. ווייס איז זי געוואָרן די וועלט, בלענדנדיק ווייס, און בלויז די שוואַרצע קנוילן רויך פון די הויכע אומצייליקע קוימענס, בלויז דער צעשיטער קוילן־שטויב פון די לאַנגע צוגן, וואָס האָבן געפירט די קוילן אַוועק פון דאָנבאַס, האָבן געפּרוווט קעמפן מיט אָט דער אַלמעכטיקער ווייסקייט, אָבער ער האָט זיך נישט אָנגעזען, דער קאַמף. ווי נאָר ס'האָט זיך באַוויזן עפּעס אַ שוואַרצער פלעק, איז באַלד ווידער געקומען דער שניי, און געשיט, געשיט, און ווידער איז געוואָרן ווייס, אומעטום ווייס.

מענטשן זענען אַריינגעקראָכן אין די ווינטערדיקע בגדים, אין די קורצע פּאָלושובקעס1), אין די הויכע וואַליאַנקעס2), אין די וואַטענע פופייקעס, אָנגעטון פוטערנע היטלען מיט אויערן־לאַפּן. דער פראָסט האָט געביסן די אויערן ביז רויטקייט, געקנייפּט די באַקן און אָנגעהאָנגען פאַרפרוירענע סאָפּליעס אויף די וואָנצעס. ער האָט געפּרוווט פאַריאָגן די מענטשן אין די שטיבער, דער פראָסט טאַקע, אָבער ווער? ווו? נישט

1) האַלבע פּעלצלעך. 2) קאַרטענע שטיוול.

אין רוסלאַנד, נישט אין דאָנבאַס קאָן זיך אַזאַ מעשה איינגעבן. איינגע־ווינט צו די פרעסט און ווינטן זענען זיי, די דאָנבאַסאָווצעס און נישט זיי קאָן מען פּאַריאָגן. די קינדער האָבן זיך אַרומגעשפּילט אין ווייסן שניי, אויפגעשטעלט גרויסע שנייענע באַלוואַנעס, ווי עס טוען דאָס קינ־דער אין גאַר דער וועלט, געגליטשט זיך אויף „ליזשעס" 3), געוויוועט, געשטיפט און געלאַכט פונעם פראָסט, נאָכגעשפּעט זיין וואָיען און גע־חוזקט גלייך אין פּנים אַריין פון בייסנדיקן, וואָיענדיקן ווינט, ווי מען רייצט זיך מיט אַ הונט, מיט אַ בייזן, און טאַקע אַ גרויסן הונט אָבער פאָרט נישט מער ווי אַ הונט. די אַרבעטער האָבן זיך אויך גאָרנישט גע־מאַכט פונעם פראָסט, געפאָרן אויף טעאַטער־פאָרשטעלונגען און פאַר־לעזונגען אין שטאָט אין די קאַלטע טראַמווייען, וואָס פלעגן אָפטמאָל שטיין בלייבן צוליב דעפעקטן אַרויסגערופענע דורכן פראָסט. זיי פלעגן טאַקע פירן אַביסל ,די דאָנבאַסאָווצעס, בשעת מעשה, טופּען מיט די שווערע פיס אָן דיל, קלאַפּן זיך מיטביידע אָרעמס צום דערוואָרעמען, אָבער אונטערגעבן זיך? וועמען? אַ פּשוטן פראָסט? אָט דאָס נישט.

זיי אָבער, די נייע חברה, פאַר זיי איז דער פראָסט געוואָרן אַ בי־טערער, אכזריותדיקער שונא. אונטן אין שאַכטע איז וואַרעם, פונקט ווי אַ גאַנץ יאָר, וואָס טיפער אין דער ערד, אַלץ וואַרעמער איז, ווייל די וואַרעמקייט איז דאָרט אומאָפּהענגיק פון יאָר־סעזאָן, אומאָפּהענגיק פון היצן צי פרעסט, וואָס הערשן דאָרט אין דער הויך אויף דער אויבער־פלאַך. אַרויסקומענדיק אין דער הויך, נאָך דער אַרבעט, דורכלויפנדיק דעם שאַכטע־הויף אין די דינע אַרבעטס־קליידער, פלעגן חברה כאַפּן אַ לייטישן ציטער. באַזונדערס זענען חברה אַרויסגעפאָרן פון די היימען נישט צוגעגרייט, אין די פוילישע לייכטע ווינטער־קליידער. אויף צו קויפן דאָ פרישע וואַרעמע זאַכן, האָט מען נאָך נישט פאַרדינט, באַזונ־דערס, איז ווי געזאָגט, דער ווינטער געקומען אומגעריכט, און שנעלער ווי שטענדיק, און חברה האָט פּשוט נישט געהאַט ווען אַ טראַכט צו טון דערוועגן. די אַמבולאַטאָריע פון דער שאַכטע איז פול געוואָרן מיט זיי, מיט די נייע, וואָס האָבן אָנגעהויבן אַוועקפאַלן קראַנק אויף בראָנכיטיס, אויף לונגען־אָנצינדונגען, אויף אַנגינעס און סתם אַזוי לייכטע פאַרקי־

3) גליטשערס.

לונגען. דער פּערסאָנאַל פון די שפּיטאָלן האָט געקוקט מיט רחמנות און מיטגעפיל, מיט באַזאָרגטקייט און גרייטקייט צו העלפן, אָבער אויך אַביסעלע מיט חוזק און ביטול, ווי מען קוקט שטענדיק אויף שוואַכע מענטשן. „קוק זיי נאָר אָן, די מערבדיקע" — האָבן בליקן געטענהט — ווי זיי קענען דאָס קיין פּרעסטל נישט אויסהאַלטן, ווי זיי לייגן זיך אין בעט אַריין ביי אַ ליאַדע ווינטל". די דאָנבאַסישע שפּיטאָלן זענען באַזאָרגט מערסטנטייל מיט זייער גוטע מעדיצינישע קרעפטן, פאַראַן צווישן די דאָקטוירים אַ באַדייטנדיקע צאָל יידן. באַהאַנדלט האָט מען די קראַנקע זאָרגעוודיק, געטריי, אָבער ס'פלעגט זיך מאַכן אַז אַ קראַנקער אַרויסגייענדיק פון שפּיטאָל, האָט, דערהאַלטנדיק דעם מעדיקאַמענט, אַ זאָג טון צום דאָקטער: „פאַרשרייבט מיר גלייכער אַ פּאָר גוטע שיך און אַ וואַרעמע פופייקע איידער פילן" — און דער דאָקטער האָט שמייכלענדיק צוגעזאָגט צו אינטערוועניר‌ן אויך וועגן דעם.

די צייטונגען האָבן אָנגעהויבן צו קלאַפּן טרעוואָגע. דאָס מאָל איז זי געקומען, די טרעוואָגע, פון ווייטן צפון, פון דער לענינגראַדער גרענעץ. פינלאַנד, דאָס קליינע פינלאַנד, די קאָמישע סטראַשידלע האָט גענומען שפּרינגען אין די אויגן אַריין דער סאָוועטישער מדינה, פּונקט ווי אַ האָן פאַר אַ דרייער אַנטקעגן אַ לייב. לאַנג האָט עס נישט געדויערט און עס איז געקומען די ידיעה, אַז די צפון־גרענעץ איז שוין אין פייער, אַז מעכטיקע אָפּטיילונגען פון סאָוועטיש מיליטער זענען אַריבער די פינלענדישע גרענעץ. אָנגעהויבן האָט זי זיך די מלחמה העט ווייט, אויפן צפונדיקן פאָרפּאָסטן פון דער ריזיקער מדינה, און דאָך האָט באַלד דאָס גאַנצע לאַנד דערפילט דאָס קלאַפּן פון די הערצער פון די פאָלקן, וואָס זענען דאָרט אַריין אין קאַמף, דאָך האָבן אָפּגעהילכט די שאָסן הינטער טאַוראָגי אין ווייטן דרומדיקן דאָנבאַס. אויף יעדער שאַכטע, אויף יעדן זאַוואָד, דאָמנע, וואַרשטאַט — מאַסוווקעס, מיטינגען, באַגייסטערטע רעדעס. זענען געקומען פּשוטע, אומבאַצירטע, נישט געקינצלטע ווערטער וועגן די אמתע סיבות פון דער מלחמה, וועגן דעם ווער עס האָט דעם פינלענדישן קאַרליקל געהייסן שפּרינגען אין די אויגן אַריין, ווער עס האָט אים אָנגערייצט און געהייסן זיך אַ וואָרף טון אַנטקעגן זיינע אייגענע אינטערעסן, צו זיין אייגענער פאַרניכטונג און אומקום. זענען געקומען ווערטער וועגן דער פרידלעכקייט פונעם סאָוועטישן לאַנד, וועגן זיין

שטרעבונג צו דערהאַלטן דעם שלום וואָס לענגער, וועגן דעם אַז דאָרטן, צווישן די רואיקע אָזיערעס און געדיכטע וועלדער, אין פעלזיקן, קליינעם, קוים דריי מיליאָנעדיקן פינלאַנד, האָבן שונאים פון גאָר דער וועלט צוגעגרייט אַ פאָרפּאָסטן פון וועלכן מען וויל דערשטיקן דאָס ראַטנלאַנד, אַז דאָרט דאַרף עס זיך אָנהייבן, און אויב מען וועט נישט באַצייטנס עפּעס טון, קאָן עס זיך צעשפּרייטן אויכעט. מען האָט נישט טרומייטערט אויף אָט די מיטינגען אין די הויך־פּאַטריאָטישע פּוסטע פראַזן־טרומייטערס, מען האָט נישט געבלאָזן פון זיך מיט ווויליונגערישע גאווה, ווי דער מנהג איז אומעטום, נאָר פשוט אָנגעוויזן אויף דער שטרענגער און אומברחמנותדיקער לאָגיק פון די פאַקטן, וואָס רעדן אַליין פאַר זיך, און געפאָדערט האָט מען בלויז איין זאַך פון די אַרבעטער: גרייטקייט און בעסערע אַרבעט. זיי גרייט צום קאַמף, און העלף די פראָנטלער דורך פאַרגרעסערטער פראָדוקציע. און פנימער האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט שטאָלענער רואיקייט, מיט פעסטער אַנטשלאָסנקייט, מיט רואיקער דעצידירטקייט. מען האָט נישט געזונגען און געיובלט, מען האָט אויפגענומען די מלחמה ווי אַ שלעכטס, אָבער אַ זאַך אַן אומפאַרמיידלעכע. מען האָט זיך אָפּגעגעבן דין וחשבון, אַז דאָס איז אַן אויפגעצוווּנגענע בלוט־פאַרגיסונג, אָבער נעבן דער פעסטער, בלי־ספקדיקער זיכערקייט אין אויסגאַנג פונעם קאַמף, איז אויך געווען דער טיפער באַדויער, וואָס מען מוז קעמפן, און די איבערצייגונג, אַז קיין אַנדער וועג איז נישטאָ.

חברה יאַטן האָבן זיך שוין דערווייל איינגעווינט אַביסעלע מיט דער אַרבעט, כאָטש ס'איז נאָך אַלץ געגאַנגען שווער, אַפילו טיילמאָל זייער שווער. איין זאַך בלויז האָט זיי געמאַטערט און געפּלאָגט, און ספּעציעל די יעניקע, וואָס זענען געקומען פון „יענער זייט", פון דייטש־אָקופּירטן פּוילן. ביים אָנקומען האָבן זיי באַלד געהאַט געפרעגט וואָס עס הערט זיך מיטן אַראָפּנעמען די משפחות זייערע. אָבער געענטפערט האָט מען דעמאָלט, אַז די פראַגע ווערט באַטראַכט אין די „הויכע אינסטאַנצן" און אַז מסתמא וועט אַלץ זיין גוט. עס איז אַפילו איינמאָל אַראָפּגעקומען אַ קאָמיסיע, באַזעצט זיך אין זאַל פון צענטראַלן קוילן־טרעסט אין מאַקעיעווקא, און גענומען פאַרצייכענען נעמען פון די קרובים, וואָס מען פאָדערט זיי אַראָפּ. די באַאַמטע האָבן זיך דעמאָלט געבראָכן די צינגער, פאַרשרייבנדיק די יידישע נעמען, געמאַכט לאַנגע רשימות, מיט דאַטעס,

מיט איינצלהייטן, מיט רובריקן, מיט אַלע פּיטשעווקעס. אָבער זינט דע־מאָלט זענען שוין אַוועק לאַנגע חדשים און מען הערט נישט און מען זעט נישט. די אימהדיקע פּרעסט, דער שווערער קלימאַט, די שווערע אַר־בעט, צו וועלכער מען האָט זיך קוים געקענט איינגעוווינען, דאָס אַלץ איז נאָר פאַרטיפט געוואָרן מיט דער געוואַלדיקער מוראדיקער בענק־שאַפט אַהיים, מיט דער זאָרג וועגן גורל פון די אייגענע, וואָס זענען פאַרבליבן העט ווייט, אומבאַשיצטע און הילפלאָזע.

דערווייל האָבן פּלוצלינג אָנגעהויבן קומען בריוו, פון דאָרטן טאַקע, פון דייטשלאַנד. די בריוו זענען געווען קורצע, לאַקאָנישע, מיט ציטער־דיקע אותיות געשריבענע, מכלומרשט רואיקע און גלייכגילטיקע, און דאָך באַאומרואיקנדיקע, און דאָך שרעקלעכע דורך דער מכלומרשטער רו־איקייט זייערע. פלעגט זיך שרייבן: „אַלץ איז גוט, ברוך־השם, נאָר ברויטמאַן און צוקערמאַן זענען אַוועקגעפאָרן און עפשר ווייסטו וואָס מען טוט זיך פאַר אַן עצה?״ און געהייסן האָט עס, אַז קיין ברויט און צוקער זעט מען נישט, און אפשר קאָנסטו העלפן. אָדער „דער פעטער עליע איז זיך געגאַנגען זען מיטן זיידן שמואל״ — און אַזוי ווי דער זיידע שמואל איז שוין לאַנג געווען אויפן עולם־האמת, האָט מען גע־ווּסט, אַז דער פעטער עליע איז שוין מער נישטאָ, און אַזוי ווי מען האָט מורא צו שרייבן וועגן זיין טויט, איז עס אַוודאי אַ סימן, אַז מיט קיין נאַטירלעכן טויט איז ער נישט געשטאָרבן, דער פעטער עליע טאַקע. און אַזוי זענען געקומען און געקומען בריוו און קאַרטלעך, מיט פלעקן פון מאַמעשע טרערן, מיט איין אָטעם געשריבענע, קורצע מיט דער קורצקייט פון פאַרשטיקטע קרעכצן, און צווישן די אותיות האָבן זיך אַרומגעטראָגן מורא און אומבאַצוימטע בענקשאַפט, ליבשאַפט און שרעק, גרויליקע ידיעות און האַרציקע תפילות, אַז גאָט וועט העלפן, און ס׳וועט נאָך בע־סער ווערן. אָבער פון אַלע בריוו האָט געשריגן שטומערהייט איין גרוי־סער רוף: „ס׳איז אונדז שלעכט, קום ראַטעווע, נעם אונדז אַריבער, אָדער בלייב דאָ מיט אונדז״. נישט געווען אין ערגעץ קיין שום דירעקטע ווענ־דונג פון אַזאַ מין, מיט אַזעלכע ווערטער טאַקע, אָבער אַזאַ און נישט קיין אַנדערע האָט געקאָנט זיין די לאָגיק פון די באַשריבענע פאַקטן, פון די האַרצרייסנדיקע ידיעות. און חברה האָט גענומען פאָדערן אַן ענטפער: וואָס הערט זיך מיט דער קאָמיסיע פאַר אַראָפּברענגען די פאַמיליעס?

וואָס הערט זיך מיט די לאַנגע רשימות וואָס מען האָט געמאַכט? מען האָט זיי געפּרוווט באַרואיקן, צוגעזאָגט צו אינטערוועניִרן אין מאָסקווע, אָבער עס האָט שוין ווייניק וואָס געהאָלפן. חברה האָט גענומען מורמלען הויך, אויפן קול, פאָדערנדיק זייערע פּאַפּירן צוריקצופאָרן. מען האָט אָנגעהויבן איבערשיקן אַ טייל אין שטאָט און איינאָרדענען אין אַנדערע פּאַכן, ביי שניידעריי, ביי קאַמאַשנשטעפּעריי, ביי ביוראָ־אַרבעט, מיינענדיק, אַז דאָס איז די סיבה, אַז דאָס איז די הויפּט סיבה. אָבער אויך דאָס האָט שוין איצטער ווייניק וואָס געהאָלפן. צו אַלע פריערדיקע טענות און מענות איז צוגעקומען אָט־די לעצטע, וועגן די פאַמיליעס טאַקע, און ס'איז שווער געווען אָט די טענה אָפּצושלאָגן. ס'האָבן נישט געהאָלפן קיין איינריידעכצער, קיין איבערצייגן, קיין שום זאַך. ס'האָבן נישט געהאָלפן אַפילו אַזעלכע מאָסמיטלען, ווי אַרויסשיילן די ספּעציעל אומצופרידענע, די אַמייסטנס טומלענדיקע, די חוצפּהדיקסטע און איבערוואַרפן זיי ערגעץ אַנדערש. חברה האָט גענומען פאָדערן אויפן הויכן קול איין זאַך: זיי ווילן אַהיים.

די דאָקומענטן זענען געווען אין די סעקרעטאַריעס פון די שאַכטעס, אין די ביוראָען פון טרעסט, און באַזונדערס האָט מען אויך געדאַרפט האָבן אַ ספּעציעלן שיין אויף אַדורך צוריק די גרעניץ, די אַמאָליקע פּויליש־סאָוועטישע גרעניץ. מען האָט דער חברה אָפּגעענטפערט, אַז דערווייל קען מען זיי נישט דערלויבן אויף צוריקצופאָרן, און אַז די זאַך וועט קלאָר ווערן, וועט מען זיי ענטפערן. חברה האָט דעמאָלט גענומען טומלען שוין גאָר הויך, גענומען לויפן אין גאָרסאָוועט 4), אין פּאַרטיי־אינסטאַנצן, צו פאַרשידענע נאַטשאַלניקעס און גדולים, און לסוף גענומען שרייבן בריוו גלייך אַהינצו — קיין מאָסקווע. אין די אַלע אָרטיקע אינסטאַנצן האָט מען זיי אויפגענומען מיט געדולד, געפּרוווט געבן צו פאַרשטיין, איבעררעדן, טיילמאָל אַפילו אַרויס פון געדולד און אָנגעשריגן מיט אַ האַרב וואָרט, אָבער שטענדיק איז דער ענטפער געווען אַ נעגאַטיווער, אַ קאַטעגאָריש־נעגאַטיווער. די רעאַקציע פון דער חברה יוגנט איז געווען נאָך שטאַרקער ווי פריער, די שטילע מורמלערייען האָבן זיך גענומען פאַרוואַנדלען אין אָפענעם אָפּשייגעצן, אין חוצפּהדיקע אַרויסטרע־

4) שטאָט־ראַט.

טונגען אויף פֿאַרזאַמלונגען. צווישן די אָרטיקע אַרבעטער און די „נייע" האָט זיך גענומען שאַפֿן אַ תהום וואָס האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן.

און פֿלוצלינג איז אָנגעקומען דער ענטפֿער פֿון מאָסקווע. אמת, קיינער האָט אים נישט געזען, מען האָט קיינעם פֿון דער חברה נישט געגעבן אים צו לייענען, אָבער ס׳האָבן זיך געפֿונען אַזעלכע, וועלכע האָבן געוווּסט צו דערציילן, אַז דער ענטפֿער איז לטובת די „ניי־אָנגעקומענע", אַז ער וואַרפֿט אַרויף די שולד פֿאַרן נישט איינלעבן זיך פֿון די נייע מענטשן אויף די אָרטיקע פּאַרטיי־אָרגאַנען, אַז דער ענין פֿון אַראָפּנעמען לעגאַל קרובים פֿאָדערט באַטראַכטונגען און קאָן נישט דערליידיקט ווערן שנעל, אַז עס איז דאָ אַ סך שולד אין דער אַרבעט פֿון דער ווערביר־קאָמיסיע, וואָס האָט נישט דורכגעפֿירט די געהעריקע סעלעקציע, און לסוף, אַז די געקומענע זענען פֿרייע מענטשן, און קיינער האָט נישט קיין רעכט זיי צו פֿאַרהאַלטן מיט געוואַלד. ווער עס וויל, דער זאָל פֿאָרן.

אויף וויפֿל די דאָזיקע ידיעות זענען אמת, דאָס האָט קיינער נישט געוווּסט, אָבער איין פֿאַקט האָט זיך אַרויסגעוויזן: ווער ס׳האָט געוואָלט, האָט באַקומען אַ דאָקומענט אין האַנט. אמת, נישט די אַלטע דאָקומענטן, מיט וועלכע מען איז געקומען, נאָר אַ קורץ־טערמיניקן סאָוועטישן פּאַס, אָבער אַוועקפֿאָרן מיט אַזאַ פּאַס האָט מען שוין געקענט. די דערלויבעניש אויף אַריבערצוגיין די גרעניץ האָט מען אויך געקענט באַקומען אין קיעוו, און חברה האָט גענומען אַרויסנעמען אָט־די פּעסער, פֿאָדערן זייערע רעכענונגען אין שאַכטע־קאַנצעלאַריע און לאָזן זיך אין וועג אַריין. אפֿילו די, וואָס האָבן זיך שוין איינגעאָרדנט אין שטאָט, ביי „לייכטערע" פֿאַכן האָט פֿלוצלינג גענומען מאַטערן דער געדאַנק וועגן דער היים זייערער. אַפֿילו די לעמבערגער, וואָס האָבן געהאַט זייערע פֿאַמיליעס אין די סאָוועטישע געביטן, האָבן אויך גענומען פֿאַרלאָזן זייער אַרבעט.

די בענקשאַפֿט, די געוואַלדיקע בענקשאַפֿט איז געקומען צו פֿליען איבער די גרויסע, ווייטע פֿאַרשנייטע שטחים, געוואָיעט אין די שנייאיקע זאַווערוכעס, געלייגט זיך שווער אויף די געמיטער און געדריקט אויפֿן האַרצן ווי אַן אומדערטרעגלעכע לאַסט. די בריוו האָבן גערופֿן, דאָס זשורמען פֿון די טעלעגראַפֿן־דראָטן האָט גערופֿן, גערופֿן האָבן ביינאַכט די באַנען, דאָס ווייטע פּייפֿן פֿון לאָקאָמאָטיוון, דאָס סקריפּען פֿון שניי אונטער די פֿיס, אַלץ, אַלץ האָט פּשוט געיאָמערט מיט איין קול: אַהיים! אַהיים!

איר האָט פאַרלוירן דעם וועג?

דער גרויסער, פּראַכטפולער בנין פון צענטראַלן קיעווער וואַקזאַל האָט געררישט ווי אַ בינשטאָק. דאָס איז ער פול געווען מיט די צוריק־פאָרנדיקע „מישטיינס־געזאָגט־שאַכטיאָרן". ביז קיעוו האָט מען געקענט פאָרן אָן שום ספּעציעלע שיינען צי פּאַפּירן, קוים אָבער איז מען געפאָרן ווייטער אויף מערב, האָט מען שוין געדאַרפט האָבן מיט זיך עפּעס אין דער האַנט, ווייל דאָס לעצטע אָרט וווּ מען האָט געקאָנט קריגן אַזאַ שיין, אויף אַריבערצוגיין די גרענעץ, איז געווען טאַקע קיעוו. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אַרויסבאַקומען אָט־די שיינען, דאָרט נאָך אויפן אָרט, אין מאַקעיעווקאַ צי סטאַלינאָ, אָבער צוליבן גרויסן אָנפלוס פון ביטעס האָט מען לעצטנס שוין געדאַרפט וואַרטן צו לאַנג דערויף. האָט חברה געפלעגט זיך אַריינכאַפּן קיין יאַסינאָוואַטאַיאַ און פון דאָרט מיט דער באַן קיין קיעוו, האָפנדיק אַז אין קיעוו וועט עס גיין שנעלער.

קיעוו איז זיך געלעגן אונטערן דיקן שניי־צודעק, און מכלומרשט געדרימלט. אָבער, ווי געזאָגט, איז דער דרימל געווען נאָר אַ מכלומר־שטעו', אַן אויבנאויפיקער. פאַרנאַכט־צו איז די שטאָט געוואָרן לעבעדי־קעו', פענצטער האָבן זיך צעלויכטן און צעפינקלט, שליטנס האָבן זיך געטראָגן איבער די באַרגיקע גאַסן, די יוגנט האָט אָנגעפילט די שטאָט מיטן כאַראַקטעריסטישן גערויש, געלעכטער, געשרייען און טומלעריי, וואָס נאָר יוגנט קען עס באַווייזן אַרויסצוברענגען. חברה האָט זיך פרירנדיק אַרומגעבלאָנקעט אַ גאַנצן טאָג איבער די הויפּט־גאַסן, באַקוקט די פּרעכטיקע מלוכהשע בנינים, וואָס האָבן זיך מיט שטאָלץ באַזעצט אין אָט־דער אַלטער, אַלטער אוקראַינישער שטאָט. זיי זענען געשטאַנען, די דאָזיקע בנינים טאַקע, לויטן נייעם סטיל געבויטע, הדרת־פּנימדיקע, פעסטע, פון גרויסע שטיינערנע בלאָקן צונויפגעשטעלטע, מיט פלאַטערנדיקע גרויסע רויטע פענער אויף די מאַסטן איבער די אַריינגענג, איבער די שווערע מאַסיווע הילצערנע טירן, און אָנגעזאָגט: „מיר זענען דאָ די באַלעבאַטים, דאָ ליגט דער גאַנצער כוח, וואָס בויט און שטעלט אויף און באַפעסטיקט די דאָזיקע גרויסע מדינה". חברה האָבן נאָך באַקוקט דעם גרויסן סטאַדיאָן פון ספּאָרט־קלוב „דינאַמאָ", איינעם פון די גרעסטע אין

דער וועלט, אַרומגעפּויזעט איבערן קרעשטשאַטיק 1) און אַנדערע צענ־טראַלע גאַסן און סוף־כל־סוף באַשלאָסן אַראָפּגיין צום „פּאָדאָל" 2). געהערט האָט מען וועגן פּאָדאָל, נאָך דאָרטן אין די שאַכטעס. פּאָדאָל איז בכלל אַ באַרימטער נאָמען איבער דער וועלט, און חברה איז געגאַנ־גען הויפּטזעכלעך דערפאַר, ווייל, ווי מען האָט דערציילט, איז דער פּאָ־דאָל כמעט אויסשליסלעך יידיש.

אויסשליסלעך יידיש איז דער פּאָדאָל נישט געווען, אָבער יידן האָט מען אויפן פּאָדאָל געפונען לייכט, גאַנץ לייכט. איבערן פּאָדאָל איז זיך באַלד פונאַנדערגעגאַנגען די ידיעה, אַז פּוילישע יידן שפּאַצירן איבער די גאַסן, און מען איז אַרויס כאַפּן אַ בליק אויף אָט די חברה טאַקע, וואָס איז געפאָרן קיין דאַנבאַס, און פאָרט צוריק. קיין זייער גוט האָרץ האָט מען צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים, צו די פאַרבייפאָרנדיקע נייַעט געהאַט, אָבער פונדעסטוועגן צוליב נייגעריקייט, צוליב טויזנטער אַנדע־רע סיבות, האָט מען גענומען שלעפּן די חברה איבער די שטיבער, גע־שטעלט סאַמאָווארן, און „אוגאָשטשאַיעט" 3).

זענען אַוועק שמועסן צווישן די סאָוועטישע און די פּוילישע, צווישן די „מזרחדיקע" און „מערבדיקע", צווישן יידן און יידן, אָבער אַזוי אַנ־דערש זענען געווען איינע פון די אַנדערע, אַז ממש אַ תהום. און אומע־טום כמעט איז דער שמועס אַוועק אויף די זעלביקע וועגן, אומעטום מיט ענלעכע אַרגומענטן. און אומעטום האָט ער דערמאָנט די היציקע דיס־קוסיעס אין די שטיבער פון די מאַקעיעווקער יידן. איז, צוערשט האָט מען גערעדט וועגן אַלגעמיינע שוועריקייטן, וועגן דעם אַז עס קומט אויס אַביסעלע צו הונגערן, אַז עס סטייעט נישט קיין טעקסטיל־סחורות אויף לייטיש אָנצוטון זיך, אַז נישט אומעטום גייט אַלץ צו אין אָרדענונג. די טענות האָבן אַרויסגערוקט די פּוילישע, און געבערענגט ראיות אַז אין פּוילן, וווּ ס'איז קיין קאָמוניזם נישט געווען, איז פאָרט געווען בעסער צו עסן, בעסער זיך אָנצוטון, בעסער צו וווינען. און פאַרהעלטנישמעסיק, לויט דעו' קויף־קראַפט פון געלט האָט מען טאַקע בעסער פאַרדינט אויך, אַז בכלל האָט זיך מענטשן געלעבט בעסער אין פּוילן, כאָטש ס'איז געווען געבוג צרות. זיי ווידער, די סאָוועטישע, פלעגן דאָס אַלץ אויסהערן רו־

1) און 2): נעמען פון גאַסן אין קיעוו.
3) אויפנעמען אַ גאַסט.

איך, אויספרעגן זיך, חשבונען צוזאַמען מיט די געסט וויפיל די פּאַר־דינסטן מאַכן אויס דאָ, און וויפל זיי האָבן אויסגעמאַכט דאָרט אין פּוילן, איינגעהערט זיך מיט אינטערעס, מיט קאָפּ, און אַ מאָדנע זאַך, זיי האָבן פּאַטאַקעוועט: יאָ, האָבן זיי געזאָגט, ריכטיק, דער חשבון איז צדק, איר זענט טאַקע גערעכט, אויב עמיצער האָט שוין יאָ געאַרבעט אין פּוילן, איז, קאָן זיין אַז ער האָט טאַקע פאַרדינט און געלעבט בעסער. זיי האָבן אַלץ נאָכגעגעבן, די קיעווער, אָבער דערנאָך געשטעלט איין פראַגע: איז מה־בכך? איז וואָסזשע דערפון געדרונגען? האָבן די פּוילישע געענט־פערט, אַז, ס׳טייטש וואָס עס איז געדרונגען, טאָטש „עץ זעט דעך אַליין, אַז עס טויג נישט דאָ, אַז עס קלאַפּט נישט, אַז עפּעס איז פאַרט נישט ווי עס דאַרף צו זיין״. דאָ, האָבן זיי שוין די קיעווער גענומען פּראָטעס־טירן, אָבער אויך נאָך רואיק, מיט געדולד. ראשית, האָבן זיי דערציילט, אַז דאָס וואָס מען זעט איצט, איז, הגם נישט אַלץ איז נאָך אוי־אוי־אוי, אָבער עס בעסערט זיך און בעסערט זיך, און אויב עס וועט נישט זיין קיין מלחמה, וועט זיך ביסלעכווייז אַזוי פאַרבעסערן, אַז פון דער גאַנ־צער וועלט וועט מען קומען אַהער לערנען זיך ווי אַזוי מען דאַרף פירן אַ ווירטשאַפט, אַ באַלעבאַטישקייט פון אַ מדינה, און טאַקע פון אַזאַ גרוי־סער, פון אַזאַ ריזיקער און מעכטיקער מדינה. און נאָך, האָבן זיי דער־ציילט, איז די מדרגה, אויף וועלכער מען געפינט זיך איצטער, איז פּשוט גאָלד אַנטקעגן דעם וואָס עס איז שוין דאָ געווען. זיי האָבן דערציילט וועגן הונגער און נויט, וועגן מענטשן וואָס האָבן זיך געוואַלגערט גע־שוואָלענערהייט אין די גאַסן. וועגן מאַנגל אין מלבושים, וועגן דירות קאַלטע און נישט באַהייצטע, וועגן דעם ווי אַזוי מען האָט געכאַפּט און געקוילעט פאַר עסנוואַרג קעץ און הינט, וועגן דער גרויסער קייט פון צרות, דחקות, הונגער, שווערער האַרעוואַניע, קאַמפן מיט אינערלעכע און אויסערלעכע שונאים, וועגן דעם גרויסן שווערן, מיזאַמען און קרבנות־פולן וועג פון אַט־דעם גרויען פאַרעקשנטן לאַנד, וואָס האָט זיך איינ־געשפּאַרט דורכצופירן אין לעבן דאָס, וואָס מען האָט נאָר געטרוימט דאַוועגן. און עס פירט דורך. אמת, עס זענען נויטיק קרבנות, אמת, נישט אַלץ קלאַפּט שטענדיק, אמת, קיין מנובלים פעלט אין ערגעץ נישט, אמת, נישט אַלץ איז נאָך אין אָרדענונג, אָבער איצט, הייבט מען דאָך שוין סוף־כל־סוף אָן אַרויסצוזען דעם אָפּשיין פון גרויסן און שיינעם

טאָג וואָס גרייט זיך, וואָס קומט אָן, וואָס מוז אָנקומען. והא־ראיה, אַלץ גייט צום בעסערן, עסנוואַרג איז דאָ וואָס אַמאָל מער, מלבושים וואָס אַמאָל מער, דער פונדאַמענט, די שווערע אינדוסטריע שטייט שוין אויפגעבויט און אַזאַ אינדוסטריע טאַקע, וואָס רוסלאַנד וואָלט עס קיינמאָל נישט געהאַט, ווען נישט טאַקע אָט־דער רעזשים, ווען נישט טאַקע אָט־די אַלע קרבנות. אָט, וואַרט אונטער — האָבן זיי געזאָגט — נאָך אַ צוויי־דריי יאָר, וועט איר זען וואָס דאָ וועט זיין. אַ גן־עדן וועט דאָ זיין, נישט קיין לאַנד, אַ גן־עדן, אַן אמתדיקער גן־עדן. איין זאַך שרעקט נאָר: די מלחמה... אָט איז שוין אַ האַלבע וועלט אין פייער, אָט וועט מען שוין רייצן דעם בלוטיקן הינט אַנטקעגן אונדז, און מיר מוזן שווייגן דערווייל, פעסטער פאַרציען דעם פאַסיק, פעסטער אַרבעטן, אַרבעטן, און זיין גרייט... ווייל ווער ווייסט? ווער ווייסט, פון וואַנען און ווען דער קלאַפ קאָן קומען. אָט האָט איר, האָט דאָך שוין פינלאַנד אָנגעהויבן, און מען מוז זי אַ קוועטש טון, ווייל אויב נישט, וועלן זיך אַלע אָנלויפן ווי די הינט, און שאַרפען, פליקן, רייסן לעבעדיקע שטיקער, און נישט פאַר זיי האָבן מיר געבויט, אַ ניין.

די פוילישע חברה האָט זיך איינגעהערט אין אָט־דעם אַלעם, און ווידער געזוכט וואָס צו ענטפערן, און נישט געפינענדיק אַזוי לייכט, האָט מען גענומען אַביסל אונטערחוזקן פון דעם ברען, מיט וועלכן זיי, די סאָוועטישע, האָבן אַרויסגעלייגט זייערע טענות אויפן טיש: „הער נאָר, ווי זיי צערייסן זיך דאָס דעם ספאָדיק פאַר דער מלוכה, פאַר די „קעפ“ זייערע, נישקשה, זיי קענען זיך שוין אַליין זייער שטעטל באַשטייט!“. אָבער דאָ האָבן זיי שוין אַרויסגעבראַכט פון די כלים די באַלעבאַטים: „וואָס הייסט, מיר צערייסן זיך דעם ספאָדיק? אוודאי צערייסן מיר זיך, און נישט נאָר דעם ספאָדיק, דעם קאָפ, דאָס האַרץ, דאָס גאַנצע לייב־און־לעבן וועלן מיר זיך לאָזן צערייסן, אויב מען וועט דאַרפן. אונדזער מלוכה איז עס, איר הערט, וואָס מען רעדט צו אייך? אונדזער, קיינעמס נישט, נאָר אונדזער. איר ווייסט עס נישט, איר האָט נאָך דעם טעם נישט פאַרזוכט. מען יאָגט און מען פלאָגט אַ ייד אומעטום. אויף דער גאַנצער וועלט איז די מלוכה געוואָרן ביי אים עפּעס אַזעלכעס, וואָס ער האָט ממילא פיינט. אָבער נישט דאָ“. און ווידער זענען אַרויס פון דער געדעכעניש די בילדער פון אַמאָל, בילדער פון אונטערדריקונג, פון בלוטיקע

פּאָגראָמען, פון כלערליי מחנות און באַנדעס, פון פּעטלורא, מאַכנאָ, „גרינע" און „ווייסע" און כלערליי אַנדערע רוצחים, פון הפקרדיק יידיש בלוט, פון הפקרדיק יידיש האָב און גוטס, פון יידן געשאָכטענע, געשענדעטע, אויסגעשטעלטע אויף כלערליי צרות און פּורעניות. און ווער איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט זיך קעגן דעם געשטעלט? ווער איז געווען דער, וואָס האָט דאָס אונטערגעבראָכט? ווער האָט געמאַכט דעם יידן פאַר אַ מענטש מיט מענטשן צוגלייך? ווער האָט איינגעפירט, אַז פאַר בלויז באַליידיקן אַ ייד, קאָן מען אָפּשניידן ווינציקסטנס מיט אַ 5 יאָר תפיסה? האָ, ווער, אויב נישט זיי? און אין די אויגן פון די דערציילנדיקע האָבן זיך שוין געגומען צינדן שלעכטע פייערלעך, פאַרדרוס און בייזקייט האָט זיך שוין געגומען דורכשלאָגן אין די שטימען זייערע. אַלץ יאָ, האָבן זיי געטענהט, שלעכט אַהין, שלעכט אַהער, מסכים, אָבער דער יסוד, דער סאַמע יסוד פון אונדזער לעבן איז אָט־די מאַכט, און וואָס פאַר אַ שונא עס זאָל נישט קומען וועט ער האָבן קעגן זיך אונדז אַלעמען...

און ווידער איז דער געשפרעך אַוועק אויף זייטיקע וועגן, אויף דער־אַרבעט אין די שאָכטעס, אויף דער נישט־געהעריק דורכגעפירטער סעלעקציע, אויף די באַדינגונגען אאַז"וו. דערנאָך איז מען אַריבער צו יידישע, ריין־יידישע פּראָבלעמען, און ווידער זענען די פּוילישע געוואָרן געוואָרן, אַז עס איז נישט אַזוי שלעכט ווי זיי האָבן געמיינט. אָט זענען דאָ אין קיעוו יידישע שולן, יידישע לערן־אַנשטאַלטן, יידישע ביכער און צייטונגען. אלא, פאַרוואָס איז דאָס נישט אַנגעקומען קיין דאָנבאַס, אויב מען האָט אַהינגעשיקט אַזוי פיל יידישע אַרבעטער? פאַרוואָס זעט מען אַזוי ווייניק אַרויס דאָס יידיש? און נאָך, און נאָך פראַגעס האָבן זיי געשטעלט. און דאָ זענען שוין די ענטפערן געווען פאַרשידענע. זענען געווען ענטפערן ביטולדיקע, וואָס האָבן מבטל געמאַכט אינגאַנצן דעם גאַנצן ענין יידיש. זענען געווען ענטפערן, וואָס האָבן אַרויפגעוואָרפן די שולד אויף געוויסע עלעמענטן אין דער יידישער פירערשאַפט, וואָס האָט נישט פאַרשטאַנען צו לייגן דעם טראָפּ אויף דער אַנטוויקלונג פון יידישער קולטור, זענען לסוף געווען אַזעלכע ענטפערן, וואָס האָבן באַשולדיקט פּשוט די יידן אַליין, אַז באַהערשט נאָך פון די אַלטע צייטן מיט אַ מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס, ווילן זיי איצט אינגאַנצן אָפּווישן דאָס יידיש־

קייט פון זיך, ווייל עס איז זיי אַזוי באַקוועמער, צי זיי קלערן בלויז, אַז אַזוי וועט זיי זיין באַקוועמער. און ערשט דאָס פּראָבלעם פון געמישטע חתונות, און ערשט דאָס פּראָבלעם פון יידישער צעזייטיקייט און צע־שפּרייטקייט: אַמאָל האָט אַ ייד, וואָס האָט געוווינט צווישן גויים, אַראָפּ־געבּרענגט אַ מלמד צי אַ לערער צו זיינע קינדער, און היינט קאָן מען דאָס נישט טון, אַלע שולן זענען מלוכהשע, און יידישע שולן קאָן מען אויפשטעלן נאָר דאָרט, וווּ עס וווינען גרעסערע יידישע קאָמפּאַקטע מאַסן. אַפילו אָט־דאָ אין קיעוו, אויב אַ ייד וווינט אויפן פּאָדאָל, קאָן ער שיקן זיין קינד אין אַ יידישער שול, אָבער אויב ער וווינט אין אַ גויישן קוואַר־טאַל, קאָן ער נישט שיקן ס'קינד ווייט, בפרט נאָך ווינטער. אָבער אין איין פּרט זענען אַלע ענטפערן געווען איינשטימיק, אַז די מלוכה אַליין טוט אַלץ וואָס מען פאָדערט נאָר פון איר אין דעם הינזיכט, אַז אויב ס'זענען דאָ בלויזן און פעלערן, איז עס מער די שולד פון די יידן גופא און נישט פון דער מלוכה, אַז ווען די יידן אַליין זאָלן עס מער פאַרלאַנ־גען, וואָלט זיכער די לאַגע געווען פיל בעסער. און דערציילט האָבן זיי נאָך, די קיעווער, אַז דער זעלבער פּראָבלעם איז נישט נאָר מיט יידן. ער איז דאָ ביי די אוקראַינער אין אַ פיל שאַרפערער פאָרם. פאַראַן אין קיעוו רוסישע שולן און פאַראַן אוקראַינישע. טאָ וואָס זאָל מען טון, אַז אוקראַינישע עלטערן ווילן נישט שיקן זייערע קינדער אין די אוקראַינישע שולן, נאָר דווקא אין די רוסישע? צווינגען קאָן מען דאָך זיי נישט. דאָס וואָס מען האָט געקאָנט טון, ד"ה אויפשטעלן אוקראַינישע שולן, דאָס האָט די מלוכה געטון. נוצן טאַקע אויס די דאָזיקע לאַגע פאַרשידענע אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטישע שרייערס און גוואַלדעווען וועגן אונטער־דריקונג פון דער אוקראַינישער קולטור. נו, איז כל־זמן אַזאַ געשריי איז קאָנסטרוקטיוו, מילא, זאָל ער שרייען. וואָס אָבער זאָל מען טון, ווען צו אָט־דעם געשריי כאַפּן זיך באַהאַלטענע שונאים, און פאַרוואַנדלען אָביעק־טיווע אומשטענדן אין אַ מכלומרשטן שלעכטן ווילן? מוז מען זיי דאָך איינשטילן. און אַז מען שטילט איין, איז, נישט שטענדיק האָט מען זייע־דענע הענטשקעס אויף די הענט...

איז מען אַזוי געזעסן אין די קליינע, געמיטלעכע יידישע אַרבעטער־שטיבלעך אויפן פּאָדאָל, געטרונקען טיי מיט אַ צובייסעכץ, און געטענהט ביז אין שפּעטן אָוונט אַריין. געכאַפּט זיך אַז עס איז שפּעט, און גע־

לאָפּן צום וואָקזאַל אַ קוק טון וואָס עס הערט זיך דאָרטן טאַקע. גע־טראָפן דערווייל פרישע חברה וואָס זענען צוריקגעקומען פון דאָנבאַס, געלאַכט, געהוזקט פון זיך אַליין, פון וואָקזאַל, פון דער אייגענער צע־קראַכנקייט, פון דעם מעניו אין וואָקזאַלענעם רעסטאָראַן, פון אַלעמען און אַלץ אויף דער וועלט. ביינאַכט הויבן אָן זיך זאַמלען אויף די וואָק־זאַלן כלערליי שלעפּערס, פּינצטערע טיפּן, מענטשן אָן אַ היים, דורכ־פאָרנדיקע וואַגאַבונדן, קאַליקעס, דער מענטשלעכער אָפּפאַל, דער ברודי־קער שוים פון דער גרויסער שטאָט. חברה האָבן זיך צוגעקוקט צו זיי, צו זייערע אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע מלבושים, צו זייערע בלווילעכע פון קעלט און הונגער פּנימער. זיי האָבן זיך צוגעקוקט צו די היימלאָזע גע־שטאַלטן זייערע, און באַלד פאַרגעסן וועגן דעם אַלעם, וואָס זיי האָבן אָקאָרשט געהערט דאָרט, אין די קליינע, היימישע שטיבעלעך אויפן פּאָ־דאָל. אויב ס׳איז נאָך דאָ פאַראַן אַזעלכעס, דאָ, אין אָט־דעם לאַנד, איז אַ סימן, אַז עס טויג נישט... אַז עס טויג פּאַר אַ גוטער כפּרה... אָט זיצט אַ בחור און עסט אַ קאָטלעט מיט לאָקשן. האָט ער שוין אָפּגעגעסן דעם קאָטלעט, און ער האַלט ביים נעמען זיך צו די לאָקשן. אַן אַלטער „דיאַד־קאָ" מיט אַ געל שיטער ציגן־בערדל קומט צו און זאָגט שטיל, מיט אַ מין שמייכעלע, וואָס קיינער ווייסט נישט וואָס עס שטעקט אייגנטלעך דערין: „אויב די לאָקשן שמעקן דיר נישט, לאָז מיך זיי אויפעסן". — דער בחור כאַפּט אַ בליק אויפן אַלטן, כיטרען פּנים, אויפן אָפּגעשליסע־נעם געלן ציגן־בערדל, אויף דער פאַרצייטישער, געלאַטעטער, אויסגע־שמאַלצעוועטער בעקעשע, וואָס געדענקט נאָך זיכער ניקאָלייען, און, ניין, נישט קיין רחמנות, אַן עקל נעמט אַרום, אַן עקל צו אָט־דעם אַלטן, אָפּ־געלאָזענעם מענטשן. צי איז דען טאַקע מעגלעך, אַז ער זאָל נישט קענען עפּעס געפינען צו טון, און פאַרדינען זיין ברויט? צי איז דען טאַקע מעג־לעך, אַז קיינער זאָל נישט אויסשטרעקן אים אַ האַנט, אויב ער וואָלט נאָר געוואָלט טון עפּעס אַן אַרבעט? און פון דער צווייטער זייט, אפשר טאַקע נישט... און צי אַזוי, צי אַנדערש... אָבער עפּעס איז דאָ פּאָרט נישט אין אָרדענונג. עסן עסט ער שוין אַלנפאַלס נישט. דער אַלטער רוקט זיך צו דעם טעלער. ער נעמט אים אָן מיט ציטערדיקע הענט, זעצן זעצט ער זיך נישט. ער עסט שטייענדיק און שטעלט אַוועק דעם טעלער. ער ווישט אָפּ דאָס אַלטע, אָנציינערדיקע מויל. אַ לאָקש בלייבט אים הענגען אויפן

געלן ציגן־בערדל, און עס דוכט זיך אַז אָט־דער גליטשיקער, נאַסער לאָקש, און דאָס כיטרע, אַלטע, הכנעהדיקע שמייכעלע איז צוזאַמען עפּעס אַזעל־כעס, ווי שימל, ווי אַן אַלטער שלעכטער ריח, וואָס האָט זיך צוגעקלעפּט צו אַ זאַך און עס איז אוממעגלעך עס אָפּצוקראַצן, אָפּצורייניקן, אַז איין אָרט נאָר איז פאַראַן פאַר דעם: דער מיסט־קאַסטן.

געווען אַזעלכע וואָס האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין דער רעדאַקציע פון דער קיעווער יידישער טאָג־צייטונג, פון „שטערן". געגאַנגען איז מען אַביסל אויס נייגעריקייט, אַביסל האָפנדיק געוואָר צו ווערן עפּעס וועגן דעם פּראָבלעם, וואָס האָט אַלעמען געפּלאָגט: וועגן אַראָפּברענגען די קרובים, און אַביסל סתם אַזוי זיך דורכצוטענהן. אָבער אַלע זענען אַרויס פון דאָרט אַנטוישט. אַ רעדאַקציע, מילא, ווי אַלע רעדאַקציעס, מיט באַ־אַמטע און מאַשינקעס, מיט אָנגעשטעלטע און שרייבערס, מיט איין וואָרט, נישטאָ וואָס צו זען. דורכטענהן — דערויף האָבן זיי קיין צייט נישט געהאַט. די פאַדאַלער אַרבעטער האָבן שוין יאָ געהאַט צייט און געדולד. איינמאָל זענען זיי דאָרט אויפן פאַדאַל, געווען נאָך דער אַרבעט שוין, און דאָ איז מען געזעסן און געאַרבעט, צווייטנס, זענען יענע געווען מענטשן ביי זיך אין דער היים, און דאָ איז אַן אַרבעטס־פּלאַץ, און ס'איז נישטאָ קיין צייט אויף קיין בטלנישע פלאַפּלערייען. וואָס שייך די קרובים ווידעו', האָט מען דאָ איבערהויפּט גאָרנישט געוווּסט. און בכלל האָבן זיי נישט געהאַט קיין אַנונג וועגן גאַנצן עניין, אַז עס זענען געפאָרן פוילישע יידן אויף די דאַנבאַסער שאַכטעס און פאָרן צוריק. די גאַנצע מעשה איז זיי אויסגעקומען משונה ווילד. וואָס עס טוט זיך אין פוילן אונטערן דייטש, האָבן זיי אויפסניי נישט געוווּסט. עטלעכע יאָטן האָבן באַשלאָסן זיך דורכצורעדן מיטן „קאָפּ". זיי האָבן געבעטן, מען זאָל זיי אַריינלאָזן צום גאַנצן נאַטשאַלניק פון דער „יידישער גאַזעטע", און מען האָט זיי צוליב געטון. אין אַ קליין צימערל האָט זיי אויפגענומען אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן מיט אַ שוואַרץ־גרוילעכן קאָפּ האָר, דינע ליפּן, און אַ דינער לאַנגער נאָז. זיין פּנים איז געווען ערנסט און גלייכגילטיק. נישט מעגלעך געווען צו דערגיין, וואָס עס שטעקט אונטער אָט־דער גלייכגיל־טיקייט זיינער, וואָס עס שטעקט אין דעם קאַלטן, רואיקן, דורכדרינג־לעכן בליק פון די שוואַרצע קאַלטע אויגן. ער האָט אויסגעהערט די חברה רואיק, און אַרויסגענומען אַ שטיקל פּאַפּיר. ער האָט זיך נאָטירט די

וויכטיקע שטעלן פון זייערע רייד, די טענות זייערע, די פּרעטענזיעס, די גערעכטע און די אומגערעכטע, אַלעס, אַלעס. און ווען זיי האָבן פאַרענ־דיקט, האָט ער אַ פרעג געטון: — דאָס איז אַלץ, וואָס איר האָט מיר גע־וואָלט זאָגן? — יאָ, אַלץ, — האָבן די חברה געענטפערט. — און וואָס, וואָס זאָגט איר דערצו חבר? — ער האָט אַ שמייכל געטון, זיין שמיי־כעלע איז געווען דין, פּונקט ווי זיינע ליפּן, פּונקט ווי זיין נאָז. — איך — האָט ער אַ זאָג געטון — איך זאָג גאָרנישט. אַלנפאַלס, איצט איז דאָך שוין גאָרנישט דאָ וואָס צו טון. איר וועט דאָך שוין סיי ווי צוריקפאָרן, טאָ פאָרט אייך. און דאָס וואָס איר האָט מיר דערציילט, דאָס וועט שוין דערגיין ווו מען דאַרף. — ווי אַרום וועט עס דערגיין? — האָבן חברה געפרעגט. זיין שמייכל האָט זיך אויסגעברייטערט: „זייט רואיק — האָט ער געזאָגט — איך וועל שוין געפינען אַ דרך". — און ווען חברה האָט שוין געהאַלטן ביים אַוועקגיין, האָט ער נאָך אַ זאָג געטון: „נו, און אויב עמעצן וועט פאָרט זיך פאַרגלוסטן דאָ צו פאַרבלייבן, זאָל ער אַרויפ־קומען צו מיר. נו, זייט געזונט, פאָרט געזונטערהייט". און דאָס דינע שמייכעלע איז ווידער אַראָפּ פון זיין פּנים. און מיט דער זעלבער גלייכ־גילטיקייט וואָס פריער האָט ער גענומען דורכקוקן די פּאַפּירן אויפן טיש.

דער געדראַנג אויפן וואָקזאַל איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. נישט געווען קיין אָרט נישט נאָר וווּ צו שלאָפן, נאָר ווו צו זיצן. חברה האָבן אָפּגעריסן די טירן אין דער שטאָטישער מיליץ־אָפּטיילונג ווו מען האָט אַרויסגעגעבן די שיינען אויף אַריבערצוגיין די גרעניץ. מען האָט זיי דאָרט געהייסן וואַרטן. אַ טאָג איז געגאַנגען נאָך אַ טאָג. געווען אַזעלכע וואָס האָבן פאָראויסגעזאָגט, אַז דער גאַנצער עסק וועט זיך גוט נישט ענדיקן, אַז מען וועט אַלעמען „אייניוושבן". אָבער אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דאָס זענען געווען פאַלשע נביאות־זאָגער. אויפן וואָקזאַל איז אַראָפּ־געקומען אַ גרופּע נ. ק. וו. ד., אַוועקגעשטעלט אַ טיש, און גענומען אַרויסגעבן שיינען אויפן וואָקזאַל גופא. צוערשט האָבן זיי אַרויסגעגעבן אינדיווידועלע שיינען. אָבער ס'איז זיי נמאס געוואָרן, האָבן זיי זיך מיישב געווען, צונויפגענומען גרופּעס צו 25־30 פּערזאָן, געמאַכט אַ רשימה, און געגעבן איין שיין פאַר אַלעמען. מען האָט אָנגעהויבן אַפילו אָפּטיילן וואַגאָנעס פאַר דער חברה. מערסטנטייל זענען די צוגן אָפּגעגאַנגען אינ־מיטן דער נאַכט. קיעוו איז געשלאָפן אונטערן שניי. רואיק, שטיל, דער

אָוונטיקער גערויש פון דער גרויסער שטאָט, דאָס קלינגען פון די שליטנס, דאָס סקריפּעריי פון די טראַמווייען, די קלאַקסאָפאָנען פון די גרויסע קאָמפּאָרטפולע טראָלייבוסן, דער גאַנצער טומל פון דער שיינער גרויסער שטאָט אין ווייסן שניי־מאַנטל, דאָס אַלץ איז איצטער פאַרשוווּנדן. די שטאָט איז געשלאָפן אַ מידע, און די טונקעלע פענצטער האָבן געזאָגט: „טומלט נישט. מיר שלאָפן, מאָרגן דאַרפן מיר אויפשטיין צו דער אַר־בעט, מיר זענען נישט קיין ליידיקגייער". בלויז דער וואקזאל, די היים און מקום־מיקלט פון די „מערבדיקע" וואַגאַבונדן האָט געלויכטן און גע־פינקלט אין דער באַשנייטער, אומשולדיק־ווייסער, און בלוי־באַשטערנ־טער נאַכט. בלויז די לאָקאָמאָטיוון האָבן געפּייפט מיט בענקשאַפט און אומרו, זעצנדיק מיט ווייסער פּאַרע, און מיט קנוילן שוואַרצן רויך. חברה איז אַריין אין די וואַגאָנעס מיט אַ טומל, מיט אַ גערויש, און פלוצלינג אַנטשוויגן געוואָרן. אַ פּריש קאַפּיטל פאַרענדיקט. וואָס וועט זיין איצט „דאָרטן"? צי טוען זיי גוט, וואָס זיי פאָרן אַוועק צוריק? נאָך וואָס זענען זיי געפאָרן, און צו וואָס קערן זיי זיך אום? דער צוג האָט געצירט פון אָרט און געלאָפן אין דער ווייסער, מיט שטערן צעפינקלטער נאַכט, אַן אומדערמידלעכער, אַ סאָפּענדיקער, אַ שווערער און שנעלער צוזאַמען.

קיין לעמבערג איז דער צוג אָנגעקומען פאַרטאָג. חברה זענען אַרויס פון די וואַגאָנעס אין דעם אָפּגעדריפּעטן אַלטן וואָקזאַל פון פּאָדזאַמטשע. זיי זענען שטיין געבליבן אין קאַלטן, פּראָסטיקן פרימאָרגן, פלוצלינג־אַרויסגעריסענע פון דער וואַרעמקייט פון די צונויפגעקוועטשטע לייבער, דאָרט אין די וואַגאָנעס, מיט צעריסענע שטיקער שלאָף און צעווייטע חלומות אויף די פאַרוווּנדערטע אויגן. אַ יאָט האָט גענומען גיין פאָראויס, ווי איינער, וואָס געדענקט נישט גענוי ווו אַהין און נאָך וואָס ער גייט. ער איז פלוצלינג שטיין געבליבן, ווי ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען פון וואַנען ער האָט זיך דאָ בכלל דערנומען, און וואָס ער האָט דאָ איצט צו טון. אַ דורכגייער האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַ פרעג געטון: „איר האָט פאַרלוירן דעם וועג? — האַ?" האָט דער יאָט אַ קוק געטון מיט פאַר־שלאָפענע, נישט־פאַרשטייענדיקע אויגן, און געענטפערט: „ניין, ניין, און אפשר... אפשר טאַקע יאָ!".

שניי און רובלעס

שווער איז געווען דער ווינטער יענעם יאָר. שווער, זייער שווער. אַ ווינטער אַ פּראָסטיקער, אַן אַכזריותדיקער, אַן אומברחמנותדיקער. אַ ווינטער מיט אימהדיקע, אָטעם־פאַרשפּאַרנדיקע פראָסטן, מיט בייזע, וואַיענדיקע ווינטן, וואָס האָבן זיך אַרומגעטראָגן איבערן לאַנד, ווי וועלף, וועלכע זענען פון אַ ווייטן ווילדן וואַלד אַרויסגעקומען, מיט זאַווערוכעס וואָס האָבן געטראָגן דעם שניי אויף צעבּרויזטע פליגל, געדרייט מיט די ווייסע, ווירבלדיקע, שנייאיקע טומאַנעס, און פונאַנדערגעוואָרפן זיי אויף אַלע וועגן, פאַרשיט באַן־רעלסן, צוגעדעקט פויערישע כאַטעס ביז דער העלפט, געריסן מיט זייער פאַרפרוירענעם אָטעם די טעלעגראַפישע דראָטן, געביסן ביז בלויקייט מענטשישע באַקן, נעז, אָפּגעפרוירן אויערן, געוואָיעט, געחוזקט, געפייפט אין די פוסטע קוימענס, ווי אַ סטאַדע ווילדע רוחות, אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף קליינע קינדער אין די לאַנגע ווינטער־נעכט און געדריקט די געמיטער פון אַלעמען.

דאָס זאַטע לאַנד איז פלוצלינג שטיין געבליבן אַ הונגעריקס, נאַקעטס, אָן שפּייז און אָן פּראָדוקטן, אָן אַ שטיקל קויל פאַרן אויוון צי הרובע. פרייזן האָבן גענומען טאַנצן פאַנטאַסטיש, זעלבסטפאַרשטענדלעך פריי־מאַרק פרייזן. די אַרבעטער האָבן גאָרנישט געקענט קויפן פאַר זייערע לוינען, רובלעס האָבן זיך געוואַלגערט אין די גאַסן ווי בלאָטע. פויערישע וועגעלעך האָבן אויפגעהערט צו באַווייזן זיך אין די שטעט און שטעטלעך, און ווען זיי זענען שוין יאָ געקומען האָבן זיי געפאָדערט זאַכן, נישט קיין געלט. זיי האָבן געפאָדערט עפּעס ממשותדיקס, אַ מלבוש, אַ שאַנק, אַ פאָר שטיוול. אין די קאַלטע, אומבאַהייצטע שטיבלעך פון דער אָרעמקייט האָט דער הונגער זיך צעזעצט ברייט, אויבנאָן, אַרויסגעקוקט מיט טויטע אויגן פון די פוסטע, פאַרטרוקנטע טעפּ, פון די קאַלטע הרובעס, פון אַלע ווינקעלעך.

מענטשן האָבן גענומען פאַרקויפן פון זיך אַלץ וואָס מען האָט געהאַט. אין די קאַלטע, פראָסטיקע טעג, זענען געשטאַנען טויזנטער מענטשן אויף די מערק און געהאַלטן אין האַנט ס׳לעצטע ביסל אָרעמקייט פון שטוב אַרויס. מען האָט אָפּגעוואַרט אויף די ראָגאַטקעס פויערישע פורלעך און געריסן זיי פון די הענט אַרויס ס׳ביסל מעל פאַר אַ קלייד, אַ

שטיק פלייש פאַר אַ פּאָר שטיוול, געשלעפּט זיי פאַר די פּאָלעס אין די שטובן און פאָרגעלייגט מעבל, פּיאַנאָס, גאַרדינען, גאָלדענע פינגערלעך, צירונג — פּאַר אַ זעקל מעל, פּאַר אַ פורל האָלץ, פּאַר אַ רינדענעם הינ־טער־חלק. די פּויערים האָבן זיך געלאָזט בעטן, געטופּעט מיט די גרויסע פּאַסטאָלעס און שטרויענע טרעפּעס, אָנגעטראָגן שניי אויף די סאַלאָנען־דילן, געדרייט די לאַנגע וואָנצעס, פון וועלכע ס'זענען געהאָנגען סאָפּ־ליעס אייז, באַקוקט, באַטראַכט, געטאַפּט די ווערטפולע זאַכן, און פאַר־געלייגט פונקט די העלפט וויפל מען האָט זיי אָנגעבאָטן, פונאַנדערגע־פירט די הענט, ווי איינער וואָס עס טרעפט אים אַ גרויסע עוולה, און כמעט שטענדיק אויסגעפירט זייערס.

פּאָליציייִשע מיטלען, וואָס זענען אָנגענומען געוואָרן קעגן דעם שוואַרצן האַנדל מיט די סחורות, וואָס זענען פאַרבליבן פון אַמאָל, האָבן ווייניק וואָס געהאָלפן. די סוחרים האָבן פאַרשטופּט, פאַרשטשיבעט זייערע סחורות אין מייזן־לעכער, אין אַזעלכע ערטער, וווּ דער טייוול אַליין האָט נישט געקענט צוקומען, געזעסן אין די קאָפּעען, אין די אָנגע־רויכערטע ביר־הייזער, און פאַרקויפט און געקויפט מיט איין קוועטש פון אַן אויג, מיט אַ פינטל פון אַן אויגנאַפּל. די באַנען זענען פלוצלינג פול געוואָרן מיט פּאַסאַזשירן. עס האָט געלוינט אָנטון אויף זיך 3 אָנצוגן, און האָבן נאָך דערצו פון אונטן אַ 10 מעטער שטאָף אַרומגעוויקלט אַרום לייב, און אַרויספאָרן אַזוי אַרום פון לעמבערג קיין ראָווּנע צי קאָוועל, „אָפּשטופּן" דאָרט דאָס אַלץ פאַר שפּייז־פּראָדוקטן און צוריקקומען דער־מיט קיין לעמבערג. פון אַזאַ רייזע האָט מען געקענט אָפּשפּאָרן אַ פּאָר רובל און „מאַכן אַ לעבן" אַ שטיקל צייט. אַפילו מלוכהשע קאָאָפּעראַ־טיוון האָבן גענומען אַרויסשיקן ספּעציעלע מענטשן אויף דער פּראָווינץ איינצוקויפן פּראָדוקטן, און מיט קיין בלויז געלט האָט מען זיי נישט גע־שיקט. מען האָט אָנגעהויבן האַנדלען מיט אָט־די פּאָסטנס פון אַזוי־גערו־פענע „סנאַבזשעניע" — ווייל קיין בעסער פּאָסטן איז גאָר בנימצא נישט געווען. אי מען איז כשר אי מען מעג ספּעקולירן, אי מען איז אַ מלוכה־שער אָנגעשטעלטער און אי עס קלעפּט זיך שוין קיין עין־הרע עפּעס צו צו די פינגער אין וועג. פּאַטרולן פון דער נ. ק. וו. ד. האָבן געשטערט אין די באַנען, אין באַגאַזשן, אויף די וואָקזאַלן און געזוכט די „טריפהנע" סחורות, אָבער יידן טוען זיך אַן עצה. אָדער מען „סמט אָפּ", אָדער מען

פאַרט אַ גאַנצע חברה, און יעדער האָט אַ קליין ביסעלע. באַן־בילעטן קאָסט אַ שיבוש, איז וואָס אַרט עס איבערצופאָרן זיך? און נישט נאָר יידן זענען געפאָרן, ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אויסדוכטן, אַז דאָס גאַנצע לאַנד איז אין וועג, אין באַוועגונג. מען האָט אַרויסגעגעבן אַ פּאַראָרדע־נונג, אַז בילעטן אויף דער באַן זאָל מען פאַרקויפן אין דער ערשטער ריי פּאַסאַזשירן מיט „קאָמאַנדיראָווקעס״, מיט ספּעציעלע רייזע־שיינען — האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ מסחר מיט אָט־די „קאָמאַנדיראָווקעס״ טאָ־קע. ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ האַנט און אַ פּוס, ווער ס׳האָט נאָר פאַר־מאָגט אַ גליד־געשוועסטערקינד אין עפּעס אַ קאָאָפּעראַטיווועלע דאָרט, האָט זיך שוין אַרומגעטראָגן מיט ליידיקע קאָמאַנדיראָווקעס, הונדערטפּראָ־צענטיק־כשרע, וואָס מען דאַרף בלויז אַריינשטעלן אַ נאָמען און פאָרן ווו דו ווילסט. באַאַמטע אויף די באַנען האָבן פאַר כאַבאַר געשיקט גאַנצע טראַנספּאָרטן פון שפּייז־פּראָדוקטן אויף פּריוואַטע אַדרעסן, אָנגעבנדיק די דאָזיקע פּעקלעך אַלס מלוכהשע, אויסערן קאָנטראָל.

די מאַכט־אָרגאַנען האָבן דאָס אַלץ צוגעזען און געשטאַנען הילפ־לאָז. מען האָט געאַרבעט, בכדי אַרויסצולאָזן וואָס מער פּראָדוקציע אין מאַרק אַריין צו ביליקע פּרייזן. עס האָבן זיך באַוויזן מאַנופאַקטור־סחו־רות פון לענינגראַדער פאַבריקן, וואָס מען האָט פאַרקויפט אין ספּעציע־לע מלוכהשע קראָמען. אָבער אויך דאָ איז דער ענין מאָמענטאַל פאַר־קריפּלט געוואָרן. מענטשן זענען געשטאַנען גאַנצע נעכט ביי 30־35 גראַד פראָסט און געוואַרט אין דער ריי, די קאָאָפּעראַטיוון זאָלן זיך שוין עפענען. זיי האָבן נישט באַוויזן אָפּצוגיין צוויי מעטער פון געשעפט מיט דער געקויפטער סחורה, און שוין האָבן אויף זיי געוואַרט קונים און פאַר־געלייגט זיי דרייפאַכיק וויפל זיי האָבן באַצאָלט, בכדי עס צו פאַרקויפן אין פּאַסאַזש־מיקאַלאַש פאַר אַ צענפאַכיקן פּרייז. עס איז אַרויסגעקומען אין גאַס אַריין די ערשטע פּראָדוקציע פון די אויפסניי־געעפנטע בראָנפן־און ליקער־פאַבריקן. מענטשן זענען אַוועק אין דער ריי מיט קינד און קייט. יעדער איינער האָט געמעגט קויפן בלויז איין פלעשל משקה, צו־זאַמען האָט זיך אָנגעקליבן אַ 6־7 פלעשער, אויב עמיצער איז נאָך אַ מטופל מיט קינדער האָט ער טאַקע געקענט קויפן אַ 10־12 פלעשער, און דאָס איז שוין אַ שטיקל פּרנסה אין שטוב אַריין. די רובלעס האָבן כמעט אינגאַנצן פאַרלוירן זייער ווערט — 10 דעקא גוטער וורשט האָט גע־

קאָסט 70־80 רובל, אַן אנצוג 1.000־1.500 רובל, אַ פּורל האָלץ 300 רובל, די שוואַרצע בערזע האָט געבליט. די סוחרים האָבן געדאַרפט טון איין זאַך — זיצן אין קאַפּע און חשבונען, און די ציפערן זענען שוין גע־שפּרונגען אַליין פון זיך. דער מסחר מיט זייגערלעך האָט זיך פונאַנדער־געוואַקסן און איבערגעוואַקסן אַלץ. זייגערלעך האָבן אָנגעהויבן קומען אפילו „פון יענער זייט", פון די דייטש־אָקופּירטע געביטן. די זייגערמאַ־כערס זענען שוין געווען אָרגאַניזירט אין קאָאָפּעראַטיוון, אָבער מען האָט בלויז געקאָנט דאָרט פאַריכטן אַ זייגערל, קויפן קיין ניי זייגערל — נישט. אַנדערע סחורות האָט נאָר די ראַטנמאַכט געקאָנט ווי נישט איז, מיט גרויס אָנשטרענגונג אַראָפּברענגען צו ביסלעך און וואַרפן אויפן מאַרק, קיין זייגערלעך האָט זי נישט געקענט ברענגען, עס פעלט דאָרט אוין'. זענען זייגערלעך געוואָרן אַזאַ סחורה, וואָס קיין בעסערס צום האַנדל איז גאָר אויף דער וועלט נישט געווען. קינד און קייט האָבן אָנ־געהויבן זיך אויסצוקענען אויף זייגערלעך. יידן, וואָס זענען זייער גאַנץ לעבן געלאָפן צום ראַטהויז אַ קוק געבן ווי שפּעט ס'איז, צי אָנגעכאַפּט פאַרבייגייער פאַר אַן אַרבל, און געבעטן די שעה, אַזעלכע יידן האָבן פּלוצלינג אָנגעהויבן צו ווערן גאַנצע מבינים, צו וואַרפן זיך מיט די מאַר־קעס „אָמעגאַ", „לאָנדזשין", „שאַפּהאַוזען", אַ „צילינדער", אַ „ראָסקאָפּף", אַן „אַנקער". געגאַנגען איז אַלץ, פאַרקויפט האָט זיך יעדעס קעסטעלע אַבי עס האָט נאָר אַ ציפערבלאַט און צוויי ווייזערס. פאַר „גיין" זאָל זאָרגן דער רבונו־של־עולם, גענוג אַז עס זעט אויס ווי אַ זייגערל. פאַר אַ זייגערל האָט מען געקאָנט איינקויפן ס'בעסטע, ס'שענסטע. רוסן האָבן פּיינט טאַשן־זייגערלעך — האָבן יידן גענומען אָפּרייסן די אויערן פון די גרויסע טאַשן־זייגערלעך, צוגעמייסטרעוועט צוויי אויערלעך פוןביידע זייטן, און פאַרטיק אַ האַנט־זייגערל. אלא וואָס? ס'איז צו גרויס? מילא דערויף איז דאָך וואַנקאַ אַ „יוון", און האָט אַ האַנט ווי אַ לאָקשנברעט. פאַר' אים פּאַסט עס ווי אָנגעמאָסטן. מענטשן ווילן זייגערלעך מיט „מאַר־קעס" מיט „פירמעס". אויף דעם איז אויך פאַראַן אַן עצה. מען נעמט אַ געוויינלעך ציפערבלאַט און מען מאָלט אויס וואָס פאַר אַ מאַרקע ס'פאַלט פּונקט איין אין קאָפּ אַריין. געווען אַ ייד אין לעמבערג, וואָס האָט גע־מאַכט ציפערבלעטלעך מיט אַן אויפשריפט „יקום־פורקן", און איינגערעדט „קונים־ערלים" אַז קיין בעסערס גיט גאָר די שווייץ נישט אַרויס.

אַנטקעגנאיבער אָט־דער צעווילדעוועטער ספּעקולאַציע, אַנטקעגנאי־
בער אָט־דער צעבושעוועטער בייזוויליקער און אָביעקטיוו־אַנטשטאַנענער
צעמישונג, כאַאָס און שעדיקעריי זענען געשטאַנען אומבאַהאָלפן די היי־
פּעלעך פון די געטרייע, פון די איבערגעגעבנסטע, פון די בעסטע זין פון
די אַמאָליקע רעוואָלוציאָנערע פּוילישע פּאַרטייען און געפּרווט מיט פּאַר־
ביסענע ציין, מיט אויסער־מענטשלעכער אָנשטרענגונג אָנהאַלטן פּאַר
יעדן פּרייז דעם פּרעסטיזש פון דער נייער אָרדענונג. קליין זענען זיי גע־
ווען אין צאָל, און געהאַט קעגן זיך יעדן איינעם, און אומעטום האָבן זיי
געפילט אַ פיינטלעכקייט. אין וואָס האָט מען זיי נישט חושד געווען? דער
מענטש פון דער גאַס, דער פּשוטער חי־וקים, האָט זיי חושד געווען
אין אונטערלעקן זיך צו דער נייער מאַכט. די שונאים, די „אַמאָליקע"
האָבן פון זיי געשפּעט, געחוזקט פון זייער הונגער, פון זייערע איינגע־
פאַלענע פּנימער, געלאַכט דערפון, וואָס אין אָט־די נייע באַדינגונגען,
גייט ער, דער סוחר אַרום זאַט און אָנגעטון, און ער, דער נעכטיקער פּאַר־
טייער הונגעריק און אָפּגעשליסן. די באַאַמטע, דאָס פּערסאָנאַל וואָס איז
אַראָפּגעקומען פון טיף רוסלאַנד אַהער, איז נישט געוואָרן אין די נידער־
ריקע שטאַפּלען סעלעקציאָנירט ווי געהעריק. קאָרופּציע האָט זיך צע־
וואקסן. און אָט־די חברה טאַקע האָבן זיך אַרומגערינגלט מיט כלערליי
קאַריעריסטן, ספּעקולאַנטן, אַמאָליקע סוחרים און גבירים, און געזוכט
שטענדיק אַ געלעגנהייט פּטור צו ווערן פון אַן אומבאַרופן אויג. אויף
אַלע פאָדערונגען דורכצוררייניקן דעם אַפּאַראַט, אָנצונעמען מער ענערגי־
שע מיטלען קעגן דער ספּעקולאַציע, אַאַז״וו האָט מען אין די שפּיצן גע־
ענטפערט, אַז עס איז נאָך נישט די צייט דערצו, אַז אָפיציעל איז דער
פרייער האַנדל נישט פאַרבאָטן, אַז מען דאַרף וואַרטן, ביז וואַנען די אָר־
טיקע פּראָדוקציע וועט זיך מער צעוואַקסן, און דאָס וועט ממילא שוין
אונטערדריקן די ספּעקולאַציע, אַז מען דאַרף האָבן אַביסעלע גע־
דולד. די דאָזיקע ענטפערס האָבן זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן אַלס באַ־
רעכטיקטע, אַלס זאַכלעכע, אַלס פּלאַנמעסיק־צילבאַוווסטע, אָבער דע־
מאָלט, אין קאַלטן פראָסטיקן ווינטער, ווען אַן ערלעכער אַרבעטער האָט
געהאָרעוועט און נישט געהאַט וואָס צו עסן, און אַ שפּעקולאַנט האָט גע־
לאַכט פון דער וועלט, ווען אַן ערלעכער פויער האָט גאָרנישט געקענט
קויפן, און אַ קולאַק האָט געהאַלטן פּיאַנעס אין שטאַל, ווען נעכטיקע

שונאים האָבן פאַרנומען אָנגעזעענע פּאָסטנס אין מלוכהשן אַפּאַראַט, און געוועזענע פּאָליטישע אַרעסטירטע האָט מען נישט צוגעלאָזט צו קיין פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן, דעמאָלט, האָבן זיך אָט־די ענטפערן אויסגעוויזן ווי בלוטיקער חוזק, ווי אַן אָפּשפּעטנדיק געלעכטער וואָס האָט צוזאַמען מיט די וואָיענדיקע בייזע ווינטער־זאַווערוכעס געטראָגן זיך איבער די לעמבערגער באַשנייטע גאַסן.

קיין רעפּרעסיעס זענען נישט געקומען, ד״ה קיין מאַסן־רעפּרעסיעס זענען נישט געקומען. אָבער איינצלווייז האָט מען יאָ אָנגעהויבן אַרויסצופיקן דאָס שעדלעכסטע פונעם המון און דעפּאָרטירן. געוועזענע אַפּיצירן, פירער פון אַמאָליקע האַלב־פאַשיסטישע און פאַשיסטישע פּאַרטייען און פּאָליטישע גרופּן, רעאַקציאָנערן, גלחים און פּאָפּן, אָט דאָס אַלץ האָט מען גענומען „רוימען" צו ביסלעך. דערפון האָט מען אָנגעהויבן, אָבער שטילערהייט, נישט צו רייצן די געמיטער, נישט אַריינצופירן קיין אַטמאָספער פון פּחד — אָבער מען האָט דעפּאָרטירט, געפּרווט קודם אַרויסרייסן דאָס שעדלעכסטע, דאָס ערגסטע, דאָס, וואָס מען וועט נישט איבערצייגן מיט קיין זאַך נישט. די פאַשיסטישע אונטערערד האָט געענטפערט מיט פאַרשטאַרקטער אַנטיסאָוועטישער אַגיטאַציע, מיט אָרגאַניזירן אונטערערדישע פּוילישע פּאַרטייען, מיט אַוועקשטעלן פּראָדייטשע־אוקראַינישע גרופּן. די אוקראַינער זענען אַרויסגעפּאָרן אויפן נאַציאָנאַליסטישן פערדל, און געוואַלדעוועט אַז רוסלאַנד וויל זיי איינשלינגען, און אַז נאָר היטלער קאָן ברענגען אַן אומאָפּהענגיקע אוקראַינע. די פּאָליאַקן האָבן געשריגן אַז מען אוקראַיניזירט מיט געוואַלד דאָס לאַנד, אַז מען פאַרטרייבט די פּוילישע קולטור, אַז דאָס „אוראַלטע פּוילישע" לעמבערגער געביט פאַרלירט זיין פּוילישן כאַראַקטער. יידן האָבן נישט געשריגן, נישט געוואַלדעוועט, יידן האָבן געזוכט „פּרנסה", געהאַנדלטגעוואַנדלט, געווען פאַרטון אין פאַרדינען אַ קערבל, און נישט פאַרשטאַנען די גרויסע היסטאָרישע באַדייטונג פון מאָמענט. אָרטיקע יידן, סוחרים האָבן געקלערט, ווי אַזוי צו ראַטעווען זייערע ביז־איצטיקע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, יידן בעל־מלאכות האָבן מורא געהאַט צו גיין אין די קאָאָפּעראַטיוון, מורא געהאַט פאַר דער איבערשיכטונג, יידן ווידער פון „יענער זייט", זענען אַרומגעלאָפן פאַרזאָרגטע און געטראַכט וואָס מען טוט, יאָ אַריבערנעמען די משפחות, צי נישט אַריבערנעמען. צוריקגיין,

צי בלייבן דאָ. דערווייל איז מען געלאָפן איבער דער גרענעץ הין און צו־ריק, געהאַנדלט, געשלעפּט סחורה פון איין זייט אויף דער אַנדערער, און געבליבן זיצן טיילמאָל פאַרטראַכטערהייט מיט די פּעק רובלעס, נישט וויסנדיק וואָס צו טון ווייטער, וועלכן וועג אויסצוקלייבן.

די גרענעץ איז נאָך געווען אָפן, אָבער שוין נישט אַזוי ברייט ווי אין אָנהייב. איבער דער גרענעץ האָבן גענומען גיין שפּיאָנען און עמיסאַרן פון פּוילישע אונטערערדישע פאַשיסטישע גרופּן, פון אוקראַינער באַנדעס, און סתם דייטשע שפּיאָנען. מען האָט שוין נישט אויפגענומען אויף דער גרענעץ ווי אַמאָל מיט אָפענע אָרעמס, מען האָט קאָנטראָלירט, געפאָרשט, אויסגעפרעגט. מען האָט שוין געדאַרפט איצטער זוכן וועגן, ווי אַזוי אַרי־בערצוקומען די גרענעץ בשלום און נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון די גרענעץ־פּאַטרולן. ס'האָבן זיך באַוויזן כלערליי „מאַכערס", „שוואַרצערס", וועג־ווייזערס, שמוקלערס. קיין פעסטע אינסטרוקציעס זענען נאָך אַלץ פאַרט אויף דער גרענעץ נישט געווען. די גרענעץ אַליין איז געווען נאָך שוואַך באַפעסטיקט, און דערצו צוליב דעם טאַקע, וואָס עס האָבן געפעלט אינסטרוקציעס האָט יעדער קאָמאַנדיר געהאַנדלט אויף זיין אָפּשניט ווי אים האָט זיך געגלוסט. האָבן גענומען אַרומגיין קלאַנגען, אַז דאָרט קאָן מען אַריבערגיין, און אויף אַן אַנדער אָרט ווידער, נישט אַזוי לייכט, און אויף אַ דריט אָרט איז עס אינגאַנצן אוממעגלעך. האָט זיך געמאַכט, אַז אַ ייד איז שוין בשלום אַריבער און געברענגט מיט זיך פון „דייטשלאַנד" זיין גאַנצע פאַמיליע צו דער גרענעץ־צו קיין „רוסלאַנד", און דערווייל האָט מען שוין אויף דעם אָפּשניט די גרענעץ פאַרמאַכט, אָדער פאַרקערט, ער איז געקומען אַ קוק טון און צוגרייטן אַ דירה, און איצט וויל ער גיין ברענגען די משפחה זיינע, און ער קאָן נישט צוריקגיין.

אַ צעמישעניש, אַ כאַאָס, אַן איבערקערעניש האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין די מענטשלעכע מוחות און צוזאַמען מיט די שוואַרצע בשורות, וואָס זענען אָנגעקומען פון יענער זייט, פון די שטעטלעך וואָס אונטערן דייטשן שטיוול, האָבן זיי זיך געטראָגן אין דער פראָסטיקער לופט, אויף די פליג־לען פון די בייזע, וואָיענדיקע ווינטן, אין שנייאיקן מישמאַש פון די זאַ־ווערוכעס און שטורמען, אין ווילדן טאַנץ פון דער צעבושעוועטער שפּע־קולאַציע און געפאַלן אויף די געמיטער שווער ווי אַ שטיין.

די בריוו רופן

פון יענער זייט האָבן אָנגעהויבן צו קומען בריוו. שוין נישט קיין קליינע צעקנייטשטע צעטעלעך, וואָס זענען געווען פאַרנייט אין די רעקלעך פון די גרענעץ־שוואַרצערס, צי פאַרשטשיבעט ערגעץ־ווו אין אַ שטיוול, נאָר בריוו, ממש בריוו מיט דער פּאָסט. אויף די קאָנווערטן — פּאָסטמאַרקעס מיטן האַקנקרייץ, ד״ה די פּאָסטמאַרקעס זענען נאָך געווען די אַמאָליקע, די פּוילישע, אָבער מיט שוואַרצער פאַרב איז געווען אַרויפגעדרוקט אַ האַקנקרייץ. דער פּוילישער ווייסער אָדלער האָט אַפּערגעקוקט פון אונטערן האַקנקרייץ אַ צעפלאַטשיקטער, אַ צונישט־געוואָרענער, אַן עובר־בטלדיקער. די בריוו זענען געגאַנגען פינף צי זעקסט וואָכן, דורכגעגאַנגען די דייטשע מיליטערישע צענזור, געגאַנגען קיין מאָסקווע אין די צענטראַלע פּאָסטאַמטן פאַר אויסלענדישער קאָרעספּאָנדענץ, און ערשט פון דאָרט זענען זיי צוריק אָנגעקומען קיין לעמבערג צי ביאַליסטאָק. געווען אַזוי מאָדנע צו באַקומען אַ בריוו פון וואַרשע קיין ביאַליסטאָק דורך מאָסקווע, אָבער גוט איז כאָטש דאָס. אַבי מען זעט שוין עפּעס.

די בריוו זענען געווען פאַרשידנאַרטיקע, אָפּהענגיק פון אָרט, פון וועלכן זיי זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן. זענען געקומען בריוו פון קליינע שטעטלעך, ווו מען האָט שוין אָנגעהויבן דאָס אַרויסטרייבן די יידן. פון קליינע שטעטלעך ווו מען האָט קאָנצענטרירט די אַרויסגעטריבענע פון אַנדערע קליינע ישובים, — פון די אַזוי־גערופענע געטאָ־שטעטלעך. מיט כלערליי רמזים און אָנצוהערענישן האָבן די דאָזיקע בריוולעך דערציילט וועגן אופן ווי אַזוי דאָס אַרויסטרייבן איז פאָרגעקומען. זיי האָבן דערציילט, די בריוולעך, וועגן טרייבן איבער פראָסטיקע פאַרשנייטע וועגן במשך פון גאַנצע מעת־לעתן, איבער צענדליקער קילאָמעטערס, וועגן פאַרפרוירענע אַלטע לייט און קינדער, וועגן מענטשן וואָס זענען געפאַלןביים וועג, נישט געקאָנט ווייטער גיין, דערשאָסן געוואָרן און ליגן געבליבן אויפן שנייאיקן שליאַך, אָדער אויפגעהאָנגען געוואָרן אויף אַן אַראָפּהענגענדיקער צווייג און געוויגט זיך אין דער זאַווערוכע. האָבן די בריוולעך דערציילט, ווי אַזוי דאָס „איינאָרדענען" אויף די נייע וווינערטער האָט אויסגעזען: מען האָט פּשוט אַריינגעפּירט די אָנגעקומענע אויפן מאַרק פונעם שטעטל, ווו זיי האָבן געזאָלט פאַרבלייבן, און גע־

געבן אַ באַפעל אַז אין צען מינוט צייט טאָר זיך קיינער נישט געפינען אין גאַס. מענטשן זענען געלאָפן משוגענערהייט, אויפגעריסן טירן מיט גוואַלד׳, געהאַקט שויבן, און אַריין דורך די פענצטער אין דער ערשטער־בעסטער שטוב, און דערנאָך איז געווען פאַרפאַלן, מען האָט שוין דאָרט, הייסט עס, געוווינט. האָבן די בריוולעך געשריבן וועגן קעלט, הונגער און נויט, וועגן האָפּנונגסלאָזע קאַלטע טעג און שלאָפלאָזע פאַרפרוירענע נעכט, וועגן שטיבלעך ווו עס האָבן זיך אין אַ פּלאָנטער פון לייז און טור־בערקולאָז געקנוילט עטלעכע פאַמיליעס און אין פאַרצווייפלונג אַרומגע־ריסן זיך צווישן זיך, געשאָלטן איינס דאָס אַנדערע. וועגן דעם ביטערן פאַרגעשמאַק פון דער גרויסער בראָך האָבן די בריוולעך דערציילט; אָבער פאָרט מיט האַלבע ווערטער, אָבער דאָך דורכגעדרונגען מיט עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעכן אָפּטימיזם, אַז „גאָט איז אַ טאַטע און אַז מיט דער הילף פון השם־יתברך וועט נאָך גוט זיין״. און פון אַלע בריוו האָט אַרויס־געשריגן איין גרויסע בענקשאַפט צו די וואָס זענען אַריבער קיין „רוס־לאַנד״, איין פאַרצווייפלטער געשריי וואָס האָט געמאָנט און גערופן צווישן די שורות, מיט נישט קלאָרע ווערטער, מיט האַלבע אָנדייטונגען. עס האָט זיך טיילמאָל געקאָנט דוכטן, לייענענדיק אַזאַ בריוול, אַז איין זאַך פעלט זיי דאָרט, אַז אויב שלמה צי יאָקל וועט צוריק אַהיימקומען וועט ער פאָרט געפינען עפּעס אַן עצה. און סוף־כל־סוף איז עס פאָרט געווען פאַרשטענדלעך, ווייל אויב שמערל איז געבליבן צוזאַמען מיטן ווייב אונטערן דייטש, האָט ער פאָרט עפּעס גיכער געקאָנט אויפטון פאַר זיין הויזגעזינד, ווי בערל וואָס איז אַריבער קיין „רוסלאַנד״ און דאָס ווייב זיינס פּלאָגט זיך און מאַטערט זיך איינע אַליין מיט די קליינע עופהלעך. האָט בערל, באַקומענדיק אַזאַ בריוו טאַקע, נישט געוווּסט וואָס צו טון מיט זיך, פאַרגעסן וועגן געפאַרן וואָס לויערן דאָרט, פאַרגעסן וועגן דעם גאַרער וועלט און געגומען זוכן אַ וועג אויף צוריק, אָדער גענו־מען זוכן אַ „שוואַרצער״ וואָס זאָל אים ברענגען די משפחה. און פון טייל משפחות זענען טאַקע געקומען נאָך אַזעלכע בריוו: „האָב רחמנות, נעם אונדז אַריבער״. און ווי אַזוי קאָן מען אַריבערנעמען? ווי אַזוי? די גרענעץ ווערט אָפּגעשלאָסענער און פעסטער יעדן טאָג. פּאַטרולן רייטן אַרום לענג אויס דער גרענעץ אַ גאַנצן קיילעכדיקן מעת־לעת, און פירן מיט זיך גרויסע, ספּעציעל־טרענירטע ווילדע וואָלף־הינט. זענען מענטשן

טאַקע אַרומגעלאָפן, געזוכט „מאַכערס“, דערווייל ווייטער געדרייט דאָס פּאַרפּלאָנטערט־פּאַרדרייטע רעדל מיט די אויסטערלישע געשעפטן, מיט גרויסע אַסטראָנאָמישע ציפערן פון אינפלאַציאָנירטע רובלעס, און ביינאַכט זיך געוואָרפן אויף די געלעגערס, איינגעהאָרכט זיך אין די וואָיעוודיקע ווינטן, וואָס האָבן אַרומגעטראָגן אויף זייער פאַרשנייטע פליגל די געוויינען פון זייערע קינדער, די בענקשאַפט פון די איבערגעלאָזטע ווייבער און מאַמעס, די פאַרצווייפלטע קרעכצן פון די גרוי־בערדיקע טאַטעס.

פון אַנדערע מקומות ווידער, און הויפּטזעכלעך פון די גרויסע שטעט פלעגן אויך קומען בריוו „גוטע“. גוטע — האָט געהייסן אַז מען שלאָגט נאָר טיילמאָל, אַז מען נעמט אויף אַרבעט מיט אַ שטיקעלע סדר, אַז דערווייל איז נאָך נישט אַזוי שלעכט, אַז עס האָט זיך אַביסל „באַרויִקט“, און אַז די צרות הויבן זיך אָן צו סטאַביליזירן און ווערן שוין אַ נאָרמאַלע זאַך. מיט אַן אומגעריכטער בראָך איז שווער זיך אַן עצה צו געבן, אַן אומגעריכט אומגליק דערשלאָגט און ברענגט אַריין אין אַ צעמישעניש, אָבער אַ צרה וואָס האָט זיך שוין איינגעבירגערט, וואָס איז געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג — מיט אַזאַ צרה טוט מען זיך אַן עצה. יידן זענען אַ פאָלק פול מיט לעבנסקראַפט, מיט אויסערגעוויינלעכע צופּאַסונגס־פעאיקייטן, האָבן זיי זיך שוין אויך דאָרט, אונטערן דייטשן שטיוול ווי־נישט־ווי „צוגעפּאַסט“, און אָנגעהויבן שרייבן בריוולעך מיט איין פאַרלאַנג, בזה הלשון: „ס'איז טאַקע שלעכט, אָבער פאָרט נישט אַזוי שלעכט ווי מען האָט געמיינט, ס'איז טאַקע אַ גרויס אומגליק, אָבער פאָרט נישט אַזאַ גרויס, אַז מ'זאָל שוין טאַקע נישט קענען געפינען קיין עצה. און פאָרט וועט עס דאָך אייביק נישט דויערן, אייביק קאָן דאָך אַזאַ זאַך נישט אָנהאַלטן, איז ווייסטו וואָס, משה צי בערל, צי גרונם — קום אַהיים וועט מען צוזאַמען שוין געפינען אַן עצה דורכצוקומען די צרות. אַבי צוזאַמען“. דאָס אַריבערנעמען איז געוואָרן שווערער פון טאָג צו טאָג, אַריבערנעמען אַ ווייב מיט קינדער צי אַלטע לייט איז בכלל געוואָרן אַן אוממעגלעכע זאַך — האָט טאַקע משה צי גרונם באַשלאָסן אַהיימצופאָרן. ער האָט נאָר געוואַרט עס זאָל אַביסעלע וואַרעמער ווערן. איצט איז דאָך שוין ענדע פעברואַר צי אָנהייב מערץ — האָט מען גערעשנט — נו, אין אַ חודש אַרום וועט ווערן אַביסעלע וואַרעמער וועט מען רירן אין וועג אַריין. אַזוי האָבן יידן געטראַכט ביי זיך, געפּרווט

האַנדלען נאָך שטאַרקער, פאַרדינען נאָך מער און טאַקע אַהיימקומען מיט „עפּעס". דערווייל האָט מען געזוכט אַ וועג ווי אַזוי צו העלפן פונדער־ווייטנס. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די סאָוועטישע מאַכט האָט דערלויבט צו שיקן פּעקלעך מיט עסנוואַרג אַהינצו, אין די דייטשישע געביטן. אַ פּעקל האָט געמעגט האָבן 10 קילאָ נעטאָ, און עס זענען געווען געוויסע באַגרענעצונגען. מיט די פּעקלעך האָט מען געדאַרפט אַוועקגיין אויף דער פּאָסט, ווייזן וואָס מען שיקט, און נאָך אַ גענויער רעוויזיע פון באַאַמטן, פאַרקלאַפּן עס אים אין די אויגן, אונטער זיין אויפזיכט טאַקע. דוכט זיך אַלץ איז אין אָרדענונג? ווייזט זיך אָבער אַרויס אַז בכדי אַוועקצושיקן אַזאַ פּעקל מוז מען האָבן אַ ספּעציעלן פאָרמולאַר מיט אַ פראַגע־בויגן ווו מען דאַרף פאַרענטפערן פאַרשיידענע קלאָץ־קשיות. דער פאָרמולאַר האָט סך־הכל געקאָסט 20 צי 25 קאָפּיקעס, אָבער איין נאַרישקייט, ס'איז שווער אים צו באַקומען. מען קומט אויף דער פּאָסט, ענטפערט דער באַאַמטער, אַז יאָ, שיקן אַ פּעקל מעג מען, אלא וואָס, עס פעלט אים פאָרמולאַרן. און אַזוי האָבן געקענט פעלן, אָט־די פאָרמולאַרן טאַקע, גאַנצע וואָכן און חדשים, און אַז זיי זענען שוין יאָ אָנגעקומען, האָט מען צעכאַפּט זיי אין איין האַלבער שעה, ווייל וואָס מאַכט אויס אין אַזאַ פּאָסטאַמט ווי לעמבערג אַ 300 צי 500 פאָרמולאַרן. אָן דעם פאָרמולאַר שיקן קען מען נישט, הייסט דער באַאַמטער וואַרטן. נעמען יידן און קליגלען זיך און דרוקן אַליין אָפּ פאָרמולאַרן מיט די זעלבע פראַגן, אָבער ס'העלפט נישט דאָס גאַנצע שפּיצל, ס'מוז זיין אַ פאָרמולאַר, וואָס די פּאָסט דרוקט אָפּ, און נישט קיין פּריוואַטע פערזאָנען. אין דער זעלבער צייט האָבן די בריוו־טרעגער אָנגעהויבן אַרומטראָגן ביי זיך גאַנצע פּעק מיט די דאָזיקע פאָר־מולאַרן טאַקע און פאַרקויפט זיי צו גאָרנדיקע פרייזן. געווען יידן וואָס זענען אַרויסגעפאָרן אין קליינע שטעטלעך, ווו קיין פּליטים זענען נישט געווען, און קיינער האָט גאָרנישט געשיקט. דאָרט אויפגעקויפט די פאָר־מולאַרן און געברענגט זיי קיין לעמבערג און טאַקע פאַרדינט אַ שיינע מטבע. אַזוי צי אַזוי, אָבער די פּעקלעך זענען פאָרט געגאַנגען. עס האָט טאַקע געדויערט, ביז זיי זענען אָנגעקומען, עס האָט טאַקע געדויערט ביז ס'איז געקומען שוין אַ בריוול, אַז מ'האָט זיי דערהאַלטן, אָבער זיי זענען געגאַנגען, די פּעקלעך, און מערסטנטייל דערגאַנגען. נו, און אויב פּעק־לעך דערגייען איז דאָך אַ סימן אַז עס איז פאָרט דאָ אַ שטיקל סדר

דאָרט, אונטערן דייטש, אַז עס איז פּאָרט פאַראַן דאָרט עפּעס אַן אָרדע־נונג. און אויב ס'איז פאַראַן אָרדענונג איז דאָך פּאָרט אַ סימן, אַז אַלץ וועט זיך צוביסלעך איינשטילן, און אַז אַזוי צי אַנדערש, נאָר די מלחמה וועט מען דאָך „יאַקאָש" איבערקומען. אינעם אויסגאַנג פון דער מלחמה האָט קיינער קיין שום צווייפל נישט געהאַט. ס'איז קיינעם נישט איינ־געפאַלן אויף איין מאָמענט אַפילו אַז עס קאָן גאָר מעגלעך זיין אַן אַנ־דערער אויסגאַנג ווי דעם דייטשס אַ שוואַרצע מפלה. די הויפּטזאַך איז, איבערצוקומען די מלחמה און אָט די מפלה צו דערלעבן. און אויב אי־בערצוקומען דאַרף מען דאָך זיין צוזאַמען מיט ווייב און קינדער, און זיי אויך צוהעלפן איבערצוקומען. און אויב ביים דייטש איז דאָ אַן אָרדענונג, אַ סיסטעמאַטישקייט, אויב בריוו גייען הין און צוריק, אויב פּעקלעך מיט עסנוואַרג קומען אָן בשלימות, הייסט עס טאַקע אַז עס איז נישט אַזוי שלעכט ווי מען האָט געמיינט אין אָנהייב.

די צוריקגעקומענע „שאַכטיאָרן" האָבן זיך איינגעטיילט אין צוויי פּיינטלעכע גרופּן. איין גרופּע האָט געשיט פּעך און שוועבל אויף אַלץ און אויף אַלעמען וואָס זי האָט געזען דאָרט, אינעם ווייטן גרויען לאַנד, אין די טיפענישן פון די שאַכטעס, אין די שטעט און שטעטלעך פון דאָנ־באַס. די צווייטע האָט אויך דערציילט וועגן נעגאַטיווע זייטן, וועגן פּע־לערן, וועגן באַדויערנסווערטיקע דערשיינונגען. נאָר זיי האָבן געפּרוווט אָנצווייזן אויך אויף דעם גוטן וואָס זיי האָבן געזען. די ערשטע זענען אַרומגעלאָפן און געהאַלטן אין איין שרייען, אַז איידער „דאָס", איז שוין גלייכער אַהיים, זאָל זיין אונטערן דייטש. די צווייטע האָבן זיך געזידלט און געגעבן צו פאַרשטיין, אַז „דאָס" האָט טאַקע פעלערן, אָבער צום דייטש — פאַר קיין פאַל נישט, ווייל ווי עס זאָל נישט זיין איז „דאָס" פּאָרט אייגן און פריינטלעך, און דער דייטש איז אַ בלוטיקער שונא. אָבער ווי עס זאָל נישט זיין, האָבן די יידן, אויב זיי האָבן אַפילו גערעדט אַ שלעכט וואָרט, גערעדט עס צווישן זיך, גערעדט בסוד־סודות, צווישן אייגענע מענטשן. די טענות וואָס מען האָט געהאַט, זענען געווען טענות פון אַן אייגענעם צו אַן אייגענעם, אויסער אייבצלנע קליינע גרופּעס פון פאַרביסענע שונאים פון דער ראַטנמאַכט. אָבער אויך די גרופּעס האָבן ניט געוואַגט אַרויסצוטרעטן מער ווי מיט אַן אַנטיסאָוועטישן וויץ, צי מיט אַ שטעכיק ווערטל. אין אַלגעמיין איז די יידישע מאַסע געווען געטריי

דער נייער סאָוועטישער מאַכט, און די הויפּט־סיבות פון צוריקפאָרן צום דייטש זענען געווען די גרויסע בענקשאַפט אַהיים, צום איבערגעלאָזטן אייגענעם ווינקעלע, צו ווייב און קינדער, צו טאַטע־מאַמע. די קליינע צאָל פון די צוריקגעקומענע „שאַכטיאָרן" — אוקראַינער און פּאָליאַקן — האָבן אָבער אַנטוויקלט אַ העפטיקע אַנטיסאָוועטישע העץ־פּראָפּאַגאַנדע און צו־געגאָסן אייל צום פייער, וואָס עס האָבן געפירט דעמאָלט אָנצינדן די דיווערסיע־באַנדעס פון די פּוילישע און אוקראַינישע פאַשיסטן.

די סאָוועטישע מאַכט האָט דאַן אָנגעהויבן דורכפירן אַ ברייטע דע־פּאָרטאַציע־אַקציע. לעבן די אַרעסטן פון די שפּיצן, פון די גלחים, געוועזע־נע הויכע פּאָליציי־באַאַמטע, פירער פון אָ. נ. ר.1) און או. אָ. ו.2). פון געוועזענע הויכע אַרמיי־אָפיצירן, און אַנדערע געפערלעכע עלעמענטן, האָבן זיך אויך אָנגעהויבן די אַרעסטן און פאַרשיקונגען פון דער אונטער־וועלט, ווו די פאַשיסטיש־שפּיאָנישע באַנדעס האָבן געהאַט זייער גרעסטן אָנהאַלט. מען האָט אָנגעהויבן רייניקן די לופט פון דער פּעסט וואָס האָט זיך פונאַנדערגעשפּרייט, און כדי לייכטער דאָס צו דערגרייכן איז אַרויס אַ פאַראָרדענונג, אַז היות דאָס לאַנד איז שוין איצט אָפיציעל אַ באַ־שטאַנדטייל פון ראַטנפאַרבאַנד, מוז יעדער איינער זיך איינשאַפן אַ סאָ־וועטישן פּאַספּאָרט. מען האָט געוואָלט אַזוי אַרום דורכזיפן די באַפעל־קערונג, אַ קוק טון אין די דאָקומענטן, זען ווער עס אַרבעט יאָ, און ווער נישט, ווער איז אַ תושב און ווער איז אַן אָנגעקומענער, און ווי שטענ־דיק אין אַזעלכע פאַלן, האָט מען נישט געמיינט די יידן, אָבער ס'האָט געטראָפן די יידן מער ווי אַנדערע. לויט דער דאָזיקער פאַראָרדענונג איז געוואָרן באַצייכנט אַ גרענעץ־פּאַס פון 100 קילאָמעטער פון דער גרע־נעץ־אָן. אויפן דאָזיקן געביט האָבן געמעגט וווינען נאָר מענטשן וואָס האָבן דאָרט געוווינט ביזן 1939, ד"ה פאַר דער מלחמה. מען האָט דאָס געדאַרפט אויפווייזן מיט דאָקומענטן, מיט איינמעלדונגען פון פריער. די, וואָס האָבן נישט געקענט דאָס אויפווייזן, האָבן געדאַרפט אַריין אין לאַנד טיפער ווי 100 קילאָמעטער, און אַזויווי אַלע גרויסע שטעט ווי לעמבערג, בריסק, ביאַליסטאָק און אַנדערע זענען געווען נענטער צו דער גרענעץ ווי 100 קילאָמעטער, האָבן, הייסט עס, די פּליטים געדאַרפט גיין

1) און 2): ראשי־תיבות פון די נעמען פון פּוילישע און אוקראַינישע פאַשיסטי־שע אָרגאַניזאַציעס.

װייטער. װייטער זענען אָבער געװען קלײנע שטעטלעך, אָן מעגלעכקייטן אײנצואָרדענען זיך, אָן דירות אויפצונעמען די היימלאָזע, אָן אַרבעטס־מעגלעכקייטן אַפילו. װען מען האָט קלאָר געמאַכט דעם ענין די סאָװעטישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן זיי געהאַט בלויז איין עצה: די דאָזיקע מענטשן — האָבן זיי געזאָגט — קענען זיך װערבירן אויף אַרבעט אין טיף־רוסלאַנד. מען האָט אַװעקגעשטעלט נײַע װערביר־קאָמיסיעס, װאָס האָבן שוין צוגעקליבן בעסערע אַרבעטס־פּלעצער, דורכגעפירט גענויערע סעלעקציעס, אָבער עס איז שוין מער נישט געװען דער זעלביקער ברען װאָס ביי דער ערשטער װערביר־אַקציע קיין דאָנבאַס. גרופּעס זענען טאַקע געפאָרן, אָבער גרופּעס קלײנע און קיין גרויסע באַדייטונג האָט עס נישט געהאַט. די מיליך־אָרגאַנען האָבן נישט אָנגעװענדעט דערװייל קיין שום רעפּרעסיעס אויב עמעצער האָט נאָך נישט געהאַט קיין פּאַספּאָרט, האָבן יידן זיך מישב געװען, אַז ס'איז דאָ צייט — מען דאַרף זען װאָס פון דעם אַלעם װעט אַרויסקומען". חוץ דעם האָבן יידן שטענדיק גרויסע האָפענונגען: אויף אַמעריקע, אויף אויסטראַליע, אויף אַנדערע װייטע מקומות, איז אויב מען װעט אַרויסנעמען אַ סאָװעטישן פּאַספּאָרט, איז דאָך אַ סברא אַז אַזאַ זאַך קאָן אַמאָל שאָדן צו אַ װיזע, איז אוודאי גלייכער צו װאַרטן, בפרט נאָך, אַז ביים אַרויסנעמען דעם סאָװעטישן פּאַספּאָרט, נעמט מען צו דעם אַמאָליקן, דעם פּוילישן, און אַ ייד האָט בטבע נישט ליב אַװעקצוגעבן אַ „פּאַפּיר", װאָס ער האָט זיך שוין געמאַכט. איז הייסט עס געבליבן ביי אַלעמען, אַז די קליגסטע זאַך איז װאַרטן, און אַחוץ אַ קלײנער צאָל מענטשן, האָבן כמעט אַלע אַזוי געטון.

די צאָל פון די „אַהיימגייענדיקע" איז געשטיגן פון טאָג צו טאָג. דער צענטער פון אַהיימגיין איז געװאָרן ביאַליסטאָק. דאָרט אַהין איז מען געפאָרן און געװאַרט עס זאָל װערן אַביסעלע װאַרעמער, געזוכט „שװאַרצערס" װאָס זאָלן אַריבערפירן מיט אַ זיכערן װעג. ביאַליסטאָק האָט באַקומען אַ מאָדנעם אויסזען. פול געפּאַקט איז זי געװאָרן די שטאָט. פון איין זייט האָבן אָנגעהויבן צו אַרבעטן די פאַבריקן. די גרויסע ביאַליסטאָקער טעקסטיל־אינדוסטריע האָט גענומען אויפסניי זיך שטעלן אויף די פיס. אויף די גאַסן האָט מען געקענט מערקן די נײַע פּנימער פון די טעכנישע אָנפירער װאָס זענען אַהער געקומען פון טיף־רוסלאַנד, בכדי אויפצובויען דאָס פּראָװאָרלאָזטע און צעשטערטע. די

קוימענס פון די פאַבריקן זעצן מיט קנוילן רויך פונקט ווי אַמאָל, פונקט ווי פאַר דער מלחמה. איין זאַך בלויז האָט זיך געענדערט: אין די קאָבי־נעטן פון די אַמאָליקע דירעקטאָרן, פון די גראָב־בייכיקע פאַבריקאַנטן זיצן איצט ערנסטע יונגע טעכניקער און דירעקטאָרן וואָס זענען אַהער־געקומען פון לענינגראַד, פון מאָסקווע און אפילו פון ווייטן איוואַנאָוואָ־וואָזנעסיענסק. די פאַבריקן אַרבעטן מיטן פולן אימפעט. ביאַליסטאָקער סחורות הייבן אָן אויפסניי זיך צו באַווייזן אויף די פּאָליצעס. דאָס גע־זעלשאַפטלעכע לעבן הייבט אָן אויך צו אַנטוויקלען זיך, עס שפּילן ווייס־רוסישע, פּוילישע און יידישע טעאַטערס, עס איז שוין אפילו פאַראַן אַ פאַריין פון יידישע שרייבערס. פון דער צווייטער זייט איז ביאַליסטאָק פול מיט יידישע פליטים וואָס זענען דאָ אַהערגעקומען פון אַנדערע שטעט, ווייל זיי האָבן געהערט אַז דאָ איז לייכטער צוריקצוגיין אַהיים, אַז פון דאַנען דורך מאַלקין און זאַרעמבי־קאָשטשעלנע גייט אַ לייכטער וועג אויף צוריק, צו דער פאַרלאָזטער היים, וואָס בעט און רופט פון דערווייטנס, וואָס קלאָגט און וויינט און מאָנט און פאָדערט איין זאַך: „אָדער נעם אונדז אַריבער, אָדער קום אַהיים, ווייל מיר וועלן דאָ אויסגיין אָן דיר״. אָבער די גרענעץ איז געלעגן אַ פאַרפרוירענע און פראָסטיקע. געניטע שיסערס פון דער סאָוועטישער גרענעץ־וואַך האָבן געשאָסן איצט אויף יעדן איינעם וואָס האָט זיך נאָר באַוויזן און נישט פאַרהאַלטן זיך, אויב מען האָט אים געהייסן. די הינט פון די גרענעץ־בריגאַדעס האָבן זיך גע־ריסן גלייך צום גאַרגל מיט שאַרפע וועלפישע ציין. גיין מיט אומוועגן איז געווען אומעגלעך צוליבן פראָסט. איז מען געזעסן אין די איבער־פולטע, וואַרעמע פון מענטשלעכע לייבער, שטיבלעך, דערציילט זיך פוי־לע וויצן און געבענקט אַהיים, און געוואַרט אויפן פרילינג, געוואַרט די זון זאָל שוין אויפשיינען, און נישט פאַרשטאַנען, אַז זי איז פאַרגאַנגען, די זון, אין די פלאַמען פון 39טן יאָר, אַז אויב זי וועט אויפגיין, דאַרף מען נאָך דערויף לאַנג, לאַנג וואַרטן, אַז פאַר די מיליאָנען טאַטעס און מאַמעס, שוועסטער און ברידער, ווייבער און קינדער איז די זון שוין פאַרגאַנגען אויף אייביק, אַז די גרויסע שוואַרצע בראָך רוקט זיך אָן וואָס אַמאָל נענטער און נענטער. ניין, דאָס אַלץ האָט מען נישט פאַרשטאַ־נען. דער מוח האָט גאַרנישט גערעדט, גערעדט האָט דאָס נאַרישע האַרץ וואָס האָט געבענקט אַהיים, אַהיים, נאָר אַהיים.

פרילינג אויף דער גרענעץ

דער ווינטער, דער ווייסער צעווילדעוועטער בער, מיט די שנייאיקע קאָלטונעס אַרום דעם אייזיקן פּיסק, רעווענדיק מיט קולי־קולות דורך די ווירבלדיקע זאַווערוכעס, איז ווייטער געלאָפן פאָראויס, מיט אַן אַראָפּגעלאָזענער פאַרעקשנטער מאָרדע, נישט קוקנדיק אַנטקעגן וועמען און אַנטקעגן וואָס ער לויפט, און געקנאַקט מיט פראָסטיק־פאַרפרוירענע לאַפּעס איבערן פאַרהאַרטעוועטן אויבערפלאַך פון דער געקאָוועטער איינגעקלאַמערטער ערד. אַזוי לויפנדיק האָט ער, דער ווינטערדיקער בער טאַקע, אָנגעטראָפן אין וועג אַ זוניק־צעשטראַלטע פרילינגדיקע וואַנט און געבראָכן דעם פאַרעקשנטן האַלדז און נאַקן אָן דער גאָלדענער אומרואיקייט פון די ערשטע וואַרעמקייטן, און ליגן געבליבן אַן אָנמעכטיקער, אַ צעבראָכענער, מיט אויסגעהאַקטע ציין פון די אַראָפּפאַלנדיקע אייז־סאָפּליעס, מיט שוואַרצע ווונדן פון צעטייעטער פרילינגדיקער ערד, אָפּגייענדיק מיט די לעצטע זאַפּטן פון זיינע כוחות אין די ריזלענדיקע ריטשקעלעך פון צעגייענדיקן שניי.

וואָס ווייסט אַ פרילינג? וואָס פאַרשטייט אַ פרילינג? גאָרנישט. קומט ער זיך צוגיין דער פרילינג, פּונקט ווי אַלע יאָר, פּונקט ווי שטענדיק, מיט די זעלביקע בלוילעך־צעשווומענע נאָגענישן און בענקענישן, מיט די זעלביקע באַהאַלטן־ציטערדיקע באַגערן און פאַרלאַנגען, מיטן זעלביקן טיף־אינעווייניקסטן ברויזן און פלאַטערן, וואָס קיינער ווייסט נישט, ווער ס'דאַרף זיי, נאָך וואָס קומען זיי, פון וואַנען קומען זיי, און ווער האָט בכלל נאָך זיי געשיקט.

קומען צוגיין ווינטלעך פרילינגדיקע וואָס גלעטן און צערטלען מיט דורכזיכטיק־זיידענע פינגער, און עס הייבט זיי נישט אָן אָנצוגיין צי דאָס יאָר הייסט 1939 צי 1940. קומען צוגיין שטיפנדיקע פרעסטלעך וואָס קונדייסעווען אַ גאַנצע נאַכט און חוזקן נאָך אין די בלוילעכע באַגינענס פון דער אויפגייענדיקער זון, און לסוף פאַרשעמטע פון אירע גוטע שטראַלן, צעגייען זיי זיך אין מתיקות ווי קינדער וואָס האָבן געוויוועט ווען די מאַמע איז געשלאָפן און איצט שטייען זיי פאַררויטלטע פאַר איר גוטן בליק. נעמען זיך רוקן פון די דעכער גאַנצע שטיקער פון צעגייענדיקן אייזיקן שניי, און פאַלן אַראָפּ אויף דער גאַס מיט ברייטע צע־

פלאַטשטע פלאַטן, אויפהייבנדיק אַ ווייסן שטויביקן טומאַן, וואָס צע־פערלט זיך אין דער לופטן און באַוואַשט און באַצוואָגט פאַרביילויפנדי־קע פנימער. קאַפּען פון די דעכער איינצלנע גרויסע טראָפּנס, פאַרקריכן טיילמאָל אונטער אַ קאָלנער און ריזלען אַראָפּ לענג אויס דער פּלייצע, און פון אָט־דעם ריזלען וועקט זיך עפּעס אין דיר, עפּעס נעמט זיך מאָ־נען ביי דיר, עפּעס פאַרלאַנגט זיך, עפּעס ווילט זיך.

וואָס ווייסן פייגל? וואָס פאַרשטייען פייגל? גאָרנישט. פּונקט ווי יעדעס יאָר, זענען זיי היי־יאָר אויך אַוועק דעמאָלט ווען האַרמאַטן־שאָסן האָבן טעמפּ אָפּגעהילכט איבערן לאַנד, און פון הילצערנע, מיט שטרוי־באַדעקטע כאַטעס האָבן זיך געצויגן לאַנגע רויכן, נישט פון וועטשערעס וואָס מען גרייט נאָך אַ לאַנגן אַרבעטס־טאָג, נאָר פון שריפות; אַוועק דעמאָלט, ווען גרויסע אייזערנע בעסטיעס האָבן זיך געריסן מיט אַ קנאַל דורך די האַרבסטיק־צוגעברוינטע וועלדער. איצטער קומען זיי צוריק, די פייגל, שפּרינגען פון איין צווייגעלע אויפן אַנדערן, טשווירקען, סוויש־משען, רייסן זיך די גלעקלדיקע גערגעלעך אין באַאומרואיקטע פרילינג־דיקע נעכט, ווען די לבנה שיינט אַדורך דורך די האַלב־נאַקעטע צווייגן ווי אַ גרויסער, אָפּגעפּאָלירטער רויט־קופּערנער טעלער.

האָבן די ווינטלעך נישט געוווסט, אַז זיי ווייען איצט איבער גרע־נעצן, האָט די לבנה נישט געוווסט, אַז זי באַזילבערט אַ גרענעץ, האָבן די פייגל נישט געוווסט, אַז אַ גרענעצדיקער איז דער וואַלד. אָבער מענטשן האָבן געוווסט, מענטשן זענען געווען פון איין זייט, און זייערע בענק־שאַפטן האָבן זיך צו דער צווייטער זייט געצויגן. עס האָט זיך זיי אויס־געדוכט, די מענטשן, אַז צוזאַמען מיטן אויפשיינען פון דער זון, איז אַ גרויסע ישועה אָנגעקומען. האָבן מענטשן נישט פאַרשטאַנען פון וואַנען דערנעמט זיך עס, אַז זיי האָפן אויף גוטע בשורות, אויף ישועות־ ונחמות.

פון ביידע זייטן האָבן זיך מענטשן צו דער גרענעץ אַ לאָז געטון, פולע מיט האָפענונגען, מיט אומפאַרשטענדלעך־פריידיקע דערוואַרטונגען, מיט שפּריצלעך פרילינג אין די מידע אויגן. ווינטער איז שלעכט צו גיין, ווינטער דערזעט מען אַ יעדן קריש אויפן שניי, ווער שמועסט נאָך אַ מענטש, און נאָך דערצו אַ מענטש מיט אַ פּעקל. אָבער איצט ווען דער ווייסער פעלץ איז צערונען געוואָרן, ווען דער וואַלד איז ברוין־גרינלעך אויפסניי, איצט דאַרף עס אָנקומען לייכטער. און דאָס נאַרישע האַרץ ציט

אַהיים, און די נאַרישע בענקשאַפטן רייסן זיך דווקא אויף יענער זייט אַריבעו', צו מאַמעס, צו טאַטעס, צו עלנטע ווייבער, צו קליינטשינקע קינ־דערלעך וואָס האַלטן אוודאי אין איין פרעגן אווו דער טאַטעשי איז אַהינגעקומען, צו פאַרבענקטע מיידלשע ליפּן, צו פאַרטרוימטע מיידלשע אויגן. געדוכט האָט זיך דעמאָלט, ווען מען איז אַוועקגעגאַנגען, אַז ניש־קשה, מען וועט זיך מיט אַט־דער בענקשאַפט אַן עצה געבן, מען וועט איבערוואַרטן די שלעכטע צייט און אַהיימקומען. אָבער ניין, די שלעכטע צייט איז פאַרבליבן און דער גרויסער בענקענדיקער ריס, שניידט זיך איין אין האַרץ טיפער און טיפער, רייסט שטיקער, מאָנט, וועקט און פאָ־דערט. גייט מען, הייסט עס. פאַרפאַלן. וואָס וועט זיין, וועט זיין. אייב־מאָל פאַר אַלעמאָל — אויב שלעכט, טאָ זאָל צוזאַמען זיין שלעכט, און אפשר וועט נאָך דער אויבערשטער העלפן און ס'וועט גאָרנישט זיין אַזוי שלעכט, ווי מען מיינט.

אויף דער גרענעץ — פאַטרולן. פאַטרולן אויף פערד און פאַטרולן פון פוסגייער, פאַטרולן אויף אויטאָס און פאַטרולן וואָס ליגן און טשאַ־טעווען און האַלטן אין צוים ווילדע גרענעץ־הינט. פאַראָרדענונגען זענען אָנגעקומען: קיינעם נישט דורכצולאָזן, נישט אַהין און נישט אַהער, און וועגן יעדן קאָמפּליצירטן פאַל אָנפרעגן ביי דער העכערער מאַכט. היטן זיי טאַקע די גרענעץ, די ברייט־פלייציקע איוואַנעס און ניקאָלקאס, פאַט־רולעווען טאָג־איין, טאָג־אויס דעם פרילינגדיקן צעשטורעמטן בוג, און קענען נישט פאַרשטיין וואָס דאָ קומט פאָר. אָט האָט מען זיי געזאָגט, אַז די יידן האָבן אויסצושטיין פון די דייטשן אַזעלכעס, וואָס קיין שום פאָלק איז נאָך נישט אויסגעשטאַנען. אַז מען שלאָגט זיי, די יידן, מען כאַפּט זיי צו שווערער דערנידערנדיקער אַרבעט, מען פלאָגט זיי און מען יאָגט זיי, מען מאָרדעט זיי און מען שענדעט זיי, און דאָ — נאַדיר אַ מעשה: די זעלבע יידן רייסן זיך גאָר צוריק אַהינצו. זיי קומען אָן צו דער גרע־נעץ אין גאַנצע כאַפּטעס און רייסן זיך אַהין, דווקא אַהין, דאָרטן ווו עס לויערט אויף זיי דאָס דייטשע געפאַר. איז איינס פון די ביידע, אָדער אַט־די יידן זענען משוגע, אָדער די גאַנצע מעשה מיט די דייטשע פאַרפאָל־גונגען איז אַ ליגן. אָבער אַ סאָלדאַט קלערט נישט צופיל אַריין. ער ווייסט איינס: דאָ איז איצט די גרענעץ פונעם ראַטנפאַרבאַנד, דאַרף מען אַט־די גרענעץ היטן, און פאַרטיק. אַ באַפעל איז דאָ קיינעם נישט דורכצו־

לאָזן, וועט ער, וואנקע, נישט דורכלאָזן. נישטאָ קיין חכמות. אין פאָלק טראַכט מען נישט, אויף טראַכטן איז פאַראַן אַ שטאַב, קאָמאַנדירן, די פאַרטיי, און ער — וואָס ווייס ער? און ער רייסט זיך דעם גאָרגל: „דאַ־וואַי נאַזאַד! טשאָרט פאַביערי!“ 1) און יידן בעטן זיך: „טאָוואַרישטש! מיין משפחה איז דאָרט פאַרבליבן, כ׳וועל גיין און ברענגען זיי“. אָבער ער, וואַניאַ קען דאָס נישט פאַרשטיין: „וואָס הייסט, די משפחה? און ווער האָט דיר דאָס געהייסן דאָרט לאָזן אַ משפחה? און וואָס פאַר אַ טאָוואַרישטש בין איך דיר דאָס, אַז אַ גרענעץ איז ביי דיר קיין גרענעץ נישט?“ און צום סוף דאָס וויכטיקסטע: „ניעלזיא! טאַקאַי פּריקאַז“ 2) און מען זאַמלט גאַנצע מחנות פון אַזעלכע וואָס מען האָט אויף דער גרע־נעץ געכאַפּט און מען שיקט זיי צוריק. וור־ניט־ווו געלינגט עס עמיצן דורכצוגיין, וור־ניט־ווו פירט אַ „שוואַרצער“ אַדורך אַ מענטשן, דורך גע־היימע וועגן, דורך סטעזשקעס פאַרהוילענע, געהיימע, אָבער די גרויסע מאַסע פון די וואָס ווילן גיין אַהיים — דערגייט נישט. צוריק יאָגט מען זיי מיט זידלערייען און באַליידיקונגען, מיט גראָבע רוסישע קללות, און זיי בלאָנקען זיך ווידער אַרום איבער די זעלבע בריסקער, ביאַליסטאָ־קער צי לעמבערגער גאַסן, הילפלאָזע, בענקענדיקע, און ווי אויף צו להכעיס צערטלט זיי און גלעט זיי דאָס זעלבע וואַרעמע, גוטע פרילינג־דיקע ווינטל און דערמאָנט וועגן צייטן אַנדערע, וועגן היימען רואיקע, וועגן באַקאַנטע אויגן און ליבנדיקע הערצער.

נאָך אַ גרעסערער שטראָם האָט זיך גענומען רייסן אַהערצו פון יענ־נער זייט, פון דער דייטשער. געווען זענען עס מערסטנטייל יידן פון די שטעטלעך וואָס מען האָט שוין געמאַכט „יודענריין“, אָדער וואַרשעווער וואָס האָבן געקווענקלט זיך, און איצט ווען מען האָט גענומען צונויפ־פרעסן די יידן אין געטאָס, האָבן זיי באַשלאָסן אַוועקצופאָרן. די דייטשע פאַטרולן האָבן באַקומען אַ באַפעל דורכצולאָזן. אַזוי ווייזט עס אויס, ווייל זיי מאַטערן טאַקע, זיי פאָדערן כאַבאַר, זיי שינדן די הויט, זיי שלאָגן און טוען אָפּ דאָס ערגסטע, אָבער זיי לאָזן פאָרט דורך. און אַ סברא איז, אַז ווען זיי וואָלטן אַזאַ באַפעל נישט געהאַט, וואָלטן זיי פאָרט נישט דורכגעלאָזט. רייסן זיך שוין יידן דורך דורך די דייטשע פאַטרולן, צע־

1) צוריק! דער טייוול זאָל עס נעמען!
2) מען טאָר נישט! אַ באַפעל אַזאַ!

שלאָגענע, באַראַבעוועטע, נישט טויט און נישט לעבעדיק און שלאָגן זיך אָן אויף די סאָוועטישע. און דאָ ווידער דער זעלבער: „ניעלזיא“. בעטן זיך די יידן: „סטייטש, מען מאָרדעוועט אונדז דאָרט, מיר ווילן זיך ראַטעווען. מען האָט דאָך אונדז געזאָגט, אַז אויב מען קומט אויף דער גרענעץ, לאָזט מען אַריין“. ענטפערן די סאָוועטישע וואַכן: „איר ווילט אַריין, אַבעו' אָט יענע, זעסט, וואָס שטייען דאָרט אַרעסטירט, ווילן גאָר אַרויס. דו' ווילסט אַוועק פון דייטש, ווייל דו ביסט אַ ייד, און אָט־יענע מענטשן זענען אויך יידן און ווילן גאָר צוריק צום דייטש. היינט ווען זאָלן מיר גלויבן? האַ?“ און די דאָזיקע בלייבן שטעקן אויף דער גרענעץ, אויפן שמאָלן גרענעץ־פּאַס צווישן די סאָוועטישע און דייטשע גרענעץ־וואַכן, אין אַ מין „קיינעמס־לאַנד“, מענטשן אומגוציקע, אומנויטיקע, וואָס קיינער וויל זיי נישט, קיינער דאַרף זיי נישט, און זיי שעלטן דעם טאָג, און די זון וואָס שיינט איבער זייערע קעפּ, און די גאַנצע פרילינגדיק־פאַרטרוימטע וועלט וואָס חוזקט אָפּ פון זיי מיט טויזנטער ריחות, מיט צעקנאָספּעטע צווייגלעך, מיט פייגלשן געזאַנג.

נישט איין מענטש פלעגט אומקומען דאָרט אויף די וועגן פון מאַלקין און זאַרעמבי און לאַפּי. נישט איין לאַדקע וואָס האָט געפּרוּווט זיך אַריבערשיפן ביינאַכט פלעגט זיך איבערדרייען און דער פרילינגדיק־צעווילדעוועטער בוג האָט איינגעשלונגען די וואָגלער. נישט איין קינד איז אויסגעגאַנגען אין דער מאַמעס אָרעמס, דאָרטן, אויף דער נייער גרענעץ, וואָס איז ערשט נישט לאַנג קיין גרענעץ נישט געווען.

אָבער סוף־כל־סוף פלעגט מען זיי פאָרט אַריינלאָזן. עס האָט געדויערט, עס פלעגט זיך ציען וואָכנלאַנג, עס פלעגט אויסגיין דאָס חיות ביז מען האָט זיך שוין דערוואַרט, אָבער מען פלעגט פאָרט אַריינלאָזן. עס פלעגן אַראָפּקומען ספּעציעלע קאָמיסיעס, פאָרשן, נישטערן, אויספרעגן, אָבער מען האָט אַריינגעלאָזט. מען האָט בלויז געפּאָדערט, זיי זאָלן אַוועק ווייטער פון דער גרענעץ, אַנגעזאָגט אַז מען דאַרף זיך נעמען צו' עפּעס אַן אַרבעט. אין איינצלנע פאַלן, מערסטנטייל ווען די פּליטים זענען געווען יחידים, משפּטן און פאַרשיקן פאַר אומלעגאַל אַריבערגיין די גרענעץ, אָבער צוריקגעשיקט צום דייטש האָט מען נישט. אַזוי האָט זיך עס געצויגן וואָכן און חדשים, אָט־דער מישמאַש אויף דער גרענעץ, אָט דאָס פאַרפּלאָנטערטע ראָד פון גיין אַהין און צוריק, אָט־די, מיט

יידישע טרערן דורכגעווייקטע, מיט יידישע קערפּערס פּאַרזייטע, מיט קינדערשע געוויינען איבערפולטע וואַנדערונג איבער דעם שמאָלן פּאַס צווישן גרענעץ און גרענעץ, איבערן טרויעריקן לאַנד, וואָס האָט געהייסן „קיינעמס־לאַנד״.

ווי עס וואָלט געווען עפּעס אַן אָפּגערעדטע זאַך, האָבן צוזאַמען מיטן פרילינג זיך גענומען באַוויזן מער סחורות אויף די פּאָליצעס. די אינ־דוסטריע האָט גענומען אונטעריאָגן און דעריאָגן. אין די קראָמען האָבן זיך באַוויזן ווייסע זעמל, אין די רעסטאָראַנען קאָן מען שוין אָפּעסן אַ מי־טיק. נישט אַזאַ געהויבענער מיטיק, אָבער פּאָרט אַ מיטיק. מען דאַרף טאָקע שטיין אין דער רייע, אָבער מען קאָן שוין פּאָרט „אויסשטיין״ אַ פּאָר שיך, אַ שטיקל אנצוג, אַ העמד. די „טאָלטשאָקס״, די פרייע מערק, בליען נאָך אַלץ, אָבער די פּרייזן האָבן גענומען פאַלן. די שפּעקולאַציע האַלט נאָך אין איין חשבונען ביי די טישלעך פון די קאַפעען, אין פאַר־באָרגענע געהיימע לעכער, אָבער ס׳איז שוין נישט דאָס וואָס אין אָנהויב און זיי די שפּעקולאַנטן, די מענטשעלעך מיט די צעפלויגענע בליקן און נערוועזע באַוועגונגען, הייבן זיך אָן פילן עפּעס אומהיימלעך, אומרואיק און אומזיכער, און הייבן זיך אָן אומקוקן נאָך עפּעס אַ שטיקל פּאָסטן.

דאָס לאַנד האָט זיך גענומען גרייטן צום ערשטן מאַי. דער ערשטער פרייער מאַי אויף אָט די געביטן. און שיין איז ער געווען דער מאַי, ווי נאָך קיינמאָל נישט. ער האָט אָנגעזאָגט פאָראויס זיין אָנקומען מיט אזעל־כע פאַרביקע און בלומען־באַהאָנגענע שליחים, אַז מען האָט אים גע־מוזט גלויבן אַז ער וועט זיין שיין, אַז ער וועט נישט פאַרפירן. האָט זיך די פרילינגדיקע יונגעטשקע זון געשפּילט מיט דיביימער אין די לעמ־בערגער אַלייען. האָבן פאָרלעך ווי אַלע יאָר זיך אַרומגעבלאָנקעט איבער די גערטנער און פּאַרקן. קלעפּאַראָוו און זאַמאַרסטינאָוו האָבן זיך אויס־געפּוצט און אַוועק שפּאַצירן אויף דער לעגיאָנען־גאַס, וואָס האָט שוין איצט געהייסן „די אַליי פון ערשטן מאַי״. יום־טובדיק האָט זי אויסגע־זען די גאַס און חוץ אָט די פּאָרלעך, וואָס דאָס אויג איז פון אייביק שוין געווען צוגעוווינט צו זיי, האָבן זיך נאָך פרישע פּאָרלעך באַוויזן. אָט גייט אַ יידיש מיידל מיט פאַרשעמט־אַראָפּגעלאָזטע אויגן, און נעבן איר שפּרייזט אַ ברייט צעוואַקסענער דאָנער קאָזאַק, מיט אַ שוואַרצער פּאַ־פּאַכע, וואָס האָט אַ רויט, גאָלד־באַהאָפטן קעפּקעלע אין דערמיט, מיט

ברייטע רויטע לאַמפּאַסן אויף די טונקל־בלויע הויזן און גיט איר צו פאַר־שטיין אײַן קלייניקייט: וויאַרום מען דאַרף שטודירן דעם „קורצן קורס פון דער פּאַרטיי־געשיכטע". דאָס מיידל הייבט אויף אים אויף די אויגן און דערזעט אַז דער קאָזאַק רעדט מיט פולער ערנסטקייט, און זי ווונ־דערט זיך. אָט גייט אַ קאָמאַנדיר, אַ קאַווקאַזער שוואַרצער „קאַראַ־פּעט" 3) מיט אַן אָדלער־נאָז און אַ ברען אין די שוואַרצע אויגענעס און רעדט עפּעס אַריין אין אַ בלאָנד פּויליש שיקסל. דאָס שיקסל הייבט נישט אָן צו פאַרשטיין אַ וואָרט פון זיינע רייד, אָבער זי דערהערט דאָס אומדערזאָגטע, די פרילינגדיקע שפּילעוודיקע מוזיק אינעם טאָן זיינעם, ווען ער קוקט אויף אירע בלאָנדע האָר.

ביז ער איז שוין געקומען דער מאַי אויף אַן אמת, מיט אָרקעסטערס וואָס האָבן געקנאַלט פריילעכע מאַרשן אין די יום־טובדיק־אויסגעפּאָליר־טע אינסטרומענטן, מיט לאַנגע, קילאָמעטערדיקע דעמאָנסטראַציעס וואָס האָבן געצויגן פון די פאַבריקן צום צענטראַלן זאַמל־פּונקט. מיט לאַנגע קאָלאָנעס פון ריטמיש־מאַרשירנדיקער פּעכאָטע, מיטן געקלימפּערײַ פון די גרויסע טאַנקען, מיטן געהירזשערײַ און טופּען פון די פערדישע קאָ־פּיטעס פון די קאַוואַלעריע־פּאָלקן, מיט אַ לאַנג־צעצויגענעם סאָלדאַטס־קען „אוראַ!" ווען די קאָמאַנדירן האָבן זיך פאַר די פּאָלקן פאַרבייגע־טראָגן, מיט אויף ווינטן צעלאָזטע גרויסע רויטע פענער, מיט ריזיקע בילדער פון די פירער.

אַ מאַי אַ מאָדנער, אַ בייער, אַן עזותדיקער און קרעפטיקער. אַ מאַי וואָס האָט געוואָרנט: „טשעפּעט אונדז נישט, ווייל מיר וועלן אייך צע־ברעכן האַלדז־און־נאַקן, טאָמער וועט איר וואַגן אַנטקעגן אונדז אַ האַנט אויפהייבן".

און אינעם יום־טובדיקן המון האָבן זיך אַרומגעבלאָנקעט די פּליי־טים, מיט פאַרקלעמטע הערצער פון בענקשאַפט, מיט צעטומלטע בליקן וואָס האָבן געקוקט ערגעץ ווייט־ווייט, מיט געדאַנקען פאַרפּייניקטע, גע־פּלאָגטע וואָס האָבן זיך געצויגן אַהינצו, צו יענער זייט, צו די פאַר־לאָזטע היימען, וואָס ליגן אויף יענער זייט שטעכיקער גרענעץ, איבער וועלכער ס'קיניגט איצט דער זעלבער וואַרעמער, צאַרטער פרילינג.

---

3) צונעמעניש פאַר אַרמענער.

הערצער אויפן מיסט

איז דער פרילינג, הייסט עס, געהאָנגען אין דער לופטן ווי אַ גרין ווייַנהענגל, וואָס שמעקט מיט געשמאַקער, צוזאָגנדיקער זויערקייט, און אָט־אָט, איידער דו קוקסט זיך אום וועט עס צייטיק ווערן, פאַררויטלט און טונקל־בלווילעך. די דאָזיקע גרינע צוזאָגן האָבן אַראָפּגעשמעקט פון די בלעטער אין אַלטן פּאַרק, געהוידעט זיך אויף ביימער־קרוינען און גע־שפּילט זיך מיט די אומצאָליקע רויטע פאָנען וואָס זענען אין די גאַסן געהאַנגען. זיי זענען געלאָפן, די צוזאָגן אַרויס צו די פעלדער און גע־טשעפּעט זיך מיט ווינטלדיקע פינגער צום פרישן אויפגייענדיקן קאָרן. דער קאָרן, ווי קאָרן, ווי אַלע יאָר, בייגט זיך און וויגט זיך, חנדלט זיך און מיינדלט זיך, און האַלט זיך אין איין וווּנדערן: „טאַקע, טאַקע? די זון שיינט אויף אַן אמת? אַבי מיר האָבן געמיינט, אַז היי־יאָר וועט זי נישט קומען״.

זי איז געקומען, די זון. זי איז געקומען, און צוזאַמען מיט איר כלערליי גוטע ידיעות. די וועלט באַרואיקט זיך. ווייזט אויס, אַז די גאַנ־צע מלחמה איז נאָר אַ מין אָנשטעל. אלא וואָס? פּוילן האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן. מסתמא וועט זיך דאָס אויך ווי נישט איז איינאָרדענען. אָט למשל די באַלטישע מלוכהלעך: געזען ס׳איז נישטאָ קיין אַנדערע עצה, נו איז טוליען זיי זיך אינעם שאָטן פון גרויסן רוסישן דעמב, ווי קליינע קוסטעלעך וואָס זוכן שוץ און זיכערקייט. איי, דאָס טוליען זיך שמעקט שוין עפּעס מער ווי מיט סתם אומבאַהאָלפנקייט, נו, איז וואָס? איז אַוודאַי גוט. רוסלאַנד האָט ברייטע געזונטע אָרעמס, און וועט זיך אַן עצה געבן. נשקשה. אָט שטייט שוין די רויטע ארמיי אין ליטע, אין לעטלאַנד, אין עסטלאַנד. אָט פאַרפאָרט שוין דער רויטער פלאָט אין די באַלטישע פאָרטן. אָט אַנקערן שוין סאָוועטישע שיפן אין רעוועל, אין ריגע, אין מעמעל. אָט פאָרן שוין כלערליי דעלעגאַציעס קיין מאָסקווע, און מען האַנדלט אונטער, כדי צו דערהאַלטן זיך אויפן אויבערפלאַך. יאָ, מען נעמט זיי אויף שיין. וואָ׳דען? אלא, די אַרבעטער גופא, טאַקע די ליטווישע, די עסטישע און לעטישע, זיי מיינען, אַז זיי האָבן שוין גענוג די פּאָליטיק פון די „קעפ״ זייערע. זיי, די אַרבעטער, זיי ווילן אויך אַ חלק, זאָגן זיי, און גיי זאָג זיי אַז נישט, אַז דאָ האָסטו צו טון מיט

מאַסקווע, וואָס ווייסט נישט קיין קונצן. נעמען בלאָזן אומעטום נייע ווינטן, וואָס מונטערן און דערמוטיקן, און וועקן האָפענונגען און לויפן פריידיקע און לוסטיקע העט אַזש ביז צו דער גרענעץ, איבער וועלכער ס׳הענגט דער בייזער, טומאהדיקער האַקנקרייץ.

אַזוי האָבן יידן געשמועסט פּאָליטיק, געפּרוווט דערגיין דעם סוף, דעם תוך, דעם שכל פון אָט־די אַלע דיפּלאָמאַטישע שמועסן און אונ־טערהאַנדלונגען. ווילנע איז הייסט עס צוריק ליטוויש — נו, איז וואָס? וואָס וועט זאָגן דער דייטש? וואָס וועט זאָגן ענגלאַנד, אַמעריקע און די אַנדערע? און לסוף די וויכטיקסטע פראַגע: איז עס גוט פאַר יידן, צי שלעכט פאַר יידן. ווייזט אויס אַז עס איז גוט, ווייל ווי עס זאָל נישט זיין, קאָן מען נאָך דאָרט פאָרט אַ האַנדל טון, און אין דער זעלבער צייט האָט מען נישט קיין מורא צו זיין קיין ייד. אָט דעם פּשוטן אמת האָבן זיך יידן אויסגעלערנט באַלד ביים סאַמע אָנהויב פון דער מלחמה, אַז דאָרט ווו מאַסקווע האָט כאַטש עפּעס צו זאָגן, דאָרט וועט מען זיך צו יידן סתם נישט טשעפּען, דאָרט וועט מען אַ יידן נישט באַוואַלהן נאָר דערפאַר ווייל ער איז אַ ייד. איז דאָך גוט, הייסט עס, און יידן האָבן גענומען ציען קיין ווילנע, קיין קאָוונע, ווו עס האָט נאָך געשמעקט אינעם מסחר מיט „אַלטע, גוטע צייטן”, און ווו אַ ייד האָט געקענט זיך פילן פריי, אַ מענטש מיט מענטשן צו גלייך.

און פּלוצלינג האָבן אָנגעהויבן פון יענע געביטן אָנקומען נאָך בעזי־סערע בשורות, דהיינו: מען קאָן פון דאָרטן פאָרן אין דער ברייטער וועלט אַריין. פאַראַן דאָרט קאָנסולאַטן און אַמבאַסאַדעס, און אַמאָל סתם אַזוי, און מערסטנטייל פאַר אַ גוטער מטבע, קאָן מען באַקומען אַ וויזע קיין אַמעריקע, קיין אַמעריקע, קיין אויסטראַליע, קיין „גאָט ווייס וווהין”. און וועלכער ייד האָט דאָס נישט, אויב ער וועט נאָר אַ גראבל טון אין דער משפחה זיינער, עמעצן וואָס האָט זיך מיט יאָרן צוריק אַ לאָז געטון מעבר־לים. האָבן יידן געשריבן בריוו, געקאָכט זיך, געשוויצט, געלאָפן הין און צוריק, נישט שטענדיק באַקומען אַן ענטפער, אָבער געהאַלטן אין איין „טאָן אין דער זאַך”. אַ סך זענען טאַקע געפאָרן. זענען אָפּגעפאָרן טראַנספּאָרטן דורך גאַנץ ראַטנפאַרבאַנד, און אָנגעשפאַרט אַזש אין שאַנ־כיי, זענען יידן געפאָרן דורך קאַווקאַז קיין ארץ־ישראל, געפלויגן קיין שוועדן און פון דאָרט קיין ענגלאַנד. אָבער ווער האָט דאָס זיך געקאָנט

דערלויבן? יידן מיט געלט, און מיט גראָב געלט, אָדער אַזעלכע וואָס די קרובים זייערע דאָרט, אין די ווייטע לענדער, האָבן זיך מרחם געווען, אויפגערודערט אַ וועלט און צוגעשיקט וויזעס. די רעשט איז געזעסן און געוואַרט, אַרומגעזוכט אין די רעסטאָראַנען „מאַכערס" וואָס האָבן גע־קאָנט כל־המינים האַנדוראסישע, פּאַנאַמישע צי גוואַטעמאלער דיפּלאָ־מאַטן, צי גליד־געשוועסטער־קינדער פון קאָנסולס אַ פלימעניק, גע־האַנדלט מיט אַלערליי מעטריקעס, שיינען, פּעסער, און געמיינט, אַז עס וועט זיך סוף־כל־סוף עפּעס אויסקאָכן. „אויסגעקאָכט" האָט זיך איינעם אין טויזנט, צי גאָר איינעם אין צען טויזנט, אָבער די איבעריקע האָבן געקוקט אויף אים און געטראַכט: נישקשה, היינט ער, מאָרגן איך. וועל איך פאָרן אַביסעלע שפּעטער, און דערווייל, אַז איך וועל נאָך אַביסעלע אונטערהאַנדלען, וועל איך דאָך טאַקע האָבן מיט וואָס זיך אַ ריר צו טון אין דער ברייטער וועלט אַריין.

אַזוי איז טאַקע געווען אין ווילנע, אָבער איבער גאַנץ מערב־ווייס־רוסלאַנד און מערב־אוקראַינע האָבן זיך די ידיעות וועגן פאָרן צעשפּרייט ווי צעפלאָשעטע פייגל. די ידיעות האָבן דערציילט אַז פון ווילנע קאָן מען פאָרן ווו נאָר ס'האַרץ גלוסט, מ'דאַרף נאָר האָבן אַ פּאָר קארבן אַ שמיר צו טון די אויסלענדישע דיפּלאָמאַטן. האָבן זיך יידן אַ לאָז געטון קיין ווילנע. אַ גרענעץ אַ לייכטע, אַ נייע, כמעט קיין גרענעץ נישט. אָבער ווי לאַנג געדויערט אַ שמחה? האָט זיך די דאָזיקע גרענעץ אויך פאַרמאַכט גאָר שנעל, און ווידער כלערליי „מאַכערס און שוואַרצערס" האָבן אָנגע־הויבן אָנשיטן זעק מיט געלט אויף אָפּגענאַרטע האָפענונגען, אויף אָמע־ריקאַנער טרוימען, אויף חלומות צו נישט־געוואָרענע, נישט־געשטויגענע און נישט געפלויגענע.

אָבער די דאָזיקע מנחם־מענדלדיקע טרוימערס וועגן אַרויספאָרן אין דער ברייטער וועלט אַריין זענען איצט געווען סוף־כל־סוף אַ קליינע אומ־באַדייטנדיקע גרופּע. די ווייט־גרעסטע מערהייט פון דער פּליטים־מאַסע האָט זיך דייטלעך גענומען איינטיילן אין צוויי באַזונדערע לאַגערן. איין לאַגער איז געווען דער, וואָס האָט נישט געוואָלט שוין פאָרן אין ערגעץ נישט, וואָס האָט שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז דאָ דאַרף מען בלייבן. אַ שטיקל ברויט איז דאָ. אמת, נישט מיט קיין צופיל פּוטער, אָבער פאָרט אַ שטיקל ברויט. יאָגן יאָגט מען נישט, פּלאָגן פּלאָגט מען נישט, מען איז

אַ ייד און קיינער רודפט נישט, אַרבעט באַקומט מען, איז מען פעאיק — איז אַ גרעסערער פּאָסטן, נישט אַזוי פעאיק — אַ קלענערער, אָבער איינ־אָרדענען זיך ווי נישט איז קאָן מען. אלא די, וואָס זענען געבליבן פון יענער זייט? מילא, איז וואָס פאַר אַן עצה האָט מען. פאַרפאַלן. אָפּגעטון אַ נאַרישקייט וואָס מען איז אַוועק אַליין, אָבער איצטער קאָן מען זיך שוין נישט העלפן. וועלן זיי צוליידן אַביסעלע, און ווען די צייט וועט זיך אַביסעלע נאָרמאַליזירן, וועט מען זיי אַריבערנעמען. אַז מען וועט שוין קיינעם נישט זען, אַז עס וועט שוין נישט זיין קיינמאָל וועמען צו נעמען, אָט דאָס איז קיינעם דעמאָלט נישט איינגעפאַלן. בריוו זענען געגאַנגען הין און צוריק, פּעקלעך מיט עסנוואַרג קאָן מען שיקן, אַ שטיקעלע סדר איז דאָרט עפּעס פאָרט פאַראַן. פאַרפאַלן, מען מוז איבערוואַרטן אַ שלעכ־טע צייט.

די אַנדערע טייל אָבער האָט נישט געפּרוווט זיך טרייסטן מיט האַרץ־חלשות. זיי האָבן געוווסט איין זאַך: געטון אַ נאַרישקייט — דאַרף מען עס פאַריכטן. איבערגעלאָזט ווייב און קינדער, מוז מען צוריקגיין. איז דאָרט גוט? איז דאַך ווידער נישט געפערלעך, קאָן מען דאָך הייסט עס אַהיימפאָרן. איז ווידער שלעכט — דאַרף מען דאָך אוודאי זיין מיט די אייגענע צוזאַמען. באַשיצן, באַזאָרגן, פאַרדינען און אַריינברענגען עפּעס אַ שטיקל ברויט אין שטוב אַריין.

דער טיפער באַדייט פון דער עפּאָכע איז קיינעם אויפן געדאַנק נישט געקומען, נישט די און נישט יענע, אַחוץ אַ קליינע גרופּע פון איבערגעגע־בענע פּאַרטייער, וואָס האָבן זיך אַריינגעטון מיט לייב און לעבן אין גרויסן ווערק פון אויפשטעלן אַ נייע אָרדענונג, וואָס האָבן פאַרקאַטשעט די אַרבל און אַוועקגעשטעלט זיך צו גראָער טאָג־טעגלעכער אַרבעט פון אָרגאַניזירן, בויען, אויפשטעלן און באַפעסטיקן, וואָס זענען געשטאַנען גרייט אָפּצוגעבן פון זיך אַלץ, אי זייערע סענטימענטן, אי די עוולות וואָס זיי האָבן געליטן פון די ביוראָקראַטישע עלעמענטן אינעם מלוכה־אַפּאַראַט, אי די ליבשאַפט צו זייערע נאָענטע, אויב זיי האָבן זיי אויך אויף יענער זייט גרענעץ איבערגעלאָזן. זיי זענען געשטאַנען געטרייע, אייגענע, מיט פאַרביסענע ציין און געפרייט זיך מיט יעדער נייער דער־גרייכונג אויפן עקאָנאָמישן פראָנט, מיט יעדער נייער קאָאָפּעראַטיווע וואָס מען האָט אָרגאַניזירט, מיט יעדן שטיקל סחורה, וואָס איז אין גאַס

אַרויסגעקומען, מיט יעדן שמייכל וואָס זיי האָבן אויף פאַרבייגייענדיקע פּנימער אָנגעטראָפן.

זיי זענען אויך געווען די איינציקע, וואָס האָבן אויסגעפּאָלגט די סאָוועטישע מאַכט און אַרויסגענומען צו דער צייט די נייע סאָוועטישע פּאַספּאָרטן. אַלע אַנדערע, הן די, וואָס האָבן געהאַלטן ביים פאָרן, הן יענע וואָס האָבן באַשלאָסן צו וואַרטן, האָבן זיך אַלץ אַרומגעדרייט מיט די אַלטע פּוילישע דאָקומענטן אין טאַש, און מיטן קלוגיטשקן שמייכע־לע אויף די ליפּן, מיט אַ שמייכעלע וואָס האָט געגעבן אָנצוהערן: „ניש־קשה, אַרויסנעמען אַ פּאַס איז שטענדיק דאָ צייט. וואָס וועלן זיי מיר טון? זיי וועלן מיך צווינגען אַרויסצונעמען דעם פּאַספּאָרט? נו, מילא, האָב איך דאָך צייט דאָס צו טון, ווען זיי וועלן מיך צווינגען טאַקע".

און פּלוצלינג איז זיך צעגאַנגען די ידיעה, אַז עס קומט אָן אַ דייטשע קאָמיסיע, וואָס איז ספּעציעל באַשטימט געוואָרן דורכצופירן דעם ענד־גילטיקן אויסטויש פון דער באַפעלקערונג. מען האָט אויך דערציילט, אַז אַ סאָוועטישע קאָמיסיע איז אָפּגעפאָרן אין די דייטשע געביטן מיטן זעלבן צוועק. די ידיעה איז געקומען ווי אַ גוטער מלאך. הייסט עס, אַז יידן פון יענער זייט וועלן קענען זיך פריי פאַרשרייבן און קענען אַהער־קומען דאָ, אין די סאָוועטישע געביטן לגמרי לעגאַל, און נישט דאַרפן שוואַרצן קיין גרענעצן, כשר אין די הונדערט פּראָצענט. האָבן אויפסניי האָפענונגען אָנגעהויבן אַרומגיין צווישן עולם. מען האָט אָנגעהויבן שרייבן בריוו „עקספּרעס" רופנדיק נישט צו פאַרשלאָפן און קומען וואָס שנעלער, קומען אומבאַדינגט. געווען אפילו אַזעלכע, וואָס האָבן גענומען באַצייטנס זיך באַזאָרגן מיט דירות. עולם האָט אויפגעלעבט, מונטער גע־וואָרן און אַ טרייסט איז אַריין אין יידישע הערצער. אָבער פּלוצלינג האָט מען אָנגעהויבן דערציילן גאָר אַנדערע זאַכן, אַז די גאַנצע קאָמיסיע איז געמאַכט געוואָרן בלויז פאַר אוקראַינער, און יידן האָבן נישט קיין רעכט זיך צו פאַרשרייבן. זענען געקומען אַנדערע און געלייקנט, יידן הייסט עס מעגן יאָ פאָרן, אויב זיי ווילן. עולם איז אַרומגעגאַנגען צעחושט. עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע וואָס האָבן געזאָגט אַז די גאַנצע מעשה מיט די קאָמיסיעס איז אויסגעזויגן פון פינגער, אַנדערע ווידער האָבן געטענהט, אַז אויב מען האָט שוין יאָ אויסגעטראַכט עפּעס אַ לייטישע זאַך, טאָ ווי

אַרום קאָן דאָס חל זיין אויף יידן אויך? פאַר יידן האָט דער רבונו של עולם צוגעטראַכט בלויז צרות.

איידער וואָס, און איידער ווען איז די קאָמיסיע אָנגעקומען טאַקע אויף אַן אמת. זיי האָבן זיך באַזעצט אין לעמבערג און אין בריסק און אָנגעהויבן רעגיסטרירן די מענטשן וואָס האָבן געוואָלט אַריבערפאָרן אויף דער צווייטער זייט. מערסטנטייל האָבן זיך רעגיסטרירט די „פאָלקס־דייטשן", און אוקראַינער און פאָליאַקן. קיין יידן האָט מען אין אָנהויב איבעראַל נישט געזען. „פאָלקסדויטשע" האָבן זיך געהאָט אַ רעכט צו רעגיסטרירן אומאָפּהענגיק דערפון ווו ער האָט געוווינט פאַר דער מלחמה. אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן האָבן געדאַרפט אויפווייזן, אַז זיי האָבן פאַר דער מלחמה געוווינט אויף יענע געביטן. די קאָמיסיע האָט אָבער נישט איבעריק מקפּיד געווען אויף באַווייזן. ס'איז גענוג געווען פאַר די דייטשן אַז עמיצער האָט געוואָלט פאָרן, האָט מען אים גענומען און פאַרשריבן. דער דייטשער שלאַנג האָט שוין דעמאָלט גענומען גרייטן זיינע קאַדרען שפּיאָנען און דיווערסאַנטן און האָט געשלעפּט אויף זיין זייט אי די דאָזיקע וועמען זיי האָבן געוואָלט איינשפּאָרן די צרות פונעם איבערפאַל אויף ראַטנפאַרבאַנד, וועלכן זיי האָבן געגרייט, אי די אַנדערע וועלכע זיי האָבן אַריבערגענומען אויף יענער זייט, געשולט און שפּעטער צוריק־געשיקט אין די סאָוועטישע געביטן בכדי צו שאַפן אַ פינפטע קאָלאָנע וואָס זאָל זיי העלפן אין זייערע מלחמה־פּלענער.

פון יענער זייט האָבן אָנגעהויבן צו קומען בריוו פון די משפחות, וועמען מען האָט אויפגעפאָדערט דאָ אַהער צו קומען. די בריוו זענען פול געווען מיט גאַל און ביטערער אַנטוישונג. זיי האָבן דערציילט וועגן דעם, אַז די סאָוועטישע קאָמיסיעס געפינען זיך סך־הכל אין אַ צוויי־דריי פונקטן, אַז יידן קאָנען זיך גאָר צו אָט־דער קאָמיסיע נישט צוקריגן, ווייל איין מאָל איז עס כמעט אומעגלעך צו פאָרן מיט דער באַן, און צווייטנס לויערט די געשטאַפּאָ אויף יעדן איינעם וואָס פּרוּווט זיך שטעלן פאַר דער קאָמיסיע. און חוץ דעם אַלעם, ווען איינער קומט שוין נאָך גרויס צרות יאָ צו, פאָדערן די סאָוועטישע קאָמיסיעס אַזויפיל פאָרמאַליטעטן אַז עס איז בכלל אומעגלעך נאָכצוקומען די פאָדערונגען זייערע. די איינציקע, וועמען די קאָמיסיע פאַרשרייבט גלייך און שיקן אַוועק זענען אוקראַינער און פּויליִשע פּויערים, קריגס־געפאַנגענע, וואָס ווייזן אויף

אַז זיי האָבן זייער ערד און משפחות אויף דער סאָוועטישער זייט. די־דאָזיקע ידיעות האָבן אויפגעקאָכט דעם עולם ביז גאָר. עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן געוווסט צו דערציילן, אַז מען האָט וועגן דעם אינטערוועניִרט ביי דער סאָוועטישער מאַכט, און באַקומען אַן ענטפער, אַז אַלע יידן וואָס ווילן אַהערקומען שטאַמען פון די דייטשע געביטן, און ממה נפשך, אָדער זיי האָבן געוואָלט קומען, האָבן זיי דאָך שוין לאַנג דאָס געקאָנט טון, אויב אָבער נישט, פאַרוואָס האָבן זיי זיך איצטער מישב געווען, און בכלל דאַרף מען זיין שוין איצט זייער פאָרזיכטיק מיטן אַריינלאָזן נייע מענטשן. וויפל אמת האָט געשטעקט אין אָט־דער גאַנצער מעשה, האָט קיינער נישט געוווסט, אָבער מענטשן זענען אַרומגעגאַנגען דערשלאָגענע, פאַרביטערטע און די אויבערהאַנט אינעם המון האָבן באַקומען די יעניקע וואָס האָבן געהאַלטן ביים צוריקפאָרן, די יעניקע, וואָס האָבן געטענהט אַז פאַר יידן איז קיין גוטע זאַך נאָך דורך קיינעם נישט פאַרטראַכט געוואָרן.

מענטשן האָבן אָנגעהויבן גיין צו דער דייטשער קאָמיסיע אין פאַרצייכנט זיך צו פאָרן אַהיים. צוערשט שטיל, אויסהיטנדיק זיך איינער פאַרן צווייטן, שעמענדיק זיך דעם קאָפּ אויפצוהייבן און קוקן עמיצן אין די אויגן אַריין, איינציקוויַיז אָדער קליינע גרופּקעלעך, זיי זענען געקומען צום ביוראָ, וואָס האָט זיך געפונען אין עק שטאָט און געדולדיק געשטעלט זיך אין ריי. דייטשע אָפיצירן, מיט אַלע אויסצייכענונגען אויף דער ברוסט האָבן געקוקט מיט ביטול און פאַראַכטונג אויף דער מענטשןמאַסע וואָס האָט זיך פאַרן הויז געזאַמלט. סאָלדאַטן פון נ. ק. וו. ד. האָבן געהאַלטן אָרדענונג אין די רייען. מענטשן האָבן זיך געזאַמלט אין גרופּן, לויט די שטעט פון זייער אָפּשטאַם און פאַרשריבן זיך צו פאָרן צוזאַמען, אין איין און דעם זעלבן טראַנספּאָרט. די קאָמיסיע האָט אַרויסגעגעבן נומערלעך, אויפגענומען די אַדרעסן, און צוגעזאָגט צו וויסן צו געבן די דאַטע פונעם אָפּפאָרן פון טראַנספּאָרט. דער גרויסער פּלאַץ פאַר די ביוראָען האָט געררוישט און געזשומעט מיט מענטשן וואָס זענען געקומען געוואָר ווערן בלויז, דערוויסן זיך עפּעס, אַ טאָפּ טון דעם דופק — צי וועט מען טאַקע קענען פאָרן צי נישט. און הער נאָר, הער, אַ סך זענען טאַקע געפאָרן. יידן און נישט־יידן. פון בריסק זענען אָפּגעגאַנגען דריי צוגן מיט בלויז יידן. מען האָט זיך דאָרט געשלאָגן פאַר אַ פּלאַץ אין צוג. דער

שטראָם פון יידן, וואָס זענען גרייט געווען צו פאָרן איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. יידן זענען געקומען אין הונדערטער, אין טויזנטער און לסוף אין די צענער־טויזנטער. מען האָט געוואַרט דריי צי אפילו פיר טעג אויף אַ בלויזן נומערל. מען האָט אַנגעהויבן האַנדלען מיט נומערלעך. וואָס קלענער דער נומער, אַלץ גרעסער דער פרייז. מען האָט פאַרקויפט ווערט־פולע זאַכן כדי צו קויפן אַזאַ נומערל, אַ נומערל צום גהינום, אַ נומערל צו דער גאַז־קאַמער, אַ נומערל צום טויט.

די דייטשע אָפיצירן האָבן זיך אייַנגעקוקט אין אָט־דער צעפלויגע־נער יידישער מאַסע מיט אַ מין זיגעריש שמייכעלע, וואָס איז פול גע־ווען מיט חוזק און אָפּשפּעטונג, מיט פאַראַכטונג און עקל, מיט איראָניע און ביטול. אָבער הינטער אָט־דער איראָניע האָט מען געקענט מערקן אין די דייטשע אויגן נאָך אַ זאַך: פאַרוווּנדערונג און שטוינונג. ווי קומט עס, וואָס די יידן רייסן זיך אַזוי אויף יענע געביטן, וווּ זיי ווערן אויס מענטשן, וווּ מען פרעסט זיי אין די געטאָס וווּ מען קען מיט דעם יידן טון, וואָס נאָר דאָס האַרץ גלוסט? זיי האָבן אָוועקגעשריבן וועגן דעם לאַנגע ראַפּאָרטן אַהינצו צו זייערע שטאָבן, אין די נאַצישע הויפּט־קוואַרטירן, וועלכע האָבן באַלד אַרויסגעלאָזט ריזיק־לאַנגע קאָמוניקאַטן, וועגן דעם אַז די דייטשע הערשאַפט איז אַזוי באַליבט ביי דער באַפעל־קערונג, אַז אַפילו די יידן ווילן צוריקקומען. וועגן דעם, אַז די באַפעלקע־רונג האַסט אַזוי די באָלשעוויקעס, אַז אַפילו די יידן אַנטלויפן פון זיי. „אַ האַלבער מיליאָן יידישער מיסט וואַלגערט זיך ביי די פיס פון פירער און בעט מען זאָל זיי אַריינלאָזן אויף אונדזערע געביטן" — אַזוי האָט געשריבן די קראָקעווער נאַצישע צייטונג. און ס'האָט זיך נישט געפונען קיינער, וואָס זאָל דאָס קענען אָפּלייקענען, און ס'האָט זיך נישט געפו־נען קיינער, וואָס זאָל וועלן אויפדעקן די אמתע סיבות פון אָט־דער טראַ־גישער פאַראַדאָקסאַלער סיטואַציע, און ס'האָט זיך נישט געפונען קיי־נער אין דער יידישער אויסלענדישער וועלט, וואָס זאָל וועלן נאָכפאָרשן די אמתדיקע סיבות און פּרוּוון זוכן עפּעס אַ מיטל אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. די הונדערטער טויזנטער יידישע פּליטים האָבן זיך געוואַל־גערט טאַקע פאַר די דייטשע ביוראָען בעטנדיק מען זאָל זיי לאָזן אַהיים, איבערפולטע מיט בענקשאַפט, פאַרוואָרלאָזטע, אומבאַהאָלפענע, מיט הערצער צעריסענע אויף שטיקער.

פלוצלינג איז די קאָמיסיע פאַרשווונדן. נישטאָ מער קיין קאָמיסיע, אויס קאָמיסיע. עטלעכע טעג איז די געביידע געשטאַנען אַ פאַרמאַכטע, דעוי המון האָט זיך ווייטער געזאַמלט, נישט וויסנדיק אַליין וואָס צו טון. זיי האָבן געדריקט אין די הענט די איינגעהאַנדלטע נומערלעך און גע־קוקט מיט צעחושטע אויגן אויף די פאַרמאַכטע טירן פון די ביוראָען. קלאַנגען זענען אַרומגעגאַנגען, אַז די קאָמיסיע וועט נאָך צוריקקומען, אַז זי איז אַוועק בלויז צייטווייליק. די, וואָס האָבן דאָס געזאָגט, האָבן געהאַט אַ באַווייז, אַז אַזוי איז עס טאַקע, והא־ראיה, האָבן זיי געטענהט, אַט שטייען נאָך אַלץ פאַר די טירן די סאָוועטישע סאָלדאַטן און האַלטן כסדר וואַך. ווען די קאָמיסיע זאָל שוין האָבן אינגאַנצן געענדיקט איר טעטיקייט, וואָלט דאָך קיינער נישט געשטאַנען.

אַ מעלדונג האָט זיך באַוויזן אויף דער טיר פון בנין, אַ מעלדונג, וואָס האָט די דאָזיקע קלאַנגען באַשטעטיקט, דאָס הייסט, אַז די קאָמיסיע דאַרף צוריקקומען גאָר אינגיכן, אַז אַלע וואָס האָבן זיך פאַרשריבן וועלן פאָרן, און אַז אַלע די וואָס האָבן זיך נאָך נישט פאַרשריבן, קענען דאָס טון שוין מאָרגן. די קאָמיסיע וועט נאָך טאַקע מאָרגן נישט זיין, אָבער פאַרשרייבן קאָן מען זיך, בכדי צו פאַרלייכטערן די אַרבעט און דער־מעגלעכן צוצוגרייטן דעם טראַנספּאָרט.

אויף צומאָרגנס האָט זיך דער שטראָם נאָך מער פאַרגרעסערט, דאָס פאַרשרייבן איז צוגעגאַנגען שנעל, איינס און צוויי, ביי עטלעכע טישן אין דער זעלבער צייט. מען האָט קיין סך פראַגן נישט געשטעלט: „ווילסט פאָרן, אַהין, אויפן דייטשן געביט? — יאָ". און דערנאָך דער נאָמען, אַד־רעס און אַ דאָקומענט צו באַשטעטיקן דעם נאָמען און אַדרעס, און דאָס איז אַלעס. יידן זענען אַוועק צופרידענע. די נומערלעך זענען די זעלבע, און קאָסטן קיין געלט נישט. איי — מען וועט דאַרפן וואַרטן, פאַרפאַלן, וועט מען וואַרטן. אין אייניקע טעג איז דער פּלאַץ געוואָרן אינגאַנצן אויסגעליידיקט, אַלע זענען אַוועק אַהיים, מיט די נומערלעך אין קעשע־נעס, צופרידענע וואָס עס האָט זיי אַזוי ביליק געקאָסט, און וואָס אָט־אָט פאָרן זיי שוין אַהיים צו זייערע משפחות, צו זייערע ווייב־און־קינדער, צו זייערע אייגענע שטובן, צו ליגן אין אַן אייגן בעט און זיך נישט אַרומ־וואַלגערן איינזאַם צווישן פרעמדע מענטשן.

ביינאַכט איז מען געלעגן לאַנג אויף די געדונגענע פרעמדע געלע־

גערס, אין די ענג־אָנגעשטאָפּטע שטיבער פון די פרעמדע דירות, און געקוקט דורך די אָפענע פענצטער אין דער פרי־זומערדיקער לבנהדיקער נאַכט אַריין מיט שלאָפלאָזע אויגן. ווי אַזוי זעט זי שוין איצט אויס די היים, וואָס מען האָט זי נישט געוווסט אָפּצושאַצן, ווען מען האָט זי גע־האַט? וואָס מאַכט דער און וואָס טוט יענער? וואָס וועלן זיי זאָגן, ווען זיי וועלן דערזען אים, דעם צוריקגעקומענעם? ווי לאַנג וועט עס נאָך אַזוי דויערן, אָט־די אומרואיקע, משוגענע צייט פון האַלב־שלום, האַלב־מלחמה? און צי טו איך טאַקע גוט, וואָס איך פאָר? אַזוי זענען די גע־דאַנקען אַרומגעפלויגן איבער די שטיבער, ווי נאַכטיקע זומער־פייגעלעך וואָס רייסן זיך צו אַ קאַלט ליכט, געפּאַטשט מיט די אומוויסנדיקע פליגל ווי פלעדער־מייז אין די מוחות פון די פאַרוואָגלטע וואנדערער, און גע־ריסן די הערצער מיט צווייפלענישן, מיט ספיקות, מיט טויזנטער פאַר־שידענע טראַכטענישן און פאַרגעפילן, מיט אומרואיקע חלומות וואָס האָבן זיך אַרומגעפּלאָנטערט אין דער וואַרעמער נאַכט אויף דער גרע־נעץ פון האַלב־וואַך־האַלב־דרימל.

בלויז טיילמאָל, ווען די נאַכטיקע שטילקייט איז פּלוצלינג צעשניטן געוואָרן ווי מיט אַ מעסער מיט אַ ווייטן עגבערדיקן פייף פון אַ לאָקאָ־מאָטיוו, פלעגן זיי זיך אויפזעצן אין די בעטן, איינהערן זיך אין אָט־דעם שגיידיקן פייף טאַקע, איינזאַפּן דאָס פאַרדעמפטע ווייטע געקלאַפּעריי פון רעדער אויף צעזשומעטע רעלסן, און געפּרוווט אין דער שטילקייט דערהערן עפּעס אַ גרוס, עפּעס אַ גוט וואָרט, אַ וואָרט וואָס זאָל טרייסטן. אָבער שטיל איז זי ווייטער געווען די נאַכט, און געצויגן זיך אַ סודות־פולע, אַ טונקעלע, אַ גאַרנישט־זאָגנדיקע, אַ פולע מיט פּחדים און אומ־פאַרשטענדלעכע אומרואיקייטן.

לאָקאָמאָטיוון פײַפֿן בײַנאַכט

לאָקאָמאָטיוון פײַפֿן דאָך אײגנטלעך שטענדיק. זײ פײַפֿן בײַנאַכט און פײַפֿן בײַטאָג. זײ פײַפֿן שטענדיק, ווען זײ פֿאַרפֿאָרן אויף אַ וואָקזאַל און בלײַבן שטײן שווער־סאָפּענדיקע, פֿאַרשוויצטע, מיט אויל־טראָפּנס אויף די בײַכיקע רונדע קערפּערס זײערע. זײ פײַפֿן, ווען די אומגעדולדי־קײט האָט זיך אָנגעזאַמלט אין זײ, און זײ קענען עס מער נישט אויס־האַלטן און בלאָזן עס פֿון זיך אַרויס מיט לאַנגע, צעצויגענע פײַפֿן און מיט דיקע קנוילן פֿון ווײַסער געדיכטער פּאַרע. זײ פײַפֿן פֿריידיק, ווען מען הײסט זײ ענדלעך לויפֿן אויפֿסנײ און זײ גרײטן זיך צו אָט־דעם געלויף, אָננעמענדיק שנעלקײט פּאַמעלעך, שפּילנדיק זיך מיט די רעלסן, טאַנצנדיק איבער די רעלסן־קנופּן, פֿאַרבײַלויפֿנדיק פֿאַר די וואַסער־טור־מען און ערשט, ווען זײ ווערן פּטור פֿונעם לעצטן וואָקזאַל־בנין, צעגאַ־לאָפּירן זײ זיך אין אַ שווערן אָבער אײנצײַטיק בליץ־שנעלן געלויף און גיבן צו וויסן די ווײַטע וועלדער און פֿעלדער, אַז אָט לויפֿן זײ שוין אויפֿסנײ און זײ פײַפֿן, פײַפֿן. אָבער בײַטאָג הערט קײנער נישט דאָס דאָזיקע פײַפֿן, בײַטאָג איז דער קאָפּ פֿאַרנומען, בײַטאָג רוישט אַ שטאָט אַ גרויסע און אַ שטײנערנע, בײַטאָג רעדט מען וועגן פֿלענער, וועגן אַר־בעט, וועגן וואָס איר ווילט נאָר. בײַנאַכט אָבער ליגט מען אויף די גע־לעגערס און מען האָרכט זיך אײַן אין דער שטומער פֿינצטערניש, און עס זאָגט זיך בלויז „שטומע“ פֿינצטערניש. איז זי דען שטום די פֿינצטער־ניש? אָ, נײן! לעבעדיק איז זי און רוישיק. מאַמעס קומען צוגײן און רופֿן מיט פֿאַרבענקטע אויסגעצערטלטע נעמען די זין, טאַטעס הימקען שווער און ברומען, קינדערלעך וויוועון און שפּילן זיך, שוועסטער און ברידער פֿרעגן וואָס מען מאַכט, וואָס מען האָט בדעה צו טון, כּלות קומען צוגײן און טראָגן אַנטקעגן צעבליטע ליפּן און בעטן אַ קוש, אַ קלײנעם אַזאַ, אַ קוים דערפֿילבאַרן, אָבער אַ קוש. און די פֿינצטערניש ווערט אויס פֿינצ־טערניש, די שטומקײט ווערט אויס שטומקײט, דער אַרום איז פֿול מיט לעבן, מיט פֿאַרביקע פֿילקאָלירן פֿאַרלאַנגען, מיט זײַן. אמת, אַלץ איז בלוילעך, אמת, אַלץ איז צעשווומען, אַלץ ווערט צערונען, ווי נאָר דו פּרווּוסט עס אָנרירן מיט דער האַנט, אָבער עס עקזיסטירט, עס איז דאָ אין דיר און אַרום דיר, דו פֿילסט עס, דו זעסט עס, דו האָסט עס אין

האַרץ און אין קאָפּ. און פּלוצלינג — אַ פייף. דער פייף איז שאַרף ווי אַ מעסער און צעשניידט דיינע זעאונגען אין צווייען, אין דרייען, אין טויזנט פּיצלעך און זיי פאַרשווינדן. און ערשט דעמאָלט זעסטו, אַז דו ביסט געבליבן אַליין מיט דער פינצטערניש, אין וועלכער עס לויפט אַרום דער אומברחמנותדיקער, שאַרפער, אכזריותדיקער פייף פון דעם וויטן לאָקאָמאָטיוו, דער פייף פון דערמאָנונג, דער פייף פון חרטה, הלמאי האָסטו זיי דאָרט איבערגעלאָזן, דער פייף פון בענקשאַפט, דער פייף פון באַדויערן, פון זעלבסטבאַדויער.

אָבער דעמאָלט, אין יענע זומער־חדשים פון 1940 האָט מען אָנגעהויבן הערן פון די שטילע נאַכטיקע גאַסן אויך אַנדערע קלאַנגען און נישט נאָר דאָס ווייטע פייפן פון די וואקזאלן, און אפילו דאָס פייפן איז אויך געוואָרן אַנדערש. עפּעס צופיל לאָקאָמאָטיוון זענען פאַרפאָרן אויף די וואָקזאַלן, עפּעס צופיל גערויש קומט פון די נאַכטיקע צוגן, און איבער די גאַסן שווערע שטרענגע טריט, אַ געקלימפּערײ פון ביקסן, קורצע אָפּגעהאַקטע ווערטער פון באַפעלן, פון פאַראָרדענונגען, אַ געסקריפּעריי פון געעפנטע טויערן, פאַרשלאָפענע פאָנפעדיקע רייד פון איבערגעוועקטע סטרוזשעס און לסוף די זעלבע שווערע טריט אויף די שטיגן. צו וועמען גייט מען? וועמען זוכט מען? צו מיר? ס'איז דאָך אוממעגלעך! און אַ קלאַפּ אין דער טיר, צוערשט שטיל דערנאָך שוין העכער. מען עפנט די טירן, און זיי קומען אַריין שטרענגע, זאַכלעכע, מיט אָנגעצויגענע פּנימער, מיט שפּיזיקע באַגנעטן אויף די ביקסן. וואָס איז דאָ געשען? דאָס זענען דאָך די זעלבע גוטמוטיקע, פריינטלעך צעשמייכלטע רויטאַרמייער וואָס מען זעט זיי טאָג־טעגלעך אויף די לעמבערגער גאַסן. ביין, ס'זענען נישט די זעלבע. דער זעלבער איז דער מונדיר, דער זעלבער איז דער רויטער, פינפשפּיציקער שטערן אויפן היטל, די זעלבע בלאָנדע האָר און בלאָע אויגן. אָבער דער רויטאַרמייער איז נישט דער זעלבער. אויף זיין פּנים קאַלטע שטרענגקייט, אין זיינע באַוועגונגען רואיקע וואַכזאַמקייט און גרייטקייט, אין די שטענדיק־שמייכלענדיקע אויגן אַ טונקעלער שאָטן, אַ שאָטן פון חשד, אַ שאָטן פון פאַרדאַכט, אַ שאָטן פון פיינטלעכקייט.

און אומעטום איז דער שמועס געווען דער זעלביקער:

— פּאַפּירן? פּאַספּאָרט? ווו אַרבעט איר?

— גוט. טוט אייך אָן, מאַכט אייך גרייט. איר קענט מיטנעמען

מיט זיך אַביסל קליידונג און האַנט־באַגאַזש. אויב איר האָט אַביסל עסנ־וואַרג אויפן וועג, נעמט אויך. איר וועט פאָרן ווייט, זייער ווייט. וווהין קענען מיר אייך ליידער נישט זאָגן...

— אָבער חבר׳, איך אַרבעט אויף אַ מלוכהשן פּאָסטן, איך בין באַשעפטיקט דאָ און דאָ. אָט האָט איר אַ קוויטל אַז איך בין אַ נוצלעכער און געוווּנטשענער בירגער.

— זייער פיין, נאָר געדענקט: איך בין נישט אייערער אַ חבר. איר מעגט מיר זאָגן בירגער, אָבער איך פּאַרוועד אייך צו זאָגן: חבר. און וואָס אַנבאַלאַנגט אייערע קוויטלעך, זענען זיי גוט, אָבער נישט פאַר אונדז. אייער ענין איז באַהאַנדלט געוואָרן און עס איז דאָ אַ באַפעל איבערצופירן אייך אין די ווייטע מקומות פון ראַטנפאַרבאַנד. מיר וואַרטן אויף אייך צען מינוט.

— אָבער ח... הייסט עס, בירגער קאָמאַנדיר, מיין פרוי נעכטיקט היינט ביי אירער אַ חברטע, זי וועט דאָך נישט וויסן ווו איך בין אַהינ־געקומען.

— אַזוי, אייער פרוי? הם, גיט מיר דעם אַדרעס ווו זי נעכטיקט און מיר וועלן זי ברענגען, זי וועט פאָרן מיט אייך צוזאַמען.

און אַזוי איז עס אַוועק אומעטום. אַ וואַריאַנט אַזאַ צי אַן אַנדערער פון אָט־דעם שמועס טאָקע, אָבער מיט קליינע ענדערונגען איז ער כמעט אומעטום געווען דער זעלבער. ציטערדיקע הענט האָבן געפּרווט צונויפ־נעמען אויף שנעל, אויף גיך־גיך דאָס ביסל שמאַטעס, נישט געוווּסט, וואָס פריער איינצופּאַקן. אַלץ איז אַ שאָד איבערצולאָזן אויף יענעמס באַראָט. וואָס מען פּרווט נאָר נעמען, דוכט זיך באַלד: אפשר טאָקע עפּעס אַנ־דערש גאָר? אַלץ פאַלט פון די הענט, אַלץ פּלאָנטערט זיך, טאַנצט, ווירבלט. און ערשט די נאַרישע אידיאָטישע געדאַנקען, וואָס קומען אין אַזאַ מינוט אַ מענטשן אויפן זינען: אָט וואַרט איינער אויף אַ בריוו פון יענער זייט, דער בריוו איז פון איר, ווער וועט אים עפענען? וועמענס אויגן וועלן מיט אַן איראָניש שמייכעלע לויפן איבער די צערטלעכע ווער־טער, איבער די אינטימע סודות, איבער די לעצטע קושן, וואָס ליגן צע־לייגט מיט אומגעלומפּערטע ציטערדיקע אותיות האַרט פאַרן אונטער־שריפט? איז דאָך ערשט עטלעכע טעג זינט מען האָט אַהינגעשריבן אַ בריוו אַהיים, אַז מען האָט שוין אַ „נומערל״, אַ דייטשיש נומערל, אַז

מען קומט אַהיים. יאָ, דאָס נומערל, און פּלוצלינג דערזעט מען די גאַנצע נאַרישקייט פון די מענטשן, וואָס האָבן זיך געשטופּט נאָך נומערלעך. דאָס האָט מען דאָך עקסטרע געקליבן די אַדרעסן פון די מענטשן וואָס ווילן פאָרן אַהיים צום דייטש, בכדי צו וויסן ווען מען אַוועקצושיקן, ווען מען צו באַזייטיקן פון די דאָזיקע געביטן. און מען גראַבלט אין די קעשענעס, און מען געפינט דעם פאַרשאָלטענעם נומער, און מען רייסט אים אויף שטיקער', און מען טרעט אים מיט די פיס און מען פילט, אַז נישט דעם נומער' האָט מען געטראָטן, די אייגענע נאַרישקייט טרעט מען, די פאַר־שאָלטענע בענקשאַפט טרעט מען, דאָס נאַרישע, אויף שטיקער צעריסע־נע, אייגענע האַרץ טרעט מען. מען טרעט אַלץ, וואָס איז געווען ביז אַהעו', מען רייסט איבער דעם לעצטן פאָדים, וואָס האָט נאָך געבונדן מיט דער אַלטער גוטער היים, מען פאָרט אַוועק ערגעץ ווייט, פון וואַנען ווער וויים ווען מען וועט צוריקקומען. און אַזוי לויפן זיי די געדאַנקען אין אַווירבלדיקן געדויש פון טייערע אויסגעבענקטע פּנימער, פון ליכטיקע דערמאָנונגען, פון צעטרעטענע האָפענונגען, פון צעשניטענע חלומות. און פון אָט־דעם מישמאַש שיילט זיך פאַמעלעך אַרויס אַ רויטער, פינף־שפּי־ציקער שטערן, אַ שאַרפער און שטרענגער, ווי די שטים וואָס פרעגט:

— לאַנג נאָך? ווייל מיר האָבן קיין צייט נישט.

ענטפערט מען שוין גאָרנישט. מען פּאַקט איין וואָס עס זאָל נישט זיין. די ערשטע בעסטע זאַך, וואָס קומט אין דער האַנט אַריין. „אין דער ערד' אַריין מיטן קאָפּ“ אָט־אַזוי שעלט מען, נאָר שטילערהייט. און מיי־נען מיינט די קללה, אַז סיי־ווי איז שוין אַלץ פאַרפאַלן, היינט וואָס פאַר אַ חילוק איז עס וואָס מען וועט איינפּאַקן, און וואָס מען וועט מיטנע־מען? כאַפּט מען נאָך בלויז אַ קוק אויף די ווענט, מען דערמאָנט זיך אָן עפּעס אַ נאַרישער פאָטאָגראַפיע, וואָס איז שטיין געבליבן אין אַ רעמל אויפן טיש, רוקט מען זי טאַקע אויף שנעל אַריין אין קעשענע און מען גייט אַרויס אויפן גאַס מיט אַ צעחושטן בליק, אין באַגלייטונג פון די שפּיזיקע באַגנעטן, וואָס גלאַנצן אַזוי שיין אין דער שטילער, זומערדי־קער', לבנהדיקער נאַכט. גייענדיק אַזוי, דערמאָנט מען זיך נאָך אָן דער אַרבעט, וואָס מען האָט געלאָזן אַ נישט־פאַרענדיקטע אין וואַרשטאַט, מען פּרוווט זיך פאָרשטעלן די פּנימער פון די אַרבעטס־חברים ווען זיי וועלן דאָס געוואָר ווערן, פונעם דירעקטאָר פון זאַוואָד, פון אַלע באַקאַנטע.

און גייענדיק אַזוי, קומט שוין אויפסניי אַנטקעגן דער זעלביקער ווייטער פייף פון וואָקזאַל, אָבער איצט שוין אַן אַנדערער, שוין נישט קיין נעפּל־דיקער אַנזאָגער פון שלעכטע בשורות, שוין נישט סתם אַ פייף, וואָס ברענגט שלעכטע פאָרגעפילן, נאָר אַ פייף — אַ קאָנקרעטער שונא, אַ שונא אַ שלעכטער, וואָס קומט אַנטקעגן און זאָגט אָן: אָט דאָס האָב איך געמיינט, ווען איך האָב דיך געגופן פריער, אָט צוליב דעם האָב איך דיך געוועקט נאַכט איין און נאַכט אויס. האָסט געמיינט, אַז איך נאַר דיך, און איצט זעסטו, אַז איך האָב דיך טאַקע אין מיין מאַכט אויף אַן אמת.

אַזוי האָט עס זיך אָנגעהויבן און אַזוי האָט עס זיך געצויגן וואָכן־לאַנג. בייטאָג איז די שטאָט אַ נאַרמאַלע, אַ רואיקע, ווי קיינמאָל גאָר־נישט. מענטשן לויפן הין און צוריק, גייען צו דער אַרבעט, פון דער אַר־בעט, רויטאַרמייער שפּאַצירן און שמייכלען, די זון שיינט, די זון ברענט,ביימער בליען און שאָטענען, פון סאָדע־וואַסער־קראָמען בלאָזט מיט לי־בער קילקייט, אַפישן לאַדן איין אין קינאָ, אין טעאַטער. אויך דער אָוונט איז דער זעלביקער, אַ זומערדיק־זיידענער, אַ לבנהדיק־שטילער, אַ וואַרעם־סודותדיקער. אָבער ווען די ווייזערס אויף די שטאָטישע זייגערס גיבן זיך אַ רוק צו צום צוועלף, ווערט עס שטיל אין די גאַסן און אין אָט־דער שטילקייט צעפייפן זיך די לאָקאָמאָטיוון אויפסניי, שווערע סאָלדאַטישע טריט פויקן אָן טראָטואַר, טויערן־גלאָקן צעקלינגען זיך און אַ שטים, אַ רואיק־שטרענגע און גלייכגילטיק־זאַלעכע — אָטקראָיטיע, פּאָזשאַ־לויסטאַ! (עפנט, ביטע!).

די לעמבערגער וואָקזאַלן האָבן זיך געגומען פאַרפולן מיט יידישע טרערן, מיט יידישן פיין, מיט געוויין פון ווייבער און קליינע קינדער, מיט געשרייען פון קרובים וואָס האָבן זיך אַרומגעזוכט, מיטן גאַנצן „הור־האַ" פונעם געצווונגענעם נייעם וואַנדער און וואָגל. אָ, יידישער אומעט, וואָס האָסט זיך אַרומגעבלאָנקעט אויף ווייטע וועגן פון אייביק אָן! אָ, יידיש געוויין, וואָס כליפּעסט שוין דורות־לאַנג! אָ, יידישע „קלוגשאַפט", וואָס האַלטסט זיך אין איין באַנאַרישן. אָ, יידישע טרערן, וואָס קאַפּען פון רויטע אומעטיקע אויגן, און קיינער קלייבט זיי נישט! אָ, נאַריש יידיש האַרץ, וואָס צאַפּלט און פלאַטערט, און קיינער ווייסט נישט ווי אַזוי עס צו באַרואיקן!

און ווי אַזוי האָט מען טאַקע געקענט וויסן די דאָזיקע טרערן אָפּ־

צווישן, אַז די וואָס זענען פאַרבליבן, זענען מיט זייער פאַרבלייבן געוואָרן פאַרמשפּט צום טויט? ווער האָט זיך געקענט ריכטן, אַז די וואָס מען האַלט פאַר די ערגסטע, פאַר די שעדלעכסטע, פירט מען אַוועק אויפן וועג צום לעבן, און די, וואָס מען הייסט גוט זייער לעבן דאָ — שרייבט מען זיי אונטער אַ טויט־אורטייל? קיינער האָט עס נישט געוווסט, נישט די געפירטע און נישט די אַוועקפירער, קיינער האָט נישט געוווסט וואָס צו טון. די וועלט האָט געזאָגט און געקאָכט, הגם דער אויבערפלאַך איז נאָך געווען רואיק. דער שטורעם האָט זיך געקליבן אויף די ווייטע האָריזאָנטן, הגם די זון האָט נאָך געשיינט. הינטער וואָלקנס, וואָס זענען נאָך געהאַנגען ווייט־ווייט, וואָס האָבן דעמאָלסט נאָך אויסגעזען ווייס און שטיל, האָט זיך שוין דער גרויסער דונער געקייקלט און מען האָט קוים־קוים זיין דעמפיקן אָפּקלאַנג געהערט. דעזאָריענטירט און צעחושט איז זי געווען, די וועלט, און יידן, דאָס „קלוגע" פאָלק, וואָס צעטיילט אַלע פעלקער פאַרשטענדיקע וועג־וויזערס, יידן זענען געשטאַנען אין אַנבליק פון דער גרויסער זאַווערוכע אומבאַהאָלפענע, נישט האָבנדיק קיינעם וואָס זאָל דעם ריכטיקן וועג אָנווייזן, וואָס זאָל וועלן אַ טראַכט טון וועגן דעם, אַז עפּעס איז דאָ נישט עס דאַרף צו זיין, אויב עס איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מען האָט אויפגעהערט צו פאַרשטיין ווו איז דער טויט, און ווו איז דאָס לעבן, ווו איז דער פריינט און ווו דער בלוטיקער שונא.

זענען יעדן פאַרטאָג אָפּגעגאַנגען פולע צוגן מיט פּליטים אין דער ריכטונג פון מזרח, זענען יעדן פאַרנאַכט פאַרפאָרן פרישע ליידיקע צוגן אויף די וואָקזאַלן. האָבן מענטשן גאַנצע טעג געאַרבעט און ביינאַכט געוואַרט אויפן אומפאַרמיידלעכן קלאַפּן אין דער טיר. זענען מענטשן אַרומגעלאָפן און געזוכט פּראָטעקציע ביי „מאַכערס", ווי אַזוי צו בלייבן. מען האָט אַרויסבאַקומען צעטעלעך פון די אַרבעטס־פּלעצער, אַז מען איז אומבאַדינגט נויטיק, אַז אויב נישט ער, וועט די פאַבריק זיין הינטערשטעליק מיט פּראָדוקציע, אַז מען איז כשר־וישר, קיינמאָל נישט שפּעקולירט. מען שטאַמט פון אַרבעטער, מען איז נוצלעך און נויטיק אין די הונדערט פּראָצענט. אָבער קיין איין קוויטל האָט נישט געקאָנט העלפן; די רויטאַרמייער האָבן געדרייט די קוויטלעך אין די הענט, באַטראַכט די שטעמפּלען, די אונטערשריפטן און דערנאָך רואיק געענטפערט:

— יאָ, זייער פיין וואָס דו ביסט אַזאַ ווילער מענטש. מיר דאַרפן

טאַקע האָבן אַזעלכע ספּעציאַליסטן דאָרט, אין יענע ווייטע מקומות טאַ־קע, און דאָ, דאָ וועט מען זיך שוין ווי נישט איז אַן עצה געבן אָן דיר.

אַ ביטערע פויעריש שמייכעלע פלעגט זיך צום סוף פון אָט־די ווער־טער צעגיסן אויפן ברייטן פּנים מיט די קאַלטע דורכדרינגענדיקע בלאָע אויגן, און ער פלעגט צוגעבן ערנסטער שוין:

— נו, טו זיך אָן, פאַרלירט נישט קיין צייט, מיר דאַרפן היינט נאָך צוגיין ערגעצווו.

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז אָט־די גאַנצע „טשיסטקע" (רייניקונג) ווערט דורכגעפירט פון ספּעציעל אַראָפּגעקומענע אָפּטיילונגען נ. ק. וו. ד. וואָס האָבן מיט דער אָרטיקער מאַכט און אַפילו מיט די מיליץ־אָרגאַנען קיין שום שייכות נישט. זיי האָבן געהאַט שטרענגע באַפעלן דירעקט פונ־נעם צענטער, קיין שום אַנדערע דאָקומענטן נישט צו נעמען אין אַכט, נאָר בלויז אַ סאָוועטישן פּאַס, אַ לאַנגטערמיניקן, אַ פינף־יאָריקן. אַלע אַנדערע פּאַפּירלעך זענען גאַרנישט ווערט געווען.

צוערשט האָט מען אַרויסגעפירט אַלע, וואָס האָבן זיך פאַרשריבן צו פאָרן אויף דייטשישע געביטן. די אויפגאַבע איז געווען אַ לייכטע. די רשימות, וואָס זענען פאַרבליבן פון דער דייטשער קאָמיסיע, און די רשי־מות, וואָס מען האָט געמאַכט שוין שפּעטער, ווען די קאָמיסיע איז שוין נישט געווען, און מען האָט איינגערעדט דעם עולם אַז זי וועט נאָך צוריק־קומען, אָט־די אַלע רשימות האָבן אַנטהאַלטן גענויע נעמען און אַדרעסן. די סטרוזשעס האָבן באַקומען אַ באַפעל, אַז מען טאָר נישט לאָזן נעכטיקן קיינעם, וואָס איז נישט איינגעמאַלדן. די האָטעלן זענען געווען שטרענג קאָנטראָלירט. אַזוי אַרום האָט מען נאָר באַדאַרפט צוגיין צום אָנגעווי־זענעם אַדרעס און מען האָט געפונען דעם וואָס מען באַדאַרף.

ווען די דאָזיקע ערשטע רייניקונג האָט זיך פאַרענדיקט, איז געוואָרן רואיקער אַביסל. אַלע די, וואָס האָבן זיך נישט פאַרשריבן צום דייטש, האָבן אָפּגעאָטעמט פרייער. מען האָט אָנגעהויבן באַלאַגערן די אַמטן, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן די פּאַספּאָרטן. מען האָט שוין נישט געוואַרט מיט אַ קלוגיטשקן שמייכעלע צו זען „וואָס וועט זיין". מען האָט געוואָלט האָבן אַ פּאַספּאָרט וואָס שנעלער, וואָס גיכער. אָבער איצט האָבן די אַמטן גע־האַנדלט אַנדערש. פּאַספּאָרטן לאַנגטערמיניקע, גילטיקע אויף צו וווינען אין לעמבערג, האָבן באַקומען בלויז די יעניקע, וואָס האָבן געקענט אויפ־

ווייזן, אַז זיי האָבן געוווינט אין די דאָזיקע געביטן נאָך פֿאַרן 39סטן יאָר. ווער ס׳איז אַריינגעקומען נאָכן אויסברוך פֿון קריג, האָט שוין איצט קיין פּאַספּאָרט נישט געקענט באַקומען, דאָס הייסט, ער האָט יאָ באַקומען אַ פּאַספּאָרט, נאָר מיט אַ „פּאַראַגראַף״ ד״ה מיט אַ שטעמפּל, אַז דער אייגנטימער פֿון דאָקומענט איז אַן אומזיכערער עלעמענט, וואָס טאָר נישט וווינען אין קיין גרעסערער שטאָט און טאָר נישט וווינען אין גרענעץ־פּאַס. אויף אַזאַ פּאַספּאָרט האָט מען זיך נישט געקענט איינמעלדן נישט אין לעמבערג און נישט אין ביאַליסטאָק צי אין בריסק. מען האָט גע־דאַרפט פֿאָרן אין אַ קליין שטעטל, וווּ ס׳איז נישט געווען נישט קיין דירה און נישט קיין אַרבעט צומאָל.

די פּאַספּאָרט־אַמטן האָבן זיך אויסגעלייזיקט אויפֿסניי. איידער אַזאַ פּאַספּאָרט איז שוין גלייכער גאָרנישט — האָבן מענטשן געטראַכט. דאָס „כאַפּן״ ביינאַכט האָט אויפֿגעהערט אינגאַנצן, האָט מען זיך באַרואיקט און געוואַרט. אפֿשר וועט זיך די פֿאַראָרדענונג וועגן די פּאַספּאָרטן טאָ־קע ענדערן, אפֿשר וועט אַרויסקומען עפּעס אַ נייער באַפֿעל.

אָבער קיין נייער באַפֿעל איז נישט געקומען. דאַקעגן איז געקומען אַ נייע „רייניקונג״, מען האָט געזוכט איצט אַלע, וואָס האָבן נאָך נישט קיין פּאַספּאָרטן, און אַזוי ווי די אַרטיקע באַפֿעלקערונג האָט שוין באַוויזן זיך צו באַזאָרגן מיט די פּאַספּאָרטן, זענען אויף אַזאַ אופֿן קאַפּויער גע־קומען בלויז די פּליטים, די אַנגעקומענע, נישט וויכטיק צי זיי זענען יאָ געווען פֿאַרשריבן צו פֿאָרן צום דייטש צי ניין. געמיינט האָט מען איצט מער די פּאַשיסטיש־באַנדיטישע אונטערוועלט, וואָס האָט נישט געקענט באַקומען קיין דאָקומענטן צוליב דעם, וואָס די מיליץ־אַמטן האָבן שוין באַוויזן דורכצוזיפּן די באַפֿעלקערונג, אָבער געליטן האָבן ווידער די יידי־שע פּליטים. און ווידער זענען געפֿאָרן הין און צוריק צוגן, ווידער די זעלביקע אומרואיקייט און צאַפּלעניש אין דער זומערדיקער נאַכטיקער לופֿט, ווידער דאָס ווייטע שרעקעוודיקע פֿייפֿן פֿון וואָקזאַלן.

דערפֿאַרונג לערנט. מענטשן האָבן זיך אויסגעלערנט, אַז אַזאַ „ריי־ניקונג״ דאַרף מען איבערקומען. אַז די אַרטיקע מאַכט האָט גאָרנישט צו טון דערמיט. האָט מען גענומען שלאָפֿן אין די שטאָטישע גערטנער, אַרומ־שפּאַצירן גאַנצע נעכט אין דרויסן, נעכטיקן אין פֿעלד הינטער דער שטאָט, נעכטיקן אין קעלערס, אין קעמערלעך, וווּ מען האָט געהאַלטן

האַלץ. אָבער איצט איז די „רייניקונג" געווען אָנגעמערקט אויף אַ לענ־געגרער צייט. נערוון האָבן אָנגעהויבן פּלאַצן. מען קאָן אַזוי לעבן עט־לעכע טעג, אָבער וואָכן איז אוממעגלעך. האָט אָנגעהויבן קומען די רע־זיגנאַציע, דער „ס'איז מיר שוין אַלצייינס". עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז מענטשן האָבן אָנגעהויבן אַליין זיך צו מעלדן אויף דער מיליץ. אין די רויטע, נישט אויסגעשלאָפענע אויגן טויטע מידקייט, טעמפּע אַפּאַטיע, יאושדיקע אומבאַהאָלפנקייט.

— פאַרשרייבט מיך צום „אַוועקפירן" — פלעגן זיי זאָגן, און אַוועקפאַלן אויף דעם האַרטן דיל פון קאָמיסאַריאַט און צומאַכן די אויגן רואיקע שוין, מיטן פעקל אָרעמקייט צוקאָפּנס און איינשלאָפן.

די געוועזענע „שאַכטיאָרן" זענען געווען אין אַ מאָדנער לאַגע, זיי האָבן אייגנטלעך יאָ געהאַט פּאַספּאָרטן, זיי האָבן אָט־די פּאַספּאָרטן אַרויסבאַקומען אין דאָנבאַס, דאָרט אין די שאַכטעס, ווען זיי האָבן זיך געקליבן אַוועקצופאָרן. אָבער די פּאַספּאָרטן זייערע זענען געווען קורצ־טערמיניקע, דריי־ אָדער זעקס־חדשימדיקע, און אָן אַ שטעמפּל פון דער לעמבערגער מיליץ, אָן אַ „פּראָפּיסקע" (איינמעלדונג). געווען אַזעלכע פּאַטרולן, וואָס האָבן אָט־די דאָקומענטן רעספּעקטירט, געווען אָבער אַזעלכע וואָס האָבן געהאַלטן אַז אַזאַ פּאַספּאָרט האָט קיין באַדייטונג נישט, און די געוועזענע „שאַכטיאָרן" אַוועקגעשיקט גלייך מיט אַלע.

איין דאָקומענט איז געווען גילטיק אויסער אַ פּאַספּאָרט, דאָס איז געווען אַ מין שיין, אַז דער אייגנטימער איז דורכאויס אומפּאַרטרעטלעך אין דער אינדוסטריע. דער דאָזיקער שיין האָט געדאַרפט זיין אונטערגע־שריבן פונעם לעמבערגער מיליץ־נאַטשאַלניק גוסיעוו, אויפן פאַרשלאַג פון אַ דירעקטאָר פון אַ מלוכהשער צי אַ קאָאָפּעראַטיווער אונטערנעמונג. געהייסן האָט עס, אַז מען האָט אַ „גוסיעווקע". געווען אפילו מאַכערס, וואָס האָבן זיך אונטערגענומען די דאָזיקע „גוסיעווקעס" אַרויסצובאַקומען פאַר געלט. וויפל אמת ס'האָט געשטעקט דערין איז שווער געווען צו וויסן. טויזנטער מענטשן האָבן דערציילט, אַז מען קען מאַכן אַ גוסיעווקע, אָבער פאַרמאָגט אַזעלכע „גוסיעווקעס" האָבן בסך־הכל עטלעכע טויזנט מענטשן אין גאַנץ לעמבערג, און טאַקע ערשטקלאַסיקע ספּעציאַליסטן, כמעט אַלע פון זיי. אָבער ווען די „רייניקונג", די צווייטע רייניקונג שוין האָט זיך פאַרענדיקט, האָט מען געקענט „מאַכן" אַ פּאַספּאָרט. דאָס יאָ.

געווען אין לעמבערג יידן וואָס האָבן אפילו „געמאַכט אַ לעבן" דערפון. מען האָט געברענגט כלערליי קוויטלעך, אַז מען איז געבוירן און דער־צויגן אין לעמבערג צי אין אַן אַנדער שטעטל נאָענט צו דער גרענעץ. מען האָט געמאַכט גאַנצע „מעטריקעס" (געבורט־שיינען) מיט די נעמען פונעם רב און אפילו פון דעם הייב־אַם, מיט „שיינען" אַז מען אַרבעט דאָ צי דאָרט, און נאָך עטלעכע טעג איז אַ פּאַספּאָרט געווען פאַרטיק. אַ פּאַספּאָרט וועלכן מען האָט געדאַרפט גיין אַליין אָפּנעמען האָט געקאָסט אַן ערך 2.000 רובל. אָבער אויב איינער האָט געהאַט אַ שוואַך האַרץ, און מורא געהאַט אַליין זיך ווייזן אין קאָמיסאַריאַט זייענדיק נאָך אַלץ אָן אַ פּאַספּאָרט, אַזאַ איינער האָט געקענט פאַר נאָך אַ טויזנטער באַקו־מען דעם פּאַספּאָרט גלייך אין שטוב אַריין. דער „מאַכער" פלעגט אים אַליין ברענגען און פאַרטיק.

ביסלעכווייז האָט זיך אַלץ באַרואיקט. ביסלעכווייז איז אַלץ צוריק־געקומען צו זיין נאָרמאַלן אויסזען. בלויז פון צייט צו צייט איז אַנט־דעקט געוואָרן אַ פרישע אַפּערע מיט פּאַספּאָרטן און דער צי יענער נאַ־טשאַלניק, דער צי יענער באַאַמטער איז אַוועק אין טורמע. אָבער אויפ־דעקן די שוין אַרויסגעגעבענע פּעסער איז געווען אוממעגלעך. מען וואָלט געדאַרפט איבערוואַרפן טויזנטער און הונדערטער טויזנטער דאָקומענטן און אויספאָרשן זייער גילטיקייט צי אויטענטישקייט. פלעגט מען זיך באַ־גנוגענען שטענדיק מיט פאַרשיקן דעם, וועמען מען האָט געכאַפּט ביי דער האַנט, און ווייטער איז מען נישט דערגאַנגען, מען האָט אפילו נישט געפּרוווט דערגיין.

דאָס לעבן איז צוריק געוואָרן זומערדיק און רואיק. די נאַכט איז ווידער געוואָרן אַ נאַכט פאַר שלאָף און אָפּרו. און בלויז טיילמאָל, ווען אין נאַכטיקער שטילקייט האָט פאַרבלאָנדזשעט אין שטאָט אַריין אַ וויי־טער פייף פון אַ לאָקאָמאָטיוו האָט ער דערמאָנט, אַז אין אָט־יענעם שכנותדיקן צימער האָבן געוווינט ערשט נישט לאַנג צעטראָגענע, פאַר־בענקטע נאָך זייער היים פליטים, וואָס זענען אַוועקגעפירט געוואָרן ער־גער ווייט, ווייט, אויפגעוועקטע פון שלאָף דורך פונקט אַזאַ לאַנגן, צע־צויגענעם, לאָקאָמאָטיווענעם פייף.

דער קורצער קורס

פון די אַוועקגעפּירטע פּליטים האָבן אָנגעהויבן צו קומען בריוו. די בריוו זענען געווען געשריבן אויף עפּעס אַזאַ מאָדנעם שאַרסטקען פּאַפּיר, מיט בלאַסע טינט, וואָס האָט אויסגעזען נישט ווי טינט, נאָר ווי אַ פליסיקייט וואָס באַקומט זיך נאָכן צעלאָזן אַ כעמישן בלייפעדער. און די אַדרעסן, פון דער צווייטער זייט קאָנווערט זענען אויך עפּעס אַזעלכע מאָדנע געווען: קאָמי אַ. ס. ס. ר., מאַריסקאַיאַ אַ. ס. ס. ר. (אַ. ס. ס. ר. — מיינט אויטאָנאָמישע סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק), און נאָך עפּעס אַזעלכע פאַרוואָרפענע ווייטע קאַנטן, וואָס מען האָט צומאָל נישט געהערט וועגן זיי אפילו. איז מען געלאָפן צו די מאַפּעס פונעם ראַטנפאַרבאַנד זוכן די דאָזיקע מקומות טאַקע, און מערסטנטייל האָט מען געפונען גרויסע גרינע פלעקן, פוסטע ערטער, וואָס אַחוץ די געאָגראַפישע ליניעס האָט מען גאָר זעלטן דאָרט געקענט געפינען אַ קליין רעדעלע, וואָס האָט געגעבן אָנצוהערן, אַז עס זענען פאָרט פאַראַן דאָרטן שטעט אויך. די בריוו זענען געווען פאַרשידענע, אָפּהענגיק פונעם אָרט, פון וואַנען מען האָט זיי אַרויסגעשיקט און אָפּהענגיק צי דער אַרויסשיקער איז געווען דאָרטן באַטראַכט פאַר אַ פאַרמשפּטן צי סתם פאַר אַ „פּערעסעלענעץ" (איבערגעזידלטער). די פּערעסעלענצעס זענען מערסטנטייל געווען די יעניקע וואָס מען האָט אַרויסגעפירט מיט די פאַמיליעס צוזאַמען, און די יחידים זענען כמעט אַלע פאַרמשפּט געוואָרן צו אַזאַ אָדער אַנדערן טערמין אין אַ „טרודאָוואַי־איספּראַוויטיעלני לאַגער" (אַרבעטס און אויסבעסערונגס־לאַגער).

די בריוו פון די פּערעסעלענצעס זענען געווען קורצע. זיי האָבן דערציילט וועגן פאַרוואָרפענע ווייטע שטעטלעך, אָפּגעריסענע פון דער גאַנצער וועלט, ווו זיי, די פאַרשיקטע ווערן באַטראַכט פאַר פאַרדעכטיקע עלעמענטן, וואָס מען האָט זיך פאָרט דערבאַרעמט איבער זיי און נישט איינגעזעצט אין תפיסה, אָבער ווי עס זאָל נישט זיין, דאַרף מען האַלטן זיי גוט אויפן אויג. האַלט מען זיי טאַקע שוין גאָר שטאַרק אויפן אויג, און זייער פרייהייט איז אַ באַגרענעצטע נאָר צו אָט־דעם שטעטעלע צי דערפל אַוו זיי וווינען. די בריוו האָבן צופיל איינצלהייטן נישט אָנגעגעבן, אַזוי אַז עס איז שווער געווען סוף־כל־סוף צו וויסן ווי עס לעבט

זיך זיי דאָרטן. אָבער צום סוף פון יעדן בריוו איז אומפאַרמיידלעך גע־וועזן די זעלביקע צושרײַפט: מען האָט געבעטן שפּייז און מלבושים.

די בריוו פון יחידים זענען געווען גאָר אַנדערע שוין. זיי האָבן דער־ציילט, די בריוו, וועגן האַלב־תפיסות־האַלב־לאַגערן אין ווייטע אוראַל־טע געדיכטע וועלדער, וואָס קיין מענטשלעכער פוס האָט נאָך קיינמאָל אין זייער מיט נישט געטראָטן. האָבן די בריוו דערציילט וועגן קאָרטשע־ווען וועלדער, וועגן אויסהאַקןביימער, וואָס זענען דורות לאַנג געוואַקסן און קיין מענטשלעכע האַנט האָט זיך צו זיי נישט צוגערירט. וועגן גראָבן קאַנאַלן, וואָס האָבן ווייטע אָזערעס מיט טייכן פאַרייניקט, וועגן אַרבעט אין גאָלדגרובנס און אין זאַלץ־גרובנס. האָבן די בריוו דערציילט וועגן דער שווערער פאַרמאַטערנדיקער האָרעוואַניע, וואָס נעמט אַוועק די כּו־חות און שלעפּט אַרויס דאָס חיות פון די מענטשן, וועגן איבערמענטש־לעכער פּראַצע אין די ווייטע וויסטענישן, וועגן קאַרגן שפּייז, וואָס האָט קוים־קוים געסטייעט צו דערהאַלטן די נשמה אויף דער שפּיץ נאָז, און איז אויסגעטיילט געוואָרן געגנוי לויט דער „נאָרמע״, ד״ה לויט דער צאָל פון אָפּגעטוענער אַרבעט. האָבן נאָך די בריוו דערציילט וועגן דעם, אַז מען האָט די פּליטים צונויפגעמישט מיטן ערגסטן שוים און אָפּפאַל פון דער רייזיקער מדינה, מיט מערדערס און גנבים, מיט שאַרלאַטאַנען, מיס־ברויכער און פּראָסטיטוטקעס, וואָס מען האָט פאַריאָגט פון אַלע ווינ־קעלעך פונעם ראַטנפאַרבאַנד דאָרט אַהין טאַקע. ביטער־גאַליק זענען זיי געווען אָט־די בריוו, פול מיט פּראָטעסט און צאָרנדיקן וויי־געשריי, פול מיט פאַרצווייפלונג און יאוש, פול מיט בלוטיקער איראָניע, און צווישן די קרומע שורות, צווישן די אומגעלומפּערטע פאַרפרוירענע אותיות האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט אַ גרויסע און האַרצרייסנדיקע בענקשאַפט, וואָס איז פון יענע ווייטע צפונדיקע וועלדער אַזש דאָ אַהער געקומען און גע־נאָגט די הערצער פון די „גליקלעכע״, וואָס זענען פאַרבליבן. און נאָך האָבן די בריוו דערציילט וועגן מאַלאַריע און שקאָרבוט, וועגן צינגאַ און גאַנגרענע, וועגן קרענק אויסטערלישע און געוויינלעכע. און וועגן דער ווילדער ווייטער וואַלדישער נאַטור האָבן די בריוו דערציילט, אַז עס איז טיילמאָל מאָדנע אויסגעקומען, וואָס זיי, די פאַרשיקטע „האָבן נאָך דעם קאָפּ״ צו אַזעלכענע נאַרישקייטן. האָט מען דורך אָט־די בריוו טאַקע גע־קענט דערזען ביימער הונדערט־יעריקע, טויזנט־יעריקע, מיט צווייגן גע־

דיכטע און פאַרפלאָנטערטע, האָט מען געקענט הערן דאָס וואָיען פון די ווילד־ווייסע צפונדיקע ווינטן, וואָס האָבן זיך געטראָגן ווי צעבריקעווע־טע טאבונעס פון ווילדע פערד, האָט מען ממש געקענט אָנטאַפּן מיט דער האַנט דעם שווערן בלייערנעם אומעט, וואָס איז פון די גרויע שווערע וואָלקנס איבער די באַראַקן געהאָנגען, און געלייגט זיך אויף מענטש־לעכע הערצער ווי אַ שטיין. האָט מען דורך די בריוו, אין טיפע שנייען אַרומגעבראָדיעט מיט אָפּגעפרוירענע פיס, מיט בלאָע אויערן און באַקן, מיט פנימער צעהאַקטע פון די בייסנדיקע זאַווערוכעס, וואָס האָבן מיט זייער פאַרפרוירענעם אָטעם פאַרשפּאַרט דעם דעך צוריק אין גאָרגל אַריין. האָט פון די בריוו אַרויסגעקוקט אַן אומברחמנותדיקער, ווייסער, ביינערדיקער הונגער מיט חוזקדיק אויסגעשטשירעטע ציין.

און נאָך זענען געקומען בריוו פון סאַמע ווייטן צפון, פון אַרכאַנ־געלסקער און מורמאַנסקער ראַיאָנען, פון ווייטע סיבירער טייגעס, פון די ברעגן פון ווייטן סיבירער טייך לענא, פון לענדער ווייטע, שנייאיקע, אָפּ־געהאַקטע און אָפּגעזונדערטע פון דער ברייטער וועלט, פון לענדער ווילדע און שרעקלעך־איינזאַמע, פון קאַנטן אומבאַוווינטע און אומעטיק־פּוסטע.

און געענדיקט האָבן זיך אַט־די בריוו, אַלע אַן אויסנאַם, מיטן זעלבן נוסח: „שיקט אונדז שפּייז! שיקט אונדז פּראָדוקטן! שיקט אונדז עפּעס אָנצוטאָן! שיקט אונדז פּעטס! שיקט אונדז... שיקט אונדז... איר זענט די גליקלעכע, וואָס איר זענט פאַרבליבן, האָט כאָטש אונדז אין זינען!"

האָבן די גליקלעכע געדרייט לאַנג די האַרט־פּאַפּירדיקע בריוו אין די הענט, און נישט געוווּסט וואָס צו טראַכטן דערוועגן. אָ, זיי האָבן זיך אַלע דעמאָלט באַטראַכט פאַר חכמים, די פאַרבליבענע, פאַר „קנאַקערס", פאַר „געביפטע חברה". אַ קלייניקייט, אַרויסגעדרייט זיך פון אַזאַ מין פּעקל. יעדער איינער האָט זיך באַטראַכט פאַר אַן „אויפטוער", וואָס עס איז אים פאַרט געלונגען צו פאַרבלייבן, פאַרט געלונגען אויסצומיידן דאָס אַלץ וואָס די דאָזיקע בריוו האָבן געשריבן דערוועגן. זיי זענען געווען צו־פרידן מיט זיך די פאַרבליבענע און נישט געוווּסט, אַז זיי זענען פאַרבליבן כדי צו פאַלן פון רוצחישע הענט, כדי צו פאַרפילן מיט זיך די גאַז־אויוונס, כדי זייער אַש זאָל צעשפּרייט ווערן אויף אַלע ווינטיקע וועגן.

און פון וואַנען האָבן זיך גענזאָלט נעמען צו זיי אַזעלכע געדאַנקען, אַז די לופט איז פול געווען מיט זון, זאַטקייט און גוטע האָפענונגען. אַלע

„רייניקונגען“ זענען שוין מיט מזל פאַרענדיקט. יעדער איינוווינער האָט שוין אַ פּאַספּאָרט וואָס איז כשר־וישר. איי נישט שטענדיק האָט מען דעם פּאַספּאָרט מיט אַ גלייכן וועג באַקומען, דאָס איז שוין אַן אַנדערע סדרה, אָבער איצט איז מען פאָרט כשר. אין לעמבערג, צי אין ביאַליסטאָק, שיינט די זון, רויטאַרמייער שמייכלען, פאַבריקן גייען שוין אויפסניי מיטן פולן אימפּעט, אויפן אָרט פון די פאַרמאַכטע פּריוואַטע געשעפטן לאַכן שוין אין גאַס אַריין מלוכהשע קראָמען און קאָאָפּעראַטיווע־וואַר־שטאַטן און קלייטן מיט פולע וויטרינעס, מיט פולע פּאָליצעס. יאָ, נישט שייך צו זאָגן, צו דעם וואָס איז געווען פאַר דער מלחמה פעלט נאָך פאָרט אַביסעלע, אָבער דערויף איז דאָך איצט עפּעס אַן אומרואיקע צייט. די וועלט איז אין מלחמה־גרייטקייט און מען דאַרף איינציען דעם פּאַסיק. די הויפּטזאַך איז — מען אַרבעט, מען פאַרדינט — ווער בעסער, ווער ער־גער, אָבער מען איז ווי נישט איז אָנגעטון און מען איז זאַט. אַנטקעגן די הונגעריקע בריוו פונעם ווייטן צפון איז די דאָזיקע זאַטקייט געווען אַ מחיה צו דערפילן, אַ פאַרגעניגן צו וויסן, אַ תענוג פשוט צו פּאַסמאַקע־וועו. און ערשט, אַז מען איז זאַט, האָט מען דאָך כוח טאַקע צום אַרומ־גיין, צו לאַכן, צו זינגען, צו שפּילן פּיאַנאָ, צו גיין אין טעאַטער, אין קי־נאָ, צו בויען ציוויליזאַציע. און די לעמבערגער פּליטים האָט זיך דאָס אַלץ טאַקע פאַרוואָלט, און זיי האָבן זיך צו דעם טאַקע גענומען. רואיק זענען זיי געוואָרן די פּליטים, געצאָלט די געוויסנסביסע־חובות מיט צווייערליי פּעקלעך. פּעקלעך צו די משפחות און קרובים קיין דייטשלאַנד, און פּעק־לעך צו די קרובים און באַקאַנטע אין די ווייטע צפונדיקע וועלדער, און אַליין איז מען אַרומגעגאַנגען צופרידן, וואָס מען האָט מיט מזל אויסגע־מיטן אי דאָס און אי יענץ, און געדוכט האָט זיך, אַז אַזוי בלייבט עס שוין, אַז אַלץ ווערט אַזוי סטאַביל, רואיק און פעסט, אַז מען דאַרף נאָר זוכן איין וועג — ווי אַזוי נאָכהער זיך אַריינצופּאַסן אין אָט־דעם נייעם אַרט פון דעם רואיקן זאַטלעכן לעבן.

די סאָוועטישע מאַכט האָט אַלץ געטון, וואָס איז נאָר מעגלעך גע־ווען די דאָזיקע זאַטקייט צו דערהאַלטן און דעם געפיל פון סטאַבילקייט צו פאַרפעסטיקן. שוין אָפּגערעדט דערפון וואָס אין די צייטונגען זענען געווען וואָס אַמאָל אָפטער פריידיקע ידיעות וועגן פאַרשטאַרקטן פּרעס־

טיזש פון דער מדינה אויפן אינטערנאַציאָנאַלן פאָרום. דאָס ערשט נישט־לאַנג צעשלאָגענע פאַשיסטישע לענדל, פינלאַנד, האָט געלעקט די בלוטיקע וווּנדן שטילערהייט און געסקאָמליעט חניפהדיק צום סאָוועטישן בער׳ ווי אַ הונט וואָס האָט מורא אַ ביל צו טון. די באַלטישע מלוכהלעך האָבן פּאַקטיש שוין לאַנג אויפגעהערט צו זיין דאָס וואָס זיי זענען געווען ביז איצט: מכלומרשט אומאָפּהענגיקע קליינע שיפעלעך אויפן צעברויזטן ים פון דער געשיכטע. צאַלרייכע דעלעגאַציעס האָבן געהאַלטן אין איין פאָרן הין און צוריק קיין מאָסקווע און פון מאָסקווע, און אין די גאַסן פון די באַלטישע הויפּטשטעט האָבן ריזיקע דעמאָנסטראַציעס פון ליטווישע, לעטישע, און עסטלענדישע אַרבעטער און פּויערים געפּאָדערט די איינגלידערונג פון זייערע לענדער אינעם ראַטנפאַרבאַנד. די רעאַקציע, די שוואַרצע כוחות פון די דאָזיקע לענדלעך, האָט אָנגעהויבן מאַסנווייז אַנטלויפן קיין אויסלאַנד, אויפהייבנדיק דאָרט אַ געבילערײ, ווי סטייעס געשלאָגענע שאַקאַלן. וואָס מען האָט פאַריאָגט פון אַ פעטער סעודה. פון לענינגראַד ביז מעמעל האָבן אין די באַלטישע פּאָרטן געאַנקערט סאָוועטישע שיפן און אָנגעפילט די גאַסן פון רעוועל, ריגע און קאָוונע מיט לאַכנדיקע רויטפלאָטלער׳. אין די גראָע וואַסערן פונעם באַלטיק האָט זיך געשפיגלט אַ זומערדיק־יום־טובדיקע זיגרייכע רויטע פאָן, און צום קראַנץ אַרום דעם גלאָבוס מיטן סערפּ־און־האַמער, זענען צוגעקומען דריי נייע מלוכה־עמבלעמען. דאָס צפונדיקע לאַנד קאַרעליען האָט זיך פאַרייניקט מיטן באַפרייטן פאַס פון דער פינלענדישער טעריטאָריע און ווידער איז אַרויסגעשפּרונגען אויף דער מאַפּע אַ נייע רעפּובליק — די קאַרעלאָ־פינישע. די מאָלדאַווישע אויטאָנאָמע רעפּובליק האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיטן בעסאַראַביש־בוקאָווינישן לאַנד און זיך אַנטפּלעקט פאַר דער וועלט אַלס נייע מאָלדאַווישע ס.ס.ר. (פאַרבאַנדישע רעפּובליק). און אַזוי אַרום האָט זי זיך אויסגעגלייכט, די גרענעץ, און געצויגן זיך מיט אַ גלייכער פעסטער ליניע פונעם ווייטן לענינגראַד, דורך די באַלטישע ברעגן, לויפנדיק מיט די טייכן בוג און סאַן, און נאָכן אַרויפרייטן איבער די וואַלדיקע קאַרפּאַטן אַראָפּ ביז צום דונאַי, ביז צום שוואַרצן ים. די גרענעצן פון דער מעכטיקער מדינה האָבן אַ שפּרונג געטון פאָראויס און שטיין געבליבן אָנגעשפּיצטע און וואַכע, מיט דער ביקס גרייט אין האַנט און מיט אַ זיגרייכן רויִקן שמייכל אויפן ברייטן סלאַווישן פּנים.

יאָ, דאָס אַלץ האָט מען געקענט אַרויסלייענען טאַקע פון די צייטונ־
גען, און אויסהערן פון די הויכריידער, פון די גאַסן־מיקראָפאָנען, דערזען
אין די קינאָ־זשורנאַלן, און דערהערן אין די אויסלענדישע אוידיציעס פו־
נעם ראַדיאָ, אויב עמיצער האָט אַזאַ ראַדיאָ געהאַט. אָבער דאָס אַלץ וואָלט
געווען ווייניק, ווען עס קומט נישט קיין פּאַקטישע פאַרבעסערונג אין די
לעבנס־באַדינגונגען. דאָס האָט די ראַטנמאַכט פאַרשטאַנען, און מיט דער
גרעסטער זאָרג זיך גענומען באַציען צו די נייע געביטן. די רעוואָלוציע,
די גרויסע אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט דאָ אָנגעטראָפן אויף אַ קאָמפּלי־
צירטן פּראָבלעם. אינעם אָנבליק פונעם אומפאַרמיידלעכן געראַנגל, וואָס
האָט זיך דערנענטערט, אינעם אָנבליק פון די שווערע, מיט פּולווער־געּ־
לאָדענע וואָלקנס, וואָס האָבן זיך געזאַמלט אויף די ווייטע האָריזאָנטן,
האָט מען נישט געטאָרט אַריינפירן אַ נייעם לעבנס־שטייגער מיט אַנדע־
רע מיטלען, ווי נאָר מיט גוטן און בהדרגהדיק. און דאָס פּראָבלעם איז גע־
ווען אַ פּילזייטיקס. מען האָט געדאַרפט געווינען די באַפעלקערונג און
נישט אָנרירן די אַלטע פאָראורטיילן און סענטימענטן, מען האָט גע־
דאַרפט אַריבערציען דאָס פּויערטום און דערביי זען, אַז דאָס צערייצטע
קולאַקנטום זאָל נישט האָבן קיין אַרגומענטן קעגן דער נייער אָרדענונג,
מען האָט געדאַרפט שטאַרקן די נאַציאָנאַלע אוקראַינישע און ווייסרוסי־
שע סענטימענטן און נישט פאַרגעסן דערביי אויסצופיקן די באַהאַלטע־
נע פּאַשיסטישע רעאַקציע, וואָס איז אויף אָט־דעם נאַציאָנאַליסטישן
פּערדל געריטן. מען האָט געדאַרפט אויסרייניקן דאָס שעדלעכע, וואָס
איז פאַרבליבן פון דער אַמאָליקער פּוילישער אַדמיניסטראַציע אין לאַנד,
און דערביי געדענקען וועגן דער גרויסער צאָל פון דער פּוילישער באַפעל־
קערונג אויף אָט־די געביטן טאַקע.

און דערווייל איז אויף דער וועלט זומער און האַרבסט און ווינטער.
און די זון שיינט זומערדיק און האַרבסטיק און ווינטערדיק, פעלדער וויגן
זיך מיט קאָרן און מיט ווייץ, בלייבן שטיין אָפּגעשוירענע און ברוינע און
דעקן זיך צו מיט אַ ווייסן איבערבעט. וועלדער גרינען, ברוינען, און ברי־
ליאַנטעווען מיט שניי און אייזיקע סאָפּליעס. און מענטשן, פּשוטע
מענטשן, זעען די זון, עסן דאָס ברויט פון די קאָרענע און ווייצענע פעל־
דער און ווילן לאַכן און זינגען און ליבן. און אפשר איז נאָך קיינמאָל דער
דראַנג צו ליבן, די בענקשאַפט נאָך געטרייע מיידלשע אויגן, דאָס גאַרן

נאָך פולע מיידלשע ליפּן, נישט געווען אַזוי שטאַרק ביי די דאָזיקע מענטשן, ווי אין יענעם יאָר. אַזוי ווי מען וואָלט פאַרגעפּילט, אַז דאָס זענען די לעצטע רואיקע חדשים איידער די גרויסע בלוטיקע זאַווערוכע קומט אָן. די זאַווערוכע, וואָס וועט צעטרעטן די פעלדער מיט טאַנקן, אָנ־פילן די וועלדער מיט שאָסן און פאַרשפּרייטן איבער די חורבות פון די שטיינערנע שטעט — טויט און פאַרניכטונג.

איז, פון איין זייט האָט מען געגרייט אַלץ, וואָס איז מעגלעך כדי גרייט צו זיין צום גרויסן קלאַפּ, אויב ער וועט קומען, און פון דער צווייטער זייט, האָט מען געוואָלט אָנפילן די מענטשלעכע הערצער מיטן געפיל פון סטאַבילקייט און זיכערקייט, פון ווילזיין און זאַטקייט. דאָס נייע סאָוועטישע שלאַג־וואָרט פונעם לעצטן פאַר־מלחמה־יאָר: „זשיט סטאַלאָ לעגטשע, זשיט סטאַלאָ וועסעלעיע" — לעבן איז געוואָרן לייכטער, לעבן איז געוואָרן פריילעכער, דאָס דאָזיקע שלאָגוואָרט האָט פאַרנומען דעם אויבנאָן. דער ערשטער באַדינג פון לייכטקייט און פריילעכקייט איז זאַטקייט, האָט טאַקע די סאָוועטישע מאַכט געטון אַלץ, אַז די דאָזיקע מערבדיקע געביטן זאָלן זיין זאַט.

פון ראַטנפאַרבאַנד האָבן אָנגעהויבן אָראָפּקומען טעאַטער־טרופּעס. אין לעמבערג האָט מען געוויזן די פּרעכטיקע סאָוועטישע פּאַנטאָמינע־באַלעט: קראַסני מאַק — רויטער מאָן. אַ קאָנצערט פון דער זינגערן טאַמאַראַ כאַנום, וואָס האָט געזונגען פאָלקסלידער פון סאָוועטישע פעלקער אין 17 פאַרשידענע שפּראַכן, האָט אויפגערודערט אַלעמען. עס זענען אַראָפּגעקומען זינגער, טענצער, רעציטאַטאָרן, רעזשיסאָרן, מאַלער, סקולפּטאָרן, שרייבער און פּובליציסטן. דער סאָוועטישער קינסטלער און אינטעלעקטואַל האָט זיך געשטעלט צו דער אַרבעט פון גייסטיק דעראָבערן די נייע געביטן.

אָבער דאָס אַלץ האָט זיך ווייניק אָנגעזען. די סאָוועטישע מאַכט האָט זיך ענערגיש גענומען צום אָרגאַניזירן די קונסט פון די דאָזיקע געביטן מיט אָרטיקע כוחות. מען האָט געשאַפן טעאַטערס, דראַמאַטישע און קליינקונסט־בינעס, אוקראַינישע און פּוילישע, ווייסרוסישע און יידישע. אין לעמבערג האָט געשפּילט אַ יידיש טעאַטער אויף סלאָנעטשנאַ גאַס, אונטער דער רעזשי פון סאָוועטיש־יידישן רעזשיסאָר בייך. די „צווילינג" דזשיגאַן און שומאַכער האָבן זיך איצט געקאָנט ווינצלען און פריי־

לעך מאַכן דעם עולם פאַר מלוכהש געלט, מען האָט זיי פאַרמלוכהשט. די לעמבערגער אָפּערע האָט געשפּילט אויף אוקראַיניש, אָבער מען האָט אויסגעבויט אַ גוט פּויליש טעאַטער אויף יאַגעלאָנסקאַ, ווו דער אַרטיסט קראַסנאָדעמבסקי האָט אָנגעפירט מיט אַ גוטן אַנסאַמבל.

מען האָט זיך גענומען מיט אַלע מיטלען אַרויסצובאַקומען אויפן אויבערפלאַך די קונסט פונעם פאָלקס־מענטש, פונעם ליבהאָבער. געווען אַ ספּעציעל הויז צו שטיצן ליבהאָבערישע קונסט אויף אַלע קונסט־געביטן, אין יעדער גרעסערער שטאָט, אין יעדן ראַיאָן. אין לעמבערג האָט די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע דער „אָבלאַסטני דאָם נאַראָדנאַי טוואָרטשעסטי" (ראַיאָן־הויז פאַר פאָלקס־שאַפונג) דורכגעפירט אַן אינטערעסאַנטן עקספּערימענט. מען האָט געשאַפן אַ רעוווי־טעאַטער פון בלויז ליבהאָבער, וואָס האָט געגעבן רעגולערע פאָרשטעלונגען צוויי און טיילמאָל דריי מאָל אַ וואָך, כאָטש די אַקטיאָרן זענען געווען אַרבעטער און אָנגעשטעלטע און האָבן קיין געהאַלט פאַר זייער שפּילן נישט באַקומען. די נומערן זענען געווען געשטעלט אין דריי שפּראַכן: פּויליש, אוקראַיניש און יידיש. די דריי שפּראַכן האָבן זיך געפלאָכטן פריינטלעך און גוטמוטיק, און דאָס אינטערעסאַנטע איז געווען, ווי אַזוי די גוישע צושויער האָבן אויפגענומען די יידישע נומערן. זיי פלעגן זיך אָנבייגן צו זייערע יידישע שכנים און בעטן מען זאָל זיי פאַרטייטשן. נו, אַדרבא, פאַרטייטשט אַן אוקראַינישן דיאַדקאָ, וואָס טביה טענהט מיט זיין פערד.

דאָס דאָזיקע טעאַטער האָט געהאַט איין רעזשיסער, וואָס האָט געהאַט אַן אויפזיכט איבער דער גאַנצער אַרבעט, אָבער ער האָט זיך ביי דער רעזשי־אַרבעט אויך אַרויסגעהאָלפן מיט ליבהאָבער. די ליטעראַרישע לייטונג דאַקעגן איז געלעגן אין די הענט פון דריי שרייבער. דעם יידישן טייל האָט געפירט אַלטער קאַציזנע. ער פלעגט קומען אין טעאַטער מיט דער ברייט־צעשויבערטע געקרויזטער טשופּרינע, מיט די גוטמוטיקע וועגעטאַריאַנער־אויגן הינטער די דיקע אויגנגלעזער און נאָכן אָפּטון זיין אַרבעט אין די יידישע נומערן, כאַפּן אַ בליק אויך אויף די פּוילישע און אוקראַינישע.

און אַזוי איז עס אויך אַוועק מיט מאָלעריי און סקולפּטור, מיט מוזיק און דיכטונג, מיט וואָס עס זאָל נאָר נישט זיין. מען האָט צוגעצויגן יעדן איינעם, וואָס האָט נאָר געוואָלט. יהושע פּערלע האָט באַקומען אַן

איינלאַדונג קיין קיעוו און צוריקגעקומען מיט אַ קאָנטראַקט פֿונעם יידישן מלוכה־פֿאַרלאַג אויף אַרויסצוגעבן אַלע זיינע ווערק. פּוילישע שרייבער, וואָס זענען שטענדיק געווען „פֿאַרעווע“ האָט מען דערנענטערט און צוגעצויגן צו דער אַרבעט. אומעטום האָבן די פּראָפעסיאָנאַלן איבערגענומען דאָס שעפּטום, די זאָרג פֿאַר די ליבהאָבער. מען האָט זיך שטאַרק גערעכנט מיט זייער מיינונג. ווען דאָס פּוילישע טעאַטער האָט אויפגעפירט „אוריאל אַקאָסטאַ“, זענען זיי שפּעטער געקומען צו דער ליבהאָבער־טרופּע פֿונעם אויבנדערמאָנטן רעווי־טעאַטער און דורכגעפירט אַ הברלעכע דיסקוסיע וועגן דער פּיעסע און דער אויפֿפירונג. דער אַרטיסט קרעטשמאַר, וואָס האָט געשפּילט אַקאָסטאַן, האָט זיך דורכגענומען מיט די באַמערקונגען פֿון די יידישע אַרטיסטן־ליבהאָבער אויף אַזוי פֿיל, אַז ער האָט איבערגעאַנדערשט דעם אופֿן פֿון שפּילן זיין ראָל.

מען האָט געפֿייערט אין לעמבערג אַ גרויסן מיצקעוויטש־יום־טוב. אַזאַ מיצקעוויטש־יום־טוב האָט נאָך קיין שום פּאָליאַק ביז דעמאָלט נישט געזען. פּרעזידירט האָט דעם יום־טוב דער סעקרעטאַר פֿונעם לעמבערגער פּאַרטיי־קאָמיטעט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויבנאָן, אויף דער בינע פֿון דער גרויסער אָפּערע־געביידע און אַרום אים, ביים פּרעזידיום־טיש אוקראַינישע, פּוילישע און יידישע שרייבער. האָט מען געהאַלטן רעדעס וועגן מיצקעוויטשן און וועגן זיין דיכטונג, וועגן פּושקינס איינפֿלוס אויף מיצקעוויטשן, וועגן מיצקעוויטשעס איינפֿלוס אויף פּושקינען, וועגן מיצקעוויטשעס ליבע צו די קרימער סטעפּעס און וועגן זיין שנאה צום צאַר. די רוסישע אַרטיסטקע פּריכאָדקאַ האָט רעציטירט מיצקעוויטשן אויף רוסיש, אידאַ קאַמינסקאַ האָט רעציטירט אַ פֿראַגמענט פֿון „פּאַן טאַדעוש“ אין קעניגסבערגס איבערזעצונג אויף יידיש, און די גרייז־גרויע פּוילישע אַרטיסטקע סעמאַשקאָ האָט רעציטירט די ווונדערבאַרע פּאָעמע „פּאַריס“. פּאָליאַקן האָבן געוויינט אין זאַל ווען סעמאַשקאָ האָט רעציטירט, נאָר קיינער האָט ביי זיי נישט געפֿרעגט וואָס דאָס געווין באַדייט. געטרויערט נאָך מיצקעוויטשעס טויט האָבן זיי זיכער דעמאָלט נישט. די רעדע פֿונעם סעקרעטאַר פֿונעם פּאַרטיי־קאָמיטעט האָט אויפֿגעקלערט די פֿאַרזאַמלטע די טיפֿע זאָרג פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון קולטור ביי אַלע נאַציאָנאַליטעטן, אין איינקלאַנג מיט דער נאַציאָנאַליטעטן־פּאָליטיק פֿון דער ראַטנפֿאַרבאַנדישער מדינה, אַ פּאָליטיק, וואָס אירע פֿונ־

דאַמענטן זענען געלייגט געוואָרן שוין פון לאַנג מיט אַ וויסנשאַפטלעכער אַרבעט וועגן אַט־דער פּאָליטיק, וואָס איז געוואָרן אָנגעשריבן פונעם גרויסן פירער פון די ראַטנלענדישע פעלקער, יאָסיף סטאַלין.

ביים נאָמען „סטאַלין" האָט דער זאַל געררוישט פון הילכיקע און לאַנג־דויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן, וואָס זענען געווען פיל רוישיקער ווי דאָס פריערדיקע געוויין ביים רעציטירן „פּאַריס". דער פּוילישער ליטעראַטור־קענער און קריטיקער, דער פילאָזאָף און באַלזאַק־פאָרשער באָי־זשעלענסקי איז געזעסן האַרט נעבן רעדנער. ער האָט אַפּלאָדירט אַזוי הויך, אַז די מאַנזשעטן זענען אים אַרויסגעפאַלן. ער האָט זיי צוריקגעבראַכט צום פריערדיקן אָרט און אַפּלאָדירט ווייטער, מיט אַ סטאָיש־פילאָזאָפיש שמייכעלע אויף די געדיכטע שוואַרצע ברעמען.

מען האָט אַרויסגעגעבן אין הונדערטער טויזנטער עקזעמפּלאַרן דעם א. ג. „קרוטקי קורס", דעם קורצן קורס פון געשיכטע פון דער פּאַרטיי. טאָג־איין, טאָג־אויס, האָט מען אויפגעפּאָדערט די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, די באַאַמטע פון אַלע גראַדן און שטאַפּלען דעם דאָזיקן קורס גרינטלעך צו שטודירן. מען האָט דורכגעפירט פאַרמעסטונגען, אין וועלכע פאַבריק אָדער אַמט דאָס בוך איז שוין מער פאַרשפּרייט, און וועלכער קרייז פון לייענען האַלט שוין ווייטער. דאָס שטודירן דעם „קרוטקי קורס" איז געוואָרן אַ מין געזעלשאַפטלעכער חוב צו דערפילן. מען האָט געפרעגט איינער ביים אַנדערן אויפן גאַס:

— ביי וועלכן קאַפּיטל האַלט איר שוין?

— ביי אונדז ענדיקן מיר די וואָך דאָס עלפטע. און ביי אייך?

אַלטע פּוילישע מאַגיסטראַט־באַאַמטע, וואָס האָבן אונטער דער נייער אָרדענונג אויפסנייַ זיך פאַרנומען מיט אויסשרייבן געבורט־שיינען און טויט־שיינען, האָבן זיך געאײַלט אַהיים זונטיק נאָכן גאָטעסדינסט אין „קאָשטשאָל", כדי צו דעריאָגן אינעם „קראַטקי קורס" דאָס, וואָס זיי האָבן נישט באַוויזן במשך פון דער וואָך. יידן־סוחרים, וואָס זענען איצט געוואָרן קאָאָפּעראַטיוו־אָנגעשטעלטע, האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיטן „קראַטקי קורס" אין קעשענע. צו אַלע סימנים פון פּאָליטישער כשרות איז צוגעקומען נאָך איינער: די קענטעניש פון אַט־דעם קראַטקי קורס טאַקע.

די אוניווערזיטעטן זענען געווען איבערפולט. די אַמאָליקע פּראָפעסאָרן, אויסער געציילטע געשווירענע רעאַקציאָנערן, וואָס מען האָט זיי

שוין פון לאַנג פאַרשיקט, זענען אַלע געווען אויפן פלאַץ. צווישן די פראָ־פעסאָרן האָט זיך אויסגעטיילט די גוטמוטיקע, געזעצטע געשטאַלט פו־נעם אַמאָליקן פרעמיער־מיניסטער אין פילסודסקיס רעגירונג, פונעם לי־בעראַלן פילסודטשיק פון אַלטן שניט, פראָפ. קאַזשימיעזש באַרטעל. ער האָט זיך אַרומגעשפּאַצירט איבער די לעמבערגער גאַסן אַ שמייכלענדי־קער, אַ צופֿעלאַזענער, אַ צופרידענער מיטן אוניווערזיטעט און מיט זיינע סטודענטן. ער, דער אַמאָליקער באַן־אַרבעטער און שפּעטערדיקער אינ־זשעניער, ער, דער פרעמיער פון אַמאָליקן פוילן, וואָס האָט נאַיוו געהאָט געחלומט, אַז פילסודסקי וועט איינפירן אין פוילן סאָציאַלע גערעכטי־קייט, ער, וואָס האָט געהאַט דעם מוט שטענדיק זיך קעגנצושטעלן אַלע אַנטיסעמיטישע העצעס, ער, פראָפ. באַרטעל, האָט זיך געפרייט דערמיט, וואָס לעמבערג איז רואיק, דער אוניווערזיטעט איז אָפן, און סטודענטן הערן זיך איין אין זיינע לעקציעס.

אין איינעם פון אַזעלכע שפּאַצירן טאָקע, איבערן אוניווערזיטעט־גאָרטן, אין איבעררייס צווישן איין לעקציע און דער צווייטער, זענען צוגע־קומען צום פּראָפעסאָר צוויי מענטשן. איינער איז געווען אַ קאָרעספּאָנ־דענט פון „טאַס" און דער צווייטער אַ פאָטאָ־רעפּאָרטער. דער קאָרעס־פּאָנדענט האָט געפרעגט ביים פּראָפעסאָר, ווי עס לעבט זיך אים עפּעס איצט, אין די נייע באַדינגונגען. דער פּראָפעסאָר האָט געענטפערט מיט אַ העפלעך שמייכעלע. ער האָט געוויזן די צייטונגס־מענטשן אַ ביכל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט:

— איך שטודיר — האָט ער געענטפערט — אַ מענטש דאַרף שטו־דירן און לערנען דאָס גאַנצע לעבן.

דער פאָטאָ־רעפּאָרטער האָט געגעבן אַ „פּשטיק" מיטן אַפּאַראַט. אויף צומאָרגנס איז אין די צייטונגען געווען אַ רעפּאָרטאַזש מיט אַ בילד: צווישן די ביימער פון אוניווערזיטעט־גאָרטן אין לעמבערג, שמועסט דער קאָרעספּאָנדענט פון דער סאָוועטישער טעלעגראַפן־אַגענטור מיטן געווע־זענעם פוילישן פרעמיער און איצטיקן אוניווערזיטעט־פּראָפעסאָר קאַ־זשימיעזש באַרטעל. דער פּראָפעסאָר ווייזט דעם קאָרעספּאָנדענט מיט וואָס ער פאַרנעמט זיך אָקאָרשט: ער שטודירט דעם „קורצן קורס פון פּאַרטיי־געשיכטע".

נישטאָ קיין גוטע קאַזאַרמעס אין אירקוטסק

אַ מאָדנע זאַך, ווי לאַנג איז עס, אַז מענטשן זענען אַרויסגעריסן געוואָרן פון זייער רואיקייט דורך אַ שטורעם וואָס איז געקומען פלוצלינג? ווי לאַנג איז עס, אַז מענטשן האָבן זיך אַרומגעדרייט איבער דער וועלט רואיקע, זיכערע און נישט געוואָלט גלויבן אין קיין שום מלחמות, נישט געוואָלט פאַרטראַכטן זיך אפילו איבער די לייט־אַרטיקלען פון די צייטונגען צי איבער דעם פאַרפּלאָנטערטן לשון פון די דיפּלאָמאַטישע רעדעס — און איבמיטן דעריבער, זענען פון רואיקן האַרבסטיקן צעשייגטן הימל אַראָפּ עראָפּלאַנען? סך־הכל איז עס עפּעס מער ווי אַ יאָר, און שוין זענען מענטשן ווידער רואיק און זיכער, שוין איז דער מוח איבערגעפּולט מיט קליינע, טאָג־טעגלעכע זאָרגן און דאגות, שוין פאַלט גאָר קיינעם נישט איין, אַז יענע טעג, טעג איינגעוויקלטע אין שריפה־רויכן, טעג הילכנדיקע מיט באָמבעס און מיט אויפרייסן, יענע שגעונדיקע טעג פון האַרבסט 1939 קאָנען זיך איבערחזרן. פּונקט אַזוי ווי פריער ווען דער שלום איז געווען אַ פאַרשטענדלעכע, נאָרמאַלע זאַך, אַזוי איז איצט געוואָרן פאַרשטענדלעך און נאָרמאַל אָט־דער צושטאַנד פון האַלב־שלום־האַלב־מלחמה. דאָ הייסט עס, אין אָט־די מערב־געביטן, וואָס האָבן אַמאָל, אין פּוילן, געהייסן מזרח־געביטן, הערשט שלום, פּונקט ווי עס הערשט שלום אין דער גאַנצער ריזיקער, סאָוועטישער מדינה, און ערגעץ ווייט־ווייט, אין די לענדער פון מערב אייראָפּע איז מכלומרשט מלחמה. אָבער אייגנטלעך איז דאָרט אויך שוין מער קיין מלחמה נישט. דער דייטש האָט זיך שווער אַרויפגעלייגט אויף דער מאַפּע פון אייראָפּע און בלויז פון איבער יענער זייט קאַנאַל שטשירעט אים אַנטקעגן די ציין דער ענגלישער בייזער בולדאָג און וואָרטשעט פאַרביסן. אָבער אַחוץ אָט־דעם וואָרטשען איז שטיל אויף דער וועלט. אַלנפאַלס, דאָ וועט זיכער זיין שטיל. „דער דייטש האָט מורא אָנצוהייבן מיט פאָניען — אַזוי האָבן יידן געטענהט צווישן זיך און נאָכן אויסחשבונען גענוי און דייטלעך אַלע ראיות פאַר, און אַלע ראיות קעגן, געקומען צו אַן אויספיר, אַז דער דייטש וועט מיטן ראַטנפאַרבאַנד נישט אָנהייבן. עס לוינט אים נישט פשוט — האָבן יידן פּאָליטיקער געזאָגט, און כדי דאָס אונטערצושטרייכן נאָך פעסטער, באַלד צוגעגעבן: „פאָניע איז נישט קיין מפיל־קינד — האָסט געזען די

„כלים" וואָס זענען נעכטן דורכגעפאָרן איבער דער לעגיאָנען־גאַס?"

די „כלים" האָבן טאַקע געהאַלטן אין איין פאָרן. די דייטש־סאָוועטישע גרענעץ איז איצט געוואָרן אַן אָנגעשפּיצטע וואַנט, צו וועלכער מען האָט געהאַלטן אין איין צושיקן מענטשן און קריגס־מאַטעריאַלן, און כאָטש על־פּי־שכל, האָבן די דאָזיקע דורכפאָרנדיקע טאַנקן געדאַרפט אַרויסרופן אומרו, דאָך זענען מענטשן געוואָרן וואָס אַמאָל רואיקער און פעסטער אין זייער איבערצייגונג, אַז ווי־ווי, נאָר דאָ וועט קיין מלחמה נישט זיין.

וואָס ענגער די גרענעץ האָט זיך פאַרמאַכט, וואָס פעסטער זי איז געוואָרן צוגעשלאָסן, אַלץ מער האָבן אָנגעהויבן בושעווען די פאַשיסטישע אונטערערד־באַנדעס. פריער, ווען די גרענעצן זענען געווען אָפן, האָבן זיי געקענט זיך אַרויסרייסן דורך די דרום־גרענעצן קיין אונגאַרן צי רומעניע, שוין אָפּגערעדט פון זייער וואַנדערן הין און צוריק צום דייטש, אָבער איצט ווען די גרענעץ איז געוואָרן פאַרקלאַפּט כמעט ווי הערמעטיש, און ווען די פעטליע אַרום די פאַשיסטישע העלדזער האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרציען וואָס אַמאָל ענגער, אַ דאַנק די פאַרשטאַרקטע וואַכזאַמקייט און די שטרענגע פּאַספּאָרט־געזעצן, איצט האָבן זיי אין פאַרצווייפלונג שוין אָנגעהויבן אַרויס פון די כלים. עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַטענטאַטן. זיי האָבן געפּרוּווט אַפילו אַרויס אין גאַס אַריין מיט דעמאָנסטראַציעס. די ערשטע דעמאָנסטראַציע פון דעם סאָרט איז פאָרגעקומען אין האַרבסט 1940 ווען פּוילישע פאַשיסטן האָבן אויסגעקליבן דעם טאָג פון פּוילנס אומאָפּהענגיקייט, דעם 11טן נאָוועמבער, כדי דורכצופירן אַן אַנטיסאָוועטישע מאַניפעסטאַציע. זיי זענען דורכגעפאַלן מיטן פּולן קנאַק. די גאַס איז געבליבן טויב און שטום, און צוגעקוקט זיך גלייכגילטיק, ווי אַ באַנדע סטודענטלעך צוזאַמען מיט אונטערוועלט־מענטשן רייסן זיך די גאָרגלען:

— נידער מיט די סאָוועטן! זאָל לעבן פּוילן!

די גאַס איז געשטאַנען גלייכגילטיק און געקוקט מיט אַ ביטולדיק שמייכעלע אויף די דעמאָנסטראַנטן, און ווען אַן אָפּטיילונג מיליץ איז אָנגעקומען און אַרומגערינגלט זיי, האָבן זיך פון המון גענומען אַרויסשיילן עטלעכע ציווילע וואָס האָבן נאָכגעיאָגט די פאַשיסטן און איבערגעגעבן זיי אין די הענט פון דער מיליץ.

קיין עפנטלעכע מאַניפעסטאַציעס זענען שוין מער נישט פאָרגעקומען, אָבער עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סעריע אַטענטאַטן. דער פוילישער אַרבעטער־טוער, סאָבאָלעווסקי, אַ נאָענטער חבר פון וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ איז געפאַלן פון מערדערישע הענט אין מיטן גאַס. אויף אַ שווים־באַסיין, ווו עס האָבן זיך געבאָדן רויטע קאָמאַנדירן און סאָלדאַטן, האָט מען געוואָרפן אַ באָמבע און עטלעכע יונגע לעבנס זענען פאַרשניטן געוואָרן אין די סאַמע בליענדיקע יאָרן. לייטנדיקע אָנפירער פון מלוכהשע פאַבריקן האָבן אָנגעהויבן באַקומען דראָאונג־בריוו, אַז אויב זיי וועלן נישט אויפהערן מיטצואַרבעטן מיטן „רויטן אָקופּאַנט“, וועט מען זיי „ליקווידירן“.

די סאָוועטישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן אָפּגעענטפערט פעסט און אַנטשלאָסן. מיט דער זעלבער זאַכלעכקייט, מיט וועלכער זיי האָבן זיך באַמיט צו דערהאַלטן אין די דאָזיקע געביטן דעם צושטאַנד פון ווילזיין און זאַטקייט, האָבן זיי איצט אָנגעהויבן, ניט אויפגעבנדיק די קאָנסטרוקטיווע אַרבעט אויף קיין איין מינוט נישט, צו טיילן אין דער זעלבער צייט שווערע קלעפּ. עס זענען אויפסנייַ אַראָפּגעקומען ספּעציעלע אָפּטיילונגען און מען האָט אָנגעהויבן דורכזיפּן די פאַרפעסטעטע נעסטן. מען האָט גערייניקט די שטאָט פון פאַרדעכטיקע עלעמענטן, אָבער דאָס מאָל האָט עס שוין די יידן אינגאַנצן נישט אָנגערירט. פון די דערפער האָט מען אָנגעהויבן מאַסנווייז אַרויסצורופן די א״ג „אָסאַדניקעס“. דאָס זענען געווען פוילישע קאָלאָניסטן, וואָס זענען באַשטאַנען מערסטנטייל פון אַמאָליקע סאָלדאַטן פון האַלערס אַרמיי, וואָס האָט אין 1920 געקעמפט אַנטקעגן דער ראַטנמאַכט און איז פול געווען מיט פרייוויליקע באַנדיטן. אַלס באַלוינונג האָט מען זיי שפּעטער באַשאָנקען מיט ספּעציעלע נחלות דאָ, אויף די „קרעסן“ (מזרח־גרענעצן), וועלנדיק דערגרייכן אַ טאָפּלטן ציל דערמיט, אי האַלטן אויף דער גרענעץ פונעם ראַטנפאַרבאַנד אַ פּיינטלעכן אַנטי־סאָוועטישן עלעמענטן און אי „פאַרפּויליש[ן]“ די געביטן וואָס זענען געווען פויליש אין אַ גאַר, גאָר קליינער מאָס. אָט־די אָסאַדניקעס האָט מען איצט אָנגעהויבן צו פאַרשיקן, ווייל פון זייערע רייען האָבן די פאַשיסטישע פוילישע אונטערערד־באַנדעס רעקרוטירט זייערע מיטגלידער. אָפּשטאַמיק זענען די דאָזיקע קאָלאָניסטן געווען מערסטנטייל פון פּויזנער קאַנט, און דורכגעדרונגען מיט סימפּאַטיעס צו די דייטשן און

מיט אַ טיפער שנאה צו אַלעם וואָס זיי האָבן באַצייכנט מיטן נאָמען „זשידאָ־קאָמונאַ" (יידישער קאָמוניזם).

אין די דערפער האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן די ערשטע קאָלכאָזן. אין טייל דערפער האָבן די פויערים אָרגאַניזירט בלויז אַ בשותפותדיקע סטאַנציע פון אַגריקולטור־מאַשינען און אַ בשותפותדיקן איינקויף פון פאַרזיי־קערנער. אָבער אין אַ סך דערפער, ספּעציעל אין די דאָזיקע, וווּ מען האָט פונאַנדערגעטיילט די פּריצישע ערד צווישן די אָרימע פויערים, האָט מען געקאָנט דורכפירן דעם אָנהויב פון דער קאָלעקטיוויזאַציע, נישט אויפטרייסלענדיק די סטרוקטור פונעם דאָרף. אָבער אויך די דאָזיקע מילדע פאָרעם האָט אויפגערייצט דאָס קולאַקנטום און די געהיימע אוקראַיניש־פאַשיסטישע באַנדעס האָבן געקראָגן אין די דערפער נייע פאַרבינדעטע. מען האָט אָנגעהויבן סטראַשען דאָס דאָרף דערמיט, אַז עס גרייט זיך אַ צוואַנגס־קאָלעקטיוויזאַציע, און אָנגעהויבן אַן אַגיטאַציע פון פאַסיוון ווידערשטאַנד, פון נישט צושטעלן קיין שפּייז אין שטאָט אַריין, פון נישט צאָלן די שטייערן אין נאַטור, ד״ה נישט צושטעלן דעם געוויסן פּראָצענט פון פּראָדוקטן, וואָס אינדיווידועלע פויערים האָבן געדאַרפט צושטעלן דער מלוכה לויט דער גרויס פון זייער באָדן.

אויך דאָ האָט די ראַטנמאַכט אָפּגעענטפערט מיט דער זעלבער ווייך־שטאַרקער האַנט. ווייך איז זי געווען די האַנט, ווען עס האָט זיך גע־האַנדלט אין איבערצייגן, אין אַריבערציען, אין צוציען און געבן צו פאַר־שטיין, אָבער שאַרסטקע, האַרט און אומברחמנותדיק פלעגט זי ווערן באַלד, ווען זי האָט זיך איבערצייגט, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ שונא, און אַזוי האָבן זיך אָנגעהויבן די פאַרשיקונגען אויך פון די אוקראַינישע דערפער.

די דאָזיקע פעסטקייט און שנעלקייט אין באַצוג צו די אונטערערדי־שע פאַשיסטישע באַנדעס האָט אַריינגעגאָסן נאָך מער זיכערקייט אין מענטשלעכע הערצער, אָבער אַמיינסטן רואיקייט איז געקומען פון דער כסדר־וואַקסנדער אינדוסטריע אין שטאָט. פאַבריקן זענען אויפגעקומען איבער נאַכט. די אָרטיקע פאַבריקן וואָס האָבן עקזיסטירט נאָך פאַר דער מלחמה זענען אַלע שוין געווען אין גאַנג, אָבער דאָס איז נאָך נישט געווען אַלץ. מען האָט געהאַלטן אין איין ברענגען מאַשינען פון טיף־רוסלאַנד און אויפשטעלן נייע וואַרשטאַטן און זאַוואָדן. נישט געווען קיין טאָג אַז

די צייטונגען זאָלן נישט ברענגען קיין ידיעה וועגן אַ נייער מלוכהשער צי קאָאָפּעראַטיווער פֿאַבריק. מענטשן האָבן זיך צוגעקוקט צו דעם אַלעם, און געדערדט צווישן זיך, אַז אויב פאַניע לייגט אַריין אַזויפיל אין אָט־דעם נייעם לאַנד אַריין, מסתם איז ער זיכער דערמיט, און אַ שלווהדיקע רואיקייט איז אַריין אין מענטשלעכע הערצער, און וויפל מען האָט נישט געפּלעגט אויסהערן אין די אויסלענדישע אוידיציעס וועגן דעם, אַז דער דייטש טשעפּעט זיך שוין צו רוסלאַנד, און אַז אַ מלחמה איז אומפֿאַרמיידלעך, האָט מען אַלץ נישט געוואָלט גלויבן דעריין. און די, וואָס האָבן שוין יאָ געגלויבט אין טשעפּען זיך, האָבן אויך בשום אופן נישט געוואָלט גלויבן אין קיין שום מלחמות.

— ווייס־איך־וואָס — פלעגן זיי זאָגן — דער דייטש סטראַשעט, אָבער דוכט זיך „רב יאָסלען" וועט ער שוין נישט אָנסטראַשען. ער וועט אים זאָגן, רב יאָסל, ער זאָל סטראַשען די געגנדז.

בשעת־מעשה פלעגן אָט־די יידן כאַפּן אַ בליק אויף דער וואַנט, אויף „רב יאָסלס" פּאָרטרעט טאַקע. פלעגן קלוגע, יידישע, סוחריש־לומדישע אויגן אָנטרעפן אַ פּאָר גוטמוטיקע, שמייכלענדיקע, קאַווקאַזישע אויגן, און אַ קלוגעטשקע שמייכעלע, וואָס האָט אַרומגעפּויזעט איבער די קגייטשן פון די אויגן־ווינקעלעך, געטשייעט זיך אונטער די דיקע גרוזינישע וואָנצעס און הענגען געבליבן אין רויך פון דער ליולקע. האָט דאָס יידישע שמייכעלע דערפילט עפּעס אַ מין קרובהשאַפט מיטן קאַווקאַזישן און פון אָט־דער קרובהשאַפט איז ער נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן די זיכערקייט, אַז „רב יאָסל" וועט נישט פּאַרפּירן, „ס'איז דאָ ברוך־השם אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן".

די אוידיציעס אין אויסלענדישן ראַדיאָ זענען געוואָרן וואָס אַמאָל דייטלעכער, וואָס אַמאָל רייכער אין דעטאַלן. יידן וואָס האָבן געהאַט ראַדיאָ־אַפּאַראַטן „אויף אויסלאַנד" האָבן דערציילט, אַז דער ענגלענדער האַלט אין איין טענהן, אַז אַ ליאַדע מינוט וועט דער דייטש אָנפאַלן אויף רוסלאַנד, קיינער אָבער האָט זיך נישט געשראָקן.

„נו, אדרבא, זאָל ער אָנפאַלן — האָבן יידן געזאָגט — דאָ וועט ער איינגעמען אַ שוואַרצן סוף, דאָ קומט זיין באַגרעבעניש, דאָ ווערט ער צעריבן אויף קאַשע... צווישן אַ יאָ און אַ ניין"...

די דאָזיקע זיכערקייט האָט זיך פאַרשטאַרקט מיט יעדער נייער פּאַר־

אָרדענונג, וואָס האָט טאַקע דייטלעך אַנגעוויזן, אַז ער רוקט זיך אָן, דער שטורעם, מיט שנעלע, אומברחמנותדיקע טריט. אַזעלכענע פאַראָרדענונגען זענען געקומען וואָס אַמאָל אָפטער. אָט האָט מען פלוצלינג אויף אַלע פאַבריקן איינגעאָרדנט מיליטעריש־שיסעריש קרייזן. אָט האָט מען זיך גענומען אָרגאַניזירן קרייזלעך פון „רויטן קרייץ", ווו מען האָט געלייגט אַ ספעציעלן אַכט אויף סאַניטאַרע פראָנט־איינאיבונג. אָט האָט מען אָנגעהויבן נעמען אין מיליטער נישט נאָר די לויפנדיקע יאָרגענג, נאָר אויך די עלטערע, די וואָס האָבן אַמאָל געדינט אין דער פוילישער אַרמיי. אמת, מען האָט גענומען נאָר אויף פיר אָדער זעקס וואָכן איבונגען, אָבער מען האָט גענומען. אָט האָט מען אָנגעהויבן אויספרובירן ביינאַכט רעפלעקטאָרן איבער לעמבערג. די רעפלעקטאָרן האָבן געשיקט לאַנגע ליכטיקע אָרעמס צום טונקעלן פרילינגדיקן הימל און איבערגעוווּנקען זיך פון אַלע עקן שטאָט. פון די הינטערשטאָטישע שיס־איבונגס־פלעצער פלעגט זיך כסדר טראָגן דער אָפקלאַנג פון שאָסן. אויף די פאַבריקן האָט מען איינגעאָרדנט אַלע מאָל מאַסן־מיטינגען, אויף וועלכע מען האָט גערופן די אַרבעטער צו פאַרשטאַרקטער פראָדוקציע, ווייל דאָס לאַנד מוז זיין גרייט. צו וואָס גרייט? ווען גרייט? קעגן וועמען גרייט? דאָס האָט מען נאָך דעמאָלט נישט דערציילט, אָבער מען האָט עס שוין אָנגעהויבן אַרויספילן צווישן די שורות. קאָמאַנדירן וואָס האָבן אַמאָל, ריידנדיק וועגן מלחמה, אָנגערופן עפעס אַן אומבאַשטימטן, נאָמענלאָזן שונא, האָבן איצט זיך שוין טיילמאָל אַרויסגעכאַפט מיטן וואָרט „גערמאַניעץ". אָבער אַלץ איז געווען עפעס ווי אין אַ ווייטער, ווייטער פערספעקטיוו. אויב עס וועט אפילו זיין אַ מלחמה מיטן דייטש, איז אויך נאָך נישט אַזוי שנעל — האָבן מענטשן געטראַכט. פאַסט צווישן אָט־די געביטן און דייטשלאַנד איז דערווייל נאָך געגאַנגען הין און צוריק כמעט ווי נאָרמאַל, און טראָץ דער כלומרשטער אָנגעצויגנקייט האָט אַלץ אויסגעזען פרידלעך און שטיל.

אין די אויסלענדישע אוידיציעס האָט מען אָנגעהויבן אָנגעבן גענויע איינצלהייטן, וואָס דער דייטש פאָדערט פונעם רוס, און וואָס דער רוס האָט דערויף געענטפערט. דער דייטש האָט געפאָדערט חוצפהדיק, מיט אַן אויסרעכענונג אויף אַן אָפזאָג. דער סאָוועטישער ענטפער איז געווען אַ קאַלטער און צוריקגעהאַלטענער. מענטשן זענען פון אָט־דעם ענטפער

אַביסעלע טאַקע אומרואיק געוואָרן. עפּעס זעט עס אויס, אַז דער דייטש איז צו זיכער, האַ? — האָט מען איבערגעפּרעגט איינער ביים אַנדערן. יידן האָבן געפּרוּווט דערגיין דעם שכל, דעם תּוך פון אָט־דעם אַלעם, און געקומען צו אַן אויספיר, אַז מען דאַרף איצטער נאָך צווואַרטן אויף אַ מער אויספירלעכן ענטפער, אַז דאָס וואָס דער רוס האָט געענטפערט איז נאָך קיין ענטפער נישט און אַז מסתּם וועט ער קומען דער ענטפער, און גאָר אינגיכן.

און אַזוי איז עס טאַקע געווען. דער ענטפער איז געקומען, נאָר עפּעס אַזוי מאָדנע איז ער געווען, אַז נאָר די סאָוועטישע מענטשן האָבן גלייך געקענט באַנעמען זיין באַדייטונג. די אַרטיקל האָבן גאָרנישט גע־קענט פאַרשטיין וואָס פאַר אַ שכל עס שטעקט אין אַזאַ ענטפער. אַז סך־הכל איז עס גאָר נישט קיין ענטפער צום דייטש. ס׳איז געווען אַ קאָמו־ניקאַט אַז דער חבר יוסף וויסאַריאָנאָוויטש סטאַלין איז געוואָרן פּרעמיער־מיניסטער און איבערגענומען אַליין די רעגירונג.

יידן האָבן נישט פאַרשטאַנען:

— סטייטש, מען האָט דאָך אים ביז אַהער אויך געפאָלגט, טאָ וואָס איז דאָ פאַר אַ חילוק, צי ער איז יאָ פּרעמיער, צי נישט? אַז סיי־ווי איז ער דער „סאַמע גלאַוונע“, און אַזוי ווי ע ר הייסט, אַזוי פירט מען טאַקע.

אַז יידן פלעגן מיט אָט־אַזעלכע פראַגן צושטיין צו באַקאַנטע נאַ־טשאַלניקעס צי קאָמאַנדירן, פלעגן יענע אויפהייבן די אויגן און זאָגן ערנסט און פייערלעך:

— אַז דער קאַפּיטאַן שטעלט זיך אַליין אַוועק ביים רודער, איז אַ סימן אַז עס גייט אַ שטורעם, און אַ גרויסער שטורעם...

— נאָר האָב נישט קיין מורא — פלעגן זיי באַלד צוגעבן — אָט דעו׳ קאַפּיטאַן האָט אַ פאָר פעסטע זיכערע הענט.

ערשט דעמאָלט האָבן יידן דערזען דעם שכל פונעם ענטפער, פון אָט־דעם ערשטן און וויכטיקסטן ענטפער, אָבער נישט נאָר דער ענטפער איז געקומען אויף די דייטשישע פאָדערונגען. מיליטער האָט אָנגעהויבן שטראָמען נאָך מער ווי ביז איצט. דאָס געקלימפּערײַ פון די שווערע און ריזיקע וואָראָשילאָוו־טאַנקען האָט אָפּגעהילכט איבער די לעמבערגער גאַסן. מיליטער האָט געצויגן אויף מערב און אויף דרום, און אַלץ איז

דורכגעגאַנגען דורך לעמבערג, אַלץ האָט מען געקענט זען מיט אייגענע אויגן, און דערזען האָט מען עפּעס אַזעלכעס וואָס מען האָט אין פּוילן נישט געזען קיינמאָל. און מענטשן האָבן ווידער זיך באַרואיקט. „ניש־קשה, מען גרייט אָן פאַרן דייטש קאַשע מיט מילך, אַז ער וועט אַ זופּ טון, וועט אים שוין דער בויך ווי טון". און מען האָט געשעפּט נחת פון די פאַרבייפאָרנדיקע שווערע און לייכטע טאַנקען, פון די גרויסע שווערע האַרמאַטן, פון די מאָטאָריזירטע פּאָלקן, פון די רעפלעקטאָרן ביינאַכט, פונעם כסדרדיקן געקלימפּעריי פון דער גרויסער, מעכטיקער אַרמיי, וואָס האָט געאיילט צו דער גרענעץ, צו דער באַדראָעטער, ביז ערשט־נישט־לאַנג שוצלאָזער גרענעץ.

און אין אַ שיינעם העלן טאָג איז געקומען נאָך אַן ענטפער, אין די צייטונגען האָט זיך באַוויזן אַ קאָמוניקאַט, אַן אָפּיציעלער קאָמוניקאַט פון „טאַס". אינעם קאָמוניקאַט האָט זיך געזאָגט בלויז אַ קלייניקייט: „אַז די פּאָלקן, וואָס זענען איבערגעטראָגן געוואָרן אויף די מערבדיקע געביטן, זענען דאָ אַהערגעקומען צוליב איין זאַך, דהינו: אין די סיבירער קאַ־זאַרמעס, אין די קאַזאַרמעס פון אירקוטסק און טאָמסק, איז נישט פאַראַן געננוג הייץ־מאַטעריאַל און עס פעלן די באַקוועמלעכקייטן, וואָס מען וויל געבן דער אַרמיי. די דאָזיקע איבערגרופּירונג דאַרף אָבער נישט באַ־טראַכט ווערן ווי אַ פיינטלעכער אַקט לגבי וועלכער נישט איז מדינה"...

אַז מענטשן האָבן זיך געטראָפן לייענענדיק אָט־דעם קאָמוניקאַט, פלעגן זיי זיך אָנקוקן אַ ווײַלע ערנסט און באַלד דערנאָך אַרויסשיסן מיט אַ האַרציק, ברייט געלעכטער:

— פאַרשטייסט אַ מעשה? נישטאָ קיין האָלץ נישט אין אירקוטסק און נישט אין טאָמסק און ס'איז נישטאָ מיט וואָס דאָרט איינצוהייצן אין די הרובעס. אַז היטלער וועט איבערלייענען אַזאַ מין מעשה, וועט ער דאָך ווערן אויסער זיך. ער מאַכט דאָך חוזק אויס אים פאַר דער גאַנצער וועלט, „רב יאָסל".

נאָר רויטאַרמייער און קאָמאַנדירן האָבן אויפגעהערט לאַכן. מען האָט אויפגעהערט פּלוצלינג אַרויסגעבן אורלויבן און מען האָט אָנגע־הויבן צוריקרופן אין די פּאָלקן די אורלאָפּירטע. סאָלדאַטן ווייסן וואָס אַזאַ זאַך באַטייט.

ווי אַזוי פאַרברענגט מען די זומער־וואַקאַציעס?

און אַזוי איז ער געקומען, דער צווייטער מלחמה־פרילינג, אַ פולער מיט ווייטע אומרואיקייטן, וואָס האָבן אַרומגעפלאַטערט איבער מענטש־לעכע נשמות, ווי פייגל, וואָס פאָרקען זיך אַרום איבער טייכיקע גראָזן, דערזען עפּעס אַ געפאַר, וואָס נאָר זיי, די פייגל, קענען אים באַנעמען און פילן אָן די זוניקע לופט מיט זייער צעשראָקענער געצוויטשעריי. פאַר־וואָס שרעקן זיי זיך די פייגל? די זון שיינט דאָך, ווי שטענדיק, ווי יעדן פרילינג, דאָס אויבערפלאַך פון וואַסער איז גלאַטיק־צעשפּיגלט ווי אַלע־מאָל, און דאָך קענען זיי, די פייגל, זיך רואיק נישט אַראָפּלאָזן. וויגן זיך די גראָזן הין און צוריק, גלאַנצן אַנטקעגן דער זון מיט זאַפטיקער גרינ־קייט, בעטן זיך ביי די שטילע ווינטלעך זיי זאָלן נישט ווייוועןן. אַזאַ שווערער ווינטער געווען, אַזוי פיל פראָסט און איינזאַמקייט און עלנט־קייט, ווילט זיך זיי, די גראָזן, אַביסעלע דערקוויקן מיט פרילינגדיקער זון, מיט גינגאָלדענע אויפגאַנגען און ווייט־גלעטנדיקע פאַרגאַנגען, מיט שטילקייט, מיט רו, מיט לעבן. אָבער די פייגל פליען אַרום, און כאָטש זיי טראָגן נאָך אויף די פליגל די זוניקע ליכטיקייטן, אָבער אינעם פלאַטער און צאַפּל זייערן, אין איבערופן זיך פון איין עק טייך ביז צום אַנדערן, הערט זיך שוין דער ווייטער אָפּקלאַנג פון אָנקומענדיקן שטורעם.

ווי לאַנג איז עס דען, זינט צום ערשטן מאָל האָט מען דאָ געפראַ־וועט אַן אמתדיק פרייען ערשטן מאַי? דוכט זיך נעכטן ערשט, און שוין איז אַ צווייטער מאַי־יום־טוב געקומען. אָבער אַנדערש איז ער היי־יאָר, אַנדערש, אינגאַנצן אַנדערש. נישטאָ די פריידיקע צעפלאַסנקייט, די ברויזנדיקע שמחה פון אַ טייך וואָס האָט דאָס אייז צעשפּאָלטן און שליי־דערט עס אויף אַלע זייטן. נישטאָ היי־יאָר די פורעמלאָזע צעשוומענע אַרבעטער־דעמאָנסטראַציעס, וואָס האָבן פאַרהילכט די גאַס מיט אויסגע־שרייען, וועלכע האָבן זיך געריסן פון די סאַמע טיפענישן פון מענטשלע־כע הערצער. אַרבעטער מאַרשירן אין געשלאָסענע רייען, שטילע, ערנסטע און שטרענגע. די אָרקעסטערס שפּילן רעוואָלוציאָנערע לידער און מילי־טערישע מאַרשן אָבער די מאַסע איז אָנגעצויגן און שטיל. די מאַסע פילט

דעם ווייטן אומרו און זי ציט אַן אין שטרענגער שווייגעניש די מוסקולן. דער שטורעם הענגט אין דער לופטן, בלאָזט אויף מיט ווינטיקע שלעכטע בשורה־אָנזאָגערס די רויטע צעכוואַליעטע פאָנען, באַזעצט זיך אויף די אומצאָליקע טראַנספּאַרענטן, אויף די ריזיקע פּאָרטרעטן פון די פירער. דער שטורעם וויגט זיך אַ דראָענדיקער איבער די מענטשלעכע קעפּ, גרייט יעדער רגע אַראָפּצופאַלן און אָנכאַפּן פאַרן גאָרגל מיט שאַרפע רויב־פייגלשע נעגל, גרייט יעדער רגע אַ קנאַל טון מיט טויט און מאַרניכטונג, גרייט יעדער רגע אַ קלאַפּ טון מיט שוואַרצע לאַפּעס איבער דער זוני־קער ליכטיקייט פון שטילן לעבן.

איבער די לעמבערגער גאַסן מאַרשירן לאַנגע קאָלאָנעס פון מאַי־יום־טובדיק מיליטער. ציט זיך דער לאַנגער, מיט באַגנעטן אָנגעשפּיקע־וועטער פּיפּערנאָטער פון פוסגייער, אַ צעטיילטער אין לענגלעכע פירעקן, אַ גראָער מיט דער ברוינלעכער מאַמע־ערד־גראָקייט פון די סאָלדאַטסקע שינעלן, אַ באַדעקטער מיטן באַוועגלעכן פאַנצער פון די שטאָלענע העל־מען. קלימפּערן לאַנגע שערענגעס פון שטאָלענע טאַנקן, וואָס שטופּן פאָראויס דראָענדיק די האַרמאַטן־רערן מיט נאָך דערוויל צוגעדעקטע פּיסקעס. יאָגן זיך איבער קליינע טאַנקעטקעס, מיט קוילנוואַרפער, וואָס דרייען זיך אויף אַלע זייטן אין די באַוועגלעכע טורעמלעך. פויקט אָן טראָטואַר אַ געקלאַפּעריי פון פערדישע קאָפּיטעס — דאָס גייט די קאַ־וואַלעריע אויף קליינע, פלינקע סיבירער פערדלעך. טראָגן זיך ווי אַ שטור־רעם די זשוואַווע „טאַטשאַנקעס"־וועגעלעך געשפּאַנטע אין פערד מיט אַ פולעמיאָט געווענדט אַהינטער. פאָרן אומענדלעכע אויטאָ־קאָלאָנעס פון דער מאָטאָריזירטער פּיכאָטע. שפּיצט זיך צום הימל אַ דראָענדיקער קאַם פון די לופט־שוץ־האַרמאַטן. לויפן שווער און מאַכן ציטערן די ערד די ריזיקע קאַנאָנען פון דער שווערער אַרטילעריע. און איבער אַלע פּאַלקן פלאַטערט יום־טובדיק די בלוטיקע רויטקייט פון די אַרמייאישע פאָנען. ליגט אויף די פאָנען אַ צוזאָג: אונדזער בלוט איז אין קאָן, אונדזערע יונ־גע לעבנס זענען אין קאָן, אָבער אויב מען דאַרף זענען מיר גרייט.

סאָלדאַטישע פּנימער — ערנסט און פייערלעך. נישטאָ קיין פּנימער — פון אונטער די שטאָלענע העלמען קוקט אַרויס איין פּנים: דאָס פּיל־פּנימדיקע, ערנסטע, און צו אַלעם גרייטע פּנים פון דער מעכטיקער רוי־טער אַרמיי אין מאַרש.

אויף דער לעגיאָנען גאַס האָט זיך דאָס מיליטער אָפּגעשטעלט,
אויסגעדרייט און שטיין געבליבן מיט אַ ברייטן, אָנגעשפּיצטן, שווער־
לייביקן פראָנט. פאַרן פראָנט טראָגט זיך פאַרביי אַ גרופּע קאָמאַנדירן
מיט אַ גענעראַל בראש. זיי טראָגן זיך אין גאַלאָפּ. פערדישע גריוועס צע־
וויעט, פערדישע אויגענעס שפּריצן מיט פייער, פּאָלעס פון קאָמאַנדירי־
שע מאַנטלען און קאָזאַקישע פּעלצענע פּעלערינעס צעבלאָזן אויפן ווינט.
פון די סאָלדאַטישע רייען קומט זיי אַנטקעגן אַ הילכיקער, דיסציפּליניר־
טער, אויפן גאַנצן טיפן גאָרגל אויסגעשריגענער רויטאַרמייאישער: „הור־
ראַ־אַ־אַ!“ און יאָגט זיי נאָך ביז וואַנען זיי פאַרשווינדן. קייקלט זיך דער
„הוראַ“ איבערן ברוק פון די לעמבערגער גאַסן און בלייבט הענגען אין
דער פרילינגדיקער, מיט זון און ליבלעכקייט אָנגעזאַפּטער לופט, ווי אַ
פּאַראַוויסגייער, ווי אַ שטאַפּעט, ווי אַן אָנזאָג.

אַזאַ איז ער געווען דער פרימאָרגן, דער צווייטער מאַי־פרימאָרגן
אין לעמבערג, אָבער דער נאָכמיטיק איז שוין געווען אַן אַנדערער. מענטשן
זענען אַרויס אין די גאַסן פריידיקע און יום־טובדיקע, און הגם ערגעצווו
אין די פאַרבאָרגענע נשמה־ווינקעלעך האָט נאָך אַרומגעצאַפּלט דער
דראָענדיקער „הורא“ פון אינדערפרי, דאָך האָט מען אים שוין אָנגעהויבן
צו פאַרגעסן. מען האָט אים געוואָלט פאַרגעסן. און אַלץ אַרום און אַרום
האָט גערופן אים צו פאַרגעסן: די זון, די ווייכע שאָטנס פון דיביימער
אין די גערטענער, די מיידלשע צעשמייכלטע פּנימער אין די גאַסן, די
קאָליריקע אַפישן וואָס האָבן איינגעלאַדן צו פאַרווײַלונגען, די ברייט צע־
עפנטע טירן פון די קאַפעען און רעסטאָראַנען, די מוזיק פון די רויטאַר־
מייאישע אָרקעסטערס וואָס האָט זיך געטראָגן פון די שטאָטישע פּאַרקן
און פּלעצער, די פריילעכע מאַרשן מיט וועלכע ס'האָבן זיך צעהילכט די
גאַסן־מיקראָפאָנען. דער ערשטער מאַי האָט זיך אויסגעפּוצט יום־טובדיק
און געהאָפּקעט אַ „קאָזאַק“ אינמיטן גאַס.

אַלץ איז מכלומרשט אַוועק מיט זיינע נאָרמאַלע וועגן. דאָס לעבן
איז געפלאָסן ווי פריער, פאַרנומען, איילעק און יאָגעדיק, אַ פאַרפולטס
מיט אַרבעט, מיט אויפשטעלן, מיט בויען, מיט פאַרעקשנטן לייגן אַ ציגל
אויף אַ ציגל. אָבער די שרעק פאַרן אָנקומענדיקן הוראַקאַן האָט שוין
קיין שום זאַך נישט געקענט פאַריאָגן. מען האָט נאָר נישט געוווּסט ווען
דער קלאַפּ וועט קומען, מען האָט נאָר נישט געוווּסט פון וועלכן אָרט ער

וועט קומען, דער קלאַפּ, אָבער עס איז שוין קיין ספק נישט געווען, אַז קומען מוז עס.

די אַרויסשיקונגען פון די אוקראַינישע דערפער זענען געוואָרן וואָס־אַמאָל אָפטער, וואָס אַמאָל מער אינטענסיוו. עס איז שוין נישט געווען קיי צייט צופיל איבערצוקלייבן, האָט מען זיך גענומען האַלטן ביים פריג־ציפ, אַז גלייכער אַרויסשיקן צען איבריקע, אומשולדיקע, איידער איבער־לאָזן איין שפּיאָן. אין טייל אַמטן, באַזעצטע מיט אַרטיקע אוקראַינער, האָט זיך גענומען אַנטפּלעקן אַן אָפענער סאַבאָטאַזש, האָט מען אויף גיך גענומען ליקווידירן די פאַשיסטישע נעסטן. דער אייזערנער בעזים פון דער רעוואָלוציע האָט געקערט אויף רעכטס און אויף לינקס און האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן מיטן מיסט. די פאַשיסטישע אוקראַינישע פינפטע קאָלאָנע, אַן אויסגעפּאַשעטע און אָנגעפּראָפּטע מיט דייטשע שפּיאָנען האָט אַרויסגעשטעקט איר מנובלדיקן פּרצוף אַלע מאָל פון אַן אַנדער לאָך. די הידרע האָט געהאַט טויזנט קעפּ. אָפּצוהאַקן אַלע אויף אַמאָל איז געווען איבער די כוחות.

די פּאָליאַקן זענען אַרומגעגאַנגען אין איין שרעק. זיי האָבן מורא געהאַט פאַר די אוקראַינער. זיי האָבן זיך דערמאָנט דעם פּויליש־אוקראַי־נישן קאַמף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און געשראָקן זיך פאַרן מאָ־מענט ווען די אוקראַינער וועלן אַריינבאַקומען די מאַכט אין די הענט אַריין. אַפילו די אַמייסטן אַנטיסאָוועטישע עלעמענטן צווישן די פּאָ־ליאַקן, אויסער באַצאָלטע דייטשע אַגענטן, האָבן אויך זיך געשראָקן פאַרן אָנקומען פון די דייטשן. און ס׳איז זיי נישט אַזויפיל אָנגעגאַנגען דאָס אָנקומען פון די דייטשן, ווי דאָס, אַז דעמאָלט וועלן די אוקראַינער ווערן די באַלעבאַטים. פּאָליאַקן האָבן געהאַט מער ידיעות פון יענער זייט ווי די יידן. די יידן אין דייטשן געביט זענען געווען פאַרשפּאַרט שוין אין די געטאָס און נישט געוווּסט וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. די דאָרטיקע פּאָליאַקן האָבן עס יאָ געוווּסט, און מיט אומפאַרשטענדלעכע, פאַרבאָר־גענע וועגן איבערגעשיקט די ידיעות צו זייערע קרובים אויף די סאָוועטישע געביטן. די ידיעות האָבן דערציילט וועגן גרויסע צוגרייטונגען צו אַ מלחמה וואָס דאַרף אויסברעכן אַ ליאַדע טאָג, וועגן דעם אַז שוין חדשים לאַנג ווי עס ציען איבער פּוילן טאָג־איין, טאָג־אויס, באַצישע רע־גימענטן צו דער מזרח־גרענעץ, אַז עס גייט אָן אַ רויבערײַ אין די דער־

פער פוז וועלכע מען שלעפט כסדר אַרויס דאָס לעצטע שטיקל ברויט. נאָר די ערנסטע ידיעה פאַר די פּאַליאַקן איז געווען אַז אין פּוילן גייט אָן אַן אינטענסיווע שולונג פון אוקראַיינישע באַנדעס, אַז עס שאַפן זיך גאַנצע אוקראַיינישע דיוויזיעס פון ס. ס. און אַנדערע באַנדיטן, אַז די נאַציס האָבן צונויפגעזאַמלט דאָס גאַנצע ביסל היידאַמאַטשינע און מען באַוואָפנט זיי, מען שאַרפט זיי די נעגל צום רויב.

פלעגן פּאַליאַקן קומען צו באַקאַנטע יידן און פרעגן זייער מיינונג דעריבער. און אַ מאָדנע זאַך: ס׳רוב יידן האָבן מיט אומצוטרוי גע־קווענטשט מיט די פּלייצעס. „ווייס איך וואָס — פלעגן זיי זאָגן — אַ מלחמה וועט מסתמא זיין, נאָר נישט אַזוי גיך. און אויב אפילו זי וועט קומען, די מלחמה, קומט ער נאָך נישט, דער דייטש, גלייך אַהערצו. מען ווייסט נישט צי ער וועט בכלל דערלעבן אַהער צו קומען". יידן האָבן זיך בשעת מעשה דערמאָנט אינעם ערשטן־מאַי־פּאַראַד, דערמאָנט זיך די שטאָלענע שווערע רויטאַרמייאישע פויסט וואָס זיי האָבן דערזען דעמאָלט אין גאַס, און זיי זענען פול געווען מיט בטחון. עטלעכע יידן פלעגן סתם צוגעבן, אַז „עס איז דאָך נאָך פאַרט פאַראַן אַ גאָט אין הימל", און אויב נישט דאָ, טאָ ווו זשע וועט פאַרט דער דייטש איינעמען אַ מיתה־משונה? אַז ער וועט איינעמען, אַז אַנדערש קאָן עס גאַרנישט געמאָלט זיין, דאָס איז אַפילו קיינעם אויפן געדאַנק נישט געקומען.

און אַזוי האָט ער זיך געגעבן אַ טראָג פאַרביי, דער חודש מאַי פון 41טן יאָר, און פאַרשוווּנדן צוזאַמען מיט זיינע פרילינגדיקע ווינטן, נאַכ־טיגאַלישע געטרילערייען אין די צווייגן און מיט די אייביקע ציניש־ראָ־מאַנטישע מאַיאָווע לבנות. די יוני־טעג האָבן זיך געשטעלט היציקע מיט זאַפטיק־גרינע זומער־תבואות און מיט איבער־ווינטערדיקע זאַנגען וואָס האָבן שוין אָנגעהויבן צו גאָלדן צוביסלעך. שטיל איז זי געווען די זומער־דיקע וועלט וואָס האָט שוין אָנגעהויבן צו צייטיקן, צו וואַרפן זיך מיט שוואַרצע יאַגדעס, מיט גרויסע טרוסקאַווקעס, און מיט די ערשטע קאַרשן. קאַשטאַנעס און אַקאַציעס האָבן זיך שוין פון לאַנג צעבליט און באַשאָטן מיט ווייסן בליעכץ די גערטנער, און היכע זונבלומען האָבן זיך גענומען הנדלען פון איבער די פּלויטן, ווי פאַרשייטע שיקסעס אין געלע קאָפּטיכער.

זענען מענטשן מיד געוואָרן פונעם וואַרטן אויף דער מלחמה און באַשלאָסן, אַז אַפּנים, וועט שוין קיין שום מלחמה נישט זיין. איי, די

רעפלעקטאָרן טאַפּן ביינאַכט דעם הימל מיט לאַנגע ליכט־זײלן, ווי אַ בלינדער וואָס פּרובירט אויס דעם וועג מיט אַ ווייסן שטעקן, איי מען האָט שוין פון לאַנג אָפּגערופן אַלע רויטאַרמייער וואָס זענען געווען אויף אורלויב, איי דאָס און איי יענץ? נו, נישט אַלץ מוז מען וויסן. מלכות האָט זיך זײַנע סודות, מסתמא ווייסן זיי, וואָס זיי טוען.

ס'איז געווען אַ זילבערדיק־בלויע, אַ זײַדענע און שטילע נאַכט, ווי אַלע יוני־נעכט. אַ נאַכט אַ שמעקעדיקע און בענקנדיקע, אַ נאַכט אַ זאַנ־פטע און דופטיק־צעטריפטע ווי אַ גוט גלעזל וויין. יאָ, אַזאַ נאַכט איז זי געווען, די נאַכט פון 21טן אויפן 22טן יוני. אַ זומערדיקער שבת צו־נאַכטס, וואָס האָט דערמאָנט, אַז מאָרגן וועט זײַן זונטיק און מען דאַרף נישט גיין צו דער אַרבעט, אַז מען קען אַרומנעמען מיט אַ פעסטן, ייִנגלשן אָרעם אַ ציטערנדיקע מיידל־טאַליע און לאָזן זיך שפּאַצירן איבער באַ־שאָטנטע אַלייען ביז שפּעט אין דער נאַכט. יאָ, מאָרגן איז זונטיק, דאַרף מען זיך הייסט עס אָפּשמועסן מיט חברים צו מאַכן אַ לענגערן הינטער־שטאָטישן שפּאַציר. יאָ, מאָרגן איז זונטיק, וועט מען קענען לענגער בלייבן אין בעט און אויסטרינקען אַ גלעזל טיי, און דורכקוקן די צייטונג אין בעט. יאָ, מאָרגן איז זונטיק, וועט זײַן צייט אָנצושרייבן דאָס אַר־טיקל פאַר דער וואַנט־צייטונג אין פאַבריק. יאָ, מאָרגן איז זונטיק... אַזוי פיל פּלענער האָבן אַלע שטענדיק געהאַט אויף זונטיק, ווען מען קען גאָר־נישט טון און ווען מען קען טון אַלץ. אַבי עס זאָל נאָר זײַן עפּעס אַנ־דערש פון דעם וואָס מען טוט יעדן טאָג.

...און אינמיטן דער נאַכט, ווען אַלע פּלענער זענען שוין געווען אָנ־געפּלאַנעוועט און מען איז שוין געשלאָפן מיטן זיסן פאָרגעשמאַק פון זייער מאָרגנדיקער, אָט־אָט קומענדיקער פאַרווירקלעכונג, ווען נאַכמי־טאָג־זומערדיקע ווינטלעך האָבן געגלעט דורך די אָפענע פענצטער יונגע ליפּן, אויף וועלכע עס זענען נאָך ציטערדיק געהאָנגען די „אַ גוטע נאַכט"־קושן, ווען בלויע חלומות האָבן זיך באַזעצט צוקאָפּנס און גע־שפּילט זיך מיט די צעוואָרפענע האָר — דעמאָלט האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ געדעמפּט ווייט געקנאַלעריי, פּונקט ווי אַ שיכור וואָלט אַנט־שלאָפן געוואָרן נעבן אַ גרויסער פּויק און פון צייט צו צייט גיט ער פּוי־לערהייט אַ טעמפּן, שווערן זעץ. דאָס קנאַלן האָט זיך אַרייַנגעריסן אין דער ביינאַכטיקער שטילקייט און אָפּגעקלונגען אין די שויבן. די שויבן

האָבן זיך צעקלונגען דין און גלעקלדיק. דאָ און דאָרט האָט זיך אַ האַלב־פאַרשלאָפענע קאָפּ אַ ווייז געטון דורכן פענצטער, די לויז־געוואָרענע מוסקולן האָבן זיך פויל אַ צי געטון: — זיי לאָזן נישט שלאָפן, אויסגעקליבן פונקט אַזאַ שעה פאַר איבונגען, ווען אַלע שלאָפן — און אַ לאַנגער געשמאַקער גענעץ האָט אָפּגעענטפערט דעם ווייטן שאָס, אַ גענעץ, וואָס האָט זיך געבעטן: „עס שלעפּערט מיך אַזוי... אַ־אַ־אַ־זוי...“ און מען איז צוריק אַרויף אויף די געלעגערס, צוגעמאַכט די אויגן, און געפּרוווט געפינען אויפסניי דעם פאָדעם פון אָקאָרשט פאַרלוירענעם חלום, אָבער עפּעס איז זיך שוין נישט געשלאָפן. דאָס ווייטע צעקנאַלטע פּויקן רופט זיך אָפּ ווידער און ווידער אַמאָל. עס רופט זיך אָפּ און שטאַרבט אָפּ און אין אַ ווײַלע אַרום הערט מען עס שוין אויפסניי. עס בלויט אינדרויסן, די קורצע זומערדיקע נאַכט האָט זיך אויסגעבלייכט און הענגען געבליבן מיט אויסגעבליאַקעוועטע שטערן, מיט טונקעלע וויאָלעטענע און גרויבלוילעכע שאָטנס פון איין זײַט און מיט צעגלאַנצטן פּורפּורנעם קופּער פון דער צווייטער. טוי, שמעקעדיקער טוי הענגט אין דער לופטן, אויף די שויבן, און צעפינקלט זיך אין די פאַלדן פון דער אַוועקגייענדיקער נאַכט... און פּלוצלינג — אַ כאָרכלענדיק אָפּגעריסן זשומען, אַן אָפּגעהאַקטס, אַ כריפּענדיקס, פּונקט ווי אַ קאַליע־געוואָרענער ווייטער מאָטאָר פון אַן אויטאָ. דאָס גערויש וואַקסט, מאַכט קלימפּערן די שויבן, עגבערט זיך אַריין אינעם מוח ווי צאָנווייטיק. יאָ דאָס איז אַ מאָטאָר, ניין, נישט איין מאָטאָר, צען, צוואַנציק, אפשר נאָך מער. מען שפּרינגט אויפסניי פון די בעטן און מען בלײַבט ביי די פענצטער מיט קעפּ פאַריסענע צום באַגינענדיקן הימל. צווישן די צעריסענע פּרימאָרגנדיקע וואָלקנדלעך שוואַרצע פּונקטן, אין שליסלען צו דריי, צו פינף, צו זיבן, די לופט איז שוין פול מיט גערויש. די פּונקטן נידערן, ווערן אָנגעשוואָלן, וואַקסן, מען קען שוין דערזען די סילועטן פון די עראָפּלאַנען. זיי זענען שוין נישט שוואַרץ, זיי מינען זיך שטאָל־קאָליריק און בלוילעך און טײַלמאָל פאַרכאַפּן זיי אויף די שפּיצן פליגל קופּערנע אָפּגלאַנצן פון דער אויפגייענדיקער זון. „לופט־מאַנעווורעס איבער דער שטאָט?“ — טראַכטן מענטשן און וואונדערן זיך וואָס דווקא זונטיק פאַרטאָג, און דווקא איבער דער שטאָט האָט מען עס אײַנגעאָרדנט. אָבער מיליטער האָט זיך זײַנע אויסרעכענונגען, מסתמא ווייסן זיי וואָס זיי טו... האַ? וואָס איז דאָס? פון

דער ציטאַדעל האָבן אַ ביל געטון די לופט־שוץ האַרמאַטן מיט אַ קורצן, אָפּגעריסענעם, איינס־נאָך־איינס, געקנאַל. דאָס קלאַפּט די לייכטע לופט־שוץ־אַרטילעריע, און פּלוצלינג: „בום־בום“, שווערע לופט־שוץ־אַרמאַטן האָבן זיך אָפּגערופן, מלא רציחה, מיטן גאַנצן כוח. „מאַנעווערס, הייסט עס, מיטן פולן קנאַק — קלערט מען, אָבער עפּעס נעמט שוין אומרואיק טיאָכקען אין האַרצן. מען קען שוין נישט צוריק זיך לייגן אין בעט. מען קאָן שוין אָפּילו נישט בלייבן אין שטוב. די גאַס הייבט אָן פּלוצלינג רוישן, עפּעס נישט ווי אין אַ זונטיקדיקן פרימאָרגן. די גלאָקן פון די לעמבערגער קלויסטערס האָבן זיך צעקלונגען, אָבער דאָס איז נישט קיין קלינגען וואָס רופט די גלייביקע צו תפילות, אַזוי קלינגט מען אויף אַלאַרם, אַזוי קלינגט מען ווען עס ברענט. לאָזט מען זיך לויפן, האַלב־אָנגעטון איבער די שטיגן אַראָפּ אין גאַס אַריין, און אין מיטן לויפן ציי־טערט אויף דאָס הויז פון אַ נאָענטן, פון אַ גאָר נאָענטן קנאַל. דאָס גאַנ־צע הויז האָט זיך אַ וואַקל געטון פון די פונדאַמענטן ביזן דאַך. שויבן האָבן זיך ערגעצוו צעבראַזגעט אויפן אַספאַלטענעם ברוק. „עס האָט גע־מוזט זיין ערגעץ נאָענט, אפשר אין מיין שטוב, אפשר האָב איך פאַרגעסן צו פאַרפעסטיקן ס'פענצטער“. לויפט מען צוריק אַרויף אין שטוב און מען דערזעט שוין ערגעץ־ווייט קנוילן רויך. ביין, עס איז נישט געווען אַזוי נאָענט ווי מען האָט געמיינט, אָבער ס'איז געקומען, ס'איז שוין דאָ אויפן קאַרק. ווידער האָט זיך דער בלוטיקער הונט אָפּגעריסן פון דער קייט. און עס האָט זיך אַ קייקל געטון אין דער פרימאָרגנדיקער, גאָל־דענער שטילקייט דאָס ווילד־חיהשע איינציקע וואָרט: מלחמה. טאַנצט עס, דאָס וואָרט, איבער די דעכער, שלאָגט זיך אָן אָן די טעלעגראַפישע דראָטן, פאַרטשעפּעט זיך אָן די שפּיציק־גאָטישע קלויסטער־טורעמלעך און רעוועט מיט אַן אויפגעריסענעם פּיסק: מלח־אָ־מה!!! און פּלוצלינג צעפּייפן זיך סירענעס פון די פאַבריקן, און פלעכטן זיך צונויף מיט די טעמפּע, ווייטע האַרמאַטן־קנאַלן און ענטפערן: ...אַ־אָ־מה ־ נק־אָ־אָמה!!!

אויף די גאַסן לויפן שוין אַרום צעשראָקענע, פון די בעטן אַרויסגע־ריסענע מענטשן. קרייזלעך קלייבן זיך צונויף, וואַקסן, ברייטערן זיך אויס און שפּאַלטן זיך אויף קלענערע, צעגייען זיך, פויזן אַהין און אַהער. וואַרפן זיך אין פיבערהאַפטן געיעג נאָך נייעס, נאָך אַ וואָרט פון אויפ־קלערונג, נאָך אַ טרייסט־וואָרט.

ווי אַזוי די ידיעות האָבן געקענט אָנקומען אַזוי בליץ־שנעל, דאָס ווייסט קיינער נישט, אָבער זיי פלאַטערן שוין אַרום איבער די קעפּ פון המון, ידיעות צעפּלאָשעטע, שרעקלעכע, ידיעות וואָס שטעלן אויף די האָר אויף די קעפּ, וואָס מאַכן די הענט צו געביילטע פויסטן, וואָס צינדן אָן אין ברוסט אַ ווילדע רציחה און שפּאַרן צום גאַרגל, וואָס צינדן אָן רויטע פעדימלעך אין די אויגן. ווייסט מען שוין צו דערציילן, אַז די נאַציס האָבן אַ קלאַפּ געטון אָן אַ שום אולטימאַטום, ווי נאַכט־באַנדיטן איבער דער גרעניץ, אַז פּולעמיאַטן האָבן באַשאָסן אינמיטן דער נאַכט לייוונטענע פּאַלאַטקעס מיט שלאָפנדיקע רויטאַרמייער פון דער גרעניץ־וואַך, אַז עראָפּלאַנען האָבן מיט צינד־באָמבעס צעפלאַקערט שריפות לענג־אויס דער גרעניץ, אַז מען האָט שוין באָמבאַרדירט די שלאָפנדיקע גרע־נעץ־שטעט פּשעמישל, ראַווא־רוסקאַ, אַז דאָ אין לעמבערג איז אַ באָמ־בע געפאַלן אויף סיקסטוסקע גאַס און עס זענען שוין דאָ צוואַנציק הרו־גים, אַז דאָ... אַז דאָרט...

מענטשן לאָזן זיך לויפן צום צענטראַלן פּאָסט־אַמט אויף סלאָוואַצ־קי־גאַס. אפשר זענען אָנגעקומען טעלעגראַמעס פון דער גרענעץ. אינמיטן געלויף — אַן אַלאַרם. אַ טראַמוויי וואָס איז געפאָרן באַרג־אַפּ מיט דער סלאָוואַצקי גאַס שטעלט זיך אָפּ. מענטשן לויפן אין די טויערן. פונעם טראַמוויי הייבן אָן אַרויסצולויפן די דערשראָקענע פּאַסאַזשירן. ווידער דאָס זעלביקע כריפּענדיקע מאָטאָרן־געדויש. דאָס גערויש וואַקסט, ני־דערט, קומט אָן וואָס אַמאָל נענטער און נענטער. אַ נאַצישער אַוויאָן נורקעוועט גלייך אויפן פּאָסט־אַמט. פון אַלע זייטן אַרום אים צעבליען זיך ווייסע קליינע וואָלקנדלעך פון שראַפּנעלן. אַ שוואַרצער פונקט טיילט זיך אָפּ פונעם עראָפּלאַן. דער מאַשיניסט פונעם טראַמוויי איילט צו די מענטשן אַרויסצוגיין וואָס שנעלער. טראַ־אַ־ך; אַ קנויל רויך פאַרדעקט די גאַס. דער טראַמוויי איז אומגעקערט מיטן בויך אַרויף. אַוועקגעשליי־דערט אָן אַ זייט, ליגט מיטן פנים אַראָפּ דער מאַשיניסט מיט דער מעשע־נער קאָרבע אין האַנט, אַביסל ווייטער פון אים, אַ בלוט־באַפלעקטער ווייס־סער קאָפּ פון אַן עלטערער פרוי. — או־או־או — — וואָיען צעצויגן די סירענעס און יאָמערן איבערן טויטן מאַשיניסט, איבערן אומגעריכטן טויט פון דער אַלטיטשקער, און די זון, די זומערדיק־צעשטראַלטע זון גייט אויף וואָס אַמאָל שענער און גאָלדיקער, ווי קיינמאָל גאַרנישט, ווי עס

וואָלט איר געוווען אַלצאיינס צי זי באַלייכט רויטע רויזן צי בלוט־פלעקן אויפן ברוק פון גאַס.

דער אַלאַרם שטילט זיך איין. איבער דער שטאָט פּאַטרולירן שוין סאָוועטישע עראָפּלאַנען. די לופט וויברירט פונעם געדויש פון די מאָטאָרן. מענטשן האָבן זיך אויסגעשטעלט אין „אָטשערעד" וואַרטנדיק אויף צייטונגען, וואָס אָט־אָט דאַרפן זיי זיך באַווייזן. די אייגנטימער פון די קיאָסקן דרייען זיך אומגעדולדיק און לויפן אַלעמאָל כאַפּן אַ קוק, צי די קאַלפּאָרטערן פאָרן נאָך נישט. עפּעס צו לאַנג דאַרף מען וואַרטן אויף זיי. עמיצער קומט אָן און דערציילט, אַז אין די צייטונגען וועט נאָך גאָרנישט זיין, ווייל ווען מען האָט געשלאָסן די היינטיקע אויסגאַבן האָט מען נאָך סיי־ווי גאָרנישט געוווּסט. מענטשן גלייבן נישט. אין אַזאַ מאָמענט — זאָגן זיי — דאַרף זיין, מוז זיין אַן עקסטרע אויסגאַבע. און מען שטייט אין ריי, און מען וואַרט געדולדיק. אָט פאָרן שוין די קאַלפּאָרטערן. אָט איז איינער שוין צוגעקומען אויפן וועלאָסיפּעד, אַרויסגענומען אַ גרויסן פּאַק, אַ שליידער געטון די צייטונגען צום קיאָסק און אַוועק ווייטער. מענטשן רייסן די צייטונגען פון די הענט, מען צעעפנט די פלאַכטעס פּאַפּיר מיטן פרישן, נאָך נישט פאַרטרוקנטן דרוק און מען זוכט דאָס ערשטע דעם לייט־אַרטיקל.

און פּלוצלינג רייסט אויף אין דער מענטשלעכער מאַסע אַ הילכיק געלעכטער. דאָס געלעכטער קייקלט זיך איבער דער ריי, ווי אַ באַל, און בלייבט הענגען אין דער לופטן. די מענטשן פון די ווייטערדיקע ערטער אין דער ריי לויפן אָן, שטופּן זיך נענטער. זיי קענען נישט פאַרשטיין וואָס דאָ קומט פאָר. מען ווייזט זיי די צייטונגען, און... אויך זיי לאַכן. יעדער איינער וויל דאָס געלעכטער איינהאַלטן, צוימען, אָבער מען קאָן נישט. מען לאַכט אויפן גאַנצן קול, ספּאַזמאַטיש, ממש היסטעריש. דאָס לייט־אַרטיקל, וואָס איז מסתמא געוווען אויסגעזעצט נאָך מיט צוויי טעג צוריק קוקט זיי אַנטקעגן פון דער אָפענער צייטונג און דערמאָנט זיי אָן דער נאַרישער, ביז־איצטיקער שלווהדיקייט זייערער; דער קאָפּ פון לייט־אַרטיקל איז געוווען: „ווי אַזוי פאַרברענגט מען די זומער־וואַקאַציעס?"

רעקרוטן שווערן

אַ גאַנצן פרימאָרגן האָט מען אין ראַדיאָ נישט געקענט הערן עפּעס אַנדערש, ווי נאָר דאָס זעלבע טריפהנע טומאהדיקע געריטשעריי פונעם נאַצישן חזיר: „איך, דער אונבעקאַנטע סאָלדאַט דעס וועלט־קריגעס... מיין לופטוואַפּפע... מיינע סאָלדאַטן... דער יודיש־באָלשעוויסטישע קרעמל... פערניכטען... אַאוסראָטטען! אַאוסראָטטען!! אַאוסראָטטען!!!...״ דאָס דאַזיקע פּאַריסענע רעווען האָט זיך געגאָרגלט אויף אַלע כוואַליעס פון עטער, און געדוכט האָט זיך, אַז עס איז גענוג אַוועקצונעמען דאָס ברעטעלע פונעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט, בכדי דערזען דאָס בלייך־מאַניאַקישע פּרצוף פונעם שגעונדיקן אויבערבאַנדיט פון „נייעם״ דייטשלאַנד, מיט די קליינע בערשטעלע־וואָנצעלעך און מיט אַן אויפגעריסענעם פּיסק, וואָס גרייט זיך איינצושלינגען די וועלט.

ערשט אַרום צוועלף אַזייגער האָט דער מאָסקווער ראַדיאָ טראַנסמיטירט מאָלאָטאָווס רעדע. די רעדע איז געווען קורץ און זאַכלעך, אָבער דווקא אָט די קורצקייט און זאַכלעכקייט האָט געמאַכט אויפציטערן די מענטשלעכע נשמות, אַריינגעדרונגען אין די סאַמע טיפענישן פון מענטשלעכע הערצער און הגם צופיל טרייסט האָט מען פון אָט־דער רעדע נישט געקענט שעפּן, אָבער דאָך האָט מען גלייך דערפילט דעם ווייט־נאָענטן ריטם אין וועלכן עס האָט אָנגעהויבן קלאַפּן דאָס געאייניקטע האַרץ פון דער צוויי־הונדערט־מיליאָניקער סאָוועטישער מדינה, דאָך האָט מען גלייך באַנומען דעם טיפן אויפברויז וואָס הייבט אָן כוואַליען זיך פון פּשעמישל ביז וולאַדיוואָסטאָק.

ניין, אין אָט־דעם ערשטן טאָג פון דער מלחמה, אין אָט־דעם זוניקבלוטיקן טאָג פון 22טן יוני 1941, איז זעלטן וועמען איינגעפאַלן, אַז אָט־אָט קומען שוין די נאַצישע רוצחים. עס איז קיינעם אַפילו אויפן געדאַנק נישט געקומען, אַז סך־הכל אין עטלעכע טעג אַרום וועט די רויטע אַרמיי פאַרלאָזן לעמבערג. מען האָט מורא געקריגן, אויסגעלערנט פון די דערפאַרונגען פון אַזוי פיל מלחמות וואָס האָבן זיך איבער אָט־די קאַנטן דורכגעטראָגן, פאַרן הונגער. מען האָט מורא געקראָגן, אַז צוליב דער נאָענטקייט פון פראָנט וועט גלייך זיך לאָזן דערפילן דער מאַנגל אין פּראָדוקטן, אין עסנוואַרג. מענטשן האָבן זיך אַ לאָז געטון אין גאַס אַריין און געגער־

מען באַלאַגערן די שפּייז־קראָמען און קאָאָפּעראַטיוון. לאַנגע אָטשערע־דעס, אַ זאַך וואָס מען האָט שוין צוביסלעך אָנגעהויבן צו פאַרגעסן אין לעמבערג, האָבן זיך פּלוצלינג געגעבן אַ צי אויס פאַר די בעקערייען, און פאַר אַלע אַנדערע קלייטן ווו מען האָט נאָר געקענט באַקומען וואָס פאַר אַן עסנוואַרג עס זאָל נישט זיין.

די מיליציאָנערן פון דער שטאָטישער מיליץ האָבן קוים געקענט איינהאַלטן די אָרדענונג אין אָט די אָטשערעדן. אָט האָט זיך זיי שוין קוים איינגעגעבן מיט איינרײידן און מיט כוח, מיט גוטן און מיט בייזן, אויסצופאָרמירן פון דער באַוועגלעכער, רירעוודיקער מענטשן־מאַסע אַ לאַנגן רואיקן שלאַנג, אָבער פּלוצלינג דערהערט זיך דאָס גערויש פון מאָ־טאָרן אויפסניי, פּלוצלינג ווערט די גאַס פאַרהילכט פון אַ קנאַל פון אַ באָמבע וואָס האָט אויפגעריסן נאָענט, ערגעץ גאָר נאָענט. דער רואיקער שלאַנג צעלויפט זיך אַ פאַרפאַלגטער פונעם צעצויגענעם וואָיען פון די כירענעס, אַ נאָכגעיאָגטער פונעם פאַרביסענעם רציחהדיקן קנאַלן פון די לופט־שוץ האַרמאַטן, אַן איבערגעשראָקענער און צעפלאָשעטער פונעם אָפּקלאַנג פון מעטראַליען־שאָסן דאָרט אין דער הויך ווו סאָוועטישע פליער פאַרפירן אַ נישט־גלייכן קאַמף קעגן אַן איבערוועגנדיקן שונא. די גאַס ווערט שטיל און טויט, די גאַס ווערט טויב־שטום און אויסגעליי־דיקט. בלויז דורך די שפּאַרונעס פון די האַלב־צוגעמאַכטע טויערן קוקן אַרויס איבערגעשראָקענע מענטשלעכע אויגן, בלויז דורך אַ פענצטער קוקט אַרויס אַ גאַרנישט־פאַרשטייענדיק נייגעריק קינד און ווייזט מיט ראָזעווע ליאַלקע־הענטלעך די קליינטשינקע, שיינע ווייסע וואָלקנדלעך וואָס בליען אַרום די רוישנדיקע עראָפּלאַנען, די וואָלקנדלעך פון שראַפּ־נעלן וואָס רייסן אויף אין דער לופטן. אַ מאַמע לויפט צו צום פענצטער, רייסט אַוועק דאָס קינד, אַ דערשראָקענע, אַ פאַרצאַפּלטע, און דאָס קינד פאַרשטייט נישט, פאַרוואָס מען לאָזט עס נישט קוקן אויפן הימל. אַזאַ שיינער בלויער הימל, אַזעלכע שיינע, קליינע, ווייסינקע וואָלקנדלעך, און אַזעלכע קאָמישע גרויסע רוישנדיקע פייגל, און דאָס קינד וויינט, דאָס קינד רייסט זיך פון דער מאַמעס הענט צום פענצטער, צו דער שיינער זומערדיק־גאָלדענער וועלט...

דער אַלאַרם שטילט זיך איין, און נאָך איידער די סירענעס באַ־וויזן אָפּצורופן אים און געבן דעם סיגנאַל, נאָך איידער די מיליציאָנערן

באַווייזן צוצוקומען צו זייערע פּאָסטנס לעבן די קראָמען איז דער אָטשערעד שוין אויפסנײַ אין גאַס. אָבער ער איז איצטער אויס אָטשערעד, ער איז אַ פורעמלאָזער צעשטורעמטער מענטשלעכער פּיפּערנאָטער מיט טויזנט און איין קאָפּ, אַ צעוויגטער און צעכוואַליעטער, אַ צעשוימטער און אויפגעברויזטער.

מענטשן האָבן זיך צוגעווינט במשך פון עטלעכע שעה צו די באָמבאַרדירונגען און מען האָט אויפגעהערט צו אַנטלויפן. מען האָט זיך נאָר שטאַרקער געגומען טוליען צו דער וואַנט און פאַררייסנדיק די קעפּ צום הימל איינגעקוקט זיך אינעם קאַמף וואָס פלעגט אָנגיין דאָרט אין דער הויך. עראָפּלאַנען שיסן מיט לייכטנדיקע קוילן, און ווען עס קומט נישט פאָר' גאָר הויך קאָן מען די קוילן כמעט ווי איבערציילן, און עס איז אויסגעקומען אַזוי מאָדנע, אַז מענטשן האָבן קוקנדיק אויף אָט־די לייכטנדיקע, איבערגעריסענע זיג־זאַג ליניעס פאַרגעסן, אַז דאָס איז קאַמף אויף טויט און אויף לעבן, אַז יעדער ליכטיקער פּונקט אין דער הויך איז אַ פּונקט פון עמעצנס טויט, פון עמעצנס פאַרצווייפלטן געראַנגל.

פלעגט זיך מאַכן, אַז די דייטשן האָבן לויט זייער באַנדיטישן מנהג זיך אַראָפּגעלאָזט פּלוצלינג נידעריק, גאָר נידעריק און איידער וואָס ווען אַ שפּריץ טון מיט טויט איבער די גאַסן. פלעגט זיך עמעצער איבערקערן אין אָטשערעד און אַרויסשפּייען דאָס צאַפּלדיקע לעבן צוזאַמען מיט אַ שטראָם וואַרעם בלוט אינעם קוישל אַריין וואָס איז געווען אָנגעגרייט פאַר' די פּראָדוקטן, וואָס מען האָט זיך געגרייט איינצוקויפן. אָבער אויך דאָס האָט שוין אויפגעהערט צו שרעקן. במשך פון אָט־דעם האַלבן טאָג איז מען שוין היימיש געוואָרן מיטן ריח פון בלוט, מיטן טעם פון טויטשרעק, מיטן שוועבן אויף דער ווייס־דערשראָקענער גרענעץ פון זיין און נישט זיין.

מען זעט שוין נישט מער קיין שמייכלענדיקע רויטאַרמייער אין די גאַסן. בליץ־שנעל טראָגן זיך פאַרביי מאָטאָריזירטע פּאַטרולן פון דער מיליטערישער נ. ק. וו. ד., מיטן געווער גרייט צום שיסן אין האַנט, מיט פונקען אין די אויגן און מיט אָנגעצויגענע אַנטשלאָסן־ערנסטע פּנימער. פון צייט צו צייט קומט אָן געלאַסן אַ לאַנגע קאָלאָנע מיט מאָטאָריזירטע פאָלקן, וואָס פאַרנעמט זיך אויף מערב, צו דער גרענעץ צו. פון די האַרמאַטן־פּיסקעס האָט מען שוין אַראָפּגענומען דעם צודעק. קוקן זיי,

די אָפענע פּיסקעס מיט שוואַרצע לעכער און ברענגען דעם אָנזאָג פון בלוט־טיקער נקמה, ליגט אין די שוואַרצע פּיסקעס אַ פאַרטשייעטער טויט, ליגט אַ טיפע ברענענדיקע שנאה, וואָס וועט נישט שענקען, נישט פאַרגעבן, וואָס וועט אָפּצאָלן פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען, פאַרן צעשטערן די גאָלדענע שטילקייט פונעם ליבלעכן זומער, פאַרן טויט פון דער אַלטער יידענע וואָס איז ליגן געבליבן מיטן קוישל אין האַנט פאַר דער שפּייז־קראָם, פאַרן נידערטרעכטיקן פאַרטעטערישן נאַכט־אָנפאַל, פאַר די רויטאַרמייער וואָס זענען אינמיטן שלאָף דערשאָסן געוואָרן אין די גרענעץ־פּאַלאַטקעס, פאַרן צווינגען אָפּצושטעלן דאָס בויען און נעמען זיך צו דער ביקס.

ידיעות פון דער גרענעץ קומען אָן פאַרשידנאַרטיקע, אָפּהענגיק דערפון ווער עס ברענגט זיי. אָבער פונעם גאַנצן כאַאָס פון אָט־די שלעכטע און גוטע בשורות, שיילט זיך אויס איין אמת: אויף צפון פון ראוואַ־רוסקאַ זענען די דייטשן שוין אַריינגעדרונגען ווייט אין די סאָוועטישע ליניעס, דערפער און שטעט ברענען, די ווילדע בעסטיע הויכט מיט שריפות, חורבות און טויט. און כאָטש אויף דרום איז דאָס די דייטשן נישט געלונגען, כאָטש ביי פּשעמישל האָט די סאָוועטישע אַרמיי באַלד צוריקגעקלאַפּט און אַריבערגייענדיק צו אַ קאָנטראַטאַקע אַריבער אַפילו דעם סאַן און אַריין אין דייטשישן געביט, אָבער דאָך זענען די ידיעות פון צפון געווען אַזעלכע איבעראַשנדיקע, אַזעלכע אימהדיקע, אַז מען האָט שוין קיין טרייסט אין די אַנדערע ידיעות נישט געפונען. אָבער דאָס ערגסטע פון אַלץ איז געווען איין זאַך. אומעטום ווו די נאַציס האָבן אַטאַקירט, האָט שוין אַ צייט פריער זיך אָנגעהויבן אַ שיסעריי אינעווייניק אין שטאָט. געווען קלאַנגען, אַז דאָס זענען געווען דייטשישע פאַראַשוטיסטן, אָבער מענטשן האָבן געוווסט צו דערציילן אַז דאָס איז ווייט נישט אַלץ, אַז אוקראַינישע באַנדיטן זענען געשטאַנען אין ענגן קאָנטאַקט מיט די דייטשישע פאָדערשטע פּאַטרולן, אַז דאָס האָבן זיי, די אוקראַינישע פינפטע קאָלאָנע, די היידאַמאַקישע פאַרעטער, די ערשטע שטענדיק געפּרוווט אַריינשטעכן אַ מעסער אין רוקן פון דער רויטער אַרמיי, אַז דאָס זענען זיי געווען די שפּיאָנען, די וועגווייזער, די סיגנאַל־געבער און זיי זענען געווען די ערשטע אָנצוהייבן אַ בלוטיקע שחיטה צווישן די סאָוועטישע באַאַמטע, צווישן די אָרטיקע קאָמוניסטן, און אין דער ערשטער ריי צווישן די יידן.

מענטשן האָבן זיך געגומען גרייטן. וועגן פאַרלאָזן די שטעט האָט ווייניק ווער געקלערט אין ערשטן טאָג. ס׳איז גאָר קיינעם נישט איינגע־פאַלן אַז מען וועט בכלל דאַרפן פאַרלאָזן די שטאָט, אַלנפאַלס האָט מען זיך נישט געריכט אַז דאָס זאָל געשען אַזוי שנעל. אַרבעטער האָבן זיך אָנגעהויבן ספּאָנטאַן זאַמלען און פאָרמירן פּאַטרולן וואָס האָבן זיך גע־גרייט צו דערשטיקן אין סאַמע אָנהייב יעדן פּרווו פון פּאַראַט. אויף קאַזשמעזשאָווסקע גאַס האָט אַ כוליגאַן אין אַן אָטשערעד געגומען זידלען יידן. אַן אָנגעקומענע גרופּע פון יידישע אַרבעטער האָט אים שיעור נישט געלינטשט אויפן אָרט. די מיליץ האָט אים קוים אַרויסגעראַטעוועט פון די הענט פון אויפגערעגטן המון. אַן אָנגעקומענער פּאַטרול פון דער ג. ק. וו. ד. האָט זיך פאַראינטערעסירט מיטן טומל. דער קאָמאַנדיר האָט באַפוילן דעם כוליגאַן צו באַזוכן. מען האָט געפונען ביי אים אַ רעוואָל־ווער, ער האָט נישט געקענט אָנווייזן פון וואַנען דאָס קומט צו אים. אָן אַ וואָרט האָט אים דער קאָמאַנדיר דערשאָסן אויפן אָרט, אין מיטן גאַס, און אַ שפּיי־געבנדיק אויף דער צעדמטער נבלה איז ער רואיק אַוועק מיטן פּאַטרול.

פּאַרנאַכט האָט זיך פּלוצלינג אַראָפּגעלאָזט אַ שלאַקס־רעגן. ער האָט אַ פּויק־געטון מיט זומערדיקע גרויסע טראָפּנס איבער די בלעכענע דע־כער, אָפּגעשווענקט דעם שטויב פון די גאַסן און אויסגערונען אַזוי שנעל ווי ער איז געקומען. די גאַס איז שטיין געבליבן אַן אָפּגעפרישטע און אָפּ־געוואַשענע. קליינע, צעשפּיגלטע קאַלוזשעלעך פון רעגנוואַסער האָבן אַריינגעזאַפּט דאָס צעטריפטע גאָלד פונעם זון־פאַרגאַנג. האָט עס זיך צעלייגט דאָס גאָלד אויף די שויבן פון די צוגעמאַכטע פענצטער, אויף די קלויסטער־טורעמלעך און ביימער־קרוינען און נישט געוואָלט אַוועק־גייען, נישט געוואָלט צולאָזן די פינצטערניש פון דער נאַכט, ביז וואַנען אַ ים פון קופּערדיק־באַזוימטע בלויקייטן האָט פּלוצלינג איינגעשלונגען דעם אָפּגעפּאָלירטן רויטן זון־טעלער און ס׳איז צוגעפאַלן דער אָוונט, אַ בלוי־סאַמעטענער, אַ זומערדיק־פאַרבענקטער, אַן אומרואיק־צעשראָקע־נער — דער ערשטער פאַרטונקלטער אָוונט אין לעמבערג, דער ערשטער מלחמה־אָוונט אין לעמבערג..

אַ גאַנצן נאָכמיטיק ביז שפּעטן אָוונט האָבן בריוונטרעגער פונאַנ־דערגעטראָגן פאַרחתמעטע קוויטלעך פונעם וואָיענקאָמאַט (מיליטערישער

קאָמיסאַריאַט). מען האָט אויף שנעל געררופן אין די פּאָלקן די אַלע וואָס האָבן אונטער דער סאָוועטישער מאַכט דורכגעמאַכט מיליטער־ישע קורסן און איבונגען. מען האָט אויך אַ רוף געטון אַזעלכענע וואָס האָבן געדינט אין דער פּוילישער אַרמיי אין די ספּעציעלע טעכנישע אָפּטיילונגען און סאַניטאַרן פּערסאָנאַל. אויף די קוויטלעך איז געווען אויפגעשריבן מערסטנטייל, אַז מען רופט אויף זעקס־וואָכנדיקע איבונגען. ווייזט אויס די קוויטלעך האָט מען אויסגעשטעלט מיט אַ צייט צוריק, ווען עס איז נאָך קיינעם נישט איינגעפאַלן אַז די מלחמה איז אַזוי נאָענט, אַזוי שרעק־לעך־דראָענדיק נאָענט. אָבער איצטער ווען די קוויטלעך זענען אָנגעקו־מען אין די דערשראָקענע שטיבער, האָבן פרומע טאַטעס געהויבן די אויגן צום הימל און שטילערהייט געבעטן: „טאַטע זיסער, הלוואי זאָל עס טאַקע זיין זעקס וואָכן און נישט מער...״

חברה וואָס האָבן די קוויטלעך דערהאַלטן זענען געווען שטאָלץ און צופרידן: איינמאָל פאַר אַלעמאָל — מען וועט קענען נעמען אַ ביקס אין האַנט און מיט אייגענע, יידישע הענט באַצאָלן פאַר אַלץ וואָס מען האָט געליטן, פאַרן חרוב־געוואָרענעם לעבן, פאַר צעשטערטע חלומות, פאַר דערנידעריקונגען און יאָגן און פּלאָגן, פאַר אַלץ וואָס די בלוטיקע צע־ווילדעוועטע חיה האָט אָפּגעטון ביז אַהער.

איז מען שוין הייסט עס אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן און גע־גרייט זיך צום מאָרגנדיקן גרויסן טאָג, ווען מען וועט ווערן אַן אמתדי־קער, מונדירטער שוין, רויטאַרמייער. די נאַכט האָט געציטערט פון די אָפּקלאַנגען פון ווייטע שאָסן, אויפן האָריזאָנט האָבן זיך פונווייטנס גע־צונדן ראָזעווע פאַסן פון שריפה־לונעס, מיליטער האָט געצויגן אַ גאַנצע נאַכט איבער די גאַסן און דאָס געקלימפּעריי פון די וועגענער, דער גע־דעמפּטער גערויש פון רעדער, דאָס געפּויקעריי פון פערדישע קאָפּיטעס האָט זיך אַריינגעריסן אין די שלאָף־צימערן און צוגערופן צעשויבערטע, האַלב־וואַכע קעפּ צו די פענצטער. האָבן הערצער מיט פרייד און בטחון זיך אָנגעפילט פון אָט־דעם געקלימפּעריי און אַ געהיימע קראַפט האָט געריזלט אין יוגנטלעכע קרעפטיקע מוסקולן און אָנגעזאָגט מיט שטאָלץ: מאָרגן וועסטו אויך ווערן אַ טייל פון אָט־דער מאַשין וואָס קלימפּערט איצט איבער די גאַסן, פון אָט־דער מאַשין, וואָס טראָגט נקמה און טויט דעם בלוטיקן, חיהשן שונא.

דער ווערביר־פּונקט אויף פּעקאַרסקע גאַס האָט זיך געעפנט ערשט אַרום אַכט אינדערפרי, אָבער שוין זעקס פאַרטאָג האָבן זיך חברה אָנגעהויבן דאָרט פאַרזאַמלען. דאָס איז געווען אַן אָנפאַנגס־שולע. אָקאָרשט האָבן זיך אָנגעהויבן די שול־וואַקאַציעס און די קלאַסן, די פּוסטע קלאַסן האָבן געהאַט אַן אויסזען ווי זיי וואָלטן זיך גערוגזט הלמאי מען שטערט זיי די כשר־פאַרדינטע זומערדיקע רו זייערע. ברייט־פּלייציקע קאָמאַנדירן פון די וואָיענקאָמאַטן האָבן זיך באַזעצט אויף די קאַטעדרעס און סאָוועטישע מיידלעך פון דער מיליטערישער פרויען־דינסט, האָבן זיך צעשפּרייט מיט די פּאַפּירן און ביכער. אין אַן אַנדער צימערל זענען געשטאַנען די מיליטערישע דאָקטוירים און אויף שנעל אונטערזוכט די רעקרוטן. אין דרויסן האָט געוואַרט אַ סטאַרשינאַ מיט אַ גרופּע רויטאַרמייער. אָפּגעציילט אַ הונדערט צוגענומענע — אויסגעפאָרמירט באַלד אין אַ מיליטערישן לאַנגן פירעק. מאָדנע האָט עס אויסגעזען, אָט די מיליטערישע אויספאָרמירונג פון ציוויל־אָנגעטוענע יונגעלייט. אַן איבערוועגנדיקע מערהייט — יידן. מען האָט, ווייזט אויס, גוט געקליבן אין די רשימות פון די פּריזיווניקעס און ניט גענומען סתם אין דער וועלט אַריין. ביים טויער וואַרטן די משפּחות פון די צוגענומענע. מען שרייט זיך איבער, מען רופט, מען געוואַלדעוועט: „יאַנקל, עך בעיט דעך, זאָלסט באַלד שראַאַבן אַ בריוול...“ „באַ־דער׳ שלמה, נעם מיט עפּעס איבערצוכאַפּן“, „דער טאַטע איז קראַנק, איציקל, זע, לאָז אים נישט לאַנג וואַרטן אויף אַ ידיעה...“ און אַזוי האָבן זיך געצויגן אינעם גאָלדיקן פרימאָרגן די האַרציקע זיידענע פעדים פונעם לענגלעכן האַלב־מיליטערישן פירעק צו דער פורעמלאָזער משפּחהדיקער צעפלאָסענער מאַסע וואָס אויף יענער זייט פונעם פּאַרקן, און הערצער האָבן געטריפט מיט בלוט, מיט מורא און מיט צאַפּלעניש, ווייסנדיק אַז דאָס זענען שוין די לעצטע מינוטן, וואָס מען פילט נאָך אָט די פעדים טאַקע, און אָט־אָט וועלן זיי איבערגעריסן ווערן, און אפשר אויף אייביק.

אַלע האַלבע שעה, האָט מען אַן אַנדערע פּאַרטיע אַרויסגעפירט פון הויף. חברה האָבן מאַרשירט, פּרוּווּנדיק שוין, פון זייער אייגענעם ווילן צוגעבן זייערע טריט דעם איינהייטלעכן מיליטערישן ריטם. אויף די טראָטואַרן פון ביידע זייטן, די טאַטעס און מאַמעס, די ברידער און שוועסטער, די חברים און כלות. אין די פאַרנעפּלטע אויגן טרערן. טרערן פון צעשיידונגס־ווייטיק, פון זאָרג און פון ציטערניש איבערן לעבן פון אָט־

דעם יענקל צי שלמה, וואָס שפּאַנט שוין מיט אַזאַ האַלב־סאָלדאַטסקן טראָט איבער דער גאַס, אָבער אויך טרערן פון שטאָלץ, טרערן פון אי־בערגעגעבנקייט, טרערן פון פּלוצלינג דערפילטער אייגנווירדע און חשי־בות, וואָס אָט־דער יענקעלע וואָס איז ערשט נעכטן געווען אַ קינד, און שוין איז ער קיין עין־הרע אויסגעוואַקסן, און ווי שטאָלץ ער גייט דאָס, יענקעלע צי שלמהלע, ווי קרעפּטיק ער זעט דאָס אויס, קיין בייז אויג זאָל אים נישט שאַטן, חלילה, און אין יידישע הערצער האָט געבליט די גרויסע פרייד, אַז עס איז פאָרט דאָ עמעצער, וואָס וועט אים, שלמהן געבן אַ ביקס אין האַנט.

אויף קורקאָווע גאַס איז געווען איינער פון די אָטריאַדן ווו מען האָט אויפגענומען רעקרוטן. דערלעבן, אויף טעאַטינסקע זענען געווען די גרוי־סע קאַזאַרמעס, ווו עס האָבן געהאַלטן אין איין אָנקומען און אַוועקגיין, אַלע מאָל אַנדערע פּאָלקן. אַן אַנדערער גרויסער פּונקט איז געווען אויף דער גאַס פון הייליקן יאַצעק. אַלע אָט־די פּונקטן האָבן געווימלט פונעם רעקרוטישן געדראַנג און גערויש. דער פּונקט אויף קורקאָווע איז געווען אינעם לייִדיקן פּאַלאַץ פון די פּוילישע גראַפן טשאַרנעצקיס. הינטערן פּאַלאַץ אַ גרויסער, אַלטער באַשאָטנטער גאָרטן. אין אָט־דעם גאָרטן האָט מען אויסגעשטעלט די אָנקומענדיקע רעקרוטן. פאַרן פראָנט איז אַרויס־געקומען דער קאָמאַנדיר און קאָמיסאַר פונעם אָטריאַד. ער האָט גערעדט קורץ, ער האָט געזאָגט דאָס, וואָס אַלע האָבן שוין סיי־ווי געוווסט, אָבער דאָך איז עס געווען ניי, פריש און אייגן־צאַפּלדיק. אויגן האָבן זיך צע־פינקלט, און פויסטן האָבן זיך נישט ווילנדיק געבײַלט.

אין איין שעה זענען אַלע געווען מונדירט און באַוואָפנט. אינעם שאָטן פון די אַלטע ביימער, אין דער קילקייט וואָס האָט זיך געטראָגן פון די אַלטערטימלעכע ווענט פון טשאַרנעצקי־פּאַלאַץ האָבן ערנסט אָפּגע־קלונגען די פּאַמעלעך געלייענטע ווערטער פון דער רויטאַרמייאישער שבועה.

מיט דער האַנט אויף די נאָר־וואָס באַקומענע ביקסן, מיט הערצער צעשטורעמטע אונטער די נאָר־וואָס באַקומענע מונדירן, מיט אויגן צע־פינקלטע אונטער די נאָר־וואָס באַקומענע העלמען, האָבן פייערלעך גע־געבן זייער ענטפער די רעקרוטן.

אַ מעסער אין רוקן

דער אַלטער באַשאָטנטער גאָרטן פונעם טשאַרנעצקי־פּאַלאַץ איז גאָרנישט צוגעוווינט געווען צו די קלאַנגען, מיט וועלכע עס האָבן איצטער גענומען אָפּהילכן די גאָלד־זאַמדיקע אַלייען און סטעטשקעס. אינעם געצוויטשעריי פון די פייגל, אינעם שטילן, זומערדיק־לאַנגווייליקן זשומעריי פון די פליגן, אינעם פאַרטראַכטן קוים־דערהערבאַרן גערויש פון די בלעטער האָט זיך פּלוצלינג אַריינגעריסן אַ שטרענגע אַן אומברחמנותדיקע און האַרטע שפּראַך: די שפּראַך פון מושטרע און פון גלייכמעסיקע יונגע טריט... „שאַגאָם מאַ־אַ־רש!" — און „רראַז, דוואַ, טרי, טשעטירע!" בלאָנדע, ברייט־צעוואַקסענע וואַניאַס און קאָליאַס, סערזשאַנטן און סטאַרשינאַס, האָבן געלערנט די ניי־געבאַקענע רויטאַרמייער פון די מערב־געביטן צו שטעלן זייערע ערשטע טריט, ממש טאַקע טריט. אין די רייען פון דער גרויסער רויט־פאָניקער סאָוועטישער אַרמיי.

חברה האָט זיך געפּלייסט. מען האָט געוואָלט ווייזן אָט־די מאָסקווער, קיעווער און טאַמבאָווער יאַטן אַז זיי האָבן דאָ נישט אָנגעטראָפן אויף קיין אויסקראַצעכץ, אַז די מלאכה פון גיין און שרייען הויך, פון צונויפרוקן די אָפּצאַסן פון די אונטערגעקאָוועטע שטיוול, די חכמה פון ענטפערן אַ קאָמאַנדיר לויטן מיליטערישן נוסח, איז גאָרנישט אַזאַ שווערע. די ווייט־גרעסטע טייל פון די רעקרוטן האָט שוין געהאַט דורכגעמאַכט מיליטערישע קורסן און איבונגען אין דער רויטער אַרמיי טאַקע, און די דאָזיקע וואָס האָבן נאָך נישט באַוויזן דאָס צו טון, האָבן ווידער געהאַט געדינט אין דער אַמאָליקער פּוילישער אַרמיי, און הגם יעדע אַרמיי האָט זיך איר „שולחן ערוך", אָבער דאָך קומט עס שוין שווער נישט אָן אַ סאָלדאַט זיך אַריינצופּאַסן אין אַ נייער אַרמיי.

נאָכמיטיק האָט מען די חברה צונויפגענומען אין קרייזלעך און געלערנט זיי וואָס אַ ביקס מיינט און ווידער איז געווען די אייגענע מעשה: כאָטש די רוסישע ביקסן זענען נישט געווען ווי די פּוילישע, אָדער די פראַנצויזישע, וואָס מען האָט אין דער פּוילישער אַרמיי באַנוצט, אָבער קיין גרויסע חכמה האָט מען שוין נישט געדאַרפט, און בכלל זענען יידן אַזאַ מין פאָלק, און דאָס רוב פון די רעקרוטן זענען דאָך געווען יידן, אַז מען קען זיי מיט קיין שום זאַך נישט פאַרחידושן, — מה דאָך מיט אַ

ביקס, וואָס איז אַ ביקס ווי אַלע ביקסן, כאָטש זי איז אַביסל אַנדערש.

פאַרנאַכט־צו זענען פאַרפאָרן אינעם פּאַלאַץ עטלעכע מאַשינען פון ראַווא־רוסקא, אָנגעלאָדענע מיט אָנטלאָפענע ציווילע באַאַמטע פון יענער שטאָט. אין די אויגן זייערע איז געלעגן צאָרן און גרויל, אויף די פּנימער — טויטע מידקייט און אויף די קליידער ווייסער שטויב פון דורכגע־מאַכטן וועג. זיי האָבן גאָרנישט געוואָלט ענטפערן אויף די פראַגן וואָס מען האָט זיי געשטעלט, אָבער דער ענטפער איז געלעגן אויף זייערע פּני־מער טאַקע אַ קלאָרער און אומצווייפלדייטיקער, אַן ענטפער אַ צאָרנדיקער און שרעקלעכער, אַן אָנגעלאָדענער מיט ווײ־געשריי, צער און דורשט נאָך נקמה. דער קאָמאַנדיר האָט זיי באַפוילן אָנצוקאָרמען. זיי האָבן זיך אַרומ־געוואַשן, אויסגערוט און מיט צוויי שעה שפּעטער אַוועקגעפאָרן.

חברה האָבן זיך גענומען שושקען אַז עס מוז נישט זיין אַזוי פויגל־דיק דאָרטן אויף דער גרענעץ, אויף די ניי־געשאַפענע פראָנטן. מען האָט געפּרוווט צוקומען צום פּאַרקן און כאַפּן עפּעס ידיעות פון דער גאַס, אָבער די שטאָט איז געלעגן אין אַ טויטער שטילקייט און די גאַסן אַרום פּאַ־לאַץ זענען געווען איינגעזונקען אין אַן אימה וואָס האָט זיך שטומער־הייט צעלייגט אויף די הייזער און אַרויסגעקוקט פון די בלינדע פאַר־מאַכטע פענצטער אין דער פאַרנאַכטיקער וועלט אַריין.

אין אָוונט האָט מען די נייע חברה פאַרזאַמלט, און אַ פּאָליטרוק (פּאָ־ליטישער לייטער פון אַן אָפּטיילונג), האָט געגעבן אַן איבערבליק איבער דער פּאָליטישער לאַגע. ער האָט גערעדט בלימלדיק און לאַנג. ער האָט גערעדט רוסיש און ווייניק וועד עס האָט אים פאַרשטאַנען, אָבער אפילו די וואָס האָבן אים יאָ פאַרשטאַנען, האָבן אויך גאָרנישט געקאָנט גע־וואָר ווערן. פון די מליצהדיקע רייד זיינע, פון די געגאָרנטע שווערע ווער־טער, מיט וועלכע ער האָט זיך באַנוצט, האָט מען נישט געקאָנט אַרויס־דרינגען ווי אַזוי עס זעט איצט אויס דער פראָנט, און צי דער דייטש איז געוואָרן צוריקגעשטויסן צי נישט. האָט מען זיך שפּעטער בלויז איבערגע־קוקט און יעדער איינער האָט געזוכט אין אַנדערנס בליק אַ טרייסט, אַ נחמה, אָבער מען האָט זי ניט געקאָנט געפינען. גערעדט, הייסט עס, האָט מען שוין גאָרניט, געשלונגען שטילערהייט די אייגענע שרעק און שלעכטע פאָרגעפילן און מיט אַ שווער געמיט געגאַנגען שלאָפן, כאָטש מ׳האָט גע־וווסט אַז מען וועט נישט קענען איינשלאָפן, אַז די נאַכט וועט ווערגן

מיט ווייטן פחד און מיט בענקעניש, מיט מחשבות וואָס וועלן זיך ציען אַהינצו, אויף יענעם זייט פונעם פּאַרקן, ווו אין די פינצטערע שטיבער קלערט מען איצט אויך וועגן זיי, וועגן די נייע סאָלדאַטן טאַקע, אַז סך־הכל מיט עטלעכע גאַסן פון פּאַלאַץ ליגט זי נאָך, די פּריש־פּאַרלאַזטע אייגענע היים, וואָס ווער ווייס ווען מען וועט זי דערזען.

דאָס ציווילע אָנטועכץ פון די רעקרוטן האָט מען צונויפגעבונדן אין פּעקלעך, און אויף צומאָרגנס האָט מען עס געזאָלט פונאַנדערפירן אין די שטיבער פון די משפחות. די לאַסט־מאַשין אויף וועלכער מען האָט אָנגעלאָדן די פּעקלעך האָט געזאָלט רירן פאַרטאָג און געווען חברה וואָס האָבן זיך געגרייט מיטצופאָרן און אַזוי אַרום כאָטש נאָך איין מאָל צו געזעגענען זיך מיט זייערע נאָענטסטע. געווען אפילו אַזעלכע וואָס זענען געלאָפן פאַרנאַכט צום קאָמאַנדיר פון אָטריאַד בעטנדיק דערלויבעניש מיטצופאָרן. אָבער ער האָט צומאָל נישט געוואָלט רעדן מיט זיי. „ס׳איז מלחמה — האָט ער אויף זיי אָנגעשריגן — און פאַרדרייט מיר נישט קיין קאָפּ מיט קיין פּוסטע מעשׂות“.

די נאַכט האָט זיך געצויגן אַ שטילע און זילבערדיק־זיידענע. חברה זענען אַרויס פון די צימערן אין וועלכע מען האָט זיי איינגעקוואַרטירט און צעלייגט די קאָלדרעס און שינעלן אויפן ווייכן גראָז פון גאָרטן. לייכטנדיקע זומער־פליגלעך האָבן אַרומגעפלאַטערט אין דער טונקל־בלויער, פלושענער לופט און דורך די שטיל־צעוויגטע, פון ווינטלעך גע־גלעטע צווייגן, האָט זיך געגאָסן אויף די גראָזן גרינלעכער, סעלעדינענער, מיט טויאיקע טראָפּנס צעפינקלטער לבנה־גלאַנץ. שטיל איז זי געווען די נאַכט, שטיל און זומער־שלווהדיק און אפילו דאָס ווייטע טויבלעכע פויקן פון האַרמאַטן שאָסן, האָט נישט געקענט שטערן אָט־די שטילקייט. עס איז געוואָרן איצט אַ טייל פון דער נאַכט, אָט דאָס ווייטע שיסן טאַקע, פּונקט ווי די ווייסע אָרעמס פון די רעפלעקטאָרן זענען געוואָרן אַ טייל פונעם גראַנאַטענעם, גאָלדיק־צעפינקלטן זומערדיקן הימל. געדוכט האָט זיך טיילמאָל, אַז דאָס האָט מען זיך אויסגעקליבן אַזאַ גאָרטן אויף אַ נאַכטיקן זומער־אויספלוג, אַז מאָרגן אינדערפרי וועט מען זיך לאָזן מיט די רוקזעק אויף די פּלייצעס און מיט יונגן געזאַנג אויף די ליפּן אין איינעם פון יענע זומער מאַרשן, ווען ווייטע וועגן פאַריאָגן מיט זייער זו־ניקער רחבותדיקייט דעם אומעט און שווער געמיט פון דער ענגער שטיי־

נערנער שטאָט. בלויז פון צייט צו צייט האָט זיך פונעם טויער דערטראָגן די קאָמאַנדע פון די וואַכן, וואָס האָבן זיך גראָד געטוישט, און בלויז אָט־די האַרטע אַרמייאישע קורצע ווערטער מיטן געקלים־פּעריי פון די ביקסן האָבן דערמאָנט אַז מען געפינט זיך אין אַ מיליטערישן לאַגער, אַז כאָטש מען איז נאָך אין לעמבערג, אָבער דאָך איז מען שוין ווייט, זייער ווייט פון דער היים.

די נאַכט האָט זיך געצויגן זייער לאַנג, אָבער ווען בלויע שאָטנס האָבן גענומען אַרומפּויזן אונטער די ביימער, ווען אין די נאַכטיקע שאָטנס האָט זיך גענומען אַריינפּלעכטן קופּער מיט גאָלד, האָט מען זיך פּלוצלינג אַרומגעזען אַז אייגנטלעך איז זי גאָר קורץ געווען, אָט־די נאַכט טאַקע. איז מען, הייסט עס, געלאָפן שנעל און אָפּגעוואַשן די האַלב דרימלענדיקע יונגע קערפּערס מיט קאַלטן וואַסער, וואָס האָט אָפּגעפרישט און דערמונטערט, געסמאַקעוועט דאָס שוואַרצע סאָלדאַטסקע ברויט פונעם פרישטיק און צוגעטרונקען שטאַרקע ביטערלעכע טיי און קוים באַוויזן זיך צו ברענגען אין אָרדענונג, ווייל איידער וואָס ווען, האָט מען שוין גערופן אויף איבונגען.

און ווען חברה האָבן זיך שוין געהאַט אויסגעשטעלט אויפן הויף, ווען מען האָט שוין געהאַט אויסגעגלייכט דיביינער און גרייט געווען אַריינזאַפּן אין זיך נאָך אַ פּאָרציע פון חכמת־המיליטער, האָט זיך פּלוצלינג אינעם גאָלדענעם פרימאָרגן אַריינגעריסן אַ נייער, אַן אומבאַקאַנטער און דאָך עפּעס יאָ קענטיקער קלאַנג. איבער זייערע קעפּ האָט אָפּגעהילכט דאָס צעריסענע און ניט רעגולערע געשיסעריי פון אַ קוילנוואַרפער און אייניצייטיק האָבן זיך פון פאַרשידענע ריכטונגען גענומען טראָגן איינצלנע ביקסן־שאָסן. „בזוז־או־או" האָט אַ קויל אַ זשומע געטאָן האַרט, האַרט לעבן איינעמס אויער, און פון דער בודקע, ווו עס איז געשטאַנען דער שילדוואַך האָט זיך פּלוצלינג דערטראָגן אַ פאַרשטיקט געשריי, באַגלייט מיט אַ גאָרנדיקער רוסישער קללה. „ראַזאָידיס" — האָט שנעל אָפּגעהילכט די קאָמאַנדע, און חברה זענען זיך צעלאָפן אויף אַלע זייטן.

די שאָסן זענען געקומען פון גלאָקן־טורעם פון גרויסן בערנאַרדינער־קלויסטער וואָס האָט אַהער אַריבערגעקוקט פונעם ברייטן בערנאַרדינער פּלאַץ. דעם וועכטער ביים טויער האָט מען געביטן, ער האָט געהאַט אַ דורכגעשאָסענעם אָרעם. די קויל האָט אָנגעטראָפן אָנעם אייזערנעם שטאַ־

כעט פונעם פּאַרקן און מיט אַ ריקאָשעט זיך אָפּגעשלאָגן און פאַרוווּנדעט אים. דער פּאַלאַץ האָט זיך אַ ווײַלע ווי מישב געווען שטילערהייט, נאָר אין עטלעכע מינוטן אַרום האָט ער געענטפערט מיט אַ פאַרביסענער געדיכטער שיסערײַ. און פּלוצלינג איז די גאַנצע שטאָט פאַרטויבט געוואָרן מיט אָפּקלאַנגען פון שאָסן, מיט געקנאַל פון אויפרייסנדיקע גראַנאַטן, מיט רציחהדיקער אָפּגעריסענער געבילערײַ פון די קוילנוואַרפער, מיט געשרייען, מיט געוואַלדן, מיטן שווערן קאַטשען זיך פון טאַנקען איבערן שטיינערנעם ברוק. די פאַשיסטישע אוקראַיִנישע באַנדע האָט געוואָלט פאַרוקן אַ מעסער אין דער פּלייצע פון דער רויטער אַרמיי.

די חברה האָט מען צונויפגערופן אין גרויסן זאַל פונעם פּאַלאַץ. פון די ווענט האָבן אַראָפּגעקוקט גרויסע פּאָרטרעטן פון די אַמאָליקע פּויליִשע מאַגנאַטן, פון די טשאַרנעצקיס. אין רויטע, געפּאַלדעוועטע קאַנטושן, מיט פאַרוואָרפענע פּליגל פון די פעלערינע־פּאַלעס, מיט שטרענגע בליקן פון אונטער די געדיכטע ברעמען און מיט האַרט־צונויפגעפּרעסטע ליפּן אונטער די לאַנגע אַראָפּהענגענדיקע גראָע וואָנצעס האָבן די טשאַרנעצקיס געקוקט אויף די רעקרוטן, וועמען מען האָט געפּרוווט איצט פאַרוואַנדלען אויף גיך אין סאָלדאַטן. דער קאָמאַנדיר האָט גערעדט קורץ. ער האָט נישט געפּרוווט באַהאַלטן די ערנסטקייט פון דער לאַגע. באַנדיטן האָבן אויפגעהויבן אַ בונט אין שטאָט — האָט ער געזאָגט — איר זענט יונגע סאָלדאַטן. אייגנטלעך איז נאָך שווער אייך בכלל אָנצורופן סאָלדאַטן און דעריבער קענען מיר נישט פאַרלאַנגען פון אייך איר זאָלט אייך שוין פאַרהאַלטן ווי עס פּאַסט פאַר רויטאַרמייער. אָבער ווער עס וויל, ווער עס פילט אַז ער קען און האָט מוט צו האַלטן אַ ביקס אין האַנט, דעם וועלן מיר די ביקס געבן. געדענקט, מיר צווינגען קיינעם נישט, אָבער אויב דו נעמסט שוין יאָ די ביקס, פאַרשעם זי נישט. אַ רויטאַרמייאישע איז זי, די ביקס, און האָט פיינט שוואַכע הענט. אַ רויטאַרמייאישע איז זי די קויל, און האָט פיינט, מען זאָל זי אַרויסשיסן סתם אין דער לופטן. די וואָס שיסן היינט אויף אונדז, זענען פאַרבינדעטע פון די דייטשן, און זענען נאָך ערגער דערמיט וואָס זיי שיסן פון הינטן, פאַרעטעריש, נידערטרעכטיק. אויב אפילו מיר מוזן אָט־די שטאָט פאַרלאָזן, דאַרפן מיר אָט־די ווערים צעטרעטן איידער מיר ציען זיך צוריק. אַלזאָ חברים — האָט ער פאַרענדיקט — קטאָ זשעלאַיעט? (ווער פאַרלאַנגט אַ ביקס?)

— איך! איך! און איך! — האָבן זיך העַנט אויסגעשטרעקט צו דער איינציקער ביקס וואָס דער קאָמאַנדיר האָט געהאַלטן אין האַנט. ער האָט אַ וואָרף געטאָן אָט די ביקס דעם ערשטן אין ריי, און באַפוילן דער כטארשינא צו באַוואָפענען יעדן איינעם וואָס פאַרלאַנגט עס. מיט צוויי שעה שפּעטער זענען פון פּאַלאַץ אַרויסגעפאָרן אָנגעלאָדענע לאַסט־אויטאָס מיט רויטאַרמייער. דער באַפעל איז געווען: שיס אָן וואָרענונג אין יעדן אָפענעם פענצטער! די שטאָט האָט זיך איינגעקאָרטשעט אין זיך פאַר פחד און גרויל. די גאַסן האָבן געשמעקט מיט פּולווער און טויט. פּאַטרולן פון יידישע אַרבעטער זענען אַרומגעלאָפן, אויסגעשפּירט און אויסגעזוכט די באַנדיטישע נעסטן און געברענגט די ידיעות אין די רויט־אַרמייאישע שטאַבן, און באַלד זענען צו יעדן אַזאַ אָרט פאַרפאָרן מאָטאָריזירטע פּאַטרולן און טיילמאָל, ווען דער פּונקט איז געווען גאָר שטאַרק באַפעסטיקט, אויך טאַנקען. אויף זשולקעווסקע גאַס איז אַ טאַנק צוגעפאָרן צו אַ פאַרמאַכט הויז, מיטן שווערן שטאָלענעם קאָרפּוס זיינעם האָט ער אויפגעריסן דעם טויער און גענומען שפּריצן מיט פייער אויפן אַרום. די בונטאָווטשיקעס האָבן זיך אונטערגעגעבן. זיי זענען אַרויס און אויסגעשטעלט זיך מיט העַנט אויפגעהויבענע אין דער הויך. אַ פּולעמיאָט האָט זיי צעשאָסן אַלעמען. זיי זענען ליגן געבליבן, אַ צעטרעטענע פאַרבלוטיקטע מאַסע פון דורכגעלעכערטע קערפּערס, אַ קופּע שטינקענדיק פלייש אין דער זומערדיקער זון, וואָס האָט עדות געזאָגט און צו וויסן געגעבן יעדן איינעם אַז די רויטע שענקען נישט, אַז זיי האָבן ליב צו באַצאָלן, אַז זיי וועלן באַצאָלן יעדן איינעם הן פאַר געטריישאַפט און הן פאַר פאַראַט, הן פאַר איבערגעגעבנקייט און הן פאַר פאַלשקייט, הן פאַר אַ ליבלעכן שמייכל און פאַר ברויט מיט זאַלץ, און הן פאַר אַ מעסער וואָס מען גרייט אונטער דער פּאָלע.

פון די פראָנטן זענען ידיעות געקומען וואָס אַמאָל ערגערע. דער דייטש איז שוין אַריין ווייט אין לאַנד. דער דייטש גייט פאָראויס מיט בלוט, שריפות, טויט און פאַרניכטונג. מען האָט שוין געוווסט: אַ ליאַדע טאָג וועט אָט־די שטאָט, אָט־די אַלטע און פון דורות־אָן דרימלענדיקע רואיקע שטאָט לעמבערג מוזן עוואַקואירט ווערן, אָבער די רויטע אַרמיי האָט געהאַט אָן אויפגאַבע: פאַרן צוריקצוג, פאַרניכטן און דערווערגן דעם פאַשיסטישן רעוואָלט. זי האָט אָט־די אויפגאַבע דערפילט.

אין שטויב פון די וועגן

אין יענע שווערע טעג האָט ערשט די סאָוועטישע מאַכט דערזען בולט, ווער עס זענען אירע אמתדיקע און אויפריכטיקע פאַרבינדעטע אין אַן עת־צרה, ווער עס איז גרייט זיך מקריב צו זיין בלב ובנפש, מיטן האַרץ און מיט לייב־און־לעבן, פאַר דער נייער סאָוועטישער אָרדענונג. דער בונט, דער פאַרעטערישער נידערטרעכטיקער רעוואָלט איז געווען אָרגאַניזירט פון די היידאַמאַקישע באַנדעס, אָבער אפילו די „לאַיאַלע" אוקראַינער פון לעמבערג האָבן אויך געשוויגן און שטילערהייט געזעסן אין דער היים, אפילו ווען זיי האָבן נישט אָנטיילגענומען אין דער געשי־סעריי אויף דער רויטער אַרמיי, וואָס איז אָנגעגאַנגען פון די דעכער און פענצטער, פון די קלויסטער־טורעמס און קירכן, פון די גנבהשע מלינות און אַנדערע באַנדיטישע נאָרעס. די פּאָלאַקן זענען געווען איבערגע־שראָקן און „נייטראַל", זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן און געוואַרט וואָס פון דער שיסעריי וועט אַרויסקומען. געווען אַ געוויסע צאָל, הגם פאַרהעלט־נישמעסיק אַ קליינע, וואָס האָט מיטגעהאָלפן די באַנדיטן, אָבער דאָס רוב פּאָלאַקן האָבן געציטערט פאַר די אוקראַינישע מערדער און צוגע־קוקט דאָס גרייטע. נאָר די יידן, דער „אומפּראָדוקטיווער עלעמענט, וואָס מען דאַרף אים איבערשיכטן", נאָר די יידן, „דער אומזיכערער, וואַקל־דיקער קליינבירגערלעכער מיטלקלאַס", נאָר זיי, די יידן, האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אינעם דערשטיקן די פאַשיסטישע בעסטיע, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן אָפּצוהאַלטן אַ זיג איבער דער רויטער אַרמיי, איידער זי טרעט אָפּ פון לעמבערג. יידישע אַרבעטער און סתם יידן פון אַ גאַנץ יאָר האָבן זיך נישט גערעכנט מיט דעם וואָס עס וועט געשען דערנאָך. זיי האָבן זיך קעגנגעשטעלט די באַנדיטן אומעטום, ווו דאָס איז מעגלעך גע־ווען, אויב קיין רויטאַרמייאישע אָפּטיילונג איז נישט געווען אין דער נאָענט. זיי האָבן געשאַפן אויסשפּיר־גרופּן און איבערגעשיקט די ידיעות גלייך אין די אַרמייאישע שטאַבן וועגן די הייזער, ווו עס האָבן זיך גע־זאַמלט די פאַשיסטן. זיי זענען געווען דער איינציקער אַקטיווער כוח אין ציווילן לעמבערג, וואָס האָט געהאָלפן דער רויטער אַרמיי צו דערדריקן די באַנדיטיש־היידאַמאַקישע שלאַנג און פאַריאָגן זי אונטער דער ערד.

דער גאַרניזאָן וואָס איז געשטאַנען אין שטאָט איז געווען פאַרהעלט־

נישמעסיק אַ קליינער, אָבער ער האָט זיך נישט פאַרלוירן, ווען דער בונט איז אויסגעבראָכן. אויף וואַלאָווע גאַס האָבן עטלעכע רויטאַרמייער מיט איין לייטענאַנט אויסגעהאַלטן אַן אומאויפהערלעכע באַלאַגערונג פון די באַנדיטן, וואָס האָט געדויערט צוויי טעג. פאַרן בנין פון דער אָפּערע האָט אַ קליינער רויטאַרמייאישער פּאַטרול פון דריי מאַן, מיט איין פּור־לעמיאָט און עטלעכע האַנט־גראַנאַטן צעיאָגט אַ באַנדע פון אַן ערך הונ־דערט היידאַמאַקישע „העלדן“, באַוואָפנטע פון קאָפּ ביז פיס. שפּעטער איז די באַנדע געגומען געוואָרן אין אַ זייטיק געסל אין 2 פייערן און ווייניק ווער פון זיי האָט זיך געראַטעוועט. מיט בייזע פייערלעך אין די אויגן, מיט אומברחמנותדיקע און פלינקע הענט, אָבער אויך מיט אַ מין שמייכל פון ביטול און גרינגשעצונג, פלעגן די רויטאַרמייאישע פּאַטרולן אַרויס־פאָרן אין גאַס קעגן די באַנדיטן. „ווער וועמען ווילט איר אָנשרעקן?“ — האָט דאָס ביטול־שמייכעלע געחוזקט — „וועמען ווילט איר בייסן אין די פּיאַ־טעס? אונדז? די רויטע סאָלדאַטן?“ און ווויליונגעריש האָבן זיך געטראָגן די פּאַטרולן איבער די ברייטע לעמבערגער אַלייען, איבער די שמאָלע געסלעך, איבער פּלעצער און סקווערן, טראָגנדיק טויט די מאַרעטער, שפּריצנדיק מיט פייער און פּולווער אויף אַלע זייטן, געבנדיק צו וויסן, אַז די רויטע אַרמיי איז נאָך דאָ און הערשט נאָך איבער דער שטאָט.

נאָך דריי טעג שלאַכטן און שיסערייען האָט זיך לעמבערג באַרו־איקט. אַלנפאַלס, עס איז געווען רואיק אויף דער אויבערפלאַך. ערגעץ טיף, טיף, אין די פאַרבאָרגענע מייזנלעכער און פאַרהוילענע באַנדיטי־שע נאָרעס האָבן די היידאַמאַקישע רוצחים און די דייטשע שפּיאָנען גע־לעקט די פאַרבלוטיקטע מאָרדעס פון די אָקערשט באַקומענע קלעפּ און געשאַרפט די מעסערס צו דער גרויסער און גרויזאַמער שחיטה, וואָס זיי האָבן איצט שווייגנדיקערהייט צוגעגרייט. אָבער אָפן אַרויס אין גאַס אַריין האָבן זיי שוין איצט נישט געוואַגט. אויף זייער אייגענער היגטי־שער פעל האָבן זיי זיך איבערצייגט, אַז דער רוסישער בער אַנטלויפט נישט, אַז ער אַנטלויפט נישט אַפילו דעמאָלט, ווען ער ציט זיך צוריק, אַז עס איז פאַראַן אַ טיפער אונטערשיד צווישן אַן אַרמיי, וואָס ציט זיך צוריק, ווען זי באַקומט אַזאַ באַפעל, און צווישן אַן אַרמיי וואָס אַנטלויפט, און אַז זיי, אָט די סאָלדאַטן מיט די רויטע שטערנדלעך אויף די היט־לען, קענען זיך בלויז צוריקציען, אָבער אַנטלויפן וועלן זיי נישט.

האָט די צעהרגעטע און צעממיתטע רעוואָלט געסקאַמליעט שטי־לערהייט, אָפּגייענדיק אין בלוט און מיט הינטישער באַוווּנדערונג גע־קוקט אין שטרענגע רויטאַרמייאישע אויגן, וואָס האָבן אויף שטום־לשון זיך אויסגעטענהט מיט יעדן דורכגייער: „מיר זענען דאָ די באַלעבאַטים, און הגם מיר גייען צייטווייליק אַוועק, אָבער מיר וועלן נאָך באַווייזן צו צעטרעטן יעדן וואָרים, יעדן עקדיש וואָס וועט וואַגן אונדז אַנטקעגנקו־מען אין וועג".

איז, הייסט עס, די שטאָט געוואָרן רואיק פונדאָסניי. שפּייז־קראָ־מען האָבן זיך געעפנט, אַפילו צייטונגען האָבן אָנגעהויבן דערשיינען אויפסניי און רויטאַרמייער האָבן זיך שוין ווידער געקענט אײַנציקווייז באַווייזן אין גאַס. אָבער פון די פראָנטן האָבן אָנגעהויבן קומען ידיעות וואָס אַמאָל ערגערע, וואָס אַמאָל מער צעשראָקענע און אימהדיקע. דער דייטש האָט אויסגעמיטן דאָס גוט־באַפעסטיקטע און צוגעגרייטע לעמ־בערג, אָבער ער האָט דורכגעריסן דעם פראָנט אויפן צפון. דייטשע פאָר־פּאָסטנס דערגרייכן שוין ביז לוצק, הגם לעמבערג איז נאָך פעסט אין סאָ־וועטישע הענט: די ליניע לעמבערג־טאַרנאָפּאָל איז איצט געוואָרן די אײַנציקע ליניע וווּ דער שאָסיי און די באַן האָט נאָך געקענט ווי נישט איז באַנוצט ווערן. אָבער לענגאויס דעם דאָזיקן וועג האָט זיך פון צפון זייט געצויגן אַ לאַנגער פראָנט, ווו די סאָוועטישע טאַנקן־דיוויזיעס האָבן קוים געקענט אײַנהאַלטן דעם געוואַלדיקן דרוק פון דער שטאָלע־נער נאַצישער בעסטיע. פאַרהאַלטן לענגער לעמבערג אין סאָוועטישע הענט האָט געהייסן אויסשטעלן זיך אויף דער געפאַר צו ווערן אַרומגע־רינגלט אַ ליאַדע טאָג, ווייל דער שאָסיי לעמבערג־טאַרנאָפּאָל האָט גע־קענט איבערגעריסן ווערן אַ ליאַדע מינוט. עס האָט זיך אָנגעהויבן די עוואַקואַציע, עס האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער ריקצוג.

פאָרמעל האָט זיך די עוואַקואַציע אָנגעהויבן דעם זעקסטן צי זיבעטן טאָג פון דער מלחמה, אָבער פאַקטיש האָט מען אָנגעהויבן צו עוואַקו־אירן דעם מלוכה־אַפּאַראַט, די פּאַרטיי־אָרגאַנען און די משפּחות פון די סאָוועטישע באַאַמטע באַלד דעם צווייטן טאָג. דער עוואַקואַציע־פּלאַן האָט אָבער נישט געקענט אויסגעפירט ווערן אַזוי ווי ער איז לכתחילה אָנגע־צייכנט געוואָרן. די רויטע אַרמיי האָט געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט אַ סך פריער ווי מען האָט דאָס געפּלאַנעוועט. מען האָט מאָביליזירט פאַר עוואַ־

קאָציע־צוועקן אַלע לאַסט־אויטאָס, וואָס מען האָט נאָר ערגעצווו גע־קענט אַרויסבאַקומען. די ריי, אין אָרדענונג פון וועלכער, עס האָבן געזאָלט עוואַקואירט ווערן ציווילע פּערזאָנען, האָט איבערגענומען די פּאַרטיי, אָבער עוואַקואירט האָט מען נישט נאָר פּאַרטייער, מען האָט זיך באַמיט אַרויסצוראַטעווען פון אַט־די געביטן דאָס ווערטפולסטע: געלערנטע, קינסטלער, שרייבער, אינטעלעקטואַלן. אָבער נישט אַלע האָבן זיך גע־וואָלט עוואַקואירן. אַלע האָבן זיך געריכט אויף צרות, אָבער קיינער האָט זיך נישט געריכט אויף אַ טויט אָן אַ פּאַרוואָס. אַ דעלעגאַציע פונעם לעמ־בערגער ראַיאָן־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי האָט זיך געווענדעט צום פּראָ־פעסאָר באַרטעל: „איר האָט לאָיאַל מיטגעאַרבעט מיט אונדז ביים בויען אונדזערע סאָוועטישע הויכשולן, מיר ווילן אייך ראַטעווען, אייך און אייערע פאַמיליע". „ניין" — האָט געענטפערט דער פּראָפעסאָר — „איך בין דאָ אַמאָל געווען פּרעמיער־מיניסטער, און וואָס וועט מען זאָגן אויף מיר, ווען איך וועל אַנטלויפן פון מיין לאַנד אין אַן עת־צרה?" ער איז פאַרבליבן און אומגעקומען פון דייטשע הענט צוזאַמען מיט נאָך פּויליש פּראָפעסאָרן און געלערנטע.

מיט פאַרקלעמטע הערצער, מיט שרעק אין די אויגן, האָט דאָס יידישע לעמבערג נאָכגעקוקט די רויטאַרמייאישע קאָלאָנעס, וואָס האָבן געגומען פאַרלאָזן די שטאָט. „אין וועמענס הענט לאָזט איר אונדז אי־בער?" — האָבן געטענהט יידישע אויגן אָנגעפילטע מיט צער און שרעק, מיט פּחד און מורא. פון מערב האָט זיך געטראָגן וואָס אַמאָל נעענטער און נעענטער דאָס פאַרביסענע שיסעריי פון דער אַרטילעריע, דער פלאַם פון שריפות, פון שחיטות, פון טויט און פאַרניכטונג, און דער איינציקער גואל און באַשיצער, די רויטע אַרמיי, ציט זיך צוריק. זי טיילט שווערע, אומברחמנותדיקע קלעפּ אָפּטרעטנדיק, זי קעמפט פאַרביסן מיט ציין און נעגל, באַגיסנדיק די ערד מיטן שונאס און מיט איר אייגן בלוט, אָבער זי ציט זיך פאָרט צוריק אַהינצו, אויף מזרח. און מיטגיין איז אוממעגלעך, מיטגיין קאָן מען נישט, מען האָט זיך פאָרט נישט געריכט, אַז אַלץ וועט פאַרקומען אַזוי בליץ־שנעל, קיין באַנען זענען נישטאָ. אַלץ איז פאַרנומען מיטן מיליטער, מיט עוואַקואירן פאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן, סיידן גיין צו־פוס. און ווי אַזוי לאָזט מען זיך דאָס אין וועג אַריין מיט קליינע קינ־דער, מיט פיצעלעך עופהלעך, מיט אַלטע טאַטעס און מאַמעס. און ערשט

די גרויליקע שרעקעוודיקע בשורות וואָס קומען אָן פון אַלע זייטן. אַט דערציילט מען, אַז דער דייטש איז שוין אין ראַוונע, און וואָס וועט זיין, אַז ער וועט איבערשניידן דעם וועג קיין טאַרנאָפּאָל און מען וועט סיי־ווי נישט קענען דערגיין? איז אויב אַריינפּאַלן אין דייטשע הענט. טאָ זאָל עס כאָטש געשען אין דער היים, אויב אומקומען, טאָ כאָטש אין דער אייגענער שטוב. און אפשר וועט זיך פאָרט דער רבונו של עולם מרחם זיין. אוודאי וועט זיין שלעכט, אוודאי איז די בראָך אַ גרויסע, אוודאי וועט נישט איין ייד אומקומען, אָבער פאָרט וועט מען דאָך נישט אומ־ברענגען אַ וועלט. אָט זענען דאָך פאָרט געבליבן יידן אויף יענער זייט, אונטערן דייטש, די גאַנצע צייט. זיי מאַטערן זיך און פּלאָגן זיך, אָבער זיי לעבן דאָך פאָרט. איז מען בלויז געשטאַנען אין די שוועלן און אין די פענצטער און מיט אויגן אין טרעריקע נעפּלען באַגלייט די אָפּטרעטנ־דיקע אָטריאַדן, וואָס האָבן מידע, באַדעקטע מיט שטויב פון ווייטע וועגן, אויסגעמאַטערטע פון בייגאַכטיקע מאַרשן און אַטאַקעס, גענומען דעם וועג אַהינצו, צו דער אַלטער גרענעץ, ווו מען גרייט דעם אמתן ווידער־שטאַנד, ווו עס איז נישטאָ קיינער, וואָס זאָל גרייטן אַ מעסער אין רוקן פון דער אַרמיי, ווו דאָס פאָלק איז אויך אַן אַרמיי, און די אַרמיי איז אַ שטיק פונעם פאָלק.

די פּליטים, די נישט־לעמבערגער, וואָס זענען אָנגעקומען אַהין ערשט נאָך האַרבסט 1939, האָבן זיך אויך פאַרלוירן. אַ גרויסער טייל פון זיי האָט באַשלאָסן צו בלייבן. עס האָט זיך דערוועקט אין זיי די גרויסע בענקשאַפט אַהיים, צו זייערע אייגענע און נאָענטע, וואָס האָט זיי געפּלאָגט און געמאַטערט שוין אַנדערטהאַלבן יאָר. מילא, ביז איצט האָבן זיי נישט געקענט זיך פאַראייניקן מיט זייערע משפחות, די גרענעץ איז געווען פאַרמאַכט און מען האָט גאָרנישט געקענט אויפטון, אָבער איצט, ווען דאָס אָנקומען פונעם דייטש איז שוין סיי ווי אומפאַרמיידלעך, ווען אַלץ האָט זיך במילא שוין אַזוי אויסגעקערט, אַז דער וועג וועט זיין אַן אָפענער אַהינצו, אין די אַלטע היימען זייערע, האָט זיך זיי דאָס ווייטער־דיקע אַנטלויפן צוזאַמען מיטן אָפּטרעטנדיקן מיליטער, אויסגעוויזן צו זיין אַ מין עגאָאיסטישע פּחדנות. די פאָרוורפן, וואָס זיי האָבן זיך אַליין גע־מאַכט די גאַנצע צייט, דאָס גריזשעניש פון געוויסנסביסן, וואָס האָט זיי פאַרפאָלגט אין די שלאָפלאָזע נעכט די גאַנצע צייט פון דער צעשיידונג

איז איצט שטאַרקער געוואָרן. און וואָס גרויזאַמער די געפֿאַר איז אויפֿ־געשוווּמען פֿאַר זייערע אויגן, וואָס שוואַרצער די אויסזיכטן האָבן זיך זיי אויסגעוויזן צו זיין, אַלץ מער האָבן זיי געפֿילט אין זיך דעם גרויסן חוב צו זייערע טייערסטע און נאָענטסטע, וואָס זיי האָבן פֿאַרלאָזט דע־מאָלסט און שפּעטער זיך געוואָרפֿן אין צאַפּלעניש פֿון חרטה און זעלבסט־פֿאַראַכטונג: הלמאי זיי זענען געלאָפֿן און געראַטעוועט בלויז די אייגענע פֿעל, איבערלאָזנדיק די משפּחות אויף גאָטס באַראָט.

אָבער נישט אַלע האָבן אַזוי געטראַכט. אַ גרויסער טייל פֿון די פּלי־טים און אויך זייער פֿיל פֿון די לעמבערגער חברה יוגנט האָבן באַשלאָסן אַוועקצוגיין. מען האָט פֿאַרלאָדן רוקזעק אויף די פּלייצעס און זיך געלאָזן אין וועג אַריין מיט וואָס מען האָט נאָר געקענט. אין די לעמבערגער שטיבער האָבן זיך איצט איבערגעחזרט די זעלבע האַרצרייסנדיקע סצע־נעס פֿון צעשיידונג, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין סעפּטעמבער 1939 אין וואַרשע. זיי האָבן ערשט איצט אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין די וואַרשע־ווער, מיט זייערע בענקשאַפֿטן און האַרץ־קלעמענישן, מיט זייערע ספּי־קות, צעריסנקייט און וואַקלענישן. אָבער פֿאַרפֿאַלן, אַזוי איז עס געווען: טאַטעס און מאַמעס זענען פֿאַרבליבן אין דער היים און יונגע זין און טעכ־טער, אָנגעטון אין ספּאָרט־מלבושים ווי צו אַן אויספֿלוג, מיט אַ קליין פּעקעלע אָדער קלומיקל, האָבן זיך אַ לאָז געטון מיט אַ ברייטן שטראָם אויפֿן איינציקן וועג, וואָס האָט נאָך געקענט געבן די רעטונג, אויפֿן וועג וואָס איז געלאָפֿן דורך זלאָטשעוו, זבאָראָוו קיין טאַרנאָפּאָל און פֿון דאָרטן ווייטער אויף מזרח, אויף יענער זייט פֿון דער אַלטער פּויליש־סאָוועטי־שער גרענעץ.

פֿון די פֿראָנטן וואָס אויף מערב און מערב־צפֿון פֿון לעמבערג, האָבן רויטאַרמייאישע אָטריאַדן אָנגעהויבן זיך צוריקציען. אַלץ איז דורכגע־גאַנגען דורך לעמבערג, מיטן ליטשאַקאָווער וועג זיך פֿאַרנומען אין דער ריכטונג פֿונעם קליינעם שטעטעלע וויניקי, און פֿון דאָרטן אַרויס אויפֿן וועג, ווו דער ערשטער פּונקט איז געווען קראַסנע. אין דער געגנט פֿון גאָלאָגורי איז אָנגעגאַנגען אַ גרויסע פֿאַרביטערטע שלאַכט פֿון די טאַנקן כוחות, און עס איז שוין קלאָר געווען, אַז די וואָס וועלן נישט באַווייזן צוצוקומען ביז זלאָטשעוו איידער די רויטע אַרמיי טרעט נישט אָפּ פֿון יענעם סעקטאָר, וועלן מוזן אַריינפֿאַלן אין די נאַצישע הענט. טראַנספּאָרט

איז געווען ווייניק. מען האָט געזוכט צו ראַטעווען די פאַרוווּנדעטע און דעם קריגס־מאַטעריאַל. אַ סך טראַנספּאָרט איז אויך פאַרנומען געוואָרן אויף צו עוואַקויִרן די נאָך־פאַרבליבענע ווייבער און קינדער פון די סאָ־וועטישע באַאַמטע. דער גרויסער שטראָם פון דער אָפּטרעטנדיקער אַרמיי איז געפלאָסן אַ גראָער, אַ שטויביקער, אַ צופוסיקער מערסטנטייל. אונ־טער וויניקע האָבן פּאַטרולן פון דער מיליטערישער נ. ק. וו. ד. געגעבן די אָפּטרעטנדיקע אָפּטיילונגען אָנווייזונגען און אינסטרוקציעס. די סאָל־דאַטן זענען געגאַנגען מיט צאָרנדיקע אויגן, מיט ווייטיק און פאַרביטע־רונג אין בליק, מיט האַס און שנאה צו אָט־דעם שטיק לאַנד וואָס האָט פאַרפירט זייערע האָפענונגען, וואָס האָט זיי געצאָלט מיט פאַראַט, מיט אַ קויל פון הינטן פאַר זייער בלוט און שווייס, פאַר זייער גוטן ווילן, פאַר זייער ברידערלעכקייט און גוטסקייט. אַ שווייגנדיקע האָט זי זיך צוריק־געצויגן די אַרמיי, אָבער אין איר שווייגן איז געווען דער גרויסער געשריי פון אַנטוישונג און פאַרביטערונג, די עקשנות און פאַרביסנקייט פון אָפּ־גענאַרטן צוטרוי. זיי האָבן געקוקט אויף די שטרוי־באַדעקטע דערפער און אויף שטום־לשון זיי געדראָט: „מיר וועלן זיך נאָך אָפּרעכענען מיט אייך. מיר וועלן נאָך באַצאָלן פאַר אַלץ, און מיר קענען און האָבן ליב צו באַ־צאָלן מיט פּראָצענט“.

אויף די וועגן האָבן הין און צוריק אַרומגעפּויזעט די קליינע רירעוו־דיקע אויטאָמאָבילן פון די שטאַבאָווע קאָמאַנדירן פון דער זעקסטער אַר־מיי, פון דער אַרמיי פון יענעם אָפּשניט. טייל מאָל פלעגט זיך אַזאַ מין אויטאָמאָביל אָפּשטעלן און אַ סאָוועטישער גענעראַל פלעגט אַרויס אויפן וועג און כאַפּן אַ שמועס מיט די אָפּטרעטנדיקע רויטאַרמייער. זיי האָבן זיך גישט באַמיט צו באַהאַלטן די ערנסטקייט פון דער לאַגע, אַ ניין. זיי פלעגן אָפן מודה זיין, אַז דערווייל איז שלעכט, זייער שלעכט, אָבער זיי האָבן זיך אויסגעטענהט מיט די סאָלדאַטן ווי עלטערע ברידער, וואָס ווילן אַריינגיסן אַביסל נחמה און טרייסט אין האַרץ פון אַ ייִנגערן ברו־דער, וואָס טאָמער איז ער פאַרצווייפלט. זיי פלעגן זיך אויספרעגן ביי סאָלדאַטן, ווי אַזוי עס איז צוגעגאַנגען אויפן פראָנט, אויף וויפל זענען שולדיק אין דער מפּלה די אָביעקטיווע, אומאָפּהענגיקע פאַרהעלטענישן און אויף וויפל די לאָקאַלע. צי איז געווען גענוג אַמוניציע, ווי אַזוי איז געווען די באַשפּייזונג, ווי אַזוי האָט מען געזאָרגט פאַר די פאַרוווּנדעטע.

נאָך אַזאַ שמועס פלעגן די רויטאַרמייאישע הערצער זיך אָנגיסן מיט נייעם מוט און הגם דער וועג האָט נאָך אַלץ געפירט אויף צוריק, הגם די פינצ־טערע, שוואַרצע נאַכט האָט זיך ערשט אָנגעהויבן, הגם עס איז נאָך דער־ווייל נישט געווען די מינדסטע האָפענונג אויף צו דערזען עפּעס אַ ליכ־טיקן שטראַל, דאָך אָבער איז דער טראָט באַלד אַן אַנדערער געוואָרן. ער האָט זיך אָנגענומען מיט מער בטחון, אָט דער טראָט טאַקע, מיט מער זיכערקייט און האָפענונג. דער סאָלדאַט האָט דערפילט, אַז מען זאָרגט פאַר אים, אַז די קלאַנגען, אַז אַלץ איז שוין פאַרלוירן זענען שקר־וכזב, אַז ערגעץ ווייט־ווייט, אין די שטאָבן פון דער גרויסער אַרמיי, גרייט מען צו דעם גרויסן פלאַן פון נקמה און אָפּרעכענונג, פון צוריק־מאַרש צו די דערווייל פאַרלוירענע פּאָזיציעס, פון גרויסן וועג צום זיג.

דער וועג קיין טאַרנאָפּאָל איז געווען אַן אָנגעפּראָפּטער און פאַר־פּאַקטעוו, אַז עס איז נישט געווען ווו אַ שפּילקע אַריינצושטעקן. עס זע־נען געגאַנגען לאַנגע אָטריאַדן פון פוסגייער, צעפּן פון טאַנקען־דיוויזיעס, אויטאָ־מאַשינען געלאָדענע מיט סנאַריאַדן און כלערליי אַמוניציע, אַר־טילעריע שווערע און לייכטע ,לאַנגע קאָלאָנעס פון פעלד־לאַזאַרעטן אויף לאַסט־אויטאָס, קאַראַוואַנעס פון קאָנפיסקירטע פערד, — געשפּאַנטע פּויערישע פורלעך מיט אַרמייאיש פאַרמעגן. אינעם גרויסן סאָלדאַטישן שטראָם האָבן זיך אַריינגעפּלאָכטן די גרופּקעלעך פון יידישער יוגנט מיט רוקזעק אויף די פּלייצעס, מידע, צעבראָכענע און צעדולטע פון שרעק, ווייטיק און צער. טעג האָבן זיך געשטעלט הייסע. די זון האָט געברענט און געבראָטן. עס איז נישט געווען ווו צו נעמען קיין וואַסער, אין די דערפער האָט מען מורא געהאַט אַריינצוגיין. עס האָבן דאָרט אַרומגע־בושעוועט הײדאַמאַקישע באַנדעס און נישט איינער וואָס איז אין אַזאַ דאָרף אָפּגעטרעטן נעכטיקן, האָט באַצאָלט דערפאַר מיטן לעבן. זיי פלעגן אַרויסבאַקומען אויף טיילמאָל אויפן וועג, די באַנדעס און אויב אויפן וועג איז פונקט קיין מיליטער נישט געווען, פלעגן זיי שעכטן, ראַבעווען און מאָרדן די אַנטלויפנדיקע פּליטים. אַלטער קאַציזנע, דער מילדער און רו־איקער וועגעטאַריאַנער, דער שטילער און צאַרטער דיכטער, איז געפאַלן מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ פון פּויערישע קלאַניצעס. אין די וועלדער און אויף די לאָנקעס האָבן זיך געגומען אַראָפּלאָזן דייטשע פּאַראַשוטיסטן. אוקראַאינישע פאַשיסטן האָבן זיי צוגעגרייט שוץ און באַהעלטעניש. די

רויטע אַרמיי האָט זיך צוריקגעצויגן איבער אַ באָדן וואָס האָט ממש געברענט אונטער די פּיס.

דער אוקראַינישער פּאַראַט האָט זיי נישט אָפּגעהיט, די היידאַמאַקעס, פון דייטשע באָמבעס. עס איז גענוג געווען, אַז אַ קאָלאָנע מיליטער זאָל זיך פאַרהאַלטן ערגעץ אין אַ דאָרף צי אין אַ שטעטל, כאָטש אויף אַ קורצער צייט אפילו, און באַלד זענען אָנגעקומען לייכטע דייטשע עראָפּלאַנען און מיט קליינע טערמיטישע צינד־באָמבעס אָנגעצונדן דאָס אָרט. דאָס גרויסע האַלב־דאָרף האַלב־שטעטל קראַסנע איז צעקלאַפּט און צעבאָמבאַרדירט געוואָרן. דאָס שטעטעלע זלאָטשעוו האָבן די דייטשן אָנגעצונדן אין דער נאַכט פון 28טן אויפן 29טן יוני. עס האָט געברענט בלויז צוויי שעה אָבער עס איז פאַרברענט געוואָרן פולשטענדיק. אינעם בלייכן שיין פון באַגינען האָבן מענטשן אַרומגעפּויזעט איבער די רויכערנדיקע חורבות און געגראַבלט צווישן די אַשן זוכנדיק, וואָס זיי קענען נאָך עפּעס אַרויסראַטעווען פונעם בידנע פאַרמעגן זייערן. הינט האָבן געוואָיעט צווישן די אַשיקע חורבות. אַלע מאָל איז אויף אַן אַנדער אָרט איינגעפאַלן אַ קוימען און אַ זעץ געטון אין דער הויך מיט אַ סלופּ פונקען, וואָס האָבן זיך צעגליט און צעפלויגן אין דער פרימאָרגנדיקער בלאָלעכער לופט. די זון איז אויפגעגאַנגען איבער די קופּעס ציגל און טליענדיקע גלאָווניעס אַ רואיקע און שטילע, אַ צבועקיש־אויסגעוואשענע און גאָלדיק־אומשולדיקע.

מיט הערצער ברענענדיקע פון צאָרן און אוממעכטיקן האַס און שנאה, האָבן די אָטריאַדן געצויגן אויף מזרח אינעם פלאַם פון די שריפות, פאַרפאָלגטע פון ווייטע האַרמאַטן־שאָסן און אונטערן כסדרדיקן אויפרייצנדיקן גערויש פון די דייטשע אעראָפּלאַנען, וואָס האָבן באָמבאַרדירט דעם וועג און באַשאָסן די אָפּטרעטנדיקע אַרמיי פון מיטראַליעזן. די קאַנאַוועס ביים וועג האָבן זיך פאַרפולט מיט קערפּערס פון דערשאָסענע רויטאַרמייער. נישט איינער איז ליגן געבליבן און זיך שוין מער נישט אויפגעהויבן פונעם גאָלדענעם קאָרן, ווו מען פלעגט זוכן שוץ פון די נאַצישע רויב־פייגל.

די זאַנגען, די צייטיק־ווערנדיקע, מיט ברויט אָנגעלאָדענע, האָריקע זאַנגען פלעגן זיך צעוויגן איבערן בלאָנדהאָריקן קאָפּ, איבער דער מיט בלוט פאַרגאָסענער סאָלדאַטסקער בלוזע, איבער די פאַרגלייזטע בלויע

אויגן, אין וועלכע עס איז פאַרגליווערט געוואָרן שטומער פאָרוווּרף און אין וועלכע עס האָט זיך געשפּיגלט ווי אין אַ לויטערן קוישטאָלענעם וואַסער דער זומערדיקער, טיף־בלויער הימל מיט די צעריסענע קליינע ווייסע וואָלקנדלעך.

בלויז טיילמאָל, ווען די, קליינע אין צאָל, סאָוועטישע עסקאַדרעס פון די רירעוודיקע און פלינקע איינמאָטאָרדיקע יאַגד־עראָפּלאַנען פלעגן פאַרפירן אַ קאַמף מיטן איבערוועגנדיקן שונא, בלויז טיילמאָל ווען אין דעם הויך האָבן זיך געצייכנט מיט לאַנגע, שטראַלנדיקע ליניעס די סע־ריעס פונעם מעטראַליעזן־פייער, פונעם קאַמף וואָס איז אָנגעגאַנגען דאָרט הויך־הויך, האָבן זיך אויגן געהויבן צום הימל מיט ליבשאַפט, און האָפע־נונג, האָבן אויגן געקוקט מיט צאַפּלעניש און אומרואיקער דערוואַרטונג. און ווען פון פייערדיקן קנויל אין די הימלען פלעגט זיך אָפּרייסן אַ גראָ־ער פלעק, ווען אַ נאַצישע סטיערווע פלעגט אין קאָזשעלקעס צייכנען איר וועג אין אַ וואָלקן שוואַרצן שטינקנדיקן רויך, און צופאַלן צו דער ערד מיט אַ קנאַל, ווערנדיק צעזעצט און צעשפּרונגען אויף טויזנט פּיצעלעך, דעמאָלט פלעגט זיך פון סאָלדאַטישע העלדזער אַרויסרייסן אַ טיפער זיפץ פון דערלייכטערונג און קילן דעם גרויסן טרויער פון ריקצוג, דעם גרויסן ווייטיק פון אומשולדיק־פאַרשניטענע יונגע רויטאַרמייאישע לעבנס, דעם גרויסן דורשט נאָך נקמה. מען פלעגט אָפּאָטעמען טיף און מיט פאַרזאָרגטע בליקן, מיט דאַנקבאַרע אויגן שיקן פון די איבערפול־טע הערצער אַ שטומען גרוס אַרויפצו צו די ברידער־אָדלער פון רויטן לופט־פלאָט, און געבענטשט זייערע הענט, די הענט וואָס שיסן און טויטן, די הענט וואָס באַוואַכן און באַשיצן, די הענט וואָס טראָגן אינעם געוויש פון די פּראָפּעלערס, אויף די רויט־שטערנדיקע גראָע פליגל, דאָס זיסע און דערמונטערנדיקע וואָרט: נקמה.

פאַרבלוטיקטע באַנדאַזשן

אויפן קאַלענדאַר האָט זיך דער זומער אָקערשט אָנגעהויבן, אָבער אין דער אמתן איז ער געקומען נאָך מיט וואָכן צוריק. ער איז איצט שוין געלעגן אַ ברייענדיק־צעהיצטער אויף די פעלדער, געברוינט די גרינע שטרענגעלעך פון די תבואות, געבויגן צו דער ערד די שווער־אָנגעלאָדענע זאַנגען און געוואָרט אויף דער מוזיק פון די קלינגענדיקע קאָסעס. טאָג־ביי־טאָג האָט זיך אַ רויטע אויסגעפּאַלירטע זון אַ הויב געטון פון מזרח, אַן אויסגעבאָדענע און אָפּגעפרישטע אין נאַכטיקע שטילע טויען און קיל־בלעכקייטן, און בייטאָג האָט זי זיך אַ דערצאָרנטע און בייזע, פלאַמענ־דיק פאַר כעס און בושה, אויפסניי זיך אַראָפּגעלאָזט אין מערבדיקן ראַנד, אין אַ ים פון שריפהדיקע פלאַמען און רויט־צעגליטע אונטערגאַנגען, ווי זי וואָלט זיך געשעמט, וואָס זי מוז גיין שלאָפן דאָרט ווייט אין מערב, פון וואַנען עס האָט זיך אומברחמנותדיק און אַכזריותדיק, שפּריצנדיק מיט טויט און פייער, פאַרשפּרייטנדיק חורבות און צעבלאָזענע אַשן, גע־קייקלט אין געקלימפּעריי פון די טאַנקען, די שווערע נאַצישע מלחמה־מאַשין.

אין די קאַנאַוועס, לענגאויס דעם וועג, האָבן זיך געוואַלגערט רויט־אַרמייאישע קערפּערס. די ווילד־גראַזן און צעבלימלטע קוסטלעך האָבן זיך געוויגט איבער זייערע יונגע, בלאָנד־האָריקע קעפּ און מוראַשקעס האָבן ארומגעפּויזעט אין די פאַלדן פון די גרוילעכע מונדירן. בינען און פליגן, פאַרשמייעטע און פאַרהאַוועטע, צעזשומעטע און צעזונגענע, פלעגן אָפּשטעלן זייערע זוכענישן, זייער אַרומפלאַטערן צווישן איין בלומענ־קעפּל און אַנדערן, און באַזעצט זיך אויף פאַרגליווערטע סאָלדאַטסקע פּני־מער, אַריינקוקן אין די פאַרגלייזטע אויגן, אין אָפענעם מויל, רייבן די קליינטשינקע האָריקע קעפּעלעך מיט די פעדערשטע לאַפּקעלעך, און פליען ווייטער, צעטראָגנדיק די שלעכטע בשורות אין די טיפענישן פון די וועל־דער, צו די גרויסע צעוויגטע גראָזן, וואָס ביי די טייכן־ברעגן, צו די גרוי־סע מאָכיקע דעמבעס, וואָס האָבן געשאָקלט אין גרויס צער מיט די ברייט־טע, גרינע בערד. האָבן דאָס דערהערט די שטילע טייכיקע און וואַלדיקע ווינטלעך און זענען געקומען צאַרטע און ווייך־זיידענע און מיט בלוילע־בע פעכערס געקילט די היץ וואָס האָט געברענט די טויטע, מיט בלוט און

אַנגסט פאַרגאָסענע פּנימער. האָבן זיך די ווינטלעך געשפּילט אין די פּאָס־מעס פון צעשויבערטע רויטאַרמייאישע טשופּרינעס, וואָס אַ מאַמע־האַנט וועט זיי שוין נישט גלעטן מער, האָבן די פליגן און בינען געקושט די טויטע ליפּן, וואָס אַ כלה וועט שוין זייער טעם נישט פאַרזוכן, און די ערד, די צעגרינטע און ווייכע אייביקע מאַמע, האָט זיי צוגעטוליעט צו איר שויס, צום אַלץ־פאַרגעבנדיקן און געטרייען מאַמע־שויס. קיינער האָט זיי נישט באַוויינט, קיינער האָט זיי נישט באַגראָבן. און נאָר טיילמאָל, ביינאַכט, פלעגט זיך צעהוקען אַ סאָווע מיט אַ ווייטיקדיק־שלעכטן געשריי, און תיקף אַנטשוויגן ווערן, אַ באַזיגטע פון די גלעקלדיקע טרילן, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון אַלע זייטן. דאָס האָבן די נאַכטיגאַלן, די אייביקע זינגערס, נישט געוואָלט וויסן פון גאָרנישט נישט, און ווי אַלע מאָל באַגריסט דעם זילבערנעם דיסק פון דער לבנה, וואָס האָט דורכגעשיינט דורכן סעלעדינענעם געפלעכט פון די צווייגן.

טיילמאָל אָבער פלעגט זיך פון דער קאַנאַווע דערטראָגן אַ שטילער קרעכץ. דאָס האָט אַ פאַרוווּנדעטער, אָפּליגנדיק עטלעכע שעה צווישן אַ קופּע מתים, פלוצלינג דערוואַכט פון חלשות, און געפּרוווט אַרויסקריכן אויפן וועג אויפסניי. טיילמאָל פלעגט דער קרעכץ, אַן אומבאַוווּסטזיניקער און האַלב־וואַכער, איבערגיין פלוצלינג אין אַ הויך און פאַרצווייפלט געשריי. דאָס געשריי פלעגט זיך אַרויסרייסן פון דער קאַנאַווע, פון צווישן די זאַנגען, פון אונטער ברוכשטיקער פון איבערגעקערטע אויטאָס, און אַריינשניידן זיך אינעם גערויש פון די מאָטאָרן, אינעם געקלימפּעריי פון די רעדער, אינעם געהירזשעריי פון די פערד, וואָס האָט זיך געטראָגן מיטן ברייטן, שטויביקן טראַקט. פלעגט אַ מאַשין זיך אָפּשטעלן דאָרט, אויפן טראַקט טאַקע, דער מאָטאָר האָט אַלץ נאָך אָנגעהאַלטן דאָס אומגעדולדיקע פאַרסאָפּעטע דעכען זיינס, און אין דער זעלבער צייט פלעגן רויטאַרמייער זוכן צווישן די טויטע דעם איינעם, דעם לעבעדיקן, וואָס האָט אָט־דעם געשריי פון זיך אַרויסגעריסן. קעסטלעך פון אַמוניציע, דער האַרטער דעק פון אויטאָ, און טיילמאָל אפילו קנוילן פון שטעכיקע דראָט, לייכט בלויז צוגעדעקטע מיט גרויע שינעלן פלעגן זיך פאַרוואַנדלען אין אַ בעט אויף וועלכן ס׳איז געלעגן דער פאַרוווּנדעטער, קרעכצנדיק ביי יעדער האַסטיקער באַוועגונג פונעם אויטאָ, און וואַרטנדיק מיט אומגעדולדיקייט אויף דער קילער ווייסקייט פון אַ שפּיטאָל, אויף דער מילדער

צערטלעכקייט פון קראַנקן־שוועסטערישע פינגער. צו אַ שפּיטאָל אָבער איז געווען ווייט. דער ערשטער פּראָנט־שפּיטאָל איז געווען ערשט אין טאַרנאָפּאָל, און דער וועג אַהינצו האָט נאָך געהאַט אין זיך טויזנט און איין געפאַר. פלעגט זיך טאַקע מאַכן, אַז אַ פאַרוווּנדעטער פלעגט אויס־גיין אין וועג, אָדער סתם אומקומען פון אַ קויל, וואָס אַ נאַצישער פליער האָט אים געשיקט, אַראָפּלאָזנדיק זיך נידעריק איבערן וועג.

דער שפּיטאָל אין טאַרנאָפּאָל איז געווען איינגעאָרדנט אין אַ שולע. דאָס איז געווען די מיטלשולע אויף סענקעוויטשאַ גאַס נומער 14. פון די קלאַסן האָט מען אַרויסגעטראָגן די בענקלעך און קאַטעדרעס און אָנגע־וואָרפן זיי אין איין גרויסער קופּע אויפן הויף, און אויף זייער אָרט האָט מען אַוועקגעשטעלט אייזערנע בעטלעך און סתם פונאַנדערגעוואָרפן מאַטראַצן צונויפגעשלעפּטע פון דער גאַנצער שטאָט. מונדירטע מיליטע־רישע דאָקטוירים פון דער רויטער אַרמיי, אָרטיקע ציווילע פּוילישע און אוקראַינישע דאָקטוירים, אַ היפּשע צאָל אָרטיקע יידישע דאָקטוירים, קראַנקנשוועסטער אין מונדירן פון דער רויטאַרמייאישער פּרויען־דינסט, מיידלעך־וואָלונטירן פון דער שטאָט און פון דער גאַנצער אַרומיקער געגנט, מיטגלידער פון סאָוועטישן רויטן־קרייץ־קרייזלעך, סאָוועטישע באַאַמטע וואָס האָבן שוין ליקווידירט זייערע אַמטן און זענען נאָך דער־ווייל נישט געווען מאָביליזירט, סתם מענטשן וואָס זענען געקומען העלפן, דאָס אַלץ האָט זיך געזאַמלט אין און אַרום דעם בנין פון דעם שפּיטאָל, גרייט צו העלפן, אויסצושטרעקן אַ האַנט, צו דערלאַנגען אַ גלאָז טיי, אַ ציגאַרעט, ברענגען אַ גוט וואָרט, טון עפּעס, זיין בייהילפיק מיט וואָס ס׳איז נאָר מעגלעך. טאָג־ביי־טאָג, זענען אָפּגעגאַנגען לאַנגע צוגן מיט פאַרוווּנדעטע אַהינצו אויף מזרח, ווו אין מקומות דערווייטערטע פון פראָנט האָט מען איינגעאָרדנט די שפּיטאָלן אויפן גרויסן מאַסשטאַב, אָבער טראָץ דעם איז געווען דאָ ענג, זייער ענג. די קראַנקע האָבן פאַר־פולט אַלע צימערן און צימערלעך, געלעגן אויף דער ערד אין גרויסן זאַל, אין די קאָרידאָרן, אין פאָדערהויז, אַפילו אין הויף. אַלעמאָל האָט זיך אַן אַנדערער אויטאָ אָפּגעשטעלט פאַרן טויער און געבראַכט פרישע פאַר־וווּנדעטע, אַלעמאָל אַן אַנדערער רוף דורכן טעלעפאָן אַרויסצושיקן הילף דאָ צי דאָרט. די דאָקטוירים האָבן געאַרבעט פאַר צען, יעדער איינער פון זיי. די כירורגן זענען כמעט נישט אַרויס אויף איין מינוט פונעם אָפּע־

ראַציע־זאַל, און לויפנדיק צום טעלעפאָן, פלעגן זיי אַראָפּציען אין וועג די פאַרבלוטיקטע גומענע הענטשקעס. סאָוועטישע און אַרטיקע מיידלעך פונעם רויטן קרייץ זענען אַרומגעלאָפן מידע, אָבער מיט אַ שמייכל אין די פאַרמאַטערטע אויגן, אַרומטראָגנדיק טיי און עפּעס איבערצובײַסן. ווער ס׳האָט געקענט האָט געמעגט רויכערן אין גרויסן פאָדער־הויז, און מען האָט געטיילט סיגאַרעטן. מיטגלידער פון די, אויף גיך־אָרגאַניזירטע, ספּעציעלע הילף־אָרגאַניזאַציעס האָבן צוגעטראָגן אויבס, געטראַנקען, גע־פרעגט וואָס עס פעלט, אַנטקעגנגעקומען מיטן אייגענעם האַרץ אויף די הענט און מיט ציטערדיקן אומרו אין די אויגן.

אַלע צוויי־דריי שעה אַ פרישער אָנפאַל פון די נאַציס אויף דער שטאָט. סירענעס פייפן לאַנג און צעצויגן, אַרייניאָגנדיק שרעק אין די צימערלעך, אין די אָפּעראַציע־זאַלן, לייגנדיק זיך שווער אויף די בעטן, אויסשפּרייטנדיק שוואַרצע פליגל פון אימה און פּחד צוקאָפּנס פון די קראַנקע, און צינדנדיק שלעכטע פייערלעך אין די אויגן פון די געזונטע. אַלע מאָל אַ קנאַל. דער קנאַל איז ווייט, אָבער דוכטן דוכט זיך: ער איז נאָענט, זייער נאָענט. דאָס האָט ערגעצוו אויפגעריסן אָן אַראָפּגעוואָר־פענע באָמבע. און ווידער: זאַלפּן פון ביקסן־שאָסן, פון מיטראַליעזן־פייער, פון לופט־שוץ־אַרטילעריע, פונעם פאַרביטערטן קאַמף וואָס גייט אָן אין דער הויך און סירענעס, סירענעס, סירענעס... אין דאָקטערשע אויגן, וואָס קוקן פון הינטער דער ווייסער מאַסקע אַפער, אָנגעשטרענגטקייט און אויפ־געצוווּנגענע רואיקייט, געמישט מיט פונקען פון צאָרן. דאָקטוירשע הענט אַרבעטן פלינק, פלינק, מיט ווייכקייט און מיט דעצידירטער אַנטשלאָסנ־קייט, מיט צערטלעכקייט און מיט האַסטיקייט, מיט גלעטנדיקע שטילע באַוועגונגען און מיט פלוצלינגדיקע אומברחמנותדיקע שניט. אויף די גו־מענע הענטשקעס בלוט, אויף די צעגלאַנצטע מעטאַלענע מכשירים בלוט, אויף די טאַמפּאָנען און באַנדאַזשן בלוט, אין די שיסלען און שיסעלעך בלוט, אין די אָפענע ווונדן בלוט. דאָס בלוט איז העל־רויט, טונקל־רויט, שוואַרץ. דאָס בלוט טריפט, שפּריצט ווי אַ פאָנטאַן, ריזלט, קאַפּעט פאַ־מעלעך, ווערט פאַרגליווערט אין שוואַרצע שטיקער, שפּיגלט זיך אין די שויבן און וועבט אויס רויטע דינינקע פעדימלעך אין די מידע אויגן פון די קראַנקנשוועסטער. דאָס בלוט שמעקט זויערלעך און זיס, דריקט ביים לעפעלע ביז צום פאַרחלשן, מישט זיך אויס מיטן ריח פון יאָד און כלאָ־

ראָפּאָרם, פון אַמאָניאַק און ספּירט. דאָס בלוט צינדט אָן רויט די פּאַר־גאַכטיקע שטילע לופט, שפּיגלט זיך אין די שויבן, צעשפּרייט אַ רויט נעפּעלע אַרום די וויעס, הענגט געדיכט אויף די קאַטאַרעס ביים אַריינגאַנג, באַפלעקט די ווייסע פּאַרטיכער, די מונדירן, די ווענט, דעם גאַנצן זומערדיקן צעהיצטן אַרום...

אויגן. אויגן פון פאַרוווּנדעטע וואָס ווייסן, אַז זיי ווילן לעבן. אויגן פון פאַרוווּנדעטע וואָס דערזען צום ערשטן מאָל, אַז עס פעלט זיי אַ האַנט, אַ פוס. אויגן פון פאַרוווּנדעטע, וואָס בעטן ביים דאָקטאָר: ראַטעווע! אויגן, וואָס פאַלן צו אין גרויסער מידקייט און פּיין. אויגן, וואָס לעשן זיך הילפלאָז און פאַרהלשט. אויגן, וואָס שוועבן אַרום אין אַמאָליקע, אויסגעחלומטע רוימען און וועלטן. אויגן, וואָס זעען פאַרלאָזטע ווייטע היימען. אויגן, וואָס קוקן ווילד און פרעמד. אויגן, וואָס צינדן זיך און לעשן זיך ווידער און ווידעראַמאָל. אויגן, איינגעהילטע אין וואָלקן פון פאַרגעסן. אויגן, פאַרצויגענע מיטן נעפּל פון ווייטע זעאונגען, פון אָפּגעפרעמדטע, אומפאַרשטענדלעכע אַנונגען. אויגן, איינגעטונקענע אין אייגענעם שרעקלעכן ווייטיק און מאַטערניש. אויגן, אין וועלכע עס שוועבט שוין אַרום מיט קאַלטע טריט דער טויט...

פינגער. פינגער פון דאָקטוירים, איבערגעצויגענע מיט גומי, וואָס באַוועגן זיך שנעל, געשיקט און איינגעאיבט. פינגער פון קראַנקנשוועסטער, וואָס האַלטן אונטער אַן אַראָפּפאַלנדיקן קאָפּ און דערלאַנגען וואַסער אָדער אַ רפואה צו בלאָע, בלוטלאָזע ליפּן. פינגער פון געזונטע וואָס צינדן אָן אַ שוועבעלע, און ציטערדיק טראָגן זיי עס צו צום מויל פון אַ פאַרוווּנדעטן דערלאַנגענדיק אים פייער צום ציגאַרעט. פינגער, וואָס שניידן אַ שטיקל ברויט, באַשמירן עס מיט פּוטער און טראָגן צו ביסן נאָך ביסן צו אַן אויסגעהונגערט מויל פון אַ קראַנקן, וואָס זיינע הענט זענען ווי צוויי גרויסע, ווייס־אַרומגעוויקלטע קלעצער. פינגער פון קראַנקע. פינגער, וואָס שאַרפן נערוועז די קאָלדרע אין גרויסן, אוממענטשלעכן פּיין און יסורים. פינגער, וואָס רייסן אַראָפּ אין פיבערדיקער וואַנזיניקייט די באַנדאַזשן, דורך וועלכע עס זאַפּט זיך דורך דאָס בלוט. פינגער, וואָס ווילן אָנכאַפּן אַ גלאָז און קענען עס נישט דערהאַלטן. פינגער, וואָס רופן פאַרצווייפלט, ווייל דאָס מויל קאָן קיין קלאַנג נישט אַרויסברענגען. פינגער, שאַרסטקע, האַרפּאַשנע, אויסגעאַרבעטע, מיט מאָזאָליעס. פינגער, האַר־

טע און שלעכטע, וואָס קענען איצט שוין קיין פויסט נישט צונויפדריקן. פינגער, וואָס האָבן געאַרבעט, געגלעט, געציטערט, געצערטלט, געשפּילט פידל, געפלאָכטן זיך אין מיידלשע האָר, געהאַלטן דעם קנויל פון פול־כירנדיקן לעבן, און איצטער ליגן זיי מאַכטלאָזע, הילפלאָזע, אויסגעבלו־טיקטע און אַשיק־גרויע. פינגער, וואָס רייסן זיך נאָך צום זיין, צום עק־זיסטירן, וואָס קלאַמערן זיך אָן געזונטע הענט פונעם דאָקטאָר, און עס דוכט זיך זיי, אַז זיי קלאַמערן זיך אָנעם לעבן...

איבער די זאַלן פונעם אימפּראָוויזירטן שפּיטאָל שפּאַצירט אַרום מיט קעצישע, פאַרעטערישע טריט דער טויט. ער קוקט מיט שוואַרצע אויגנלעכער פון אַלע זייטן, לויערט און טשאַטעוועט זיך לאַנגזאַם און שפּילעוודיק, און באַזעצט זיך פּלוצלינג אויף איינעם פון די בעטלעך. ציין פאַרהאַקן זיך. דאָס גולגאָטשענדיקע כאָרכלען מאָרדעוועט זיך נאָך עט־לעכע מינוט, און פאַרשטומט פּלוצלינג. אויגן קוקן פאַרגליווערטע און פאַרגלייזטע אין דער ווייס־אויסגעמאָלטער סטעליע, פון וועלכער עס הייבט זיך און לאָזט זיך כסדר אַראָפּ אַ שפּין אויף אַ דינינקן זילבערנעם פאָדים. דער קערפּער ציט זיך, ראַנגלט זיך, גלייכט זיך און קאָרטשעט זיך, ביז ער בלייבט ליגן אַ שטאַרער און פאַרגליווערטער. דעמאָלט קומען שטילע הענט פון דער שוועסטער און ציען אַריבער דאָס ווייסע ליילעך איבערן קאָפּ. קומען סאַניטאַרן און טראָגן אַרויס די, אין ווייסן איינגע־הילטע, פיגור. אויגן באַגלייטן זיי, אויגן פון די אַרומיקע קראַנקע, און אַלע אויגן פרעגן די זעלבע פראַגע: „איז עס מעגלעך, אַז מאָרגן וועט מען מיך אויך אַזוי אַרויסטראָגן?"

טיילמאָל קומט ער, דער טויט האַסטיק, מיטאַמאָל. ער קומט פון אַ קויל וואָס רייסט זיך אַריין דורך אַ פענצטער, אָדער סתם פון דער הויך, ווען מען טראָגט דעם קראַנקן צום אויטאָ, בכדי אים אַוועקצופירן צום וואָקזאַל, צום צוג וואָס וואַרט אויף די קראַנקע, בכדי זיי צו נעמען ווייטער, אין די טיפענישן פון גרויסן לאַנד. נעמט מען שוין אַוועק דעם קער־פּער פון בעטל, צי גאָר פון אויטאָ שוין, און מען ברענגט אַן אַנדערן, וואָס ליגט און וואַרט, און וואָס ביז איצט, איז פאַר אים קיין אָרט נישט געווען...

דער צוג איז לאַנג און שטייט אויף זייטיקע רעלסן. די קראַנקע טראָגט מען דאָרט אַרויס ביינאַכט. די לאָקאָמאָטיוון סאָפּען אומגעדול־

דיק און שווער, ווי אַ מידער אָקס, וואָס מען האָט אים טראָץ זיין מידקייט, איינגעשפּאַנט אין יאָך. די וואַגאָנעס זענען הילצערנע בהמה־וואַגאָנעס. פון ברעטלעך האָט מען צונויפגעקלאַפּט אויף גיך געגאָרנטע בעטלעך. ס׳איז פינצטער, שטיקנדיק און הייס. ס׳איז נישטאָ מיט וואָס צו אָטעמען. אַ ווינטל פרווּט זיך אַריינרייסן דורך דער אָפענער טיר, אָבער דער שלעכטער ריח פון באַנדאַזשן און רפואות, פון בלוט און שווייס, פון קראַנקע וואָס קענען זיך נישט רירן, און טוען אַלץ אונטער זיך, פאַריאָגט דאָס ווינטל צוריק. אַ קראַנקער טוט זיך פּלוצלינג אַ הויב, ער וויל אַרויס פון צוג, ער וויל אַוועק אין וואַנזיניקן פיבער ערגעץ ווייט אין דער טיף־בלויער צעשטערנטער נאַכט אַריין, מען האַלט אים קוים איין. ער וואַרפט זיך און שעלט. שפּעטער ווערט ער אַנטשוויגן און וויינט. ער וויינט מיט אַ הילפלאָז ביטער געוויין, ווי אַ קליין, געקריוודעט קינד. „מאַמעלע מיינע, מאַמע...“ הערט זיך דאָס איינציקע וואָרט, וואָס מען קען אַרויסשיילן פון צווישן זיין פאַרצווייפלטן כליפּען. אַ ספּאַזם נעמט אַרומקלאַמערן אַלע אַנדערע גאָרגלען, ביז וואַנען איינער, וואָס קאָן שוין דאָס נישט אויסהאַלטן, צעשרייט זיך, צעשילט זיך ווילד און אויסטערליש. ער וויל נישט מען זאָל שרייען, ער וויל נישט מען זאָל וויינען, פאַרקריצן די ציין דאַרף מען און האַלטן אַלץ אין זיך, טיף אין זיך אַליין, און ווידער ווערט שטיל אין וואַגאָן, שטיל און פינצטער. געדיכט־פינצטער און שטורעמדיק־שטיל.

דער נאַכטיקער אַרום, אַן איינגעהילטער אין אַ שטערנדיק בלויען מאַנטל, צעפלאַקערט זיך פּלוצלינג מיט אַ העלישער רויטקייט. דאָס האָבן די נאַציס, מיט קליינע טערמיט־באָמבעס אָנגעצונדן די אַרומיקע הייזער. דער וואָקזאַל ווערט העל באַלויכטן. ער בלייבט שטיין אַ נאַקעטער, דער וואָקזאַל, אַן אַנטבלויזטער, אַן אויסגעטוענער פון דער גוטער, אַלץ פאַרדעקנדיקער פינצטערניש, אַן אויסגעשטעלטער אויפסניי אויף קוילן און באָמבעס, אויף טויט. און ווידער דאָס רציחהדיקע קנאַלן פון דער אַרטילעריע, ווידער דאָס צעריסענע מיטראַליעזן־פייער, ווידער פויקן קוילן איבער די דעכער, ווידער רייסן אויף באָמבעס ערגעץ נאָענט, ווידער קוקט אין די אויגן פון די רעשטלעך פון צעפליקטן לעבן דער טויט.

דער צוג רירט. ער רירט פּאַמעלעך און פאָרזיכטיק, אָבער באַלד נעמט ער אָן וואָס אַמאָל מער און מער שנעלקייט. די רעדער קלאַפּן, איילן

זין׳, שפרינגען איבער די רעלסן־קנופן, האָצקען איבער די קרייצונגען, יאָגן זיך, לויפן, לויפן... „אַוועק פונדאַנען!“ — קלאַפּן די רעדער — „אַוועק, אַוועק, אַוועק!“... דער לאָקאָמאָטיוו צעפּייפט זיך לאַנג און צע־צויגן. כאַפּט אַ ווינט דעם פּייף, און טראָגט אים פאָראויס צוזאַמען מיט שטיקער ווייסער פּאַרע. איז די פּאַרע אַ ווייסער באַנדאַזש, און דער פּייף אַ בלוטיקער אויסגעשריי. קייקלט זיך דער פּייף איבער די ווייטע פעל־דער׳, שלאָגט זיך אָן אָן די צעהוידעטע ביימער־קרוינען, שפּילט אויף טע־לעגראַפישע דראָטן ווי אויף סטרונעס פון אַ רויטאַרמייאישער מאַנדאָ־לינע, וואַלגערט זיך אונטער אַרקאַדן פון באַן־בריקן, טאַנצט איבער לבנהדיק־צעשפּיגלטע טייכן און רייסט זיך אָנצוזאָגן דעם גרויען לאַנד די טרויעריק־גוטע בשורה: „זע, מיר ברענגען די דאָזיקע וואָס מען קען נאָך ראַטעווען. גרייט זיך צו זיי אויפצונעמען!“

געגרייט האָט מען זיך טאַקע. דער טאָג איז אויפגעשטאַנען אַ שטי־לער׳ און גאָלדיק־פרישער. די באַן איז אַריבער די אַמאָליקע גרענעץ נאָך ביינאַכט, און איצט איז זי שוין געלאָפן אַ זיכערע און רואיקע אין איי־גענעם, סאָוועטישן לאַנד. אויף די סטאַנציעס המונים־מענטשן. מען רייסט זיך צו די וואַגאָנעס. מען דערלאַנגט מילך, אייער, ברויט, אויבס. מאַמעס קלעטערן אַרום איבער די וואַגאָנעס. זיי זוכן, טאָמער וועלן זיי געפינען זייער וואַניא צי קאָליאַ, מען קאָן זיך קוים אָפּיאָגן פון זיי. אָבער פאָרט מאַכט זיך טיילמאָל אַז אַ קאָלכאָזניצע דערקענט צווישן די פאַר־ווונדעטע איר יונגן זון. זי פאַלט צו צום פאַרבלוטיקטן קאָפּ זיינעם, זי גלעט די אַשיקע הענט זיינע, קושט די איינגעפאַלענע באַקן, און וויינט. זי וויינט פאַר פרייד׳, וואָס זי האָט אים געפונען און זי וויינט פאַר צרות, וואָס אַזוי זעט ער אויס. אָבער געפינען געפינט איינע אין צען טויזנט, כאָטש עס זוכן אַלע, און געפינען נישט. טראַכטן זיי וועגן די אייגענע זין, וואָס וועד־ווייס, ווו זיי זענען איצט, און נעמען אויף מיט האַרצי־קייט, מיט מאַמעשער איבערגעגעבנקייט, אָט די יאַטן וואָס דער גורל האָט זיי געברענגט אַהערצו, מיט אַ שטילער האָפענונג, מיט אַ פאַרבאָרגענער תפילה אין האַרצן, אַז טאָמער, די שעה זאָל נישט זיין, און זייער זון וועט ערגעץ־ווו פאָרן אַזוי, וועט זיך עמעצער אַנדערער געפינען, וואָס וועט אים אויך מיט דער זעלביקער האַרציקייט אויפנעמען.

די צוגן מיידן זיך אויס. פון מערב קומען די צוגן מיט פאַרוווּנדע־

טע. אויף מערב גייען צוגן מיט פרישע, ערשט־פֿאַרלאָדענע פֿאָלקן. טרעפֿן זיך אויף סטאַנציעס סאָלדאַטישע צווייערליי אויגן. בעטן זיך די אויגן פֿון די פֿאַרווונדעטע: „זע, ברודערל, קוק זיך איין וואָס מען האָט מיר אָפּ־געטון, זע מיט וואָס ער דראָט אונדז אַלעמען, דער בלוטיקער הונט, נעם נקמה! דערלאַנג! שלאָג פֿאַר מיר, פֿאַר דעם וואָס איז שוין ליגן געבליבן אין שלאַכטפֿעלד, פֿאַר אונדז אַלעמען!" גייט אָן ווערטער אַ שטילער חברישער שמועס, ציען זיך אָן ווערטער האַרציקע פֿעדים פֿון איין צוג צום אַנדערן, ענטפֿערן אָן ווערטער בלוט־פֿאַרלאָפֿענע רויטאַרמייאישע אויגן: „מיר וועלן געדענקען, מיר וועלן באַצאָלן, מיר וועלן אָפּצאָלן פֿאַר די טויטע און פֿאַר אייער פּיין און יסורים, פֿאַר אונדזער לאַנד, וואָס מען האָט עס געצווונגען צום געווער זיך צו כאַפּן, פֿאַר דער תבואה וואָס איז שטיין געבליבן, ווייל מיר האָבן נישט קיין צייט זי צו שניידן, פֿאַר די פֿאַבריקן, וואָס שטייען, וואַרטנדיק אויף אונדזערע הענט, פֿאַר אַלץ. מיר וועלן אָפּצאָלן! מיר שווערן!"

ביידע צוגן רירן מיטאַמאָל, ביידע לאָקאָמאָטיוון צעפּייפֿן זיך מיט־אַמאָל. לויפֿט איין פֿייף אויף מזרח און בעט, ווי פֿריער, מען זאָל אויפֿ־נעמען די פֿאַרווונדעטע שלאַכטלייט, און רופֿט און מאָנט און וועקט צו טאַט, צו אָנשטרענגונג, צו נקמה. לויפֿט דער צווייטער פֿייף אויף מערב, ווי אַ שטאַפּעט פֿון דער גרויסער און מעכטיקער אַרמיי, ווי אַן אויסגעשריי פֿון פּולסירנדיקע צעכוואַליעטע הערצער, ווי אַ קויל געצילט אין האַרץ פֿון שונא, ווי אַן אָנזאָג וואָס גיט צו וויסן: אָט האָט געווירט אַן אַרמיי, וואָס קאָן בלויז איין וועג: וואָס פֿאַרשטייט בלויז איין לשון: „דער זיג וועט זיין מיט אונדז!"

מיטן האַרץ אויף די הענט

יעדע סטאַנציע אויפן וועג פונעם שפּיטאָל־צוג איז אַ קוואַל וואָס שפּריצט נישט נאָר מיט קיפּיאַטאָק, מיט טיי און מיט מילך, נאָר אויך מיט האַרץ, מיט איבערגעגעבנקייט און געטריישאַפט. די גרויסע ווייסע פענער מיט די רויטע קרייצן ציען צו און רופן יעדן איינעם. עס קומען דעלעגאַציעס פון רויטן קרייץ, פון וועטעראַנען פון בירגער־קריג, פון פרויען־אָרגאַניזאַציעס, עס קומט יונג און אַלט, מענער און פרויען, קינדער און דערוואַקסענע. יעדער איינער איז גליקלעך, וואָס ער קאָן עפּעס דערלאַנגען, עפּעס טון, מיט עפּעס העלפן. דאָס גראָע און שטרענגע לאַנד קומט אַנטקעגן די פאַרוואונדעטע שלאַכטלער מיטן אייגענעם האַרץ אויף די הענט, מיט אַ שמייכל אַרום מויל און מיט צאַרן אין די אויגן.

אומעטום פּלאַקאַטן. די פּלאַקאַטן רופן צום קאַמף, צום אויספירן גענוי די אינסטרוקציעס פון די מאַכט־אָרגאַנען, צו פאַרטאָפּלטער, פאַרפילפאַכיקטער וואַכזאַמקייט אין דער הייליקער אַרבעט פון אויפדעקן פיינטלעכן סאַבאָטאַזש און שפּיאָנאַזש, צו שאַפן ספּעציעלע בריגאַדעס, צום קאַמף קעגן נאַציִשע פאַראַשוטיסטן, צו פאַרשטאַרקטער אַרבעט אויף די פאַבריקן, אויף די פעלדער, אומעטום. און פון אַלע פּלאַקאַטן שרייט אַראָפּ דערזעלבער, אין זיך זיכערער, איינגעעקשנטער לאָזונג: „פּאָביעדאַ בודיעט זאַ נאַמי!" (דער זיג וועט זיין מיט אונדז!).

זשמערינקאַ איז נישט קיין איבעריק־גרויסער ישוב. זשמערינקאַ איז אָבער אַ גרויסע באַן־סטאַנציע. אויף די אומצאָליקע רעלסן און רעלסן־קנופּן וועקסלט זיך הין און צוריק דער גרויסער שטראָם פון כלערליי צוגן און באַנען. עס קומען אָן צוגן מיט פאַרוואונדעטע און גייען ווייטער, טיפער אינעם לאַנד אַריין. עס קומען אָן און גייען אַוועק צום פראָנט די צוגן מיט נייע פאָלקן, מיט מלחמה־מאַטעריאַל, מיט געווער און אַמוניציע, מיט סנאַריאַדן, מיט שפּייז און אַפּראָוויזאַציע. די באַנען לויפן, פאַרהאַלטן זיך, סאָפּען שווער און מיד, הודיען, רייסן זיך אין וועג אַריין, בלאָזן אומגעדולדיק מיט גרויסע צעריסענע שטיקער פון ווייסער פאַרע, ווערגן זיך מיט קנוילן פון שוואַרצן רויך, און לסוף באַפרייען פונעם שטיין אויפן וואָקזאַל, לאָזן זיי זיך אין וועג אַריין זיגרייכע, עזותדיקע, פּאַטשענדיקע מיט די לאַפּעס פון די שטאָלערנע רעדער די אויסגעצוי־

גענע, בלישטשענדיקע רעלסן, און לויפן וואָס אַמאָל ווייטער פאָראויס!

ווער זענען זיי אָט־די צוגן? דאָס זענען נישט סתם קיין צוגן. דאָס זענען שליחים פון לאַנד וואָס האָט זיך גוט אַריינגענומען אין הארץ אַריין און אין קאָפּ אַריין די לאָזונגען און די אויסגעשרייען פון די פלאַקאַטן. וואָס ווילן דען די פלאַקאַטן? מען זאָל מאַכן מער קוילן, מען זאָל צוגרייטן מער טויט פאַרן שונא. גוט, מירן מאַכן! און זיי, די צוגן, זיי לויפן דאָך שוין מיטן ענטפער פון די אַמוניציע פאַבריקן, פון די קאָלכאָזן און סאָוו־כאָזן, מיטן לעבעדיקן ענטפער פון די פריש־פאַרלאָדענע רעגימענטן, און אויף שטום־לשון שרייען זיי זיך איבער איבערן גאַנצן גראָען לאַנד: איך פּיר הונדערט און צוואַנציק פּראָצענט פונעם פּלאַן. און איך הונדערט און פופציק פּראָצענט! און איך דאָס נייע געדעטענייש! און איך טויזנטער צאַפּלדיקע הערצער!

דעם שונאס עראָפּלאַנען דערגרייכן שוין טיף, טיף אינעם לאַנד אַריין. אמת, עס קומט זיי נישט אָן אַזוי לייכט, ווי אין די ערשטע טעג, ווי אויף יענע גרענעצדיקע געביטן, ווו זיי האָבן געענוי געוווסט ווו צו פליען, און וווהין אַראָפּלאָזן די באָמבעס. דאָ מוזן זיי קעמפן שווער און ביטער, דאָ מוזן זיי טאָפּן אין דער פינצטער איידער זיי געפינען דעם אָביעקט, אָבער באַנען זענען שטענדיק עפּעס אַזעלכעס, וואָס עס „לוינט" צו באָמבאַרדירן. אָ, זיי האָבן שוין גוט פאַרשטאַנען די שפּראַך פונעם פייפן פון די סאָוועטישע לאָקאָמאָטיוון, די נאַציס טאַקע, און דאָס ערשטע טאַקע וואָס זיי האָבן שטענדיק געזוכט צו פאַרניכטן איז געווען דער טראַנספּאָרט. פלעגט אַ באַן פאָרן, און איבער דער באַן פלעגן אַרומ־קרייזלען עסקאַדרעס פון די פלינקע, קליינע, איינמאָטאָרדיקע, שטורעם־עראָפּלאַנען, כדי דעם צוג צו באַשיצן. פלעגט אַ באַן זיך אָפּשטעלן אויף אַ סטאַנציע, און די לופט־שוץ־אַרטילעריע פלעגט גלייך אָנהייבן אַ פייער פון אַלע זייטן און אויסשפּרייטן אַ מין פייערדיק־שיצנדיקן שירעם איי־בערן וואָקזאַל, נישט דערלאָזנדיק די נאַצישע פליער זאָלן זיך אַראָפּלאָזן נידעריק און אויסקלייבן דעם ציל. אָבער דייטשישע עראָפּלאַנען האָט גע־האַלטן אין איין צוקומען, און די צאָל פון די סאָוועטישע האָט זיך כסדר פאַרמינערט. דער דייטש איז געגאַנגען פאָראויס ווי אַ טויט־שפּריצנדי־קער, אַליץ פאַרגיסנדיקער מבול און געשטופּט אין די פאָדערשטע פּאָ־זיציעס דעם גאַנצן כוח וואָס ער האָט פאַרמאָגט, איינגעגעבן זיך אינעם

לעבעדיקן פלייש אַריין פונעם לאַנד מיט שאַרפע ברייט־אויפגעריסענע שנאָבלען, בכדי זיי שפּעטער צו פאַרמאַכן און אָפּרייסן גאַנצע שטיקער. דאָס לאַנד איז אָפּגעגאַנגען אין בלוט, באַגאָסן די אייגענע ערד מיטן בלוט פון שונא און פון אייגענע, געקלאַמערט זיך אָן די פּאָזיציעס מיט די ציין און מיט די נעגל, און געררוקט זיך צוריק, פאַרביסן, מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן, מיד, אויסגעשעפּט, אָבער אַלץ מיטן זעלבן טיפן גלויבן, אַז זיי, די באַנדיטישע מערדערס קענען נישט זיגן, זיי וועלן נישט זיגן, ווייל „דער זיג וועט זיין מיט אונדז״.

ווען דער צוג פון טאַרנאָפּאָל איז אָנגעקומען קיין זשמערינקאַ, האָט מען אים געשפּאָלטן אין צווייען. די צווייטע, די הינטערשטע העלפט האָט אַ לאָקאָמאָטיוו, וואָס מען האָט צוגעטשעפּעט פון הינטן, אַוועקגעשלעפּט אויף זייטיקע רעלסן, און שפּעטער אַוועקגעפירט קיין בעלאַצערקאָוו. די פאַרבליבענע, די פאָדערשטע טייל פונעם צוג איז געפאָרן קיין קאָרסון. ווען מען האָט דעם צוג צעטיילט, האָט מען געמיינט אַז די וואַגאָנעס, וואָס מען טשעפּעט זיי אָפּ וועט מען אויסלאָדן אויפן אָרט, און חברה האָט שוין אָנגעהויבן מקנא צו זיין יענע, וואָס אָט־אָט וועלן זיי פּטור פון די דושנע וואַגאָנעס און וועלן באַקומען אַ ווייך בעט. מיט טעג שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, ווי ווייט יעדע אויסרעכענונג איז פאַלש אין מלחמה־באַדינגונגען. אַן עסקאַדרע פון נאַצישע אַוויאָנען איז אָנגעקומען און באָמבאַרדירט בעלאַצערקאָוו. די גרויסע צייכנס פונעם רויטן קרייץ אויף דער געביידע פון אימפּראָוויזירטן שפּיטאָל, האָבן ווייניק וואָס געהאָלפן. פאַרקערט, די נאַצישע פליער האָבן באָמבאַרדירט דאָס שפּיטאָל מיט נאָך מער אַכזריות און פאַרביסנקייט, באַשיסנדיק פון מעטראַליעזן די סאַניטאַרן און קראַנקנשוועסטער, און יענע געצייילטע קראַנקע, וואָס האָבן געקענט מיט די אייגענע כוחות אַרויסבאַקומען זיך פונעם ברענענדיקן בנין. מען האָט איבערגעגעבן, אַז עטלעכע הונדערט קראַנקע זענען אומגעקומען אויף די בעטן, אויסער די דאָקטוירים און פּערסאָנאַל וואָס האָט געאיילט צו הילף.

דאָס שפּיטאָל אין קאָרסון איז ביז דער מלחמה געווען אַן אָפּרוּהויז פאַר אַרבעטער און קאָלכאָזניקעס. עס איז געשטאַנען אָפּגעזונדערט אָן אַ זייט פונעם שטעטל און אַמאָל, מיט דורות צוריק איז עס געווען דער פּאַלאַץ פון די אַמאָליקע פּויליש־אוקראַינישע הראַביעס, פון די פּאַ־

טאָצקיס. אונטער דער צאַרישער מאַכט זענען זיי געוואָרן קניאַזן, די פּאָ־טאָצקיס, און געהאַלטן דעם פּאַלאַץ אין איין פאַרשענערן און פאַרבע־סערן, אויסגעבויט וואָס אַמאָל פרישע פּאַוועליאָנען און געפּלאַנצט פּרעכ־טיקע גערטנער. דער פּאַלאַץ האָט זיך ממש געטובלט אין גרינס. אינמיטן פון אַלטן פּאַרק איז געפּלאָסן אַ ביסטרע טייכל, און אויף אַן אינדזעלע, אינמיטן פון אָט־דעם טייכל טאַקע, איז נאָך שטיין־געבליבן אַ קליינע קאַפּליצע, אַ מין פּאַלאַץ־קירכעלע, ווו די פּאָטאָצקיס פלעגן דערליידיקן זייערע חשבונות מיט גאָט נישט דאַרפנדיק דערביי זיך אויסצומישן מיטן פּראָסטן פעבל. אָט דעם פּאַלאַץ האָבן זיי געלאָזט שטיין אין 1917 און צעלאָפן זיך איבער דער וועלט, און סאָוועטישע אַרבעטער פלעגן אַהער־קומען און אין די שאָטנס פון אַלטן, געמיטלעכן רוישנדיקן פּאַרק אויס־גלייכן די פאַרהאָרעוועטע ביינער און אָנגעמען ווייטערדיקע כוחות.

איצטער איז עס געוואָרן אויס אָפּרו־הויז. אין די צימערן און זאַלן פונעם פּאַלאַץ האָט מען אָנגעטראָגן אַן אַ שיר בעטלעך און מאַטראַצן. פריייוויליקע קראַנקנשוועסטערס האָבן זיך געמאָלדן צו דער אַרבעט און העלפן צו די מיליטערישע סאַנאיגסטרוקטאָרשעס צו שטעלן צוריק די פאַרוווּנדעטע אויף די פיס. מען האָט אויך גיך אַראָפּגעבראַנגט די נוי־טיקע אַפּאַראַטור און איינגעאָרדנט אַ רענטגען־לאַבאָראַטאָריע. די קראַנ־קע, וואָס קענען אַראָפּגיין פון די בעטן, שפּאַצירן אין שאָטן פון די ביי־מער און זאַפּן איין די קלוגע רואיקייט פון די אַלטע דעמבעס.

די קראַנקע באַקומען יעדן טאָג צייטונגען מיט בלוט־דורכגעזאַפּטע ידיעות וואָס דערציילן וועגן העלדישן קאַמף וואָס די רויטע אַרמיי פירט, וועגן די גרויסע פאַרלוסטן וואָס דער שונא ליידט אויף יעדן טריט און שריט, וועגן דעם טייערן פרייז וואָס ער צאָלט פאַרן דעראָבערן יעדע שטאָט, יעדעס דערפל, יעדע כאַטע כמעט. אָבער די „סוואָדקעס (קאָמור־ניקאַטן) פונעם סאָווינפאָרמביוראָ האָבן אויך אָנגעגעבן די ריכטונגען און ערטער ווו די קאַמפן קומען פאָר: „אזשעסטאָטשאָנניע באָאי וו׳טאַ־קאָם טאָ אי טאַקאָם נאַפּראַוולעני (פאַרביטערטע קאַמפן אין דער און דער ריכטונג), און פון אָט־די סוואָדקעס טאַקע, פון אָט־דעם בליץ־שנעלן בייטן זיך פון די דאָזיקע „נאַפּראַוולעניעס", פון די ריכטונגען, איז בולט קלאָר געוואָרן אַז דער פראָנט גייט אויף צוריק, אַז ער רוקט זיך און בייסט זיך אַריין אינעם לאַנד אַריין וואָס אַמאָל נענטער און נענטער.

טראָץ דעם גאַנצן צוטרוי און גלויבן, טראָץ דער גאַנצער געטרייַשאַפט און איבערגעגעבנקייט האָבן דאָ און דאָרט זיך אָנגעהויבן הערן שטעך־ווערטלעך אויפן חשבון פון די סוואָדקעס טאַקע. וואָס קומט אַרויס אַז „נאַש בראַט“ ווייזט אַרויס אַזוי פיל העלדישקייט אין קאַמף, אַז מיר ציען זיך פאָרט צוריק? די העלדישע מעשׂים זענען טאַקע געווען אויסערגעוויינלעכע. אָט למשל אַ מעשׂה מיט אַ פליער, אַ קאַפּיטאַן. מען האָט ביי אים אונטערגעשאָסן דעם פליגל פון אַפּאַראַט, און מיט צייכנס געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער זאָל זיך אַראָפּלאָזן, וועט מען אים נעמען אין געפאַנגענשאַפט. ער האָט אָבער אויסגעקליבן אַן אַנדערן וועג. אַראָפּגעלאָזט האָט ער זיך, נאָר אָנשטאָט צו נידערן אויפן פעלד האָט ער געניִדערט אַביסעלע ווייטער און צוזאַמען מיט זיין אַפּאַראַט, צוזאַמען מיט זיין יונג, העלדיש לעבן האָט ער אויפגעריסן אַ נאַציִשן אַמוניציע־מאַגאַזין. אָט, למשל אַ מעשׂה, מיט אַ באַן־מאַשיניסט, וואָס האָט אונטערן האָגל פון שאָסן איינגעשטעלט דאָס לעבן, און אָפּגעטשעפּעט אַ צוג פאַרלאָדן מיט אַמוניציע פון דעם ברענענדיקן לאָקאָמאָטיוו, כאָטש אַ ליאַדע מינוט האָט אים געדראָט צו ווערן צעריסן אויף שטיקער, ווען כאָטש איין פונק פאַלט אַרויף אויף אַ קעסטל מיט סנאַריאַדן. אָט, למשל, אַ מעשׂה מיט אַן אַרמענער, אַ סטאַרשינאַ וואָס האָט מיט נאָך צוויי רויטאַרמייער איינגעשטילט אַ באַפעסטיקטן מעטראַליִען־נעסט, אויפרייסנדיק די באַהאַלטענע נאַציִס צוזאַמען מיט זיך אַליין. און ערשט די מעשׂיות וואָס זענען אַהין קיין מאָסקווע נישט דערגאַנגען, די טויזנטער „קליינע“ טאָג־טעגלעכע העלדישקייטן, די גראָע נאָמענלאָזע, יסורימפולע און פראָסט־פּשוטע העלדישקייט פונעם סאָלדאַט. און דאָס אַלץ איז נאָך נישט געווען גענוג, אויף איינצוהאַלטן דעם שׂונא, וואָס איז דאָך געגאַנגען פאָראויס, רוקנדיק די „נאַפּראַוולעניע“ וואָס אַמאָל טיפער און טיפער, וואָס אַמאָל נענטער צום סאַמע האַרץ פון סאָוועטישער אוקראַינע, צו קיעוו.

נאַציִשע עראָפּלאַנען האָבן גענומען אַרומפליען איבער קאָרסון. דעם שפּיטאָל האָבן זיי נישט געטשעפּעט, ווייזט אויס, זיי האָבן נישט געווּסט וועגן זיין עקזיסטענץ. און דער גרינער צודעק פון פאַרק האָט אים באַשיצט פאַר זייער אויג. אָבער אויפן שטעטל און אויף דער באַן־סטאַנציע האָבן זיי אַראָפּגעוואָרפן פון צייט צו צייט אַ בלוטיקן שליח. דער פראָנט האָט זיך צוגערוקט נאָענט, שוין זייער נאָענט.

אין איינעם אַ פרימאָרגן זענען אָנגעקומען לאַנגע קאָלאָנעס פון לאַסט־אויטאָס. מען האָט בליץ־שנעל פאַרלאָדן די קראַנקע אויף די מאַשינען און אַוועקגעפירט צום וואָקזאַל. אַ ספּעציעלער צוג האָט שוין דאָרטן געוואַרט. מען האָט שוין איצטער געוווסט, מיט וועמען מען האָט צו טון, און אויף די סאַניטאַרע צוגן האָט מען אויפגעהערט צו מאָלן די צייכנס פונעם רויטן קרייץ. מען האָט געוווסט, אַז אָט־די צייכנס טאַקע קענען ערשט צוציען די דייטשישע קראַנקן־מערדער. במשך פון איין האַלבער שעה איז דער גאַנצער שפּיטאָל שוין געווען אין צוג. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט דער צוג גערירט פון אָרט. ער האָט גערירט שטיל, ווי ער וואָלט מורא געהאַט אָנצומאַכן אַ גערויש. עס האָט נאָך אַ מינע געטון דער קליינער וואָקזאַל, די בודקעס פון די רעלסן־היטער, פון ווייטנס האָט אַ גרין געטון דער פאַרבענקטער שטילער פּאַרק, פון ווייטנס האָט אַ שמייכל געטון אַ ברייט פּנים פון אַ יונגער קאָלכאָזניצע, ביי וועמען איינער פון די פאַרוואונדעטע האָט אין אָט־די פּאָר געציילטע טעג צוגענומען אַ שטיק האַרץ, עס האָט אַ געשריי געטון אַ פּלאַקאַט מיט גרויסע אותיות, אַז טראָץ אַלעם „וועלן מיר זיין די זיגער!“

פּאַוולאָגראַד. אַ קליין, רואיק צוגעראַמט שטעטעלע. דער צוג קומט אָן אַהין ביינאַכט. דער וואָקזאַל אַן אויסגעראַמטער פון זייטיקע מענטשן, אַן אויפגעפּוצטער מיט בלומען לכבוד די ליבע געסט. אויף די אויסגעשטעלטע טישן: טיי און זיסוואַרג. דאָס האָט די אָרטיקע פרויען־סעקציע פון דער פּאַרטיי צוגעגרייט אַן אויפנאַמע לכבוד די פאַרוואונדעטע. די וואָס קענען, זעצן זיך אַרום די טישן, די ליגנדיקע טראָגט מען צו טיי צו די טראָג־בעטלעך. מיידלעך גייען אַרום און פרעגן ווער עס וויל שרייבן אַ בריוו אַהיים און קאָן דאָס נישט טון, וועלן זיי אים אָנשרייבן. די ליכט אין גרויסן זאַל פון וואָקזאַל איז טונקל, די פענצטער פאַרהאָנגען. די סטאַנציע זינקט אין פולשטענדיקער פינצטערניש, אויס מורא פאַר די נאַצישע עראָפּלאַנען. די לופט איז אַ שטילע און זומערדיק־גלעטנדיקע. איינציקווייז פאַרפאָרן די לאַסט־אויטאָס און פירן אָפּ די קראַנקע צו דער געביידע פון דער מיטלשולע, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שפּיטאָל. אַלץ איז ווייס, צוגעגרייט, ציכטיק און זויבער. דער הויפּט־דאָקטער, אַ ייד מיט אַ בלאָנדער טשופּרינע, האָט געפּאַקט אַ פאַרוואונדעטן, אַ יידישן בחור פון פּוילן, און פאַרפירט מיט אים אין מיטן דער

נאַכט אַ שמועס וועגן פּרצן. די שוועסטער, אַ כאַכלאַטשקע מיט אַ פלאַקסענעם קאָפּ, הערט זיך איין אין אָט־דעם שמועס און שמייכלט. זי פאַרשטייט נישט אַ וואָרט, נאָר מסתמא איז דער שמועס אַ נויטווענדיקייט פאַרן קראַנקן ווייל ער שמייכלט, נו, איז שמייכלט זי אויך.

די אָרטיקע, היימישע, אַרטיסטישע כוחות האָבן איינגעאָרדנט אַ קאָנצערט פאַר די פאַרוווּנדעטע. זענען געקומען שילער פון דער מיטלשולע, אַ כאָר, אַ שילער־דראַמקרייז און זינגען און טאַנצן. זיי זענען נישט צוגעוווינט צו אַזאַ מין אוידיטאָריע, די יאַטלעך. ביז איצט פלעגט זייער „אַרטיסטישע טעטיקייט" זיך אויסשפּרייטן בלויז אין היימישן קרייז פון אייגענע שול־חברים, אָבער איצטער, איצט איז אַ גאַנץ אַנדערער ענין. אין זאַל זיצן די קראַנקע, מיט בלייכע אויסגעמאַטערטע פּנימער, מיט הענט וואָס הענגען אַראָפּ מאַכטלאָז אויף די ספּעציעלע בעטלעך און ברעטלעך, מיט פיס איינגעפּאַסטע אין ספּעציעלע אַפּאַראַטן, טיילמאָל מיט אָפּגעבריטע און אַרומגעבאַנדאַזשירטע פּנימער, וואָס מען זעט זיי קוים אַרויס די אויגן. זיי הערן זיך צו, אָט־די קראַנקע סאָלדאַטן צו די לידער, צו די סצענקעס, זיי לאַכן פון די קאָמישע סקעטשן און פאַנטאָמינעס, אָבער אין זייערע אויגן ליגט אַ טרויער. זיי דערמאָנען זיך אָן די אייגענע טעכטערלעך און זונדעלעך, אָן די קליינע ברידערלעך און שוועסטערלעך, אָן דעם זיסן און טעמדיקן קליינוואַרג, וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט אין די היימען זייערע, און אין די טרויעריקע פאַרבענקטע רויטאַרמייאישע אויגן גייען אויף ווייטע דערמאָנונגען און צעפינקלען זיך אין פּערלדיקע, שטילע טרערן.

אין די שעהן, וואָס מען מעג באַזוכן די קראַנקע, קומט צו גיין כמעט דאָס גאַנצע שטעטל. ווייניק ווער עס האָט דאָ אַ קרוב ליגן אין שפּיטאָל, אָבער יעדער קראַנקער האָט זיך שוין עמעצן וואָס קומט אים כסדר באַזוכן. „דער זיסער טאַטע" אַן אָרטיקער אַלטער קאָמוניסט, בלינד אויף איין אויג, נאָך פון די צייטן פון בירגער־קריג, האָט באַקומען אָט־דעם נאָמען צוליב דעם, וואָס די קעשענעס זענען שטענדיק ביי אים אָנגעשטאָפּט מיט זיסוואַרג, וואָס ער האַלט עס אין איין צעוואַרפן אויף אַלע בעטלעך. ער האָט ליב זיך אויסצוטעהנען מיט די סאָלדאַטן וועגן פראָנט, און מען דאַרף זיך ביי אים לאַנג נישט בעטן, ער זאָל אַליין אויך אָנהייבן דערציילן פראָנט־מעשות. אַ בערדיטשעווער יידענע, וואָס האָט אַ מאַן

אַ רוס שוין גאַנצע צען יאָר, און רעדט נאָך אַלץ אַ גוטן זאַפטיקן יידיש, האָט זיך צוגעזעצט צו אַ וואַרשעווער בחור, און פרעגט אים אויס ווי אַזוי עס האָט זיך דאָס געלעבט די יידן ביי די פּאָליאַקן, אין פאַר־מלחמה־דיקן פוילן. איר מאַן איז שוין אויפן פראָנט, און ווען זי דערמאָנט זיך אָן אים, הייבט זי באַלד אָן וויינען, און דער קראַנקער מוז גאָר זי אָנ־הייבן טרייסטן.

די ידיעות אין די צייטונגען ווערן וואָס אַמאָל ערגער. די סוואָדקעס פונעם סאָוואינפאָרמביוראָ ווערן וואָס אַמאָל מער סודותפול. מ׳האָט שוין אויפגעהערט צו שרייבן אפילו וועגן די „נאַפּראַוולעניעס״. חברה גיט זיך איבער שטילערהייט, אַז אויב עס שטייט אין צייטונג, אַז דער קאַמף קומט איצטער פאָר אין אַזאַ און אַזאַ „נאַפּראַוולעניע״, איז עס אַ סימן, אַז יענע שטאָט איז שוין לאַנג אין די הענט פון שונא. פלוצלינג איז גע־קומען די ידיעה, אַז דער שונא האָט איבערגעריסן דעם פראָנט ביי קרי־וואָראָג, און רייסט זיך מיט אַלע כוחות צום דניעפּער. די גרויסע דאַמבע אויפן דניעפּער, דער דניעפּראָסטראָי, איז שוין אויפגעריסן. דאָס איז אַ סימן, אַז די רויטע אַרמיי וועט זיך ווייטער צוריקציען, און וויל נישט לאָזן אין די הענט פון שונא אַזאַ גרויסן קוואַל פון עלעקטרישער ענער־גיע. חברה האָבן געגומען טענהן צווישן זיך אַז דאָס אויפרייסן דעם דניעפּראָסטראָי האָט אָבער איין גרויסן חסרון, דהיינו, דער דניעפּער וועט ווערן שמאָל, און עס וועט אָנקומען לייכטער די דייטשן אים אַרי־בערצוגיין. ווי עס זאָל נישט זיין, דער שונא קומט ווידער אַמאָל נענטער, און כאָטש פון פּאַוולאָגראַד צו קריוואָראָג בלייבט נאָך אַלץ אַ שפּאָרער מהלך, אָבער דאָך ווערט עס קלאָר פאַר אַלעמען, אַז מען וועט ווידער עוואַקואירן דעם שפּיטאָל און דאָס מאָל שוין ערגעץ זייער ווייט.

שיקאָרסקי, דער פּוילישער גענעראַל, וואָס טראָגט זיין רעאַקציאָנע־רישקייט האָט ער שטענדיק זיך אָריענטירט אויף רוסלאַנד, האָט געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט דער סאָוועטישער רעגירונג. די סאָוועטישע צייטונגען האָבן געברענגט לאַנגע אַרטיקלען וועגן דעם שאַפן אַ פּוילישע אַרמיי אין ראַטנפאַרבאַנד. די געציילטע פּוילישע יידן וואָס האָבן זיך געפונען אי־נעם שפּיטאָל, איז די גאַנצע ידיעה אויסגעקומען גאָר מאָדנע, אָבער איין זאַך האָט זיי דערפרייט: דער אָפּמאַך האָט פאָראויסגעזען דאָס באַפרייען אַלע געוועזענע פּוילישע בירגער פון די לאַגערן און פון דער פאַרשיקונג.

אַזוי מאָדנע איז עס אויסגעקומען, וואָס צוליב דעם ענדעק שיקאָרסקי וועט מען אַרויסלאָזן צווישן אַנדערע אויך דאָס ביסל פאַרשיקטע יידן אויף דער פריי, אַז נישט־ווילנדיק האָט אַ איראָנישער שמייכל זיך פאַר־גנבעט אויף די ליפּן. ווי עס זאָל נישט זיין, איז עס געווען אַ טרייסט, אַ גרויסע טרייסט. מען האָט נאָר נישט געקענט פאַרשטיין איין זאַך: דער אָפּמאַך האָט פאָראויסגעזען אַז די נייע פּוילישע אַרמיי וועט קעמפן צוזאַמען מיט דער רוסישער קעגן די דייטשן. די יידן האָבן זיך דערמאָנט וועמען מען האָט פאַרשיקט פון די פּאָליאַקן: די געוועזענע פּאָליציאַנטן, די רעאַקציאָנערע „אָסאַדניקעס", וואָס זענען געזעסן פון אייביק אָן אויף דער סאָוועטישער גרענעץ, שטשירענדיק די ציין ווי הינט, געוועזענע אָפיצירן, און פּראָפעסיאָנעלע אונטער־אָפיצירן, אויף וועלכער דער האַלב־פאַשיסטישער פּילסודסקי־רעזשים האָט זיך תמיד געשטיצט. און זיי וועט מען דאָס געטרויען געווער און לאָזן קעמפן אַקסל ביי אַקסל מיט דער רויטער אַרמיי? זיי וועלן דאָך פאַראַטן ביי דער ערשטער געלעגנהייט! און ערשט וויפל זענען דאָס דאָ, צווישן די פאַרשיקטע, האַלבע פּאָליאַקן און האַלבע אוקראַינער, וואָס האָבן געהערט צו אוקראַינישע פּראָ־דייט־שישע, פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס. וועגן אַ בעסערן מאַטעריאַל פאַר שפּיאָנען האָט דאָך היטלער אַפילו טרוימען נישט געקענט. האָט מען טאַ־קע געדרייט די צייטונג אין האַנט מיט גרויס פאַרוואונדערונג, און גע־בליבן איז עס, אַז די גאַנצע מעשה איז עפּעס נישט אינגאַנצן גלאַטיק.

עס איז אָראָפּגעקומען אַ ספּעציעלע מיליטעריש־מעדיצינישע קאָ־מיסיע. מען האָט באַטראַכט יעדן קראַנקן באַזונדער און גענומען די קראַנ־קע סאָרטירן. די ערשטע פּאַרטיע, פון די שווער־קראַנקע און אינוואַלידן איז אָפּגעפאָרן באַלד אויף צומאַרגנס. געשמועסט האָט מען, אַז מען האָט זיי אַוועקגעפירט ערגעץ אין אַ ווייטער שטאָט אין אוראַל. די איבעריקע האָט מען ווידער און ווידער סאָרטירט. נאָך עטלעכע טעג איז ווידער אַוועקגעפאָרן אַ פּאַרטיע. אין שפּיטאָל זענען פאַרבליבן נאָר די דאָזיקע קראַנקע, וואָס אָט־אָט האַלטן זיי ביים געזונט ווערן. ווען דער שפּיטאָל פאַרבלייבט אויפן אָרט, וואָלט מען זיי אפשר נאָך געהאַלטן אַ לענגערע צייט, אָבער עוואַקואירן זיי אין אַזאַ ווייטן וועג „לוינט נישט". מען וואַרט נאָר אויפן באַפעל פון פאַרמאַכן דעם שפּיטאָל, און דעמאָלט וועט מען זיי שיקן אין די אָפּטיילונגען.

עס האָט זיך צונויפגענומען אַ גרופּע פון קנאַפּע צוואַנציק מאַן. היינט הערט דער שפּיטאָל שוין ענדגילטיק פאַרמאַכט. די קראַנקע האָט מען מונדירט אויפסניי און געגעבן זיי אַ רייזע־באַפעל קיין דניעפּראָפּעט־ראָווסק. דאָרטן דאַרפן זיי זיך מעלדן צום מיליטערישן קאָמאַנדאַנט פון שטאָט, און ער וועט זיי אָפּשיקן אין אַן אָפּרו־לאַגער, אין אַ „באַטאַליאָן דליאַ וויזדאָראַווליוואַיושטשיך (באַטאַליאָן פאַר געזונט־ווערנדיקע). די סאָלדאַטן נעמען צונויף זייערע פּעקלעך און מאַרשירן אָפּ צום וואָקזאַל. דאָס שטעטעלע איז אויסגעליידיקט און שטיל. סאָלדאַטישע טריט פּויקן אָנעם טראָטואַר און צעגייען זיך אין דער פאַרנאַכטיקער זומערדיקער שטילקייט. אויפן גרויסן קופּאָל פון דער פאַרמאַכטער צערקווע, וואָס זעט אויס ווי אַ ריזיקע, טונקל־בלאָע ציבעלע, שפּילט זיך די פאַרגייענדיקע רויט־צונטערדיקע זון.

דער וואָקזאַל איז פאַרמאַכט, אָבער די סאָלדאַטן לאָזט מען גלייך אַריין. אָט־אָט גייט ער אָפּ דער צוג. קיין דניעפּראָפּעטראָווסק איז סך־הכל 90 קילאָמעטער, דאָס הייסט אַ צוויי שעה מיט דער באַן. דער צוג גנבעט זיך אַרויס אַ שטילער און פאָרזיכטיקער פון דער סטאַנציע. די אַרומיקע נאַכט אָטעמט מיט ווייטן אומרו. פינצטער איז די נאַכט, פינצ־טער און טונקל־בלוי, זי איז גוט די נאַכט, זי באַשיצט, זי באַשירעמט און דעקט אַלץ צו. דער וואָקזאַל אין דניעפּראָפּעטראָווסק איז אויך איינ־געהילט אין פינצטערניש, און ווען דער צוג זאָל זיך נישט אָפּשטעלן, וואָלט מען נישט אָנגעהויבן צו וויסן, אַז מען איז שוין אָנגעקומען.

די גאַסן זענען ליידיק. די הייזער אויסגעלאָשן און איינגעשרומפּן אין זיך פאַר פּחד. אַ ווינטל בלאָזט. דאָס ווינטל ברענגט אַ גרוס פון דניעפּער. נאָענט איז ער דער דניעפּער, ער פליסט אין סאַמע מיטן שטאָט, און נישט ווייט, אויף יענעם ברעג טייך, הערט זיך שוין פון דערווייטנס דאָס נאַכטיקע סאָפּען פון דער בלוטיקער חיה וואָס קומט אַלץ נעענטער און נעענטער. דערווייל זענען נאָך פריי ביידע ברעגן, דערווייל האַלט מען אים נאָך איין דאָרטן, דעם שונא, מיט די לעצטע כוחות, מיט אי־בערמענטשלעכער אָנשטרענגונג, מיטן לעצטן טראָפּן בלוט וואָס אין די אָדערן, אָבער מאָרגן, וואָס וועט זיין מאָרגן?

דניעפּראָפּעטראָווסק

דאָס הויז, ווו עס האָט זיך געפונען דער „וואָיענני קאָמענדאַנט גאַראָדאַ“ (מיליטערישער שטאָט־קאָמאַנדאַנט) אין דניעפּראָפּעטראָווסק איז איינגעהילט אין חשכות פונקט ווי די גאַנצע שטאָט. די פענצטער זענען שוואַרץ און קוקן אין דער נאַכט אַריין ווי שוואַרץ־באַגלעזלטע אויגן פון אַ בלינדן. אָבער די דאָזיקע שוואַרצע בלינדקייט איז אַן אויבנאויפיקע, אַ כלומרשטיקע. אינעווייניק, אין די צימערלעך און זאַלן פונעם גרויסן הויז קלאַפּן שרייב־מאַשינקעס, טעלעפאָנען קלינגען און זאַפּן אַריין אין די שוואַרצע טרובקעס לאַנגע אינסטרוקציעס, אָנווייזונגען און האַסטיקע באַפעלן, אַריינגעשריגענע מיט אַ שטים, וואָס איז פון 24 שעה שרייען שוין לאַנג הייזעריק געוואָרן. אינעווייניק, אין גרויסן הויז, שיינען גרויסע עלעקטרישע לאָמפּן, אַרום וועלכע עס זאַמלען זיך דיקע קנוילן פונעם רויך, פון די מאַכאָרקע־ציגאַרעטן. אינעווייניק לויפן הין און צוריק קאָמאַנדירן, באַאַמטע, פאַרבינדלער און סתם רויטאַרמייער. אינעווייניק איז טאָג, העלער טאָג און עס קלאַפּט אין אַ האַסטיקן טעמפּאָ די איילנדיקע מאַשין פון שטאַב פון אָט־דעם פראָנט־אָפּשניט.

די קליינע גרופּע סאָלדאַטן וואָס איז געקומען פון פּאַוולאָגראַדער שפּיטאָל, בכדי אָט־דאָ אין דניעפּראָפּעטראָווסק צו באַקומען אַ רייזע־באַפעל אין אַ רעקאָנוואַלעסצענטן־לאַגער, האָט אַ פּאַטרול פאַרהאַלטן אין שטאָט און אַהערגעבראַכט אין אָט־דעם הויז טאַקע, צום „וואָיענני קאָמאַנדיר“ פון דניעפּראָפּעטראָווסק. דער „דיזשורני“ קאָמאַנדיר האָט לאַנג באַטראַכט די דאָקומענטן זייערע, די שפּיטאָל־קאַרטע מיט די דיאַגנאָזן און דיאַגראַמען פון היץ־מעסטן, לאַנג געקוקט אין די סאָלדאַטישע פּנימער, וואָס זענען בלייך און אויסגעאיידלט געוואָרן דורך די עטלעכע וואָכן, וואָס זיי האָבן אין שפּיטאָל פאַרבראַכט, באַטראַכט די דיקע טראָפּנס שווייס אויף די סאָלדאַטישע פּנימער, ווי ער וואָלט וועלן דערגיין צי אָט־דער שווייס איז געקומען פון דער היץ און דושנעקייט וואָס אין אָנגערויכערטן צימער, צי איז עס נאָך אַ פּועל־יוצא פון זייער, נאָר וואָס איבערגעקומענער קראַנקייט, און לסוף זיי געהייסן וואַרטן. מען האָט זיי שפּעטער, אין אַ האַלבער שעה אַרום, אַריינגערופן אין אַן אַנדער צימערל, ווו ביים טישל איז געזעסן אַ מיטליאָריקער מאַיאָר מיט

אַן אויפגעקנעפּלטער בלוזע, מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ שטרוי־קאָליריקע האָר און מיט רויטע, נישט־אויסגעשלאָפענע, מידע אויגן. ער האָט שוין געהאַט פאַר זיך אַלע פּאַפּירן זייערע, און עס איז שווער געווען צו וויסן, צי ער האָט אין זיי אַריינגעקוקט צי נישט, ווייל זיי זענען געלעגן אין אַ צעוואָרפענער קופּע אויפן שרייב־טישל זיינעם, ווי עפּעס אַן אומנוציקע, אומנויטיקע זאַך. אויפן מיליטערישן סאַלוט האָט ער נישט געענטפערט נאָר געטאַפּט מיט פאַרשנדיקע בליקן די פּנימער פון די אַריינגעקומענע סאָלדאַטן, און געדוכט האָט זיך, אַז ער וויל אין איין קורצער מינוט אַריינדרינגען אין די סאַמע טיפסטע, די סאַמע פאַרבאָרגנסטע געדאַנקען זייערע. זענען די סאָלדאַטן געשטאַנען און געקוקט און געוואַרט אויפן קאָמאַנדירישן וואָרט, וואָס איז ענדלעך געפאַלן אַ שווערס און אַ מידס און זיך צעגאַנגען ווי אַ האַלבער פראַגעצייכן און אַ האַלבער באַדויער:

— דער באַטאַליאָן פאַר געזונט־ווערנדיקע איז שוין עוואַקואירט, ווי מיינט איר?

אָט דער דאָזיקער „ווי מיינט איר" איז געווען אַזאַ מאָדנער, אַז מען האָט גאָרנישט געקענט וויסן וואָס עס שטעקט אייגנטלעך דערין: צי באַדויערט ער, דער מאַיאָר, וואָס דער באַטאַליאָן איז שוין ליקווידירט, צי קלערט ער טאַקע אַריין אין אָט־דעם שווערן פּראָבלעם, וואָס טוט מען מיט האַלב־קראַנקע סאָלדאַטן אָט־דאָ טאַקע, צי וואונדערט ער זיך גאָר, וואָס אַנשטאָט צו זיין אויפן פראָנט, קומען זיי גאָר אינמיטן דער נאַכט פון אַ שפּיטאָל און ווילן אַ רייזע־באַפעל צום באַטאַליאָן פאַר געזונט־ווערנדיקע.

— איז ווי זשע מיינט איר? — האָט ער איבערגעחזרט און זיך פּלוצלינג אויפגעשטעלט. ער איז צוגעקומען צום נאָענטסטן רויטאַרמייער און קורץ אַ פרעג געטון.

— וואָס איז מיט דיר געשען?

— די האַנט געווען דורכגעשאָסן, חבר מאַיאָר — און ער האָט אים אַרונטערגערוקט אונטער דער נאָז אַן אָרעם אויף וועלכן עס זענען נאָך קענטיק געווען די בלויע צייכנס פון די ערשט נישט לאַנג פאַרהיילטע וווּנדן.

— הם... — האָט דער מאַיאָר אַ ברום געטון, ווי אַ בער — נו און דו, סטאַרשינאַ?

— מיך האָט דער אויפרייס פון אַ באָמבע אַ שליידער געטון אָן אַ זייט, די קריזשעס צעקלאַפּט און דער ביין פון לינקן פוס איז געווען געשפּאָלטן.

— גיין קאָנסטו? — און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער — אַנו, פּרוביר זיך דורכגיין איבערן צימער.

דער סטאַרשינאַ האָט געפאָלגט.

— נישקשה... הם... — האָט ער ווידער אַ ברום געטון.

ער איז דורכגעגאַנגען איבערן צימער הין און צוריק און אָפּגע־שטעלט זיך אין מיטן שטוב, מיט ברייט־צעשטעלטע פיס, מיט די הענט אין די קעשענעס און מיט אַ קאָפּ, אַן אָנגעבויגענעם פאָראויס, ווי אַ ביק.

— הערט זיך איין, חברים! — האָט ער געזאָגט — מיין זאַך איז אייך אָפּצושיקן מיט אַ טראַנספּאָרט צו אַזאַ באַטאַליאָן טאַקע. איך בין נישט קיין דאָקטער און מן־הסתם, אַז מען שיקט אייך אַהינצו, זענט איר טאַקע נאָך נישט מיט אַלעמען. נאָר, חברים, דער פראָנט איז נאָענט, און יעדע האַנט, יעדע ביקס איז גייטיק, אַפילו ווען די האַנט איז שוואַך און קאָן די ביקס זיכער נישט האַלטן — ער איז שטיל געבליבן דער מאַ־יאָר און לאַנג איבערגעקלערט עפּעס.

דער „רויטער אילוישאַ“, וואָס האָט זיך קוים אויסגעהיילט פון אַ שווערן ווונד אין אַקסל, איז אַרויס פון דער רייע.

— חבר מאַיאָר... — האָט ער אָנגעהויבן שטאַמלען מיט דער שווע־רער צונג זיינער — איך קאָן באַשטיין נישט צו גיין אין באַטאַליאָן. איך וויל אויפן פראָנט.

— און איך — האָט אונטערגעכאַפּט דער סטאַרשינאַ.

— און איך! און איך! און איך! — האָט מען געגומען רופן אין דער הינטערשטער ריי.

די מידע רויטע אויגן האָבן זיך צעפינקלט אינעם שיין פון עלעק־טרישן לעמפּל. די הענט האָבן אַ פאָכע געטון ווי צוויי פליגל פון אַ ווינטמיל.

— ווער וויל יאָ אין באַטאַליאָן?

שטילשווייגן.

— וואָט טשטאָ — האָט ער פריילעך אַ ברום געטון, דער מאַיאָר — וואָט עטאָ דיעלאָ!

און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט שרייבן אַ באַפעל איבערצושיקן אַלע־מען גלייך אין „פערעסילני פונקט“ (איבערגאַנגס־פונקט — פונוואַנען מען שיקט שוין איבער גלייך אין אַטריאַד).

דער פערעסילני פונקט איז געווען אין אַנדערן עק שטאָט. פאַר דער קריג איז געווען דאָרט אַ טעכניקום און איצטער איז עס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ריזיקער קאַזאַרמע. די גרויסע, ווייסע, ווייזט־אויס ערשט נישט לאַנג אויסגעבויטע הייזער וואָס זענען געווען ביז איצט צוגעווינט צו סטודענטן און פּראָפעסאָרן, צו שטילע לעקציעס און פריילעכן שי־לערישן געפילדער, זענען איצט געשטאַנען איינגעטונקען אין דער פרי־מאָרגנדיקער שטילער זון, פולע מיט רויטאַרמייער. שווערע, באַשטיוול־טע טריט האָבן געפּויקט איבער די קאָרידאָרן. פון די פלעצער, ווו מען האָט פאַרמירט די נייע אָטריאַדן, האָט זיך געטראָגן דאָס אָפּגעהאַקטע, פאַרביסענע „סמירנאָ“ און „ראַווניאַיס“, דאָס געקלימפּערײ פון ביקסן, דאָס הודען פון אויטאָ־מאַשינען, דער גאַנצער ווימל און טומל פון רויט־אַרמייאישן לעבן. אָפּטיילונגען זענען געקומען און אָפּגעגאַנגען. אָטריאַדן, ערשט פאָרמירטע, נאָך מיט פרישע, נייע מונדירן זענען געפאָרן צום פראָנט. אָטריאַדן מידע, מיט פאַרבלוטיקטע, אין קויט און בלאָטע אויס־געשמירטע קליידער זענען אַהערגעקומען פון עוואַקואירטע פראָנט־אָפּ־שניטן, בכדי צו ווערן איבערגעוואָרפן אויף אַן אַנדערן פראָנט. און אין איינוועגס כאַפּן אַ טאָג צי צוויי אָפּרו, געגני אַזוי פיל וויפל עס האָט געדאַרפט דויערן דאָס דערליידיקן דעם ענין פון אויספאַרטיקן דעם באַ־פעל צום איבערשיקן און צוגרייטן טראַנספּאָרט און פּראָוויאַנט.

דניעפּראָפּעטראָווסק איז שוין געווען האַלב־עוואַקואירט, אָבער דער וואָקזאַל איז כסדר געווען באַלאַגערט, כאָטש מען האָט קיינמאָל נישט געוווסט ווען עס קומט אַ באַן און ווען אַ באַן גייט אָפּ. אויפן ריזיקן פּלאַץ פאַרן וואָקזאַל זענען הײמלאָזע בעזשענצעס און דניפּראָפּעטראָווס־קער איינוווינער וואָס האָבן זיך געגרייט צום אַוועקפאָרן, געלעגן אויף זייערע פּעקלעך און געוואַרט אויף אַ נס, טאָמער וועט פאָרט אָנקומען אַ באַן וואָס גייט אויף מזרח. זענען די פרויען און קינדער געלעגן אויף די קלומיקעס, אויף די פּעק בעטגעוואַנט און מלבושים, צו וועלכע עס זענען געווען צוגעטשעפּעט מיט שטריקלעך טשייניקעס און סאַמאָוואַרן, און די מענער האָבן אַרומגעדרייט זיך נעבן דער געביידע פון וואָקזאַל און

געפרוווט דערגיין צי עס וועט היינט זיין אַ באַן צי נישט. די מענער זענען אַלע געווען עלטערע, די יונגע זענען שוין לאַנג אַוועק אין דער אַרמיי. די זקנים האָבן געפּרוווט אַרייַנדרינגען אויף דער פּלאַטפאָרם פון וואָקזאַל, געטשעפּעט זיך צו די פאַרהאַוועטע באַן־קאָנדוקטאָרן און מאַשיניסטן, געלאָפן צום נאַטשאַלניק פון דער באַן־סטאַנציע און לסוף מידע צוריק אַוועקגעגאַנגען צו די קלומיקעס ווו די פרויען פלעגן זיצן און קוקן מיט טעמפּע בליקן אינעם זוניקן אַרום און די קינדערלעך האָבן, ווי קיינמאָל גאָרנישט, זיך געשפּילט אין באַהעלטענישן צווישן די צע־וואָרפענע פּעק און פּעקלעך.

פלעגט זיך מאַכן און דייטשישע עראָפּלאַנען פלעגן אָנקומען און קרייזן איבערן וואקזאל. די לופטשוץ־אַרטילעריע רעוועט פאַרביסן, ווי אַ גרויסער הונט, וואָס בילט אינמיטן דער נאַכט, נישט צולאָזנדיק קיין גנב צום הויז, און איידער וואָס ווען, געלינגט עס פאָרט אַ פליער־באַנ־דיט זיך אַראָפּלאָזן נידעריקער און אַ וואָרף טון אַ באָמבע אין סאַמע מיטן פון פּלאַץ. אויסגעליידיקט ווערט ער דער פּלאַץ אין איין רגע, פּוסט און שטיל, און טויט, און ערשט שפּעטער ווען דער אָנפּלי פון די באַנדיטן איז שוין פאַרביי, פאַרגייט זיך פלוצלינג אין דער לופט אַ ביטערער געוויין פון אַ מאַמען, וואָס האָט געפונען איר קליינעם וואַניאַן, צי משהלען, אין אַ קאַלוזשע בלוט נעבן קלומיק, ווו ער האָט געוואָלט זיך באַהאַלטן נעבן דעם סאַמאָוואַר. דער סאַמאָוואַר פינקלט און שפּרינקלט מיט מעשענער גאָלדיקייט אַנטקעגנאיבער דער זון און דאָס יאַטל ליגט דערנעבן מיט אַ צעשפּאָלטענעם קעפּל און מיט אומשולדיק־צעעפנטע ליפּעלעך, אויף וועלכע ס'איז פאַרגליווערט געוואָרן דער צו־פרידענער שמייכעלע פון קליינעם וואַניושאַ, וואָס איז זיכער געווען, אַז דאָ, אונטערן סאַמאָוואַר, וועט אים שוין קיינער נישט געפינען.

אַ באַן פאַרפאָרט אויפן וואָקזאַל פלוצלינג און אומגעריכט. דאָס איז נישט קיין פּאַסאַזשיר־צוג, דאָס איז אַ צוג מיט אָפענע פּלאַטפאָרמעס און רויטע בהמה־וואַגאָנען. צום צוג לאָזט מען קיינעם נישט צו, דער צוג עוואַקואירט דאָס טייערסטע אין ראַטנפאַרבאַנד — מאַשינען. פון די גרויסע דניפּראָפּעטראָווסקער פאַבריקן קומען אָן אויף לאַסט־אויטאָס פרע־ציזע מאַשינען און גלאַנצן מיט טויזנטער קופּערנע, שטאָלענע, מעשענע און אַלומינענע שרייפעלעך, רעדעלעך און רעדלעך. מען ציטערט איבער

זיי, איבער די מאַשינען טאַקע און ערשט ווען דאָס איז שוין פאַרלאָדן קוקט מען דורך די פינגער, אויב עמעצער כאַפּט זיך אַרויף אויף אַזאַ וואַגאָן און בלייבט שטעקן נעבן די מעטאַלענע רעדער און שרייפעלעך און מאַכט זיך דאָרטן באַקוועם, בכדי אַוועקצופאָרן ערגעצוווּ, וואָס ער ווייסט אַליין נישט וווּהין. אייגנטלעך ווייסט דאָס קיינער נישט. די צוגן ווייסן נאָר אַ ריכטונג. ווו מען וועט אָט די מאַשינען פאַרהאַלטן, ווו מען וועט זיי אויסלאָדענען, וועלכע איז די לעצטע סטאַנציע פאַר אָט די טראַנספּאָרטן, דאָס קאָן קיינער נישט אָדער וויל קיינער נישט זאָגן.

די פאַבריקן אין שטאָט זענען שטיל. די מאַשינען וואָס מען פירט נישט אַרויס צעקלאַפּט מען. בעסער צעברעכן דאָס אייגענע האָב־און־גוטס מיט אייגענע הענט, איידער עס זאָל אַריינפאַלן אין די הענט פון בלוטיקן שונא. בעסער אָפּרייסן זיך אַ לעבעדיקע האַנט איידער די דאָזיקע האַנט זאָל דאַרפן דעם שונא באַדינען. אַן אייגן שטיק לייב און לעבן זענען אָט די מאַשינען געווען. מיט שווערן מי און מאַטער איז עס אָנגעקומען ביז וואַנען מען האָט זיי אַהער געבראַכט, פאַרן לעצטן שטיקל ברויט וואָס מען האָט פון מויל אַוועקגענומען האָט מען עס איינגעקויפט אין די ווייטע אַמעריקעס און ענגלאַנדס. וויפל בלוט, הונגער, נויט און קרבנות אָט די דאָזיקע מאַשינען האָבן אָפּגעקאָסט. וויפל שווערע האָרעוואַניע און איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען מען האָט דאָס אין זיי שוין אַריינגעלייגט. וויפל מענטשן זענען פאַר הונגער אין די גאַסן געפאַלן, וויפל קינדער זענען אויסגעגאַנגען, ווייל די מאַמעס האָבן פאַר זיי קיין מילך נישט געהאַט. וויפל תבואות, וואָס דאָס לאַנד האָט אַליין באַדאַרפט, האָט מען צוליב זיי אַרויסגעפירט, וויפל געהילץ, קוילן, פוטערוואַרג, וויפל גאָלד וואָס מען האָט ביי די ברעגן פון דער ווייטער לענאַ געשווענקט און געגראָבן, און אַוועקגעפירט צוליב זיי, נאָר צוליב זיי, נאָר צוליב דעם, אַז זיי זאָלן דאָ שטיין, רוישן, הודען, זשומען, קלאַפּן מיט די רעדער, אָטעמען מיט די מעטאַלענע איינגעווייידן זייערע און אַרבעטן, אַרבעטן, אַרבעטן... און וואָס מער זיי האָבן געאַרבעט, אַלץ בעסער איז עס געוואָרן אין אָט דעם גרויסן און פאַרעקשנטן לאַנד, אַלץ מער ברויט האָט מען געקאָנט פאַר זיך אַליין אָפּשפּאָרן, אַלץ מער קליידער פאַר זיך אַליין אויסוועבן, אַלץ מער קוילן פאַר די אייגענע פאַבריקן באַנוצן, אַלץ בעסער, שטאַרקער און פעסטער בויען, בויען און בויען.

אייגן זענען זיי שוין דאָ געוואָרן, אָט די מאַשינען טאַקע, אייגן און איינ־געבאַקן, פונקט ווי זיי וואָלטן דאָ געבוירן געוואָרן און נישט אין די ווייטע דעטראָיטס און מאַנטשעסטערס. זיי האָבן גערעדט, די מאַשינען, מיט אַן אייגענער, מענטשלעכער כמעט, שפּראַך, מיט אַ נאָענטער און אַ פאַרשטענדלעכער, זיי האָבן דערמונטערט און געוועקט און אויפֿגעהייטערט און צוגעגעבן מוט צו אַרבעטן, צו לעבן, צו זיין.

און איצטער שטייען זיי די פֿאַבריקן טויב און פּוסט־און־פּאַס. די זעלבע שווערע, מיט מאַזאָליעס באַדעקטע הענט, וואָס האָבן זיי געצערטלט און געגלעט, געהאָלובעט און ליב געהאַט, די זעלבע הענט האָבן זיי איצט צעקלאַפּט און צעשטערט, אויפֿגעריסן און פֿאַרניכטעט, אַרויסגעריסן לעבעדיקע שטיקער און אַוועקגעשלעפּט, און דאָס וואָס איז פֿאַרבליבן געמאַכט אומנוצלעך, טויט און אומבאַוועגלעך. בענקען פֿאַבריקן נאָך אויסגעפּראַצעוועטע הענט, וואָס האַלטן איצט ביקסן אין די טראַנשייען און זעמליאַנקעס, קוקן טויטע פֿאַבריק־פֿענצטער ווי לעבעדיק־אויסגעשטאָכענע אויגן, און בלויז סירענעס וואָס גיבן צו וויסן וועגן אַ נייעם אָנפֿאַל פֿונעם שונא אויף דער שטאָט, רופֿן אין איינוועגס צוריק די רויט־אַרמייער, פֿאַרבענקטע, פֿאַרצווייפֿלטע און פֿאַרלאָזטע.

דער דניעפּער איז געוואָרן פֿויל און פֿאַמעלעך. ערגעץ ווייט, ווייט אין דרום האָט מען אויפֿגעריסן די ריזיקע דאַמבע וואָס האָט דאָרט געצוימט דעם טייך און פֿאַרוואַנדלט דעם ווייסן שוים פֿון די דניעפּערדיקע וואַסערפֿאַלן אין עלעקטרישן שטראָם. אַ קללה איז ער אויף יענעם אָרט פֿון דורות אָן געווען, דער דניעפּער. די ריזיקע פֿעלדזן אין מיטן טייך, די „פּאָראָהי״, האָבן געשטערט די שיפֿן דעם דורכגאַנג צום ים. איצטער האָט מען זיי געצוימט אָט די וואַסערן, מיט ציגל און צעמענט זיי פֿאַרהאַלטן און דעם שטראָם, רייסנדיק זיך דורך די בעטאָנענע ציין פֿון דער גרויסער דאַמבע, האָט געדרייט די ריזיקע רעדער פֿון די טורבינען פֿונעם דניעפּראָסטראָי. האָט געשטראָמט פֿון ברייטן, מעכטיקן טייך אַן אומזעבאַרער עלעקטרישער כוח, וואָס האָט לעמפּלעך אין די דערפֿער אָנגעצונדן, באַוועגט מאָטאָרן און טורבינען און געפֿינקלט אין די טיף־בלויע אוקראַיִנישע נעכט מיט צוזאָגן גוטע און האָפֿענונגספֿולע.

איצט האָט מען אויסגעהאַקט די ציין פֿון דער גרויסער דאַמבע. דאָס פֿאַרהאַלטענע וואַסער האָט זיך אַ ריס געטון פֿאָראויס בייז און ווילד און

דער טייך איז ליגן געבליבן אַן אויסגעטועטער פון די כוחות, אַ שוואַכער
און פאַרחלשטער, אַ פּלוצלינג שמאָל־געוואָרענער, אַן אויסגעשעפּטער פון
דער זומערדיקער טריקעניש.

די בריק איבערן דניעפּער איז לאַנג, זייער לאַנג, פון ביידע זייטן
בריק — נעסטן פון פאַרמאַסקירטער לופט־שוץ אַרטילעריע. אויף דער
שטאָלענער קאַנווע פון דער בריק־קאָנסטרוקציע, וואָס זעט פונדערווייטנס
אויס ווי אַ דינער געוועב פון אייזערנע פעדים, הענגען צוגעטשעפּעט
גרויסע קעסטלעך. אומשולדיק זעען זיי אויס, אָט די קעסטלעך, געוויינ־
לעכע הילצערנע קעסטלעך, אַזעלכע ווי מען באַנוצט צו פּאַקן זייף צי אַנ־
דערע סחורות; אָבער אַז מען קומט צו פון דער נאָענט, זעט מען אַן אויפ־
שריפט: „מיננע יאַשטשיק“ (אַ קאַסטן מיט מינעס). פון די קעסטלעך ציען
זיך לאַנגע דראָטן און שטריק אַראָפּצו צו די קאָלאָנעס פון אונטער דער
בריק. פון ביידע זייטן בריק זיצן אין זעמליאַנקעס מיניר־אָטריאַדן, זיי
זיצן טאָג און נאַכט, וואַרטנדיק אויף אַ באַפעל די בריק אויפצורייסן. ווען
די נאַצישע עראָפּלאַנען באַווייזן זיך איבער דער בריק, צערעווען זיך
באַלד די לופט־שוץ־האַרמאַטן און באַדעקן די בריק מיט אַ געדיכטן פייער־
דיקן שירעם פון שראַפּנעלן, וואָס רייסן אויף אין ווייסע, קליינע וואָלקנד־
לעך. דער געפאַר איז אַ טאָפּלטער: די בריק דאַרף מען נאָך האָבן. די
שלאַכט אַרום דניעפּראָפּעטראָווסק איז נאָך ווייט נישט פאַרענדיקט און
אויב מען וועט זיך שוין יאָ דאַרפן צוריקציען, איז די דאָזיקע בריק דער
איינציקער וועג אויף אַריבערגיין דעם דניעפּער, דער איינציקער וועג פאַר
די פּאָלקן וואָס וועלן דאַרפן אָפּטרעטן אויף מזרח, מען מוז דעריבער אָט־
די בריק היטן. אָבער אַחוץ דעם האַלטן איבער דער בריק אין איין גיין
טראַנספּאָרטן פון מיליטער און מלחמה־מאַטעריאַל, פון אויטאָס און
פּראָוויאַנט. די בריק האָט מען נישט פאַרמאַכט פאַרן פאַרקער. מען קאָן
זי נישט פאַרמאַכן און זי איז שטענדיק פול מיט מענטשן. איין באָמבע
וואָס פאַלט אויף דער בריק קאָן נישט נאָר באַשעדיקן אָט דאָס שטיקעלע
אָרט ווו זי איז געפאַלן, נאָר אויך אויפרייסן די מינעס, אויפרייסן די
גאַנצע בריק, אַ גאַנצן קילאָמעטער־לאַנגן שטראָם פון מענטשן און אויי־
טאָס. די נאַצישע באַנדיטן קאָזשעלקעווען אין דער לופטן, פּרווון זיך
דורכרייסן דורך דעם פייערדיקן באַריער פון די לופט־שוץ־שראַפּנעלן,
אָבער אַראָפּלאָזן נידעריק, קאָנען זיי זיך נישט. פּרווון זיי, די באַנדיטן,

מזל, וואָרפנדיק די באָמבעס פון אַ גאַר גרויסער הויך, ווו דאָס אַרטי־לעריע־פייער קאָן זיי נישט דערגרייכן, אָבער עס איז אוממעגלעך פון אַזאַ הויך צו טרעפן, פאַלן די באָמבעס אינעם וואַסער, הייבן אויף גרויסע, ווייט־שפּריצנדיקע פאָנטאַנען פון צעפינקלטע טראָפּנס, און רויטאַרמייער שפּאַנען ווייטער איבער דער בריק, און טראָץ דער נאָענטקייט פונעם גע־פאַר וואָס קרייזט איבער זייערע קעפּ, וויצלען זיי זיך, אַז: „היטלער טטראַשעט די זשאַבעס".

די מלוכהשע קאָאָפּעראַטיוון און שפּייז־קראָמען זענען כמעט ווי אויסגעליידיקט. מען פאַרקויפט בלויז ברויט און ווו ניט־ווו מילך פאַר קינדער. פון די גרויסע גאַסטראָנאָמס האָט מען אַרויסגעקייקלט גרויסע בייכיקע פעסער מיט ווייַן און רויטאַרמייער קומען אָן און פילן אָן זייערע פעלד־פלאַשן. זיי טרינקען דעם רויטן, געשמאַקן ווייַן און וואַנדערן אי־בער די האַלב־פּוסטע גאַסן מיט אַ שוימיקן רויש אין קאָפּ, קלערנדיק וועגן דעם מאָרגנדיקן טאָג, ווען מען וועט זיי אָפּשיקן אין די אָטריאַדן, צו די ערשטע פּאָזיציעס, צום פאַרביסענעם פראָנט, וואָס נעמט אַרום די שטאָט ווי אַ פאַס און האַלט אין איין פאַרשמעלערן זיך, אין איין ענגער ווערן.

אַלטע קאַלכאָזניקעס קומען פון די אַרומיקע דערפער און פאַרקויפן אין גאַס גרינוואַרג און פּאָמידאָרן. ביי די רויטאַרמייער ווילן זיי קיין געלט נישט נעמען און מען דאַרף זיי די פּאַפּירלעך אַריינשטופּן מיט גע־וואַלד. זיי קוקן אויף די פאַרמאַכטע קראָמען, אויף די טויב־ און שטום־געוואָרענע הייזער, אויף די טויטע פאַבריקן און אין די אויגן זייערע ליגט אַ פראַגע: „איר שטאָטישע, איר קאָנט אַוועקגיין, די מאַשינען קאָן מען אַוועקנעמען, אָבער מיר, וואָס זאָלן מיר טון מיט דער קאָלכאָזנער ערד אונדזערער?"

אָטריאַדן, וואָס האָבן שוין דערהאַלטן באַפעלן צום אָפּמאַרש לאָזן זייערע סאָלדאַטן נישט מער אַרויס אין גאַס. מען בלייבט ליגן אויף די האַרטע געלעגערס פון די, אויפן דיל אויסגעשפּרייטע, שינעלן, און מען ליגט אַזוי וואַרטנדיק אויף אַ רוף. מען טרינקט דעם ווייַן, וואָס מען האָט אָקערשט געבראַכט פון שטאָט און מען פאַרבייסט מיט שוואַרצן סאָל־דאַטסקן ברויט. ערגעץ אין אַן אַנדער צימער האָט זיך צעשפּילט אַ האַר־מאָשקע, און פיס, שווערע, סאָלדאַטישע פיס, האָבן זיך אַ הויב געטון און געלאָזט טאַנצן אַ קאָזאַטשאָק. פון אַלע צימערן רייסט מען זיך אַהינצו

און מען פאַטשט מיט די הענט צום טאַקט. ער טאַנצט, אַ יונגער יאַט מיט אַ קנויל פלאַקס אויפן קאָפּ, מיט אַ פּנים וואָס איז רויט פון וויין און אימ־פעט. די פיס זענען מער נישט שווער ביי אים, זיי הייבן זיך לייכט און שפּרינגען אונטער ווי אויף פּרוזשינעס; די הענט זיינע פּאַטשן איבער די קני און איבער די ליטקעס. די אויגן פינקלען. דער קאָפּ פאַרוואָרפן אויף אַהינטער און פלוצלינג אויפסניי אַראָפּגעלאָזט פון פאָרנט. דער טאַנץ זיינער ווערט אַלעמאָל ווילדער, וואָס אַמאָל שגעונדיקער און שנעלער. ער קרייזט אַרום דעם צימער אין קליינע רעדלעך און פלוצלינג נעמט ער זיך דרייען ווי אַ חנוכה־דריידל אינמיטן שטוב, און פונקט ווי ביי אַ חנוכה־דריידל ווערט שווער צו דערקענען, ווען ער איז אויסגעדרייט מיטן פּנים און ווען מיט דער פלייצע. די האַרמאָשקע קאָן נישט אָניאָגן מיטן טעמפּאָ פון זיין טאַנצן. נישט די האַרמאָשקע גיט אים דעם טאַקט, נאָר ער וואַרפט אָן זיין שנעלן, ווירבלדיקן טאַקט דער האַרמאָשקע. וואָס אַמאָל האַסטיקער, וואָס אַמאָל גיכער און גיכער, ביז פלוצלינג בלייבט ער שטיין אומדערוואַרט און לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער ערד, אַ שמייכ־לענדיקער, אַ מידער און אָן איבערגעזעטיקטער מיט אייגענער שנעל־קייט.

סטאַרשינאַס נעמען לויפן איבער די צימערלעך. „גרייט אייך צו, חברים! אין אַ האַלבער שעה אַרום מאַרשירן מיר אָפּ". מען נעמט צונויף די פּעקלעך, מען בינדט צו די איינגעוויקלטע שינעלן צו די רוקזעק, מען לויפט געזעגענען זיך מיט חברים וואָס בלייבן נאָך דערווייל, מען גרייט זיך צו.

די לאַנגע, אויסגעגלייכטע רויטאַרמייאישע שורות בלייבן שטיין גע־האָרכזאַם און וואַך, גרייט און אָנגעצויגן. דאָס לעצטע מאָל איבערגע־ציילט די ראָטעס, דאָס לעצטע מאָל איבערגעלייענט די נעמען, אַ קורצע פּאָר ווערטער פונעם קאָמאַנדיר. עס פאַרפאָרן מאַשינען. די מאָטאָרן סאָ־פּען אומגעדולדיק און בייזלעך, די קאָלאָנע רירט פּאַמעלעך און ציט זיך אויס אין אַ לאַנגער שערענגע איבערן טראַקט. די מאַשינען נעמען אָן שנעלקייט און לויפן איבער דעם ווייס־באַלויכטענעם וועג אַהינצו ווו עס וואַרט דער אָנגעשטרענגטער, מיטן לעצטן כוח אָפּגייענדיקער, צעבלו־טיקטער פראָנט.

אין פייער

— — — „אונדזערע טיילן האַלטן כסדר אָן אַ פאַרעקשנטן ווי־דערשטאַנד, פאַרטיידיקנדיק די באַפעסטיקטע פּאָזיציעס... עס גייען אָן פאַרביטערטע קאַמפן אין דער נ־־טער ריכטונג... די נ־טע טייל אונטער דער קאָמאַנדע פונעם פּאָלקאָווניק איוואַן איוואַנאָוויטש איוואַנאָוו האָט מיט אַ קאָנטראַטאַקע צוריקגעשטויסן דעם שונא אָבער זי האָט זיך גע־מוזט צוריקציען אויף פריער פאָראויסגעזעענע באַפעסטיקטע ליניעס...“

ווערטער... פּוסטע, גאָרנישט זאָגנדיקע ווערטער... ווערטער געוויינ־לעכע, פּשוטע, וואָכנדיקע... מען האָט זיי געלייענט נעכטן, מען לייענט זיי היינט ווידער...

ניין! נישט אמת! נישט אמת!

ווערטער! גרויסע, העלדישע מיט בלוט און טויט אָטעמענדיקע ווער־טער! נישט קיין ווערטער — קוילן! נישט קיין פּוסטער קלאַנג — טריט פון טויט! נישט קיין וואָכעדיקייט — אייביקייט!

ווער האָט דאָס געזאָגט, אַז: „עס שמעקט מיט בלוט אין דער לופטן“... — אַ ליגן! בלוט שמעקט נישט, בלוט שטינקט. בלוט לייגט זיך אויף דער צונג מיט אַ זויערלעך־זיסן, ביז איבלקייט פאַרחלשנדיקן געשמאַק. בלוט פליסט רויט, העל־רויט, אָבער באַלד ווערט עס פאַרגלי־ווערט אין שוואַרצע שטיקער, איבער וועלכע עס זשומען אַרום פליגן, אין וועלכע עס גראַבלען זיך ווערים און מוראַשקעס, און עס שמעקט נישט. עס פוילט און שטינקט מיט צעפוילטקייט.

בלויז די ערד האָט ליב בלוט. בלומען האָבן ליב בלוט. די גראָזן האָבן ליב בלוט. עס אַרט זיי נישט וואָס בלוט ווערט פאַרגליווערט אַרום זיי. זיי בליען די בלומען ווי קיינמאָל גאָרנישט. זיי רויטלען זיך און בלויען זיך און גרעלן זיך ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען, די ערד זאַפּט איין אַלץ. די ערד נעמט אַלץ צו. אַז עס איז דאָ צייט, און מען באַגראָבט אַ טויטן סאָלדאַט — דויערט סך־הכל עטלעכע טעג און אויף דער פרי־שער פייכטער ערד וואַקסט שוין גראָז, און ברוינע פּעטע שלאַנגען רוקן אַרויס די פירקאַנטיקע קעפּלעך פונעם זאַמד אַרויס און קריכן אַריין אי־נעווייניק, אינעם שטאָלערנעם העלם, און פאַרשמייעטע בינען קומען צו פליען און קריכן אַריין אין די בלימעלעך, און מיט געל־באַמעליקטע קעפּ־

לעך פון בלומען־שטויב פליען זיי אַוועק און זשומען געניי אויפן זעלבן אופן, ווי זיי וואָלטן דאָס געטון אין אַ רואיקן און שטילן פּאַרק.

שראַפּנעלן און באָמבעס זענען גוט. זיי רייסן אויס אין דעם אויבער־פלאַך פון דער צביעותדיקער, פעטער ערד גרויסע יאמעס. אין די יאמעס איז זיך גוט צו באַהאַלטן. אין די יאמעס, אין די אומצייליקע גריבער זאַמלט זיך רעגן־וואַסער. פייכט איז דאָרטן און בלאָטיק. אָבער ס׳איז גוט. זיי באַשיצן, די גריבער. ס׳איז דאָ ווו אַריינצושפּרינגען און כאַפּן דעם אָטעם בשעתן לויפן, ס׳איז דאָ ווו זיך אַוועקצוזעצן אויף אַ ווײַלע און פּרווון צונויפזאַמלען די געדאַנקען, ס׳איז דאָ ווו אָנצושפּאַרן דעם קאָפּ אויף איין קליינטשיקן, אויף אַ פּיצעלע מאָמענט.

אַ שראַפּנעל האָט צעריסן אַ בוים אין צווייען. גוט אַזוי, זאָל ער נישט וואַקסן דער בוים. זאָל ער זיך נישט גרויסן מיט די ברייט־צע־וואקסענע צווייגן. זאָל ער נישט רוישן מיט דער שטאָלצער קרוין זיי־נער׳. איינדאַרן זאָל ער און צופאַלן צו דער ערד אָן אָנמעכטיקער, פּונקט ווי ער׳, פּונקט ווי איך, פּונקט ווי מיר אַלע. צעשפּאלטן איז ער דער בוים אין צווייען. איין העלפט האָט זיך אָפּגעבראָכן און אָנגעשפּאַרט זיך מיט די צעבראָכענע צווייגן אָן דער ערד. די בלעטער זענען נאָך גרין אויף די אָפּגעשפּאָלטענע צווייגן. אָבער וואַרט! זיי וועלן איינדאַרן. זיי וועלן וועלקן. זיי וועלן פוילן. פּונקט ווי ער, פּונקט ווי איך, פּונקט ווי מיר.

אַ שפּליטער האָט צעשפּאָלטן אַ מענטשן אין צווייען. ווער איז ער? ווי אַזוי האָט ער זיך געשפּילט ווען ער איז אַ קליין קינד געווען? ווי אַזוי האָט אויסגעזען זיין מאַמע? צי האָט ער זיך גוט געלערנט אין שול? אַ שאָד וואָס מען קאָן דאָס אַלץ נישט אַרויסלייענען פון אַן אָפענעם שאַרבן, ווו די געהירן האָבן זיך איינגעשרומפּן אין אַ טונקל־גראָ־רויטלעכער מאַ־סע. אַ שאָד וואָס מען קאָן דאָס נישט אַרויסדרינגען פונעם רויטן לאָך וואָס איז אַמאָל געווען אַן אויג, וואָס האָט געקוקט אויף גאָטס וועלט. אַ שאָד וואָס מען קאָן דאָס נישט געוואָר ווערן פון דער צעקראָכענער קישקע, וואָס איז אַרויסגעשווומען פון אָפענעם בויך ווי אַ געלבלעך־גראָע, מיט רויטע פעדימלעך באַצויגענע שלאַנג. אַ שאָד.

נאָר די ווערים און מוראַשקעס פאַרשטייען דעם טיפן זין פון דער מלחמה. זיי קריכן אַרום איבער דער צעצויגענער קישקע, זיי פויזן אַרום אינעם צעעפנטן שאַרבן, זיי לויפן און האוועז, פאַר זיי האָט זיך נישט

אָפּגעשטעלט דער גרויסער ריטם פון לעבן. זיי טוען זייערס, אומדערמיד־לעך, אָן אויפהער, אָן אָפּרו.

פליגן זשומען אַרום די אויערן. קוילן זשומען אַרום די אויערן. די פליגן זעט מען. די קוילן קאָן מען נישט זען. אָבער מען הערט זיי כסדר. דער געקנאַל פון שאָס איז ווייט, זייער ווייט, אָבער די קויל ווען זי קומט נאָענט זשומעט און רוישט ווי אַ בין, כסדר אָן אויפהער, אָן אָפּרו. זי זשומעט ווען זי איז ווייט, זי זשומעט ווען זי פליט פאַרביי, זי זשומעט ווען זי איז שוין פאַרבייגעפלויגן. און באַלד אַ צווייטע, אַ דריטע, אַ צענטע, אַ טויזנטסטע, אָן אַן ענדע, אָן אַ סוף...

אַ גוטער טויט איז אַ ברכה. אַ גוטער טויט קומט אומגעריכט. דער בעסטער טויט איז אַ קויל אין קאָפּ. אַ קויל אין שאַרבן. דאָס פּנים באַווייזט אַפילו נישט צו ענדערן דעם אויסדרוק. אויב ער האָט אין יענעם מאָמענט געשמייכלט, דער סאָלדאַט, בלייבט דער שמייכל אַ צוגעקלעפּטער צו זיינע ליפּן. אויב ער האָט גראָד געטראַכט וועגן זיין כלה, קוקט פון די פאַרגלאָזטע אויגן אַרויס די בענקשאַפט נאָך איר. אויב ער האָט פּונקט געקנייטשט דעם שטערן, פּרוּוונדיק דאָ, אין אָט־דעם בלאָטיקן גרוב דערגיין דעם זין פון לעבן, איז דער שטערן געבליבן אַזוי, פאַרקנייטשט אין זיין טראַכטעניש און דוכטן דוכט זיך אַז דער שטערן טראַכט ווייטער. דאָס שטיקעלע בליי האָט טאַקע איבערגעשניטן דעם געדאַנק אין סאַמע מיטן, אַריין אינעם איידעלן ווייכן געוועב פון מאַרך, אָבער עס איז געשען פלוצלינג און אומדערוואַרט און דער איבערגאַנג פון לעבן צו טויט, דאָס אַריבערשפּרינגען פון זיין צו נישט־זיין, דער אַריינגאַנג פון עפּעס־דיקייט אין דער גאָרנישטקייט, איז אַדורך אָן ווייטיק, אָן פּיין, אָן יסורים.

יאָ. אַ גוטער טויט! אַ שנעלער טויט איז אַ ברכה. אָבער אַ גוטער טויט קומט זעלטן, ער קומט ווי אַ צופעליקער געווינס, ער קומט צו איינעם אין טויזנט. מערסטנטייל קומט דער טויט אין גרויל און אין פּחד, אין גרויס ווייטיק און פּיין, אין ראַנגלעניש און אין כאָרכלען, אין שפּייען מיט בלוט און מיט דער אייגענער נשמה, מיט אַרויסגעזעצטע אויגן, מיט אָדערן וואָס ווערן צעזעצט פון אָנשטרענגונג, מיט נעגל וואָס דראַפּען די ערד אין הילפלאָזער אָנמעכטיקער פאַרצווייפלונג, מיט פיס וואָס קאָפּען און וואַרפן זיך, מיט שעהן פון פאַמעלעכן אויסגיין און קאָנוול־

סיוון שאַרפֿען זיך, מיט שוים אויף די ליפּן, מיט קללות שרעקלעכע און אימהדיקע, מיט שטילן געבעט: „דערשיס, ברודערל, איך קאָן נישט מער׳...״ אָדער: „ראַטעווע, פריינט טייערער, ראַטעווע!״ און דערשיסן טאָר מען נישט, און דערשיסן האָט מען מורא, ווייל דער געשפּענסט וועט דיך שפּעטער אַרומפלאָגן אין שלאָפלאָזע נעכט, און ראַטעווען? ווי אַזוי קאָנסטו אים ראַטעווען, אַז דער בויך זיינער איז אָפן, אַז פון דער ברוסט פעלט אַ שטיק פליייש און מען זעט אַרויס די ריפּן, אַז דו ווייסט, אַז זיינע מינוטן זענען געציילטע, אָבער יעדע מינוט איז אַן אייביקייט. יעדע מינוט איז אַ לעבעדיקער גיהנום.

נישט שטענדיק דערגייט וואַסער, נישט שטענדיק קומט אָן ברויט. דער לעצטער טראָפּן אין פעלדפלאַש, די לעצטע קרישקע פון דער „אייזערנער פּאָרציע״ — פונעם פאַרטריקנטן שטיק שוואַרצן ברויט. מען שאָקלט די פעלדפלעשער פון די געפאַלענע, מען נישטערט אין זייערע טאָרבעס. מאַכט זיך אַז מען געפינט אַ שטיקל רויט־באַפלעקט ברויט, פּרוווט מען עס מיטן מעסער אָפּרייניקן, אָבער ס׳איז אוממעגלעך, דאָס בלוט האָט זיך אַריינגעזאַפּט אינעם שוואַרצן ברויט. דרייט מען דאָס שטיקל ברויט אַזוי לאַנג אין די הענט, ביז וואַנען מען בייסט זיך איין דערין אומגעדולדיק און גיריק, און בלויז דער געזאַלצענער טעם דערפון דערמאָנט דיך אַז דו האָסט צוזאַמען מיטן ברויט אַריינגענומען אין זיך דיין געפאַלענעם חברס בלוט, און אָט־דער טראָפּן בלוט וועט דיך שוין אַזוי יאָגן און פּלאָגן דיין גאַנץ לעבן...

נישט שטענדיק קאָן מען שלאָפן. נישט שטענדיק מעג מען שלאָפן. דער קערפּער האָט זיך צוגעוווינט צו זיין אין אייביקער גרייטקייט, מען איז וואך אפילו ווען מען שלאָפט. אַן אָנריר ביים אַקסל, און שוין אויף די פיס. אַלץ קומט דאָ פאַר בליץ־שנעל. אַלץ ענדערט זיך אין איין אויגנבליק. דער איבערגאַנג פון שלאָף צו וואַכזאַמקייט איז אויך אַ פּלוצלינגדיקער, אַ האַסטיקער, ווייל אין דער אמתן שלאָפט מען דאָך נישט. דער ווילן איז נישט צו שלאָפן, צו זיין שטענדיק גרייט אויפצונעמען אַ נייעם געפאַר, אַ נייע באַדראָונג, אַ נייע סכנה. אָבער דער מוח ווערט מיד און אויסגעשעפּט, דער ווילן ווערט אָפּגעשוואַכט און טעמפּ, די אויגן נעמען זיך קלעפּן און פאַלן צו און מען זינקט פּאַמעלעך אין אַ שלאָף וואָס איז ווידער קיין שלאָף נישט, ס׳איז אַ שוואַרצער תהום, אָן חלומות, אָן וויי־

קייט, ס׳איז אַ קורצער, פאַרבייגייענדיקער פאַרגעשמאַק פון טויט...

ראַקעטעס זענען שיין. דאָרט אין די שטאָבן, ווו מען טראַכט צו די פאַרשידענע קאָלירן פון ראַקעטעס האָט מען זיך זיכער נישט אָפּגעגעבן קיין דין־וחשבון, אַז אַ ראַקעטע קאָן טיילמאָל האָבן אַ שעדלעכע ווירקונג אויף דער מאָראַל פונעם סאָלדאַט, בפרט ווען ביים סאָלדאַט אַרבעט די פאַנטאַזיע און יעדער קאָליר ברענגט מיט זיך אַן אַנדער אַסאָציאַציע. אַ ראַקעטע הייבט זיך אויף אין דער הויך גלייך ווי אַ ווירע, ווי אַ לייכטנ־דיקער גראַציעזער שטאַנג, אַ שטאָלצער און אַ שלאַנקער. דאָרט, אויף דער סאַמע העכסטער הויך אירער צעלייכט זי זיך די ראַקעטע, ווערט אַביסעלע אָנגעשוואָלן און צעשיט זיך מיט פריילעכע, מלא־חנוודיקע און פּאַראַ־באָל־געבויגענע שטרעמעלעך, שטראַלן, פונקען, ליכט־שטויב און זינקט פּאַמעלעך אַראָפּ אין דער ווייכער טיפער בלויקייט פון דער נאַכט. יעדע ראַקעטע האָט זיך איר באַדייטונג. יעדע ראַקעטע איז אַ סוד, אַ ווונק, אַ באַפעל. אָבער דער באַפעל איז איינער און דער ווונק איז אַן אַנדערער. אָט האָט זיך אַ הייב געטון אַ גרינע ראַקעטע: דער באַפעל — זיי גרייט, מיר וואַרטן דאָ. איר זאָלט אָנהייבן אייער אָנגריף, מיר וועלן אייך אונטער־שטיצן מיטן פייער פון אונדזערע באַטעריעס. דער ווונק — גרינע ליכט, ס׳איז געווען אַמאָל אַ רוישיקע גאַס אין אַ גרויסער און ליכטיקער שטאָט, גרינע עלעקטרישע רעקלאַמע — נעאָנען האָבן געלויכטן פון די שויי־פענצטער, ביסט געגאַנגען מיט איר אין קינאָ, אין גרינעם ליכט האָט איר זיךביידע דערזען עפּעס אַזוי אַנדערש און קאָמיש, און איר האָט ביידע געלאַכט, און דאָס געלעכטער קלינגט דיר נאָך איצט אין אויער, אָט דאָ, לעבן טויטע חברים וואָס וועלן שוין נישט ליידן מער, און לעבן לע־בעדיקע וואָס גרייטן זיך ערשט צו יסורים, צו פּיין, צו וואַרפן זיך אויפן ראַנד פון לעבן און טויט.

באַגינענס זענען בלוי און צעטריפט מיט פאַרבלוטיקטן טוי. די נאַכט איז געווען באַרמהערציק. זי האָט באַשירעמט און באַדעקט מיט אי־רע גוטע פליגל. דער באַגינען איז פאַרעטעריש, דער באַגינען איז אָדער מיר — אָדער זיי, דער באַגינען איז אַן אָנזאָג אַז אָט־אָט וועט עס זיך אָנהייבן. אַ ביינאַכטיקע שלאַכט איז אויך בעסער ווי אַ באַגינענדיקע. ביינאַכט איז פינצטער און מען קאָן שלום מאַכן מיטן געדאַנק וועגן טויט. באַגינען קומען שטילע זילבערדיקע נעפּלען און פייגל טשווירקען. באַ־

גינען ווייזט זיך פלוצלינג אַ גאָלדיקער שטראַל און דערמאָנט דיך. אַז ערגעץ־ווו הייבט זיך איצט אויף אַ מענטש פון בעט, גייט צו צום אָפע־נעם פענצטער און שמייכלט אַנטקעגן דעם אָנקומענדיקן טאָג. און דו? דו שטייסט אָט־אָ־דאָ מיט דער ביקס אין האַנט. די ביקס איז שטיל און קלוג. די ביקס האָט אַ קאַלטן טויט פאַר עמעצן אין איר שטאָלענעם איינ־געווייד. אנו, זוך אויס דעם טויט אין דיין צאַפּלדיקן, וואַרעמען האַרץ! אַנו, צעבלאָז די פונקען און פאַרהאַרטעווע זיי אין אַ שטעכיקן באַגנעט. אַנו, דערמאָן זיך, דערמאָן זיך. נישט נאָר די שטילע אָוונטן ביים געמיט־לעכן פליִעסקענדיקן טייך, נישט נאָר פורפורענע אויפגאַנגען און שטיל־צעפלאָסענע אונטערגאַנגען, נישט נאָר פנימער זיסע און טייערע, אייגע־נע און נאָענטע, איבערגעלאָזט אין עגאָאיסטישער פחדנות אויף גאָטס באַראָט, אונטער טויזנטער אויסריידן, אונטער טויזנטער פאַלשע תירו־צים, דערמאָן זיך אַלץ וואָס איז געווען און וואָס זיי האָבן צעשטערט, צעבראָכן, דערמאָן זיך דאָס בית־המדרש אין וועלכן מען האָט אַריינגע־שטעלט פערד, דערמאָן זיך דאָס שלאָגן, דאָס פייניקן, דאָס איזדיעקעווען זיך, דאָס דערנידעריקן, דערמאָן זיך כאָטשבע אָן אָט־דעם חבר דיינעם וואָס שטייט לעבן דיר, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן דורך אַ נס פון זייער געפאַנגענשאַפט און צוריקגעקומען מיט אַן אויסגעשניטענעם רויטן שטערן אויפן לייב, און איצטער שאַ, דערמאָן זיך אינעם הייליקסטן וואָס האָסט ווען עס איז פאַרמאָגט, דערמאָן זיך אָן דיין מאַמען. געדענקסט ווי זי האָט געציטערט איבער דיר ווען דו האָסט געמאָזלט, געדענקסט ווען זי האָט דיר געלאָטעט דאָס רעקל און געצערעוועט דיינע סקאַרפּעטן, אַרויסגענומען זיך ביינאַכט די אויגן צוליב דעם, געדענקסט ווי זי האָט זיך דורכגענומען מיט יעדן דורכפאַל דיינעם, געציטערט איבער יעדער אַרבעט דיינער און געפרייט זיך מיט יעדן דערפאָלג דיינעם, געדענקסט ווי זי האָט דיך געזעגנט ווען דו ביסט אַוועק צום לעצטן מאָל פון שטוב... און איצטער אָ ליגט זי ערגעץ און דו ווייסט אפילו נישט צי מען האָט זי באַגראָבן צי נישט, און אויב אפילו יאָ, האָבן דאָס געטון פרעמדע גויאישע הענט, און דו? האָסט אַפילו קיין קדיש נישט געזאָגט נאָך איר, האָסט אפילו קיין קריעה נישט געריסן. זאָג איצטער קדיש — מיט דער ביקס! רייס איצטער קריעה פון זייער לייב!

שאַ — אָט שטייט זי דאָך דאָ די מאַמע דיינע. אָט שטייט זי לעבן

דיר. זי קוקט דיך אָן און פרייט זיך. זי קוקט אויף דיין ביקס און פרייט זיך. זי רירט אָן מיט די, פון נאָדל־צעשטאָכענע פינגער דעם שפּיץ פון דיין באַגנעט, און איז מלא־שמחה. זי שמייכלט רואיק און זיכער. זי ווייסט אַז דו גייסט קדיש זאָגן פאַר איר הייליקער נשמה. „איאָ זונעלע דו וועסט גיין? איך וועל מיטגיין מיט דיר, ביי דיין זייט, דערנעבן, אפשר וועל איך דיך קענען אָפּהיטן פון אַלדאָס בייז...

יאָ! כ׳וועל גיין! כ׳וועל גיין!

שריי נישט, אידיאָט איינער. שריי נישט. משוגע ביסטו געוואָרן צו אַלדי־רוחות. דער קאָמאַנדיר האָט אָנגעזאָגט ס׳זאָל זיין שטיל. דו הערסט? שטיל זאָל זיין. זיי קומען אָן די הינטישע זין. אָט־אָט קומען זיי אָן. אָן אַ באַפעל טאָר מען נישט שיסן. קיין פּיפּס פון מויל נישט אַרויסלאָזן. אַ באַפעל וועט קומען. אַ סיגנאַל וועט קומען. דער קאָמאַנדיר אויפן לינקן פליגל וועט אויסשיסן און דעמאָלט... אָבער בלויז דעמאָלט. און געדענק, שוטה איינער, שלאָף נישט איצטער, זיי גרייט.

שעהן ציען זיך ווי קלעפּיקער ליים, מינוטן צאַפּלען ווי אומגעדולדיקע בלאָזן אויפן אויבערפלאַך פון זודיקן וואַסער, סעקונדן שטעכן ווי קליינע שפּילקעלעך, קלאַפּן אין שלייף מיט משוגע־געוואָרענע פּולסירונגען. דאָס הייסט — צייט. דו האָסט אין דעם פּרימאָרגן אַזוי פיל און אַזוי פיל אָפּגעמאָסטענע צייט צו לעבן. דאָס האָט מען דיר אָפּגעוויגן און צוגעטיילט. ווי האָט דאָס געזאָגט די באָבע: „ס׳איז באַשערט... ס׳איז פאַרשריבן אין הימל... אַז דער אויבערשטער גיט יאָרן...״ און אָט־אָ־דאָס איז אַ טייל פון אָט־דעם באַשערטן, פון אָט־דעם פאַרשריבענעם, פון אָט־די יאָרן וואָס „זיין ליבער נאָמען״ האָט דיר געגעבן... אַ ווילע יידענע געוועזן די באָבע. זי פלעגט מיר געבן קניזשיקלעך מיט קעז. זי פלעגט זיך בלויז בייזערן, הלמאי איך לערן אין אַ גויאישער גימנאַזיע, איין ייד צווישן שקצים. „אַ ייד זאָלסטו זיין, הערסט וואָס איך זאָג צו דיר, זיי אַ ייד״... אָט די ביקס איז איצטער אַ יידישע, אָט דער באַגנעט איז אַ יידישער, ער איז אין מיין האַנט, אין אַ יידישער האַנט...

אַ שלעפּ פאַרן אָרבל. זיי גייען. זיי קומען אָן. חוצפּהדיק. זיי בייגן זיך כמעט נישט איין. די אויטאָמאַטן זייערע שפּריצן מיט פייער אויף אַלע זייטן. זיי ריכטן זיך אויף קיינעם נישט און דאָס שיסן איז לשם זיך אַליין צו פאַרזיכערן. איי, ביקס מיינע, טייערע, ליבינקע, הייס ביסטו

געוואָרן ביי מיר אין האַנט. איי קויל מיינע, האַרציקע, זיסע, מאַטערסט זיך אין אומגעדולדיקייט און ווילסט זיך אַרויסרייסן פון דער רער. אָבער וואַרט, מען טאָר נישט. מען דאַרף וואַרטן. אַ באַפעל דאַרף קומען, אַ צייכן.

אַ פייף, אַ לאַנגער פייף!...

טראַ־טאַ־טאַ — דאָס שפּילט דער שווערער „מאַקסים" אויפן לינקן פליגל. אהא, אַ צווייטער פון דער רעכטער זייט האָט זיך אָנגערופן: איי, ווי גוט ס'איז צו הערן אָט די מוזיק, דער שענסטער קאָנצערט וואָס קאָן נאָר זיין. דאָס פייער פוןביידע זייטן קרייצט זיך און זוכט זיך. אַזוי גוט צו קוקן ווי זיי פאַלן, אַזוי גוט צו וויסן, אַז זייער פאַרשאָלטענע יוכע גיסט זיך אויף דער ערד. די ערד איז געמיין און נידערטרעכטיק, זי זאַפּט איין דאָס דאַזיקע טריפהנע בלוט צוזאַמען מיט אונדזערס, מיטן הייליקן... אויסשפּייען דאַרף זי עס, אַרויסוואַרפן דאַרף זי עס, נישט דערלאָזן, אַז גראָז, גוט און ווייך גראָז זאָל ציען פון זייער מיסט די יניקה זיינע...

זיי זענען צוגעפאַלן צו דער ערד. אַלע פון זיי. זיי קריכן אויף די בייכעו', זיי שפּרינגען אונטער', לויפן אָפּ עטלעכע טריט און דערנענטערן זיך, זיי מערן זיך. זיי וואַקסן אין צאָל, ווייזט אויס נאָך חזירים זענען אונטערגעקומען, זייער אַרטילעריע הייבט אָן צו טאַפּן אונדזערע ליניעס, אָבער זיי זוכן נאָך, אָדער דער שראַפּנעל פאַלט פאַר אונדז, אָדער ווייט הינטער אונדז. דער „פון פאָרנט" און „פון הינטן" הויבן זיך אָבער אָן צונויפצושליסן, פאַרמאַכן זיך, ווען עס וועט זיך צונויפטרעפן, וועט עס זיין מיר', וועט עס זיין אונדזער ליניע.

אונדזערע קוילנוואַרפער האָבן אויפגעהערט צו שפּילן. זייער פאַר־ביסן געקלאַפּעריי האָט זיך איבערגעריסן האַסטיק און מיטאַמאָל. און פּלוצלינג פון צווישן אונדז, ערגעץ פון אונדזערע אייגענע פּאָזיציעס איין שאָס, און: „אורא־אַ־אַ!!!" דער „אוראַ" איז שטאַרקער פון אַלע שאָסן, דער „אוראַ" קאָן איבערשרייען דאָס גרעסטע געשריי. ער רייסט זיך אַרויס נישט פון מויל, פון סאַמע טיפן גאָרגל רייסט ער זיך, אַן אָפּגע־לאָזטער פּלוצלינג פון דער געצווימטקייט, אַ פאַרשיכורטער מיט זיין איי־גענער פרייהייט, אַ צעפלאַסענער און זיגרייכער, אַ מעכטיקער און ברייט־צעלאָזענער, אַ רציחהדיקער און ווילדער, אַן עקשנותדיקער און פאַרביסע־נער, אַ לאַנגער, מיטן גאַנצן כוח אויסגעשריגענער, מלא־חמהדיקער:

— אוראַ־אַ־אַ!...

מיר האָבן אַ שפּרונג געטון. ווען? איך געדענק נישט, איך ווייס נישט. אָבער מיר זענען שוין נישט אויפן זעלבן אָרט. מיר לויפן? יאָ, מיר לויפן, אוודאי לויפן מיר... ניין, ניין! לויף נישט! פאַל צו דער ערד, גיב זיך אַ ריס און לויף ווידער, אָט אַזוי, אָט אַזוי. מאַמע! ביסט לעבן מיר? מאַמע! מאַמע! מאַמע!!!

פּנימער. פּנימער און שינעלן. פּנימער זענען אַלע רויט און צעיאָכ־מעט. שינעלן זענען גרוי־געלבלעכע און גרין־בלוילעכע. גרוי־געלבלעך איז מיינער. גרוי־געלבלעך דאָס זענען מיר. גרוי־געלבלעך איז מיין אייגן בלוט און פלייש. גרין־בלוילעך דאָס זענען זיי. גרין־בלוילעך דאָס איז דער שונא. גרין־בלוילעך איז דאָס, וואָס מיר דאַרפן צעטרעטן, פאַרניכטן, צעשמעטערן, דערשטעכן, אויסרייסן מיטן וואָרצל, אַריינטאָפּטשען אין דער ערד, מאַכן צו־נישט, צו גאָרנישט...

די פיס טרעפן אָן אויף עפּעס ווייכס. אַ בליק — די אויגן קוקן אין לעצטן שרעק. וואָס איז עס? — גרין־בלוילעך. דריי איבער די ביקס, דערלאַנג מיטן פאַקלאַד איבערן בלאָנדן קאָפּ, איבערן קאָפּ פון „אויבער־מענטש“, טרעט אַריין די נבלה אין דער בלאָטע, אָט אַזוי, אָט אַזוי...

ווו ביסטו, מאַמע?

אָט בין איך, זונעניו, אָט בין איך...

אָהאָ! אַ גרין־בלוילעכע וואַנט... דער קאָפּ אָן אַ זייט! בויג זיך אַראָפּ! אַיאָ? אויסגעמיטן. און איצטער שיק פאָראויס דעם באַגנעט. דריי איבער צוריק די ביקס, אידיאָט! אָט אַזוי, זעסט ווי ווייך ס'איז אַריין. ער איז געפאַלן דער מנובל... האַלט זיך, שלימזל, ער וועט דיך מיט־שלעפּן... קאָנסט נישט צוריק אַרויסשלעפּן דעם באַגנעט? שטעל אַרויף דעם פוס אויף זיין בויך, און איצט מיט ביידע הענט, אַ צי, אָט אַזוי, אָט אַזוי...

ווער' האָט געזאָגט אַז בלוט שטינקט? נישט אמת, בלוט שמעקט. דער ריח פון בלוט איז גוט און קוויקט די נאָזלעכער, זעטיקט און פילט אָן מיט צופרידנקייט. יענץ בלוט, דאָס טריפהנע בלוט פון גרין־בלוילעכן מונדיר, דעם שונאס בלוט.

אַיאָ, מאַמע?

אוודאי, זונעניו, אוודאי...

אויף יענער זייט דניעפּער

דער דייטשישער אייזערנער האַלב־רינג אַרום דניעפּראָפּעטראָווסק האָט געהאַלטן אין איין פאַרשמעלערן זיך און ענגער ווערן. פּאַטרולן פון לייכטע טאַנקעטקעס און געפּאַנצערטע וועגענער פלעגן אַריינדרינגען טיילמאָל טיף אין הינטערלאַנד, פאַראייניקן זיך מיט גרופּן פּאַראַשו־טיסטן, שפּיאָנען און דיווערסאַנטן, אונטערצינדן דערפער און צוגרייטן די אינוואַזיע פון די גרעסערע כוחות. צעלעכערט און צעאַקערט איז געוואָרן די ערד פונעם כסדרדיקן אַרטילעריע פייער, וואָס האָט אויסגעריסן גאַנ־צע שטיקער פונעם לייב פון די פעלדער און לאָנקעס, צעטראַסקעט און געשפּאָלטן ביימער אין די וועלדער, חרוב געמאַכט באַן־סטאַנציעס און כוטאָרן. לייכטע, צוויי מאָטאָרדיקע באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען פלעגן אָנ־קומען אין גאַנצע כמאַרעס, אונטערן צודעק און שוץ פון די קליינע יאַגד־עראָפּלאַנען און באַהערשן דעם הימל ווי אַ שוואַרצער היישעריק, ציגדן מיט טערמיטן־באָמבעס אַלץ וואָס האָט זיך נאָר געלאָזט, צעשטערט בריקן, אויפגעריסן גאַנצע עשאַלאָנען מיט אַמוניציע, געקלאַפּט איבער די וועגן און באַן־רעלסן, און ווען דאָס אַלץ איז שוין געווען אָפּגעטון פלעגן זיך אָנהייבן די פראָנטאַלע אַטאַקעס. מיטעלע און גרויסע טאַנקען צוזאַ־מען מיט אָפּטיילונגען פון מאָטאָריזירטער פעכאָטע, וואָס האָט געקעמפט אונטערן שוץ פון אַט־די טאַנקן טאַקע, פלעגן זיך קייקלען פאַראויס ווי ריזיקע שטאָלענע פּיפערנאָטערס, שפּריצנדיק מיט פייער, פאַרלירנדיק אַ העלפט פון זייערע מענטשן, פאַרזייענדיק טויט און חורבן אויף אַלע זייטן, אָבער פרעסנדיק אַלץ מער און מער פאָראויס. דעם גאַנצן רציחהדיקן כוח זייערן, די גאַנצע אָפּגעשפּאָרטע רציחה, וואָס זיי האָבן אָנגעזאַמלט, די נאַציס, האָבן זיי איצט געוואָרפן אויף דער וואָגשאָל אַנטקעגן אַט־דעם גראָען און פאַרעקשנטן לאַנד.

מיט די לעצטע כוחות, מיט ציין און נעגל, איינבייסנדיק זיך און אָנהאַלטנדיק ביזן לעצטן מאָמענט, האָט די רויטע אַרמיי זיך געצויגן צוריק. פאַרזייט זענען געוואָרן די פעלדער מיט די קערפּערס פון די בעס־טע זין און טעכטער פונעם סאָוועטישן פאָלק. איינגעזאַפּט האָט אין זיך די ערד זייערע יונגע לעבנס אָפּגעגעבענע אין פּיין און אין יסורים, אין טויטן פלוצלינגדיקע און אומברחמנותדיקע, אין טויטן אויסטערלישע און

העלדישע, אין גסיסות לאַנגע און אַנגסטיקע אָבער דאָך ענלעכע אַלע צוזאַמען מיט זייער פשטות און העלדישקייט, מיט זייער אויסטערליש־קייט און זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, מיט זייער נאַטירלעכקייט און דאָך איבערמענטשלעכקייט. געווען אין אָט־דעם גרויסן צוריקער עפּעס אַזעל־כעס וואָס האָט זיין גלייכן נישט געהאַט: אין אָנבליק פונעם כסדרדיקן אָנגריף פון שונא, אין אָנבליק פון בלוטיקע חילות וואָס האָבן גערוקט זיך פאָראויס טראָץ אַלע אָנשטרענגונגען, העלדישקייטן און מסירת־נפש, האָט די גראָע אַרמיי פון דער גרויסער מדינה געגלויבט אין איר אומפאַרמיידלעכן זיג.

דער שונא האָט געפּרווט אָט דעם גלויבן צו צעברעכן. אַ טעות איז, אַז היטלער האָט געקעמפט בלויז מיט באָמבעס און וואָפן. געשולטע שפּיאָנען, וואָס די פעדים צו זיי איז שווער געווען צו געפינען, האָבן גע־פירט אַ ראַפינירטע אַרבעט אין די אָטריאַדן. ספּעציעלע עסקאַדרעס מיט פלוגבלעטלעך אין רוסיש פלעגן באַוואַרפן די סאָוועטישע פּאָזיציעס מיט ווייסע קוילן פון פּראָפּאַגאַנדע. זיי האָבן גערופן, די בלעטלעך, אויפצו־געבן דעם קאַמף, אונטערצוגעבן זיך, אַוועקגיין אַהיים און בויען „אַ ניי און פריי רוסלאַנד — פריי פון באָלשעוויקעס און יידן". „דער קאַמף איז פאַרשפּילט סיי־ווי — פלעגן די בלעטלעך מעלדן — און איר קאָנט אָפּראַטעווען אייערע יונגע לעבנס. דאָס איינציקע, וואָס איר דאַרפט טון — איז העלפן פאַרענדיקן דעם קאַמף מיט די באָלשעוויקעס און זשידעס וואָס שנעלער'..." געווען איין בלעטל וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין דער פאָרעם פון אַ „פּראָפּוסק" (דורכלאָז־שיין). אינעם בלעטל האָט זיך גע־זאָגט אַז די קאָמאַנדע פון דער ווערמאַכט באַשטעטיקט, אַז דער און דער סאָלדאַט פון דער רויטער אַרמיי האָט ענדלעך באַשלאָסן איבערצורייסן מיטן קאָמוניסטישן־יידישן רעזשים, גיט אָפּ פרייוויליק זיין וואָפן און גייט פרידלעך צו זיך אַהיים. קיין שום דייטשישער פּאָסטן טאָר אים דע־ריבער אין וועג נישט פאַרהאַלטן. אונטערגעשריבן: די קאָמאַנדע פון דער ווערמאַכט. אַלץ וואָס דער סאָלדאַט האָט געדאַרפט טון, איז געווען אויפ־שרייבן אויף אָט דער באַשייניקונג זיין נאָמען און באַהאַלטן זי אין טאַש, און ביי דער ערשטער געלעגנהייט אונטערגעבן זיך אַ דייטשישן פּאַטרול. די פלוגבלעטלעך האָבן צוגעזאָגט צו דערהאַלטן אין נייעם רוסלאַנד אַ רעזשים פון „סאָציאַלער גערעכטיקייט און פרייהייט, לויט ווי דאָס רו־

סישע פאָלק וועט זיך אַליין באַשטימען און אויסוויילן, אָבער דער ערשטער באַדינג איז דאָס אויסראָטן די באָלשעוויקעס און די יידן". די שאַרף פון דער גיפטיקער פראָפּאַגאַנדע איז נישט געגאַנגען אויף אַזוי פיל קעגן די באָלשעוויקעס ווי קעגן די יידן. די בלעטלעך האָבן געזוכט איבערצוצייגן די רויטאַרמייער אַז ווען נישט די יידן, וואָלטן די נאַציס מיטן ראַטנפאַרבאַנד קיין מלחמה נישט אָנגעהויבן, ווייל דעם „פירער" גייט נישט אָן צי אין רוסלאַנד הערשט קאָמוניזם אָדער נישט. אָבער זיי, די סאָוועטישע יידן האָבן אַריינגעצויגן רוסלאַנד אין אַ מלחמה קעגן די דייטשן, ווייל זיי ווילן פאַרטיידיקן זייערע ברידער אין גאַנץ אייראָפּע, די יידישע קאַפּיטאַליסטן און בלוטזויגער, קעגן ווען דער „פיורער" האָט אָנגעהויבן אַן אומברחמנותדיקן קאַמף.

די רויטאַרמייער האָבן געדרייט די בלעטלעך אין זייערע הענט, געקנייטשט און געריבן די שטערנס, לייענענדיק זיי, און פלעגן מיט אַ האַלבן שמייכל און האַלב ערנסט באַשליסן אַז היטלער איז פאָרט נישט דער ערגסטער, ווייל עס פעלט אויס אויפן פראָנט פּאַפּיר, און ער, היטלער, באַוואַרפט די פּאָזיציעס מיט גאַנצע טאָנען פון נישקשהדיקן פּאַפּיר... „גראָז איז פאָרט אַן אומבאַקוועמע זאַך" — פלעגן זיי צוגעבן צום סוף פון אָט־דער כלומרשט ערנסטער דערקלערונג און אויסברעכן מיט אַ ברייט געלעכטער.

אינגאַנצן אָבער אָן ווירקונג איז אָט־די פּראָפּאַגאַנדע נישט אַדורך. אין די אָטריאַדן האָט מען אָנגעהויבן דערציילן מאָדנע מעשות־און וויצן וועגן יידישער „פּחדנות" און „פּאַראַט". די אַמיינסט פּאָפּולערע „נישט־געשטויגן, נישט־געפלויגן"־מעשה איז געווען וועגן אַ גרופּע געפאַנגענע רויטאַרמייער, וואָס די דייטשן האָבן צוערשט פונאַנדערגעטיילט אויף יידן און נישט־יידן, און שפּעטער ביידע גרופּעס געהייסן גראָבן אַ גרויסע יאַמע. ווען אָט־די יאַמע איז שוין געווען פאַרטיק האָט מען באַפוילן די רוסן אויסצושיסן זייערע יידישע חברים און זיי באַגראָבן אין אָט־דעם קבר. די רוסן האָבן זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טון, הגם מען האָט זיי צוגעזאָגט דערפאַר פרייצולאָזן. דעמאָלט האָבן די דייטשן זיך געווענדט מיטן זעלבן פאָרשלאַג צו די יידן, ד"ה אַז זיי, די יידן זאָלן אויסשיסן זייערע רוסישע חברים און באַגראָבן און דערפאַר וועט מען זיי פריילאָזן. די יידן זענען באַלד איינגעגאַנגען דערויף. די דאָזיקע באָווע־מעשה איז גע־

ווען אָפּגעדרוקט אין פלוגבלעטלעך מיט אַזויפיל נעמען און דעטאַלן. אַז עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אמתדיקער געשעעניש, און אויסער דעם פלעגן זיך כמעט שטענדיק געפינען איינער אַזעלכער, וואָס האָט אַליין געהערט פון נאָך איינעם וואָס האָט אויך אַליין געהערט פון אַ דריטן וואָס האָט שוין אַליין געזען אַז דאָס איז טאַקע אמת. אין יעדן פלוגבלעטל איז דער דאָזיקער בילבול געווען באַפּוצט מיט אַנדערע דעטאַלן, מיט אַנדערע נעמען פון פּערזאָנען און ערטער, און כאָטש דאָס אַליין האָט באַלד אָנגעוויזן אויף די גראָבע שטעך פון דער ניִדערטרעכטיקער אַרבעט, אָבער דאָך האָבן סאָלדאַטן עפּעס נישט און עפּעס יאָ געגלויבט. אמת, די דערציילערס פון אָט־דעם פאַקט, ווען מען האָט זיי צוגעדריקט צו דער וואַנט, האָבן קיינמאָל נישט געקאָנט אָנגעבן פון וועמען זיי האָבן דאָס געהערט. אַלץ וואָס זיי האָבן געדענקט, אַז אין אַ קרייז סאָלדאַטן איז געזעסן איינער וואָס איז אַנטלאָפן פון דייטשער געפאַנגענשאַפט און אַליין עס בייגעווינט.

ווי שווערע שטיינער פלעגן אָט־די בילבולים פאַלן אויף די קעפּ פון יידישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן געפילט אין די פעלדער, געגעסן דאָס זעלבע סאָלדאַטסקע שוואַרצע ברויט, אָפּגעגאַנגען מיט בלוט און געמוזט אויסהערן אַז „די יידן באַהאַלטן זיך אין די קאָאָפּעראַטיווע קראָמען און שיקן די רוסן, זיי זאָלן גיין קעמפן מיטן דייטש", אַז יידן פאַרכאַפּן פון פאַראויס אַלע עוואַקויר־צוגן און לאָזן איבער די רוסן אונטערן דייטש; אַז יידן שרייען הויך אין הינטערלאַנד, אָבער אויפן פראָנט זעט מען קיינעם נישט; אַז יידן דאָס, אַז יידן יענץ.

צוזאַמען מיט דער פּראָפּאַגאַנדע קעגן די יידן האָבן אויך אָנגעהויבן אַרומגיין איבער די פאַלקן פאַרשידענע מעשות וואָס זייער שאַרף איז געווען געווענדט קעגן די קאָמאַנדירן: אַז אין דעם און יענעם פאַלק האָט דער קאָמאַנדיר געלאָזט שטיין די סאָלדאַטן און אַליין אַנטלאָפן, אַז ערגעץ אַנדערש ווידער, האָט אַ לייטענאַנט אַרויפגעפירט זיין ראָטע גלייך אויף אַ דייטשישן פּאַטרול און זיך אונטערגעגעבן, איבערגעבנדיק צו די דייטשן גלייך אַלע קאָמוניסטן פונעם אָטריאַד, אַז אויף אַ דריט אָרט זענען די קאָמאַנדירן געווען די ערשטע צו וואַרפן דעם לאָזונג וועגן אונטערגעבן זיך. און ווידעראַמאָל דאָס זעלבע — ס'איז שווער געווען געוואָר צו ווערן פון וואַנען אָט־די אַלע קלאַנגען שטאַמען, ווער האָט זיי

געבראַכט, ווער האָט עס בייגעוווינט. די קלאַנגען און פליאָטקעס זענען געקומען מיט פאַרבאָרגענע, פאַרהוילענע וועגן, צעשפּרייט זיך איבער די אָטריאַדן און נישט שטענדיק זענען געווען אַזעלכע מענטשן אויפן אָרט, וואָס זאָלן גלייך כאַפּן דעם גנב ביי דער האַנט און אַרויסברענגען באַלד אויפן אויבערפלאַך די אמתע כוונות פון די יעניקע, וואָס האָבן אָט־די גאַנצע אונטערערדישע אַרבעט געפירט, און עס זענען געווען אין אָנהויב פון קריג געוויסע דערשיינונגען, וואָס האָבן אויבערפלעכלעך אויסגעזען געוויסע זאַכן צו באַשטעטיקן. דאָ צי דאָרט האָט מען פלוצלינג געביטן דעם גאַנצן קאָמאַנדירישן צוזאַמענשטעל פון פאָלק. דאָ און דאָרט האָט מען פלוצלינג איבערגעוואָרפן אַ טייל קאָמאַנדירן אין אַן אַנדער אָטריאַד. די רעאָרגאַניזאַציע פון געוויסע טיילן פון מיליטער, וואָס האָט געמוזט דורכגעפירט ווערן שוין בשעתן קאַמף, געוויסע ענדערונגען אין דעם אַרמיי־רעגולאַמין, געוויסע אויסבעסערונגען אינעם אופן פון אָרגאַניזירן די נייע, צוגעקומענע אָטריאַדן, — אָט־דאָס אַלץ האָט געדינט פאַר די אײַנערלעכע, נאַטירלעכע, צי אַריינגעשיקטע ספּעציעל, שונאים פאַר אַ נייעם מאַטעריאַל צו פירן זייער אַרבעט פון אונטערגראָבן דעם גייסט פון קאַמף־גרייטקייט און קאַמף־לוסטיקייט.

די דייטשע אַטאַקעס אַרום דניעפּראָפּעטראָווסק זענען צוגעגאַנגען לויטן געוויינלעכן נאַצישן נוסח, לויט דער אויסגעפּרוווטער טאַקטיק זייערער. אינעם לעבעדיקן לייב פון די פאַרטיידיקונגס־ליניעס האָבן זיך אַריינגעריסן קלינעס פון דייטשן אָנגריף, צעשפּאָלטן און צעשפּליטערט דעם פראָנט אין קליינע פראָנטעלעך, אָפּגעריסן איין אָפּשניט פון אַנדערן, אָפּגעזונדערט שטאַבן פון זייערע אָטריאַדן און דראָענדיק מיט אַרומרינגלונג געצוווּנגען צוריקציִען זיך צום דניעפּער. אָפטמאָל האָבן אָט־ריאַדן, אָפּגעריסענע פון זייערע דיוויזיעס, נישט באַקומען קיין באַפעל צום צוריקציִען זיך אין צייט, און געקעמפט ביזן לעצטן מענטש, אַרומגערינגלטע און אויסגעשעפּטע, אָן אַמוניציע און אָן פּראָוויאַנט. אָפטמאָל האָבן פאָלקן געמוזט מיט אַ האָפענונגסלאָזן קאַמף צודעקן דעם ריקצוג פון אַנדערע טיילן, און געקעמפט ביזן לעצטן מיט דעם קלאָרן באַוווסטזיין, אַז זייער קאַמף האָט נישט קיין אויסזיכטן פון באַלדיקן זיג, אָבער עס איז נייטיק אָט־דעם קאַמף אָנצוהאַלטן, כּדי אַנדערע פאָלקן זאָלן קענען זיך אָפּרייסן פון שונא און זיך רעאָרגאַניזירן. אָפט־

מאָל איז דער באַפעל צום צוריקצוג אָנגעקומען אין דער לעצטער מינוט, ווען עס איז שוין געווען אומעגלעך זיך צוריקצוציען, ווען דער וועג אויף צוריק איז שוין געווען פאַרשלאָסן מיט אַן אייזערנעם רינג פון דייטשע טאַנקען.

די דייטשן האָבן זיך גענומען לאָזן אויף די נידערטרעכטיקסטע וועגן אין זייער קאַמף. אָפטמאָל פלעגט אַ דייטשישע פאַראַשוטיסטן־באַנדע אַראָפּ אינעם הינטערלאַנד, איבערגעטוענע אין רויטאַרמייאישע מונדירן, כלומרשט זיך צוריקציען צוזאַמען מיט דער אָפּטרעטנדיקער אַרמיי און אין אַן אָרט, וואָס איז געווען פריער באַשטימט אָנהייבן אַ שיסעריי און אָנגרייפן די מידע און אויסגעמאַטערטע פון נאַכטיקע מאַרשן, אָטריאַדן.

די בריק איבערן דניעפּער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַן אונטערגע־מינעוועטע און באַהאָנגענע מיט דינאַמיט־קעסטלעך כמעט אויף אַלע זיילן און שטאַנגען. די שטאָט איז געווען כמעט טויט און אויסגעליידיקט. יעדע רגע, יעדע מינוט האָט געקאָנט קומען אַ באַפעל, אַז די בריק וועט אויפ־געריסן ווערן. דייטשע עראָפּלאַנען האָבן כסדר באַדראָט די בריק פון דער הויך, איבער דער בריק איז מען נישט געגאַנגען, איבער דער בריק איז מען געלאָפן. די בריק איז געווען אַ לאַנגע און מען איז קיינמאָל נישט געווען זיכער צי מען וועט באַווייזן זי אַריבערלויפן בשלום. דער גאַרניזאָן פון שטאָט האָט זיך שוין עוואַקואירט. די דייטשע ווייט־ראַנגיקע אַרטי־לעריע, וואָס האָט זיך שוין באַוויזן איינצושטעלן נאָענט צו דער שטאָט, האָט אָנגעהויבן באַוואַרפן די גאַנצע שטאָט מיט שראַפּנעלן און דער־גרייכן אַפילו צו דער בריק אויך. טאָג־איין, טאָג־אויס, האָבן איבער דער בריק געצויגן צעקלאַפּטע פאָלקן, וואָס האָבן זיך צוריקגעצויגן פון דער פראָנט־ליניע אַרום דניעפּראָפּעטראָווסק. די מיניר־אָפּטיילונגען זענען אַלץ געזעסן פון ביידע זייטן בריק גרייט יעדע מינוט אויסצופירן דעם באַפעל פון אויפרייסן די בריק מיט אייגענע הענט, בכדי אַזוי אַרום צו פאַרהאַלטן דעם שונא, וואָס האָט זיך געריסן פאָראויס ממש אויף די פּיאַטעס פון די אָפּטרעטנדיקע אָטריאַדן.

אויף דער צווייטער זייט דניעפּער — ניזשני דניעפּראָווסק. דאָ האָט געזאָלט מיט עטלעכע טעג צוריק פאָרקומען אַ קאַמף מיט אַן אָפּטיילונג דייטשן, וואָס זענען אַריבער די בריק, אַלע איבערגעטוענע אין רויטאַר־מייאישע מונדירן. אַריבערקומענדיק אויף דער צווייטער זייט, האָבן זיי

געעפנט אַ פייער אויף דער בריק און אַרויסגערופן אַ מהומה אינעם ריי־זיקן רויטאַרמייאישן שטראָם, וואָס האָט אַ מידער און אויסגעמאַטערטער געצויגן אויף מזרח. מען האָט זיי אַרומגערינגלט די דייטשן, און קיין גע־פאַנגענע האָט מען פון זיי נישט גענומען. די רויטאַרמייער וואָס האָבן דאָס בייגעווינט האָבן דערציילט וועגן אָט־דער געשעעניש מיט אַ שלעכט פייערל אין זייערע אויגן, מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן, מיט אָנגעצויגענע אָדערן אויף די שלייפן, מיט אַ שטימע וואָס האָט געהאַט אין זיך פאַר־באָרגן דעם גאַנצן צאָרן און האַס און עקל, וואָס אַן ערלעכער סאָלדאַט האָט געפילט קעגן אָט־דעם נבזהדיקן אופן פון פירן דעם קאַמף, און וואָס האָט אָנגעזאָגט אַז קיין רחמנות וועט מען שוין איצטער נישט האָבן, אַז מען וועט ענטפערן אויף אָט־דעם אַלעם, אַז מען וועט באַצאָלן פאַר יעדן טראָפּן ערלעך רויטאַרמייאיש בלוט צענפאַכיק, הונדערטפאַכיק, און ווי־דעראַמאָל איז געווען אין זייער שטים די זיכערקייט אַז דער טאָג פון אָפּ־רעכענען זיך וועט קומען, אַז ער מוז קומען.

פאַטרולן האָבן גערייכטעט די אָפּטרעטנדיקע אָטריאַדן, די לויזע גרופּעס און איינצלנע פאַרבלאָנקעטע פון זייערע טיילן רויטאַרמייער אויפן וועג קיין זאַגאָראָדניע. פון דאָרטן האָט מען געשיקט ווייטער: קיין נאָ־וואָמאָסקאָווסק. פאַר נאָוואָ־מאָסקאָווסק האָבן פאַטרולן פון דער מילי־טערישער נ. ק. וו. ד. דורכגעזיפּט די סאָלדאַטן. מען האָט אויסגעפרעגט אויף די נומערן פון די טיילן, אויף די ערטער פון וואַנען מען קומט און ווען אַלץ האָט געשטימט, ערשט געשיקט אין שטאָט אַריין. פון נאָוואָ־מאָסקאָווסק האָט מען ווידער די צעקלאָפּטע פאָלקן ערשט געשיקט ווײַ־טער צו די נייע זאַמל־פונקטן, וו מען האָט די סאָלדאַטן, לויט זייערע ספּעציאַליטעטן און אָנגעהעריקייט אויפסניי איבערעגיסטרירט און ערשט געווענדט צו די פונקטן, פונוואַנען מען האָט זיי שוין געקענט צוטיילן צו נייע רעאָרגאַניזירטע אָפּטיילונגען.

דער זאַמל־פּונקט פאַרן „מעדסאָסטאַוו" (מעדיצינישן פּערסאָנאַל) האָט זיך געפונען אין פאַוולאָגראַד. דאָס שטעטעלע איז געווען שוין כמעט אינגאַנצן אויסגעליידיקט. דער שפּיטאָל איז שוין געווען עוואַקו־אירט, די איינוווינער מערסטנטייל אַוועק אין די קאָלכאָזן אָדער ווייט אויף מזרח. דער זאַמל־פונקט האָט זיך איינגעאָרדנט אין די געוועזענע קאַוואַלעריע־קאַזאַרמעס פונעם פריערדיקן גאַרניזאָן. אויסער די יעניקע

וואָס זענען דאָ אַהערגעקומען פונעם אַרומגערינגלטן און באַדראָאָטן דניעפּ־ראָפּעטראָווסק, האָבן דאָ אַהער געהאַלטן אין איין צוקומען גייע וואָלונ־טירן און מאָביליזירטע. דאָקטוירים, סטודענטן פון מעדיצינישע פּאַקול־טעטן, סאַניטאַרן, אַבסאָלווענטן פון ספּעציעלע רויטן־קרייץ קורסן, מיט־גלידער פון דער רויטער־קרייץ אָרגאַניזאַציע, וואָס זענען נישט גענומען געוואָרן אין מיליטער ביז איצט, אַט־דאָס אַלץ האָט זיך דאָ איצט גע־זאַמלט, געפּאָרמירט און געוואַרט אויף באַפעלן, צו ווערן איבערגעשיקט אין די נייע פּאָלקן, וואָס האָבן זיך פאָרמירט אין הינטערלאַנד. בכדי אין אַ קורצער צייט אַרום, אויפסנייַ אַריינצוקומען אין קאַמף, אין דער ערשטער ליניע פונעם איבערמענטשלעכן, בלוטיקן געראַנגל.

פּאַוולאָגראַד איז שוין נישט געווען דאָס זעלבע רואיקע שטעטעלע, וואָס מיט אַ קורצער צייט צוריק, ווען עס האָט אויפגענומען די פאַרוווּנ־דעטע פראָנטלער און גערעדט וועגן פראָנט גופא, ווי וועגן עפּעס אַ זאַך, אַ ווייטער, אַ „ווער ווייס ווען עס וועט קומען". אַרום דער שטאָט זענען שוין געווען אויסגעגראָבן טיפע אַנטיטאַנק־קאַ־נאַלן מיט פאַרצוימונגען און באַפעסטיקונגען. די דייטשע עראָפּלאַנען האָבן שוין אָנגעהויבן וואָס אַמאָל אָפטער זיך צו באַווייזן איבערן שטעטל און אויסשיטן אויף די הייזער זייער צעשטערערישן לאַסט. דאָס שטעטל איז שוין אַריין אין דער ליניע פון פראָנט.

די קאַזאַרמעס זענען געווען שטאָקיקע און הויכע. אָפילו די שטאַלן פאַר די פערד זענען אויך געווען הויך און ברייט. קיין פערד זענען שוין נישט געווען און מען האָט איינגעאָרדנט אין די שטאַלן געלעגערס פאַר די סאָלדאַטן. אָבער די גרויסע געביידעס האָבן געשראָקן מיט זייער פאַר־נעם, וואָס האָט געקאָנט ווערן פאַרן שונא אַ לייכטער ציל פאַר זיינע באָמבאַרדיר־אַטאַקעס. מען האָט אויפגעהערט שלאָפן אין די קאַזאַרמעס און שטאַלן אויס מורא פאַר ביינאַכטיקע איבערפאַלן פון דער פיינטלע־כער אַוויאַציע. חברה האָבן אָנגעהויבן אויף ביינאַכט אַרויסגיין צום נאָענטן בית־עולם און דאָרטן איבערקומען די נאַכט. איינגעהילטע אין שינעלן און אין די שאַרסטקע סאָלדאַטסקע קאָלדרעס האָט מען געקוקט ביינאַכט אינעם טיף־בלויען, אויסגעשטערנטן הימל און איינגעהערט זיך אינעם נאַכטיקן גערויש פון די מאָטאָרן פון עראָפּלאַנען, וואָס מען האָט זיי איצט נישט געקענט זען אינגאַנצן. טיילמאָל פלעגט אויסברעכן דאָרט

אין דער הויך אַ נאַכטיקער פאַרביטערטער קאַמף און דעמאָלט האָט מען אויסערן געריוויש פון די מאָטאָרן און געדעמפטן צעריסענעם געקנאַל פון די מעטראַליעזן, אויך געזען די לאַנגע שטראַלנדיקע ליניעס פון די לייכטנדיקע קוילן, וואָס האָבן געשניטן דעם הימל, ווי שטערן וואָס רייסן זיך אויף שטיקער און ווילן דאָך נישט אַראָפפאַלן.

צום פונקט איז אַראָפּגעקומען אַ גענעראַל פונעם אָ. ד. וו. אָ. (אָדעסקי וואָיענני אָקרוג — אָדעסער מיליטערישער באַצירק). מען האָט צונויפגעזאַמלט די סאָלדאַטן און אויסגעשטעלט אין מיליטערישער אָרדענונג. דער קאָמאַנדיר פון פונקט, אַ מאַיאָר מיט אַ פּאָר גראָע, אַראָפּהענגענדיקע כאַכלאַצקע וואָנצעס, האָט זיך געגרייט אָפּצוגעבן דעם ראַפּאָרט לויט אַלע כללים פון מיליטערישער דיסציפּלין. דער גענעראַל האָט אים איבערגעריסן מיט אַ האַסטיקער באַוועגונג פון זיין ברייטער האַנט, ער האָט באַפוילן צונויפדריקן דעם אויסגעצויגענעם פראָנט פון דער רויט־אַרמייאישער מאַסע אין אַ האַלבן קרייז, אַליין אַריין אינמיטן און ערשט דעמאָלט געהייסן דעם קרייז פאַרמאַכן. ער האָט זיך אויסגעצויגן דער גענעראַל מיט זיין גאַנצער מעכטיקער פיגור, פאָראויס געגעבן זיין ברייטן, מיט אויסצייכענונגען און מעדאַלן באַהאַנגענעם קאָרפּוס, פאַריכט דאָס גענעראַלסקע היטל מיטן רויטן לאַמפּאַס, פונקט ווי עס וואָלט אים געשטערט אַ וואָרף צו טון מיט דער פלאַקסענער טשופּרינע זיינער. און אָנגעהויבן רעדן.

זיינע רייד זענען געווען מאָדנע. ער האָט נישט גערעדט וועגן דעם, אַז אָט־אָט דאַרף מען ווידער אַריין אין פייער, אַז דער קאַמף איז נאָענט, ממש פאַר דער נאָז. פאַרקערט, ער האָט דערציילט די סאָלדאַטן, אַז דער קאַמף איז ערשט ביים סאַמע אָנהייב, אַז מען גרייט ערשט דעם כוח וואָס וועט דערלאַנגען דעם שונא אַזאַ קלאַפּ, פון וועלכן ער וועט שוין קיין תחית־המתים נישט אויפשטיין, אַז מען דאַרף ענגער שליסן די רייען, אָננעמען זיך מיט געדולדיקייט און אויסדויער, מיט עקשנות און מוט, אַז מען דאַרף אָננעמען זיך מיט דער זיכערקייט און אַנטשלאָסנקייט, וואָס נאָר די איבערצייגונג פון דער אומפאַרמיידלעכער מפּלה פון שונא, קאָן געבן. מען דאַרף דעריבער דערהאַלטן אין די רייען די אמתע זעלנערישע דיסציפּלין, פאַרגעסן וועגן דעם אַז אָט־די דיסציפּלין קאָן לויז ווערן אין פראָנט־באַדינגונגען, טון יעדער איינער זיין אַרבעט צי אין פראָנט צי

אין די איבונגס־לאַגערן פון הינטערלאַנד מיטן זעלבן ברען און פייער. די קאָמאַנדירן האָבן באַקומען באַפעלן, אַז מען זאָל מער זאָרגן פאַר די סאָלדאַטן אויב דאָס איז נאָר מעגלעך, אויב דער אָפּטייל געפינט זיך נאָך נישט אין דער פייער־ליניע, אָבער אויך די סאָלדאַטן דאַרפן געדענקען, אַז נאָר אַ דיסציפּלינירטע אַרמיי וועט זיין בכוח דעם קאַמף צו געווינען, און דעריבער זאָל עס קיינעם נישט וווּנדערן, אויב פאַרן פאַרזינדיקן זיך קעגן אַט־דער דיסציפּלין, פאַרן אַריבערגיין די נאָרמען פונעם אַרמיי־לעבן וועט מען באַשטראָפן, און דאָס האַרב באַשטראָפן.

דער גענעראַל האָט גערעדט רואיק און זיכער, הגם ער איז געווען אַביסל אויפגעברויזט, מיט אַט יענער אויפגעבראַכטקייט וואָס קומט פון וועלן אָנשטעקן יענעם מיט די אייגענע געדאַנקען און טראַכטונגען. אין דער לופטן האָט זיך געטראָגן דאָס גערויש פון דער פיינטלעכער אַוויאַציע, פון דער ווייטנס האָבן אָפּגעהילכט געדעמפּטע די ווייטע קנאַלן פונעם אַרטילעריע־געראַנגל, דער שונא איז געשטאַנען נאָענט, מען האָט כמעט ווי געקאָנט דערפילן דעם בלוטיקן אָטעם זיינעם, אַ פאַרשיכורטן פון די לייכט־אָפּגעהאַלטענע נצחונות, און דער סאָוועטישער גענעראַל איז געשטאַנען אַ רואיקער און זיכערער אין זיך און גערעדט וועגן פאַרשטאַרקן די קאַמפּס־דיסציפּלין, ווי וועגן אַ זאַך וואָס איז איצט בילכער פון אַלעם, גערעדט וועגן זיג, וואָס וועט זיכער קומען, וואָס הגם קיינער ווייסט נאָך נישט ווען ער קומט, אָבער דאַך הערט ער שוין, דער גענעראַל זיינע פעסטע און אַנטשלאָסענע טריט.

„מיר ווילן נישט קיין אויסלענדער...״

יעדן טאָג פלעגן איצט אינעם זאַמל־פּונקט, וואָס אין קליינעם שטעטעלע פּאַוולאָגראַד, אַראָפּקומען קאָמאַנדירן בכדי צו באַקומען פרישע רעזערוון פון סאַניטאַרן־פּערסאָנאַל פאַר זייערע פּאָלקן. זיי זענען געקומען הן פון די פּאָלקן וואָס האָבן זיך געפונען שוין אין דער פייער־ליניע און דער שניט פון טויט האָט שיטערער געמאַכט זייערע רייען, און הן פון די פּאָלקן, וואָס האָבן זיך אין נישט ווייטן הינטערלאַנד געגרייט אַריינצוקומען אין שלאַכט און עס האָט זיי פאַרפעלט קוואַליפיצירטע סאַניטאַרן. זיי פלעגן קומען שוין אפילו פונעם ווייטן הינטערלאַנד, ווו נייע פּאָלקן האָבן זיך געהאַלטן אין איין פאָרמירן און שולן. די גרענעץ פון די יאָרגענג, וואָס מען האָט גערופן, האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן אין דער הויך און אין דער נידער, דאָס הייסט, מען האָט שוין אָנגעהויבן אַריינציען אין די רייען אי די עלטערע אַרבעטער און קאָלכאָזניקעס, אי די יונגע, פריש־געבאַקענע קאַדעטלעך פון די מיליטערישע שולן.

דער שטאַב פונעם פונקט האָט געאַרבעט טאָג און נאַכט. מען האָט געגרייט רשימות, דורכגעקוקט די פּאַפּירן, צוגעפּאַסט דעם סאַניטאַרן פּערסאָנאַל מער אָדער ווייניקער צו די פּאָלקן, וואָס האָבן די פאָדערונגען געשיקט, און דערנאָך פלעגט אַרומלויפן דער פאַרבינדלער, רופן די אויסגעקליבענע און אין עטלעכע שעה צייט זענען זיי שוין געשטאַנען גרייט צום אַוועקפאָרן. די קאָמאַנדירן וואָס זענען נאָך זיי געקומען, פלעגן מיט מידע אויגן קוקן אויף די נייע סאָלדאַטן, וואָס מען האָט זיי צוגעטיילט, געריבן זיך די האַרטע, נישט ראַזירטע באַקן, האַלטנדיק אין איין טראַכטן צי מען האָט זיי נישט אָפּגענאַרט, צי האָבן זיי באַקומען דאָס וואָס זיי האָבן פאַרלאַנגט. ווען מען האָט געשיקט די נייע צום פראָנט, פלעגן פאַרפאָרן נאָך זיי פאַרשטויבטע אויטאָ־מאַשינען, אָפטמאָל באַדעקטע מיט קוילן־צעלעכערטע ברעזענטן. די וואָס זענען געפאָרן אינעם ווייטן הינטערלאַנד, פלעגן אַרויסגיין צופוס צו דער סטאַנציע, מיט אַ קליינער פּאָרציע פּראָוויאַנט און מיט אַ רייזע־באַפּעל אין קעשענע און וואַרטן אויף דער באַן וואָס איז נישט שטענדיק געקומען צו דער צייט.

קיין צוגן וואָס זאָלן נעמען די סאָלדאַטן אין וואַגאָנעס, אפילו אין בהמה־וואַגאָנעס זענען שוין איצט נישט געווען. כמעט אַלע וואַגאָנעס

זענען געווען אָפענע פּלאַטפאָרמעס, וואָס האָבן געפירט אין ווייטן הינ־טערלאַנד די עוואַקואירטע מאַשינען פון די פאַבריקן, דאָס ביסל האָב און גוטס פון מלוכהשע אונטערנעמונגען און דעם לעצטן שניט פון די קאָלכאָזן, וועלכן מען האָט געוואָלט אָפּראַטעווען פון שונאס הענט. אויף אָט־די וואַגאָנעס פלעגן אַרויפקריכן די סאָלדאַטן אויפן סאַמען אין דער הויך, אַריינקוועטשן זיך צווישן רעדער און טראַנסמיסיע־פּאַסן פון די מאַשינעס, אויסציען זיך אויף די אָנגעפּראָפּטע זעק פון תבואה, פון ווייץ און קאָרן, איינהילן זיך אין די האַריקע שינעלן אויס מורא פאַר די פרעסט־לעך, וואָס האָבן שוין אָנגעהויבן אַ כאַפּ טון אין די אָנהייב־האַרבסטיקע נעכט און פאַרן אויף מזרח, נישט פרעגנדיק אפילו וווהין דער צוג גייט. דאָס האָבן זיי צייט געהאַט צו טון שפּעטער, ווען די צוגן וועלן דערגיין צו אַזעלכע סטאַנציעס, ווו מען וועט קענען שוין געוואָר ווערן ווי אַזוי צוצוקומען צום אָרט ווו מען האָט זיי געשיקט.

אויף יעדן וואָקזאַל פלעגן די צוגן באַפאַלן ווערן פון נייע מחנות פון ציווילע מענטשן, וואָס פלעגן וואַרטן אויף די די סטאַנציעס מיט זייערע משפחות, קלומיקעס, טשיינִיקעס, סאַמאָוואַרן און קליינע קינדער. אויף יעדן וואָקזאַל פלעגן די קאָנדוקטאָרן און באַן־וועכטער געבן צו פאַר־שטיין אַז עס איז נישטאָ קיין אָרט און אויף יעדן צוג פלעגן זיך פּאַרט אַרויפכאַפּן פרישע פּאַסאַזשירן. אין זייערע אויגן איז געלעגן מידקייט פון נישט דורכגעשלאָפענע נעכט, שרעק פאַר פייער־רעגן פון די נאַצישע עראָפּלאַנען, זאָרג פאַר די קליינע עופהלעך וואָס האָבן זיך געמאַטערט אינעם וויסטן וואנדער און וואָגל, און די זעלבע שנאה, דער זעלביקער האַס און גרימצאָרן צו יענע בלוטיקע חיות וואָס זענען באַפאַלן אַן אַ פאַר־וואָס און אָן אַ פאַרוועגן דאָס פרידלעכע לאַנד.

די דייטשן האָבן מיט אַ ספּעציעלער, פאַרברעכערישער כוונה גע־קלאַפּט איבער די וואקזאלן, געוואָרפן באָמבעס דווקא אין אָט־די הילפ־לאָזע המונים פון די פּליטים, אונטערגעצונדן די וואָקזאַל־געביידעס און געקנאַקט מיט מעטראַליעזן־פייער איבער די שוצלאָזע פרויען און קינ־דער. יעדער נייער אָנפאַל — אַ פרישער שניט פון אומשולדיק בלוט. יע־דער נייער אָנפאַל — אַ פרישער ים פון שנאה צום אַכזריותדיקן שונא. יעדער נייער אָנפאַל — נאָך אַ רויטאַרמייאישע שבועה זיך נוקם צו זיין אָן די פּחדנישע „העלדן", אָן די באַנדיטישע קינדער־ און פרויען־מער־

דער׳, ווען דער טאָג פון אָפּרעכענונג וועט קומען, ווען עס וועט קומען די אויסגעחלומטע שעה פון באַצאָלונג און נקמה.

דער פראָנט, וואָס איז ערשט נישט לאַנג געווען ווייט, האָט זיך פּלוצלינג דערנענטערט און אויפגעהערט צו זיין בכלל אַ פראָנט. צעפּיצלט און צעברעקלט איז ער געוואָרן, דער פראָנט, אין טויזנטער קליינע שלאַכטן, צוזאַמענשטויסן און פראָנטעלעך, אָבער גענומען צוזאַמען איז ער געווען איין גרויסע בלוט־באָד, הן אין די ערשטע ליניעס און הן אינעם הינטערלאַנד. ידיעות האָבן אַרומגעפלאַטערט איבער די סטאַנציעס, ידיעות גרויליקע און פולע מיט שרעק. ידיעות פאַרגאָסענע מיט בלוט, ידיעות ווי שוואַרצע פלעדערמייז, וואָס פלעגן אַרומפּאַטשן מיט צעפלאָשעטע פליגל אינעם רויטן אָפּשיין פון די ברענענדיקע שטעט און דערפער׳, אינעם קנאַל פון די אויפגעריסענע וואָקזאַלנע געביידעס, פון אַמוניציע־צוגן געטראָפענע אין וועג אָדער אויף די סטאַנציעס. קיין שום צוג האָט נישט געוווסט וווהין ער גייט. די צוגן האָבן מאַנעווורירט, געענדערט יעדן טאָג זייערע מאַרשרוטן, געמאַכט פאַרפּלאָנטערטע זיג־זאַגן, אַבי אַרויסצורייסן זיך פון די וואָס אַמאָל ווייטער גרייכנדיקע צוואַנגען פון די בליץ־שנעלע אָנגריפן, פון די צעיושעטע וועלפישע ציין וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין איין איינבייסן אינעם פאַרסאַפּעטן לייב פון דער גראָער אַרמיי, וועלכע האָט זיך געווערט און פאַרטיידיקט, געטיילט שווערע קלעפּ און אַ פאַרגאָסענע מיטן אייגענעם און שונאס בלוט, זיך געצויגן אויף צוריק.

ביים ברעג פון אַזאָווישן ים ליגט דאָס קליינע, זוניקע שטעטעלע בערדיאַנסק. אַזוי האָט עס געהייסן אַמאָל ביז מען האָט עס געגעבן אַן אַנדער נאָמען: אָסיפּענקאָ, נאָכן נאָמען פון דער העלדיש־אומגעקומענער יונגער סאָוועטישער פּליערן, וואָס האָט אַזוי טאַקע געהייסן. בלאָ איז דער אַזאָווישער ים געווען אין יענע זוניקע פרי־האַרבסטיקע טעג, און צעגלאַנצט ווי אַ שטילער שפּיגל. אין די גערטנער האָבן זיך געצייטיקט די ווייַנטרויבן און מיט רויטע בעקעלעך האָבן געשמייכלט די פרישע עפּל. דער שאַרף־געזאַלצענער ריח פונעם ים־וואַסער פלעגט צוזאַמען מיט ווייסע נעפּלען אָנקומען פון ווייטן ווייט, און אָנטרעפנדיק דעם טוי־צעטריפטן גערוך פון די אויבסטן צעגיין פון זיסקייט און נחתדיקער מאַכטלאָזיקייט. אָבער אין פאָרט איז געווען אומרואיק און שרעקעוודיק. באַרזשעס פולע

מיט פּליטים זענען אָנגעקומען אַהער און אויפגעקאָכט דאָס רואיקע קליי־נע שטעטעלע: דייטשע אונטערוואַסער־שיפן האַלטן אין איין פאַרזינקען די פּליטים־שיפן וואָס זענען אַרויס פון די פאַרנומענע ברעג־ימישע שטעט. אין מיטן שוואַרצן ים איז טאָרפּעדירט געוואָרן אַן אָדעסער שיף מיט העכער דריי טויזנט פּליטים, מערסטנטייל פרויען און קינדער. דער שונא איז אַריבער דעם דניעפּער, ער רייסט זיך מיט זיינע חילות פאַר־אויס וועלנדיק פאַרשטאָפּן דעם שמאָלן דורכגאַנג פונעם קרימער האַלב־אינדזל. בלוטיקע שלאַכטן גייען אָן ביי ניקאָלאַיעוו, ביי געניטשעסק, ביי מעליטאָפּאָל. דער בלוטיקער שטורעם גרייכט אַלץ נענטער און נענטער.

דאָס שטעטעלע האָט זיך געענומען אויסליידיקן. בלויז דער וואָיענ־קאָמאַט (מיליטערישער קאָמיסאַריאַט) האָט פאַרטאָפּלט און פאַרצענ־פאַכט זיין אַרבעט. אַלע מענער פון די יינגסטע ביז די עלטסטע יאָרגענג האָבן באַקומען אויפפאָדערונגען. די יעניקע, וואָס זענען לויטן דעקרעט נאָך נישט גערופן געוואָרן אין די רייען, האָבן באַקומען מעלדונגען זיך צושטעלן אין ווייטע מקומות הינטער דער וואָלגאַ. מענטשן האָבן זיך אַ לאָז געטון פון שטעטל, הגם דער פראָנט איז נאָך פאָרט געווען אַ 200 קילאָמעטער ווייט. שיפן האָבן געפּייפט אין פּאָרט, גערופן די פאַרשפּע־טיקטע און געבלאָזן מיט דיקע שוואַרצע קנוילן רויך, מיט דינע פאַלמעס פון קוויטשיקער ווייסער פּאַרע און צעהוידעטע אינעם שיין פון פורפּו־רענע זונאונטערגאַנגען, זיך געלאָזט אין וועג. די פרוכטן אויף די ביי־מער זענען געהאַנגען און געוואונדערט זיך, הלמאַי מען וויל זיי נישט אָפּ־רייסן, די באַשאָטנטע אַלייען אינעם פּאַרק האָבן געבענקט נאָך די פאַר־ליבטע פּאָרלעך, וואָס זענען פּלוצלינג פאַרשוווּנדן און פון ים איז אַרויס־געקומען אַן אויפגעטויכטע, ווייס־זילבערדיקע צעגלאַנצטע לבנה, ווי אַ טאַץ פונעם פּאָלקאָוון אָרקעסטער און געוואַרט אויפן אָוונטיקן גערויש און געלעכטער, וואָס פלעגט שטענדיק אין דער צייט זיך צעשפּילן אויף אירע שטראַלן ווי אויף האַרפּע־סטרונעס. געוואַרט האָט זי, די לבנה און נישט דערוואַרט זיך, אַרומגעשפּאַצירט אַ דערשראָקענע אַ גאַנצע נאַכט אַליין איבערן הימל און לסוף פאַרברענט געוואָרן אין דער שרפה פונעם מאָרגנרויט.

אינעם „פּערעסילני פּונקט", וואָס אונטער דער שטאָט, האָבן גע־

האַלטן אין איין אָנקומען פרישע רעקרוטן. זיי זענען געקומען פון די אַרומיקע קאָלכאָזן און סאָווכאָזן, פון די פאַבריקן און זאַוואָדן, וואָס מען האָט פאַרמאַכט, פון די נאָענטע שטעט און דערפלעך. פון די קאָלכאָזן פלעגן זיי אָנקומען באַלאָדענע מיט לייוונטענע זעקעלעך אין וועלכע זייערע ווייבער, די ברייט צעוואקסענע קאָלכאָזניצעס האָבן זיי מיטגעגעבן אויפן וועג קאָרזשיקעס און שטיקער ברויט מיט ווייסן חזיר־פעטס. פונעם חזיר־פעטס האָט געווייעט מיט זאַטער היים, פון ברויט האָט זיך געטראָגן דער זויערער ריח פון פרישן קאָרן מיטן קימל, און די קאָרזשיקעס האָבן געשמעקט מיט זאָרגעוודיקער ליבע און וואַרעמקייט. געווען צווישן זיי אַלטע דיאַדקאָס, וואָס האָבן נאָך געדענקט די ערשטע וועלט־מלחמה מיטן זיבעצנטן יאָר. געווען יונגע חברה, אויסגעהאָדעוועטע שוין אויף קאָלכאָזנע פעלדער, מיט אַ פאַרעקשנטן שטערן אונטער די בלאָנדע צעשויבערטע טשופרינעס, געווען פישערס, וואָס האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט דעם געזאַלצענעם גערוך פון זייערע שיפלעך, מיט פנימער פאַרברענטע פון ים־ווינטן און זון, געווען געזעצטע, רויִקע פאַבריק־אַרבעטער, מיט אייל־באַשמירטע הויזן און רעקלעך און אויסגעשמאַלצעוועטע היטלען מיט אַרויפגערוקטע דאַשקעס, געווען דער גראָער, פשוטער סאָוועטישער מענטש וואָס האָט געטון זיין אַרבעט און איצטער איז ער געקומען כדי מיט דער זעלביקער זאַכלעכער פאַרעקשנטקייט נעמען די ביקס אין האַנט.

אין די ווייטערדיקע דערפער אַרום שטאָט האָבן זיך צעלייגט די בריית־צעוואָרפענע לאַגערן, ווו עס האָבן זיך פאָרמירט די נייע פאָלקן. קאָמאַנדירן פון די וואָיענקאָמאַטן, עלטערע און רויִקע, יונגע קאָמאַנדירלעך ערשט נישט־לאַנג פון די מיליטערישע אַקאַדעמיעס, מיט אַ מילדשוים נאָך אויף די קוים־שפּראָצנדיקע וואָנצעלעך, אומרויִקע און פלינקע, רירעוודיקע ווי קוועקזילבער, ספּעציעל אַראָפּגעבראַכטע קאָמאַנדירן פון די צעקלאַפּטע פּאָלקן, וואָס האָבן אויף די טונקעלע, פון שלאַכטענעם פייער אָפּגעברענטע פּנימער, אַרומגעטראָגן די דערפאַרונג פון די פראָנטן, פּאַרטייעו', קעמפער פונעם בירגער־קריג, וואָס האָבן צוליב פיזישע דעפעקטן נישט געקאָנט געשיקט ווערן צום פראָנט, קאָמאַנדירן־ספּעציאַליסטן פון די ספּעציעלע זאַמל־פּונקטן, דאָס אַלץ האָט איצט געאַרבעט אָנגעשטרענגט, מיט היץ און ברען, מיט איבערגעגעבנקייט און מסירת־

נפש, כדי פון אָט־דער צעפּלאָסענער, ציווילער מאַסע, פון דעם רעקרו־טישן ערב־רב אַרויסצושיילן נייע אָטריאַדן, אַרומצוימען זיי מיט די רייפן פון דער אַרמייאישער דיסציפּלין, אַריינהויכן אין זיי קאַמפּס־גרייטקייט און ענטוזיאַזם און וואָס שנעלער אַרויספירן צום פלאַצנדיקן פראָנט אַ נייע מחנה קריגער.

מיט די זעלבע דאָרפישע וועגן, וואָס האָבן זיך געצויגן צווישן די ברייט־צעגאָסענע קאַלכאָזנע פעלדער, מיט וועלכע די קאָלכאָזניקעס זע־נען ערשט נישט־לאַנג אַרויסגעגאַנגען יעדן טאָג צו דער אַרבעט, זענען זיי איצט, שוין געפאָרמירטע אין רייען, געגאַנגען צו די לאַגערן פון די נייע פאָלקן. אויף די פעלדער האָט זיך געצייטיקט דער קאָרן, שוין אַפי־לו איבערגעצייטיקט געוועזן, און בריגאַדעס פון פרויען־קאָלכאָזניצעס האָבן מיט די לעצטע כוחות זיך געאיילט אַראָפּצונעמען דעם פאַרשפּע־טיקטן שניט וואָס שנעלער, בכדי עס זאָל זיין צייט אים אַרויסצופירן פון אונטער דעם שונאס גיריקע לאַפּעס. אין די קאָלכאָזן האָט מען אָנגעהויבן אויסצושעכטן די עופות, פאַרקויפן זיי פאַר אַ שיבושדיקן, מלובהשן פרייז די דורכגייענדיקע סאָלדאַטן, בכדי דער שונא זאָל נישט האָבן וואָס צו רעקוויזירן. קאָלכאָזנע סטאַדעס פי, צו אַכט הונדערט און אפילו טויזנט קעפּ, האָט מען צונויפגעטריבן, און אַ פיר־פינף טשאַבאַנעס האָבן זיי געיאָגט ווייט אויף מזרח. די סטאַדעס האָבן פאַמעלעך זיך געצויגן מיט די פאַרשטויבטע דאָרפישע וועגן, מיט די ברייטע שאָסייען, אויפגעהויבן הויכע טומאַנען שטויב און מיט אַ טיפן, פאַרבענקטן: „מו־או־או...״ אומ־געדרייט אַלע ווײַלע די נאַסע קועשע מאָרדעס צו די פאַרלאָזטע קאָל־כאָזנע שטאַלן. די קי האָבן געשפּרייזט מיט פולע אייטערס, פון וועלכע עס האָט געקאַפּעט אויפן וועג די נישט־אויסגעמאָלקענע מילך, און אָפּט־מאָל פלעגט זיך מאַכן, ווען די סטאַדע האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אָפּ־רו, זענען מענטשן אָנגעקומען מיט שקאָפּעקלעך און מיט אַ ויחמגות אין בליק דריקן די ראָזעווע אייטערס, נישט אַזוי פיל בכדי צו געניסן פונעם ביסל מילך, וואָס האָט גראָד דעמאָלט נאָך נישט געפעלט, ווי צוליב דעם, אַז: „זאָל אַ שטום באַשעפעניש נישט ליידן...״. מען האָט געפירט, גע־יאָגט און געטריבן אויף מזרח אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך געווען פון אָרט צו רירן, און געדוכט האָט זיך, אַז ווען עס וואָלט מעגלעך געווען אַרויסצורייסן פון דער ערד און מיטנעמען די ווייסע כאַטעס, די גרינע

פעלדער, די בעריאָזענע וועלדלעך, וואָלט דאָס דאָזיקע פּאַרעקשנטע פאָלק אויך דאָס געטון, און געלאָזט די ערד אַ נאַקעטע און אָפּגעקראַצטע פון אַלץ, אַבי דער שונא זאָל נישט קענען זיך אויף אָט־דער ערד דערהאַלטן, אַבי צו ברענען און בראָטן יעדן טראָט זיינעם.

אינעם דערפעלע אַנדראָווקאַ האָט זיך איינגעקוואַרטירט איינער פון די ניי־געשאַפענע זאַפּאַסנע פאָלקן. די כאַטעס זענען כמעט אַלע געווען שוין פאַרנומען מיטן שטאַב פון פאָלק און מיט דער אַמבולאַטאָריע. די נייע רעקרוטן זענען געשלאָפן אין די גערטנער און ווער עס האָט געהאַט מזל האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ שייער צי אין אַ סטאַדאָלע. בייטאָג האָט דאָס דאָרף אָפּגעהילכט מיט די שאַרפע קאָמאַנדעס, מיטן איבערשרייען זיך פון די פאַרשוויצטע פאַרבינדלער, מיטן גערויש ביי די מאַגאַזינען, וווּ מען האָט אַרויסגעגעבן מונדירן און מיליטערישע אויסשטאַטונג און מיטן קוויטשיקן געלעכטער פון די יונגע קאָלכאָזניצעס אין די סעדער. ביינאַכט האָבן געברענט פייערן, אַרום וועלכע די ניי־געבאַקענע סאָלדאַטן זענען געזעסן און זיך דורכגעטענהט. אַלטע פאַרטיזאַנען פון בירגער־קריג, האָבן זיך דערמאָנט אָן יענע צעשטורעמטע טעג און דערציילט וועגן די קאַמפן מיט דעניקינען, מיט וורַאַנגעלן און מיט קאָלטשאַקן. ביי די פייערן האָבן אַרומגעשוועבט טשאַפּאַיעוו און שטשאָרס, די געשפּענסטער פון מאַכנאָ און פעטלוראַ און די ראָמאַנטיש־רומפולע טעג פון פערעקאָפּ און צאַריצין. יונגע יאָטן האָבן סקעפּטיש געשמייכלט געפּרווט טיילמאָל אַריינוואָרפן אַ וואָרט וועגן דעם, אַז היינט איז דער ענין אַ קאָפּעטשקע שווערער, אַז דעמאָלט זענען נישט געווען קיין טאַנקן און עראָפּלאַנען אין אַזעלכע צאָלן ווי היינט, און אַז בכלל זאָלצן די אַלטע אַביסעלע איבער די גאַנצע העלדישקייט זייערע. די אַלטע האָבן זיך געבייזערט, געטענהט אַז זיי ווילן שוין זען די נייע העלדן אין פעלד, און ערשט דעמאָלט וועט מען קאָנען רעדן מיט זיי. האָבן די יונגע חברה דערויף געענטפערט, אַז זען אין פעלד וועלן זיי זיך נישט סיי־ווי, ווייל דאָס אַלטוואַרג וועט מען שיקן היטן די מאַגאַזינען און זיי, די יונגע בלויז וועלן גיין אין שלאַכט. דאָס איבערווערטלען זיך האָט אָנגעהאַלטן, אין האַלב שפּאַס, האַלב ערנסט, די שפּענדלעך האָבן געקנאַקט אויפן פייער, אין אַש האָבן זיך געבראָטן קאַרטאָפל און גרינע עפּל, נאַכטיקע פייגל האָבן זיך געריסן די העלדזלעך און דורכן אָפענעם פענצטער פון דער נישט־ווייט־

טער כאַטע האָט מען געקאָנט הערן ווי דער טעלעפאָניסט פון פּאָלק ווערט הייזעריק פּרווונדיק באַקומען אַ פאַרבינדונג מיט דער דיוויזיע.

אַזוי האָט עס געדויערט אין אַנדראַוואָקאַ, ביז וואַנען דער פּאָלק איז שוין ענדגילטיק געווען אויסגעפּאַרמירט, די סאָלדאַטן צוגעטיילט צו די באַזונדערע ראָטעס, די אַמבולאַטאָריע באַזאָרגט מיט באַנדאַזשן און מעדיקאַמענטן, און די געהילף־דינסט, ווי אַרטילעריע, פאַרבינדונג און אַנדערע, אָרגאַניזירט. איין זאַך האָט איצט געפעלט: באַוואָפּנען דאָס פּאָלק און געבן אים די ערשטע קריגס־אויסשולונג. אין צווישן אָבער האָט דער פראָנט ווידעראַמאָל אַ שפּרונג געטון פאָראויס. מען האָט זיך איבערגעגעבן שטילערהייט אַז דער דייטש רוקט אָן מיט גרויסע כוחות פון געניטשעסק און מעליטאָפּאָל און שפּאַרט מיט דער גאַנצער מאַסע אַהערצו בכדי צו פאַרנעמען דאָס גאַנצע ביי־אַזאָווישע לאַנד און אַ קלאַפּ טון אויף ראָסטאָוו. די דאָזיקע ידיעות האָט מען בלויז צווישן זיך געשעפּטשעט, ווייל פון דער רויטאַרמייאישער צייטונג האָט מען גאָרנישט געקענט אַרויסדרינגען, אָבער פּלוצלינג איז אָנגעקומען אַ באַפעל, אַז דאָס פּאָלק רירט אין אַ צופוסיקן מאַרש אַוועק אויף מזרח.

טעג האָבן זיך געשטעלט האַרבסטיק־זוניקע און ברוינלעך־גאָלדיקע. די לאַנגע אויסגעצויגענע קאָלאָנע האָט מאַרשירט בלויז אין די נעכט, און גערוט אין די אָנגעטראָפענע שטעט און קאָלכאָזן בייטאָג. די יונגע, נישט צוגעוווינטע רעקרוטן האָבן ערשט דערפילט וואָס הייסט מאַכן איבער דער נאַכט פופציק ביז זעכציק קילאָמעטער. די אַמבולאַטאָריע האָט זיך פאַרפולט מיט רויטאַרמייער, וואָס האָבן מיט אַ פאַרשעמטן שמייכעלע געוויזן די בלאָזן אויף די פיס. נאָך דער קאָלאָנע זענען נאָכגעפאָרן עטלעכע אויטאָמאַשינען, אָבער זעלטן ווער עס האָט געבעטן מען זאָל אים אַרויפנעמען. די פעלדער ביים וועג האָבן געשמעקט רויט און פייכטלעך. די קאָלכאָזן זענען געלעגן איינגעזונקענע אין טיפן שלאָף, צוגעטייעטע אין זיך און דורכגעזאַפּטע מיט שטילע, דופטיקע חלומות.

דאָס פּאָלק האָט דורכגעמאַרשירט מיטן ביי־ימישן טראַקט דורך דעם קור־אָרט מאַריופּאָל מיט די מאָלעריש־צעלייגטע ווילעס און דאַטשעס, מיט די גרין־גראַנאַטענע ווייַנגערטנער און סעדער, דערנאָך דאָס שטילע אויסגעליידיקטע טאַגאַנראָג און זיך פאַרנומען אויף צפון. דער לאַנגער, רירעוודיקער שלאַנג פון די מאַרשירנדיקע ראָטעס איז איצט אַריין אין

לאַנד פון קאָזאַקישע כוטאָרן ביים דאָן. ברייטע קאַלכאָזנע פעלדער, ווײַ־טע שמעקנדיקע סטעפּעס מיט טאַבונעס שלאַנקע פערד, מיט הויכע גראָזן, טונקל־גרינע און זאַפטיקע, צאַרטע וועלדלעך מיט ווייסע בעריאָזקעס, פון וועלכע די קאָרע האָט זיך געשיילט אין ווייסע פּאַסן, אַנטפּלעקנדיק דעם ברוינלעך־גרינעם, זאַפטיקן שטאַם. דאָס שטילע לאַנד, דאָס לאַנד פון „טיכי דאָן", האָט געגלעט די פאַרשוויצטע רויטאַרמייאישע פּנימער מיט סאַמעטענע, קילבלעכע ווינטלעך און אָנגעוווּנטשן זיי אַלדאָס גוטס אויפן וועג. בייטאָג, אין די קאָלכאָזן ווו מען האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אָפּרו, האָבן צעוואָקסענע, יונגע קאַזאַטשקעס, מיט צעפּ אַרומגעוויקלטע אַרום די שטאָלצע קעפּ ווי געפלאָכטענע קרוינען, געקוקט פון הינטער די פּלויטן, געכיכיקעט צווישן זיך דאָס אייביקע מיידלשע געלעכטער, וואָס יוגנטלעכע ווייבלעכקייט טראָגט אַנטקעגן דעם סאָלדאַט אין אַלע לענ־דער איבער גאָר דער וועלט, און טײַלמאָל אויך אַרויסגעקומען מיט קוישן פּולע מיט אויבסט, קאַרזשיקלעך און וואַרעניקעס פון ברוינלעכן טייג מיט קאַרטאָפל. האָבן רויטאַרמייאישע אויגן געקוקט מיט ליבשאַפט אויפן לאַנד, וואָס איז אַ געטרייס און אַן אייגנס געלעגן ביי זייערע פיס און נישט ביי איינעם האָט אַ נעפּל פאַרצויגן די אויגן ביים גערדאַנק, אַז אויף אָט דער טייערער און היימישער ערד קענען טרעטן פרעמדע, באַשטינול־טע, אין בלוט אויסגעשמירטע פיס.

האַרט פאַר ראָסטאָוו ביים דאָן האָט זיך די קאָלאָנע אָפּגעשטעלט און צעלייגט אויף צוגעגרייטע קוואַרטירן. דאָס דערפעלע איז געווען אַ קליינס און אַ ציכטיקס. געהייסן האָט עס אַ מאָדנעם נאָמען: קרים, און עס איז באַוווינט געווען כמעט פון סאַמע אַרמענער. האַלץ פעלט שוין אויס אין יענע סטעפּישע געגנטן און די פויערישע שטיבער זענען אַלע געווען געבויט פון שטיין און רויטע ציגל. די איינוווינער פון דאָרף האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן אַלע געשטאַמט פון איין משפּחה, מיט די זעל־ביקע שוואַרץ־געקרויזלטע האָר, די זעלביקע פאַרבויגענע אָדלער־נעז, ברענענדיקע שוואַרץ־קאַווקאַזישע אויגן, העפלעכע שמייכלען אויף די טונקעלע פּנימער און אַפילו מיט דעם זעלביקן צעבראָכענעם האַרטן רו־סיש. דאָ איז שוין געווען דער מיליטערישער באַצירק פון „סקוואָ" (סע־ווערא קאַווקאַזקי וואָיעננע אָקרוג — צפון־קאַווקאַזישער מיליטערישער ראַיאָן), און די באַפעלן בנוגע דעם ווייטערדיקן גורל פון פּאָלק, האָבן

גע‌זאָלט אָנקומען פון דאָרטן טאַקע, פון דער קוואַרטיר פון „סקוואָ“.

עס האָט געגעבן אַ רוק אָן אַ קאַלטער זוניקער האַרבסט, מיט דריבנע נישט זייער אָפטע רעגנדלעך, אָבער דערפאַר מיט שטאַרקערע פרעסטלעך און בייסיקע ווינטן אין די נעכט. חברה האָט זיך שוין אָנגעהויבן לאַנגווייליקן צוביסלעך. די רעקרוטישע איבונגען האָבן נישט געקאָנט באַפרידיקן זייער דראַנג צו ווערן שוין איינמאָל פאַר אַלעמאָל אמתדיקע רויטאַרמייער און אַרויס פון די רעקרוטישע וויקעלעך. מאַכאָרקע האָט מען אויסגעטיילט אין קליינע פּאָרציעס און קיין שנעפּסל האָט מען אײנגאַנצן נישט געקאָנט באַקומען. מען האָט זיך שוין אַפילו גענומען צום אַלטן אויסגעפּרוווטן אַרמייאישן מיטל פון טרינקען אָ־דע־קאָלאָן. אין דאָרפישן מאַגאַזין האָט מען אויף אַזאַ אופן צעכאַפּט אין עטלעכע טעג דעם גאַנצן זאַפּאַס פונעם שמעקעדיקן האַלב־ספּירט און די קאָמאַנדירן האָבן לויטן אָטעם געזוכט די שולדיקע אינעם חטא פון „אינעווייניקסטן פּערפומירן זיך“.

דער איינציקער סאָלדאַט אין פּאָלק, וואָס איז נישט געווען קיין סאָוועטישער בירגער פאַרן 39טן יאָר, האָט באַקומען אַן אַרויספאָדערונג צו יאַווען זיך אינעם שטאַב פון פּאָלק צוזאַמען מיט זיין גאַנצן געפּעק, אויסערן וואָפן. ער איז געווען אַ ייד פון קרוינפּוילן, אָנטיילגענומען פריער אין אַקציע הינטער לעמבערג און דניעפּראָפּעטראָווסק, און איצט האָט מען אים איבערגעשיקט אַהערצו אויפן פּאָסטן פון אַ סאַניסטרוקטאָר. דער פּאָלקאָווע דאָקטאָר, אַ מאַיאָר, אויך אַ ייד, וועמענס עלטערן האָבן געשטאַמט פון גראָדנע, האָט זיך זייער באַזאָרגט מיט דער פּלוצלינגדיקער אַרויספאָדערונג. „סתם רופן, רופט מען קיינעם נישט“ — האָט ער געטראַכט. ער האָט זיך זייער צוגעבונדן צו זיין אויסלענדישן געהילף, וואָס האָט מיט אַ זיכערער האַנט געפירט די גאַנצע אַדמיניסטראַטיווע אַרבעט פון דער פּאָלקאָווער אַמבולאַטאָריע, און הגם ער איז געווען נישט מער ווי אַ סטאַרשינאַ, דאָך האָט ער נישט איינמאָל דערפילט אויפגאַבן פון אַ עלטערן וואָיענפעלדשער. זיי האָבן זיךביידע אָפּגעצויגן די מונדירן און אַוועק אין שטאַב. וואָס אַן אמת, האָט דער בחור, דער אויסלענדישער יאַט, געהאַט אַ חשד אַז דאָס רופט מען אים צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך דורכגעווערטלט מיט עטלעכע טעג צוריק מיט אַ נישט־איבעריק ניכטערנעם פּאָליטרוק, וואָס האָט זיך איינגעשפּאַרט צו פאַרנעמען אַ

קוואַרטיר, וועלכע איז געווען פּאַראויסגעזען פאַר די סאַניטאַרן פון דער אַמבולאַטאָריע. אין פּאָלק אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער ענין איז אַ גאַנץ אַנדערער. פון מאָסקווע האָט מען צעשיקט אַ באַפעל אין אַלע פּאָלקן, אַז מען זאָל תיכף באַפרייען פון דער רויטער אַרמיי יעדן איינעם וואָס איז פאַרן 39טן יאָר געווען אַן אויסלענדישער בירגער. דער גע־הילף פונעם נאַטשאַלניק פון פּאָלקאָווע שטאַב, אַ יונגער בלאָנדער ליי־טענאַנט האָט דעם „אויסלענדער" דערלאַנגט אַ פאַרחתמעטן קאָנווערט מיט וועלכן ער האָט אים באַפוילן צו מעלדן זיך אינעם נאָנטן דאָרף טשאַלטיר, ווו עס האָט זיך געפונען דער וואָיענקאָמאַט פונעם ראַיאָן. געזאָגט האָט ער דערביי גאָרנישט, לאַנג און האַרציק געדרוקט די האַנט פונעם פרעמדן בחור, צו וועלכן מען האָט זיך שוין אין פּאָלק צוגע־וווינט, אָבער אַרויסגייענדיק פון שטאַב האָט דער „אויסלענדער" געטו־מען באַלד נאָכפרעגן וועגן דעם אינהאַלט פונעם פאַרחתמעטן קאָנווערט. ווען ער איז דערגאַנגען, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, האָט אַ רציחה אים אָנגעהויבן ווערגן אין גאָרגל, און אין די אויגן האָבן זיך באַוויזן שלעכ־טע פייערלעך. אַזוי לאַנג איז מען אַרומגעגאַנגען אין מונדיר, געגעסן דאָס שוואַרצע סאָלדאַטסקע ברויט, אַריינגעטאָעמט דעם גערוך פון פייער און בלוט, געווען „אַ פּאַן בראַט" מיטן געפאַר און מיטן טויט, דורכגע־זאַפּט זיך מיטן רויען היימישן גערוך פונעם רויטאַרמייאישן שינעל אין פעלד, געפונען פריינט, חברים, האַרציקייט, און פּלוצלינג: — „אַן אויס־לענדער" און „מיר ווילן דיך נישט מער". עס האָט זיך אים געוואָלט אַריינלויפן צום קליינגעוויקסיקן קאָמאַנדיר און קאָמיסאַר פון פּאָלק, אַ טראַציקער דריבנער חברהמאַן מיט אַ פּאָר באַפּעלערישע, שטעכעדיקע אייגעלעך, אויך אַ ייד, און אַריינשרייען אים אין פּנים אַריין, אַז דאָס איז אַ טעות, אַז אַ ייד טאָר נישט באַטראַכט ווערן אין אָט דער מלחמה ווי אַן „אויסלענדער", אז אין דער ערשטער ריי איז דאָס אונדזער מלחמה, אַ יידישע מלחמה, אַז קיינער טאָר נישט צונעמען ביי אַ יידן זיין רעכט צו גיין אויפן פראָנט. ער האָט זיך אָבער צוריקגעהאַלטן, דער יידישער בחור. דער באַפעל איז געקומען פון מאָסקווע. וואָס וועט אים דער קאָמאַנדיר פון פּאָלק קענען ענטפערן אויף זיינע געשרייען?

אין וואָיענקאָמאַט, וואָס אין נאָענטן דאָרף טשאַלטיר, האָט מען אים אויפגענומען העפלעך. מיט אַן איינגעהאַלטענעם צאָרן האָט דער יידי־

שער בחור געענטפערט אויף די פראַגן, וואָס מען האָט אים געשטעלט בײַם אויספילן דעם פראַגע־בויגן פאַר דעמאָביליזירטע אויף אַן אויסער־געוויינלעכן אופן. דער קאָמיסאַר, דורכקוקענדיק זיין דאָקומענט בײַם אונטערשרייבן האָט אים אַריינגערופן צו זיך אין קאַבינעט און געפרווּווט איינעמען מיט גוטע רייד און באַרואיקן. אַן עלטערער איז ער געווען, דער קאָמיסאַר, מיט אַ ברייט, גוטמוטיק, סלאַוויש פּנים און מיט אַ פּאָר וואָנצעס פון האָבער־קאָליר, אין וועלכע עס האָבן זיך שוין געצויגן ווייסע פעדים. געדולדיק האָט ער אויסגעהערט די אויפגערעגטע רייד פונעם מאָדנעם „אינאָסטראַניעץ״ אין רויטאַרמייאישן מונדיר, און לסוף אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז פאַרפאַלן, אַ באַפעל איז אַ באַפעל, און מן־הסתם ווייס מען שוין דאָרט אין מאָסקווע, צוליב וואָס מען האָט דעמ־דאָזיקן באַפעל אַרויסגעגעבן, אַז אָפּט מאַכט זיך, אַז צוליב איינעם פאַר־לירט מען דעם צוטרוי צו הונדערטער, און אַז ווער סע וויל העלפן דעם פראָנט, קאָן דאָס טאָן אין הינטערלאַנד אויך. „דו ווערסט דעמאָבילי־זירט נישט פון דיין שולד — האָט ער פאַרענדיקט — דעם דאָקומענט וועלכן דו באַקומסט איז אַ גרויסער כבוד אַרומצוטראָגן אין טאַש. אַר־בעט ערלעך און זיי ערלעך און קאָן זיין... קאָן זיין... — האָט ער פאַר־טראַכטערהייט צוגעגעבן — אַז מען וועט דיך נאָך דאַרפן, אַז מען וועט דיך נאָך אַ רוף טאָן״.

דער בחור איז אַרויס אויפן גאַס. עס איז געווען פאַרנאַכט און עס האָט געקאַפּעט אַ דריבנע רעגנדל. דער הימל איז געהאַנגען שווער און נידעריק. די כאַטעס האָבן פלוצלינג געגומען קוקן אויף אים מיט גלייכ־גילטיקע, אָפּגעפרעמדטע אויגן. די גאַנצע אַרומיקע וועלט האָט זיך פלוצ־לינג אים אַ שטעל געטאָן אַנטקעגן, און ער האָט ווייטיקלעך דערפילט די גרויסע לאַסט פון איינזאַמקייט און בענקשאַפט. ער האָט פאַרוואָרפן דאָס קליינע קלומיקל זיינס אויף די פּלייצעס, און אין אויפגעפראַלטן שינעל איז ער מיט ברייטע טריט אַוועק צופוס און אַרויס אויפן טראַקט קיין ראָסטאָוו.

אויפן דאָן

אַ גרויסע, שווערע, פון גראָען שטיין געמויערטע געביידע מיט מאַ־סיווע טירן, פאַר וועלכע עס דרייט זיך הין און צוריק אויף דער וואַך אַ רויטאַרמייער. איבער דער טיר אַן אויפשריפט אויסגעהאַקט אין שטיין: ס. ק. וו. אָ. (סעוועראָ קאַווקאַזקי וואָיענני אָקרוג — צפון־קאַווקאַזער מיליטערישער ראַיאָן). דאָס איז געווען די געביידע, ווו עס האָט זיך געפונען דער שטאַב פון דער געגנט, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דעם אָפּ־שניט פון אַזאָוויש־שוואַרצימישן פראָנט, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער עוואַקואַציע פון נאָך נישט איינגעגלידערטע רעקרוטן, וואָס האָט עוואַ־קואירט די מיליטערישע פאַבריקן צוזאַמען מיט די אַרבעטער און מאַ־שינען, וואָס איז געווען דער אָרטיקער מח און אויספיר־פּרוזשינע פון דער פאַרטיידיקונגס־מאַשין.

דער יידישער בחור פון פוילן, וועמען מען האָט צוליב זיין „אויס־לענדישקייט" אויסגעוויזן פון דער רויטער אַרמיי, איז אָנגעקומען אָט דאָ אַהער, בכדי צו פּרוון זיין מזל. טראָגנדיק נאָך אַלץ דעם רויטאַרמייאישן שינעל מיט די אָפּצייכנונגען פון אַ סטאַרשינאַ, און די הויכע שטיוול, וואָס זענען געווען באַקלעפּט מיט דער בלאָטע פונעם דורכגעמאַכטן צו־פוסיקן מאַרש קיין ראָסטאָוו, אַ מידער און בייזער, האָט דער בחור גע־פאָדערט מען זאָל אים צולאָזן צו דער אַדיוטאַנטור, אָדער צו וועמען עס זאָל נישט זיין, ווו ער זאָל קענען אַרויסלייגן זיין טענה. מען האָט אים לאַנג געלאָזט וואַרטן, געשיקט פון איין אָרט צום אַנדערן, ווידער געהייסן וואַרטן, פאַרקלאַפּט אים פאַר דער נאָז אומצייליקע מאָל די טיר, ביז ענדלעך האָט מען אים אַריינגעלאָזט אין אַ קליין צימערל און דאָרט האָט מען געזאָלט שוין זיין טענה אויפנעמען.

אין צימערל איז געשטאַנען אַ שרייבטיש מיט צעוואָרפענע פּאַפּירן, פאָרמולאַרן און דאָקומענטן, אָבער ביים שרייבטיש איז קיינער נישט געווען. דאַקעגן אין ווינקל איז געזעסן אין אַ טיפן לעדערנעם פאָטעל אַ מאַיאָר מיט אָפּצייכענונגען פון עפּעס אַ קאַוואַלעריע־פּאָלק. דער מאַיאָר איז געווען זייער אַ הויכער און אַ ביינִיקער, מיט אַ דינער נאָז און דינע ליפּן און אַ פּאָר קאַלטע, גלייכגילטיקע העל־בלויע אויגן, ווי אַ פּאָר־פרוירענע שויב. אין צימערל איז אויך געווען קאַלט. דער אויוון אין

ווינקל פונעם צימערל איז געווען איינגעהייצט און דער מאַיאָר איז גע־זעסן אַן איינגעהילטער אין אַ גרויסער שוואַרצער שעפּסן־שובע, פון יע־נעם מין וואָס עס טראָגן די קאַווקאַזער און קאַבאַרדינצעס, אַ שובע אַ לאַנגע אָן אַרבל, מיט מאָדנע ברייטע און גלייך־פּאַרשפּיציקטע אַקסל. פון די דערבײַיאיקע צימערן האָט זיך געטראָגן דאָס אומדערמידלעכע קלאַפּן אויף די שרייבמאַשינקעס און רעכנמאַשינקעס. עמעץ האָט זיך געריסן דעם האַלדז אין טעלעפאָן אַריין און אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט האָט מיט אַ דינעם קלימפּערדיקן געפּייף געטענהט סתם אין דער וועלט אַריין אויף אַ לשון פון זשומען, כריפּען און גרילצן, איבערגעריסן פון צייט צו צייט מיט אומגעדולדיק־אַרויסגעוואָרפענע מאָרס־אלף־בית־סיגנאַלן. די סמאָ־לעוואַטע שטיקער האָלץ האָבן פון צייט צו צייט אַ קנאַק געגעבן אויפן פּייעץ׳, ווי זיי וואָלטן געדראָט אויפצורייסן די הרובע.

דער מאַיאָר האָט געקוקט מיט זיינע קאַלטע אויגן ערגעץ ווײַט דורכן פענצטער, און אַ פרעג געטוןביים בחור, נישט קוקנדיק אויף אים לגמרי, ווי ער וואָלט זיך געווענדט צו עמעצן, וואָס עס אינטערעסירט אים בכלל נישט, ווי אַזוי יענער זעט אויס:

— איז, וועגן וואָס האַנדלט זיך?

דער בחור האָט גענומען רעדן, צוערשט האָט ער גערעדט רואיק און זאַכלעך. באַמיט זיך צו קירצן, ווי ווײַט מעגלעך, דעם גאַנצן ענין. אָבער אינמיטן פון זיין רעדן האָט דער מאַיאָר געווענדעט אויף אים זיינע קאַל־טע בלויע אויגן, אויגן רואיקע און פולע מיט אָפּשפּעטנדיקע איראָניע, מיט ביטול און גלייכגילטיקער, געצוימטער גרינגשעצונג. פון אָט־דעם בליק האָבן זיך ביים „אויסלענדער" אויפסניי אָנגעצונדן די בייזע פייער־לעך אין די אויגן, זיין רואיקע שטים איז געוואָרן אָנגעצויגן מיט שאַרפע טענעס פון פאָרוווּרף און צאָרן. ער האָט גערעדט וועגן יידישע ייִנגלעך אינעם אַמאָליקן וואַרשע, אין די אַמאָליקע שטעטלעך פון ווייטן פּוילן, וואָס האָבן אין די שבתדיקע נאָכמיטיקס שטודירט מאַרקסן און געווען די פּאַרגייער פון דער רויטער אַרמיי אין יענעם אָפּגעשטאַנענעם לאַנד. ער האָט גערעדט וועגן פּאַנען, וואָס מען האָט געניית אין די נעכט און פאַר־וואָרפן אין מיטן העלן טאָג אויף טעלעגראַפישע דראָטן, ער האָט גע־רעדט וועגן יונגע יאָרן וואָס האָבן געדאַרט און געקוואַרט אין די פּוילי־שע תפיסות, ער האָט גערעדט וועגן חורבן וואָס די נאַצישע באַנדיטן האָבן

געבראַכט מיט זיך, וועגן חרוב־געוואָרענע יידישע היימען, וועגן טויטן אומגעריכטע און לאַנגזאַמע, וועגן פּראָסטן און פּשוטן יידישן מענטש, וואָס איז שטענדיק געווען מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן אָט־דעם אַלעם, וואָס די דאָזיקע גראָע אַרמיי האָט אויף אירע פאָנען אויסגעשריבן, ער האָט לסוף גערעדט וועגן די יידישע יונגעלייט וואָס זענען מאָביליזירט געוואָרן אין דער רויטער אַרמיי און אָפּגעגעבן זייערע יונגע לעבנס, און צום שלוס האָט ער געשטעלט די פראַגע: פאַרוואָס זענען מיר נישט זוכה צו זיין סאָלדאַטן? פאַרוואָס וואַרפט מען אונדז אַרויס פון דער אַרמיי?

פאַמעלעך, פאַמעלעך איז די קאַלטע גלייכגילטיקייט פאַרשווונדן געוואָרן פון מאַיאָרס פּנים. ער האָט זיך איינגעהערט אַן אָנגעצויגענער און אויפמערקזאַמער אין אָט־דעם מבול פון ווערטער, און געשוויגן. פּלוצלינג איז אויך דער בחור אַנטשוויגן געוואָרן, און אין צימער איז העגגען געבליבן אַ קלינגענדיקע שטילקייט, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן פון צייט צו צייט נאָר מיטן קנאַקן פון די זאַפטיקע שטיקער האָלץ אין דער הרובע.

— דאָס איז אַלץ, וואָס דו האָסט געוואָלט?

— יאָ, אַלץ, אויסער דעם וואָס איך בעט אַ באַפעל, מען זאָל מיך צוריקשיקן אין פּאָלק.

— הם... — דאָס איז געווען דער גאַנצער ענטפער, און ווידער אַ שטילקייט.

— הער זיך איין — האָט דער מאַיאָר אָנגעהויבן נאָך אַ ווײַלע. ער האָט איצט געקוקט אין בחורס פּנים, ווי ער וואָלט געוואָלט אים אַריינקריכן מיטן בליק אין די סאַמע טיפסטע ווינקעלעך פון דער נשמה.

— הער זיך איין, אַזאַ באַפעל וועט נישט זיין, קאָנסט אַרבעטן, באַוועגן זיך פריי איבערן לאַנד, טון וואָס דו ווילסט אַבי צו זיין נוצלעך אַלס ציווילער, אָבער קיין סאָלדאַט וועסטו איצט נישט זיין. דאָס איז אַלץ, וואָס איך קאָן דיר ענטפערן. קאָנסט גיין. אָדער... וואַרט אַ ווײַל... אַנו, לאָז מיך זען דיין דאָקומענט!

ער האָט זיך לאַנג איינגעקוקט אין אויסגעשטרעקטן צו אים פּאַפּירל, און פּלוצלינג אָנגעהויבן רעדן פונדאָסניי, ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין:

— ...לעמבערג... מען האָט דיך מאָביליזירט אין לעמבערג... איך בין אויך געווען סטאַציאָנירט אין לעמבערג... איר אַלע האָט דאָרט זייער שיין געקענט רעדן... ראַטנפאַרבאַנד, נייע אָרדענונג, געטריישאַפט און נאָך אַזעלכע שיינע ווערטער... איך געדענק... אָבער דערנאָך, וואָס האָט זיך אַרויסגעלאָזט דערנאָך?... כ׳מיין ווען דער דייטש איז אָנגעקומען. מיינעם אַ חבר האָט מען דערשאָסן פון אַ פענצטער אַרויס, ווי אַ הונט. און וויפל אַנדערע זענען געפאַלן... נישט פון דייטשע קוילן — פון באַנ־דיטישע, פון לעמבערגער באַנדיטס קוילן... אָבער גאָרנישט, מיר וועלן זיך נאָך אָפּרעכענען... אויף אַלעם קומט אַ צייט... אַ נאַרישקייט אפשר געווען בכלל ווען מען עס איז פון דאָרט צו נעמען אין דער אַרמיי... גלויבסט איינעם און ער מאַכט דיר אָן שאָדנס פאַר טויזנט... און דער־נאָך — פאַרפאַלן... און איצטער דו — זאָגסט: יידן... קאָן זיין, אַז צווישן יידן זענען געווען ווייניקער סוואָלאָטשעס, אָבער קאָנסטו דען גאַראַנטירן פאַר אַלע? פאַר אַלע אָן אויסנאַם דאָרטיקע יידן?

זיין פראַגע האָט זיך אַ צי געטון פאַראויס צוזאַמען מיטן אָדערדיקן האַלדז ווי אַ שטעכיקער באַגנעט.

— ענטפער נישט. איך ווייס אַליין דעם ענטפער — האָט ער אַ זאָג געטון נאָך אַ ווײַלע.

ער האָט גענומען רעדן פונדאַסניי. ער האָט גערעדט וועגן סאָוועט־טישע שטעט, וואָס שטייען אַרומגערינגלט מיט דעם שונאס באַנדעס און האַלטן אָן זייערע פּאָזיציעס מיט ציין און נעגל. ער האָט גערעדט וועגן הונגער און נויט אין ווייטן לענינגראַד, וועגן קאַלכאָזן אָפּגעווישטע פון דער ערד, וועגן פאַרברענטע שטעט און דערפלעך, וועגן בלוט און בלוט און ווידעראַמאָל בלוט. און וועגן דער גרענעצלאָזער געטריישאַפט פון פּראָסטן און פּשוטן סאָוועטישן מענטשן האָט ער גערעדט, וועגן דעם גרויסן קאַמף וואָס ווערט געפירט און מוז געווינען ווערן. און דאָס וויכ־טיקסטע אין אָט־דעם קאַמף איז דיסציפּלין. אויב מען געטרויט נישט די אויסלענדער, מן־הסתם איז פאַראַן אַ סיבה דערצו, מן־הסתם האָט מען די זאַך דורכגעטראַכט, און נישט ער, דער מאַיאָר, איז דער, וואָס דאַרף אָט־די באַפעלן קאָנטראָלירן אָדער פאַריכטן. ווער עס וויל עפּעס טון, דער קאָן טון אין הינטערלאַנד אויך אַ נוצלעכע אַרבעט. אַזוי פיל פאַבריקן פאַראַן, אַזוי פיל ערטער וווּ מען וואַרט אויף אַרבעטס־הענט, און יעדע

האַנט אין הינטערלאַנד איז אַזוי וויכטיק ווי די האַנט אויפֿן פראָנט.

— ...פּאָלג מיך, פאָר אַוועק ערגעץ ווייטער — האָט ער פאַרענ־דיקט — דאָ וועט דיר זיין שווער. ערגעץ ווייטער וועסטו זיך איינאָרדע־נען. וועסט אַרבעטן. אָדער, אָט שאַפט זיך אַ פּוילישע אַרמיי, וועסטו גיין אין דער פּוילישער אַרמיי און אַזוי אַרום קעמפן קעגן די דייטשן... פונ־דאַנען וועט דיר אפשר זיין שווער צו פאָרן... זעץ דיך אויף אויף אַ דאַמ־פער און פאָר צו ביז צו סטאַלינגראַד... פון דאָרטן וועט דיר זיין לייכ־טער... און פאַרגעס נישט... מעלד זיך איין אין וואָיענקאָמאַט, אויב דו וועסט זיך שוין באַזעצן אויף אַן אָרט... אפשר וועט מען דיך נאָך אַ רוף טון... אפשר וועט זיין אַן אַנדער באַפעל... נו, זיי געזונט.

און ער האָט אויסגעשטרעקט צום בחור אַ ביינערדיקע ברייטע האַנט.

ראָסטאָווער גאַסן זענען פול געפּאַקט... נישטאָ קיין אָרט צו גיין מיט די טראָטואַרן. פון גאַנצן ניי־אַזאָווישן ראַיאָן זענען דאָ אַהער אָנגעקומען מחנות מיט פּליטים. די וואָקזאַלן און אַנדערע עפנטלעכע געביידעס זענען פול אָנגעפּראַפּט מיט די ניי־צוגעקומענע. אָבער אויך ראָסטאָווער הייבן שוין אָן זיך צו עוואַקויִרן. אויך פון דאַנען הייבט מען שוין אָן צו עוואַ־קויִרן אַ טייל פון די פאַבריקן צוזאַמען מיט דער קאָסטבאַרער מאַשי־נעריע און קוואַליפיצירטע אַרבעטער. נישט אַלע קראָמען אין דער שטאָט זענען אָפן, און די וואָס זענען נאָך אָפן געבליבן, זענען כמעט ווי אויס־געליידיקט. אויסער די פּליטים, איז די שטאָט פאַרפּלייצט מיט מילי־טער. רויטאַרמייער פון די פאָלקן וואָס זענען סטאַציאָנירט נישט ווייט פון דער שטאָט און וואַרטן אויף באַפעלן איבערגעטראָגן צו ווערן, אויס־געהיילטע פאַרוואונדעטע פון די שפּיטאָלן וואָס פאָרן צוריק צו זייערע פאָלקן, באַפרייטע אינוואַלידן מיט אַמפּוטירטע פיס און הענט, קאָמאַנ־דירן פון די פאַרזאָרגונגס־אָפּטיילונגען, וואָס זענען דאָ אַהערגעקומען צו דערליידיקן די ענינים פון זייערע פאָלקן. אַ געמיש פון מונדירן, אָפּציי־כענונגען, אוניפאָרמען. פּליער מיט העל־בלויע קענטלעך ביי די היטלען און בלאָע הויזן. טעכניש מיליטער אין די שוואַרצע אוניפאָרמען, פּיעכאָ־טע מיט רויטע לאַצן־אָפּצייכענונגען, מאַטראָסן אין טונקל־בלויע אוני־פאָרמען. עס דוכט זיך, אַז די וועלט איז איינגעטיילט בלויז אין צוויי קאַ־טעגאָריעס: מיליטער אין פאַרשידנפאַרביקע מונדירן און אַ גראָע, נאַ־מענלאָזע פאַרזאָרגטע מאַסע פון פּליטים.

די יידישע פליטים דערקענט מען באַלד. אַזוי פיל יאָרן אַוועק זייט עס איז אָפיציעל אָפּגעווישט געוואָרן די גרענעץ צווישן ייד און נישט־ייד און דאָך איז דער אונטערשיד פאַרבליבן, אַ טיף־איינגעוואָרצלטער, אַן אומאָפּמעקבאַרער, אַן אויבנאויפיקער. די זעלביקע שנעל־באַוועגלעכע פאַרזאָרגטקייט און פאַריאָגטקייט, די צעשראָקענע שוואַרצייט פון די אויגן, דער אומרו פון די צעפּלויגענע הענט־און־פּיס, דער האַרטער „רייש״ פון די יידן פון יענע קאַנטן, הגם קיינער אויסער די יידן רעדט נישט אַזוי. יידן שטייען קופקעס־ווייז אויף די וואָקזאַלן, פאַר די סטאַלאָווקעס, אין די גאַסן. מען באַראַט זיך, מען פרעגט זיך, מען זוכט אַן עצה. וווהין איז אַמ־בעסטן צו פאָרן? צי איז גלייכער צו פאָרן היינטערן אוראַל, צי גלייך קיין טורקעסטאַן? און וואָס מכוח קאַווקאַז? באַקאַנטע טרעפן זיך, מען פרעגט זיך אויף די זין, וואָס זענען אַוועק מיט דער רויטער אַרמיי אויפן פראָנט, צי קומען אָן בריוו? ניין, בריוו קומען נישט. זיי קומען זייער זעלטן. און איצט, אַז מען איז אַוועק פון די היימען, ווער מען שוין זיכער קיין בריוו נישט באַקומען. פראַגן קרייצן זיך אין דער לופטן, ווערטער לויפן הין און צוריק, בהלה שוועבט אַרום איבער די קעפּ. בלייבן קאָן מען נישט. בלייבן טאָר מען נישט. ווער, ווער, נאָר קיין יידן האָבן אוודאי נישט נאָך וואָס צו בלייבן. יידן וועלן זיכער אומקומען. און דאָך זענען אַ סך געבליבן, אָדער נישט באַוויזן, אָדער סתם גאָר נישט געוואָלט זיך רירן פון אָרט. צי האָבן זיי גוט געטון? ווער ווייסט, ווער ווייסט...

יידן קאָלכאָזניקעס שיילן זיך אַרויס פון דער מאַסע, זיי קומען פון די קרימער קאָלכאָזן, פון די קאָלכאָזן אין כערסאָנער קאַנט, פון אַנדערע קאַנטן לעבן שוואַרצן ים. זייער גאַנג איז אַ שווערער און פּויערישער, זייערע פּנימער זענען ברוין און ערדיש, זייערע פינגער זענען צעפּלאַצט און די דלאָניעס האַרט ווי שטיקער לעדער, זיי איז אַמשווערסטן אָנגעקומען צו שיידן זיך מיט די היימען זייערע, אָבער זיי האָבן געמוזט. זיי קומט אָן צום שווערסטן דאָס וואַנדערן איצט, דאָס לויפן און יאָגן, דאָס זוכן אַ שטיקל ברויט אין אַ בעקעריי, זיי — און זוכן ברויט, זיי וואָס ד'ערן קאָרן שמעקט נאָך פון זייערע בערד — דאַרפן איצט זוכן און אויסרייסן מיט טויזנטער קוויטלעך אַ ברייטל אין די בעקערייען. שווער, זייער שווער...

נישט אומזיסט האָט מען דעם דאָן אָנגערופן: שטילער. ער איז

שטיל דער דאָן און אַריינגעטון אין זיין אייגן טראַכטעניש און פאַרטרוימטקייט. דער „פּאַראַכאָד" וויגט זיך שטיל און מיט אַן איינגעהאַלטענעו' אומגעדולדיקייט. עס גלוסט זיך אים נישט צו שטיין אין איבערפולטן מיט מענטשן פּאָרט. ער וויל אַוועק פון דאַנען. דער גאַנצער אומרו פון די פארהאַוועטע פּליטים האָט זיך אַריינגעגאָסן אין אָט־דעם אומרואיקן וויגן זיך פונעם „פּאַראַכאָד" (דאַמפּער). עס פעלט אויס פּלעצער. מענטשן שטופּן זיך מיט צעטעלעך אין ביוראָ פון דער פאַרוואַלטונג פון פּאָרט. מען ברענגט קאָמאַנדיראָווקעס, שיינען, רעקאָמענדאַציעס. דער קאַפּיטאַן פונעם פּאַראַכאָד קוקט מיט זאָרג אויף דער וואָס־אַמאָל וואַקסנדיקער צאָל פון די פּאַסאַזשירן. די שיף צעפייפט זיך אומגעדולדיק און דורכדרינגלעך. די ווייסע פּאַרע הייבט זיך ביים פייפן מיט אַ שמאָלער הויכער פּאַלמע. פייגל הייבן זיך אויף פון די גראָזן און ענטפערן אָפּ מיט אַ געשריי. די שיף ציטערט פון דעם סאָפּען און דעכען פון די מאָטאָרן. דאָס הילצערנע דורכגאַנג־בריקל ווערט אַרויפגעצויגן. די שיף דרייט זיך אויס פּאַמעלעך און שפּילעוודיק און נעמט איר קורס אויף צפון. זי נעמט אָן שנעלקייט, די שיף, אָבער צו שנעל קאָן זי נישט גיין. עס איז קעגן שטראָם. דאָס צעשניטענע וואַסער צעוויגט זיך אין לאַנגע, געקייטלטע כוואַליעס, וואָס בערגלען זיך געמיטלעך, פאַרצויגענע בלויז אויף די קאַנטן מיט ווייסע זשאַבאָטן פון דינעם שוים. דער שטילער האַרבסטיקער זון־אונטערגאַנג צינדט אָן דעם שוים פון איין זייט מיט ראָזעווע פלעמעלעך. די כוואַליעס ווערן צעפלאָסענער גאָלד אונטערגעשלאָגן מיט טונקלבלוילעכן שטאָל. קופּעס וואַסער־גראָזן וויגן זיך אויף די כוואַליעס און דרייען זיך אויף איין אָרט ווי צוגעבונדענע צום דנאָ. די שיף איז אַרויס אין מיטן פון טייך. דער טייך טראָגט אַנטקעגן דער שיף זיין פאַרטרוימטע, געמיטלעכע רואיקייט.

די ברעגן פון דאָן ווייסן נישט אַז עס גייט אָן אַ מלחמה אויף דער וועלט. די פלאַכע סטעפּעס פוןביידע זייטן טייך אָטעמען מיט שטילקייט און רו. קיין דערפער זעט מען נישט אויף די ברעגן. פון צייט צו צייט באַווייזט זיך אַ פאַראיינזאַמטע כאַטע, אַ „כוטאָר" — אַן איבערבלייבעניש פון די אַמאָליקע קאָזאַקישע צייטן, ווען יעדער קאָזאַק איז געווען אַ מושל און אַ באַלעבאָס פאַר זיך. פון צייט צו צייט באַווייזט זיך פון צווישן די הויכע, ביי־ברעגישע גראָזן אַ שטאָלצער קאָפּ פון אַ קאָזאַ־

קיש פערד אויף אַ שלאַנקן האַלדז, מיט אויפגעשטעלטע אויערן, צעבלאָזענע נאָזדרעס און פלאַטערנדיקער גריווע. דאָס פערד קוקט זיך איין אין טייך, גיט אַ וויג מיט די אויערן הין און צוריק, צעהירזשעט זיך פלוצלינג מיט אַ טיפן ברוסטיקן: „ה...מ...מ...מ..!" און פאַרשווינדט. בלויז פונדערווייטנס טראָגט זיך אַ פאַרדעמפּט פויקן פון זיין ווייטן גאַלאָפּ.

די גראָזן, וואָס פון ביידע זייטן טייך, זענען גרין מיט יענער טיף־זאַפטיקער גרינקייט, וואָס דערמאָנט אָן פעטע, פאַמעלעך שפּרייזנדיקע קי. די גראָזן וויגן זיך פאַרוווּנדערטע און שטומע.

וואָס וויל די דאָזיקע שיף וואָס רייסט זיך מיטן וואַסער אַרויפצו צו? פאַרוואָס זענען די מענטשן אויפן דעק פון דער שיף אַזוי אומרואיק און צעטראָגן? צי דען ווייסן זיי נישט, אַז דאָס וואַסער איז אייביק געפלאָסן רואיק און שטיל, פליסט ווייטער און פליעסקעט, און וועט שוין אַזוי פליסן און פלאַפּלען לעולם־ועד? זיי שרעקן זיך פאַר דער מלחמה, די מענטשן אויף דער שיף, אָבער די גראָזן זענען רואיק און זיכער. אייבגעוואָרצלט זענען זיי אין אָט־דעם שטילן פלאַכלאַנד, איינגעליבט אין דער באַרעדעוודיקייט פונעם טייך און אין די שטילע ווינטלעך וואָס וויוועןאַרום איבער די ברעגן, אין די צעשטערנטע נעכט און ווייסע פאַרנאַכטיקע נעפּלען, אין פרימאָרגנס קלאָרע און דורכזיכטיקע, אין רעגנס דריבנע און לאַנגזאַמע, און אין שלאַקס־רעגנס פלוצלינגדיקע און קורצע, און עס אַרט זיי נישט די גראָזן, הלמאי מענטשן שווימען מיט דער שיף איבערן טייך, מיט אומרו און שרעק אין די אויגן. מענטשן זענען באַוועגלעך און צו קלוג אין זייער נאַרישקייט. גראָזן זענען איינגעוואַקסן אין דעם גוטער ערד, און פון איר ציען זיי זייער אייביקע שטילע חכמה.

די נאַכט פאַלט צו אַ טונקעלע און קילע. מענטשן גייען אַראָפּ פון דעק. מען שטופּט זיך צונויף און מען קוליעט זיך איין אַרום דעם געפּעק. פון קראַן וואָס לעבן גרויסן קעסל קאָן מען צו יעדער צייט אָנגיסן געקאָכט וואַסער — דעם אייביקן „קיפּיאַטאָק". קיפּיאַטאָק איז פּשוט וואַסער, נאָר ס'איז הייס און זודיק. דוכט זיך, אויף דער גאַנצער וועלט קאָכט מען אויף וואַסער, און גאָרנישט, אָבער רוסישער קיפּיאַטאָק איז אָן אַנדער זאַך, כאָטש ס'איז אויך נישט מער ווי פּשוט געזאָטן וואַסער. אינעם בלויזן וואָרט „קיפּיאַטאָק" פילט זיך שוין די אומרואיקייט פון זידן און קאָכן, און דער קראַן, וואָס שפּריצט מיטן הייסן וואַסער, אַ קראַן צו

װעלכן יעדער איינער קאָן צוגיין און נעמען איז אויך עפּעס אַזוינס, װאָס איז אייגנאַרטיק און סימבאָליש. דאָס הייסע װאַסער איז נישט בלויז װאַסער׳, עס איז אַלעמען אויסגעטיילטע װאַרעמקייט, עס איז װי מען װאָלט באַדויערט, װאָס מען קאָן נישט עפּענען קיין קראַן מיט טיי, אָבער כאָטש זאָל זיין דאָס, אַבי פּאַר אַלעמען. און ערשט די פייערלעכקייט מיט װעלכער מען װאַרפט אַריין אין אָט־דעם װאַסער די פּאַרטרוקנטע טיי־בלעטלעך, דאָס װאַרטן ביז דער קיפּיאַטאָק װערט ברוינלעך־גאָלדיק און שמעקנדיק־באַטעמט, דאָס זוכן אין די פּעקלעך און רענצעלעך אַ טיף־באַהאַלטן שטיקל צוקער אָדער צוקערקע, און ערשט דער זופּ, דער ערש־טער׳ מחיהדיקער׳, דערקוויקנדיקער זופּ, נאָך װעלכן עס קומט אַ ברייטער, טיפער׳, פון דער פולער ברוסט אַרויסגעזיפצטער: „א־א־א...‟ קליינע טראָ־פּעלעך שווייס באַווייזן זיך פון אָט דער טיי אויף די פּנימער, דאָס איז נישט קיין שווייס פון אַרבעט, דאָס שוויצט מען מיט נחת אַרויס דעם גע־בענטשטן קיפּיאַטאָק. מען שוויצט און מען איז זיך מחיה, מען שוויצט און מען האָט הנאה, מען שוויצט און ערשט דעמאָלט צעבינדן זיך די צינגען׳. די טיי איז דער שליסל צום דורכרעדן זיך, צום חברשן שמועס, צום אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן, צום דערציילן די פריידן און ליידן, צו צוגעלאָזנקייט, צו האַרציקייט.

מיט דער שיף פאָרן די יידישע קאָלכאָזניקעס, אַ טייל קלערן צו דערפאָרן ביז ביראָבידזשאַן. אפשר װעלן זיי אין סטאַלינגראַד קענען כאַפּן אַ באַן אַהינצו. אַ טייל קלערט װעגן אוראל. אַ טייל װעגן טורקעסטאַן. אַלע זוכן אַן אָרט װו צו קענען זיך אַריינקריגן אין אַ קאָלכאָז. די שטאָ־טישע יידן פירן מיט זיך שיינען און רעקאָמענדאַציעס. זיי זענען פאַר־זאָרגט די שטאָטישע, צי זיי װעלן קריגן אַזאַ אַרבעט, װי זיי װילן. קאָ־מאַשנשטעפּערס פרעגן זיך נאָך, אַװו איז פאַראַן אַ גרויסער צענטער פון שיך־פאַבריקן, פּאַרקויפער פון די קאָאָפּעראַטיװע קראָמען, באַאַמטע, בוכהאַלטערן — אָט די אַלע פרעגן שוין גאָרנישט. זיי װייסן, אַז זיי װעלן האָבן צרות מיט קריגן אַרבעט לויט זייער פּראָפעסיע, װו זיי זאָלן נאָר נישט קומען. קוואַליפיצירטע אַרבעטער זענען אויף אָט־דער שיף נישט בנמצא כמעט — אַזעלכע אַרבעטער האָט מען שוין לאַנג עוואַקו־אירט צוזאַמען מיט זייערע פאַבריקן. יידן־קאָלכאָזניקעס האָבן אַנדערע זאָרגן — אין טורקעסטאַן, האָט מען זיי דערציילט, איז די ערד־אַרבעט

פון אַן אַנדערן סאָרט. דאָרט קולטיווירט מען מערסטנטייל בוימוואָל, און זיי אַלע האָבן געאַרבעט אויף תבואה־פעלדער. אין ביראָבידזשאַן וועט מען ערשט דאַרפן אויסהאַקן וועלדער, און זיי די קאָלכאָזניקעס זענען מערסטנטייל אַלטע לייט, די יונגע זענען דאָך אַוועק צום פראָנט. מען טענהט זיך דורך, יעדער האָט אַן אַנדער ראיה, אַז עס איז נישט אַזוי ווי דער צווייטער זאָגט, און באַזונדערס, ווי דערלעבט מען שוין צו זיין אויף אַן אָרט, ווי דערלעבט מען שוין צו באַקומען עפּעס אַ שטיקל ווינקל מיט אַ בעט. די יידענעס מאַטערן זיך, די יונגע פרויען טראָגן זיך אַרום מיט די פּיצעלעך קינדער. זיי אַנטבלויזן אַלעמען אין די אויגן די ברוסטן און גיבן די קינדער צום זויגן. זיי דערציילן איינע די אַנדערע וועגן די מענער, וואָס זענען אַוועק מיט דער אַרמיי. זיי רעדן וועגן דעם ווי אַזוי די מענער זייערע האָבן געאַרבעט, וואָס פאַר אַ בריהס זיי זענען געווען, וואָס פאַר אַ בעלי־מלאכות זיי זענען געווען, גאָלדענע הענט — וואָס די אויגן זעען, באַשאַפן די פינגער, און ערשט זייער פאַרשטענדיקייט און ליבשאַפט, און ערשט זייערע רעדעס אויף די מיטינגען און פאַרזאַמלונגען, און פלוצלינג הייבט מען אָן דערציילן וואָס וועלכער מאַן האָט ליב געהאַט, דער האָט „געהאַט האָלד" וואַרעניקעס מיט קאַרטאָפל מיט צוגעברוינטע ציבעלעס... „מיינער — זאָלסט אים דערהרגענען, וועט ער קיין קאַשע נישט פאַרזוכן..." „איי, האָט דאָס מיינער ליב געהאַט קלוסקעס, אַן קלוסקעס איז ביי אים קיין וועטשערע נישט ווערט געווען, ער זאָל זי אָנרירן"... און מיינער... און מיינער... און מיינער... ווערטער קרייצן זיך אין דער לופטן, מען דערציילט וועגן דער אַרבעט און עס דוכט זיך, אַז דער קאָלכאָז זייערער שווימט ביי זייט מיט דער שיף, מען רעדט וועגן וואַרעניקעס און אין די ווערטער ציטערט די נישט־געשטילטע פויערישע ליידנשאַפט, מען שלעפּט אַרויס די בריוו, און פון די האַרטע שטיקער פּאַפּיר, באַשריבענע מיט אומגעלומפּערטע מאַזשגוילן, הייבן זיך הייסע נעפּלען פון ליבשאַפט און ציטער, פון יונג־ווייבערשע, ערדיש־פויערישע באַגערן, פון טיפער זאָרג און בענקשאַפט, און רייסן זיך אַרויס פון דער מיט שוויס און פאַרע דורכגעזאַפּטער שיף־אינגעווייד, אַרויס אין דער טונקעלער נאַכט אַריין, אַרויס צו די שטילע ווינטלעך וואָס קאַטשען זיך צווישן די גראָזן, אַרויס, ווייט צום גרויזאַמען, דונערנדיקן, מיט טויט און בלוט־דורכגענומענעם פראָנט.

באַנגען און וואָקזאַלן

דער דאָן און די וואָלגאַ טרעפֿן זיך ביי סטאַלינגראַד.ביידע טייכן טיילט אויף יענעם אָרט אָפּ נאָר אַ שמאָלער יבשה־פּאַס פֿון אַן ערך 60־70 קילאָמעטער. שמאָל איז ער אויף יענעם אָרט דער דאָן, ער נעמט ערשט אָן כוח און ברייטקייט בכדי זיך צו צעפֿליסן אַראָפּ־צו, אָבער די וואָלגאַ שטראָמט שוין מיט איר פֿולער, מעכטיקער, ברייט־צעגאָסענער רחבות. דערנענטערטע אויף יענעם אָרט, הייבן זיי זיך אָן פֿונאַנדערצו־גיין, בייגן אויס זייערע וועגן און נעמען אַרום מיט אַ קיילעכדיקער ליב־שאַפֿט דאָס גאַנצע פּלאַכלאַנד, קייקלענדיק די וואַסערן אין ביידע ימען — דער דאָן אין אַזאָווישן, און די וואָלגאַ אין קאַספּישן.

דער לעצטער אָפּשטעל פֿאַר די שיפֿן, וואָס זענען פֿון ראָסטאָוו געשוואומען אויף צפֿון מיטן דאָן איז געווען טאַקע אויף יענעם אָרט. אַ קליין שטעטעלע האָט זיך דאָרט צוגעטשעפּעט צום ברעג פֿון דאָן — דאָס שטעטעלע קאַלאַטש. אַ שמאָל־רעלסנדיקע באַן גייט אָפּ פֿון דאָרטן גלייך קיין סטאַלינגראַד, פֿון וואַנען עס ציען זיך שוין די באַן־ליניעס אין דער טיף און אין דער ברייט פֿונעם ווייטן און גראָען לאַנד.

אין קאַלאַטש האָט זיך קיינער לאַנג נישט פֿאַרהאַלטן, אָבער דאָך האָט דער ברעג געטומלט און געווימלט מיטן מענטשן־אָנגעלויף. דאָ איז עס געווען דאָס אָרט, ווו פּליטים האָבן שוין ענדלעך אָנגענומען אַ באַשלוס וווהין זיי ווילן פֿאָרן. דאָ איז מען געלעגן אויפֿן גרויסן ליידיקן פּלאַץ וואָסביים ברעג און אויסגעאַרבעט פּלענער פֿאַרן אָנקומענדיקן ווינטער. דאָ האָט מען געפּרווט צו פֿאַרזאָרגן זיך מיט אַביסל שפּייז אין ווייטערדיקן וועג אַריין. דאָ האָט מען אויך געקענט געוואָר ווערן וועגן דעם, וווהין און וויאַרום עס לוינט צו פֿאָרן. קיין סטאַלינגראַד פּלעגט מען שוין אָפּפֿאָרן מיט אַ פֿאַרטיקן באַשלוס.

פֿאַראַן אָבער אויך מענטשן, וואָס קענען שוין קיין שום באַשלוס נישט אָננעמען. איינמאָל אַרויסגעשטויסענע פֿון דער רואיקייט פֿון זייערע היימען, פֿון דעם נאָרמאַלן גאַנג פֿון איינגעזעסענעם לעבן, דערפֿילן זיי אין זייער בלוט דעם פֿאַרשיכורנדיקן געשמאַק פֿונעם וואַנדער אויף ווייטע, אומבאַקאַנטע וועגן, דעם אונטערבאַוווסטזיניקן דראַנג צו דעם נייעם, צום אומבאַקאַנטן, צו נייע שטעט, וועגן וועלכע זיי האָבן בלויז

געהערט, צו אומבאַקאַנטע מקומות, וועגן וועלכע זיי האָבן בלויז אַ פּאָר־נעפּלטע אנונג. ציט די ווייטקייט פון די וועגן און לאָקערט און רופט, וויקלט זיך אויס אינעם דמיון אַ סטענגע, וואָס דער צווייטער עק אירער ליגט אַ פאַרבאָרגענער אינעם פאַרנעפּלטן מאָרגן. שרעקט דער מאָרגן, אָבער ער רעגט אָן מיט נייגער, מיט דראַנג צו איבערלעבן, צו נייע, צאַפּל־דיקע אַנונגען, צו גרויער ווייטקייט.

סטאַלינגראַד ליגט אין דער הויך. די וואָלגאַ ליגט אַ ברייטע און זילבער־צעגלאַנצטע צופוסנס פון דער שטאָט. דער לינקער ברעג לאָזט זיך אַראָפּ צום טייך אַן אָפּגעהאַקטער, אַ האַסטיק־שיפּועדיקער. דאָס הויך־אַרויסגעהויבענע פלאַכלאַנד צווישן דעם דאָן און דער וואָלגאַ איז צע־פלאַצט און צעשפּאָלטן מיט הונדערטער יאַמעס, דורכגענג און צעריסע־נע שמאָלע טאָלן. אין אָט־די טאָלן און יאַמעס האָט זיך באַפעסטיקט אין זיבעצנטן יאָר די אַרמיי פון דער רעוואָלוציע, אָט־דאָ טאַקע, אין סטאַ־לינגראַד, וואָס האָט דעמאָלט נאָך געהייסן צאַריצין, האָט די רעוואָלוציע דערלאַנגט איינעם פון אירע דעצידירנדיקסטע קלעפּ דעם צאַראַט.

אויפן צווייטן ברעג איז דאָס לאַנד פלאַך און נידעריק. פון צווייטן ברעג קומט שוין דער אָטעם פון די ווייטע אַזיאַטישע סטעפּעס. איצטער קומט פון די סטעפּעס אויך דער אָטעם פונעם נאָענטן ווינטער. אין די פרימאָרגנס הייבן זיך אויף מילך־ווייסע געדיכטע נעפּלען און הילן איין די ווייטקייטן. ווינטן זאָגן אָן אַ בשורה: דער ווייסער בער וועקט זיך אי־בער און גלייכט אויס די פאַרשלאָפענע, מיט סאָפּליעס אייז באַהאָנגע־נע לאַפּעס, ער מרוקעט שוין דער ווינטער אין זיין באַהעלטעניש, פון זיי־נע ביינאַכטיקע גענעצן ווערט דער טוי אויף די דעכער פאַרפרוירן און צעשיט זיך ווי ווייסער שטויב. שטיל איז נאָך דאָ אַרום און אַרום, אָבער די דראָאונג הענגט שוין אין דער לופטן. עס הענגט דער אָנזאָג: דער גע־נעראַל פראָסט רופט שוין צונויף זיינע חילות.

עס דערנענטערט זיך דער יום־טוב פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. צי וועט זיין אַ מיליטערישער דורכמאַרש היי־יאָר אין מאָסקווע? די צייַ־טונגען דערציילן, אַז איבער מאָסקווע פליען די נאַצישע עראָפּלאַנען. אַז מאָסקווע ליגט שוין אין דער סאַמער נאָענטקייט פון שטאָלענעם דייטשן האַלב־רינג, וואָס האַלט זיך אין איין צונויפקוועטשן. צי וועלן די עראָ־פּלאַנען, צי וועלן די שראַפּנעלן, צי וועט דער געקנאַל פון דער אַרטי־

לעריע, צי וועט דער ליאַרעם פון נאָענטן פראָנט איבעררייסן די טראַ־
דיציע פון אָקטאָבער יום־טוב?

די וואָקזאַלן פון סטאַלינגראַד זענען איבערפולט מיט מענטשן, מיט
פליטים, מיט פרויען און קליינע קינדער, מיט מיליטער, מיט טראַנספּאָרטן
פון אַמוניציע און קריגסמאַטעריאַל. אין די געציילטע פּאַסאַזשיר־צוגן
קריגט מען נישט קיין בילעטן. פאַראַן בלויז אָרט אין די בהמה־וואַגאָנען,
אין ליידיקע וואַגאָנען וואָס גייען פון סטאַלינגראַד בכדי אָנצולאָדן זיך
מיט מענטשן און כוחות אויף די ווייטע סטאַנציעס פונעם הינטערלאַנד
און ברענגען עס צום פראָנט. אַהינצו דאַרף מען נישט קיין בילעטן. ווער
עס זיצט אינעווייניק פאָרט. מען ווייסט נאָר נישט וווהין ער פאָרט. דאָס
ווייסט קיינער נישט צו זאָגן. די צוגן דאַרפן אָפּגיין און ברענגען קריגס־
מאַטעריאַל. וווהין זיי דאַרפן אָפּגיין ווייסן בלויז די אויסגעשמירטע מאַ־
שיניסטן מיט די ווי פון אייזן־געגאָסענע פּנימער. און זיי רעדן גאָרנישט.
ווילסטו פאָרן — פאָר! וווהין? — איך ווייס נישט. ווי לאַנג פאָרט מען?
— איך ווייס נישט. און אויב עס קומט נאָך אַ פראַגע, באַקומט מען אַנ־
שטאט אַן ענטפער בלויז אַ בייזן מרוקע. אָבער מענטשן שרעקן זיך נישט
אָפּ. מען זעצט זיך אַריין אין די צוגן און מען וואַרט. מען וואַרט דער צוג
זאָל שוין אָפּגיין. מען וואַרט ער זאָל דערגיין. מען וואַרט ער זאָל זיך
שוין אָפּשטעלן. מען וואַרט ער זאָל שוין ווידער גיין. ווען דער צוג גייט
ווערט דאָס אייכטאָניקע קלימפּערן פון די רעדער אַ פאַרשלעפּערנדיקע
מוזיק, איבערגעריסן מיט אַקאָרדן פון הונגער און דורשט. ווען דער צוג
שטעלט זיך אָפּ, וואַקסט די אומרואיקייט אינעם המון וואָס קריכט אַרויס
פון די וואַגאָנעס און ברעכט אויס אין אַ צעררייצטן, אויפגעברויזטן גע־
פילדער. מען דאַרף גיין זוכן ברויט, מען דאַרף וואַסער. מאַכט זיך, מען
באַשליסט נישט צו גיין אין ערגעץ און מען בלייבט זיצן אויפן וואָקזאַל,
אָדער אין וואַגאָן, און דער צוג שטייט אָפּ גאַנצע צוויי צי דריי טעג.
מאַכט זיך, מען לויפט אַרויס בלויז אויף אַ האַלבע שעה, און ווען מען
קומט צוריק, איז דער צוג שוין נישטאָ. זיצט מען ווידער אויפן וואָקזאַל
און מען וואַרט אויף אַן אַנדערן צוג, אָבער דער אַנדערער פאָרט שוין איב־
גאַנצן אין אַ צווייטער ריכטונג. מען קוקט אָבער נישט דערויף, מען
פאָרט. עס ווערט אַלצאיינס, וווהין מען פאָרט, אַבי געפאָרן, אַבי אין
באַוועגונג, אַבי נישט דאָס וואַרטן אויף די סטאַנציעס.

אַ וואַגאָן איז אַ וועלט פאַר זיך. אַ וואַגאָן פאַרוואַנדלט זיך בשעתן פאָרן אין אַ קליינער רעפּובליק. שטענדיק געפינט זיך איינער, וואָס ער ווערט באַלד דער אומגעקרוינטער פירער פונעם וואַגאָן, וואָס גיט אַרויס באַפעלן, און וועמענס באַפעלן עס ווערן אויסגעפירט. אַ וואַגאָן ווערט אויך אַ קליינע משפחה. די בשותפותדיקייט פון די זעלבע הילצערנע, נישט־געהובליעוועטע וואַגאָן־ווענט דערנענטערן. עס דערנענטערט דאָס בשותפותדיקע פלאַגן זיך, דאָס מאַטערן זיך, דאָס געוויין פון יענעמס אַ קינד, אַ צוקערקע וואָס יענער דערלאַנגט. אַ האַלב ברייטל וואָס מען „טרעט־אָפּ“, וואָס מען באַרגט אויס איינער דעם אַנדערן. די קערפּער־לעכע וואַרעמקייט פון די צונויפגעדריקטע לייבער וועקט אויף אויך אַן אַנדערע וואַרעמקייט, אַ טיף־אינערלעכע, אַן אייגענע און האַרציקע. אַ מענטש פון אַ צווייטן וואַגאָן איז אויך נאָענט, אָבער שוין לגמרי אויף אַן אַנדערן אופן. אַ מענטשן פון דעם זעלבן וואַגאָן איז מער ווי נאָענט, ער איז אייגן, ער איז כמעט ווי אַ קרוב.

טיילמאָל מאַכט זיך, און אויף אַ סטאַנציע ווערט עמעצער פאַר־לוירן פון וואַגאָן אַרויס. יעדן איינעם דאַכט זיך, אַז עפּעס פעלט שוין איצטער אין וואַגאָן, און אויב עס איז אפילו אַריינגעקומען אַ נייער, דאַרף ער ערשט זיך אַריינוואַקסן אין דער אַרומיקער וואַרעמקייט, ער דאַרף ערשט זיך עפענען די הערצער, ער דאַרף ערשט באַווייזן, אַז ער איז ווערט צו ווערן אַן אייגענער. טיילמאָל מאַכט זיך, אַז אַ מאַן פאַרלירט אַ ווייב אויף אַ סטאַנציע, אַ טאַטע פאַרלירט אַ זון, אַ טאָכטער דער מאַ־מען. דער וואַגאָן טרייסט און גיט צו האָפענונג, דער וואַגאָן פרוווט אָפּ־ווישן די טרערן פון דעם גרויסן אומגליק פון וואַנדער און וואָגל. אָבער די טרערן איז נישט אַזוי לייכט אָפּצווווישן, נישט אַזוי לייכט איז צו טרייסטן. ווי אַזוי וועט מען שוין איצט געפינען איינער דעם אַנדערן, ביי וועלכן ברעג פון גרויסן ים דאַרף מען שוין זוכן דעם נאָענטן, מיט וועל־כע וועגן דאַרף מען גיין בכדי זיך ווידער אין יענעמס וועג אָנצושליסן. און ערשט דעמאָלט דערפילט מען די צייטווייליקייט פונעם וואַגאָן און די שטאַנדהאַפטיקייט פון דעם אַלעם, וואָס האָט צוגעבונדן צו יענעם וואָס איז אָקאָרשט פאַרשוווּנדן, און מען באַוויינט אים ווי אַ טויטן, מען קלאָגט ווי נאָך אַ מת, מען דערפילט די אייגענע איינזאַמקייט און פאַר־לאָרנקייט, און דער וואַגאָן בלייבט שוין דעמאָלט אומבאַהאָלפן. דער

וואַגאָן האָט שוין נישט מער קיין טרייסט, אויסער אַ וואָרט און אַ טרער פֿון מיטלייד און באַדויער.

אין וואַגאָן וואַקסט די דערנעענטערונג, אָבער דער וואָקזאַל איז דאָס אָרט ווו עס וואַקסט אויס די אָפּגעפרעמדקייט. אויף די וואָקזאַלן קאָן מען קריגן אַ טעלער זופּ, טיילמאָל אַ זעמל צי אַ ברייטל. אויב יענער וועט עס באַקומען, וועל איך עס נישט באַקומען. אויף די וואָקזאַלן זענען פאַראַן קראַנקע מיט וואַסער און „קיפּיאַטאָק“. אויב יענער וועט זיין דאַרט פאַר מיר, וועל איך אפשר נישט באַוויזן צו נעמען גאָרנישט, ווייל טאָמער צעפּייפט זיך דער צוג און מען מוז וואָס גיכער איינשטייגן. אויף די וואָקזאַלן וואַרט מען אויף צוגן. אויב יענער וועט פאַרכאַפּן אַן אָרט, וועט אפשר שוין פאַר מיר קיין פלאַץ נישט סטייען. אויף די וואָקזאַלן וואַקסן קנאה און שנאה, האַס און פרעמדקייט, בייזע בליקן און בלוט־פאַרלאָפענע אויגן. אין די רייען נאָך ברויט הייבן זיך צונויפגעדריקטע פויסטן, שפּריצן מיילער מיט שוים, קריכן עלנבויגנס אַריין אין די ריפּן. דער זעלבער מענטש וואָס וועט זיך אפשר שפּעטער אין וואַגאָן טיילן מיט דיר מיטן לעצטן ביסן זיינעם, אָבער איצט אין דער אָטשערעד, וועט ער דיר שפּרינגען אין די אויגן, אַ בייזער, אַן אויפגעקאָכטער, אַ פולער מיט רציחה און חיהשקייט. די וואָקזאַלן זענען פול מיט צעפלויגענע בליקן, מיט שטילן איינרוימען סודות וועגן אָנקומענדיקע און אַוועקגייענדיקע צוגן, מיטן אומרואיקן אַרומלויפן בכדי עפּעס צו פאַרקויפן פון זיך און איינהאַנדלען שפּייז, מיט שנאָרעריי, מיט נאָכגיין די קאָנדוקטאָרן און סטאַנציע־נאַטשאַלניקעס, מיט גנבה, מיט געשלעגן, מיט ווילדע קללות, מיטן גאַנצן שלעכטן און מיסטיקן שוים, וואָס די מלחמה ברענגט אַרויס אויף דער אויבערפלאַך פון די מענטשלעכע, פאַרפלאָגטע נשמות.

די צוגן מיט פּליטים האָבן אָפט געמוזט אָפּטרעטן דעם וועג פאַר אַנדערע צוגן, פאַר צוגן מיט מיליטער. פלעגט זיך מאַכן אויף אַ זייטיקער איין־רעלסיקער ליניע, און די סיגנאַלן פאַרהאַלטן דעם צוג מיט די פּליטים אויף אַ זאַפּאַסנעם רעלסן־אויסבויג, ביז וואַנען דער מיליטערישער צוג וועט דורכגיין. דער פּליטים־צוג שטייט ביי דער זייט און וואַרט הכנעהדיק און דערשראָקן. ער אָטעמט שווער, ער סאָפּעט דער צוג, ווי אַ בעטלער וואָס שטעלט זיך אָפּ כדי צו דערכאַפּן דעם אָטעם. אָפּטמאָל קומט אויס צו וואַרטן אַ טאָג אַ גאַנצן, ווייל מיט יענעם צוג, מיטן מי־

ליטערישן איז געשען עפּעס אַ מכשול. און ענדלעך קומט ער אָן און טראָגט זיך פאַרביי אַ מעכטיקער, אַ מאַיעסטעטישער, אַ דראָענדיק־צע־שריגענער. פון די פענצטער קוקן אַרויס ערנסטע רויטאַרמייאישע פּני־מער. זיי קוקן מיט באַדויער אויף דעם צוג פון הונגער און נויט, אויף די פּליטים, אויף די קליינע דורכגעפרוירענע קינדער. דער רויטאַרמייאישער בליק איז אַ בייז־פאַרוואָלקנטער, אַ דורכגענומענער מיט גליענדיקן האַס צום שונא, אַ פעסטער און אַן אַנטשלאָסענער.

עס מאַכט זיך, און אויף די וואָקזאַלן שטייען צוויי אַזעלכע צוגן איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן, און רויטאַרמייער קומען אַריבער צו כאַפּן אַ שמועס מיטן עולם. דאָנער קאָזאַקן מיט בלאָנדע קוטשמעס האָר, וואָס פאַלן אַפּער פון אונטער די פּאַפּאַכעס, אָרענבורגער קאָזאַקן מיט באַ־שליקס, אין טונקל בלאָע הויזן מיט רויטע פּאַסן לענגאויס די קאַנטן. די קאָזאַקן זענען געשלאָפן לעבן זייערע פערד אין די הילצערנע וואַגאָנעס און געוואַרעמט זיך הינטער פערדישן הייסן אָטעם. פּעכאָטע רעגימענטן, וואָס האָבן געאיילט צום פראָנט פון די ווייטע קאַנטן פון סאָוועטישן לאַנד. קרום־אויגיקע קירגיזן מיט פּלאַטשיקע נעז, זשוואַווע קליינע טורק־מענער, דאַרע אָדערדיקע קאַזאַכן, מאַנדל־אויגיקע אוזבעקן מיט שטאָלצע בליקן, באַשקירן, קאַלמיקן, יעגערס פון ווייטן אַלטייאישן לאַנד, פון די ברעגן פון די בייקאַל־אָזיערעס, באַרגלייט פון פּאַמיר, קאַרא־קאַלפּאַקן, קאַבאַרדינצעס, בוריאַטן, מאָנגאָלן. דער גאַנצער געמיש פון פעלקער און ראַסן, האָט געאיילט איצט אין די לאַנגע צוגן צום מאָסקווער פראָנט.

צוזאַמען מיט די וואַגאָנעס פון די שלאַכטלער, האָבן געאיילט אין דער ריכטונג פון מאָסקווע לאַנגע צוגן מיט קאַנאָנען, און אַנדערער קריגס־מאַטעריאַל. די פּיסקעס פון די האַרמאַטן זענען געווען באַדעקט, איבערגעצויגן מיט ברעזענטן, און פון די האַרט־אַרויסשטאַרצנדיקע עקן און קאַנטן האָט זיך סודותפול געטראָגן דער אָטעם פונעם טויט, וואָס מען האָט אין די ווייטע, הינטעראוראַלישע פאַבריקן צוגעגרייט און פאַר־גליווערט אין שטאָל און אין קופּער, פון טויט וואָס די רויטאַרמייאישע הענט דאַרפן מיט אייגן בלוט אַוועקלייגן פאַר די טויערן פון מאָסקווע.

נישט שטענדיק זענען די צוגן פול געווען מיט פרייוויליקע פּליטים. געווען אויך צוגן מיט עוואַקואירטע אויף אַ געצוווּנגענעם אופן. אויף דער צווייטער זייט פון דער שטאָט סאַראַטאָוו ליגט די שטאָט ענגעלס.

ביידע שטעט האָבן אויף זיך שטענדיק געקוקט פון ביידע זייטן וואָלגאַ. פּאַראַטאָוו איז אָבער געווען אַ רוסישע שטאָט און ענגעלס איז געווען די הויפּטשטאָט פון דער דייטשער וואָלגאַ־רעפּובליק. זינט יאָרהונדערטער זענען דאָרטן געזעסן די דייטשן און געבויט דערפער און ציכטיקע, ריין־צוגעראַמטע קאָלאָניעס. אונטער דער סאָוועטישער מאַכט האָבן זיי באַקומען די רעכט צו אַן אייגענער אויטאָנאָמער רעפּובליק מיט אַלע מאַכט־אָרגאַנען באַזעצט דורך דייטשן, מיט דער דייטשער לערן־שפּראַך אין די שולן, מיט געריכטן און אַמטן געפירט אין דייטש, מיט דייטשע אויפשריפטן אויף די וואָקזאַלן און אין ראָגן פון די גאַסן. די סאָוועטישע מאַכט האָט זיך אָבער נישט געקענט דערלויבן דעם לוקסוס פון צוטרוי. דער ביישפּיל פון דייטשע פאַראַטן אין פּוילן, אין פראַנצויזישן עלזאַס־לאָטרינגען, אין די סודעטן, איז געווען אַ וואָרענונג, אַ שטרענגע און אַ האַרבע. און שטרענג און האַרב איז געווען אויך דער מאָסמיטל. אַכט הונדערט טויזנט דייטשן האָבן געוווינט אויף די געביטן פון דער דייטשער רעפּובליק. די גאַנצע רעפּובליק האָט מען אויפגעלאָדן אויף צוגן און אַוועקגעפירט ווייט הינטערן אוראַל. די דייטש־וואָלגאַ רעפּובליק איז שטיין געבליבן אַן אויסגעליידיקטע, און די דייטשע אויפשריפטן האָבן געחוזקט פון שונא, וואָס האָט געהאָפט דאָ צו געפינען פאַרבינדעטע.

דער ווינטער האָט זיך געגעבן אַ רוק אָן און אַרויפגעלייגט זיך אויפן לאַנד מיט דער גאַנצער שווערער מאַסע פונעם שניי־צודעק. צוזאַמען מיט די פאָלקן וואָס האָבן געשטראָמט קיין מאָסקווע, זענען פון די ווייטע טיפענישן פון הינטער־אוראַלישן לאַנד אָנגעקומען שנייען און זאַווערוכעס. דער אויסגעפרוווטער פאַרבינדעטער פון דער „מאַמעלע רוסלאַנד" דער „גענעראַל מאָראָז" האָט אָנגעזאָטלט די שווערע גראָע וואָלקנס און געצויגן אויף מערב מיט ווינטיקע, שטורעמדיקע רעגימענטן, שיקנדיק פאָראויס זיין קאַלטן פאַרגליווערטן אָטעם.

אין מאָסקווע האָט מען דעם אָקטאָבער־יום־טוב יאָ געפייערט. די פאָלקן האָבן אין פולער קאַמפּס־גרייטקייט דורכגעמאַרשירט אויפן רויטן פלאַץ. זיי זענען נישט געווען אָנגעטון אין די יום־טובדיקע מונדירן. זיי זענען געווען גרייט צום שלאַכט און אָנגעטון ווי צום שלאַכט. די מיקראָפאָנען האָבן דערטראָגן צו זיי דאָס וואָרט פון סטאַלינען, וואָס האָט זיי באַגלייט צום פראָנט. זיי זענען אַוועק צום פראָנט גלייך פון פאַראַד.

גענעראַל וולאַדיסלאַוו שיקאָרסקי

דעם 30טן יולי 1941, פינף וואָכן נאָכן באַנדיטישן נאַכטיקן איבערפאַל פון די נאַצישע חילות אויף די סאָוועטישע גרענעצן, זענען באַנייט געוואָרן די דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען צווישן דער אַ״ג „פּאָלסקאַ ראַדאַ נאַראָדאָוואַ״ (פּוילישער נאַציאָנאַלער ראַט) און דער ראַטנמאַכט. די פאַרשטענדיקונג איז געווען אַ פּראָוויזאָרישע און געקומען איז מען דעמאָלט בלויז צו אַ הסכם, אַז די ראַטנמאַכט אָנערקענט די נויטווענדיקייט פון דער עקזיסטענץ פון אַ פרייער פּוילישער רעפּובליק, מיט וועלכער עס וועלן אָנגעהאַלטן ווערן פריינטלעכע באַציאונגען און אַלס ערשטער שריט צו דערגרייכן אָט־דעם ציל וועט די ראַטנמאַכט געבן איר פולע שטיצע צום ווערק פון ווידעראויפבוי פון דער פּוילישער אַרמיי, וואָס זאָל אָרגאַניזירט ווערן פון פּאָליאַקן, וועלכע געפינען זיך אויף דער סאָוועטישער טעריטאָריע. די דאָזיקע אַרמיי, נאָכן אויסשולן און באַוואָפענונג, זאָל קעמפן זייט ביי זייט מיט דער סאָוועטישער און ווען עס וועט קומען דער זיג, זאָל זי זיין דער קערן פון דער נייער פּוילישער אַרמיי אויף דער ערד פון אַ נייעם באַפרייטן פוילן.

אַזוי האָט פיל ווייניק אויסגעזען דער אָפּמאַך, און די צייטונגען האָבן אָפּגעדרוקט לאַנגע אַרטיקלען און קאָמוניקאַטן וועגן דער טראַדיציאָנעלער פריינטשאַפט פון פּאָליאַקן און רוסן, וועגן דער נאַטורעלער, זעלבסטפאַרשטענדלעכער ליבע, מיט וועלכער עס זענען צו זיך דורכגעדרונגען אַלע סלאַווישע פעלקער, וועגן דעם גרויסן אָפּקלאַנג וואָס דער דאָזיקער אָפּמאַך וועט אַרויסרופן אין די מאַסן פונעם פּוילישן פאָלק און וועגן אַ נייעם בלאַט, וואָס ווערט מיט אָט דעם אָפּמאַך אַריינגעשריבן אין דער געשיכטע פונעם רוסישן און פּוילישן פאָלק. פאַרבליבן איז איצט בלויז די דאָזיקע פאַרשטענדיקונג צו פאַרווירקלעכן, דאָס הייסט שאַפן די פּוילישע אַרמיי. לייכט אָבער איז עס נאָר אויסגעקומען אויף די שפּאַלטן פון די צייטונגען. אמת, פּאָליאַקן זענען אין ראַטנפאַרבאַנד געווען אַ סך, זייער אַ סך, אָבער כמעט 90 פּראָצענט פון זיי זענען געווען אין די לאַגערן, תפיסות און אויף פאַרשיקונגען. די אַרמיי האָט געזאָלט זיין אַ פרייוויליקע, און בכדי איינער זאָל קענען פרייוויליק אַריינטרעטן אין אַן אַרמיי, מוז ער קודם־כל זיין פריי אַליין, און דאָס איז עס געווען דער

ערשטער רעזולטאַט פֿונעם אונטערגעשריבענעם פּריינטשאַפּטס־אָפּמאַך.

פֿון קרעמל זענען דאַן אַוועק לאַנגע טעלעגראַמעס מיט גענויע אינ־סטרוקציעס אין די ווייטע צפֿונדיקע קאַנטן פֿון אַרכאַנגעלסק ביז צו דער ווייט־מיזרחדיקער קאַמטשאַטקאַ. עס זענען אַוועק באַפֿעלן אין באַשנייטן אַרכאַנגעלסקער לאַנד, צו די פֿלאַכע טונדרעס פֿון דער קאָמי־רעפּובליק, צו די ברעגן פֿונעם סיבירער טייך לענאַ, צו די ווילדענישן אויף צפֿון פֿון טאָמסק און אירקוטסק, אין די טיפֿענישן פֿון די אוראַלטע וועלדער, אין די טייגעס, אין אַלע אַרבעטס־לאַגערן. די אינסטרוקציעס האָבן באַפֿוילן תיכּף צו באַפֿרייען אַלע געוועזענע בירגער פֿון דער פּוילישער רעפּובליק, אויסצוצאָלן זיי זייערע פֿאַרדינסטן און געבן זיי פֿרייע הענט צו טון וואָס זיי ווילן: אָדער פֿאַרבלייבן אויפֿן אָרט און ווייטער אַרבעטן אַלס פֿרייע בירגער, אָדער אַוועקפֿאָרן און באַזעצן זיך ערגעץ אַנדערש און ווער עס וויל און וועט ווערן אָנערקענט אַלס פּעאיקער צו מיליטער־דינסט, קאָן אַריינטרעטן אין דער נייער פּוילישער אַרמיי.

אין די לאַגערן האָט זיך אַ קאָך געטון. מען האָט צוגעגרייט לאַנגע רשימות פֿון די געוועזענע פּוילישע בירגער, מען האָט גערעכנט און גע־חשבונט וויפֿל עס קומט זיי אַרויס, מען האָט אויסגעשטעלט יעדן איינעם אַן „אודאָסטאָווערעניע" (באַשייניקונג), אַז אויפֿן סמך פֿון דעם „אוקאַז" (דעקרעט) פֿונעם „ווערכאָוונע סאָוועט", נומער דער און דער, ווערט דער פֿאַרשיקטער אַלס פּוילישער בירגער באַפֿרייט פֿון זיין פֿאַרשיקונג און אַמנעסטירט, מען האָט צונויפֿגעזאַמלט די באַפֿרייטע און געגעבן זיי צו פֿאַרשטיין, אַז די ראַטנמאַכט שענקט זיי די שטראָף פֿאַר זייערע חטאים, אַז זיי דאַרפֿן וויסן ווי אַזוי דאָס אָפּצושאַצן און אַנשטרענגען אַלע כּוחות, ווער אין הינטערלאַנד און ווער אויפֿן פֿראָנט, צו באַזיגן דעם געמיינ־זאַמען שונא פֿוןביידע פֿעלקער, פֿון דער גאַנצער סלאַווישער פֿעלקער־משפּחה, פֿון דער גאַנצער מענטשהייט — דעם בלוטיקן נאַציסטישן רוצח. די פּאָליאַקן האָבן מיט פֿאַרדאַכט אויסגעהערט די רעדעס, געקוקט מיט פֿינצטערע בליקן אויף די רעדנערס און געוואַרט אויפֿן טאָג ווען די פֿרייהייט וועט קומען טאַקע אויף אַן אמת, און ווען דער דאַזיקער טאָג איז טאַקע געקומען האָט זיך זייער ווילדע, אומבאַצוימטע פֿרייד אויס־געגאָסן אין אויסגעשרייען, אומאַרמונגען, אין פּאַכען משוגענערווייז מיט די הענט און אין ווילדן אַרומלויפֿן איבערן ריזיקן פּלאַץ, וואָס פֿאַר די

הילצערנע באַראַקן זייערע. ביים אויסצאָלן דאָס אָפּגעשפּאָרטע געהאַלט האָט מען יעדן איינעם פון זיי פאַרגעלייגט, ער זאָל בלייבן און אַרבעטן אַלס פרייער מענטש לויט אַן איינגעשטעלטן לוין, אַ פיל העכערן ווי דער ביז־איצטיקער און מיט אַלע רעכטן פון פרייע בירגער, אָבער זיי האָבן בלויז געשמייכלט און גערדרייט מיט די קעפּ, די פּאַליאַקן, גערדרייט די וואָנצעס און געפרעגט אויפן וועג צום צוג, צו אַ שיף, צו וואָס עס זאָל נישט זיין אַבי אַרויס, אַבי ווייטער פון אָט־די ערטער.

וואָכן און מאָנאַטן זענען דורכגעגאַנגען און פון צפון האָבן אַלץ גע־האַלטן אין איין שטראָמען די המונים פון באַפרייטע. זיי פלעגן פאָרן פאַרנעמענדיק גאַנצע צוגן, געפירטע פון אויסגעקליבענע אין וועג עלטס־טע, וואָס האָבן געצויגן צו די ווערביר־פּונקטן פון דער אַרמיי. איבער די צוגן האָבן געפלאַטערט די פּוילישע ווייס־רויטע פאָנען, צעריסענע פונעם שנעלן געלויף פון די באַנען אין די האַרבסטיקע און ווינטערדיקע ווינטן. פון די וואַגאָנען האָבן זיך געטראָגן איבער די פליינען פּוילישע זעלנערי־שע לידער און איינגעזונקען אין דער פּראָסטיקער, ווייס־באַשנייטער רו־סישער נאַכט אַריין. אויף די וואקזאַלן פלעגן אָט־די צוגן אַרויסרופן אַ מהומה צוליב דעם געפילדער זייערן, צוליב די פרעמד־שפּראַכיקע לידער און געשרייען, צוליב דער חוצפּה און טראָציקייט פון די פּאַסאַזשירן, און לסוף צוליב די פרעמדע פאָנען איבער זיי, וועלכע דער סאָוועטישער מענטש איז נישט געווען צוגעוווינט צו זען. אויף די וואָקזאַלן האָבן טייל־מאָל געוואַרט אויף אָט־די צוגן טאָקע, ספּעציעל אַראָפּגעקומענע מיסיעס פונעם פּוילישן רויטן קרייץ, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט דער פאַר־זאָרגונג פון שפּייז, באַקליידונג און אַנדערע זאַכן.

אין קויבישעוו האָט זיך באַזעצט אַ שטענדיקע פּוילישע געזאַנד־שאַפט. די לאָנדאָנער פּראָוויזאָרישע רעגירונג, אַן „אויסגעווײלטע" דורך דעם שוין אויבן־דערמאָנטן נאַציאָנאַלן־ראַט, האָט אַראָפּגעשיקט דאָ אַהער איר שטענדיקן פאַרטרעטער. אויף די קויבישעווער גאַסן האָבן זיך באַוויזן אויסגעפּיאַצקעטע פּוילישע אָפיצירלעך, מיט קאָקעטיש אַראָפּגע־רוקטע אָן אַ זייט פירשפּיציקע היטלען, באַנייטע מיט זילבער און מיט אַ ווייסן אויסגעבלאַנקעווען אָדלער פון פאָרנט. זיי האָבן געקלונגען אין דער פּראָסטיקער לופט מיט די שפּאָרנס, וואָס זענען געווען צוגעטשע־פּעט צו די אויסגעפוצטע אָפיצירישע שטיוול זייערע, מאַרשירט איבער

די גאַסן חוצפּהדיק־שטאָלץ ווי די הענער, און געקוקט אויף די דורכ־גייער פון אויבן־אַראָפּ. קוקנדיק אויף זיי האָט זיך געקענט אויסדוכטן, אַז זיי זענען נישט קיין אָפיצירן פון אַן אַרמיי וואָס קלייבט זיך ערשט צו אָרגאַניזירן און וועט קעמפן אפשר אין אַ צייט אַרום, נאָר פון אַן אַר־מיי וואָס האָט שוין באַוויזן העלדישקייטן אויף דער מלחמה. די מיליטע־רישע אַטאַשעס פון אַנדערע לענדער האָבן מיט אַ באַהאַלטענעם איראָ־נישן שמייכעלע געקוקט אויף די אָנגעדראָדלטע פּוילישע „קאָלעגן" זייע־רע, אויף זייער גאַנג, אויף זייערע מעדאַלן, וועלכע זיי האָבן באַקומען אין פּוילן נאָך, זעלבסטפאַרשטענדלעך אין פרידנסצייט, אויף דעם הע־נעריש־מחוצפדיקן אופן פון זייער באַנעמען זיך און האַלטונג. זיי זענען פול געווען אין אַלע רעסטאָראַנען, געהוליעט אין די נאַכט־לאָקאַלן, וואָס מען האָט דאָ ספּעציעל איינגעאָרדנט פאַר די דיפּלאָמאַטישע פער־סאָנאַלן פון די געזאַנדשאַפטן, און אָנגעקוקט אַלעמען מיט אַזאַ בליק, ווי זיי וואָלטן אַ טובה געטון דער וועלט וואָס זיי באַווייזן צו טרעטן מיט זייערע „שליאַכעצקע" פיס אויף דער כאַמסקער, סאָוועטישער ערד.

אין אָנהויב דעצעמבער האָט זיך איבער קויבישעוו פאַרשפּרייט די ידיעה אַז קיין מאָסקווע איז אַראָפּגעקומען פון אויסלאַנד גענעראַל שי־קאָרסקי. דער אויסלענדישער קאָרפּוס פון די דיפּלאָמאַטן און זייערע שטאַבן איז שוין לאַנג געווען עוואַקואירט פון מאָסקווע קיין קויבישעוו. אין קויבישעוו איז איצט געווען די גאַנצע סאָוועטישע רעגירונג. אין קוי־בישעוו האָט זיך אויך געפונען דער „נאַרקאָמינדיעל" (נאַראָדני קאָמי־סאַריאַט אינאָסטראַננייך דיעל" — אויסערן־מיניסטעריום). אין מאָסקווע איז פאַרבליבן בלויז די באַפעלקערונג וואָס האָט זיך אַנטשלאָסן אַנטייל־צונעמען אַליין אין דער פאַרטיידיקונג פון דער רויטער הויפּטשטאָט. אין און אַרום מאָסקווע האָט זיך געפונען דער אָפּגעקליבענער אַוואַנגאַרד פון דער רויטער אַרמיי. אָבער אין מאָסקווע איז געווען נאָך עמעצער. אין מאָסקווע האָט געוואַכט איבערן גאַנג פון דער פאַרטיידיקונג סטאַלין, וועלכער האָט דאָרט אויך אויפגענומען אויסלענדישע דיפּלאָמאַטן, אויב ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן וויכטיקע ענינים. אויב גענעראַל שיקאָרסקי איז אַרויסגעפאָרן קיין מאָסקווע, האָט דאָס אַליין אויך צוגעגעבן אַ ספּע־ציעלע וואָגיקייט און וויכטיקייט זיין באַזוך אין ראַטנפאַרבאַנד.

גענעראַל שיקאָרסקי האָט אין פּוילן געהערט צו דער אַ"ג „נאַציאָ־

נאָל דעמאָקראַטישער פּאַרטיי״; אָדער ווי מען האָט זיי גערופן אין גאַס „ענדעקעס״. דאָס איז געווען די פּאַרטיי פון דער פּוילישער בירגערלע־כער, שטאָטישער רעאַקציע און שוואַרץ־מאהניקעס. אין די אַמאָליקע צייטן נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די דאָזיקע פּאַרטיי גע־שטאַנען אויפן פּלאַטפאָרם פון מיטאַרבעט מיטן צאַראַט.

אין צייט פון ערשטן וועלט־קריג האָבן זיי זיך אַנטקעגנגעשטעלט פּילסודסקיס פּראָ־דייטשער און פּראָ־עסטרייכישער פּאָליטיק, און אַלס ענטפער אויף פּילסודסקיס לעגיאָנען וואָס האָבן געקעמפט האַנט ביי האַנט מיט די „צענטראַלע״ מלוכות, האָבן זיי געשאַפן אַ פּוילישן לעגיאָן, אַן אַנדערן, אַ פאַרבינדעטן פון דער צאַרישער רוסישער אַרמיי. זייער פּראָ־רוסישע שטעלונג האָט זיך שנעל געביטן ווען איבער רוסלאַנד האָט זיך צעפלאַטערט די רויטע פאָן, און כאָטש זיי האָבן שטילערהייט אונ־טערגעשטיצט פון פּילסודסקיס טרוימען וועגן אַ פּוילן „פון ים צו ים״ (פון באַלטישן ים ביז צום שוואַרצן ים) דאָך האָבן זיי מיט פרייד אויפ־גענומען די מלחמה קעגן ראַטנפאַרבאַנד אין צוואַנציקסטן יאָר. אַרויס־געשטויסענע פון דער מאַכט, דורך פּילסודסקיס פּוטש אין יאָר 1926, האָבן זיי זיך געשפּילט אין אָפּאָזיציע די גאַנצע צייט ביזן יאָר 1939. אָבער איין שטריך איז פאַרבליבן אין זייער פּאָליטיק פון די אַמאָליקע יאָרן, נאָך פון די צאַרישע צייטן — די נייגונג צו פּאַנסלאַוויזם. זייערע אויסגאַבן זענען שטענדיק פול געווען מיט אַנטידייטשע אַרטיקלען און מיט דער נויטווענדיקייט פון איינשטעלן אַ פראָנט פון אַלע סלאַווישע פעלקער אַנטקעגן דעם דייטשן געפאַר. די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט צו־נישט געמאַכט זייערע פּלענער אין צייט פון ערשטן וועלט־קריג און זיי האָבן געהאַפּט, אויף אַן איבערקערעניש אין רוסלאַנד אי אַלס ר'עאַקציאָ־נערן און שוואַרצמאהניקעס און אי אַלס פּאָליטיקער פון דער אַ״ג פּאַנ־סלאַווישער אָריענטאַציע. דער דאָזיקער שטריך האָט זיך אין די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה אָנגעהויבן צו פאַרווישן. זיי האָבן דערזען אין נאַציִשן דייטשלאַנד אַ נאַטירלעך פאַרבינדעטן קעגן דער „רויטער געפאַר״, אָבער איצט, ווען פּוילן איז שוין געווען אונטערן דייטשן שטיוול און די רעגירונגען פון מערב זענען געוואָרן אַליאירטע פון דער סאָוועטישער מלוכה, האָבן פּלוצלינג אויפגעטויכט פון צווישן זיי די פּאָליטיקער מיט אַ דעצידירטער פּראָ־סלאַווישער און אַנטי־דייטשער ליניע. איינער פון זיי

איז געווען דער איצטיקער שעף פון דער פוילישער רעגירונג, גענ. שיקאָרסקי.

ער איז אויך געווען איינער פון די בעסטע מיליטערישע ספּעציאַ־ליסטן, וואָס פּוילן האָט פאַרמאָגט. זיינע מיליטערישע האַנטביכער האָבן באַקומען אַ שם איבער די גענעראַל־שטאָבן פון גאָר דער וועלט. אין די סאָוועטישע מיליטערישע אַקאַדעמיעס האָט מען נאָך פאַר דער מלחמה איינגעשטודירט אין די אָפּטיילונגען פון די טאַנקן־קאָמאַנדירן שיקאָרס־קיס לערנביכער. אין 1940 האָט דער פראַנצויזישער גענעראַל־שטאָב שלעכט זיך באַגאַנגען מיט שיקאָרסקין, נישט ווילנדיק זיך צוהערן צו זיינע עצות. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז געווען גערעכט, אָבער עס איז שוין געווען נאָך אַלעם. ער איז אַוועק קיין לאָנדאָן און דאָרט זיך געשטעלט אין שפּיץ פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג. איצ־טער איז ער אַראָפּגעקומען קיין ראַטנפאַרבאַנד און איז אַרויסגערופן גע־וואָרן גלייך קיין מאָסקווע.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט זיך אין די צייטונגען באַוויזן סטאַ־לינס בילד צוזאַמען מיט שיקאָרסקין ביים אונטערשרייבן דעם אָפּמאַך צווישן ראַטנפאַרבאַנד און דער נייער פּוילישער רעפּובליק, וואָס איר טעריטאָריע איז נאָך דערוויל געלעגן אונטערן ברוינעם שטיוול. דער אָפּ־מאַך האָט פאַראויסגעזען קעגנזייטיקע הילף אין פאַל פון אַ מלחמה, לאָגיאָריקע פריינטשאַפט און דאָס אַרויסטרעטן פון ביידע צדדים אין קריג אפילו ווען איין צד האָט באַדראָטע גרענעצן. אָבער אין אָפּמאַך האָט געפעלט אַ קלייניקייט: דהינו, ווי אַזוי וועלן זיי דאָס אויסזען די קינפטיקע גרענעצן פון דער פּוילישער נייער מדינה. די פּאָליאַקן אין קוי־בישעוו האָבן געטענהט, אַז עס איז איבעריק וועגן דעם צו שרייבן, ווייל די מזרח־גרענעצן פון פּוילן וועלן בלייבן די זעלבע, וואָס ביז דער מל־חמה און וואָס שייך די מערב־גרענעצן קענען זיי בלויז ווערן פאַרגרע־סערט אויף דייטשלאַנדס חשבון, אָבער איצטער שוין רעדן וועגן דעם איז פריצייטיק. אָבער עס זענען פאַראַן געווען מענטשן אין קויבישעוו, וועל־כע האָבן געוווסט צו דערציילן, אַז די מעשה איז גאָר נישט אַזוי פּשוט. אמת, עס איז טאַקע פריצייטיק צו רעדן וועגן די גרענעצן פון פּוילן מיט דייטשלאַנד, אָבער וועגן די גרענעצן פון פּוילן מיט רוסלאַנד איז נישט אַזוי פריצייטיק און שיקאָרסקי האָט דווקא יאָ געוואָלט רעדן דערוועגן. ער האָט געהאָפט, שיקאָרסקי, אַרויסצוקריגן קאָנקרעטע הבטחות וועגן

אָט־די גרענעצן טאָקע, אָבער מען האָט מיט אים נישט געוואָלט אָט־די פּראָגע באַרירן. די סאָוועטישע רעגירונג האָט זיך געהאַלטן ביי דער מיי־נונג, אַז דער פּראָבלעם איז אַ גאַנץ קאָמפּליצירטער, און עס איז איצט נישטאָ קיין צייט אים גרינטלעך דורכצושטודירן. אויך האָבן אָנגעהויבן אַרומגיין קלאַנגען וועגן דעם, אַז שיקאָרסקי האָט פאַרלאַנגט די דערלויבעניש פון דער סאָוועטישער רעגירונג, אַז די ניי־געשאַפענע פּוילישע אַרמיי זאָל קענען אַריבער צום נאָענטן מזרח און דאָרט אַרונטער אונטער דער ענגלישער קאָמאַנדע און פון זיי, פון די ענגלענדער באַקומען איר באַוואָפענונג און אויסשטאַטונג. שיקאָרסקי זאָל דאָס האָבן מאָטיווירט דערמיט, וואָס די רויטע אַרמיי האָט אַליין שוועריקייטן מיטן באַשפּייזן און אויסהאַלטן אירע סאָלדאַטן, און די נייע פּוילישע אַרמיי וועט פאַלן צו לאַסט. מען האָט דערויף קיין ענטפער נישט געגעבן, אַלנפאַלס, איז די פראַגע געבליבן הענגען אין דער לופטן. אויך האָט מען אויך געזאָלט באַרירן די פראַגע פון די יידן. געוועזן זשורנאַליסטן, וואָס האָבן דער־ציילט, אַז בשעת מען האָט באַהאַנדלט דעם פּראָבלעם פון די פּוילישע יידן איז געקומען צו אַ שאַרפן אינצידענט. די פּאָליאַקן האָבן רעדנדיק רוסיש באַנוצט דאָס וואָרט „זשיד" פאַר „ייד". אויף פּויליש איז עס טאָקע דער נאָרמאַלער אויסדרוק צו באַצייכענען אַ ייד, אָבער אויף רו־סיש איז עס דער אויסדרוק: „יעווריי", און „זשיד" ווערט באַטראַכט פאַר אַ זידלוואָרט. באַנוצן אַ זידלוואָרט וואָס איז געווענדט קעגן אַ גאַנץ פאָלק איז אַ פאַרברעכן, וואָס איז דייטלעך פאָראויסגעזען אין דער סאָוועטי־שער קאָנסטיטוציע און מען קאָן ווערן דערפאַר באַשטראָפט אין ראַטנ־פאַרבאַנד מיט איין ביז פינף יאָר תפיסה. סטאַלין האָט געזאָלט זיך האָבן אָנגעבייזערט אויף די פּאָליאַקן פאַרן באַנוצן דאָס וואָרט „זשיד" אין געשפּרעך מיט אים. די פּאָליאַקן האָבן זיך פאַרענטפערט און שפּעטער האָבן זיי געגעבן אַ פאַראָרדענונג מער דאָס וואָרט נישט צו באַנוצן. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז אויך אין די פּוילישע אויסגאַבעס אין ראַטנ־פאַרבאַנד האָט מען אָנגעהויבן זיך צו באַנוצן מיטן אויסדרוק „יעווריי", וואָס דאָס איז אַ רוסיש וואָרט און פרעמד דער פּוילישער שפּראַך.

מען האָט גערעדט וועגן יידן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער מאָדנער אויסטערלישער לאַגע וואָס האָט זיך באַקומען נאָכן באַפרייען אַלעמען פון די לאַגערן. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז צוזאַמען מיט די פּאָליאַקן

האָט מען אויך באַפרייט אַלע פּוילישע יידן. אָבער די פּראָפּאָרץ פון יידן איז געווען זייער אַ גרויסע, און דער פּוילישער גענעראַל־שטאַב אין רוס־לאַנד האָט נישט געוווסט, וואָס ער האָט איצט צו טון. אַריינגעמען אין דער אַרמיי אַלע פּוילישע יידן, האָט לויט זיי געהייסן „פּאַריידישן" די אַרמיי זייערע. אויך איצט, ווען פּוילן האָט זיך געוואָרגן אין אייגענעם בלוט אונטערן נאַציישן אָקופּאַנט, אויך דאָ, אויף דער ראַטנפאַרבאַנדי־שער ערד, האָבן די פּאָליאַקן נישט געקענט איינהאַלטן זיך פון אַרויס־ווייזן דעם אַנטיסעמיטישן פּרצוף זייערן. זיי זענען דערגאַנגען אין זייער פאַרשייטקייט אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן בשעת די אונטערהאַנדלונגען, אין קרעמל באַרירט אויך די פראַגע, אַז זיי קענען זיך נישט דערלויבן אַריינ־צונעמען „אַזויפיל" יידן אין זייער אַרמיי, ווייל עס וועט זיך באַקומען אַן אַרמיי וואָס איז נישט איינהייטלעך אין נאַציאָנאַלן זין. מען האָט זיי גע־ענטפערט, אַז די סאָוועטישע מאַכט קאָן טון איין זאַך בלויז — אָנער־קענען אַלע יידן, וואָס וועלן נישט וועלן גיין אין דער פּוילישער אַרמיי, אַלס סאָוועטישע בירגער, אָבער אָנערקענען דאָס רעכט פון דער פּוילי־שער' רעגירונג אָפּצוואַרפן יענע יידן, וואָס ווילן יאָ גיין אין דער אַרמיי, דאָס קאָן די ראַטנמאַכט נישט טון, היות דאָס וואָלט באַדייט אַנטי־יידי־שע דיסקרימינאַציע.

דער גרעסטער צייטווייליקער זאַמל־פּונקט פון דער נייער פּוילישער אַרמיי איז געווען אין דער הינטערוואָלישער שטאָט בוזולוק. די אָנגע־קומענע פּאָליאַקן פון די לאַגערן האָבן דאָרט געלעבט אין לייוונטענע פּאַלאַטקעס, אָבער עס איז שוין אָנגעקומען אַהין אַ גרויסער טראַנספּאָרט פון קאָלדרעס און גוטע, ענגלישע ווינטער־שינעלן. די סאָוועטישע אַרמיי האָט זיי אויך אַרויסגעגעבן פוטערנע ווינטער היטלען. די פּאָליאַקן האָבן פון די נאָענטע וועלדער געטאַסקעט גרויסע קלעצער און געברענט טאָג־אייך, טאָג־אויס ריזיקע לאַגער־פייערן. פון די ווייטע סטעפּעס זענען גע־קומען קאַלטע ווינטן און איינגעקאָוועט די ערד. אויף די פּוילישע וואָנ־צעס האָבן געהאָנגען פאַרפרוירענע סאָפּליעס. זיי האָבן זיך געאיבט מיט געווער' וואָס זיי האָבן באַקומען פון דער רויטער אַרמיי און געוואַרט אויף גייס, געוואַרט אויף אַ באַפעל צו רירן זיך פון אָרט. איבערן לאַגער האָט זיך געראַנגלט מיטן ווינט די ווייס־רויטע פּוילישע פאָן. אויף די פוטער־נע רויטאַרמייאישע היטלען וואָס זיי האָבן באַקומען, האָבן זיי צוגעטשע־

פּעט די בלעכענע אָדלערס מיט די פֿאַסיקלעך, שטערנדלעך און שמאָכ־טעס פֿון אַמאָל. זיי האָבן אויסגעגראָבן פֿון די באַהעלטענישן אַלע מע־טאַלענע שפּילעכלעך זייערע, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פֿון די ווייטע היימען, און באַהאַנגען דערמיט די מונדירן. זיי האָבן געזונגען די פּויליש־מיליטערישע ווויליונגערשע, פֿולע מיט ניבול־פּה, לידער און פּאָלקאָווע מאַרשן. זיי האָבן געטראַכט וועגן אַלעם אין דער וועלט, אָבער נישט וועגן קאַמף מיטן דייטש.

אין אָט דעם לאַגער איז אַראָפּגעקומען שיקאָרסקי. די באַטאַליאָנען און פּאָלקן האָבן זיך אויסגעצויגן אין לאַנגע, גראָע, שווייגנדיקע שורות, אין לענגלעכע פּירקאַנטן, און געוואַרט אויפֿן באַוויזן זיך פֿונעם גענע־ראַל. פּאָלקאָווע גלחים, אין ווייסע קיטלען מיט שפּיצן האָבן געבענטשט די אָפּטיילונגען מיט הילצערנע קרייצן אין די הענט. אַן אָרקעסטער האָט אַרויסגעבלאָזן פֿון מעשענע כלים דעם קורצאָניקן פּוילישן הימן. דער גענעראַל איז אָנגעקומען.

ער האָט גערעדט קורץ. דער פּוילישער סאָלדאַט, האָט ער געזאָגט, איז צוגעווינט פֿון דורות צו זיין אין דער פֿרעמד, צו בענקען אַהיים, צו געדענקען וועגן דעם אַז פּוילן איז דאָס גרעסטע הייליקטום, אַז דער אידעאַל פֿון פּוילישן סאָלדאַט איז געווען און וועט בלייבן דער היילי־קער דריילינג פֿון גאָט, ערע און פֿאָטערלאַנד, אַז דער פּוילישער סאָל־דאַט מאַכט שטענדיק זיין וועג אַהיים דורך ווייטע אומוועגן.

די סאָלדאַטן האָבן געקוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן אויף די גלחים און קרייצן, אויף דער רויט־ווייסער פֿאָן, אויף דעם מונדיר און אָפּצייכענונגען פֿונעם גענעראַל, ווי זיי וואָלטן נישט געגלויבט זיך אַליין, אַז דאָס אַלץ קומט פֿאָר דאָ, אויף דער פּאַרשנייטער אוראַלישער ערד, הינטער אַ סאָוועטישער שטאָט, אין דער אָנוועזנהייט פֿון סאָוועטישע אָפֿיצירן. זיי האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויף אַן אָנדייטונג וועגן זייער ווייטערדיקן גורל, זיי האָבן געוואָלט וויסן, צי וועלן זיי באמת מוזן קעמפֿן צוזאַמען מיט אָט־די „קאַצאַפּעס" טאַקע, און ווען דער גענעראַל האָט אַ וואָרף געטון דאָס וואָרט וועגן די ווייטע „אומוועגן", וואָס דער פּוילישער סאָלדאַט דאַרף דורכמאַכן אויף זיין וועג אַהיים, האָבן זייערע אויגן אויפֿגעשיינט מיט אַ באַהאַלטענעם ביטערן גלאַנץ.

זיי האָבן פֿאַרשטאַנען דעם ווונק.

די פּאַליאַקן פון די לאַגערן

הינטער מאָסקווע האָט דער אייזערנער נאַצישער האַלב־רינג גענומען טרעשטשען, קרעכצן און רייסן זיך. סאָוועטישע פּאָלקן האָבן מיט שטאָלערנע שנאָבלען אָנגעהויבן פּיקן און אָפּרייסן גאַנצע שטיקער פונעם צונויפגעפּרעסטן פראָנט זייערן, אַריינרייסן זיך טיף אין זייער פאַרהאַסטן, לעבעדיקן לייב, קלאַפּן איבערן הינטערלאַנד מיט אומגעריכטע פּאַרטיזאַנער איבערפאַלן, אַריינשלעפּן גאַנצע רעגימענטן אין אַרומרינגלונגען און פּאַסטקעס, באַשיטן מיט אַ געדיכטן פייער־האָגל פון דער קאָנצענטרירטער אַרטילעריע די געדיכטע מאַסע פון זייערע חילות און לסוף שטורעמען פאָראויס מיט ברייטע פראָנטאַלע אַטאַקעס. די וועלט האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם צוקוקנדיק אָט־דעם גיגאַנטישן געראַנגל, צוקוקנדיק ווי דער שווערער רוסישער בער דערלאַנגט מיט פאַרבלוטיקטע לאַפּעס איין זעץ נאָכן אַנדערן, איין קלאַפּ נאָכן צווייטן, אָפּשטופּנדיק פּאַמעלעך אָבער זיכער פון דער רויטער הויפּטשטאָט אָט־יענע צעווילדעוועטע, צערעוועטע חיה וואָס קיינער האָט נאָך נישט געקענט זיך קעגנשטעלן איר לענגער ווי עטלעכע וואָכן. און ענדלעך איז עס געשען. די נאַצישע באַלאַגערונג אַרום מאָסקווע האָט זיך איינגעבראָכן. די דייטשע רעגימענטן האָבן זיך אַ צי געטון אויף צוריק אין אומאָרדענונג און איינגעגראָבן זיך אויף דער צייט פונעם ווינטער אין די „פון פריער צוגעגרייטע פּאָזיציעס“. אַזוי האָט עס געהייסן פאַר דער וועלט, אַזוי האָבן פאַרגעשטעלט דעם ענין דער דייטשער ראַדיאָ און די דייטשע צייטונגען. אָבער די סאָוועטישע פּרעסע האָט אָנגעהויבן צו ברענגען לאַנגע באַריכטן וועגן דער לאַגע אין די, פון די דייטשן אָקופּירטע געביטן. די באַריכטן האָבן זאַכלעך און אין אַ מיליטערישן לשון דערציילט וועגן קאַמף פון די פּאַרטיזאַנער אָטריאַדן, וועגן די שוועריקייטן אין טראַנספּאָרט און קאָמוניקאַציע, וואָס זיי האָבן ביים באַזאָרגן זייערע ווייט־פאָראויסגערוקטע פּאָזיציעס, וועגן דער שוואַכער צוגרייטונג פון די דייטשן צום שווערן רוסישן ווינטער. מענטשן האָבן אין די לאַנגע ווינטערדיקע אָוונטן געלייענט אָט־די ידיעות, איינגעהערט זיך אינעם פאַרביסענעם וואָיען פון די ווייטע סטעפּישע ווינטן און אַ שמייכל האָט זיך געטשייעט אויף זייערע ליפּן. אַלץ איז געלעגן אין אָט־דעם ברייט־פּנימדיקן, רוסישן

שמייכל זייערן. דער שטאָלץ פון דורות, דער טיף־איינגעוואָרצלטער רו־סישער שטאָלץ דערויף, וואָס עס איז נאָך קיינעם נישט געלונגען צו פאַר־שקלאַפן אָט־די ריזיקע מדינה זייערע, דער כיטרער מוזשיצקער שמייכל, דער פשוט־מענטשלעכער און קלוגיטשקע־פויערשער, וואָס האָט געגעבן אָנצוהערן אַז זיי פאַרשטייען אויך שוין, פאַרוואָס האָט מען דעם דייטש דערלויבט אַריין אַזוי טיף, אַז נישט בלויז שוואַכקייט און נישט־צוגע־גרייטקייט איז געלעגן אין אָט־דעם כסדרדיקן צוריקציען זיך פון דער רויטער אַרמיי. עס האָט זיך געטשייעט אינעם שמייכל זייערן דער ערש־טער באַפרידיקטער ווילן צו נקמה. פון די באַריכטן אין צייטונגס־לשון זענען אויפגעשווומען דייטשע נבלות פאַרפרוירענע אויף די ברייטע רו־סישע פליינען אין פאַרשנייטע זאַווערוכעדיקע נעכט, אויפגעריסענע בריקן און עשאַלאָנען, בלוט אויפן שניי וואָס ווערט מאָמענטאַל פאַרגליווערט, צוגעפרוירן און פאַרשנייט אַזוי אַז קיין שפור דערקענט מען נישט. און אין וואָיען פון די ווינטן האָבן זיי פלוצלינג דערהערט דאָס זיגרייכע רע־ווען פונעם מעכטיקן פאַרבינדעטן פון דער „מאַמעלע רוסלאַנד" — פור־נעם אַלטן, געטרייען, ווייס־בערדיקן און ווילד־צעוואָיעטן גענעראַל ווינטער.

און ער האָט נישט געטריבן קיין קאַטאָוועס יענעם יאָר, דער ווינ־טער, אָ ניין. ער איז אַרויס פון זיינע ווייטע, סיבירישע באַהעלטעגישן אין שפּיץ פון זיינע ווייסע, צעהוליעטע רעגימענטן און זיך אָ רוק געטון אויף מערב מיט דער גאַנצער קראַפט זיינער. ער האָט איינגעקאָוועט די ערד אין אַן אייזיקן פאַנצער, געווירבלט אין דער לופטן מיט שנייאיקע טומאַנעס, אָנגעהאָנגען סאָפּליעס איז אויף די וואָנצעס פון די רויטאַר־מייער, אַראָפּגעשלעפּט דעם הימל נידעריק, נידעריק, ווי אַ שווערן בלייערנעם דאַך, און געוואָיעט גאַנצענע נעכט מיט קולי־קולות. רויט־אַרמייער האָבן אים געקאָנט פון קינדווייז אָן, אַן אייגענער איז ער דאָך ביי זיי, אָט דער רוסישער ווינטער טאַקע. זיי האָבן זיך דאָך ממש אויס־געכאָוועט אויף זיין שויס און נאָך אין זייערע ווייטע קינדער־יאָרן, זיך איינגעהערט תמיד אין זיינע ווייסע מעשות. האָט ער, דער ווינטער, נישט מער נאָר אַ קניפּ געטון זיי אין באַק, אַרונטערגעלאָזן אַביסעלע פראָס־טיקן אָטעם אונטער די ברייטע פאָלעס פון זייערע שינעלן, פאַרלאַנגט פון זיי נישט מער, נאָר זיי זאָלן אים באַגריסן מיט אַ שנעפּסל, אָבער

מער האָט ער זיי נישט געטשעפּעט. ווי אַזוי האָט ער זיי דען געקענט טשעפּען, אַז זיי, די רויטאַרמייער זענען זיינע אייגענע אייניקלעך גע־ווען. אָבער דאָרטן, פון יענער זייט פראָנט זענען געשטאַנען דייטשע פּאָלקן. עס זענען געשטאַנען בלאָנדע הויכע שוואָבן, צוגעווויינטע בלויז צו די מילדע ווינטן פון דייטשן פלאַכלאַנד, עס זענען געשטאַנען טיראָ־לער וואָס האָבן געקאָנט בלויז דעם ווייך־גלעטנדיקן ווינטער פון די אַלפּן, עס זענען געשטאַנען די וועסטפאַליער און פּרוסן, עס זענען געשטאַנען די בייערישע פּאָלקן און עס איז געשטאַנען דער ערב־רב פון די אונטערגע־דריקטע פעלקער, קראָאַטן, שפּאַניער, רומענער, אונגאַרן. ווי קומען זיי דאָ אַהער? ווער האָט נאָך אייך געשיקט? אור־אור־או — האָט געוואָיעט דער ווייסער אַלטער פּראַסטיקער גענעראַל — אור־אור־או!!! אַנו פאַרזוכט מיין אָטעם אַביסעלע, אַנו בלייבט ליגן אין שניי מיט בלויע פּנימער, אַנו, נעמט חלומען פון אייערע ווייטע היימען און ציט זיך דאָ אויס מיט אייער בענקשאַפט צוזאַמען און ווערט אַ שטיק אייז, איר אַליין, איר פרעמדע און אומווירדיקע, איר פאַרשאָלטענע און פאַרהאַסטע, איר מיסטיקער פעסט, אור־אור־או!!! — אַזוי האָט געטענהט אין לאַנגע ווינטערדיקע נעכט דער „גענעראַל מאָראָז“ און צו אים האָבן דאָס געשמייכלט אין די רוסי־שע היימען אַלטע פּנימער פון דיאַדקאָס, פאַרנעפּלטע מאַמעשע אויגן, און כיטרע מוזשיצקע וואָנצעס.

געווען אָבער נאָך עמעצער, וועמען דער רוסישער ווינטער האָט פאַר־בייגייענדיק, דערלאַנגט שווערע קלעפּ. דאָס זענען געווען די באַפרייטע פון די לאַגערן, אמת, נישט דאָס ערשטע מאָל ווי זיי קוקן אַריין אין זיין ווייסן פאַרפרוירענעם פּנים. אָבער דאָרט, אין די ווייטע צפונדיקע לאַגערן זענען זיי געווען אין די באַראַקן, צונויפגעדריקטע, צונויפגעפּרעסטע אין וואַרעמער ענגשאַפט און יעדן טאָג נאָך דער שווערער אַרבעט האָט אויף זיי געוואַרט דער הייסער קעסל פון דער לאַגער־קיך. איצט האָבן זיי באַ־קומען פרייהייט. זיס איז זי, די פרייהייט און מחיהדיק־באַטעמט אין די ערשטע טעג. זי פאַרשיכורט מיטן אָנגעגנעמען אומבאַוווסטזיין פונעם מאָרגנדיקן גורל, זי לאָקערט און ציט אויף ווייטע אומוועגן און שטעגן, זי רופט מיט אַן אומבאַשטימטער בענקשאַפט. אָבער צוזאַמען מיט אָט־דער בענקשאַפט איז געקומען דער ווילן צו וואַנדער און וואָגל, און צוזאַ־מ'ען מיטן וואַנדערן איז אָנגעקומען די מידקייט פון אַ נאַכט אָן אַ בעט

און אַן אַ קישן, פון אַ טאָג וואָס ווייסט נישט אַליין, מיט וואָס ער וועט זיך ענדיקן, פון אַרומזוכן שפּייז און אַ דאַך איבערן קאָפּ, פון צוגן וואָס שלעפּן זיך איבער פאַרשנייטע ווייטקייטן מעת־לעתן לאַנג, פון קעלט, פון נויט און פון הונגער.

די פּוילישע מיליטערישע לאַגערן וואָס אין צענטראַל־רוסלאַנד האָבן זיך שנעל פאַרפּולט. נייע לאַגערן האָט מען גענומען אָרגאַניזירן שוין ווייטער אויף דרום און פלוצלינג איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז אַלץ ציט אַראָפּ אויף דרום, אַז דאָס אָרט וווּ די פּוילישע אַרמיי וועט זיך קאָנצענטרירן און אָרגאַניזירן איז דאָס ווייטע און זוניקע צענטראַל־אַזיע. מען האָט שוין אויפגעהערט פרעגן אויף די צוגן וואָס גייען צו די ביז־איצטיקע לאַגערן. דער ווינטער האָט אַ טרייב געטון די וואָגלער־מאַסע מיט גרויסע כוואַליעס קיין דרום.

עס האָבן געהאַלטן אין איין צוקומען פרישע באַפרייטע פון די לאַגערן. די פּראָצעדור פון באַפרייאונג איז טאַקע צוגעגאַנגען שנעל, נאָר די מאַסע איז געווען אַן אומגעהויער גרויסע. די וועגן ווייט. דער טראַנספּאָרט — אַ נישט־געגונגנדיקער. די צוגן וואָס זענען געגאַנגען אויף דרום האָבן זיך איבערפּולט. אויסער די פּאָליאַקן זענען אויך מיט יענע צוגן געפאָרן פיל עוואַקויִרטע פון אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד. פון ווייטן מזרח זענען געפאָרן סאָוועטישע בירגער פון קאָרעאַנישער אָפּשטאַמונג, וועמען מען האָט עוואַקויִרט מיט אַ ספּעציעלער פאַראָרדענונג, אויס מורא, עס זאָלן זיך צווישן זיי נישט באַהאַלטן קיין יאַפּאַנישע שפּיאָנען. פון מאָסקווע גופא און פון דער גאַנצער ליניע פון דעם פראָנט האָט מען געפירט אויף דרום די עוואַקויִרטע מוזעאומס און בילדער־גאַלערייען. אין ספּעציעלע צוגן זענען אָפּגעפאָרן קיין טאַשקענט די מאָסקווער טעאַטערן צוזאַמען מיט זייער גאַנצן פּערסאָנאַל, גאַרדעראָבן און אפילו רעקוויזיטן. צעוויגט האָט זיך דאָס גרויסע און ביז־איצט רויִקע לאַנד, געציטערט אויפן גאַנצן לייב, אַוועקגערוקט אויף ווייטע רויִקע ערטער די אָנגעזאַמלטע אוצרות און אַרויסגעשטופּט פאַראויס די שטאָלענע נעגל. דער פלאַכער און געמיטלעכער אויבערפלאַך פון שטילן לאַנד האָט געברויזט, געשוימט זיך, געכוואַליעט און עס איז געוואָרן שווער, זייער שווער צו דערהאַלטן זיך אין דער הויך און נישט דערטרונקען צו ווערן אינעם שטורמישן געברויז פון הונגער, נויט, פראָסט און צעלאָזענע,

פּייפנדיקע באַנען, וואָס האָבן זיך געטראָגן איבערן ברייטן לאַנד.

די פּאָליאַקן זענען געפאָרן אין די צוגן אויף דרום און געטרוימט וועגן זייערע פאַרלאָרענע היימען. אַמאָל, אין „די אַלטע גוטע צייטן" איז אַלץ געווען פאַר זיי פאַרשטענדלעך און פּשוט, מערסטנטייל זענען זיי געווען די א"ג „אָסאַדניקעס", קאָלאָניסטן פון די מערב־געביטן פון פּוילן, וועמען די פּוילישע רעגירונג האָט צוגעטיילט נחלות האַרט ביי די מזרח־גרענעצן, אַלס באַלוינונג פאַר זייער אָנטייל אינעם קריג מיטן ראַטנפאַרבאַנד נאָך אין צוואַנציקסטן יאָר. די כוונה איז דעמאָלט געווען אַ טאָפּלטע. די פּילסודסקי־רעגירונג האָט אויף אַזאַ אופן געוואָלט דעמאָלט אָרויסווייזן איר „ברייטהאַרציקייט" פאַר דער אָרעמער פּויערן־מאַסע פון די מערב־געביטן, אָבער דער הויפּטציל איז געווען אַריינצוּ־קלאַפּן אַ פּוילישן קלין אין דער עטנאָגראַפיש־איינהייטלעכער אוקראַיני־שער צי ווייסרוסישער טעריטאָריע פון די א"ג „קרעסן", און אָוועקשטעלן ביי די סאָוועטישע גרענעצן אַ פייַנטלעכע וואַנט פון יענע עלעמענטן וואָס זענען געגאַנגען אַמאָל אויף קיעוו און אין זייער וועג פאַגראָמירט יידי־שע שטעטלעך. די אָסאַדניקעס האָבן אָבער ווייניק וואָס זיך אָריענטירט אין אָט־די „ווייט־זעעוודיקע" כוונות פון די פּוילישע רעגירער. זיי האָבן זיך איינגעבירגערט אויף די נייע ערטער און די וועלט איז געווען פאַר זיי שיין און ווויל און גוט. די וועלט איז געווען איינגעאָרדנט מיט אַ סדר, מיט אַן אָרדענונג. פּוילן איז טאַקע אַ פאָטערלאַנד פאַר אַלע אָבער דאָך טיילט עס זיך איין אין צוויי לאַגערן. אין איין לאַגער געפינט זיך דער „מאַרשאַלעק" (פּילסודסקי), דער „זשאָנד" (רעגירונג), דאָס מילי־טער, די פּאָליציי, זייער פעלד, זייערע קי און דער צלם מיט דער בלעכע־נער פיגור פון קריסטוסן אויפן שיידוועג. אין צווייטן לאַגער געפינען זיך די שונאים: אָט יענע גראָ־שינעלדיקע סאָלדאַטן וואָס פון איבער דער גרענעץ, די אוקראַינער און ווייסרוסן, וואָס הגם זיי זענען נישט אַלע קיין קאָמוניסטן, אָבער דאָך זענען זיי אַלע שונאים, און ערשט די יידן. די יידן דאָס איז דאָס ערגסטע וואָס קאָן זיין, ווייל זיי פאַרקערפּערן די צוויי גרעסטע פייַנטלעכקייטן: אי פרעמדקייט און אי קאָמוניזם. דאָס ווערטל „זשידאָ־קאָמונאַ" איז געוואָרן אין זייערע אויגן עפּעס אַזעלכעס ווי אַנטי־קריסט אָדער אַן אַנדערער שד. און ערשט מיט יידן דאַרף מען זיין פאַר־זיכטיק, ווייל מכלומרשט זעען זיי אויס נאָרמאַל, ווי אַנדערע מענטשן,

זיי לאַכן, זינגען, שמייכלען, רעדן אַ גוטן פּויליש, לערנען זיך און פּאַראַן צווישן זיי אַפילו אַ שפּאָר ביסל פון בכבודיקע, רייכע מענטשן.

אָבער אין תוך גענומען זענען זיי, די יידן, דאָס ערגסטע וואָס קאָן נאָר זיין. טאַקע דערפאַר, ווייל דאָס שלעכטס ליגט אין זיי אַזוי טיף באַהאַלטן. אַן אוקראַינער, אַ ווייסרוס קאָן זיין אַ שונא אָבער ער קאָן אויך זיין אַ פריינט. אַ ייד איז שטענדיק אַ שונא. אַ ייד דאַרף מען אויסראָטן. אַ ייד איז אומפאַרשטענדלעך, פרעמד און פיינטלעך. מיט שכל וועסטו אים נישט בייקומען. ער איז שטענדיק קליגער. איז דעריבער נישטאָ קיין אנדערע עצה, ווי נאָר אים דערלאַנגען מיט אַ קלאָניצע איבערן קאָפּ. אָ, הלוואי וואָלט מען דאָס געטון נאָך פריער, נאָך איידער די מלחמה איז אויסגעבראָכן. נאָך איידער די דאָזיקע פאַרשאָלטענע באָלשעוויקעס זענען אָנגעקומען מיט געזאַנג און געקלימפּעריי פון זייערע טאַנקן. ווער האָט דען זיי באַגריסט אַזוי האַרציק, אָט די באָלשעוויקעס, אויב נישט די יידן? ווער האָט זיי אַנטקעגנגעטראָגן בלומען, אויפגעשטעלט באַגריסונגס־טויערן און אַנטקעגנגעשיקט קליינע, זינגענדיקע ממזרימלעך, אויב נישט די יידן? ווער האָט דער ערשטער אויסגעפּאָלגט די באָלשעוויקעס און געהאָלפן זיי איינשטעלן נייע פּאַראַנדקעס, אויב נישט די יידן? אין אַלעם וואָס איז געשען זענען שולדיק זיי טאַקע, די גאַנצע מלחמה איז דאָך נישט מער ווי צוליב זיי. דער דייטש וויל זיי אויסשעכטן — גאַנץ גוט טוט ער. מיר, פּאָליאַקן, האָבן אויך דאָס געדאַרפט טון, אָבער מיר זענען געווען נאַריש און די יידן האָבן אונדז אָנגערייצט אויף די דייטשן. און מיר האָבן פאַרלוירן אונדזער מלוכה. דאָס, וואָס מען האָט אונדז אַוועקגעשיקט פון אונדזערע היימען אין אָט די ווייטע לאַגערן, איז אויך אַ יידישער אויפטו, דאָס האָבן זיי אָנגערעדט די שמייכלענדיקע רויטאַרמייער, אַז זיי זאָלן פּלוצלינג קומען ביינאַכט און אונדז אויפזעצן אויף די צוגן מיט די בהמה־וואַגאָנעס. דאָס הערשן זיי איבער רוסלאַנד, ווען נישט זיי, וואָלט מען מיט רוסלאַנד אויך געקאָנט דורכקומען, אַלץ זיי, זיי, זיי, ווייטער קיינער נישט.

אמת, אָט האָט מען פון די זייעריקע אויך פאַרשיקט. אָט האָט מען יידן אויך מאַסנווייז אַוועקגעפירט אין די ווייטע לאַגערן, און דאָס וואָס אַן אמת, איז אַביסל שווערלעך צו פאַרשטיין, אָבער וואָס קענען מיר, אָרעמע פּויערן, גוטע מענטשן, פאַרשטיין אין יידישע אויפטועכצער. מן־

הסתם איז עס אויך נישט מער, ווי אַן אַנדער, אַ נייער יידישער שווינדל.

אַזוי האָבן געטראַכט און געטענהט צווישן זיך די פּאָליאַקן וואָס האָבן נאָך שיקאָרסקיס אינטערווענץ באַקומען זייער פרייהייט, און געפאָרן בכדי אַריינצוטרעטן אין אַ נייער אַרמיי, וואָס האָט געדאַרפט קעמפן קעגן דייטש. זיי האָבן געציטערט פאַר קעלט, געפיבערט ווי אין היץ, אָפטמאָל אין אמתדיקער היץ פון די ערשטע טיפוס־ סימפּטאָמען, און אין זייערע אויגן איז געלעגן דער האַלב־שגעונדיקער אָפּגלאַנץ פון האַס און פון שנאה, געמישט מיט פלעמלעך פון הונגער. צווישן זיי זענען געפאָרן יענע וואָס האָבן מיט אַ באַהאַלטן פרום שמייכעלע אויף די דינע ליפּן פּאָסמאַקעוועט יעדעס וואָרט מיט אַ קרעכצעלע און אַ תפילה. דאָס זענען געווען די גלחים און מאָנאַכן, וועלכע מען האָט אין זיינער צייט אויך פאַרשיקט פאַר אָנטיילנעמען אין אַנטיסאָוועטישע פאַרשווערונגען און פאַר האַלטן קאָנטערעוואָלוציאָנערע דרשות אין דער צייט פון זייער זונטיקדיקן פריידיקן. עס זענען געפאָרן אָפיצירן, וואָס האָבן געדינט נאָך אין די אַלטע פּוילישע קאַזאַרמעס, ווו די סאָלדאַטן האָבן זיך געשטיקט צו הונדערט און צוואַנציק אין אַ זאַל אויף גאָרנדיקע בעטלעך און געגעסן ווערימדיקע אַרבעס מיט פאַרשטינקען פלייש, אָבער זיי, די אָפיצירן זענען דעמאָלט אַרומגעגאַנגען אויסגעפּוצט אין גאַלאַ־מונדירן, און עס האָט זיי געסטייעט פון זייערע לוינען צו הוליען און צו שיכורן וויפל זייער האַרץ האָט געגלוסט. עס זענען געפאָרן די פּוילישע פּראָפּעסיאָנעלע אונטעראָפיצירן, די סערזשאַנטן „פּלוטאָנאָוועס״ (פעלדפעבל) און קאַפּראַלן, וואָס האָבן געקענט אין אַמאָליקן פּוילן אויסלאָדן זייערע סאַדיסטישע נייגונגען און זיין אומבאַצוימטע הערשער איבערן פּשוטן סאָלדאַט. עס זענען געפאָרן די באַאַמטע פון די „סטאַראָסטוועס״ (באַצירק־אַמטן), וואָס האָבן אַמאָל געמאַכט אַ משוגענעם לעבן פון כאַבאַר, פון אויסטראַכטן בלבולים און נעמען שפּעטער „לא־יחרץ״־געלט פאַר פאַרווישן די חטאים. ער זענען געפאָרן פּאָליציי־לייט, וואָס האָבן נאָך נישט פאַרגעסן, מיט וואָס פאַר אַ גאווה זיי פלעגן אַרומשפּאַנען אין זייערע גראַנעטענע מונדירן איבער די גאַסן, איבער די מערק פון די קליינע שטעטלעך, און אַלץ האָט פאַר זיי געציטערט, אַלץ האָט פאַר זיי מורא געהאַט, אַלץ האָט זיך פאַר זיי געבויגן. עס זענען געפאָרן די בלוטיקע הינט פון די ספּעציעלע אויספאָרשונגס־אָפּטיילן פון דער פּוילי־

שער פּאָליציי, וואָס האָבן נאָך נישט פאַרגעסן ווי זיס עס איז צו פאַר־פּאָרן גלייך מיט דער פויסט אינעם פּנים פון אַ געבונדענעם אַרעסטאַנט. עס זענען געפאָרן די תּפיסה־וועכטער, וואָס אין זייערע אויערן האָבן נאָך געקלונגען די געשרייען פון געשלאָגענע אַרעסטירטע, דער סקריפּ פון די אייזערנע טירן, דאָס געקלימפּערײ פונעם פּאַק שליסלען, און וואָס האָבן נאָך געפילט דעם גאַנצן טעם פון מאַכט, וועלכע עס באַזיצט אַ מענטש וואָס שטייט אַלס היטער אויף דער גרעניץ פון צוויי וועלטן, פון אַ פאַרמאַכטער און אַן אָפענער. עס זענען געפאָרן לאַנד־באַזיצער, פּויליש „דזשעדזשיצעס", וואָס פלעגן פּאַרטרינקען אין די גרויסע רוסישע שטעט, אין די טומלענדיקע קאַבאַרעטן פון לעמבערג און וואַרשע, דעם בלוט און שווייס וואָס האָט זיך איינגעזאַפּט אין די גאָלד־קאָרנדיקע פעלדער זייערע. עס זענען געפאָרן פּאָליציי־אַגענטן, שפּיצלעס, מוסרים, גנבים, פּראָסטיטוטקעס, שווינדלער, אַפעריסטן, באַנדיטן. אָט דאָס גאַנ־צע מיסטיקע שוים וואָס דער אייזערנער בעזים האָט אַמאָל אויסגעקערט אין אַ פאַרלאַנג אויסצורייניקן די נייע געביטן פונעם ראַטנלאַנד, אָט דאָס אַלץ האָט איצט געצויגן אויף דרום, זוכנדיק די לאַגערן פון דער נייַ־אָרגאַניזירטער אַרמיי.

איצטער זענען זיי אַלע געווען אויף דער פריי. אָבער די פרייהייט איז געקומען אַ הונגעריקע און אַ קאַלטע. די פרייהייט איז געקומען צו־זאַמען מיטן שרעק פאַרן מאָרגנדיקן טאָג, אין אַ פרעמד, ווייט, פאַרפרוירן לאַנד. ערגעץ ווייט, ווייט, נאָך די אוראַלער בערג, הינטער די וואַסערן פון דער וואָלגאַ און דניעפּער גייט ווייטער אַ וועג קיין פּוילן, צו די אַמאָ־ליקע פּוילישע דערפער און שטעט. אָבער אויף דער וועלט איז מלחמה. אָט די מענטשן, וואָס האָבן זיי אַרויסגעפירט פון זייערע היימען, קעמפן איצט מיט אַ ווייטן שונא, וועמען זיי, די פּאָליאַקן, האָבן קיינמאָל פאַר זייערע אויגן נישט געזען. אָט דעם שונא, דאָ, די באָלשעוויקעס, זעען זיי. אָט דער שונא איז נאָענט. אמת, מען האָט זיי איצטער באַפרייט, אמת, מען נעמט זיי אויף איצטער גאָר אַנדערש, אמת, מען זאָרגט צו ביסלעך פאַר זיי. אָבער זיי, די פּאָליאַקן, האָבן אַ גוטן זכרון. זיי האָבן נאָך גאָר־נישט פאַרגעסן. זיי האָבן נישט פאַרגעסן די ווייטע וועלדער אין צפון, וווּ זיי האָבן געמוזט אַרבעטן שווער, זייער שווער. זיי האָבן נאָך נישט פאַר־געסן די קוילן־גרובנס און גאָלד־מינען, זיי האָבן נישט פאַרגעסן, אַז מען

האָט זיי אויסגעטיילט דאָס עסן געגנוי לויט זייער „נאָרמע“, דאָס הייסט, לויט דער׳ אָפּגעטוּענער אַרבעט, זיי האָבן נישט פאַרגעסן, אַז פון איינ־געזעסענע, איינגעפונדעוועטע מענטשן זענען זיי פּלוצלינג געוואָרן וואַנ־דערער און שלעפּער. זיי האָבן נישט פאַרגעסן, אַז אַמאָל זענען זיי געווען זאַט און אָנגעטון, און איצטער זענען זיי איינגעהילט אין שמאַטעס. לייז צעפרעסן זייער לייב, און דער הונגער דרייט זיי אויס די קישקעס. זיי האָבן נישט פאַרגעסן, אַז אַמאָל האָבן זיי געהאַט די מאַכט איבער יע־נעם און הייַנט זענען זיי אונטערגעוואָרפן צו פרעמדע. ניין, זיי האָבן גאָרנישט פאַרגעסן, זיי קענען נישט און ווילן נישט פאַרגעסן.

מען שאַפט אַ פּוילישע אַרמיי? — דאָס איז גוט, זייער גוט. קודם־כּל׳ וועט מען זיין צוזאַמען. קודם איז אין אַן אַרמיי פאַראַן וואָס צו עסן און וואָס אָנצוטון. אָבער דאָס, וואָס מען דערציילט וועגן גיין אין מלחמה אַריין מיטן דייטש? אָהאָ! מיר וייסן שוין, מיר פאַרשטייען שוין. אמת, מען מוז איצטער זיין שטיל, מען טאָר איצטער נאָך גאָרנישט רעדן. די פרייהייט האָבן זיי צוריקגעגעבן, די באָלשעוויקעס, אָבער דאָ איז נאָך אַלץ זייער לאַנד. מען דאַרף שווייגן און צוקוקן דאָס גרייטע. און מען דאַרף געדענקען. גוט געדענקען ווי אַזוי זיך מיט זיי, מיט אָט־די באָל־שעוויקעס און יידן זיך אָפּצורעכענען, מען דאַרף טראָגן דעם שלאַנג פון האַס אין האַרץ און דעם שטיין אַ באַהאַלטענעם אונטער דער פּאָלע. די דייטשן זענען טיף אין רוסלאַנד, דאָס איז גוט, דאָס איז זייער גוט. ווען די צייט וועט קומען וועלן מיר, די פּאָליאַקן, אויך אַ וואָרף טון דעם שטיין, אונדזער שטיין.

„אַמעריקע איז מיט אונדז!"

צוזאַמען מיט די קאָמוניקאַטן, וואָס האָבן פון דער קויבישעווער ראַדיאָ־סטאַנציע אָנגעזאָגט דעם לאַנד, אַז היטלערס חלום וועגן איינאָר־דענען אַ דעפּילאַדע פון נאַצישע חילות אויפן רויטן פּלאַץ, איז שוין איצ־טער ענדגילטיק צערונען געוואָרן, אַז די דייטשע נבלות ליגן אין שניי וואָס אַרום דער רויטער הויפּטשטאָט אין די הונדערטער טויזנטער. אַז די נאַציס קלערן שוין נישט וועגן איינאָרדענען אַן אַטאַקע אויף מאָסקווע. נאָר זיי פּרוּוון איינהאַלטן זייערע פּאָזיציעס אונטער מאָזשאַיסק, צוזאַ־מען מיט אַט־די אַלע ידיעות האָט זיך איבערן ווינטערדיק־ציטערנדיקן רוים פונאַנדערגעטראָגן נאָך אַ בשורה:

די יאַפּאַנער האָבן באָמבאַרדירט פּירל־האַרבאָר!

פּירל־האַרבאָר! ווי מאָדנע דער דאָזיקער נאָמען האָט אַ קלונג געטון אין ווייס־פאָרשנייטן, פאַרפרוירענעם צענטראַל־רוסלאַנד. פּירל־האַרבאָר! — דער האָפן פון פּערל. מסתם איז דאָרט זוניק און דרומדיק־ליכטיק און וואַרעם. ס'איז ערגעץ אַזוי ווייט און עס קלינגט ווי אַ נאָמען פון אַ פילם. יאָ, גייענדיק איבער אַ באַשנייטער גאַס מיט פאַרפרוירענע פיס איז גוט אַ טראַכט צו טון וועגן אַזאַ נאָמען פון אַ פילם טאַקע. נישט וויכ־טיק, צי איז טאַקע אַזאַ פילם געווען, אָבער עפּעס ענלעכעס איז זיכער געווען. ס'איז גוט צו טראַכטן וועגן לענדער, וואָס מען האָט נאָך נישט געזען קיינמאָל אין לעבן, און פּוירל־האַרבאָר דערמאָנט אַ פילם וועגן אַ ווייט־פּאַסיפיש אינדזל מיט שטילע שפּיגלדיקע וואַסערן אַרום און אַרום מיט אַ לויכטנדיקער זון, מיט אָרטיקע שבטים וואָס באַגריסן די שיפן מיט געזאַנג, מיט ברוינהויטיקע שמייכלענדיקע מענער, מיט פרויען וואָס טראָגן בלומען אין די האָר און אַ שמייכל אויף די ליפּן, מיט „ציווילי־זירטע ווייסע מענטשן" וואָס טראָגן ווייסע, שאָטנדיקע קאַפּעלושן מיט ברייטע ראַנדן, מיט מוזיק, ליבע, שטילקייט און עקזאָטיק... איצט ווייזט אַט־דער נאָמען עפּעס אַנדערש! אין שטילן פּאָרט זענען געשטאַנען די גרויסע און מעכטיקע אַמעריקאַנער קריגס־שיפן מיט יונגע בלאָנדע מאַט־ראָסן פון מיטשיגען און אילינאָיס און מסתם האָט מען די שיינע פרויען מיט די בלומען אין די האָר נישט צוגעלאָזט נאָענט צו די גרויסע שטאָ־לענע מאָנסטערס, און געשען איז עס דאָרט אוודאי געגוי אַזוי, ווי עס

איז געשען אונטער לעמבערג צי גראָדנע: אומגעריכט און שרעקלעך, אומ־געריכט און פול מיט פּחד און טויט, אומגעריכט און אומפֿאַרשטענדלעך.

דאָס גאַנצע ווייטע, אין שנייען־איינגעהילטע לאַנד האָט געגעבן אַ ציטער. אינעם ציטער איז געווען אַ געמיש פֿון זאָרג און פֿרייד. די בשורה איז געווען אַ גוטע און אַ שלעכטע צוזאַמען, אַ פֿריידיקע און אַ שרעקנ־דיקע בײנאַנד. די פֿרייד איז געווען אַ פּשוטע: פּירל־האַרבאָר מיינט, אַז דאָס ווייטע און מעכטיקע אַמעריקע האָט געקראָגן אַ קלאַפּ איבער דעם מעכטיקן און שטאָלץ־פֿאַריסענעם קאָפּ, אַז זיי, די יענקיס, וועלן שוין נישט קענען מער זאָגן אַז זיי זענען באַוואָרנט פֿון דירעקטן אָנטייל אין דער מלחמה, אַז דער קלאַפּ וועט זיי אויסניכטערן פֿון דער רואיקער שלווה־דיקייט זייערער, אַז זיי וועלן שוין נישט קענען סתם אין דער וועלט אַריין דעקלאַמירן וועגן העלפֿן דער דעמאָקראַטיע, אַז זיי וועלן מוזן וואַרפֿן אויף דער וואָגשאָל נישט נאָר זייער פּראָדוקציע נאָר אויך די אייגענע, באַוואָפֿנטע האַנט, אַז זיי מוזן אַריין אין קריג.

און אַזוי איז עס טאַקע געשען. די ידיעה וועגן אַמעריקעס אַרייַנ־טרעטן אין קריג האָט זיך מיט עטלעכע טעג פֿאַרזאַמט. קאָן זיין, אַז עס איז געשען צוליב די זאַווערוכעס וואָס האָבן טיילמאָל געשטערט אין דער־האַלטן די ידיעות פֿון אויסלאַנד, אָבער ענדלעך איז עס שוין געוואָרן אָפֿיציעל דערקלערט און באַשטעטיקט. די סאָוועטישע ציַיטונגען האָבן מיטגעטיילט, אַז דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר האָט געמאָלדן דער סאָ־וועטישער רעגירונג וועגן באַשלוס פֿון קאָנגרעס וואָס באַאויפֿטראַגט די אַמעריקאַנער רעגירונג אָנצוהייבן די מיליטערישע אָפּעראַציעס.

אַמעריקע און ראַטנפֿאַרבאַנד. אין ראַטנפֿאַרבאַנד האָט דער נאָמען אַמעריקע, די באַצייכענונג „אַמעריקאַנסקי" — אַ ספּעציעלן מיין און רייץ. דער סאָוועטישער אַרבעטער טרעפֿט זיך אויף יעדן טריט און שריט אָן מיט אַמעריקע. געווען אַמאָל אַ צייט ווען די פֿאַבריקן און שאַכטעס זענען פֿול געווען מיט אַמעריקאַנער עקספּערטן און ספּעציאַליסטן: „ספּעצן" — האָט מען זיי גערופֿן. און דער באַגריף „ספּעץ" איז דעמאָלט געווען דער סינאָנים פֿונעם אויסלענדער און איבערהויפּט פֿון אַן אַמערי־קאַנער. די וואַניאַס און גרישאַס האָבן גיריק, מיט אייפֿער און עקשנות, מיט דערשטוינענדיקער שנעלקייט געלערנט די סודות פֿון טורבינען און טראַנסמיסיע־פּאַסן, פֿון געקייטלטע קאָנווייערס און דינאַמאָ־מאַשינען,

פון צײַנערדיקע רעדער צ״ו רעדלעך, פון שרײַפֿלעך און רעדלעך, פון דע־ליקאַטע מעטאַלענע אינגעווײדן פֿונעם מאָדנעם און גוטן באַשעפֿעניש, פֿו־נעם געבענטשטן און שטומען מאָנסטער, וואָס האָט געזאָלט זײ העלפֿן אויפֿשטעלן די געגאַרטע נײַע אָרדענונג, די נײַע, גוטע און ליכטיקע וועלט — די סודות פֿון דער מאַשין. און ווען זײ פֿלעגן איבערגעמעז די גרויסע תּורה פֿון ריכטן די באַוועגונגען פֿון די מעטאַלענע גולם׳ס, און דערנאָך אַליין איבערגײן אויף זעלבסטשטענדיקער אַרבעט און אָנפֿירן מיט נײַע פֿאַבריקן און ווײַטער איבערגעבן די טיפֿע לערע, וואָס זײ האָבן דערוואָרבן פֿון די מאָדנע מענטשן מיט האָרן־רעמיקע ברילן און האַס־טיקע, ברײטע באַוועגונגען, דאַן פֿלעגן זײ מיט פֿאַרגעניגן און שטאַלץ אָנרופֿן זיך אַליין מיטן זעלבן נאָמען, מיטן נאָמען „ספּעץ“.

אָבער אַפֿילו ווען דער ספּעץ איז געווען אַן אײגענער שוין, אַ רוסי־שער, האָבן זײ זיך ווײַטער אויך געהאַלטן אין אײן באַגעגענען מיט אַמע־ריקע. אויף די מאַשינען אין די פֿאַבריקן זענען נאָך אַלץ געווען די צוגע־קלאַפּטע שילדלעך, וואָס האָבן אָנגעוויזן דערויף, אַז זײ זענען פּראָדו־צירט געוואָרן אין דעטראָיט. די רוסישע לאַסט־אויטאָס ווערן אויסגעאַר־בעט לויט אַמעריקאַנער פּאַטענטן, אַ מין מאָדיפֿיצירטער פֿאָרד. די גראָב־און בויער־מאַשינען אין די שאַכטעס זענען אַמעריקאַנער, אָדער אַמערי־קאַנער פֿאַסאָן. אַפֿילו דער סיסטעם פֿון געקײטלטע אַרבעט, דער טײלאָר־סיסטעם איז אויך אַן אַמעריקאַנער. אמת, מען האָט אין אָט־דעם אַלעם אַרײַנגעגעבן אַ נײַעם גײַסט. מען האָט געוווּסט, אַז פֿאַר יעדער מאַשין וואָס טראָגט אַן אַמעריקאַנער אויפֿשריפֿט האָט מען באַצאָלט מיט אײ־גענעם הונגער און נויט, מיט גאָלד און מיט שווייס, מיט נישט דערעסן און מיט נאַקעטקײט. אינעם סיסטעם פֿון דער קײט־אַרבעט האָט מען צו־געגעבן נאָך אײן אומזעבאַרן עלעמענט, וואָס מען קאָן אים נישט אימ־פּאָרטירן פֿון ערגעץ נישט, נאָר מען מוז אים אויסגראָבן פֿון די אײגענע הערצער און מוחות: ענטוזיאַזם. צו דער באַוווּנדערונג און יראת־הכּבֿוד, מיט וועלכע מען האָט געקוקט אויף די אויסלענדישע מאַשינען האָט מען צוגעמישט אַ לאָזונג, וואָס האָט געקלונגען איבער רוסלאַנד די גאַנצע צײַט, פֿון זיבעצנטן יאָר אָן, דער לאָזונג פֿון: „דאָגנאַט אי פּערעגנאַט“ — דעריאָגן און איבעריאָגן. מען האָט געוווּסט, אַז פֿונעם רעזולטאַט פֿון אָט־דעם געיעג הענגט אַלץ אָפּ, אַז ערשט אָט דער געיעג וועט דעצידירן צי

עס זענען געווען אומזיסט די טייכן בלוט פון בירגער־קריג, די מתים פון די הונגער־יאָרן, די איבערלעבטע רייבונגען און קאַמפן אַרום דער קאָלעק־טיוויזאַציע, דאָס אָפּזאָגן זיך פון אַ דערטרעגלעך, באַקוועם, ווייך לעבן, דאָס נעמען אויף זיך דעם האַרטן, שווערן און גראָען עול פון אַרבעטן און הונגערן און שווייגן, פון ציטערן פון קעלט און קליידן זיך אין וואָס עס זאָל נישט זיין, פון פאַרבייסן די ציין און קוקן פאַראויס, פון איינשפּאַ־נען יענע וואָס ווילן נישט פאַרשטיין, פון אַראָפּבייגן די קעפּ פון די ווי־דערשפּעניקע און טראַציקע, פון פאַרפּאַלגן און אפילו אומברענגען די יע־ניקע, וואָס שטעלן זיך אַנטקעגן, נישט וויכטיק צי זיי טוען דאָס מיט גוטע צי שלעכטע כוונות. אַט דאָס אַלץ איז געטון געוואָרן נאָר צוליב דעם, כדי אין איינעם אַ העלן פרימאָרגן קענען אַ שריי טון דער וועלט אין די אויערן אַריין: „זעט, מיר האָבן נישט נאָר דעריאָגט, מיר האָבן אי־בערגעיאָגט, און איצטער בויען מיר אויף אַ נייעם אופן, אויף אונדזער אייגענעם, נייעם שטייגער אָט־דאָס, וואָס איר וועט קיינמאָל נישט דער־גרייכן, וויפל מאַשינען איר זאָלט נישט האָבן, וויפל פאַבריקן איר זאָלט נישט בויען, וויפל וואָלקנקראַצער איר זאָלט נישט אויפשטעלן". אָבער אין אָט־דעם געיעג, אין אָט־דער איבערמענטשלעכער אָנשטרענגונג האָט מען זיך אָנגעשטויסן אויף אַמעריקע יעדע מינוט, יעדע רגע, צי ביי דער מאַשין, צי פאַרנדיק אין אויטאָ, צי אפילו נעמענדיק אַ צווענגל אין האַנט. דעריבער טאַקע האָט דאָס וואָרט אַמעריקע געוועקט שטענדיק אין ראַטנ־פאַרבאַנד באַוווּנדערונג און אָפּשיי, אַ מין אייפער אויסגעמישט מיט אַמ־ביציעס, און לעבן דעם אמתדיק־רוסישן: „אַנו, לאָמיר זיך פאַרמעסטן" איז שטענדיק געווען דער טיף־אינערלעכער פאַרלאַנג פון: „איי ווי גוט וואָלט געווען, ווען זיי גייען מיט אונדז האַנט ביי האַנט".

און איצט איז עס ענדלעך געשען. די ווייטע, קיינמאָל נישט גע־זעענע אַרבעטער, וואָס מאַכן [illegible]ן אָט־די אַלע אימפּאָרטירטע אַהער מאַ־שינען, וועלן ווערן סאָלד[illegible]טן און קעמפן קעגן געמיינזאַמען שונא. דאָס בילד פונעם צעשמייכלטן, גוטמוטיקן רוזוועלט האָט פריינטלעך אַראָפּ־געקוקט פון די ערשטע זייטן פון די מאַגאַזינען און צייטשריפטן. די ציי־טונגען האָבן גענומען ברענגען לאַנגע, סטאַטיסטישע אַרטיקלען וועגן דער גרויסער עקאָנאָמישער און אינדוסטריעלער קראַפט פונעם מעכטיקן לאַנד מעבר־לים. ענדלעך! ענדלעך! אַמעריקע איז אין קריג!

אין דער זעלבער צייט אָבער איז אַן אַנדער פחד, נאָך אַ ציטער, דורכגעלאָפן איבער די הערצער. עס איז געווען אַן אַלגעמיין באַקאַנטער סוד, אַז אויפן וויטן מזרח זענען געשטאַנען אומצייליקע דיוויזיעס פון דער רויטער אַרמיי, גרייט אָפּצושלאָגן יעטוועדע יאפּאַנישע אַטאַקע. די בריות וואָס פלעגן קומען פון דאָרטן, זענען געווען קורצע און לאַקאָנישע. מען איז געזונט, מען איז אויף דער וואַך און דאָס איז אַלץ. צי וועט טאַקע אויך יענער פראָנט זיך איצט צעפלאַקערן, צי וועט טאַקע אָנהייבן דאָס לאַנד אָפּגיין מיט בלוט פון ביידע זייטן? די פרייד פון אַמעריקעס אַריינטרעטן אין קריג האָט זיך אויסגעמישט מיט טיפן זאָרג. אַמעריקע איז אַזוי וויים און מיר געפינען זיך שוין ווידער פנים־אל־פנים מיטן שונא. אַמעריקע דאַרף ערשט אָנקומען און מיר זענען שוין אויפן פלאַץ. צי וועלן מיר אויסהאַלטן? צי איז נישט די אָנשטרענגונג צו געפערלעך?

אין ראַטנפאַרבאַנד האָבן מענטשן געוווסט צו דערציילן זאַכן וואָס זענען ווייניק באַקאַנט געווען אויף דער וועלט. נאָך לאַנג, איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה, נאָך דעמאָלט ווען די וועלט האָט געמיינט, אַז עס איז רואיק און גוט און ווויל, און בלויז אַ טייל פון די צייטונגען אין אייראָפּע האָבן געבראַכט פאַרוואָרפענע אין אַ ווינקעלע ידיעות וועגן „צוזאַמענשטויסן אויף דער סאָוועטיש־יאפּאַנישער גרענעץ" — שוין דעמאָלט האָבן מענטשן אין ראַטנפאַרבאַנד באַוויינט די געפאַלענע אין די גרויסע, שווערע שלאַכטן, וואָס זענען פאָרגעקומען ביי די ברעגעס פון אַמור און אויף די ברייטע סטעפּעס וואָס אויף דער מאָנגאָליש־מאַנדזשורישער גרענעץ. די מלחמה מיט יאַפּאַן איז אייגנטלעך אָנגעגאַנגען שוין זיבנט יאָרן. דאָס וואָס מען האָט באַצייכנט אַלס אינצידענטן זענען געווען גרויסע, פאַרביטערטע קאַמפן אין אַ ברייטן פאַרנעם. אמת, שטענדיק האָט מען די אָנגרייפער פאַריאָגט, שטענדיק זענען זיי אַנטלאָפן פאַרפאָלגטע פון די סאָוועטישע גרענעץ־פאָלקן, אָבער איצטער, ווען דאָס לאַנד שטייט אין אַזאַ שווערן, ביטערן געראַנגל, ווען טראָגן די שיינע ווערטער וואָס מען הערט פון דער גאַנצער וועלט, זעט מען נישט דערוויל קיין ממשותדיקע הילף פון ערגעץ נישט, צי וועט מען איצט אויך קענען אויסהאַלטן דעם קלאַפּ?

פון די סאָוועטישע צייטונגען האָט מען גאָרנישט געקאָנט געוואָר ווערן. דער טאָן אין באַצוג צו אַמעריקע איז געווען שטאַרק פריינטלעך

און ענטוזיאַסטיש, אָבער טראָץ דער קאַלטקייט און אָנגעצויגנקייט, מיט וועלכער מען האָט געשריבן וועגן יאַפּאַן, איז דער טאָן דאָך פֿאַרבליבן אַ דיפּלאָמאַטיש־קאָרעקטער אָן זלזולים, אין אַ טייל צייטונגען איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אַ דערקלערונג פֿון לאָזאָווסקין, דעם שעף פֿונעם אינפֿאָרמאַציע ביוראָ פֿון דער רעגירונג. די דערקלערונג איז געקומען אַלס אַן ענטפֿער אויף אַן אָנפֿראַגע פֿון אַן אַמעריקאַנער זשורנאַליסט אויף אַ פּרעסע־קאָנפֿערענץ. דער זשורנאַליסט האָט געפֿרעגט: „וואָס וועט געשען אויב אַן אַמעריקאַנער עראָפּלאַן וועט מוזן לאַנדן אין ראַטנפֿאַרבאַנד נאָכן באָמבאַרדירן בערלין?" לאָזאָווסקי האָט געענטפֿערט: „צו וואָס דיסקוטירן זאַכן וועלכע זענען נאָך דערווייל נישט געשען?" סאַלאָמאָן לאָזאָווסקי האָט אַזוי אַרום געענטפֿערט יידישלעך־קלוג און אײנצייטיק געגעבן אָנצוהערן, אַז מען וואַרט טאַקע, אַז די אַמעריקאַנער אַוויאַציע זאָל שוין אָנהייבן דאָס וואָס מען האָט צוגעזאָגט. דער ענטפֿער האָט אַרויסגערופֿן אַ שמייכל אויף אַלעמענס ליפּן. אָבער אויף דער צווייטער פֿראַגע: „וואָס וועט געשען, אויב אַן אַמעריקאַנער עראָפּלאַן וועט מוזן לאַנדן אין ראַטנפֿאַרבאַנד, נאָכן באָמבאַרדירן טאָקיאָ?" איז דער ענטפֿער געווען אַ רואיקער און קאַלטער: „מיר האַנדלען שטענדיק אין אײנקלאַנג מיט די אינטערנאַציאָנאַלע געזעצן". וואָס זאָל דאָס באַדייטן? ווי אַזוי זאָל מען דאָס אויסטייטשן? דאָס האָט שוין קיינער נישט פֿאַרשטאַנען.

די ערשטע „פּרווו־מלחמה" צווישן ראַטנפֿאַרבאַנד און יאַפּאַן איז פֿאָרגעקומען נאָך אין יאָר 1938. די יאַפּאַנער האָבן דעמאָלט פּלוצלינג באַשלאָסן, אַז אַ שטיק סאָוועטיש לאַנד, לעבן דער אָזערע כאַסאַן איז נישט מער און נישט ווייניקער נאָר אַ חלק פֿונעם יאַפּאַנישן מאַנדזשוריען. זיי האָבן אויסגעקליבן אַזוי אַרום פֿאַר זייער אַטאַקע אַן אָרט וואָס געפֿינט זיך נאָענט פֿון וולאַדיוואָסטאָק. זיי האָבן געוואָלט באַקומען אַן אויסרייד, און פֿאַרכאַפּן דעם דאָזיקן פּאַסיפֿישן סאָוועטישן פּאָרט. די רויטע אַרמיי האָט דעמאָלט געהאַט זייער אַ שווערע אויפֿגאַבע. דער ראַטנפֿאַרבאַנד איז ווי שטענדיק געווען אַנטשלאָסן אויסצומיידן אַ מלחמה און דעריבער האָט די אַרמיי באַקומען באַפֿעלן אין קיין פֿאַל נישט אַריבער די יאַפּאַנישע גרענעץ. אָבער אין דער זעלבער צייט האָט אָבער די אַרמיי באַקומען אַ באַפֿעל אומבאַדינגט צו פֿאַרטיידיקן דאָס פֿאַרכאַפּטע שטיק לאַנד. די יאַפּאַנער האָבן זיך אײנגעגראָבן אין אָקאָפּעס

און באַפּעסטיקטע פּאָזיציעס און פאַרטיידיקט זיך מיט אַ ווילדער עקשנות. די מלחמה האָט זיך דאַן אָנגעהויבן אין יולי און פאַרענדיקט זיך ערשט אין אויגוסט, אָבער דער שונא איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון זיינע באַפּעסטיקונגען.

דאָס צווייטע מאָל איז עס געשען אין 1939, האַרט פאַרן אויסברוך פונעם וועלט־קריג. דאָס מאָל זענען זיי שוין נישט אָנגעפאַלן דירעקט אויף סאָוועטישער טעריטאָריע. זיי האָבן אומדערוואַרט און פּלוצלינגדיק אַטאַקירט די אויטאָנאָמע מאָנגאָלישע פאָלקס־רעפּובליק. די יאַפּאַנער האָבן אַ קלאַפּ געטון נאָענט פונעם טייך כאַלכין־כאָל, די געגנט איז אַ סטעפּישע און ברייטע און נאָר די קליינע, נידעריק־משופּעדיקע בערגלעך קענען העלפן אַביסל אין דער פאַרטיידיקונג. די גרענעץ־וואַכן האָבן זיך צוריקגעצויגן וואַרטנדיק אויף הילף. און די הילף האָט לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן אויף זיך. סאָוועטישע טאַנקען־דיוויזיעס מיט קאַוואַלעריע האָבן אונטערגענומען אַ ברייטע אָפענסיווע. ווידער איז דער קרומאויגיקער אָנגרייפער אַנטלאָפן אין בהלה און ווידער איז די גרענעץ שטיל געוואָרן.

איצט האָט דער ווייטער פאַרהאַסטער שונא אויפסניי אָנגעהויבן אַן אַטאַקע. דאָס מאָל נישט קעגן ראַטנפאַרבאַנד, נאָר קעגן די אַמעריקאַנער. רוסישע הערצער האָבן נאָך געטראַגן אין זיך די אַלטע שנאה צו די „געלע זשוליקעס", אַ שנאה וואָס איז זיי איבערגעגעבן געוואָרן בירושה, נאָך פון דורות. אַלטע, אויסגעדינטע ניקאָלייעווסקע סאָלדאַטן האָבן זיך דערמאָנט אָן דער אַמאָליקער רוסישער מפּלה אין 1904. מען האָט נאָך געדענקט אין רוסלאַנד דעם נאָמען: „פּאָרט אַרטור". אמת, די צייטונגען האָבן גאָרנישט געשריבן וועגן דעם, אָבער ער האָט זיך געפונען אַט־דער נאָמען אויף אַלעמענס ליפּן. דערביי האָט מען געטראַכט וועגן נאָך עפּעס. דעמאָלט, אין 1904, זענען געווען גענעראַלן טויגעניכטסן, פאַרקויפטע, קאָרומפּירטע אָפיצירן און אַ פאָלק וואָס האָט רעוואָלטירט קעגן רעזשים. איצט איז עס אַנדערש. איצט זענען די אָפיצירן בלוט און פלייש פון פאָלקס־פלייש. איצט איז די אַרמיי דאָס פאָלק און דאָס פאָלק איז די אַרמיי, איצט וועט מען קענען אָפּצאָלן פאַרן בלוט פון דער אָזיערע כאַסאַן, פאַר כאַלכין־כאָל, פאַר פּאָרט אַרטור, איצט איז פאַראַן אַ פאַרבינדעטער: אַמעריקע. און כאָטש דאָס לאַנד איז געשטאַנען אין בלוטיקן, שווערן געראַנגל, כאָטש דער שונא איז געווען אָפּגעשטויסן

פון מאָסקווע נאָר אויף אַ פּאָר צענדליק קילאָמעטער, האָבן זיך דאָך מענטשלעכע הערצער אָנגעפילט מיט נייע האָפענונגען.

אָבער נישט נאָר אויף אַן ענטפער די יאַפּאַנער האָט מען געוואַרט. מען האָט געוואַרט, אַז אַמעריקע זאָל שוין ענדלעך אָנהייבן צוזאַמען מיט ענגלאַנד די מלחמה קעגן די נאַציס. נישט אַ מלחמה פון ווערטער ווי ביז איצט, נישט סתם שיינע רעדעס און גוטע צוזאָגן. מען האָט געוואַרט, אַז דער בלוטיקער נאַצישער שונא זאָל געגומען ווערן אין צווי פייערן. מען האָט געוואַרט אויף אַ ידיעה, אַז מען האָט שוין אַ קלאַפּ געטון איבער די מערב־ברעגעס פון אייראָפּע. אמת, דער שונא וועט נישט באַזיגן רוסלאַנד. ווי ברייט ער זאָל נישט אויפרייסן דעם צערעוועטן פּיסק זיינעם וועט ער נישט איינשלינגען דאָס פאַרעקשנטע פאַרשנייטע לאַנד, אָבער צי טאַקע דאַרף דער סאָוועטישער מענטש שטיין אַליין און צאָלן מיט זיין לעבן, מיט זיין בלוט פאַר דער באַפרייאונג פון דער וועלט פונעם שרעקלעכן פּעסט, צי פאַ־שטייען זיי נישט, אַז אויסבלוטיקונג מיינט שוואַכקייט, צי ווילן זיי נישט העלפן, אָדער צי זענען זיי אַזוי שוואַך, אַז זיי קענען נישט העלפן? אָט־די אַלע פראַגעס האָבן אַרומגעשוועבט אין דער פראָס־טיקער לופט און געמאָנט אַן ענטפער. און איצטער האָט זיך אָנגעהויבן אויסווייזן, אַז דער ענטפער איז שוין ענדלעך געקומען. אַמעריקע איז שוין אָפיציעל אין קריג. איצט וועט מען שוין אוודאי לאַנג נישט דאַרפן וואַרטן אויף דער צוגעזאָגטע ממשותדיקער הילף. איצט וועט שוין דער נאָמען „אַמעריקע" מיינען נישט נאָר מאַשינען און טאַנקן, נישט נאָר אוי־טאָס און אַמוניציע, נאָר אויך אַ קלאַפּ איבערן שונאס רוקן, נאָר אויך אַן אויסגעשטרעקטע ברידערלעכע האַנט וואָס וועט קומען פון יענע ווייטע מענטשן מיטן גאָרגלדיקן, פּאָנפענדיקן לשון, מיט די פּירקאַנטיקע ברילן און מאָדנעם אויסלענדישן אָנטועכץ, וואָס קענען מאַכן אַזוי פיל נוצלע־כע זאַכן און מאַשינען, וואָס זענען אַזוי קלוג, כאָטש זיי פאַרשטייען נישט צו וואָס מען דאַרף די רעוואָלוציע — פון די אַמעריקאַנער.

און איבערן גאַנצן לאַנד האָט די פריידיקע בשורה אַרויסגערופן דעם זעלבן ענטוזיאַזם, דעם זעלבן פריידיקן שמייכל אויף די ליפּן, דעם זעלבן זיפץ פון דערלייכטערונג און די זעלבע מיט האָפענונג און פרייד קלינגענדיקע ווערטער:

אַמעריקע איז מיט אונדז!

די סאָלדאַטן פון הינטערלאַנד

טיף, טיף, אין די אינגעווייידן פון דער מאַמע־ערד זוכן די וואָרצלען פון אַ בוים די כוחות און די זאַפטן בכדי צו דערהאַלטן הויך די שטאָלצע קרוין זיינע, דער ברייטער שטאַם באַדעקט זיך מיט ברוינער, צעפלאַצטער קאָרע, מיט מאָכיקע באַבערדלטע אָנוווקסן, מיט וואָרצלען און סענקעס. די קרוין וויגט זיך אונטער די בייזע צעהוליעטע ווינטן, די בלעטער וואַקסן און ווערן געל און וועלקן, און פאַלן אָפּ, דינע צווייגעלעך ברעכן זיך טיילמאָל און פאַלן אַראָפּ, אָפּגעשליסענע און אַוועקגעריסענע פון זייערע עלטערע ברידער, די דיקע צווייגן, אָבער דער שטאַם שטייט פעסט און זיכער, אָן פחד און אָן מורא. וואָס קען אים אַ ווינט טון? גאָרנישט. העכסטנס, אָפּרייסן נאָך אַ צווייג, אָפּשפּאַלטן נאָך אַ שטיק קאָרע. וועט ער דעמאָלט, דער שטאַם אויסצויבערן פון זיין טיף די ברוינע, האָניק־קאָליריקע זאַפט זיינע, די זשיוויצע, פאַרגיסן דעם וווּנד און היילן אים, און די וואָרצלען זיינע, באַהאַלטענע פונעם אויג פון דורכגייער וועלן זיך אויסציען אין דער ערד נאָך ווייטער און נאָך ברייטער, איינזויגן זיך אין די אונטערערדישע קוואַלן און ציען יניקה פאַר אים, פאַרן שטאַם, וואָס איז אויסגעוואַקסן אַ מעכטיקער און שטאָלצער, וואָס איז אַריינגעוואָקסן אַ טיפער און אַ ברייט־צעוואָרצלטער און וויל, און מוז און וועט שטיין בלייבן, אַלע ווינטן און שטורמען אויף צו להכעיס, ביז וואַנען עס וועט אים אַ גלעט טון דער ווייכער און מיט צערטלעכע ריחות באַהויכטער פרילינג.

טיף, טיף אין די סאַמע פאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך און אינעווייניקסטע באַהעלטענישן, האָבן די וואָרצלען פונעם סאָוועטישן שטאַם גענישטערט און געזוכט, צעוואָקסן זיך און פאַרצווייגט, געפלאָכטן זיך און געגראָבן, בכדי איינצוזאַפּן און אויפהייבן צו אים, צום פעסטן און מיט שאָרסטקער קאָרע באַדעקטן שטאַם די כוחות, וואָס זאָלן אים זיין בייהילפיק ביים בייקומען דעם גרויסן, ווילדן און בלוטיקן שטורעם. די ערד, פון אויבן אַן איינגעקאָוועטע אין פראָסטיקן פאַנצער פון האַרטקייט און רואיקייט, פון גרויער איינטאָניקייט און שווייגנדיקער עקשנותדיקייט, האָט פון אונטן געקלעפּט צו די וואָרצלען, אַ ווייכע און נאָכגיביקע, אַ וואַרעמע און איבערגעגעבענע, אַן איבערפולטע מיט אומבאַקאַנטע כוחות,

וואָס האָבן געריזלט פון טיף־אונטערערדישע קוואַלן, אַן אייגענע און ליב־לעכע ביינאַנד.

אין די פאַבריקן איז אָנגעגאַנגען אַ פיבערהאַפטע און עקשנותדיקע „סאָציאַליסטישע פאַרמעסטונג". אָט דאָס וואָרט האָבן די סאָוועטישע מענטשן געקאָנט שוין פון לאַנג. געווען אַמאָל דער לאָזונג פון די „שלאָג־לער בריגאַדעס", פון די „אַרבעטס־שטורעמער", שפּעטער האָט זיך באַ־וויזן דער ברייט־פּלייציקער אַלעקסיי סטאַכאַנאָוו מיטן גלאַט־אָפּגעראַ־זירטן קאָפּ, און מיטן ברייטן שמייכל אויפן סלאַווישן פּנים. זיין נאָמען האָט זיך צעטראָגן דעמאָלט איבערן לאַנד, אַרויסגעקוקט פון די שפּאַלטן פון די צייטונגען, געקלונגען פון מאָסקווע ביז וולאַדיוואָסטאָק, און פון די אַרכאַנגעלסקער שנייען ביז צום זוניקן טורקעסטאַן. מיט זיין נאָמען האָבן געשטאָלצירט די קוילנגרעבער פון דאָנבאַס, ווייל ער, סטאַכאַנאָוו אַליין, איז אויך אַ קוילנגרעבער געווען. זיין נאָמען איז געוואָרן אויס נאָמען, עס איז געוואָרן אַ סימבאָל, פּונקט ווי דער נאָמען פון אַ פּירער. מען האָט געזאָגט: „סטאַכאַנאָוועץ", „סטאַכאַנאָוויש", „סטאַכאַנאָווישע רעזולטאַטן", „פּאָ סטאַכאַנאָווסקי". זיין נאָמען איז אַפילו אַרויס איבער די גרענעצן פון דער נייער פריש־יוגנטלעכער און דאָך דערוואַקסן־פעס־טער מדינה און געטראָגן זיך איבער דער וועלט ווי אַן אָנזאָג פון עפּעס נייעס, פון עפּעס אַזעלכעס, וואָס מען האָט נאָך קיינמאָל דערפון אין ערגעץ נישט געהערט. איצט, אין דער צייט פון באַדראָאונג און סכנה איז דער לאָזונג פון „סאָציאַליסטישער פאַרמעסטונג" ווידעראַמאָל אַרויס אויף דעם ערשטן, סאַמע בכבודיקסטן אָרט, באַזעצט זיך אויבנאָן, אָנגעג־שפּיצט זיך מיט לאַנגע קאָלאָנעס פון ציפערן פון די דערפילטע איבער־געשטיגענע און פילפאַכיק צעוואָקסענע „נאָרמעס". האַרט פאַר דער מל־חמה, אין די צייטן פונעם לאָזונג „זשיט סטאַלאָ לעגטשע, זשיט סטאַלאָ וועסעלעי" (לעבן איז געוואָרן גרינגער, לעבן איז געוואָרן פריילעכער"), איז דער לאָזונג פון „סאָציאַליסטישער פאַרמעסטונג" געווען אַ פּשוטער און ערדישער. איבערשטייגן די נאָרמע האָט אויסערן דאַנק און אָנערקע־נונג, אויסער דעם מעדאַל אָדער טיטל פון „העלד פון סאָציאַליסטישער אַרבעט", געבראַכט מיט זיך דעמאָלט צוזאָגן פון מער לוין, פון בעסערן שפּייז, פון מער קליידונג, פון „זאַזשיט אי נאַזשיט", (אַ לעב טון און פאַרמעגלעך ווערן). איצט איז אַלץ געוואָרן באַגרענעצט, דער לוין, אפי־

לו ווען ער איז גרעסער, האָט נישט קיין ממשות, ווען דאָס ברויט איז ראַציאָנירט, ווען קליידונג ווערט שווערער צו באַקומען פון טאָג צו טאָג, ווען עס איז נישטאָ סיי־ווי מיט וואָס צו הייצן אין הרובע. איצט האָט מען געמוזט אַריינהויכן אין די ציפערן פון די נאָרמעס דעם הייסן אָטעם פון די בלוטיקע פראָנטן, דעם פיין און מאַטערניש פונעם רויטאַרמייער אין די אָקאָפּעס, דעם ציטער און זאָרג פאַר אָט־דעם נאָענטן און לייב־לעכן וואַניאַ צי אַליאַ וואָס איז אַוועק און מען הערט נישט פון אים גאָרנישט, דעם צאָרן און האַס וואָס האָט זיך געטראָגן פון די פאַרוויס־טע צוריק־דעראָבערטע מקומות פון הינטער מאָסקווע, וואָס האָבן פאַר־זוכט דעם נאַצישן שווערן שטיוול, דעם גרויסן שטאָלץ פון רוסישן פאָלק, זיין יראת־הכבוד צו די גרויסע אַמאָליקע קריגער, צו די מיניגס און פּאָ־זשאַרסקיס, צו די קוטוזאָווס און סוואָראָווס. אָט דאָס אַלץ האָבן די וואָרצלען געזויגן פון די טיפענישן פון דער „מאַמעלע רוסלאַנד“ און אַריינגעפלאָכטן אינעם גערויש פון די מאַשינען, אינעם געפילדער פון די מאָטאָרן, אינעם געקלאַפּעריי פון די האַמערס, אינעם הודען פון די פאַב־ריק־סירענעס. סוואָראָווס גראָע ברעמען האָבן זיך פלוצלינג צונויפגע־וואַקסן מיט די שוואַרצע וואָנצעס פון סטאַלינען, דער פאַרצייטישער העלם פון אַלעקסאַנדער נעווסקי האָט פלוצלינג אַ בליאַסקע געטון אי־בעו׳ די קלוגע, לייכט־טאָטערישע אויגן פון לענינען, אַלטע, מיט באָיאַ־רישע הערבן באַהאָפטענע פּי׳ץן האָבן פלוצלינג אַ פלאַטער געטון לעבן די רויטע, די האַמער־און־סערפּיקע. און הויך איבער אָט־דעם אַלעם האָט זיך געטראָגן, אויף די פליגלען פונעם פאַרטיזאַנער־מאַרש פון זיבעצנטן יאָר, די פאָראויס־געשטרעקטע, מיט ווינט און שטורעם אָנגעלאָדענע פי־גור׳ פון טשאַפּאַיעוון, מיט אַ פּולעמיאָט ביי זיינע פיס, און מיט אַ צע־פלאַטשיקטער פּאַפּאַכע אויפן בלאָנדן טשוב זיינעם.

האָבן מוזשיצקע, סענקעוואַטע, וואָרצלדיקע און האַרט־קנאָכיקע הענט דערפילט פלוצלינג עפּעס אַן אַלטן, איבער דורות שרייענדיקן רוף. אין די גרויסע פאַבריקס־זאַלן איז געווען קאַלט און פראָסטיק, אָבער עפּעס האָט זיי אַ וואַרעם געטון, אַ ברי געטון, אָט די האַרטע פינגער. צי קאָן טאַקע אייזן בריען אין דער האַנט ווען עס איז קאַלט? יאָ, אויב עס דערמאָנט אָן אַ שפּיציקן באַגנעט, וואָס וועט צונויז קומען דאָרט, אויפן פראָנט. צי קאָן אַ מאַט, רוי און טונקל שטיקל קופּער צי מעש אַרויסרופן

אַ שמייכל אויף די ליפּן? יאָ, אויב מען דערזעט פּלוצלינג אַ קליינע שפּי־ציקע קויל, וואָס וועט ווערן צוגעפּעסטיקט צו דער, מיט פּולווער אָנגע־פילטער גילזע — צוזאַמען איז דאָס אַ טויט, אַ צונויפגעפּרעסטער פאַר־כישופטער טויט, וואָס רויטאַרמייאישע הענט וועלן אים אַוועקשיקן אַהינצו. צי קאָן אַ דיקער, טונקעלער, שטאָלענער לוח אַרויסרופן אַ האָ־פענונגספולן שטילן „עד״!? יאָ, אויב מען דערמאָנט זיך אַז דאָס וועט זיין אַ וואַנט פון אַ טאַנק וואָס וועט באַשיצן אַ בלאָנד־האָריקן געטרייען קאָפּ מיט שמייכלענדיקע אויגן, פון שונאס קויל. צי קאָן מען גלעטן אַ גראָ, שאָרסטקע, קאַלט שטיקל געוואַנט? יאָ, ווען מען ווייסט, אַז דאָס וועט זיין אַ פאָלע פון אַ ברייטן שינעל, אונטער וועלכן עס וועט צאַפּלען אַ וואַרעם האַרץ מיט האַס צום שונא און מיט בענקשאַפט אַהיים.

האָבן זיך בליקן געקרייצט און געקייטלט אין דער לופטן, ווי פונקען פון אַן אָנגעלאָדענעם אַקומולאַטאָר. האָבן פינגער זיך באַוועגט שנעל און פלינק, איינגעאיבט און אויסגעשולט, געטריי און גוטוויליק. האָבן זיך מוסקולן געצויגן און אָנגעצויגן, וויברירט און געהאַרטעוועט זיך, אָנגע־שטרענגט און געציטערט אין אָט־דער אָנשטרענגונג. האָבן זיך אָדערן אָנ־געפילט מיט בלוט און שנעלע, אומרואיקע פולסירונגען, אָנגעדראָלענע פונעם איבערפלוס פון ווילן צום יאָגן, יאָגן און איילן זיך. האָט דער מוח אַ געצוימטער און מיט געוואַלד און רואיקייט איינגעהאַלטענער, אַ באַ־וואָפנטער מיט קאַלטע אויסרעכענונגען, און אַ צעשטורעמטער מיט פלו־צימדיקע אויפבליצן פון איינפאַלן און דערפינדונגען, זיך געוויגט איבער די ציפערן אַ וואַכזאַמער און שטרענגער, אַ פאָדערנדיקער און ערנסטער, אַ ריקזיכטלאָזער און אומברחמנותדיקער.

און די ציפערן האָבן געשפּרונגען אויף די גרויסע שוואַרצע לוחות וואָס אין די גרויסע פאַבריק־זאַלן, די סירענעס פון די פאַבריקן האָבן זיך איבערגעשריגן איינע מיט דער אַנדערער און סיגנאַלירט די עטאַפּן פון די נצחונות, האָבן פעטע גרויסע אותיות אויף די צייטונגס־פּלאַכטעס אַרויס־געשריגן די נעמען פון די זיגער, פון די ערשטע לויפער אינעם גרויסן גע־יעג, פון די ערשטע קעמפער אינעם גרויסן פאַרמעסט, פון די ערשטע סאָלדאַטן פון העלדישן הינטערלאַנד.

דאָס, וואָס עס האָט נישט געקאָנט דערגרייכן דער אויפברויז און שטורעם, האָט אַרויפגעצוואונגען די אייזערנע לאָגיק פון דער מלחמה.

פאַרן אויסברוך פון קריג זענען אויך פאַראַן געווען געזעצן קעגן „ליעטור־נעס" (מענטשן וואָס לויפן פון איין פאַבריק אין דער צווייטער אָן אַ פאַרוואָס), קעגן „פראָגולשטשיקעס" (אַרבעטער וואָס פעלן ביי דער אַר־בעט אָן אַ באַרעכטיקטער סיבה), קעגן פויליאַקעס און סתם סאַבאָטאַזש־ניקעס. אָבער איצטער איז אָט דאָס אַלץ געוואָרן פאַרשאַרפט און די שטראָפן פאַרפילפאַכט. נישט אַרבעטן האָט מען נישט געקאָנט. אָן אַר־בעט, אָן אַן אַרבעטס־שיין איז אוממעגלעך געווען צו ווינען ערגעץ, צו באַקומען שפייז, צו לעבן. אַריבערגיין פון איין פאַבריק אין דער אַנדע־רער האָט מען געקאָנט נאָר מיט דער צושטימונג פוןביידע פאַבריקן. פאַר פעלן אַ טאָג ביי דער אַרבעט האָט מען געקאָנט געמשפט ווערן דורכן פאַבריקס־טריבונאַל און אפילו פאַרמשפט ווערן צו תפיסה. אַזעלכע פאַר־משפטע האָבן געדאַרפט אָפקומען די שטראָף אין ערגערע באַדינגונגען פון אַנדערע. פאַרשפעטיקן זיך צו דער אַרבעט מיט מער ווי צוואַנציק מינוט איז געווען פאַרעכנט ווי אַ „פראָגול" (פעלן פון דער אַרבעט אָן אַ סיבה). דריי פאַרשפעטי־קונגען קלענערע אַפילו ווי צוואַנציק מינוט, האָבן זיך שוין אויך גערעכנט ווי אַ פראָגול.

בייזוויליקע פראָגולן האָט מען באַטראַכט ווי פשוטן סאַבאָטאַזש.

די וואָיענקאָמאַטן האָבן גערופן אַלץ מער און מער מענער אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי. זייערע ערטער האָבן אָנגעהויבן צו פאַר־נעמען פרויען. מילדע פרויאישע פינגער זענען האַרט און שטרענג גע־וואָרן. פרויען האָבן דורכגעמאַכט אינטענסיווע מיליטערישע אויסשולונג און אַריינגעדרונגען אפילו אין די אָפטיילונגען וואָס האָבן באַוואַכט מי־ליטערישע אָביעקטן און רעגירונגס־הייזער. די מעדיצינישע אָפטיילונגען פון דער רויטער אַרמיי זענען פול געוואָרן מיט ניי־אויסגעשולטע פרויען־אינסטרוקטאָרן, פעלדשערס און דאָקטוירים. זיי האָבן זיך געריסן צום פראָנט, צו די ערשטע פּאָזיציעס, דורכגענומען מיט חשיבות פון זייער מיסיע, איינגעעקשנטע צו דערווייזן זייער גלייכקייט, זייער דערוואַקסנ־קייט צו דער גרויסער שעה, צו די התחיבותן וואָס די שעה האָט אַרויפ־געלייגט אויף זייערע אַקסלען.

יאָ, צו אָט דעם אַלעם איז מען צוגעוווינט געוואָרן נאָך פאַר דער מלחמה אויך. וועגן אָט־דעם אַלעם האָט מען געשריבן, געגעבן צו פאַר־שטיין, גערופן און געפאָדערט, נאָך לאַנג איידער דער בלוטיקער שטורעם

האָט זיך אַריינגעריסן אין די גרענעצן פון ברייטן און פאַרעקשנטן לאַנד. אָבער איצט האָט מען ערשט אָנגעהויבן גוט צו פאַרשטיין צו וואָס האָט מען באַדאַרפט די קאָלכאָזן. צי וואָלט עס מעגלעך געווען דאָס אָנזאַמלען אַזעלכע ריזיקע רעזערוון פון שפּייז בכדי אויסצוהאַלטן די פּילמיליאָניקע אַרמיי, אין דער צייט ווען די פּעטע, שוואַרצערדיקע אוקראַינע איז געלעגן אין שונאס הענט. מען האָט ערשט איצט אָנגעהויבן דייטלעך צו באַנעמען נאָך וואָס מען האָט געהונגערט און איינגעקויפט אין דער ווייטער אַמעריקע מאַשינען, נאָך וואָס מען איז אַרומגעגאַנגען נאַקעט און באָרוועס און אויפגעשטעלט דאַמבעס און שאַכטעס און זאַוואָדן. צי וואָלט דען מעגלעך געווען אָן אָט־דעם אַלעם פונאַנדערצוּוואַרפן ווייט איבערן לאַנד די קוזשניעס, ווו עס ווערט געשמידט און געקאָוועט דעם שונאס מפּלה.

דאָס לאַנד איז אייגנטלעך געווען אַ מיליטערישער גרויסער לאַגער, זינט דעם זיבעצנטן יאָר אָן. דאָס גאַנצע פאָלק איז געווען איין גרויסע אַרמיי. די פירער, דער אָפיצירישער קאָרפּוס, דאָס איז געווען די פּאַרטיי און אין די לעצטע פאַרמלחמה יאָרן אויך די אַזויגערופענע אומפּאַרטייאישע באָלשעוויקעס. די פּאַרטיי איז געווען נישט נאָר אַ פּאַרטיי אין אַלגעמיין־אָנגענומענעם זין פון וואָרט, נישט נאָר אַ געוויסע צאָל מענטשן, וואָס שטייען אויף דער זעלבער פּאָליטישער פּלאַטפאָרם. דאָס איז אויך געווען דאָס אויסגעקליבענע, דאָס דורכגעזיפּטע און אַרויסגעהויבענע דורך אַ ספּעציעלער סעלעקציע. דעריבער איז די צאָל פון פּאַרטייער געווען אַזאַ פאַרהעלטנישמעסיק קליינע. אויף אַ באַפעלקערונג פון קנאַפּע 200 מיליאָן האָט די פּאַרטיי פאַרמאָגט אַ מיטגלידערשאַפט פון בערך צוויי ביז דריטהאַלבן מיליאָן, דאָס הייסט ביי די אַנדערטהאַלבן פּראָצענט. אַריינבאַקומען זיך אין פּאַרטיי איז געווען באַטראַכט פאַר אַ גרויס גליק און כבוד. בכדי צו ווערן אַ קאַנדידאַט האָט מען באַדאַרפט האָבן אונטערשריפטן פון צוויי פּאַרטיי־מיטגלידער מיט רעקאָמענדאַציעס. די דאָזיקע מיטגלידער האָבן אויך געדאַרפט אונטערשרייבן אַז זיי קאָנען דעם קאַנדידאַט מינימום דריי יאָר שוין, און זיי זענען זיכער דערין, אַז ער איז ווערט צו ווערן אַ קאַנדידאַט. די צייט פון זיין אַ קאַנדידאַט איז געווען איין יאָר און ערשט נאָך אַן עקזאַמען פון פּאַרטיי־געשיכטע און מאַרקסיזם, איז מען געוואָרן אַ פולבאַרעכטיקטער פּאַרטיי־מיטגליד.

איצט איז מער ווי אַ העלפט פון די פּאַרטייער אַוועק אויפן פראָנט. די פּאַרלוסטן אין די פּאַרטיי־רייען זענען געווען פילפאַכיק גרעסער ווי צווישן אַנדערע. דער פּאַרטייער פילט אויף זיך די אחריות פאַרן קליינעם רויטן ביכעלע וואָס ער טראָגט אין קעשענע. אַלע קוקן אויף אים. אַלע דערוואַרטן פון אים, אַז דאָס וועט ער זיין דער ערשטער, דער סאַמע איבערגעגעבנסטער, דער ביישפּיל־געבער. ער מוז דערווייזן, אַז נישט אומזיסט האָט מען אים אָט־דאָס ביכעלע אָנפאַרטרויט. און ער האָט געוויזן און דערוויזן, אָבער די רייען פון די פּאַרטייער האָבן אָנגעהויבן צו ווערן וואָס אַמאָל שיטערער דאָרט, אויפן פראָנט. די פּאַרטיי האָט אָנגעהויבן אַ קאַמפּיין פאַר אַריינגעמען פרישע כוחות. דער פּרווו־טערמין פאַר אַ קאַנדידאַט איז פאַרקלענערט געוואָרן פון דריי יאָר אויף איין יאָר, דאָס הייסט, אַז עס האָבן פאַר אים געקאָנט אונטערשרייבן די אַריינפיר־רעקאָמענדאַציע אַזעלכע חברים וואָס קענען אים בלויז איין יאָר. דער טערמין פאַר זיין קאַנדידאַט איז פאַרקלענערט געוואָרן פון איין יאָר אויף דריי חדשים. די באַדינגונגען פונעם עקזאַמען זענען געוואָרן אין אַ גרויסער מאָס געלינדערט.

דאָס איז געווען גילטיק פאַר דער אַרמיי, פאַרן פראָנט, אָבער אויך אין הינטערלאַנד האָבן זיך געעפנט אַביסל ברייטער די טירן פון דער פּאַרטיי פאַר די „העלדן פון סאָציאַליסטישער אַרבעט", פאַר די אַרבעטער, וואָס האָבן זיך דערשלאָגן צו נייע רעקאָרדן, צו בעסערע רעזולטאַטן אינעם געיעג פון מי און אַרבעט. דער באַגריף פון אַ פּאַרטייער אַלס אַ פירער פון דער אומפּאַרטייאישער מאַסע איז געוואָרן נאָך בולטער, נאָך דייטלעכער, און איצט האָט די פּאַרטיי אָפן געזאָגט: „אָנפירן מיטן לאַנד וועלן נאָך דער מלחמה די, וואָס קעמפן איצט אין די סאַמע ערשטע רייען, די סאָלדאַטן פון דער ערשטער ליניע, וואָס ריזיקירן זייער לעבן אין אָנבליק פון די געפאַרן, און די סאָלדאַטן פון הינטערלאַנד, וואָס זשאַלעווען נישט זייערע כוחות".

דאָס לאַנד האָט זיך געקאָרטשעט אין קאָנוווּלסיוון דראַנג אַרויסצוברענגען אויף דער אויבערפלאַך די בעסטע כוחות זיינע. דער מכלומרשט רואיקער, ברייט־צעפלאַסענער, רוסישער מענטשן־ים האָט געברויזט און געקאָכט אין די טיפענישן, געכוואַליעט און געשוימט זיך, פאַראייניקט וואַסער־רינגען אין קליינע כוואַליעס, צונויפגעגאָסן די כוואַ־

ליעס אין ריזיקע וואַסער־בערג און געטראָגן זיי שטורעמדיקע, מיט בייזן גערויש צערעוועטע, מיט שוימיקן כעס און האַס באַשפּריצטע, מיט מעכ־טיקן, דראָענדיקן צאָרן באַלאָדענע צו די בלוטיקע ברעגעס, ווו עס האָבן זיך געפּרוווט אַריינשניידן אין זיינע וואַסערן די שיפן פון שונא. דאָרט, אויף די ראַנדן פון גרויסן געראַנגל איז דער קאַמף אָנגעגאַנגען אַן אָנזע־באַרער. דאָרט האָט דער שטורעם געהוליעט מיט זיין גאַנצן כוח. דאָרט האָבן זיך געריסן די ווינטן און פונאַנדערגעשפּריצט דעם רויטן שוים פון בלוט. דאָ אין די טיפענישן פונעם לאַנד, אין די ווייטע פאַרבאָרגע־נע און נישט באַמערקטע פּאָזיציעס, האָט מען געזאַמלט דעם כוח מיט איינגעשפּאַרטע, שנעלע, איילנדיקע באַוועגונגען, מיט צונויפגעשמעלצ־טער אָנשטרענגונג, אין פאַבריקן מיט פאַרפרוירענע שויבן, אין שטעט אָפּגעריסענע און נאַקעטע, אין הונגער און אין נויט, אין פּיין און אין וויי, אין זעלבסט־פאָרוווּרף, אַז טאָמער איז עס נישט גענוג אַנטקעגן דעם וואָס עס טוען פאַרן לאַנד יענע אין די אָקאָפּעס, אין דעם באַוווסטזיין, אַז אַ פאַרשנעלערטע באַוועגונג מיינט נאָך אַ קויל איבער דער קורצער מי־נוט, נאָך זעכציק קוילן איבער דער שעה, נאָך פינף הונדערט קוילן אי־בערן טאָג. און פינף הונדערט קוילן איז פינף הונדערט טרייסט־ווערטער פאַרן ווילן יאַט, וואָס האָט ערשט נישט־לאַנג פאַרלאָזט די היים זיינע, פינף הונדערט טויטן פאַר די בלוטיקע בעסטיעס וואָס האָבן זיך דאָ אַריינגעריסן, פינף הונדערט צייכנס פון איבערגעגעבנקייט און געטריי־שאַפט. די ציפערן שפּרינגען און לויפן, שנעל ווי די קוילן, שאַרף ווי אַ שווערד, איילִיק ווי אָט־די מינוטן וואָס טיקטאַקעווען שנעל און אומדער־מידלעך, איינטאָניק און דאָך אַזוי פילבאַדייטנדיק, גלייכגילטיק און דאָך אַזוי אומרואיק צעפלויגן, פונקט ווי עס פולסירט דאָס בלוט אין זייערע שלייפן, אין די שלייפן פון דער גראָער נאָמענלאָזער אַרמיי, פון די שטי־לע סאָלדאַטן פונעם הינטערלאַנד.

עלנט

שוין באַלד אַ האַלב יאָר, זינט עס זענען אַרויס פונעם קרעמל צו די ווייטע צפונדיקע וועלדער און טונדרעס די באַפעלן וועגן באַפרייען די פאַרשיקטע בירגער פון דער געוועזענער פוילישער רעפובליק, און עס האַלטן נאָך אין איין וואַנדערן די באַפרייטע לאַגערניקעס. די מיליטערישע לאַגערן פון דער אויפקומענדיקער פוילישער אַרמיי האַלטן אין איין וואַקסן, און יעדן טאָג קומען צו אַלץ נייע מחנות. צווישן די וואָלונטירן, צווישן די פּאָליאַקן, ווייסרוסן און אוקראַינער פון די מערב־געביטן, שטעלן זיך צו צו די מיליטערישע קאָמיסיעס אויך די יידן. צוזאַמען מיט זיי אַלעמען זענען זיי די יידן, אויך געווען אין די לאַגערן, געאַרבעט אַלס האָלץ־העקער, אַלס קאַנאַל־גרעבער, אַלס שאַכטיאָרן, אַלס מויערער, אַלס וואָס מען האָט נאָר זיי באַפוילן, און צוזאַמען מיט זיי זענען זיי אַרויסגעקומען אויף דער פריי, פאַרשיכורטע פון דער פּלוצלינגדיקער פרייהייט, פולע מיט דערוואַרטונגען, מיט האָפענונגען, מיט אַ נייעם לעבנס־ווילן און מיט אמתדיק־יידישער עקשנות וואָס פאָדערט אויסצוהאַלטן און איבערהאַלטן, וואָס רופט צום לעבן און צו דערלעבן. אָ, אַזויפיל זאַכן האָבן זיי געהאָפט צו דערלעבן און גאָר אינגיכן, אָט די אַלע יידן וואָס מען האָט דעמאָלט פון די לאַגערן באַפרייט, אַזויפיל סיבות האָבן זיי געהאַט צו פרייען זיך און צו האָפן, אַז ענדלעך איז געקומען די צייט פאַר גוטע בשורות, פאַר ישועות ונחמות, אַזויפיל לעבנסלוסטיקייט האָט אַרויסגעקוקט פון די אויגן זייערע, אַזויפיל רירעוודיקייט האָבן אַרויסגעוויזן זייערע אויסגעדאַרטע, אויסגעקוואַרטע, מיט פראָסט דורכגענומענע קערפּערס. קודם־כל האָט זיי אויפגעמונטערט די בלויזע ידיעה, אַז עס עקזיסטירט שוין נישט מער קיין פרידלעכע גרענעץ צווישן דעם ראַטנפאַרבאַנד און דעם ברוינעם לאַנד פון רציחה און טומאה. די גאַנצע צייט האָט זיך אַלץ אין זיי געבונטעוועט אינעווייניק אַנטקעגן דעם, אַז אַזאַ גרענעץ עקזיסטירט, אַז פון איין זייט גרענעץ זאָל זיך פרידלעך בלאָזן אויפן ווינט דער טריפהנער פאָן מיטן האַקנקרייץ און פון דער צווייטער זאָל פלאַטערן, אויך פרידלעך, די פאָן מיטן סערפּ און האַמער. יאָ, זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז אָט־דאָס פאַרעקשנטע לאַנד, וואָס שטייט אייַנזאַם אַנטקעגן אַ וועלט טאָר נישט און קאָן נישט אָנהייבן קיין מלחמה. זיי

האָבן אויך געוווסט, אַז וואָס לענגער דער אויסברוך פונעם שטורעם וועט זיך פאַרציען, אַלץ מער צוגעגרייט וועלן זיי זיין, זיי — די סאָלדאַטן אין די גרויע שינעלן מיט די רויטע שטערנדלעך אויף די היטלען. זיי האָבן אויך פאַרשטאַנען, און בעסער געזאָגט, זיי זענען געווען זיכער דערין, אַז שפּעטער צי פריער מוז דער געראַנגל קומען, אַז עס קאָן אייביק נישט אָנהאַלטן, אָט־אָ דער צושטאַנד פון גרייטן זיך צום קאַמף, פון שאַרפן דעם וואָפן, אַז דער בלוטיקער שטורעם וועט אויסברעכן שפּעטער צי פריער. אָבער זיי זענען געווען אומגעדולדיק. זייערע געדאַנקען האָבן זיך געצויגן העט ווייט צו די קליינע שטעטלעך ביי דער ווייסל, דאָרטן ווו זיי האָבן איבערגעלאָזט זייערע טאַטעס און מאַמעס, זייערע שוועסטער און ברידער, זייערע נאָענטסטע און פריינט. זיי האָבן נישט געקלערט, עס איז זיי גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז עס וועלן קומען גאַז־אויוונס און קרע־מאַטאָריעס, פאַרניכטונג און נאַקעטער הונגער און טויט. מיטן פאָרגע־פיל זייערן, מיטן פשוטן מענטשלעכן שכל, מיטן אינסטינקט פון דער מאַסע, האָבן זיי באַנומען, אַז נאָר אַזאַ געראַנגל קאָן ברענגען אַן ענדע־רונג אין זייער לעבן און אַ באַפרייאונג פאַר זייערע נאָענטסטע. און איצט איז עס ענדלעך געקומען. אמת, דער דייטש דרינגט אַריין וואָס אַמאָל טיפער אין די געביטן פונעם ברייטן, מיט שניי און עקשנות באַ־דעקטן לאַנד. אָבער זיי האָבן שוין צייט געהאַט זיך איבערצוצייגן וואָס עס מיינט רוסלאַנד, ווער עס איז דאָס סאָוועטישע פאָלק, וואָס מען קען דערוואַרטן פון אָט־די גרויע, שאָרסטקע פאַרהאָרעוועטע מענטשן, און זיי זענען געווען זיכער אין דער מפּלה פונעם ברוינעם שונא, זיכער איז זיין אומפאַרמיידלעכן אונטערגאַנג, און דעמאָלט, דעמאָלט, ווען אָט־דער אויסגעטרוימטער טאָג פון זיג און אָפּרעכענונג וועט קומען, ווער וועט זיך נאָך קענען גלייכן צו זיי, ווער וועט קאָנען אָפּמעסטן און באַנעמען די פרייד זייערע. זיי וועלן אַהיימקומען אַהינצו אין די גרויסע שטעט, צו די שמאָלע געסלעך פון סמאָטשע און סטאַווקע, צום לאָדזשער באַ־לוט, צו די הינטערגעסלעך פון לובלין און ביאַליסטאָק. זיי וועלן אַהיים־קומען צו די שטילע, מיט יידישן טוי און מתיקות דורכגעזאַפּטע קליינע שטעטלעך. זיי וועלן פאַלן אויף די העלדזער פון זייערע מאַמעס און כלות, צעקושן זיך מיט די טאַטעס און ברידער, אויפשטיין אינדערפרי און באַגריסן די אויפגייענדיקע זון, קוויקן זיך מיטן טייך, אַריינזאַפּן אין

זיך היימישקייט און גוטסקייט. די בענקשאַפט, די נאָגנדיקע בענקשאַפט האָט געוועבט אין דער פּראַקטיקער, מיט אייז־באַהאָנגענער לופט שטיל־זוניקע טרוימען און וויזיעס, פּיל־קאָלירקיע אויסגעחלומטע זעאונגען און אַנטפּלעקונגען. אין די קנאַקנדיקע צענטראַל־רוסישע און סיבירישע פּרעסט האָבן אַרומגעשוועבט אין דער לופטן וואַרעמע, ליבלעכע פּריי־טיקצונאַכטסן מיט חלבנע ליכט, וואָס טריפן פון מעשענע לייכטערס. אין דער שטילקייט פון ווייטן צפון האָבן זיי געהערט דעם געפילדער און גערויש פון די דיסקוסיעס אין די אַרבעטער־פּאַראייַנען פון וואַרשע און לאָדזש. איבער די פאַרשנייטע פליינען איז געשוועמען אַ שטילע, מיט גרינעם גאָלד אויסגעהאַפטענע ווייסל, וואָס האָט געמיטלעך געפליעס־קעט אין די אויערן. אינעם איינטאָניקן געקלימפּער פון די באַנען־רעדער האָבן זיי געהערט דאָס סקריפּען פון די וואַרשעווער טראַמווייען.

און איצט איז מלחמה. אַ מלחמה מיט יענעם שונא וואָס האָט אָט־דאָס אַלץ חרוב און צונישט־געמאַכט, אַ מלחמה מיט יענעם שונא, צוליב וועלכן זיי האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייערע היימען און משפחות, און דער־נאָך פאַרוואַרפן ווערן אין אָט־די ווייסע שנייאיקע מדבריות, אַ מלחמה מיט יענעם שונא וואָס האָט פּלוצלינג איבערגעשניטן דאָס שטילפליסנ־דיקע לעבן און פאַרוואַנדלט זיי אין שלעפּער, אין וואָגלער און בעטלער, אין מענטשן אָן אַ דאַך און אָן אַ היים, אויסגעשטעלט אויף כל־מיני פּורעניות און שלעק, אָנגעפילט זייערע שטילע הערצער מיט גאַל און ביטערניש, מיט אומרו און צאַפּל, מיט חרטה און זעלבסט־פאַרוורפן, מיט בענקשאַפט און עלנט.

יאָ, איצטער איז מלחמה. פאַרפאַלן, זיי האָבן זיך זייערע תערומות און טענות צו אָט־די מענטשן מיט די רויטאַרמייאישע שינעלן, האַסטיקע ברייטע באַוועגונגען און רואיקע פאַרעקשנטע אויגן. יאָ, מען האָט זיי פאַרשיקט אין די ווייטע וויסטענישן און די שווערע אַרבעט האָט זיי אַרויסגעצויגן דעם מאַרך פון די ביינער. יאָ, זיי האָבן געליטן נויט און הונגער און קעלט. יאָ, זיי זענען זיכער געווען, אַז זיי זענען גאָט די נשמה שולדיק, ווייל וואָס פאַר אַ שלעכטס האָבן זיי דען געטון, וואָס זיי האָבן געוואָלט „מאַכן געלט״, געלאָפן איבער די גרענעצן הין און צוריק, נישט געקאָנט צי נישט געוואָלט אַריינפּאַסן זיך אין די נייע באַדינגונגען, אין דער נייער אָרדענונג, וואָס די רויט־שטערנדיקע אַרמיי האָט מיט זיך

געבראַכט אַהינצו, צו די מערב־געביטן פון אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד און וואָס פאַר אַ שלעכטס האָבן זיי דען געטון וואָס זיי האָבן זיך פאַר־שריבן ביי די דייטשן אויף צו פאָרן צוריק אין די דייטשע געביטן. זיי האָבן דען געוואָלט צום דייטש? צו זיך האָבן זיי דאָך געוואָלט אַהיימ־פאָרן, צו די היימען זייערע, און ווי אַ טרינקענדיקער כאַפּט זיך אָן אָן אַ בריטווע, אַזוי האָבן זיי זיך דעמאָלט אָנגעכאַפּט אָן די דייטשישע קאָ־מיסיעס. נו, איז דערפאַר זיי געקומען צו פאַרשיקן אין אָט־די וועלדער און וויסטעניש? אָבער פאַרפאַלן, אַזוי איז שוין געשען און איצט זענען זיי צופרידן, וואָס ענדלעך זענען זיי שוין צוריק אויף דער פריי. יעדער האָט אין טאַש אַ פּאַפּירל, אָן „אודאָסטאָווערעניע", אַז ער איז אַ פרייער מענטש, און קאָן פאָרן וווהין זיין האַרץ גלוסט. ווייט איז פאַרבליבן היג־טער זיי דער לאַגער און די איינטאָניקייט פונעם לאַגער־לעבן, ווייט דאָס אויפשטיין באַגינען און האַקן ביימער אין וואַלד, ווייט דאָס רעכענען די שטויסן פונעם צעהאַקטן האָלץ און דאָס עסן לויט דער אָפּגעאַרבעטער נאָרמע פון „ערשטן", „צווייטן" צי „דריטן" קעסל. ווייט דאָס מאַרשירן אין אַרעסטאַנטישע קאָלאָנעס צו דער אַרבעט און פון דער אַרבעט. דאָס אַלץ האָבן זיי שוין פאַרגעסן. איין פאַרלאַנג האָבן זיי איצט. אַליין צו העלפן אין קאַמף. אַליין אויך ווערן סאָלדאַטן און ענדלעך מיט דער ביקס אין האַנט זיך טרעפן מיט יענע ברוינע רוצחים, אַליין זיך פאַרמעסטן מיט דער בלוטיקער בעסטיע, אַליין העלפן אָט־דער גרוי־שינעלדיקער אַרמיי אין קאַמף. זיי האָבן נישט דערוואַרט אַז מען וועט זיי נעמען אין דער רויטער אַרמיי. ווער נאָך האָט אַזוי געוווּסט וויפל אומצוטרוי צו אויסלענדער און פרעמדע עס שטעקט אין אָט־דעם לאַנד, ווי זיי, וואָס האָבן דורכגעמאַכט אויספאַרשונגען, תפיסות און לאַגערן. ווער נאָך ווי זיי האָט געוווּסט, אַז אָט־דער אומצוטרוי איז נישט קיין אומזיסטער, סתם אין דער וועלט אַריין. ווייניק האָבן זיי זיך צוגעהערט צום שטילן גיפ־טיקן וואָרטשען פון די פאַרשיקטע פּאָליאַקן און אוקראַינער, וועמענס יע־דעס וואָרט האָט געשפּריצט מיט האַס און שנאה. ניין, זיי האָבן אפילו נישט דערוואַרט, אַז מען וועט זיי מאָביליזירן אין דער רויטער אַרמיי. אָבער מען האָט זיי געזאָגט, אַז עס שאַפט זיך אַ פּוילישע נייע אַרמיי, וואָס וועט קעמפן אַקסל ביי אַקסל מיט דער סאָוועטישער, וואָס וועט זיך דורכשלאָגן אַ וועג קיין פּוילן מיטן געווער אין האַנט, אַלץ האָט זיך גע־

פרייט אין זיי ביי אָט־דעם געדאַנק. אַ קלייניקייט, נישט נאָר אַהיימקו־מען, נאָר אויך האָבן די מעגלעכקייט נקמה צו נעמען און אָפּרעכענען זיך. אָ, זיי האָבן גוט געדענקט, ווער די פּאַליאַקן זענען, אָבער איצט איז אַלץ אַנדערש. איצט האָבן זיך אַלע וועגן געטראָפן. דער רוסישער בער איז באַפאַלן געוואָרן און וועט שלאָגן. נאָך אַ מין שלאָגן. ערשט די פּאַליאַקן, זיי ווילן דאָך זיכער אַהיים, הייַנט פּאַרוואָס זאָלן זיי ערלעך נישט אַרויס אין קאַמף, און מיר, מיר יידן, ווער קאָן נאָך אַזוי ווי מיר פאַרשטיין דעם זין פון אָט־דעם קאַמף, די נויטווענדיקייט אויסצוראָטן איינמאָל פאַר אַלעמאָל די נעסטן פונעם ברוינעם פעסט, אויסצושניידן פונעם קערפּער פון דער וועלט אָט־די שטינקענדיקע מכה, וואָס הייסט פאַשיזם.

און מיט אַ פריילעך האַרץ זענען די יידישע בחורים פון די לאַגערן געפאָרן זיך צושטעלן אין דער פּוילישער אַרמיי.

עס זענען געפאָרן די יאַטן, וואָס זענען אויסגעוואַקסן אין וואַרשע אויף קראָכמאַלנע און סמאָטשע, אויף שמאָלע און ברייטע מילע און מור־ראַנאָוו, אויף סטאַווקע־געסל און אויף ניסקע. אין האַרצן האָבן נאָך ביי זיי געפלאַקערט די פאָנען וואָס זיי פלעגן מיט פלינקע באַוועגונגען פאַר־וואַרפן אויף טראַמוויי־דראָטן, פאָנען וואָס האָבן געהאַט אויף זיך דעם זעלביקן צייכן פון סערפּ און האַמער. עס זענען געפאָרן די וואַרשעווער געוועזענע פּאַצעטן, די אַמאָליקע „גאָלדענע יוגנט״, וואָס האָט געטשאַר־לעסטאַנעוועט און געסטעפּעוועט, און איצט זענען זייערע פיס אַרומגע־וויקלט מיט שמאַטעס. עס זענען געפאָרן יאַטן פון די פאַרויכערטע לאָ־דזשער הינטערגעסלעך, וועבער און זין פון וועבער, וואָס האָבן אין זייער בלוט געהאַט אַריינגעזאַפּט די מעשות וואָס זייערע טאַטעס האָבן זיי דערציילט וועגן „פינפטן יאָר״ און וועגן „בלוטיקן מיטוואָך״. עס זענען געפאָרן לאָדזשער פאַבריקאַנטישע זינדלעך, וואָס האָבן שוין פון לאַנג פאַרגעסן דעם טעם פון זייערע אויסגעפּיעשטשעטע היימען. עס זענען געפאָרן יאַטן פון קליינע שטעטלעך, געזונטע „פּראָווינצער״ יונגען, אין וועמענס אויערן עס האָבן נאָך אַלץ גערוישט די שטילע קאָרענע פעלדער פון פּוילן. עס זענען געפאָרן געוועזענע קאָמאַשנשטעפּער, פריזירער, סוח־רישע זין, קרעמער, ביוראַליסטן, שילער, סטודענטן. עס זענען געפאָרן ישיבה־בחורים און „צלאָפּעס״ וואָס האָבן אַזש ביז אַהער, אין די ווייטע סטעפּעס פון רוסלאַנד מיטגעבראַכט מיט זיך דעם ריח פון דער מקווה.

עס זענען געפֿאָרן יונג און אַלט, קינד און קייט, אַלע פֿול מיט האָפֿענונגען, אַלע איבערפֿולטע מיטן דראַנג צו דערגיין אַהיים און אַלע דאָרשטיקע נאָך נקמה.

פֿאָרן פֿאָרט זיך נישט אַזוי לייכט. אמת, פֿון לאַגער איז מען אַרויס יעדער איינער מיט זיין ביסל אָפּגעשפּאָרטן געלט, יעדער איינער מיט אַ לאַבן ברויט און עטלעכע געטרוקנטע הערינג אין וועג אַריין, אָבער די פֿרייד פֿון די ערשטע פֿרייהייטס־טעג איז שנעל צערונען געוואָרן. עסן דאַרף מען, עסן מוז מען, און דאָס לאַנד איז פֿאַר זיי איצט געלעגן טאַקע אַ פּריס, אָבער נאַקעט און הונגעריק. פֿאָרן מעגן זיי טאַקע וווהין זיי ווילן, אָבער די ברייטקייט און ווייטקייט איז פֿול מיט עלנט, נויט און הונגער. די בופֿעטן אויף די וואָקזאַלן זענען אויסגעליידיקט פֿון שפּייז. אין די שטעט דאַרף מען אָפּשטיין שעהנלאַנג אויפֿן פֿראָסט אין אַ ברויזנדיקן „אָטשערעד“ בכדי צו באַקומען אַ שטיקל ברויט. יאָ, פֿריי זענען זיי, אָבער דאָס לאַנד איז אָנגעצויגן מיט שטרענגער זאַכלעכקייט און אָפּגעפֿרעמדטער גלייכגילטיקייט צו זיי, צו די שלעפֿער און וואַנדערער. צו זיי, צו די געוועזענע לאַגערניקעס און פֿאַרברעכער, צו זיי, וואָס ווילן נישט אַרבעטן אפֿילו איצט, ווען יעדע פֿאָר הענט איז אַזוי נויטיק, נאָר זיי שלעפּן זיך אַרום איבערן לאַנד און באַשווערן נאָך דעם פֿאַרקער אויף די באַנען. אין די אויגן פֿונעם דורכגייער אויף דער גאַס, אין די אויגן פֿון די מיטשטייער אין אָטשערעד, אין די אויגן פֿון מיטפּאַסאַזשירן אויף די באַנען האָבן זיי געקענט געפֿינען אַלעס אַחוץ מיטלייד און צוגעלאָזנקייט. זיי זענען געווען אויסלענדער און נישט סתם קיין אויסלענדער, נאָר פּאָליאַקן, און דער סאָוועטישער מענטש האָט נאָך נישט געהאַט פֿאַרגעסן דאָס צוואַנציקסטע יאָר. און נישט סתם פּאָליאַקן זענען דאָס געווען, נאָר מענטשן וואָס זענען אַרויסגעקומען פֿון די לאַגערן. סתם אין דער וועלט אַריין שיקט מען קיינעם נישט אין לאַגער אַריין. דאָס, וואָס מען האָט זיי איצט באַפֿרייט, מיינט נאָך נישט, אַז זיי זענען אומשולדיקע שעפֿעלעך. דאָס, וואָס זיי זענען יידן און נישט קיין „אמתדיקע“ פּאָליאַקן, מיינט אויך גאָרנישט. זיי זענען פֿרעמדע. זיי זענען געוועזענע „זסילנע“ (פֿאַרשיקטע), און מסתמא האָבן זיי עס כשר פֿאַרדינט. איצטער וואַנדערן זיי אַרום און פֿאַרגרעסערן נאָך די מהומה און דעם הונגער. אַזוי האָט געטראַכט דער סאָוועטישער דורכגייער קוקנדיק אויף זיי, און אָט־דאָס אַלץ

האָבן די לאַגערניקעס געקענט אַרויסלייענען פון זייערע אויגן און אָפּט־מאָל אָפּילו דערהערן פון זייערע ווערטער.

איז, הייסט עס, די אַרומיקע וועלט געווען אָנגעשפּיצט מיט פרעמד־קייט, אומצוטרוי און בייזע בליקן און געשטשירעט אַנטקעגן זיי די ווייסע, הונגער־פּראָסטיקע ציין. האָט, הייסט עס, די אַרומיקע וועלט זיי אויפ־גענומען ווי שטיפקינדער און געגעבן אָנצוהערן אויף יעדן טריט און שריט, אַז זיי זענען דאָ פרעמד און אויף קיינעמס הארציקייט האָבן זיי נישט וואָס אויסצושטעלן. אָבער אויך די, צו וועלכע זיי האָבן זיך גע־קליבן צו פאָרן אין דער אַרמיי האָט זיי אָנגעקוקט מיט בייזע גיפטיקע אויגן. אויך די פּאָליאַקן, מיט וועלכע זיי זענען צוזאַמען געווען אין די לאַגערן האָבן אויף זיי געקוקט ווי אויף פרעמדע און אָפּטריניקעס. אייגנטלעך איז דאָס ביי זיי קיין נייעס נישט געווען. נאָך אין לאַגער האָט מען זיך אַרומגעריסן און אַרומגעקריגט. נאָך אין לאַגער האָבן די פּאָליאַקן זיי פאָרגעוואָרפן, אַז דאָס האָבן זיי, די יידן, געקושט די אָנ־געקומענע סאָוועטישע טאַנקן און געוואָרפן בלומען אונטער די קאָפּיטעס פון דער רויטער קאַוואַלעריע. נאָך אין לאַגער האָבן די פּאָליאַקן גע־דראָט, אַז אויב עס וועט קומען די צייט, און פּוילן וועט צוריק אויפ־שטיין, וועלן זיי זיך אָפּרעכענען מיט די יידן. יאָ, דאָס אַלץ האָבן די יידי־שע יונגעלייט נאָך געדענקט, אָבער זיי האָבן מיט נאַאיווער גלויביקייט געהאָפט אַז איצט, ווען אַלע זענען באַפרייט, ווען אַלע דאַרפן האָבן איין פאַרלאַנג: צו באַזיגן און אונטערברענגען די ברוינע רוצחים, אַז איצט וועלן די אַלטע טענות פאַרגעסן ווערן. אָבער אַרויסגעוויזן האָט זיך פּונקט פאַרקערט. שוין אין די באַנען האָבן די פּאָליאַקן געזוכט זיך אָפּצוזונדערן פון די יידן. „ווער דאַרף אייך האָבן אין דער אַרמיי? — האָבן זיי גע־טענהט, די פּאָליאַקן. — איר זענט דאָך אַלע באָלשעוויקעס, הייגט פאַר־וואָס גייט איר נישט אין דער סאָוועטישער אַרמיי? צו זיי גייט, צו די קאָמוניסטן. מיר ווילן האָבן אַ ריינע פּוילישע אַרמיי, אָן יידן.

די דאָזיקע ווערטער האָבן געשניטן ווי מיט מעסערס, די דאָזיקע ווערטער האָבן באַליידיקט און דערנידעריקט. נישט דאָס באַצייכענען אַלס באָלשעוויקעס און קאָמוניסטן האָט באַליידיקט, נאָר דאָס אָפּשיקן און אָוועקשטופּן די אויסגעשטרעקטע האַנט. נישט די ווערטער האָבן וויי געטון, נאָר דער אייביקער יידישער עלנט, וואָס קיינער וויל אים נישט

באַנעמען. נישט די פאָרוואורפן האָבן ווי געטון, נאָר דער באַוווסטזיין פון איינזאַמקייט, פון דער אויסטערלישער לאַגע זייערע, וואָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די סאָוועטישע מענטשן באַצייכענען זיי אַלס פּאָליאַקן, און די פּאָליאַקן באַצייכענען זיי אַלס באָלשעוויקעס, און יעדער איינער האַלט זיי פאַר אָפּטריניקע, און יעדער איינער וואַרפט אָפּ זייער האַנט, און די וועלט אַרום און אַרום איז אַזאַ ווייסע און הונגעריקע און קאַלטע, און אַזאַ מוראדיק־פרעמדע און גלייכגילטיקע.

און דאָך זענען זיי געפאָרן צום מיליטער. זיי האָבן געוואַנדערט און אויסגעוואַנדערט די ווייטע, מיט שניי־באַדעקטע שטחים פון צענטראַל־רוסלאַנד, פון וואָלאָגדע און אַרכאַנגעלסק ביז די אָרענבורגער סטעפּעס. זיי זענען געווען מוטיק און רירעוודיק. זיי האָבן געהאַנדלט און געוואַנדלט, געבעטלט און אַפילו געגנבעט אַבי לעבן צו בלייבן. זיי האָבן פאַרקויפט פון זיך די לעצטע שמאַטעס. אַרויסגעשניטן די פון לאַנג־פאַרנייטע גאָלדענע מטבעות, וואָס זיי האָבן געהאַט מיט זיך אויף אַ שוואַרצער שעה, זיי האָבן זיך מאַסנווייז אַרומגעשלעפּט איבער פאַרפרוירענע גאַסן און ווי די ווינטער־פייגל אַרויסגעפּיקט זייער חיונה פון אונטערן שניי אַפּער. זיי זענען געשלאָפן אויף די וואָקזאַלן און געוווינט אין די באַנען, זיי האָבן באַלאַגערט די קראָמען און שפּעטער פאַרקויפט אויף די מערק די איינגעהאַנדלטע סחורות, זיי האָבן געלעבט אין וואַנדער און געוואַנדערט גאַנצע חדשים. זיי האָבן געקרענקט אויף טיפוס און נישט אייבמאָל ליגן געבליבן אין פיבער אין אַ וואַרטע־זאַל פון אַ באַן־סטאַנציע. נישט איינמאָל זיך נישט איבערגעוועקט פון אַ דרימל ערגעץ אינמיטן גאַס, און אַזוי ליגן געבליבן פאַרפרוירענע, מיט בלויע פּנימער און אַ מאָדנעם, אומהיימלעכן טויטן שמייכל אויף די ליפּן. ווער איז אָנגעגאַנגען אַ פאַרפרוירענער לאַגערניק? קיינעם נישט. אַפילו זיינע אייגענע חברים פלעגן דערין פאַרגעסן באַלד אויף צומאָרגנס. יאָ, עס האָט עפּעס אַ שטאָך געטון אין האַרצן ביים אָנבליק פון בלויען פּנים מיט די אַנטבלויזטע ציין, אָבער לאַנג האָט אַזאַ שטאָך נישט געדויערט. מען האָט אים גלייך פאַרגעסן. יעדער איינער איז געווען פאַרנומען מיט זיך, מיט אַרויסקריגן אַ שטיקל ברויט כאָטש פאַר זיך, מיט אַרויסשאַרפן פון די פּראָסטיקע נעגל דאָס אייגענע צאַפּלענדיקע לעבן, וואָס האָט געפיבערט

אונטער דער דינער הויט, וואָס האָט געוואָלט נישט נאָר לעבן, נאָר אויך איבערלעבן און דערלעבן.

אין אָנהויב האָבן די פּוילישע מיליטערישע קאָמיסיעס קיין גרויסע שוועריקייטן נישט געמאַכט די יידישע פּריזיוויליקע, אָבער ווען די צאָל האָט גענומען וואַקסן, האָט מען אָנגעהויבן ביי די טישן צו קוקן מיט ווידערווילן אויף די רעקרוטן וואָס זייערע נעמען ענדיקן זיך אויף „מאַן", „שטיין", אָדער „בלאַט". מען האָט אָנגעהויבן בראַקעווען און נישט צו־נעמען צום מיליטער אונטער די פאַרשיידנסטע ווילדע אויסריידן. דעם געזונטסטן בחור פלעגט דער פּוילישער מיליטערישער דאָקטאָר וועלן פּלוצלינג איינרעדן, אַז ער האָט אַ שוואַך האַרץ, צי די לונגען זענען ביי אים נישט אין אָרדענונג. מערסטנטייל זענען זיי אפשר געווען גערעכט. ווער האָט דען נישט געהאַט קיין שוואַך האַרץ, צי עטוואָס אָנגערירטע לונגען. אָבער ביי די פּאָליאַקן האָט מען נישט געפרעגט גאָרנישט נישט. זיי האָט מען צוגענומען גלייך. אפילו קראַנקע, אַפילו אין פיבער, אַפילו קאַליקעס. אין פּריוואַטע שמועסן האָבן פּוילישע אָפיצירן אָפן אַרויסגע־זאָגט דאָס, וואָס מען האָט ביי די טישן פון די קאָמיסיעס פאַרהילט אין אַ שלייער: „אויב מיר קענען ראַטעווען אַ פּאָליאַק, פאַרוואָס זאָלן מיר אַריינבעמען אַ ייד. צום פראָנט איז נאָך אַ ווייטער מהלך, און דערווייל האָבן מיר ברויט און קאָנסערוון, היינט ווענען זאָלן מיר אָנקאָרמען: אַ פּאָליאַק צי אַ ייד?" און זיי פלעגן צוגעבן מיט גיפטיקער איראָניע: „איר, יידן, האָט דאָך אייערע „גלויבנסגענאָסן" אין דער גאַנצער וועלט, שרייבט צו זיי, זאָלן זיי אייך העלפן, זאָלן זיי אייך שיקן שפּייז". די יידישע יונגעלייט, וועלכע זענען אויסגעפאָרן גאַנץ רוסלאַנד, ביז זיי זענען שוין ענדלעך אָנגעקומען אין אַ מיליטערישן לאַגער, האָבן אַזוי לייכט נישט אויפגעגעבן זייער האָפענונג. זיי האָבן געבעטן און געדראָט, געשטעלט זיך און געפּאָדערט, געזוכט באַקאַנטשאַפט און פּראָטעקציע און אפילו געפּרוווט „שמירן" אויך. נישט איינמאָל פלעגט דאָס לעצטע מיטל טאַקע העלפן, נאָך בפרט ווען דאָס „שמירן" איז באַשטאַנען אין אונטעררוקן אַ פלאַש בראָנפן. אָבער די מערהייט פלעגט אַוועקפאָרן פון די קאָמיסיעס מיט אַ ביטער האַרץ צו דער גאַנצער וועלט, צו גאָט און צו מענטשן, צו דעם פּראָסטיקן אַרום, וואָס האָט געאָטעמט מיט עלנט און שרעקלעכער איינזאַמקייט.

און דאָך האָט די צאָל פון די יידישע סאָלדאַטן געהאַלטן אין איין שטייגן. די פּאָליאַקן האָבן ווייזט אויס, איינגעפירט אַ שטילן „נומערוס קלאַוזוס" און אַ געוויסע צאָל יידן יאָ צוגענומען. באַזונדערס האָבן זיך שוין אומעטום געפונען „מאַכערס" וואָס האָבן געוווסט וועלכן אָפיציר, צי וועלכן מיליטערישן דאָקטאָר אונטערצורוקן כאַבאַר. יידן האָבן גע־חוזקט פון זיך אַליין. דערמאָנט זיך אין די אַמאָליקע „פּריזיוון" אין פּוילן, ווען מען האָט געזוכט „מאַכערס" אויף צו באַפרייען פון מיליטער, און איצט דאַרף מען געפינען אַ „מאַכער" בכדי צו ווערן צוגענומען אין מיליטער. מען האָט אויסגעטראַכט כל־מיני שפּיצלעך און גענגלעך. נישט איינער האָט זיך אָנגעגעבן אַלס קריסט, אַבי ענדלעך שוין אַריין אין דער אַרמיי, באַקומען אַ קאָלדרע און יעדן טאָג אַ שטיקל ברויט, אַ וואַרעמען שינעל און גאַנצע שיך, און קענען אַרומגיין מיט דער שטילער האָפע־נונג, אַז ווען דער טאָג פון זיג וועט קומען, וועט ער זיין צווישן די ערש־טע, וואָס וועלן אַהיימקומען צו זיך, צו די אויסגעבענקטע היימען.

די פּאָליאַקן האָבן זיך אַרומגעקוקט, אַז נישט געקוקט אויף אַלע באַשרענקונגען און באַגרענעצונגען וואַקסט די צאָל פון די יידן אין דער אַרמיי. מען האָט אפילו אָנגעהויבן צו פאָרמירן פון אָט־די סאָלדאַטן ספּעציעלע יידישע אָפּטיילונגען. אין לאַגער וואָס האָט זיך געשאַפן לעבן דער שטאָט קאַלטוביאַנקאָ האָט מען אַפילו אָרגאַניזירט אַ ספּעציעלן יידישן באַטאַליאָן מיט יידישע אָפיצירן. מען האָט דערציילט, אַז דאָס איז צושטאַנדגעקומען אויף דער ביטע פון רעוויזיאָניסטישע טוער, וואָס האָבן וועגן דעם זיך משתדל געווען ביי דער פּוילישער רעגירונג אין לאָנדאָן. לאַנג אָבער האָט דאָס נישט אָנגעהאַלטן. עס זענען אָנגעקומען באַפעלן און אינסטרוקציעס פונאַנדערצולאָזן די דאָזיקע יידישע טיילן און אויס־מישן די יידן מיט די פּאָליאַקן. דאָס שטרענגע דורכזיפן פון די רעקרוטן האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט. ווען עמעצער האָט זיך געיאָוועט פאַר דער קאָמיסיע האָט מען אים דאָס ערשטע שטענדיק געפרעגט וועגן דער רעליגיע זיינער, און דאָס צווייטע איז באַלד געווען דאָס זוכן דעם יידישן סימן. דערמיט איז דער גורל פונעם קאַנדידאַט אויף אַ זעלנער באַלד גע־ווען געשטעמפּלט. „נישט פּעאיק צו מיליטער־דינסט" — פלעגט ער דער־הערן, דער יידישער יונגערמאַן, און אַוועקגיין מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן, אין צער און ווייטיק, געבויגענעם קאָפּ.

די פוילישע מיליטערישע לאַגערן האָבן געהאַלטן אין איין וואַקסן, און די צאָל פון די צוגענומענע יידן האָט געהאַלטן אין איין פאַלן. די קלאַנגען וועגן אָט־דעם אַלעם האָבן זיך צעטראָגן ווייט איבערן לאַנד און צעגאַנגען לענגאויס די באַן־ליניעס, מיט וועלכע די פליטים האָבן געוואַנדערט. מען האָט זיך דערציילט אויף די וואָקזאַלן, וואָס עס טוט זיך אָפּ אויף די קאַמיסיעס. מען האָט שטילערהייט געשאָלטן די פּאָליאַקן און בייז געווען אויף דער גאַנצער וועלט. הערצער האָבן זיך אָנגעפילט מיט פאַרדרוס און ווייטיק. בייזע פייערלעך האָבן געפלאַמט אין די אויגן, ווערטער זענען געפאַלן בייזע און שטעכיקע, אָנגעלאָדענע מיט בלוטיקער איראָניע און שאַרפשניידיקער גאַליקייט. פון די אויגן, פון די אייביק־צעפלויגענע, מיט טיפן ווי דורכגענומענע יידישע אויגן האָט אַרויסגע־קוקט דער ענדלאָזער צער און עלנט.

און דאָך האָבן זיי באַשלאָסן צו לעבן ווייטער. דאָך זענען זיי פיל געווען מיט ווילן אויך דאָס איבערצוטראָגן. וואָס מער קאַלט, וואָס מער גלייכגילטיק די וועלט איז געווען צו זיי, אַלץ פעסטער איז געווען זייער דראַנג אויסצוהאַלטן און לעבן צו בלייבן, אַלעמען אויף צולהכעיס. וואָס פיינטלעכער און ריכזיכטלאָזער דער אַרום איז געוואָרן, אַלץ מער לעבנס־לוסטיק און קאַמפּסגרייט זענען זיי געוואָרן צום אַרום. יידישע איינגע־שפּאַרטקייט, יידישער עקשנות האָט געשלאָגן פון זייערע אומרואיקע בליקן, פון זייערע נערוועזע צעפלויגענע באַוועגונגען, פון זייער לויפן און האַווען. די פּאָליאַקן ווילן אונדז נישט? גוט. מיר וועלן זיך שוין אַן עצה טון אָן זיי. די סאָוועטישע מאַכט האָט אונדז פאַרפרעמדט? גוט, מיר וועלן זיך אויפפירן ווי פרעמדע. דער אַרום וויל אונדז פאַרזען און אומ־ברענגען מיט גלייכגילטיקייט? פאַרפאַלן, מיר וועלן קעמפן, מיר וועלן רייסן מיט נעגל און מיט ציין אונדזער לעבן פונעם אַרום. נישט דערויף זענען מיר איבערגעקומען די לאַגערן, בכדי אומצוקומען איצט אויף די וועגן. זיי האָבן נישט געקאָנט און נישט געוואָלט זיך באַצווינגען צו באַ־נעמען די לאַגע, אין וועלכער עס געפינט זיך דאָס אויסגעמוטשעטע, מיט בלוט־אָפּגייענדיקע לאַנד. זיי האָבן נישט געקאָנט און נישט געוואָלט פאַרשטיין, פאַרוואָס קיינער קוקט זיך נישט אום אויף זיי. זיי זענען גע־ווען דורכגעדרונגען מיט איין פאַרלאַנג: איבערלעבן דעם הונגער, איבער־לעבן דעם פראָסט, איבערלעבן אָט־דעם שרעקלעכן עלנט וואָס אַרום זיי

און דערזען מיט אײגענע אױגן די מפּלה פֿונעם שונא, און איבער אַלעם דערלעבן אַהײמצוקומען.

איבער די װאָקזאַלן האָבן געטומעלט אַרומגײין קלאַנגען װעגן דער שפּע פֿון װײַטן און זוניקן מיטלאַזיע, װעגן דער „שטאָט פֿון ברױט" — טאַש־קענט, װעגן דער זוניקער שטאָט, װאָס האָט אַזאַ שײן קלינגענדיקן נאָ־מען: אַלמאַ־אַטאַ — „דער פֿאָטער פֿון עפּל", װעגן די פֿרוכטבאַרע טאָלן פֿון פֿערגאַנאַ, װעגן דעם װײַטן, אײן זון און אײן װאַרעמקײט געבאָדענעם טורקעסטאַן. מען האָט אַפֿילו דערצײלט, אַז אױך די פּױלישע אַרמײ קלײַבט זיך דאָרט אַריבערצופֿאָרן. צוערשט אײנציקװײַז, דערנאָך גרופּנ־װײַז און לסוף מיט גאַנצע מחנות האָט זיך דאָס ײדישע װאַנדער־פֿאָלק אַ לאָז געטון אַהינצו. עס האָט געצױגן צו זון און צו װאַרעמקײט, עס האָט געצױגן צו אַ װײַט, עקזאָטיש לאַנד, װעגן װעלכן מען האָט דערצײלט, אַז עס באָדט זיך אין זאַטקײט, עס האָט געצױגן צום װײַטן און אומבאַקאַנטן.

די באַנען װאָס זענען געגאַנגען קײן טורקעסטאַן האָבן זיך איבער־געפֿולט מיט ײדישע פּליטים. זײ האָבן זיך געשטיקט אין די װאַגאָנען װי הערינג אין אַ פֿאַס. זײ האָבן געהאָנגען אױף די בופֿערן און טירן, זײ האָבן זיך געשלאָגן פֿאַר אַ שטיקל אָרט, זײ האָבן געשאָלטן און גע־זידלט, אױף זײערע ליפּן האָט זיך געשױמט רציחה און װילדקײט, אין זײערע אױגן זענען אַרומגעפֿלױגן שגעונדיקע פֿונקען, און די רעדער, די װאַגאָן־רעדער, װאָס קענען שטענדיק אױסכישופֿן פֿון די רעלסן־סטרונעס אַזאַ מוזיק, װאָס זאָל זיך באַהעפֿטן מיטן אױער פֿונעם װאָגלער, די רעדער פֿון די װאַגאָנעס האָבן אין לאַנגע אומעטיקע נעכט אײנטאָניק אױסגעקלאַפּט דאָס האַרצרײַסנדיקע נאָגעניש פֿון פֿאַרלאָזנקײט און עלנט.

די באַן לויפֿט אויף דרום

אין אַלע טיילן פון דער רויטער אַרמיי האָט מען געקאָנט טרעפן די מענטשן פונעם וויטן, זוניקן מיטלאַזיע. קליינע רירעוודיקע טורקמענער, שטאָלצע באַרגלייט פון הימל־גרייכנדיקן פּאַמיר, מאַנדלאויגיקע שלאַנקע אוזבעקן, קירגיזן מיט צעפּלאַטשיקטע נעז, קאַראַ־קאַלפּאַקן, באַשקירצעס און קאַלמיקן. פיל פון זיי האָבן דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן דערזען שניי אין יענעם ווינטער פון 1941 — 1942, ווען זיי זענען געקומען און מיט זייערע אייגענע קערפּערס פאַרשטעלט דעם שונא דעם וועג קיין מאָסקווע. זיי זענען אַלע געווען פול מיט בענקשאַפט צו זייערע וויטע, מיט זון־פאַרפלייצטע היימשטעט און „קישלאַקן" (דערפער), און מיט אַן אמתדיק מזרחדיקער פאַנטאַזיע פלעגן זיי דערציילן וועגן דער שפע פון זאַטקייט און וואַרעמקייט וואָס הערשט דאָרטן, אויף די דרומדיקע ראַנדן פון דער ריזיקער מדינה. אין דער וויטער קירגיזיע, אויף די פלאַכקייטן פון קאַזאַכסטאַן, אין די פרוכטבאַרע טאָלן פון פערגאַנאַ, וואָס איז אוזבעקיסטאַן, אויף די סטעפּעס פון טורקמעניע און אין הויכן, צווישן פעלזן און בערג איינגעפונדעוועטן טאַדזשיקיסטאַן. פון די ווערטער זייערע, וואָס זענען געקומען פון מיט בענקשאַפט־טרערן פאַרשטיקטע העלדזער, ווערטער אַרויסגעבראָכנגטע אין אַ האַרטן, גאַרגלדיקן און גרייזיקן רוסיש, האָט געשלאָגן מיט טיפער נאָסטאַלגיע, אָבער דער צויבער פון זייערע דערמאָנונגען האָט אויסגעכישופט פאַר די צוהערער נישט נאָר די עקזאָטיק פון מזרח, נישט נאָר דעם פאַרגעשמאַק פון נישט־געזעענע לענדער און נייע אַנטפלעקונגען, נאָר עס האָט זיך געטראָגן אין דער לופטן דער ריח פון וויינהענגלעך, דער גערויש פון פאַלמען־בלעטער, דאָס קלינגען פון קעמלען־קאַראַוואַנען און על־כולם האָט גערייצט ממש די נאָזלעכער דאָס וואָרט „ברויט", אַ וואָרט אַ פולס מיט צוזאָגן פון ווילזיין און זאַטקייט.

איז מען הייסט עס געפאָרן אויף דרום.

באַנען האָבן זיך געשלעפּט מעת־לעתן לאַנג, וואָכן־לאַנג, חדשים־לאַנג. באַנען האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין וואַנדערנדיקע שטעט, אין מלוכות אויף רעדלעך. אין די באַנען האָט מען זיך דערקענט, געשלאָסן פריינטשאַפט, געשמועסט, געקאָכט, געגעסן, געשלאָפן אויף די האַרטע

געלעגערס, געקריגט זיך, געברוגזט זיך, איבערגעבעטן אויפסניי, און אפילו זיך געליבט. די ערד האָט אויפגעהערט צו זיין אַ סטאַבילע זאַך, זי איז געוואָרן עפּעס אַזעלכעס וואָס טויג בלויז אויף צו אַנטלויפן פון אונטער די רעדער אַפער. די שטעט, דערפער און וואָקזאַלן האָבן אויפגעהערט צו זיין ממשותדיקע דערשיינונגען, זיי זענען געוואָרן פאַרביילויפנדיקע דעקאָראַציעס צום גרויסן ספּעקטאַקל וואָס הייסט: „נע־ונד“. בלויז דער וואַגאָן איז געווען אַ רעאַליטעט, וואָס קיינער קאָן אים נישט אָפּלייקענען, אַווירקלעכקייט וואָס מען קאָן זי אָנטאַפּן און באַרירן יעדע רגע, אַ גרענעץ פון וועלכער מען קאָן נישט אַרויס, אויב מען וויל נישט פאַרלירן די מעגלעכקייט פון דערגרייכן דעם וייטן טרוים: טאַשקענט. די רעדער פון דער באַן זעט מען נישט, אָבער זיי זענען אויך אַ טייל פון דער ווירקלעכקייט. זיי לעבן און דערציילן וועגן אַלעם וואָס איז געווען, זיי לעבן און דערמאָנען אַז דאָס לעבן לויפט און גייט ווייטער, הגם עס איז פאַרשלאָסן אין די ענגע ראַמען פונעם וואַגאָן, זיי לעבן און געבן צו האָפענונג אַז אָט פאָרט מען, אַז די באַן גייט פאָראויס, אַז מען וועט דערפאָרן, און דעמאָלט... וואָס דעמאָלט? דאָס האָט קיינער נישט געוווסט. שווער געווען זיך פאָרצושטעלן אַז מען וועט דאַרפן דעם וואַגאָן פאַרלאָזן. ווי אַזוי וועט עס אויסזען? ווו וועט מען וווינען? וואָס וועט מען טון? גיין, מען האָט אַפילו נישט געזוכט קיין ענטפער צו אָט־די פראַגן. מען האָט בלויז געוווסט, אַז עס וועט זיך עפּעס ענדערן, אַז אַלץ וועט ווערן ניי און אַנדערש, אָבער דער עיקר איז געווען דאָס געפיל פון באַוועגן זיך, פון באַוווסטזיין אַז מען שטייט נישט אויף אַן אָרט, און דערייבער האָט מען געקאָנט רואיק שלאָפן אין וואַגאָן ווען די רעדער האָבן געקלאַפּט אין געאייל איבער די רעלסן, און ווען עס פלעגט זיך טיילמאָל מאַכן אַז אָט־די צעקלימפּערטע, צעוויגטע געקלאַפּעריי איז שטיל געוואָרן, דעמאָלט איז מען ליגן געבליבן אין נאַכטיקער שטילקייט, אומרואיקע, איבערגעוועקטע פונעם צעוויגטן שלאָף, און מען האָט שוין אַזוי אין וואַכעדיקער צאַפּלעניש געוואַרט ביז וואַנען דאָס געקלאַפּעריי פון די רעדער' האָט זיך אָנגעהויבן אויפסניי און איינגעשטילט די געמיטער מיטן איינטאָניקן גערויש.

טעג האָבן זיך געצויגן אָדער שנעל־צעקלימפּערטע, ווען די באַן איז געלאָפן, אָדער לאַנגזאַם־צעצויגענע און מיט אומגעדולדיקער נער־

וועזקייט אָנגעלאָדענע ווען דער צוג פלעגט בלייבן שטיין אויף די וואַק־זאַלן. אויף יעדן וואקזאל באַפאַלן דעם צוג נייע מחנות מענטשן. דאָס ביסל פּליטים און לאַגערניקעס פון פּוילן ווערן איינגעשלונגען דורך אוקראַינישע און ווייסרוסישע יידן וואָס האָבן קוים באַוויזן אַרויסצוראַ־טעווען זיך פון אונטערן ברוינעם שטיוול. אויף די וואקזאלן וואַקסט דער הונגער. ברויט קריגט מען כמעט אינגאַנצן נישט, טיילמאָל דאַרף מען אפילו קעמפן פאַר אַ גלאָז וואַסער. מענטשן לויפן אַראָפּ פון די וואַגאָ־נעס און לאָזן זיך לויפן איבער די גאַסן אַרומזוכנדיק ברויט צי וואָס עס זאָל נישט זיין. מען הערט אויף שוין טיילמאָל צו זאָרגן זיך צי וועט מען נאָך טרעפן דעם צוג ביים צוריקקומען. פאַמיליעס ווערן צעריסן אין צווייען, אין דרייען. ווער ווייסט, ווען מען וועט זיך שוין טרעפן נאָך אַמאָל, ווער ווייסט וווּ אָט דאָס טרעפן זיך וועט פאָרקומען. אָבער עס מאַכט זיך טיילמאָל, אַז יאָטן וואָס האָבן זיך דאָס לעצטע מאָל געזען נאָך אין פּוילן, באַגעגענען זיך צופעליק דווקא אויף איינעם פון אָט די וואקזאלן טאַקע. מען קוקט זיך קעגנזייטיק אָן. מען באַטראַכט זיך פון אויבן ביז אַראָפּ, מען קוקט זיך אַריין אין די הונגעריקע פייערלעך פון די שוואַרצאַפּלען, אין די אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע בגדים, מען באַטראַכט די שמאַטעס מיט וועלכע די אָפּגעפרוירענע פיס זענען אַרומגעוויקלט. נישטאָ קיין פרייד אין אָט־די בליקן פון מענטשן וואָס האָבן זיך נאָך אַזאַ לאַנגער צייט צופעליק באַגעגנט. גלייכגילטיקייט געמישט מיט ניי־געריקייט, עטלעכע פראַגן: פון וואַנען? ווי אַזוי? ווען? — און דאָס איז אַלץ. דער המון רוישט און פונקט אַזוי ווי ער וואַרפט צונויף די צופע־ליקע מענטשן־ברעקלעך, אַזוי גיך צעשיידט ער זיי. גיט אַ שווינדל דאָס צופעליק באַגעגנטע פּנים פאַר די אויגן, מאַטערט אַ ווײַלע דעם זכרון מיט דערמאָנונגען, און ווערט שנעל פאַרטרונקען אין נאָגנדיקן הונ־גער, אין ברענענדיקן דאָרשט, אינעם אומרו און געאייל פון לויפעניש נאָך ברויט, אין באַוועגונגען שנעלע, נישט פאַרטראַכטע, ווילדע, שווי־מיקע און ברויזיקע, אין שגעונדיקן מישמאַש פון בלייכע פּנימער און שמאַטעס, וואָס יאָגט און שטויסט צום ווייטערדיקן לויפן, צום ווייטער־דיקן איילן, באַהערשט פון איין מעכטיקן געדאַנק: לעבן בלייבן, איבער־לעבן, דערלעבן.

אַ בוים ווערט אַ זעלטענער גאַסט אויפן האָריזאָנט. קיין וועלדלעך

זעט מען שוין פון לאַנג נישט. אַפילו דער שנור פון וואקזאלן ווערט וואָס אַמאָל שיטערער. די באַן שטעלט זיך אָפּ אין סאַמע מיטן סטעפּ, ביי אַ קלייןביידל, ווו עס וווינט בלויז אַ רעלסן־וועכטער מיט זיין קליינער משפּחה. די לופט איז נאָך כסדר קאַלט, אָבער דער שניי נעמט פאַרשווינדן פון די פעלדער. ניין, דאָס זענען שוין נישט קיין פעלדער, דאָס איז עפּעס אַ ווייטע פלאַכקייט וואָס ענדיקט זיך מיט זילבערדיקע נעפּלען ביים ראַנד פון אַ גראָען הימל. מאָדנע גרויסע פייגל וויגן זיך אין דער הייך. עס דוכט זיך אָפּטמאָל אַז זיי פליען נישט. מיט ברייט־צעשפּרייטע פליגל הענגען זיי ווי צוגעשמידטע צו איין אָרט, אומבאַוועגלעכע און שטילע.

אַקטיובינסק. דאָס איז שוין קאַזאַכסטאַן, אָבער עס איז דער צפונדיקער טייל פון אָט דעם לאַנד. דער וואָקזאַל איז אַ נייער, אַ געמויערטער פון גראָען שטיין. די שטאָט איז אַ קליינע. אַ שטאָט אַ נייע, ווו די קליינע קיביטקעס פון די קאַזאַכן קוקן אַרויף אומדרייסט צו די נייע בנינים, וואָס מען שטעלט דאָ אויף. קאַזאַכן זאַמלען זיך אין רעדלעך. זיי טראָגן עפּעס אַזעלכע מאָדנע היטלען, אַרומגענייט מיט שטיקלעך פוטער, וואָס זעען אויס אינגאַנצן ווי שטריימלעך. זייערע אויגן זענען קרומלעך, זייערע באַקן מאָנגאָלישע, זייערע בערד שיטערע ווי ציגן־בערדלעך, און די הויט איז אַ ברוינלעכע און צעפּלאַצטע ווי אַ רויער דאָרשטיקער סטעפּ, אָבער עפּעס ליגט אין די ווינקעלעך פון זייערע אויגן, אין די קנייטשן וואָס אַרום מויל אַזעלכעס, וואָס דערמאָנט אָן קליינשטעטלדיקע יידן. דאָס זעלביקע קלוגע שמייכעלע פון מענטשן וואָס האָבן שוין אַ סך געזען, און דער זעלבער נייגיר ביים באַגעגענען אַ פרעמדן. דער זעלבער מיטלייד ביים אָנטרעפן זיך מיט יענעמס אַן אומגליק, און דער זעלבער אומצוטרוי צו אַ פרעמדן, צו אַ מענטשן וואָס איז געקומען פון דער ווייט. עפּעס האָבן זיי יאָ געהערט, אַז עס קומט פאָר אַ מלחמה אויף דער וועלט. פאַראַן קאַזאַכישע צייטונגען, און הגם נישט אַלע קענען לייענען, אָבער אומעטום איז שוין פאַראַן אַזאַ איינער וואָס קאָן יאָ. וועגן דער מלחמה האָבן זיי הייסט עס שוין יאָ געהערט, אָבער זיי וווּנדערן זיך שטאַרק, אַז מענטשן מוזן אָנהייבן אַנטלויפן אַזש אַהערצו. האַלט עס שוין טאַקע אַזוי שלעכט? זיי פרעגן דאָס נישט מיט קיין ווערטער. דער בליק זייערער, אַן אַזיאַטיש־קלוגער און גלייכגילטיקער, פרעגט. די אויגן פרעגן און וווּנדערן זיך, אָבער דאָס אַזיאַטישע פּנים בלייבט אומבאַוועגלעך און פרעגט

גאָרנישט. ברויט? ניין, זיי האָבן נישט קיין ברויט, זיי ווייסן נישט ווו מען קאָן קויפן. אָבער אָט האָט עמעצער פון די וואַנדערער אַרויסגענומען פון זיין רוקזאַק עפּעס אַ מלבוש, עפּעס אַ פּרויען־שאַל, אַ פּאָר שיך. מיט מבינישע הענט טאַפּן די קאַזאַכן די פאַרגעלייגטע סחורה, פּונקט ווי קליינשטעטלדיקע יידן אויף די יאַרידן און גייען ענדלעך איין אויף אַ טויש. דאָס ברויט וואָס זיי געבן איז אַלטגעבאַקן און האַרט, אָבער עס איז ברויט. מען קאָן עס צעווייקן און אָפּקאָכן אין הייס וואַסער. אויב איינער האָט נאָך באַהאַלטן אַביסעלע זאַלץ איז אוודאי גוט. זיי גייען אַרום גרופּנווייז, די קאַזאַכן, און שעפּטשען צווישן זיך אין זייער איי־גענעם לשון. דער אויסדרוק פון זייער פּנים ענדערט זיך נישט אויף אַ האָר ווען זיי ריידן צווישן זיך. די יאַטן פון פּוילן וועקן ביי זיי אַ ספּעציעלע נייגיריקייט: פונוואַנען זענען דאָס אָט־די מענטשן וואָס קענען אפילו קיין רוסיש נישט רעדן? ווער זענען דאָס אָט־די אָפּגעשליסענע הונגעריקע חברה מיט צעפּלויגענע באַוועגונגען? נאָך וואָס זענען זיי אַהערגעקומען? קיין גוטס וועט פון דעם זיכער נישט אַרויס־קומען.

די איינציקע סטאָלאָווקע אין אַקטיובינסק איז איבערפולט. אין דער סטאָלאָווקע קאָן מען קריגן אַ טעלער הייסע זופּ פאַר אַ קליינעם אָפּצאָל. דער אָטשערעד פאַר דער טיר איז לאַנג און צעדרייט ווי אַ שלאַנג, און פּונקט ווי אַ שלאַנג קאַרטשעט ער זיך און וויקלט זיך און שטופּט זיך פאַראויס אין קאָנוולסיווע באַוועגונגען. יעדעס מאָל ווען די וואָס האָבן שוין אָפּגעגעסן קומען אַרויס, לאָזט מען אַריין אַ פרישע פאַרטיע. דער געדראַנג ביי דער טיר ווערט דאַן גרעסער. עלנבויגנס שטופּן זיך אַריין אין יענעמס ריפּן, מיילער שפּריצן מיט הונגעריקן, רציחהדיקן שוים, אויגן ווערן ווילד און ווילדערהייט שפּרינגען זיי שיר נישט אַרויס פון די אויגנלעכער, ביז וואַנען די טיר פאַרמאַכט זיך אויפסניי. די סטאָלאָווקע איז שוין ווידער פול. דער אָטשערעד ווערט לויזער און ציט זיך ווידער אויס, אַן אַפּאַטישער, אַ הונגעריק־מידער, אַ פולער מיט יאוש.

די באַן פייפט. דער עק פונעם אָטשערעד לאָזט זיך לויפן צום באַן. דאָס זענען די וואָס האָבן היינט שוין אויפגעגעבן די האָפענונג צו באַ־קומען אַ לעפל הייס געקעכץ. אָבער די וואָס שטייען נאָענט צו דער טיר

ווילן נישט גיין. זאָל זי באַדיי אָוועקפאָרן די באַן, פאַרפאַלן. פון דער טיר שלאָגט דער ריח פון הייסער זופּ. דורכן אָפענעם פענצטער פון דער קיך קומען אַרויס קנוילן וואַרעמע פּאַרע און ס׳דערגייט דער געקלאַנג פון די געשוועונקטע טעלער און טעפּלעך, פון קלינגענדיקע לעפל־גאָפּל. ס׳איז ז׳ען אַ געקלאַנג? ס׳איז דאָך אַ מוזיק. די זיסטע מוזיק וואָס קאָן נאָר זיין. ווער קאָן דען געפינען אין זיך אַזוי פיל כוח אָוועקצוגיין פון אָט־דער מוזיק, פון אָט־דעם וואַרעמען פאַרגעשמאַק פון אַביסעלע זאַטקייט כאָטש. מען טרייסט זיך מיט דער האָפענונג, אַז מאָרגן וועט מסתמא זיין אַן אַנדער צוג. כאָטש מען ווייסט גאַנץ גוט, אַז עס קאָן אָוועקגיין טיילמאָל אַ וואָך, ביז וואַנען עס וועט מעגלעך זיין ווידער צו באַקומען אַן אָרט אין אַ וואַגאָן, אָבער די וואַרעמע פּאַרע, דער ריח פון דער קיך לאָזט נישט אָוועקגיין. מען קוקט מיט באַדויער אין דער ריכטונג פונעם וואָקזאַל, אָבער מען בלייבט.

דער צוג צעפּייפט זיך און לויפט ווייטער. וואַרעמע ווינטלעך נעמען אַריינבלאָזן אין וואַגאָן. דער סטעפּ הערט אויף צו ווערן סטעפּ. שטעכי־קע גראָזן וואַקסן קעמפּעסווייז אויף געלע זאַמדן. דער מיטל־אַזיאַטישער מדבר קעמפט שוין מיטן סטעפּ. דאָס אויג ווערט מיד צו קוקן אין דער ווייטער, מיט גאָרנישט באַזעצטער ליידיקייט. די טעלעגראַפן־סלופּעס ביים וועג בייגן זיך אַן צום לויפנדיקן צוג און דערציילן אים וועגן זייער שרעקלעכער איינזאַמקייט. די דראָטן צעקלינגען זיך אומעטיק און וויב־רירן אין דער שטילער לופט. ווער ווייס, וואָס פאַר אַ ידיעות עס טראָגן זיך איבער אָט־די דראָטן טאַקע. אַזוי לאַנג איז שוין זינט מען האָט דאָס לעצטע מאָל געהאַלטן אַ צייטונג אין דער האַנט. וואָס הערט זיך דאָרט, אויפן ווייטן און בלוטיקן פראָנט? וואָס פירן מיט זיך די צעקלונגענע דראָטן קיין טאַשקענט? וואָס פירן מיט זיך די דראָטן פון טאַשקענט צום פראָנט? אָפּגעלאָזן און איינזאַם איז דער סטעפּ, פּוסט און ליידיק איז דער געלבלעכער מדבר. ווייט אַהינטער איז געבליבן דאָס קעמפנדיקע פאַרשנייטע עקשנותדיקע רוסלאַנד, נאָך ווייט פאָראויס איז דער אויסגע־טרוימטער זאַטער טורקעסטאַן, און אינמיטן איז אָט דער מדבר, אַן אָפּ־געריסענער פון אַלעם און פון אַלעמען, אַ פאַרטועטער אין זיין אייגענער פּוסטקייט און פאַרלאָזנקייט און בלויז די טעלעגראַפן־דראָטן וואָס ציען זיך לענגאויס די רעלסן וואָלטן געקאָנט עפּעס זאָגן, עפּעס דערציילן,

אָבער זיי זשומען בלויז די דראָטן און ציטערן, אָנגעצויגענע, סודותפולע און פאַרמאַכטע אין זיך.

ווען איז זי געקומען די וואַרעמקייט — דאָס געדענקט קיינער נישט. מען ווייסט בלויז אַז די גרויסע ברייטע טיר פונעם וואַגאָן האָט מען אָנגעהויבן צו האַלטן אָפן צעפּראַלט. עפּעס אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט זיך פון דער פרימאָרגנדיקער קילער בלויקייט אַרויסגעשיילט אַ גרויסע קופּערנע זון. הונגעריקע פּנימער האָבן זי באַגריסט מיט אַ נייגעריקן שמייכל. דער ברוינער זאַמד פונעם מדברדיקן סטעפּ האָט זיך גאָלדיק צעגלאַנצט. ווייכע ווינטלעך האָבן גענומען גלעטן די פאַראויס־געשטרעקטע קעפּ און געשפּילט זיך אין די צעשויבערטע האָר. מען האָט אָנגעהויבן אויסטון די שיך און מיט שאַרסטקע פינגער גלעטן די בלאָזן אויף די אָפּגעפרוירענע פיס. אויף די קורץ־דויערנדיקע אָפּשטעלן האָט מען אָנגעהויבן אַרויסגיין פון וואַגאָן און וואַרעמען זיך אין צעהיצטן זאַמד. די לאַנג־איינגעצוימטע, טיף־באַהאַלטענע האָפענונגען האָבן זיך פּלוצלינג אַ ריס געטון פון אינעווייניק אַרויס און באַזעצט זיך מיט פריידיקע פונקען אין די פיבערדיקע אויגן, צעלייגט זיך מיט ברייטע שמייכלען, צעיאָכצט זיך מיט פּלוצלינגדיקן זיפצן. קיינער האָט נישט דערמאָנט דאָס וואָרט: „זון", אָבער אַלע האָבן עס געהאַט אין זיך. די וואַרעמע זוניקייט האָט אַלעמען אַרומגענומען און אויסגעקושט, אָנגעפילט מיט מוט, מיט גלויבן, מיט אַ נייער האָפענונג און אַ נייעם דראַנג צום לעבן.

די באַן לויפט. צי דוכט זיך עס בלויז, צי האָט זי טאַקע אָנגעהויבן לויפן שנעלער די באַן, זינט די זון האָט זיך באַוויזן? אפשר לויפט זי טאַקע שנעלער, די באַן, און אפשר לויפן בלויז די צעוואַרעמטע געבליטער. ווי אַזוי עס זאָל נישט זיין, אָבער אַפילו דער טאָג לויפט אויך שנעלער. די נאַכט איז נאָך אַלץ אַ קילע. עס כאַפּט אַפילו טיילמאָל אַ פרעסטל, אָבער אויך דאָס דאָזיקע פרעסטל איז אויך גרינגער איבערצוטראָגן, ווען מען ווייסט, אַז מאָרגן וועט אויף זיכער אויפשיינען די זון.

אויפן ווייטן האָריזאָנט באַווייזט זיך אַ רויך. גלייך הייבט ער זיך דער רויך, ווי אַ דינע שמאַלע פאַלמע און צערינט אין דער בלויקייט פון הימל. פונוואַנען קומט ער, אָט דער רויך? אַהאַ, דאָס איז אַ דערפל. שוועה צו דערקענען, שווער אָפּצושיידן עס פון דער ברוינער ערד. די כאַטקעלעך זענען אויך ברוין און בלויז ווען מען קוקט זיך איין אינעם ווייטן רויך

דערזעט מען ערשט אַז עס איז דאָרט פאַראַן אַ ישוב. דער ווינט ברענגט צו טראָגן צום צוג דאָס געבילעריי פון הינט. אַזוי מאָדנע קלינגט אַט דאָס געבילעריי נאָך דער לאַנגער איינזאַמער שטילקייט פונעם מדבר.

זע, זע! אין דער זאַמדיקער געלקייט נעמען זיך אַריינרייסן גרינע פאַסן. פעלדער? יאָ. און אויב אַפילו גראָזן איז אויך גוט. נאָר מסתם איז עס פעלדער. און פעלדער מיינט, אַז עס וואַקסט דאָרט תבואה, און אויב עס וואַקסט תבואה איז דאָך אַוודאי פאַראַן ברויט... איי, ברויט! ס׳איז גוט, ווען מען קאָן כאָטש אַ טראַכט טון, אַז נישט ווייט איז דער טאָג, ווען מען וועט קענען אָפּעסן צו דער זאַט אַ שטיקל ברויט. אויב ס׳איז אמת אַלץ וואָס מען האָט דערציילט, וועט מען אַוודאי יאָ קענען.

עס הייבן זיך ווידער אָן צו באַווייזן וואַקזאַלעכלעך אָנשטאָט די ביז־איצטיקע איינזאַמע ביידלעך פון די רעלסן־וועכטער. די באַן שטעלט זיך אָפּ קורץ, אָבער עס איז פאַראַן גענוג צייט אַראָפּצוגיין פון צוג און טרינקען טיי. די טיי פאַרקויפט מען אין ספּעציעלע בופעטן מיט פּריי־טשעס, וווּ די אוזבעקן באַזעצן זיך אויפן טערקישן שטייגער, מיט אַרונ־טערגענומענע פיס. זיי שמייכלען פריינטלעך, די אוזבעקן און ווען זיי זופן די טיי ווערן זייערע אַרויסשטאַרצנדיקע באַקן נאָך מער מאָנגאָליש. אויף די קעפּ טראָגן זיי „טיובעטיעיקעס״ — אויסגעהאַפטענע קליינע היטעלעך, אַזעלכע פּלאַטשיקע יאַרמעלקעס. זיי זענען אָנגעטון אין כאַ־לאַטן מיט לענגלעכע קאָלירטע פאַסן, אַרומגעגאַרטלט מיט פאַרביקע פאַ־טשיילעס. די פּליטים זענען פאַר זיי שוין מער נישט קיין נייעס. זיי ווייסן, אַז אַלע פּליטים וועלן קויפן עסנוואַרג, און אַז אַלע פּליטים האָבן עפּעס צו פאַרקויפן. זיי פרעגן אויף שיך, אויף מלבושים, אויף זייגערלעך, אָבער זיי פאַרקויפן עסנוואַרג אויך פאַר געלט. זיי שמייכלען, די אוזבעקן, און לייגן פאַר אַ טויש. זיי זיצן דאָ, אין דער „טשייכאַנאַ״ (בופעט צו טרינ־קען טיי) און וואַרטן טאַקע אויף פּליטים וואָס האָבן עפּעס צו פאַרהאַנד־לען. זיי האָבן אַרויסגעברענגט שטיקלעך שעפּסנס, אַ מין פּלעצלעך וואָס זיי רופן אָן „לעפּיאָשקעס״, ראָזשינקעס געטרוקנטע, אָדער ווי זיי רופן עס „קישמיש״. יאָ, זיי האָבן וואָס צו פאַרקויפן און זיי זענען גוטע סוח־רים. וואָס ענגער דער צוג איז געפּאַקט אַלץ מער פאָדערן זיי פאַרן שפּייז, וואָס זיי לייגן פאַר. עולם קויפט. מען פאַרהאַנדלט אַ רעקל פאַר אַ לאַבן ברויט אָדער פאַר עטלעכע לעפּיאָשקעס, אַ פּאָר שיך פאַר אַ פערטל

שעפּסנס. מען בייסט זיך איין גיריק און מען איז צופרידן וואָס מען וועט ענדלעך איינמאָל איינשלאָפן זאַטערהייט.

אַריסאַ איז אַ גרויסע קנופּ־סטאַנציע. אין אַריסאַ טרעפט מען פּלי־טים וואָס זענען שוין לאַנג דאָ אָהערגעקומען. זיי דערציילן, אַז אין טאַש־קענט לאָזט מען נישט אַריין, אַז טאַשקענט איז איבערפולט, אַז אין טאַשקענט האָט שוין אָנגעהויבן אויספעלן ברויט. יאָ, אין טאַשקענט, אין דער שטאָט פון ברויט, פעלט שוין אויך וואָס צו עסן. די ניי־געקומענע גלייבן נישט. זיי ווילן פאָרן ווייטער. מען וואָרנט זיי, אַז אין טאַשקענט וועט מען זיי נישט לאָזן בלייבן, אָבער עס העלפט נישט. זיי ווילן נישט פאַרלאָזן די וואַגאָנעס.

קיין טאַשקענט קומט דער צוג אָן ביינאַכט. די שטאָט לייכט פון ז'ערווייטנס מיט טויזנטער עלעקטרישע לעמפּלעך. און פּלוצלינג אַ באַ־קאַנטער קלאַנג, אַזאַ מאָדנע־באַקאַנטער, אָבער שוין לאַנג פאַרגעסענער סקריפּ. וואָס איז דאָס? אַהאַ, דאָס איז דאָך אַ טראַמוויי. צום וואָקזאַל איז נאָך דאָ אַ דריי קילאָמעטער. דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אָנצו־נעמען וואַסער. אין די וואַגאָנעס הייבט מען אָן צו דערציילן, אַז דער צוג וועט זיך בכלל נישט אָפּשטעלן אויפן טאַשקענטער וואָקזאַל, ווייל דער וואָקזאַל איז איבערגעפולט מיט פּליטים. חברה נעמען שפּרינגען פון די וואַגאָנעס. נישט אַלע באַווייזן דאָס צו טון. דער צוג נעמט רירן פון אָרט. די יאָטן וואָס זענען אַראָפּגעשפּרונגען שרייען זיך איבער מיט די וואָס זענען פאַרבליבן, אָבער דער צוג נעמט אָן שנעלקייט און לויפט אַוועק. די יאָטן פאַרוואַרפן די רוקזעק אויף די פּלייצעס און לאָזן זיך גיין פאַר־אויס. וווהין? דאָס ווייסט קיינער נישט. עס ציט זיי דער סקריפּ פון ווייטן טראַמוויי. עס רופט זיי דער גערויש פון דער גרויסער שטאָט.

דער טאַשקענטער וואָקזאַל

איבער די גאַסן פון טאַשקענט הערשט אַלמעכטיק די זון. זי דרינגט אַריין מיט אירע אָנגעגליטע אָרעמס אין יעדן ווינקעלע, צעברענט די מויערן פון די הייזער, פאַרשרפהט די לופט, מאַכט שמאָל מענטשלעכע אויגן וואָס זשמורען זיך פון דער געוואַלדיק צעבלענדטער ליכט, צעבריט דעם טראָטואַר, די סקווערן און גאַסן, דעם גאַנצן אַרום. נאָר אין די זייטן בלויז וואַקסן ברייט־צעלייגטעביימער און דאָס אויג וווּנדערט זיך פון וואַנען האָט זיך אין אָט־דעם צעפלאַמטן פייער דערנומען אַזאַ טונקעלע זאַפטיקע גרינקייט, אַזאַ ווייכער שאָטן. דער סוד ליגט צופוסנס פון אָט די ביימער טאַקע. אָ סוד אַ באַרעדעווודיקער און שטיל־פליעסקעדיקער, אַ שנעל־פליסיקער און באַרעמהאַרציק־גוטער. דאָס זענען די „אַריקס״ — די שמאָלע איריגאַציע־קאַנאַלעכלעך וואָס פליסן לענגאויס די ברייטע גאַסן און קיינער ווייסט נישט ווו איז זייער אָנהייב, און ווו איז זייער ענדע, פונוואַנען פליסן זיי און וווהין פאַרנעמען זיי זיך. דאָס אויער בלויז, אַ פולס מיט דאַרשט, פונקט ווי דער גאַנצער מידער און שווייסיקער מענטשלעכער קערפּער, כאַפּט אויף מיט אַ דערלייכטערונג און טרייסט דאָס שטילע און האָפענונגספולע בולגאַטשען פונעם וואַסער.

„איי, מאַמעניו, וווהין האָט עס מיך פאַרטראָגן״ — טראַכטן וואַר־שעווער יאַטן און שפּרייזן איבער די זונפאַרפלייצטע גאַסן. זייער בליק וואַנדערט איבער די ברייטע בולוואַרן פון דעם אייראָפּעאישן שטאָט־טייל, איבער די ווייסע ווי פון קרייד אויסגעקריצטע מאָנומענטן, איבער די ברייטע מלוכה־בנינים, געבויטע לויטן לעצטן וואָרט פון טעכניק, איבער אַלטע הייזקעס, וואָס האַלטן ביים צעפאַלן זיך, איבער רויט־ציגלדיקע בנינים געבויטע אין די צייטן פון ניקאָליי און לסוף פאַרשלעפּן זיך מידע פיס פון פליטים אין אורדו, אין אוזבעקישן קוואַרטאַל, אין די שמאָלע געסלעך פון דער אַלטשטאָט. קליינע קיביטקעלעך, כאַטקעלעך געבויטע פון זון־געטריקנטע ציגל, באַקלעפּטע מיט ליים, מיט בלינדע ווענט אין גאַס אַריין, מיט פענצטער בלויז אין הויף אַריין, מיט טירן פון וועלכע ס׳זעצט אַ דומפּיקער אָבער דאָך אנגענעם־זאַטער ריח פון שעפּסנס, פון ברענענדיקן בהמה־מיסט, פון טונקעלע קילבלעכקייט, פון סודותדיקער מזרחדיקייט. טרעפן זיך וואַרשעווער אויגן פון דער מילע־גאַס צי פון

סטאַוועקעס מיט אַ פּאָר לייכט־פאַרבויגענע מאַנדל־אויגן, פאַרהאַלט זיך דער בליק אויף די קאַליריקע פאַסן פון די בונטע כאַלאַטן, וואָס זענען אַרומגעגאַרטלט מיט רויט־טערקישע פאַטשיילעס, גיט אַ בלענד דער ווייסער בליאַסק פון דעם אויסגעשטשירעט־מאַנגאַלישן שמייכל, וואָס מאַכט נאָך ברוינער די ברוינע אוזבעקישע הויט, ציט צו דאָס אויג דער סובטעלער מאָטיוו וואָס איז אויסגעהאַפטן אויף די קליינע, קיילעכדיקע „יאַרמעלקעלעך", די אוזבעקישע טיובעטיעיקעס. „משה, זאָ'סט מאַ געזינט זאַן — קוק נאָר אָן דאָס פאַרזעעניש" — שרייט ער דער יאַט. און ווי אַזוי זאָל ער דען שרייען, ווען עס קומט אים אַנטקעגן אַן אוזבעטשקע מיט אַן איבערגעדעקט פּנים. אָנגעטון איז זי אין ווייסן, מיט אַ קאַליר־טע פאַטשיילע, אָבער אויפן פּנים האָט זי די פאַראַנדזשאַ, אַ מין געדיכטן וואָאַל, אויסגעשפּינט פון פערדישע האָר. דורך דער פאַראַנדזשאַ קאָן מען אַרויסקוקן, אָבער מען קאָן נישט אַריינקוקן. אָבער צוזאַמען מיט די פאַ־ראַנדזשאַס קומען אַנטקעגן יונגע אוזבעטשקעס, שלאַנקע, גלייכע מיט אַ מאָדנע מילדן שמייכל, מיט אַ פייכט גלענצל אין די סאַרנע־אויגן, מיט צעפּ שוואַרצע און שווערע און מיט דער זעלבער טיובעטיעיקע אויפן קאָפּ. צווישן די קאַרעלענע שנורן און האַלדזבענדער — דער צייכן פון קאָמ־כאָמאָל, פון „גאַטאָוו ק'טרודו אי אָבאָראָניע" (גרייט צו אַרבעט און פאַרטיידיקונג), פון דער רויטער האַלבער לבנה1), פון שלאָגלער־אויס־צייכענונגען. קוקט מען אויף אָט־דעם יונגוואַרג, וואָס איז אויסגעלייזט געוואָרן פון די פאַראַנדזשאַס, און באַלד כאַפּט מען אַ בליק אויף די מאַ־שייען וואָס פּוסטעווען און הייבן אָן פאַרוואַקסן ווערן מיט גראָז, און בלויז אַלטע בעטלער זיצן פאַר די טירן און זינגען מאָדנע לידער, וואָס ציטערן מיט אַן איינטאָניק־דורכדרינגלעכן מאָטיוו. אַלץ, הייסט עס, האַלט נאָך דאָ אין יערן און ווערן. אמת, אָט־אָ דאָרט אויף די ברייטע בולוואַרן שטייען שוין די ווייס־מויערנדיקע גרויסע בנינים, דאָרט שטייט שוין אַ מעכטיקע געביידע, מיט אין שטיין־אויסגעהאַקטע אותיות, וואָס זאָגן אָן אַז דאָ געפינט זיך די רעגירונג פון דער פאַרבאַנדישער סאָוועטישער אוזבעקן רעפּובליק, פון דער אוז.ס.ס.ר., אָבער דאָ אין די שמאָלע אַזיאַטישע געסלעך פון אורדו הערשט נאָך דער רויער און הייסער זון־אויסגעבאַקענער ליים, און זיי, דאָס לאַכנדיקע יונגוואַרג, נישקשה, זיי

1) אין די מאָכמעדאַנישע לענדער פאַרטרעט עס דעם רויטן קרייץ.

דרייען זיך נאָך אַרום אין אָט־די גאַסלעך, אָבער זייער בליק איז שוין גע־ווענדט אַהינצו.

דער טאַשקענטער מאַרק. די זונשטראַלן האָבן זיך צעבראָכן און צע־גלידערט און פילקאָלירק צעלייגט זיך ווי אַ צעשטויבטער רעגנבויגן, אויף די געשטעלן: גלעקלדיקער רויטער פעפער — אַן אָנגעצונדענער זון־פּאַרגאַנג אָנגעהויפנט און מיט גרינס באַשפּרענקלט, רויט־סודותדיק צע־פינקלט פון דער ברוינלעכער שאָל אַרויס רופן די צעשפּאָלטענע גראַנאַט־פּרוכטן, גאָלדיקן זיך מאָרעלן לייכט־האָריקע און זאמשענע, גרינען און בלויען זיך די הענגלעך פון די ווייַנטרויבן, געלן זיך און ברוינען די קאַ־ווענעס מיט גרינע און בלויע פּאַסן, טונקל־גאָלדיק זענען די קופּעס פּר־נעם געטריקנטן „קישמיש״, צעפּערטלטע שעפּסן הענגען אין כמאַרעס פון פּעטע פליגן, און ערשט די היימישע רויטקייט פון מערן, דער שאַר־פער ריח פון קנאָבל און פון ציבעלעס, און איבער דעם אַלעם דער גאָרגל־דיקער געריוש פונעם אוזבעקישן לשון, דער געפילדער און הו־הא פון אַזיאַטישן מאַרק. צײַן בליאַסקען, אויגן פינקלען, בליקן לויפן אַהער און אַהין, הענט צעפלויגענע, צעלאָפּענע, ווערטער שנעלע, אייליקע, פאַר־שלונגענע אין מיטן רעדן. וואַרט, פונוואַנען קענען מיר דאָס? ווו האָבן מיר דאָס געזען? אַהאַ, יאָ... און איבערן אוזבעקישן יאַריד טויכט פּלוצ־לינג אויף דער היימישער, דער קליין־שטעטלשער מאַרק, די פּויערישע פורן מיט אויסגעשפּאַנטע פערד, מיט מאָרדעס איינגענורעטע אין היי, פּויערישע געשרייען, יידישע דינגעניש, געשטעלן מיט קאַראַמעלקעס און פּאַטשערקעס, מיט פּויערישע טשאַפּעס און שטיוול, און מיט אַ מילדער, גאָלדיק־באַרמהאַרציקער זון... ווען איז דאָס געווען? ערשט נעכטן, קוים נעכטן... ווען איז דאָס געווען? אָ, שוין אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג... וועט עס נאָך צוריקקומען? וועט מען עס נאָך זוכה זיין צו זען? וועט מען נאָך זוכה זיין כאָטש איינמאָל צו יענעם געפילדער, צו יענעם געריוש, צו דערפילן דעם ריח פון יענעם יאַריד?

וואַרט, וואַרט! אָט דאָס איז עס דאָך, דער „טאָלטשאָק״... אין יעדער סאָוועטישער שטאָט איז אַזאַ טאָלטשאָק פאַראַן. אַ מאַרק פאַרן פרייען האַנדל, ווו יעדער בירגער האָט דאָס רעכט צו פאַרקויפן געניצטע זאַכן וואָס ער דאַרף זיי נישט. דער טאָלטשאָק אָבער, דער טאַשקענטער, האָט איצט גאָר אַן אַנדערן אויסזען באַקומען. אָט שטייען זיי דאָ, די פּליטים

פון וואַרשע און ביאַליסטאָק, פון לעמבערג און פון קראָקע, פון לאָדזש און פון לובלין. אין די אויגן — הונגער און אומרו, די קערפּערס וויגן זיך נאָך אַלץ מעכאַניש, פּונקט ווי עס וואָלט זיי נאָך געטרייסלט דער וואַגאָן איבער די אומענדלעכע סטעפּעס פון קאַזאַכסטאַן, האָר צעשויבערט, העמדער צעכראַסטעט, ליפּן — צעפּלאַצט פון דאָרשט, פינגער — צעפּלויגענע, נערוועזע, וואָס האַלטן אין איין קנייטשן און צונויפוויקלען די „סחורה". זייער גאַנצער אומגליק ליגט אויסגעלייגט אויף דער דאָזיקער סחורה זייערער, ווי אַ בוך פון וועלכן מען קאָן לייענען. וואָס דערציילט אַ העמד, אַ פּשוט העמד? דוכט זיך גאָרנישט, אָבער קוק זיך נאָר איין אין די שטרייפעלעך, אינעם אופן פון אויסנייען דעם קאָלנער, אין דער קליינער מאַרקע וואָס קלעפּט נאָך אונטערן קאָלנער. דאָס העמד איז אַ וואַרשעווער העמד, אויף דער מאַרקע איז נאָך אָנגעצייכנט דער אַדרעס: „קאַרמעליצקע אָדער ביעלאַנסקע". דערמאָן זיך, דערמאָן זיך, געדענקסט, מען איז געגאַנגען שבת פון דער אַרבעט און פאַרן וואָכן־געלט געלאָפן איינקויפן: אַ העמד, אַ קראַוואַט, אַ ניי טיכל, און אַן „אַפּאַשקע", אַ מתנה פאַר איר, אָנגעגרייט צו דער מאָרגנדיקער „ראַנדקע". זי וועט צוקומען און ער וועט איר געבן די „אפּאשקע". זי וועט שמייכלען אַ פאַררויטלטע און פרעגן צו וואָס מען דאַרף בכלל אויסגעבן געלט. און ער וועט זאָגן אַז עס שפּילט ביי אים קיין ראָל נישט, און דעמאָלט וועט זי באַמערקן דאָס נייע העמד, לויט דעם לעצטן פאַסאָן, מיט די דינע שטרייפעלעך. עס קליידט אים, וועט זי זאָגן, און ער וועט שמייכלען אַ צופרידענער און ביידע וועלן זיך לאָזן גיין איבער דער מענטשן־פולער ביעלאַנסקע, פאַרקוקטע אין די טיפענישן פון די יונגע הערצער זייערע און פאַרבליפּטע מיט דעם זעלבן טומלדיקן גערויש פון יונג־פרילינג אין זייערע פאַרחלומטע קעפּ... דאָס אַלץ קאָן דערציילן אַ פּשוט העמד, וואָס הענגט אַראָפּ מיט צעוויגטע אַרבל פון אַן אויסגעדאַרטער, בלוטלאָזער האַנט, אָבער די אוזבעקן פאַרשטייען נישט די שפּראַך פונעם העמד. זיי באַקוקן עס, דאָס העמד, סמאָטשקען מיט די ליפּן, ווייזן מיט ברוינע פינגער וויפל רובל זיי זענען גרייט צו געבן דערפאַר. דאָס דינגעניש קומט פאָר אויף שטום־לשון. דער פאַרקויפער פאַטשט מיט די הענט אַזויפיל מאָל, וויפל צענער רובלס ער פאַרלאַנגט, און חברה שטייט שוין אַרום און אַרום און קוקט זיך צו. דער אוזבעק דרייט מיטן קאָפּ, צו טייער

הייסט עס, חברה שעלטן אים אויף יידיש: „אַז געבראַנדיקט זאָלסטו ווערן, שוואַרצער טערק, קאָלירטער אשמדי וואָס דו ביסט. ביסט דען אַמאָל געגאַנגען אין אַזאַ העמד זייט דו לעבסט, טאַטער איינער. פאַר אַזאַ העמד דאַרפסטו אַוועקגעבן דעם גאַנצן ליימענעם פּאַלאַץ דיינעם און נישט דינגען זיך, מאָנגאָלסקע פאַרזעעניש". דער אוזבעק פאַרשטייט נישט, אָבער ער צעשפּרייט דאָס מויל אין אַ ברייטן אַזיאַטישן שמייכל פון איין אויער ביז צום אַנדערן. סוף־כל־סוף גראַבלט ער לאַנג אין די פאַלדן און באַהעלטענישן פון דער רויט־טערקישער פאַטשיילע מיט וועל־כער ער האָט אַרומגעגאַרטלט זיינע לענדן, ער שלעפּט אַרויס די פּאַפּי־רענע רובלעס. ער דינגט זיך לאַנג, מיט אַ מין דביקות, פונקט ווי דאָס בלויזע דינגען וואָלט אים פאַרשאַפט גרויס הנאה, אָבער דאָס העמד קויפט ער. ער וויקלט עס צונויף אין אַ קנויל און באַהאַלט עס אין בוזעם און דער יאַט לאָזט זיך קויפן אַ קאַווענע אין וועלכער ער בייסט זיך איין מיט גיריקע, וועלפישע ציין.

שטילע ווינטלעך יאָגן אָן פון ערגעץ און די זון נעמט זיך זעצן. רויטער גינגאָלד צעגיסט זיך איבער די דעכער פון די הייזער. דער מאַרק ליידיקט זיך אויס צו ביסלעך. יאַטן נעמען לויפן „אַהיים", ווו איז די „היים"? ווי שטענדיק אויפן וואָקזאַל, אָדער לעבן וואָקזאַל. דער וואָק־זאַל איז שוין אַריין אין זייער בלוט, עס איז זיי שווער צו שלאָפן אויב זיי הערן נישט פון דער נאָענט דאָס פייפן פון לאָקאָמאָטיוון, ס׳איז שווער זיך אַוועקצוזעצן אויב אונטער דער האַנט שטייט נישט אַ באַן, אויף וועל־כער מען קאָן אין אַ מינוט פון אַ פּלוצלינגדיקן באַשלוס אַרויפשפּרינגען און פאָרן ווייטער. דאָס לאַנד איז פרעמד און ווייט, דער וואָקזאַל איז שוין היימיש און אייגן. ווען מען גייען דען אָן די רוסישע און אוזבעקישע אויפשריפטן, אַז יידיש מישט זיך אויס מיט פּויליש. ווען מען אָרט דען דאָס ברוינע פנים פונעם אוזבעקישן באַן־מיליציאָנער, אַז אַרום און אַרום זיצן אַזוי פיל ישראלס און יצחקס און שלמהס. און ערשט איז אויפן וואָק־זאַל פאַראַן אַ בופעט. אויב מען האָט געדולד, קאָן מען דאָרט אָפּעסן אַ מיטיק. די מעשות וועגן דער „שטאָט פון ברויט" זענען שוין לאַנג צערו־נען געוואָרן. מילא, וואָס שרייבער קאָן איינפאַלן. זיי, די חברה יאַטן ווייסן, אַז טאַשקענט איז שוין איצטער אַ שטאָט פון הונגער און נישט פון ברויט. אמת, גרינוואַרג און פרוכטן זעט מען נאָך אין מאַרק, אָבער

ברויט? מען דאַרף זיך גוט שטופּן אין אָטשערעד און פּטרן אַ האַלבן טאָג. ערשט נעכטן האָט מען אין אַזאַ אָטשערעד צעטרעטן אַ יאָט אויף טויט. מען שמועסט, אַז מען האַלט שוין ביים איינפירן ברויט־קאַרטן, און דע־מאָלט וועט מען שוין בכלל נישט קריגן קיין ברויט אויב מען איז נישט „צוגעשריבן", ד"ה איינגעמאָלדן אין טאַשקענט. און קיין בעזשענצעס שרייבט מען נישט צו. „גייט אין די קאָלכאָזן, אַרבעטן" — טענהן די איינגעשפּאַרטע באַאַמטע אין די ביוראָען וואָס פאַרנעמען זיך מיט עוואַ־קואירטע און פּליטים — „אין שטאָט איז נישטאָ קיין אָרט". אַרבעטן, הערסטו גאָר! ווי לאַנג איז עס דען, זינט מען האָט זיי אַרויסגעלאָזט פון לאַגער. ווייניק האָבן זיי זיך דאָרט אָנגעאַרבעט. ניין, זיי, די וואַרשע־ווער, וועט מען נישט אַריינגנאַרן אין קיין קאָלכאָזן. זיי האָבן איצט פאַר־זוכט דעם טעם פון אַרומשלעפּן זיך פראַנק און פריי איבער די ענדלאָ־זע שטחים פון דער „מאַמעלע רוסלאַנד". די קאָלכאָזן זענען אַ ווילע זאַך, אָבער פאַר די יידישע בעזשענצעס פון די קרימער קאָלווירטן, פון אוק־ראַינע און ווייסרוסלאַנד. זיי האָבן שטענדיק געהאָרעוועט ווי די אייז־לען, זאָלן זיי זיך ווייטער מאָרדעווען, אָבער מיר, פּוילישע, מיר — וואַר־שעווער און לעמבערגער, אַ ניין, דאָס איז נישט פאַר אונדזערטוועגן.

לעבן וואָקזאַל שטייען לאַנגע הילצערנע באַראַקן. דאָרטן טאַקע קנוילן זיך די צונויפגעפּרעסטע לייבער פון דער פּליטים־מאַסע, ווי הע־רינג אין אַ פאַס. מען זיצט אויף די קלומיקעס מיטן „פאַרמעגן". אין די קלומיקעס איז פאַראַן דער קאַפּיטאַל מיט וועלכן מען וועט קאָנען אָנ־הייבן האַנדלען: מלבושים, וועש, אַ קאָלדרע, אַ פּאָר שיך, טיילמאָל אַ קישן — אַ ווייך קישן מיט געשליסענע פעדערן. די קלומיקעס דאַרף מען היטן. די קעשענעס דאַרף מען היטן. זיצט מען און מען שלאָפט מיט אַ מין האַלב וואַכן דרימל. דער געדיכטער גערוך פון שווייס און נישט־געוואַ־שענע קערפּערס הילט איין דעם קאָפּ אין אַ מאָדנעם נעפּל פון שטינקעכץ און דלות. דאָס בחיפזונדיק צעקייטע שוואַרצע ברויט בלאָזט אויף די בייכער. חברה שעלטן און ויצלען זיך אויפן חשבון פון דער „פּערפּו־מירטער און מוזיקאַלישער" לופט. יאָטן, וואָס בלאָנקען זיך דאָ אַרום שוין זייט עטלעכע חדשים דערציילן מיט וואָס מען קאָן האַנדלען. עס איז גאָר־נישט אַזוי שווער. אָט, למשל, אין דער און דער שטאָט קומט אָן אַ טראַנספּאָרט מיט מאַכאָרקע. מען דאַרף בלויז אַהינפאָרן און איינקויפן

וויפל עס לאָזט זיך. דערנאָך דאַרף מען מיט אַט־דער סחורה אַוועקפאָרן אין אַ צווייטער שטאָט ווו עס פעלט איצט מאַכאָרקע. מיט איין נסיעה קאָן מען פאַרדינען אַ טויזנטער צי צוויי. פאַראַן אַ סך אוזבעקן, וואָס האָבן פאַרגראָבענע גאָלדענע רובלעס, מען דאַרף נאָר קענען מיט זיי אַ רעד טון, אַז זיי זאָלן באַקומען צוטרוי, און זיי פאַרקויפן עס פאַר אַ שיבוש. אָדער למשל, פאַרפאָרן אין אַ קאָלכאָז און איינקויפן אַביסל מעל צי רייז און קומען דערמיט אין שטאָט אַריין. פאַר די פּראָדוקטן קאָן מען איינקויפן אַלטע מלבושים און דערמיט ווידער פאָרן אין קאָלכאָז. דער בעסטער האַנדל אָבער איז מיט בראָנפן. פּוילישע סאָלדאַטן קויפן נאָר בראָנפן. פאַר בראָנפן וועלן זיי אַוועקגעבן אַפילו אַ נייעם גוטן מונדיר. דעם מונדיר קאָן מען איבערנייען און לייכט פאַרקויפן פאַר צען מאָל אַזויפיל וויפל דער בראָנפן האָט געקאָסט. מען דאַרף נאָר אויסשטיין אַ טאָג אין אָטשערעד בכדי דעם בראָנפן צו באַקומען...

דאָס אומדערמידלעכע שעפּטשען פון די „סוחרים“ זשומעט אין דער פאַרשוויצטער נאַכטיקער וואַרעמקייט ווי אַ גריל צווישן שמוציקע, ליי־דיקע כלים. די אויגן זענען מיד, טויט מיד. די אויגנלעפּלעך קלעפּן זיך. אין שלאָף שוועבן אַרום איבער די קעפּ גרויסע, געשמאַקע לאַבנס ברויט און אין דער טיף רוישן די נאַלעווקעס. פּלוצלינג אַ געוויין, אַ געוויין פון אַ קליין קינד. דאָס וויינט אַ קינד ביי דעם פּליטים־פּאָרל וואָס האָט זיך פאַרשטעקט אין סאַמע ווינקל פונעם באַראַק. אַ שלעפעריקע מענער־שטי־מע בעט זיך: „חנה, באַרואיק אים, חנה“, און אַ פאַרשטיקט קול, פול מיט טרערן ענטפערט מיט אַ געבייזער: „זויגן וויל ער, דער תכשיט דיינער, זויגן. פונוואַנען זאָל איך אים נעמען, אַז איך האָב היינט גאָר־נישט געהאַט אין מיין מויל“. דאָס קינד האַלט אין איין וויינען, אָבער דאָס שנאָרכן פון אַרום טראָגט זיך ווייטער פונאַנדער. אַ באַן איז אָנגע־קומען און סאָפּעט שווער פאַרן וואָקזאַל. פרישע געשרייען, פרישע קו־לות, דאָס איז שוין ווידער אָנגעקומען אַ צוג מיט פּליטים. באַלד וועלן אין ענגן באַראַק אַריין זיך אַריינשטופּן אַ פרישע מחנה אויסגעדאַרטע לאַגערניקעס וואָס זענען געקומען זוכן ברויט אין דער „שטאָט פון ברויט“. איראָנישע געלעכטערלעך צעטראָגן זיך אין דער נאַכטיקער פינצטערניש פונעם באַראַק. „וואַרט, וואַרט! — טראַכטן די איינגעזעסענע באַראַק־תושבים — מ׳האָט דיר אָנגעגרייט ברויט, וואָדען, מ׳וואַרט אויף דיר“.

דער וואָקזאַל פּלאַצט און ווערט פֿון טאָג צו טאָג אַלץ מער גע־שוואָלן. יעדן טאָג קומען אָן פֿרישע טראַנספּאָרטן מיט בעזשענצעס. מען לאָזט זיי שוין נישט אויסשטייגן פֿון די באַנען, אָבער זיי זענען געפֿאַלן אויף אַ נייער המצאה. זיי פֿאָרן נאָך איינע אָדער צוויי סטאַנציעס, שטייגן דאָרט אויס און קומען קיין טאַשקענט מיט דער אונטערשטאָטישער באַן. דער „עוואַקואַציאָני פּונקט" — דער אַמט פֿאַר ענינים פֿון בעזשענצעס האָט געעפֿנט אַ ביורא לעבן די באַראַקן. זיי רעגיסטרירן די פּליטים און רעדן זיי צו, זיי זאָלן אַוועקפֿאָרן. זיי רופֿן אָן נעמען פֿון שטעט און שטעטלעך, וווּ עס איז נאָך נישט אַזוי ענג ווי דאָ, ווי אין טאַשקענט, וווּ מען קאָן זיך צושרייבן". חברה הערן אויס מיט חשד, חברה האָבן ווייניק צוטרוי: „אַז זיי הייסן פֿאָרן — טענהן זיי שטילערהייט — טויג עס מסתם אויף אַ גוטער כפּרה". אָבער סוף־כל־סוף ווערט דער וואקזאל פֿאַרמיאוסט. דערויף איז ער דאָך אַ וואָקזאַל, ער זאָל פֿאַרמיאוסט ווערן, ער זאָל אָנרעגן צום ווייטערדיקן נע־ונדעווען, צו נייע נסיעות. חברה קלייבן זיך צונויף אין גרופּעס, מען האַלט זיך אָן עצה וווּהין צו פֿאָרן. איינער דערמאָנט סאַמאַרקאַנד, אַ צווייטער דערציילט נסים וועגן בור־כאַרע, אַ דריטער האָט עפּעס געהערט וועגן סטאַלינגראַד. אינמיטן דע־רינען שיסט אַ יאָט אויס:

— נו, האָט זיך מיין זיידן געחלומט, אַז זיין אייניקל וועט אָנשפּאַרן אַזש אַהערצו...

חברה לאַכט. חברה דערמאָנט זיך פּלוצלינג אַז כאָטש יידיש קלינגט פֿון אַלע זייטן, איז מען אַוועק ווייט, זייער ווייט, פֿון יענע יידישע היי־מען וואָס ביי די ווייסל־ברעגעס. מיטן געלעכטער איז גוט צו פֿאַרשטעלן די נאַרישע, נאָגנדיקע בענקשאַפֿט. אָבער דאָס אַלץ דויערט בלויז איין מינוט, אַ קורצע מינוט. באַלד פֿאַרגעסט מען ווידער אָן דער אויסטער־לישקייט פֿונעם אָרט, וווּ מען איז פֿאַרוואָרפֿן געוואָרן. מען שרייט זיך איבער, מען מאַכט פּלענער פֿון פֿאָרן צוזאַמען, אין אַ גאַנצער גרופּע. דאָס פּליטים־פֿאָלק דערפֿילט זיין גרויסן עלנט און פֿאַרלאָזנקייט און שפּיזט זיך אָן פֿיינטלעך אָנטקעגן דער אַרומיקער וועלט מיט סאָלידאַרישער אחריות פֿאַרן געמיינזאַמען ווייטערדיקן גורל. די וועלט שטייט זיי איצט פֿאַפּערעק, נו וועלן זיי זיך אויך שטעלן דער וועלט ווי אַ ביין אין האַלדז. איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל: טויט אָדער ברויט!

אין די היציקע באַראַטונגען ווערן געבוירן פאַנטאַסטישע פּלענער. „ווי ווייט איז דען קיין אַפגאַניסטאַן?" — טענהט אַ יאַט, אַ געוועזענער גימנאַזיסט, וואָס „געדענקט די מאַפּע פון אויסנווייניק". די באַוועגלעך־רירעוודיקע נאַזלעכער פון זיין זון־באַשפּרענקלטער נאָז פליען ווי זיי וואָלטן שוין איינגעזאַפּט דעם ריח פון אַ פרישער אַוואַנטורע. — ממש מיט דער האַנט צו דערלאַנגען — טענהט ער — אויף דער גרענעץ זענען פאַראַן הויכע בערג, אָבער מען קאָן אַדורך. און ווי נאָר מען וואַנדערט אַריבער דעם אַפגאַניסטאַן, איז מען גלייך דאָ אין אינדיע. מען זעצט זיך אויף אויף דער באַן און גלייך קיין קאַלקוטאַ, און פון דאָרטן גייען שיפן קיין אַמעריקע. ער האָט אַ פעטער אין אַמעריקע, דער יאַט. ווער האָט דאָס נישט קיין פעטער אין אַמעריקע — זיפצן די אַנדערע, אָבער זיי גלויבן נישט, זיי קענען עס נישט באַנעמען. אַ צווייטער יאַט האָט אַ בע־סערן פּלאַן. ער האַלט נישט פון אַפגאַניסטאַן, אים געפעלט פּערסיע. פון אשכאבאד איז סך־הכל צען קילאָמעטער צו דער פּערסישער גרענעץ. וואָס איז צען קילאָמעטער? — אַ גאָרנישט מיט אַ גאָרנישט. אַ דריטער האָט אַ מער זיכערן פּלאַן. צו פאָרן ביז קראַסנאַוואָדסק, און פון דאָרטן קאָן מען מיט אַ שיף פאָרן קיין פּערסיע. מען דאַרף נאָר אָנטרעפן אויפן ריכ־טיקן מאַטראָס און אים אונטערקויפן.

פּלענער קרייצן זיך אין דער לופטן. מוחות פליען. איין פּלאַן איז פאַנטאַסטישער און אויסטערלישער פונעם אַנדערן. איין איינפאַל אויסער־געוויינלעכער פון צווייטן. די הויכריידער אויפן וואקזאל ברענגען אויף רוסיש און אוזבעקיש די לעצטע ידיעות פונעם ווייטן בלוטיקן פראָנט, אָבער וואָס אַרט עס זיי, אַז די סאָוועטישע אַרמיי איז פאַר זיי פאַרמאַכט ווי פאַר אויסלענדער, און די פּוילישע שטופּט זיי אָפּ פון זיך, די „זשי־דעס און באָלשעוויקעס". די הויכריידערס דערציילן וועגן נייע דערגריי־כונגען אויף די פאַבריקן, ווו מען שמידט אויס דאָס געווער פאַרן זיג, די הויכריידער דערציילן וועגן קאַמף פון די קאָלכאָזן פאַר אַ בעסערער גע־רעטעניש בכדי צו באַשפּייזן דאָס לאַנד און דעם פראָנט, אָבער וואָס האָבן זיי צו טון דערמיט? זיי די שלעפּער און נע־ונדניקעס, זיי די אַרויס־געשטויסענע פונעם לעבן, ווי די וואַנדערנדיקע אויף די ראַנדן פון לעבן, זיי די עלנטע און פאַרלאָזטע פון גאָט און פון לייט? זיי ווייסן איינס: אין זייער בלוט איז אַריין די איינזאַמקייט און עלנט, אין זייערע אויערן

רוישן לאַקאָמאָטיוון, פאַר זייערע אויגן שלענגלען זיך ווייטע אומבאַקאַנטע וועגן, און אין זייערע הערצער האָט זיך באַזעצט די בענקשאַפט צו די ווייטע, וואַרעמע היימען אין פוילן. די בענקשאַפט נאָגט און מאַטערט און ציט אַרויס דאָס חיות פון די ביינער. די מלחמה וועט דאָך אייביק נישט דויערן. אַלעמען וועט דאָך היטלער נישט אויסהרגענען. אפשר וועלן מיינע פונקט יאָ לעבן בלייבן, און אויב עס וועט אַזוי טאַקע געשען, און אויב דער בלוטיקער שטורעם וועט שוין זיין איינגעשטילט, וועט מען הייסט עס קאָנען צוריק צו דער אַמאָליקער ליבלעכקייט צוריקפאָרן אַהיים. אוי, אַ היים, אוי צוריק צו דער אַמאָליקער ליבלעכקייט און היימישקייט, און זיסער אייגנקייט פון אַ היים. אָבער בכדי צו קאָנען דערפאָרן אַהיים דאַרף מען לעבן בלייבן. דאַרף מען הייסט עס, זיך גוט היטן די ביינער. זאָלן אַנדערע נאַראָנים אָפּהאַרעווען זייערע יונגע כוחות אין די קאָלכאָזן. מיר, די לאַגערניקעס, גלויבן אין קיין שום זאַך נישט. זיי ווילן אונדז איינרעדן אַז אין קאָלכאָז איז גוט, אָבער מיר גלויבן נישט. מיר גלויבן אין גאָרנישט. מיר גלויבן קיינעם נישט. מיר גלויבן בלויז אין דעם געטרייען, גוט באַקאַנטן סאָפּען פון דער לאָקאָמאָטיוו.

ווי מוראַשקעס פלעגן זיי באַפאַלן די צוגן און פויזען איבער די וואַגאָנעס. אומרואיק פלעגן זיי אַרומלויפן פון איין וואַגאָן צום אַנדערן און נישט קאָנען איינזיצן אויף אַן אָרט, ביז וואַנען דער צוג האָט געריררט פון אָרט, און עס האָט זיי אויפּסניי גענומען איינוויגן דאָס באַקאַנטע געקלאַפּעריי פון די רעדער איבער די רעלסן.

זוניקער הונגער

כמעט צוזאַמען מיט די מחנות פּליטים איז פון צפון אָנגעקומען אין זוניקן לאַנד אַריין דער הונגער. ער איז נישט געווען דער זעלבער פאַרפרוירענער בלויער הונגער וואָס אין קויבישעוו און סאַמאַראַ. אַ שוויי־סיקער איז ער געווען, מיט צעפּלאַצטע דאַרשטיקע ליפּן, מיט אויגן טיי־פע און ברענענדיקע, מיט אַ הויט וואָס איז קוים־קוים געווען איבערגע־צויגן אויף די אַרויסשטאַרנדיקע ביינער, מיט באַוועגונגען שלאַבעריקע און אָנמעכטיקע, אַ הונגער אַ פוילער אין די הייסע צעגליטע זון־פּאַר־פליינצונגען, אַ הונגער אַן אויסגעבאַקענער און ברוינלעך־וועלקנדיקער. האָבן מענטשן געפלעגט זיך אַוועקזעצן אין אַ קאַנאַווע לעבן אַן אַריק און צופּן מיט קויטיקע פינגער דאָס גראָז וואָס וואַקסט האַרטביים שנעל־פליסנדיקן וואַסערל, און קייען. דער גרינער גראָזן־זאַפט פלעגט רינען איבער די נישט־געוואַשענע פאַרשטויבטע פּנימער ווי עס וואָלטן געפלאָסן שטרעמעלעך פון גרינער גאַליקייט, און גרויסע טראָפּנס שווייס פלעגן זיך באַזעצן אויף די איינגעפאַלענע באַקן, אויפן בלאָסן, מיט קנייטשן צעאַ־קערטן שטערן, אויף די בלוי־אָדערדיקע שלייפן. האָבן מענטשן געפלעגט גנבענען פון די שטאַלן געפרעסטן מאָן, דעם געלבלעכן „מאַקוך“, און דערנאָך פלעגט די געלבלעכקייט פון די אַראָפּגעשלונגענע קערנדלעך אַרויסקומען אויפן פּנים, אויפן גאַנצן קערפּער, וואָס האָט אָנגעהויבן גע־שוואָלן צו ווערן פון אָט־דעם שפּייז. פאַר די ברויט־קראָמען זענען מער נישט געשטאַנען קיין אָטשערעדעס. עס זענען געשטאַנען ווילד־ברויזנדי־קע, צעקאָכטע ימען מיט שוימענדיקע מיילער, מיט צעוויגטע ביינערדי־קע הענט, מיט פינקלענדיקע אויגן, פון וועלכע עס האָט געזעצט מיט משוגענעם פייער, מיט אויסטערלישע געשרייען און זידלערייען און קללות. דער הונגער האָט, ווי אַ שגעונדיקער הונט, צעביסן די מענטשלע־כע לייבער און פאַרגיפטעט זייערע נשמות אַזוי, אַז זיי פלעגן זיך אַליין אויפהערן צו דערקענען.

נישט אומזיסט איז אַזוי געשען. די טרוקענע טורקעסטאַנער סטעפּעס זענען טאַקע אַריינגענומען געוואָרן אין אַ נעץ פון איריגאַציע, פון באַוואַסערונג, אָבער נישט אומעטום, און גרויסע שטחים ערד זענען נאָך אַלץ געווען אויסגעשטעלט בלויז אויף צופעליקע רעגנס. אָבער אַפילו

דאָרט ווו אין די סטעפּעס האָט זיך שוין יאָ צעלייגט אַ פּריש־אויפגעבוי־טעו קאָלכאָז, האָט די תבואה אויך נישט שטענדיק פאַרנומען דעם אויבנ־אָן. אויף די טורקעסטאַנער פעלדער האָט ווייס געבליט דער בוימוואָל־קוסט און געוואַרט געדולדיק מען זאָל אים אויפקלייבן און שיקן אין די שפּינערייען. אמת, פון די קערנדלעך פון אָט־דער בלום האָט מען אין ספּע־ציעלע זאַוואָדן געקוועטשט אייל, אָבער וואָס קאָן מען טון מיט אייל, ווען קיין ברויט איז נישטאָ. איידער עס האָבן גענומען שטראָמען די טייכן מיט בעזשענצעס האָט זיך דאָס לאַנד דערנערט בשפע, אָבער איצט, ווען מיליאָנען נייע מיילער זענען צוגעקומען פלוצלינג, האָבן אין דער בלענדנ־דיקער זון אַ בליאַסקע געטון די אויסגעשטשירעטע ציין פון הונגער.

ווי מוראַשקעס האָט זיך דאָס פּליטים־פאָלק צעקראָכן איבער די ווייטע לענדער פון די דרומדיקע מדינות. זיי האָבן געהאַלטן אין איין וואַנדערן פון איין אָרט צום צווייטן, פון איין שטאָט צו דער צווייטער, פון איין קאָלכאָז צום צווייטן. מיט עקשנותדיקער לעבנסדאָרשטיקייט האָבן זיי אויסגעשטרעקט די דאַרע ביינערדיקע הענט און געפּרוווט אַרויס־רייסן פונעם אַרום די חיונה זייערע. זיי האָבן געהאַנדלט מיט וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט. פאַרקויפט צו די אוזבעקן, קאַזאַכן און טורקמע־נער די איבערבלייבעכצער פון זייער אַמאָליקער אייראָפּעאישקייט: מל־בושים, זייגערלעך, שיך און וועש. זיי האָבן איינגעקויפט פאַר פאַנטאַס־טישע פּרייזן פּראָדוקטן אין די קאָלכאָזן — אַלץ וואָס בלייבט דעם קאָל־כאָזניק פון זיין אינדיווידועל באַלעבאַטעווען, און דערמיט געפאָרן צו־ריק אין די שטעט. זיי האָבן אפילו געפּרוווט אַרבעטן. יאָ, אַרבעטן. זיי האָבן געלאַטעט און גענייט, געסטאָליאַרעוועט און געמייסטרעוועט. גע־ווען אַזעלכע וואָס האָבן פון ערגעצווו אַרויסבאַקומען אַ פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט און דערמיט אַריינגעפאָרן אין די קאָלכאָזן. אָבער איינזיצן אויף אַן אָרט האָבן זיי שוין נישט געקענט. זיי האָבן נישט געקאָנט בלייבן זיצן אפילו דעמאָלט, ווען עס האָט זיך זיי איינגעגעבן טיילמאָל ווי נישט איז איינצואָרדענען. אַן אומרו האָט זיי אונטערגעטראָגן, געמאַטערט און געפּלאָגט, ביז וואַנען ער האָט זיי אויפסניי צוגעטריבן צו די צעגלאַנצטע באַן־רעלסן, און זיי זענען געפאָרן ווייטער. וואָס אַמאָל ווייטער און ווייטער.

פון די ווייטע קינדער־יאָרן איז פּלוצלינג אָנגעקומען און געשטעלט זיך פאַר די אויגן פון די פּליטים דאָס האַנטבוך פאַר געאָגראַפיע. אַ נודנע

לערע אָט־די געאָגראַפיע געווען, אָנגעשפּיקעוועט מיט נעמען מאָדנע און משונהדיקע פון ווייטע לענדער און שטעט, צו וועלכע, עס האָט זיך שטענדיק געדוכט, אַז מען וועט קיינמאָל סייווי נישט דערגיין. די שטעט פון געאָגראַפישן אַטלאַס זענען געווען בלויז קליינע רעדעלעך מיט אויסטערלישע נעמען, אויף וועלכע מען האָט זיך שטענדיק געבראָכן די צונג. די בערג אינעם אַטלאַס זענען געווען ברוינע פלעקן, מיט קליינע קרייצעלעך, וואָס באַצייכענען דעם שפּיץ פון באַרג און דערנעבן אַ ציפער, וואָס גיט אָן די הויך אין מעטערס. אָט־די ציפערן זענען שטענדיק געווען אַן אָנשיקעניש און אַן אָפּקומעניש. וואָס וועט שוין אַרויסקומען, אַז מען וועט שוין וויסן ווי הויך עס איז אַ באַרג ערגעץ ווייט, טויזנטער קילאָמעטער פון דער היים, אין אַן אומבאַקאַנט לאַנד? טיילמאָל בלויז, ווען דאָס איינטאָניקע פּאָנפען פונעם לערער פלעגט ענלעך ווערן צו אַ זלידנער פליג, האָט מען זיך פאַרטראַכט איבער דעם אינהאַלט פונעם קאָליריקן אַטלאַס, אָבער אויך דעמאָלט האָט מען נישט געוואָלט קלערן וועגן די נעמען פון שטעט, טייכן און בערג. דערנאָך פלעגן קומען יינגלשע יאָרן מיט טרוימען וועגן ווייטע רייזעס. אין די שוי־פענצטער האָבן געהאָנגען פאַרביקע פלאַקאַטן פון פאַרשידענע רייזע־געזעלשאַפטן און טוריסטישע פאַרבאַנדן וואָס האָבן גערופן צו באַזוכן די וועלט. אָבער די וועלט האָט לויט יענע פלאַקאַטן טאַקע, געקאָנט זיך עפענען בלויז פאַר מענטשן מיט טשעקן־ביכלעך, בלויז פאַר די רייכע, און זיי, די אָרעמע האָבן געהאַט אַנדערע זאַכן צו קלערן דערוועגן. זענען אַזוי פאַרבליבן שוין אין זכרון די מאַפּעס פונעם אַטלאַס. לויז צונויפגעבונדענע מיט די פילקאָליריקע טוריסטישע פלאַקאַטן, און אַוועקגעלייגט זיך טיף אין אונטערבאַוווסטזיין, צוגעדעקטע מיטן שטויב פון די שנעל־לויפנדיקע יאָרן.

איצט אָבער האָבן פלוצלינג די ווייטע פאַרגעסענע פון לאַנג חלומות זיך אָנגעהויבן צו פאַרווירקלעכן. אָבער ווער איז דאָס אימשטאַנד צו טוריסטעווען מיט אַ ליידיקן מאָגן? ווער קאָן דאָס איינזאַפּן ווייטע, עקזאָטישע זעענישן מיט אויגן וואָס פיבערן אין הונגער? ווער קאָן דאָס אַרומשפּאַצירן איבער אומבאַקאַנטע וועגן מיט שוואַכע און וואַקלענדיקע פיס? ווער קאָן דאָס געדענקען צו זיין אַ טוריסט געצוווּנגענערהייט?

און דאָך... דאָך האָבן די פּליטים פון פּוילן און ליטע, פון רומעניע און רייסן, פון וואָלין און גאַליציע, נישט ווילנדיק, כמעט „בעל כרחם“,

דערפילט דעם גאַנצן ווילדן פּראַכט פון די ווייטע מקומות, אין וועלכע דער שטורעם האָט זיי פאַרטראָגן. די זעלבע אויגן וואָס האָבן מיט אומרואיקע בליקן געזוכט ברויט, האָבן זיך פלוצלינג מיט פאַרגאַפטקייט אָפּגעשטעלט אויף דער אַנטפּלעקונג פון דער קאַלכאַזנער גרינקייט אינמיטן דעם ברוינעם סטעפּ, אויף דעם אומבאַפלעקטן ווייסן בוימוואָל־ים, אויף אָריענטאַלישע געשניצטע פענצטער פון אַ מאַשייע, אויף מאָלעריש־צעוואָרפענע הונדערטיאָריקע רואינען, אויפן פאַרביקן אַזיאַטישן המון, אויף אָט־דער גאַנצער מזרחדיקער עקזאָטיק.

זיי זענען אַריינגעדרונגען אומעטום.

זיי האָבן געוואַנדערט איבער דער אַלטער, אַלטער שטאָט סאַמאַרקאַנד, ווו אַלעקסאַנדער מוקדון האָט געהאַט אַנגעשפּאַרט מיט זיינע חילות אויפן וועג קיין אינדיע. די נאַכט אין סאַמאַרקאַנד איז טיף־בלוי און גאָלד־געהאָפטן. אין גרינלעך־זילבערנעם אָפּשיין פון דער לבנה ליגן צעשיט די רואינען פון אַפראַ־סיאַב, אַ געביידע וואָס אַלעקסאַנדער מוקדון האָט געזאָלט האָבן אויפגעשטעלט. אַרום דעם אַפראַ־סיאַב וואָגלען הונגעריקע אויסגעדאַרטע הינט מיט אַ דינער הויט, דורך וועלכער מען קאָן איבערציילן די ריפּן. אַרום אַפראַ־סיאַב וואַנדערן ביינאַכט די שאַקאַלן און וויינען אַרויס דעם גאַנצן אומעט פון וויטן סטעפּ. אין סאַמאַרקאַנד האָט דער לאָמער מערדער טימור, אָדער, ווי מען האָט אים שפּעטער אָנגערופן, טאַמערלאַן געמאַכט זיין הויפּטשטאָט. דורך סאַמאַרקאַנד איז דעמאָלט געגאַנגען דער „גאָלדענער וועג פון מדבר" — אומצייליקע קאַראַוואַנען מיט סוחרים, וואָס האָבן געמוזט געבן אַן אָפּצאָל דעם סוחריש־רויבערישן פּרינץ. היינט שטייען אין סאַמאַרקאַנד די איבערבלייבעכצן פון טאַמערלאַנס אַמאָליקער מאַכט און גלאַנץ. ס'שטייט די איבערבלייבעכץ פון דער מאַדראַסאַ (שולע) ביבי־כאַנום, עס שטייט דער פּאַלאַץ שאַך־זינדע, און עס שטייט די מאַשייע גור־עמיר. די ציגל פון די געביידעס זענען אַלט און דער ווינט הייבט אויף פון זיי קנוילן פון געלן שטויב, אָבער די קופּאָלן זענען באַדעקט מיט ציגל וואָס האָבן אויף זיך אַ בלויע גלאַזור. יאָרהונדערטער זענען פאַרביי, און די גלאַזור איז אַלץ געבליבן בלוי און אומבאַשעדיקט און זאַפּט אין זיך אַריין דאָס גאַנצע זילבער פון דער לבנה, בכדי עס אויפסניי צו צעטריפן און צעשיטן אין דער גראַנאַטענער נאַכט. בייטאָג זיצן אַרום און אַרום אַלטע בלינדע

בעטלער. אפשר זענען זיי געווען אַמאָל מולאס (מאַכמעדאַנישע גייסט־לעכע) און איצט וויינען זיי אויף זייער ביטערן גורל? שוין לאַנג, זייער לאַנג, ווי די רוסן זענען אַהערגעקומען פון צפון מיט פייער און שווערד און דאָס לאַנד פאַרנומען, אָבער פאָרט איז די מאָשייע אָפן געווען און אין כיווא און בוכאַראַ זענען געזעסן און געקיניגט די כאַנען. אָבער איצט זענען די כאַנען אויך אַנטלאָפן. די רוסן זענען געקומען מיט נייע ווער־טער און מיט נייע לידער. זיי האָבן אָנגעהויבן שטעלן נייע געביידעס פון האַרטע שטיינער און ציגל און געהייסן דרוקן ביכער, טאַקע אויפן אַר־טיקן לשון, אָבער אין אַט־די ביכער איז גאָרנישט דאָ וועגן קאָראַן, און נישט וועגן אללא. פון די פרויאישע פנימער איז אַראָפּגעפאַלן די פאַ־ראַנדזשאַ, און חצופות שפּאַצירן אין לבנהדיקע נעכט אַרום מיט די יונ־גען נאָך איידער מען האָט זיי גענומען פאַר ווייבער. איצט ווידער איז אָנגעקומען עפּעס אַ מלחמה און פרעמדע מענטשן זענען געקומען און פרעסן אויף דעם גאַנצן שפּייז. גאָטס שטראָף איז איבערן לאַנד, און דע־ריבער ציטערן די אַלטע ברוינע הענט פון די בעטלער און טרעפער, און דעריבער וויינען זייערע טרויעריקע לידער, באַגלייטע פון דעם דין־קווי־טשיקן גרימפּל פון די צוויי־סטרונעדיקע אינסטרומענטן. אויגן פון פּלי־טים קוקן זיך איין אין די אַלטע בעטלער און עס דוכט זיך זיי אַז זיי דערקענען דעם הקדש וואָס לעבן אַלטן בית־המדרש, דאָרט אין די קליינע פּוילישע שטעטלעך.

אין קנוילן פון געלן שטויב ליגט אַ צעגליטע די שטאָט מאַרי. אי־בער די צעבלענדטע גאַסן שפּאַנען ברוינהויטיקע טורקמענער מיט שוואַר־צע, אויף דער ברוסט צעכראַסטעטע כאַלאַטן און הויכע שעפּסענע טשאַ־פּעס. אַ צעגרינטע און פרוכטבאַרע ליגט פערגאַנא, דער שפּייכלער פון טורקעסטאַן, אַ זאַפטיקער אַאַזיס, אַ פולער מיט שאָטנס און ווייסקייט. פאַרשטעקט הויך אין די בערג ליגן טאַרזשיקיסטאַנער דערפער און עס ווייסט זיך אין דער זון די נייע שטאָט סטאַלינאַבאַד, מיט געביידעס שטאָלצע און פּאַדיסענע. באַרג־לייט מיט שאַרפע בליקן ווי שווערדן פון ווילדע קריגער שפּיזן דורך די אָנגעקומענע וואַנדערער. אויף פרויאישע העלדזער קלינגען שנורן מיט קאַרעלן און מטבעות און פון אונטער די אויגן־פאָרהענגלעך ציען זיך שאָטנס פון מזרחדיקער ליידנשאַפט. איבער סטעפּעס וואַנדערן קאַראַוואַנען מיט קעמלען, איינער געבונדן צום אַנ־

דערן, און די גלעקלעך אויף זייערע העלדזער קלינגען און וויגן זיך צוזאַ־מען מיטן צעשאָקלטן אַנטרייבער וואָס אויפן ערשטן קעמל. ער בוקט זיך טיף איין, דער אַנטרייבער, ביי יעדן טראָט פונעם קעמל, ווי ער וואָלט געהאַלטן אין איין אָפּגעבן כבוד עפּעס אַן אומדערזעבאַרן גאָט. און אַזוי זענען אַנגעצויגן אויף די פּעדים פון די וועגן אומצייליקע שטעט און באַן־סטאַנציעס, ווי קאָרעלן פאַרביקע און פאַרשידנאַרטיקע. אַשכאַבאַד און אַלמאַ־אַטאַ, קאַגאַן און טשימקענט, קאָקאַנד און בוכאַרא, גוזאר און קער־מינע, יאַנגי־יול און דושאַם־בע. וועגן קרייצן זיך און וואַנדערער באַגע־גענען זיך. אין די באַגעגענישן דערציילט מען זיך אָן די נייעסן וואָס זענען זיך פאַרלאָפן. דער און דער איז געשטאָרבן אויף טיפוס. יענעם ווידער איז געלונגען — ער האָט „געמאַכט געלט״. אַ צווייטער האָט גע־פונען אַ היים — ער האָט זיך איינגעאָרדנט ביי אַ קאַזאַטשקע, וואָס איר מאַן איז פאַרפאַלן געוואָרן אויפן פראָנט. אַ דריטער איז אַוועק שוואַרצן די גרענעץ קיין פּערסיע און פאַרפאַלן געוואָרן — ווער ווייסט צי ער איז אַריבער בשלום, צי אַ קויל פון דער גרענעץ־וואַך האָט אים איינגע־שטילט אויף אייביק, און איצט טרוקענען זיינע ווייסע ביינער אין סטעפּ און שאַקאַלן באַוויינען זיין טויט. אַ פערטער האָט געהאַט מזל — מען האָט אים אָנגענומען אין דער פּוילישער אַרמיי. אַ „צוואַניאַק״ ווייזט אויס, געוווסט ווען אונטערצורוקן עטלעכע הונדערט רובל. אַ פינפ־טער... אַ זעקסטער... אַ צענטער... ידיעות צעטראָגן זיך און לויפן לענג־אויס די באַן־ליניעס. ידיעות וואַנדערן אַרום אויף די וועגן פון יידישער פאַרלאָזנקייט, דערנידערונג, הונגער, נויט און עלנט. זיי לעבן מיט זייער אייגענעם לעבן, די פּליטים, אויפן ראַנד פון לעבן, אַרויסגעשפּיגענע פון לעבן, אומנוציקע, אומנויטיקע, פאַרוואַרלאָזטע ווי פעלדער וואָס קיינער אַקערט זיי ניט און דאָס ווילדגראָז האָט זיך אויף זיי צעוואַקסן. ברענגט זיי דער סטעפּישער ווינט אַנטקעגן דעם הייסן אָטעם פון די צעגליטע זאַמדן, דער הונגער דרייט זיי אויס די קישקעס, דער דאָרשט צערייסט און צעבלוטיקט זייערע ליפּן, און אַרום און אַרום ליגט אַ וועלט אַ נייע און אַ שיינע, אַ וווּנדערלעך־צויבערנדיקע און עקזאָטיש־פרעמדע, אַ פלו־צימדיק־אַנטפּלעקטע ווי פון אַן אַלט מעשה־ביכל, אַן אויסגעכישופטע פון אַ טויזנט־און־איין־נאַכט־מעשה, וואָס איז אַמאָל, אין די ווייטע קינדער־שע יאָרן איבער זייער וויגל געהאָנגען. וויל מען אין זיך אַריינזאַפּן דעם

צויבער און די שיינקייט, און דער הונגער רייסט שטיקער פון אויסגע־דאַרטן לייב. ווײל מען אָנטרינקען זיך מיט וואונדערלעכקייט און כישוף אָבער די אויגן ברענען מיט אַן אַנדערן, מיט אַ שגעונדיקן דאָרשט. ווײל מען פאַרנעמען און באַנעמען דאָס נייע לאַנד, אָבער עס נאָגט און ווערגט די בענקשאַפט אַהיים. וואָלט מען געוואָלט אַרויסבאַקומען פון זיך אַ גוט וואָרט, אַ שמייכל, אָבער די וועלט אַרום איז אַזוי פּיינטלעך און פרעמד...

פּיינטלעך און פרעמד זענען אַלע, אַלע אָן אויסנאַם.

פּיינטלעך און פרעמד זענען די אוזבעקן, טאַדזשיקן און טורקמענער, וואָס קוקן מיט בייזע אויגן אויף דעם הונגעריקן פּליטים־היישעריק, וואָס איז זייערע היימען און פעלדער באַפאַלן, וואָס ווילן נישט איינזיצן אויף אַן אָרט און אַרבעטן, נאָר שלעפּן זיך אַרום און שווינדלען און האַנדלען און גנבענען אַפילו, כאָטש זיי גייען אויס פון הונגער. פּיינטלעך און פרעמד זענען די סאָוועטישע יידן, וואָס זענען דאָ אַהער אָנגעקומען פון אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד, יעדער איינער מיט אַ „קאָמאַנדיראָווקע“, מיט עפּעס אַ צוועק, מיט אַן אויסזיכט אויף צו באַקומען אַ פּאָסטן, מיט אַ קענטעניש פונעם סאָוועטישן לעבן, מיט אַ ווילן צום אַרבעטן אין וואָס פאַר אַ באַדינגונגען עס זאָל נישט זיין. פּיינטלעך און פרעמד זענען די „ישראלים“, די בוכאַרער אָרטיקע יידן, וואָס רעדן עפּעס אַ מאָדנעם לשון, אַ מין האַלב־פּערסיש, האַלב־טערקיש און קליידן זיך האַלב־אייראָ־פּעאיש און האַלב־אַזיאַטיש. זיי האָבן שטענדיק פיינט געהאַט די „איי־ראָפּעאישע“, די „מאָסקווער“, אָט־די בוכאַרער יידן טאַקע. זיי האָבן זיי פיינט געהאַט פאַר זייער גאָטלאָזיקייט, פאַר דעם פאַרלייקענען די טראַ־דיציעס, פאַר דער „גוישקייט“, פאַר דעם אומפאַרשטענדלעכן פאַר זיין יידישן לשון, פאַר זייער קליגערישקייט און איבערגעשפּיצטקייט. זיי, די בוכאַרער, היטן אָפּ די דינים און מצוות פונעם יידישן גלויבן און האָבן גאָט אין האַרצן. זיי, די בוכאַרער, פירן זיך ווי דאָס פאָלק פון לאַנד, עסן און זיצן אויף דער ערד, בויען זייערע שטיבער לויטן אָרטיקן נוסח, אָבער זיי פאַרגעסן קיינמאָל נישט אַז זיי זענען יידן. די „מאָסקווער“ מאַכן נאָך אין אַלעם די רוסן. אין קליידונג, אין דער שפּראַך און אין דער גוישער גאָטלאָזיקייט. איצט, זייט עס איז דאָ פאַראַן אַ „סאָוועטסקע וולאסט“, האָבן די בוכאַרער אויך דערפילט, אַז זיי זענען נישט קיין שטיף־קינדער, אָבער זיי האָבן דעם יידישן גאָט נישט פאַרגעסן. אמת,

זייערע קינדער זענען אין „קאָמסאָמאָל״, און אפילו אין דער פּאַרטיי, זיי וואָלטן זיך געלאָזט צאַפּן דאָס בלוט פאַר דער נייער מאַכט וואָס מאַכט נישט קיין אונטערשיד צווישן יידן און אַנדערע, אָבער צי מוז מען דעריבער פאַרגעסן אָנעם גלויבן פון די אָבות? טאַטש זענען דאָך אויך פאַראַן אוזבעקן קאָמוניסטן און זיי עסן נישט קיין „טשושקא״ (חזיר), זיי זענען מל זייערע קינדער און היטן אָפּ די געבאָטן פון דורות. און די „מאָסקווער״ יידן פרעסן יאָ חזיר, און זענען נישט מל זייערע ממזרים. אָבער נאָך ערגער פון די „מאָסקווער״ זענען אָט־די נייע יידן, די פּויליש. לאָ־די וואָס זיי פרעסן חזיר, און דאַוונען קיינמאָל נישט, גייען זיי נאָך אַרום מיט אַ פולן בויך מיט טענות צו דער „סאָוועטסקער וולאסט״. נישט צו גאָט און נישט צו לייט הייסט עס. און פאַרשטיין זיי קאָן מען אויך נישט, ווייל זיי קענען צומאָל קיין רוסיש נישט רעדן ווי עס דאַרף צו זיין.

אָבער צום מייַנסטן פייַנטלעך זענען געווען די אַרטיקע רוסן און אוקראַינער. עס רעדט זיך אַזוי בלויז, די „אַרטיקע״. ווי לאַנג איז דען זינט זיי זענען דאָ אַהערגעקומען? אייגנטלעך זענען זיי נישט געקומען אַהער פון זייער אייגענעם ווילן. מען האָט זיי אַהער „פּערעסעליעט״, איבערגעשיקט הייסט עס, און אַלץ צוליב דעם ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט בויען קיין קאָלכאָזן ביי זיך אין דאָרף. קאָלכאָזן איז אַ יידישער אויפטו. דורות־לאַנג האָט די ערד געהערט צום פּויער און צום פּריץ, ביז וואַנען עס זענען געקומען די באָלשעוויקעס און די יידן און אויסגעטראַכט קאָלכאָזן. אוודאי, די האָלאָדראַנצעס, די אָרעמע מוזשיקעס האָבן געקאָנט לייכט איינגיין דערויף. וואָס לייגן זיי דען צו צום עסק? אָבער זיי, די רייכע קולאַקן, די פּויערים און קאָזאַקן מיט לייטישע נחלות האָבן טאַקע נישט געוואָלט באַשטיין, זיי האָבן זיך אפילו געפּרוווט קעגנשטעלן אויך, איז דערפאַר האָט מען זיי פאַרשיקט אַהערצו. אָפּגעריסן פון זייערע דערפער און פעלדער און אַרויסגעשיקט. איצטער מאַטערן זיי זיך דאָ און בענקען אַהיים. זיי מוזן דאָ וווינען צוזאַמען מיט אָט־די ווילדע אוזבעקן און קאַזאַכן און זייערע קינדער ווערן דערצויגן פאַר גאָטלאָזע באָלשעוויקעס. דעריבער טאַקע איז ענדלעך געקומען גאָטס שטראָף אויפן לאַנד און אַ בלוטיקע מלחמה הוליעט איבער דער „סוויאַטאיא רוס״. און שולדיק דערין זענען ווידער די יידן. צוליב זיי, צוליב די יידן, איז אויס־

געבראָכן די מלחמה און זיי, די יידן טאָקע, ווילן נישט גיין אויפן פראָנט, נאָר קומען מאַסנווייז אַהערצו, פרעסן אויף דאָס שפּייז און פאַרשפּרייטן קרענק און הונגער.

כיטרע קאַזאַקישע אויגן פינקלען און דערמאָנען זיך אָן אַמאָליקע צייטן פון ניקאָלייען. יאָ, זיי האָבן מורא צו רעדן הויך, אָבער זיי מור־מלען און וואָרטשען. זיי ווייסן, אַז פאַר זידלען אַ „זשיד" קאָן מען נאָך באַקומען פינף יאָר תפיסה, אָבער נישט שטענדיק קאָן מען זיך איינ־האַלטן. אויסער דעם זענען אָט די ניי־געקומענע „זשידעס" פרעמדע אויך, נישט קיין רוסישע. נישט שטענדיק ווייסן זיי אפילו צו וועמען צו גיין און זיך צו באַקלאָגן. אויסערדעם האָט די מיליץ זיי אויך אויפן אויג, די „זשידעס" טאָקע, פאַר זייער אַרומשלעפּן זיך און האַנדלען. און נישט איינמאָל איז זיך אָן אַלטער קאַזאַק מחיה, ווען ער קאָן זיך געזונט אויס־זידלען מיט אַ גאַרנדיקער „זשידאָווסקאַיאַ מאָררדאַ"!

יידישע אויערן הערן זיך איין פאַרוווּנדערט אין אָט־דער נייעס. דאָ אויך — הייסט עס... פונוואַנען זאָלן זיי ווייסן, אַז די פּליטים, אַז נישט דאָ אויך, נאָר טאָקע דאָ, אין אָט־דעם ווינקל פון דער סאָוועטישער מדינה איז דאָס מעגלעך, און טאָקע צוליב דעם, ווייל דאָ לעבט דאָס אַלטע און פאַרעקשנטע, וואָס מען האָט מיט גוטן נישט געקאָנט בייקומען דאָרט, אין די רוסישע דערפער און אין די קאַזאַקישע כוטאָרן. די פּליטים נעמען עס אויף ווי אַ נאָרמאַלע זאַך. זיי זענען געקומען אַהער־צו גלייך פון די לאַגערן, קיין אַנדער פּנים פונעם סאָוועטישן פאָלק האָבן זיי קיינמאָל נישט געזען, און די „זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ" איז אַזוי ענ־לעך דערצו, וואָס זיי פלעגן אויסהערן אַמאָל אין פּוילן, טאָ פאַרוואָס זיך וווּנדערן. גיין צו דער מיליץ? מיט דער מיליץ זענען זיי קיינמאָל קיין שטאַרקע גוטע פריינט נישט געוועזן, נאָך בפרט איצט. און אַזוי איז צו אַלע טענות זייערע צוגעקומען נאָך איינע, אַ ווייטיקלעכע און שרעקלעכע, די טענה וועגן אַנטיסעמיטיזם אין לאַנד פון די סאָוועטן.

הערצער האָבן זיך פאַרשטיינערט און אָנגעפילט מיט גאַל און האַס צום גאַנצן אַרום, אויגן האָבן געקוקט פאַרשטאַרט און ווילד־פרעמד, פויסטן האָבן זיך געביילט אין אָנמעכטיקן צאָרן און דער פאַנצער פון פרעמדקייט האָט זיך וואָס אַמאָל מער צונויפגעפרעסט אַרום זייערע צע־ווייטיקטע הערצער.

טאַשקענטער ווינטער

אויף אַהערצו, אין די וויט־דרומדיקע ראַנדן פון דער ריזיקער סאָוועטישער מדינה איז ער אָנגעקומען, דער רוסישער ווינטער. אמת, ער האָט פאַרלוירן פיל פון זיין אייזיקער שאַרפקייט, דער ווינטער, און זיין וויס־בלוילעכער אָטעם איז גרוי און געל געוואָרן בשעת ער האָט געוואַנדערט איבער די דרומדיקע סטעפּעס און מדבריות. אָבער עס איז פאָרט געווען אַ ווינטער. די קעלט איז געווען אַ פייכטע און רעגנדיקע, אַ בלאָטיקע און גרוי־אומעטיקע, נאָר טיילווייז אַ באַשלייערטע מיט ווייכן, שנעל־צעגייענדיקן שניי. די רויטע ערד איז ליימיק געוואָרן און די שטויביקע וועגן פון איין קאָלכאָז צום אַנדערן האָבן זיך גענומען פאַרציען מיט שפּיגלדיקע קאַלוזשעס און אָנזאַפּן זיך מיט קלעפּיקער צעווייקטער בלאָטע, אין וועלכער עס האָבן טיף געזונקען די צוויי־קלאָענדיקע פיס פון די קעמלען, און אין וועלכער עס פלעגן זיך לעשן און שטיין־בלייבן די שווערע רעדער פון די לאַסט־אויטאָס. דאָס גאָלדן צעגליטע לאַנד איז פּלוצים געוואָרן אומעטיק און קאַלעמוטנע, און אַ שווערער הימל, ווי אַ שטיק נישט־אויסגעאַרבעט פּויעריש געוואַנט איז געהאָנגען איבער די ליימענע קיביטקעס, פון וועלכע עס האָט זיך געשלעפּט איבער די קאָלכאָזנע פעלדער אַ נידעריקער און שאַרף־ריחדיקער רויך. ווינטן זענען אָנגעקומען פון צפון, ווינטן האַמעטנע און פייכט־דורכדרינגלעכע, וואָס האָבן אָט־דעם רויך צעריסן און צעפּליקט אויף טויזנטער שמאַטעס און אַרומגעשלעפּט זיי נידעריק, נידעריק, איבער די פלאַטשיקע קיביטקע־דעכער, איבער דעם ווייטן אומעטיק־ענדלאָזן פלאַכלאַנד, איבערן צעווייקטן, אין נעפּלען איינגעהילטן סטעפּ.

דעם פליטים־פאָלק האָט די נאַסע, פייכטע קעלט גענומען דערקוטשען מער ווי יענע טרוקענע, שאַרפע פרעסט. אָט זענען זיי געפאָרן אין אַ וואַרעם לאַנד, און זיי האָבן פון זיך אַראָפּפאַרקויפט אין וועג כמעט אַלע וואַרעמע מלבושים, זיכער געווען אַז מען וועט נישט דאַרפן צו אָט־די מלבושים אָנקומען, און דאָ ראַפּטעם, נאַדיר גאָר. די טשייכאַנאַס, די טיי־בופעטן, וואָס נעבן די וואָקזאַלן, האָבן זיך גענומען פאַרפולן מיט זייער געפּילדער און גערויש, אָבער נעכטיקן דאָרט האָט מען נישט געקענט. איז אָנגעקומען דער פיבער, דער טיפוס, די לונגען־אָנצינדונג, די

מאַלאַריע, און מיט הייס־שוידערדיקע פינגער אָנגעהויבן רייסן שטיקער פון זייערע אויסגעדאַרטע לייבער. עס האָבן פאַרפעלט שפּיטאָלן. די שפּיטאָלן זענען פול געווען מיט פאַרווונדעטע, וועלכע מען האָט אָנגעהויבן דאָ אַהערברענגען פון די ווייטע פראָנטן. באַזונדערס, ווער האָט זיך דאָ אומגעקוקט אויף פּליטים? ווען מען איז איינגעפאַלן זיך אָפּצושטעלן אויף דער באַן־פּלאַטפאָרם, אויב מען האָט שוין אַפילו דערזען אין אַ ווינקל אַ פּאָר גליענדיק־פיבערדיקע אויגן און איינגעפאַלענע באַקן מיט אַ צעבליט פיבער־פלעמל אויף זיי? טיילמאָל בלויז אין אַ פרימאָרגן, אַז די באַן־וועכטער האָבן באַמערקט איינעם וואָס ער רירט זיך שוין נישט, וואָס די באַקן זיינע זענען פון ציגל־רויט שוין געוואָרן בלוי־אַשיק, וואָס די אַרויסגעשטשירעטע ציין האָבן צעשפּרייט די בלוילעכע ליפּן אין אַן אומהיימלעכן, שרעקלעך־איראָנישן שמייכל, ערשט דעמאָלט פלעגן זיי צוקומען, רופן אַ מיליציאָנער און אַוועקנעמען דאָס בינטל הויט און ביינער. טיילמאָל איז דער קערפּער געווען אויפגעבלאָזן און געשוואָלן, בלוילעך און אָנגעדראָלן — דאָס האָט דער הונגער, הייסט עס, אים אַ צערטל געטון פאַרן טויט. טיילמאָל איז דאָס פּנים געווען אין פלעקן, און די שמאַטעס זענען געווען באַדעקט מיט אַ רירעוודיקן געווימל פון לייז — דער האָט געשלאָסן קאַנטשאַפט מיטן פלעקן־טיפוס און אַזוי ליגן געבליבן אין בלאָטע פאַרן וואָקזאַל. טויטן פאַרשיידענע, אומגעריכטע און לאַנגזאַמע, פּיינפולע און יסורימדיקע, פולע מיט פיבערדיקע האַלוציינאַציעס און זעעניש, טויטן איינזאַמע און עלנטע, טויטן פאַרלאָזטע און פאַמעלעך צאַנקנדיקע, טויטן פולע מיט בענקשאַפטן און האָפענונגען ביזן לעצטן מאָמענט, טויטן טריפנדיקע טראָפּן נאָך טראָפּן, טויטן שאַרףשניידיקע ווי מעסערס, און טויטן טעמפּע און דולע ווי דער פייכטער נעפּל, אָט די אַלע טויטן האָבן זיך אַרומגעשלעפּט איבער די וואָקזאַלן, אַריינגעדרונגען אין די באַן־סטאַנציעס און צוגעטוליעט צו זיך די וואַנדערנדיקע פּליטים, איינשטילנדיק אויף אייביק זייער געברויז, ווי לעצטע און געטרייע פריינט.

די מיליץ האָט גענומען יאָגן פון די וואָקזאַלן. די מיליץ האָט גענומען אַרעסטירן פאַר אַרומוואַנדערן איבער די גרויסע שטעט נישט איינגעמאָלדענערהייט. אָקערשט איז אַרויס אַ נייער געזעץ, וואָס האָט וואָס אַן אמת אָנגערירט בלויז סאָוועטישע בירגער, אָבער די מיליץ האָט שוין

אָנגעהויבן לייגן מער אַכט אויף מענטשן וואָס האָבן נישט קיין באַשטימ־טע אַרבעט צי באַשעפטיקונג. דאָס געזעץ האָט פאַרבאָטן אַרבעטער אַריבערצוגיין פון איין פאַבריק צו דער צווייטער. פאַר פאַרלאָזן די אַר־בעט האָט מען געקאָנט געמשפט ווערן פון אַ מיליטערישן טריבונאַל. אויב אַ מאַן איז געוואָרן אַריבערגעטראָגן אויף אַרבעט אין אַ צווייטער פאַבריק אַריין, האָט זיין פרוי צי פאַמיליע נישט געהאַט קיין רעכט אים נאָכצופאָרן, אויב זיי זענען ווייטער געווען נויטיק אין דער פאַבריק, וווּ זיי האָבן געאַרבעט ביז איצט. אויף אַלע טענות, אַז אַזאַ האַנדלונג צע־רייסט און שטערט דאָס פאַמיליען־לעבן, האָט מען געענטפערט, אַז די רויטאַרמייער וועלכע קעמפן אויף די פראָנטן, האָבן אויך אַ צעריסן לעבן, און עס איז נישט פאַראַן קיין אונטערשיד צווישן דער אחריות פון אַ פראָנט־סאָלדאַט ביז אַ סאָלדאַט פון הינטערלאַנד, און סאָלדאַטן זענען איצט אַלע אָן אויסנאַם. איינצייטיק האָט מען זיך אַ נעם געטון צו די פליטים. אין די גרויסע שטעט איז במילא געוואָרן אוממעגלעך צו בלייבן, און אין די קלענערע ישובים האָט מען נישט געקאָנט אַנגיין מיטן אַלטן אופן פון לעבן, מיטן אַרומלויפן איבער די טאַלטשאָקס און האַנדל־וואַנד־לען. די ביוראָען וואָס האָבן געשיקט אויף אַרבעט אין די קאָלכאָזן זענען פול געוואָרן. די קאָלכאָזן האָבן באַקומען אינסטרוקציעס צוגרייטן וווין־פלעצער פאַר פליטים, אויפנעמען זיי און באַזאָרגן מיט אַרבעט. די קרומ־אויגיקע „פרעדסעדאַטעלס" (פאָרזיצער) און סעקרעטאַרן פון די קאָל־כאָזן זענען אַרומגעלאָפן פאַרזאָרגטע איבער די אַרבעטס־אַמטן. מ׳האָט זיי געענטפערט, אַז די פליטים אין קאָלכאָז מוזן אַרבעטן און די שפּייז דאַרף זיי ווערן אויסגעטיילט לויט די אַלגעמיינע קאָלכאָזנע נאָרמעס.

די אָטשערעדן פאַר די ברויט־קראָמען זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן פולשטענדיק. מען האָט איינגעפירט דעם קאַרטן־סיסטעם — 400 גראַם פאַר קינדער, אַלטע לייט און נישט־פעאיקע צו אַרבעט. 600 גראַם פאַר אַרבעטנדיקע און 800 גראַם פאַר שווער־אַרבעטנדיקע. די קאַרטן האָט מען באַקומען אין אַרבעטס־פּלאַץ. אָן אַרבעט איז אוממעגלעך געוואָרן צו באַקומען ברויט. אָן באַזעצן זיך אויף אָן אָרט איז אוממעגלעך געוואָרן צו באַקומען אַרבעט. באַזעצן זיך האָט מען געמעגט נאָר אין די קליינע שטעטלעך און דערפער. ווילנדיק, נישט ווילנדיק האָבן די פליטים אָנ־געהויבן שטראָמען אין די קאָלכאָזן.

פון די פראָנטן האָבן פלוצלינג אָנגעהויבן אָנקומען טרייסטנדיקע ידיעות. דער קרימער האַלב־אינדזל האָט געהאַלטן שוין לאַנג אין איין אָפגיין מיט בלוט, אָבער אומגעריכט האָבן אָטריאַדן פון דער ים־פעכאָטע זיך אַרויפגעריסן אין אַן אומגעריכטער לאַנדונג אויף דער יבשה און אונטערן צודעק פון שיף־באַטעריעס פאַרנומען יאַלטא און יעווּפּאַטאָריא. דער באַלאַגערטער סעוואַסטאָפּאָלער גאַרניזאָן האָט אָפגעענטפערט מיט אַ העפטיקער אָפענסיווע צו הילף די פלאָטלער און דער קרימער האַלב־אינדזל איז ווידער פריי געוואָרן. איז דאָס שוין דער אָנהויב פון זיג? האָבן מענטשן געפרעגט איינער דעם אַנדערן אין די גאַסן — איז דאָס שוין דער אָנהויב פון שונאס מפלה? די בליקן זענען נאָך פול געווען מיט זאָרג, אָבער קליינע, ליכטיקע פלעמלעך פון האָפענונג און דערמונטערונג האָבן אָנגעהויבן אַרומצאַפלען אין מענטשלעכע אויגן.

די פוילישע גאַרניזאָנען זענען ווירקלעך געוואָרן אַריבערגעטראָגן דאָ אַהער, אין די דרומדיקע, אַזיאַטישע קאַנטן. עס זענען אָנגעקומען די פּאָלקן פון טאָטסקאָיע און בוזולוק, פון קאַלטוביאַנקא און פון אַנדערע מקומות אין צפון. אין טאַשקענט האָט זיך געעפנט אַ פוילישער קאָנסולאַט אין האָטעל „אינטערנאַציאָנאַל“. קאָנסול איז געווען דער אַלטער, ווייס־וואָנצנדיקער פעפעסישער באָנץ קוואפינסקי. פאַרן קאָנסולאַט האָבן געהאַלטן אָרדענונג עטלעכע סאָוועטישע מיליציאָנערן, און די גאַסן אַרום און אַרום זענען פול געוואָרן מיטן המון פון פליטים. פּאָליאַקן זענען געקומען מאַסנווייז נאָך הילף, נאָך געלט־שטיצע, נאָך צעטעלעך צו צו די פוילישע רויטער־קרייץ־שטעלעס. יידן זענען געקומען זוכן פּראָטעקציע, מען זאָל זיי צונעמען אין דער אַרמיי. אַלע אָבער זענען געקומען בכדי אַרויסצובאַקומען פוילישע פּעסער. דאָס איז געווען אַזוי מאָדנע און אויסטערליש, אַזוי ווילד און אומפאַרשטענדלעך און דאָך אַזוי פשוט און נאַטירלעך. פוילן איז געווען ווייט, ווייט, טויזנטער קילאָמעטער פון דאַנען. אין פוילן האָט געהערשט דער בלוטיקער שונא. דורך פוילן זענען געגאַנגען לאַנגע טראַנספּאָרטן מיט וואָס אַמאָל נייע נאַצישע רעגימענטן צום פראָנט. דער שונא האָט דערגרייכט די ווייטע ברעגעס פון דער וואָלגאַ, דער שונא האָט שוין געקעמפט אין קרים, דער שונא האָט זיך גערוקט וואָס אַמאָל נענטער צו קאַווקאַז. עס האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז קיין שום זאַך וועט שוין נישט אָפראַטעווען דאָס לאַנד פונעם געפאַר אַרונ־

טערצופאַלן אונטערן ברוינעם שטיוול, און דאָך... דאָך האָבן מענטשן נישט געגלויבט אין דער מעגלעכקייט פון אַ דייטשן זיג, דאָך זענען יידן געווען זיכער, אַז די נאַציס מוזן זיך איינברעכן. אַרום און אַרום רוסלאַנד איז געווען אַ שוואַרצע, שטאָק־פינצטערע נאַכט אָן אַ ברעקל טרייסט, אָן הילף, דאָס לאַנד האָט זיך געראַנגלט מיט די לעצטע כוחות, און דאָך האָבן יידישע הערצער געגלויבט אַז דער בלוטיקער רוצח מוז און וועט פאַלן, און אויב יאָ דאַרף מען זיך הייסט עס גרייטן אויף צו פאָרן אַהיים. די אַמאָליקע פוילישע דאָקומענטן האָט מען ביי זיי צוגענומען ווען מען האָט זיי אַוועקגעפירט אין די לאַגערן. אַלץ וואָס זיי האָבן איצט פאַר־מאָגט, זענען געווען די צעריסענע, אויסגעשמאַלצעוועטע „אודאָסטאָווע־רעניעס" פון די לאַגערן. זיי האָבן מורא געהאַט, די פליטים, טאָמער וועט דאָס זיין צו ווייניק, אויף צו קענען פאָרן אַהיים, האָבן זיי מאַסנוויז איצט באַלאַגערט דעם קאָנסולאַט, פאָדערנדיק פאַספאָרטן. די באַאַמטע פונעם קאָנסולאַט האָבן זיך נישט געאיילט אַרויסצוגעבן די דאָ־זיקע פאַספאָרטן. ווי עס וואָלט קיינמאָל גאָרנישט געשען, האָבן זיי גע־פאָדערט געבורט־שיינען, באַשטעטיקונגען, רעקאָמענדאַציעס, דער עיקר רעקאָמענדאַציעס טאַקע. און זיי האָבן שוין געוווסט ביי וועמען צו פאָ־דערן. פאָליאַקן האָט מען געגעבן גלייך. יידן האָט מען געהייסן וואַרטן. געהייסן קומען אין אַ וואָך אַרום, שפּעטער אין אַ חודש אַרום. יאָ, גע־ווען יידן, וואָס האָבן גלייך אַרויסבאַקומען די פאַספאָרטן, דאָס זענען געווען יענע יידן, וואָס זענען נאָך אין קויבישעוו געווען איינגייער אין פוילישן קאָנסולאַט און געהאַט אַ גוט וואָרט פון וועמען מען דאַרף. דאָס זענען געווען די יידן, וואָס האָבן געשיקט קיין אויסלאַנד קאָרעספּאָנ־דענצן, אַז די פוילישע קאָנסולאַטן אין רוסלאַנד באַהאַנדלען די יידן צו־גלייך מיט די נישט־יידן. אַזעלכע יידן האָט מען אַפילו באַשטימט פאַר קאָנסולאַרע פאָרשטייער אין די קלענערע שטעטלעך. אָבער שפּעטער האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז אויך זיי געבן אַרויס צופיל רעקאָמענדאַציעס. די באַאַמטע האָבן אויסגעפונען אַ ניי שפּיצל. נישטאָ מער קיין בלאַנקעטן פאַר פאַספאָרטן, עס דאַרפן אָנקומען נייע פון לאָנדאָן — האָבן זיי גע־טענהט. ווען די פליטים האָבן געבעטן אַ פאַספאָרט, זאָגנדיק, אַז זיי מוזן דאָך האָבן עפּעס אַ דאָקומענט, פלעגן די באַאַמטע ענטפערן, אַז „דערווייל" קאָנען זיי דאָך, די יידן הייסט עס, אַרויסבאַקומען סאָוועטישע

דאָקומענטן. די דאָזיקע עצות פלעגן געגעבן ווערן מיט אַ מין איראָניש, בייסיק שמייכעלע, וואָס האָט ביי די פּליטים געפלעגט אָנצינדן אַ פלאַם פון רציחה אין גאָרגל. נישט איינער פלעגט זיך געזונט אויסזידלען און אַ טראַסק טון מיט דער שווערער טיר פונעם ביוראָ. אָבער עס האָט גאָר־נישט געהאָלפן. אויך דאָרט האָבן די פּאָליאַקן געוויזן, ווער זיי זענען.

פאַרן קאָנסולאַט האָבן זיך געגומען אַרומדרייען אויסגעפּוצטע פּוי־לישע אָפיצירלעך און סאָלדאַטן. דאָס זענען געווען די, וואָס זענען גע־קומען אין קאָנסולאַט בכדי צו דערליידיקן די ענינים פון זייערע פאַמי־ליעס. א טייל פון זיי האָבן געטראָגן סאָוועטישע שינעלן, אָבער אַ גרוי־סער טייל האָט שוין געהאַט אויף זיך די נייע, אָקערשט אָנגעקומענע ענגלישע מאַנטלען. אַלע אָבער האָבן געטראָגן פוטערנע, רויטאַרמייאישע היטלען, מיט לאַפּן וועלכע מען האָט געקענט אַראָפּלאָזן אויף די אויערן. דער ווייס־בלעכענער אויסגעפּוצטער פּוילישער אָדלער האָט מאָדנע אויס־געזען אויף די האָריקע טשאַפּעס. די שטערנדלעך און זילבער־פּאַסיקלעך פון די פּוילישע מיליטערישע אָפּצייכענונגען האָבן מאָדנע אויסגעזען אויף דער טאַשקענטער גאַס. זיי זענען אַלע געווען אויסגעפּאַשעט, די אָפיצירן, געוואָרפן זיך מיט גאַנצע פּעק רובלעס, און יידישע אויגן האָבן אָנגע־קוקט זייערע רויטע מאָרדעס, צוגעזען זייער חוצפה און שפּאָרן־קליב־געוודיקע העזה און מיט פאַרדראָס געטראַכט וועגן דעם, אַז אויך דאָ, אין סאָוועטישן לאַנד, באַהאַנדלט מען זיי, די פּוילישע שוואַרץ־מאַהניקעס, די שליאַכעצקע זינדלעך, די פאַרביסענע שונאים, בעסער ווי מען באַ־האַנדלט זיי, די יידישע פּליטים.

די אַראָפּגעקומענע פּוילישע אָפּטיילונגען האָבן זיך איינגעקוואַר־טירט איבערן לאַנד און אָנגעהויבן זייערע איבונגען. די סאָוועטישע אַר־מיי האָט זיי צוגעשטעלט וואָפן און שפּייז. ביי־אָנגעקומענע פּאָליאַקן האָט מען צוגענומען גלייך און די אַרמיי האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. מיטן צונעמען יידן איז געוואָרן וואָס אַ טאָג ערגער. דער לעצטער תירוץ איז געווען, אַז מער קיין סאָלדאַטן דאַרף מען בכלל נישט, אַז מען נעמט איצט צו בלויז געוועזענע מאַטראָסן און פּליער. די אויסרעכענונג איז געווען אַ געניטע. עס זענען געווען אַ סך יידן, וואָס האָבן געקאָנט פעסט־שטעלן, אַז זיי זענען נאָך אין פרידנסצייט געווען סאָלדאַטן, אָבער אין פּוילישן פלאָט און אין לופט־פלאָט זענען פאַר דער מלחמה כמעט איינ־

גאַנצן נישט געווען קיין יידן. יידן האָבן אויפגעגעבן דעם געדאַנק וועגן אַריינטרעטן אין דער אַרמיי. זיי האָבן אויך אויפגעהערט צו בעטן פּאַס־פּאָרטן. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז אויב עפּעס אַ זאַך איז צום גוטן, קאָן עס נישט חל זיין אויף יידן.

אין דעם זעלבן האָטעל האָבן געוווינט געהויבענע געסט. אין דעם זעלבן האָטעל האָבן געוווינט אַ געוויסע צאָל אַקטיאָרן פון מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער. נישט לאַנג איז, זינט מען האָט זיי דאָ אַהער עוואַקואירט, דעם גאַנצן טעאַטער, צוזאַמען מיט אַנדערע רוסישע טעאַ־טערס פון דער הויפּטשטאָט, צוזאַמען מיט אַלע קולטור־אוצרות, סקול־פּטור־קאָלעקציעס און בילדער־זאַמלונגען. ווי אַ יאַזש, וואָס שטעלט אַרויס די שפּיציק־שטעכיקע נאָדלען זיינע און באַהאַלט הינטער זיי דאָס וואַרעמע, צאַפּלענדיקע לייב, אַזוי האָט די סאָוועטישע מדינה אַרויסגע־שטעלט צום שונא די רויטאַרמייאישע באַגנעטן־וואַנט און געפּרווט איינ־צייטיק באַהאַלטן ווייט און באַשיצן אַלץ וואָס איז נייטיק געווען, בכדי נאָכן זיג ווייטער צו ציען דעם פאָדים פון פרידלעכער בויאונג און שאַפן. דער יידישער מלוכה־טעאַטער איז אָנגעקומען פון מאָסקווע מיט אַ ספּעציעלן צוג, מיט אַ גאַרדעראָב פון טעאַטער־קאָסטיומען, מיט רעקוויזיטן און דעקאָראַציעס. די אַקטיאָרן האָבן באַקומען „בראָניעס", דאָס הייסט אַז מען האָט זיי באַפרייט פון גיין אין דער אַרמיי, הגם זייערע יאָרגענג זענען יאָ גערופן געוואָרן. דאָס איז חל געווען, נאַטירלעך, נאָר אויף טאַ־לאַנטפולע באַרימטע אַקטיאָרן וואָס זענען נייטיק געווען פאַרן טעאַטער. די יונגע זענען באַזונדערס שוין לאַנג אַוועק אין דער אַרמיי פרייוויליק. געהייסן האָט עס, אַז די רעגירונג האָט באַשלאָסן צו דערהאַלטן בלויז דעם מאָסקווער מלוכהשן טעאַטער, אַלס רעזערוואַט פון יידישער טעאַ־טער־קונסט ביז איבער דעם קריג אָבער יידישע אַקטיאָרן פון אַנדערע טעאַטערס, אויב זייער ראָל אין דער אַנטוויקלונג פון יידישן טעאַטער אין ראַטנפאַרבאַנד איז געווען אַ באַדייטנדיקע, האָבן אויך געדאַרפט בלייבן און זיי זענען צוגעשריבן געוואָרן צום מאָסקווער טעאַטער, הגם זיי האָבן דאָרט פאַר דער מלחמה נישט געהערט. אַזוי איז געוואָרן אָנגענומען אין מאָסקווער טעאַטער דער געוועזענער אַרטיסט פון דער ווילנער טרופּע יעקב מאַנסדאָרף, וואָס איז ביזן אויסברוך פונעם קריג אין 1941 געווען אין אָדעסער יידישן מלוכה־טעאַטער. אַזוי אויך פיל אַנדערע.

קיין טאַשקענט זענען אויך אַראָפּגעקומען פון מאָסקווע יידישע שרייבער און פען־מענטשן. טאַשקענט איז פּלוצלינג געוואָרן פאַרוואַנדלט אין אַ אונטערוועגס־צענטער פון יידישער קולטור. אויף די פאָרשטעלונגען פון מאָסקווער „גאָסיעט" (גאָסודאַרסטווענני יעווריעסקי טיעאַטר — מלוכהשער יידישער טעאַטער) האָט מען געקאָנט טרעפן בערגעלסאָנען און קאַגאַנאָווסקין, דעם רומעניש־יידישן רעזשיסאָר יעקב שטערנבערג און מאַרקישן. זיי פלעגן טיילמאָל שטיין אין פאָיע און וואַרטן אויף מיכאָעלסן. טיילמאָל פלעגט מיכאָעלס זיין פאַרנומען און מערסטנטייל פלעגט אים פאַרטרעטן שטיינמאַן. מען האָט געשפּילט מיט הונגעריקע, לײדיקע מאָגנס, די רויטע טעאַטער־פאַרב האָט צוגעדעקט די בלאַסע באַקן. אין דער סטאָלאָווקע ווו ס׳פלעגן עסן די אַרטיסטן איז דער שפּייז געוואָרן וואָס אַמאָל מאָגערער. די קאָטלעטן זענען געוואָרן דין און שאָרסטקע וויל ברוין פּאַק־פּאַפּיר און די זופּ איז געווען לויטער ווי קרישטאָל מיט איין טריאומפירנדיקער קאַרטאָפל אין דער מיט. דער זאַל איז נישט געווען באַהייצט. אין די גאַרדעראָבן האָט מען געקענט כאַפּן אַ ציטער, און די מיידלעך פון כאָר האָבן וואַרטנדיק אויף זייער אויפטריט געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן. דאָס טעאַטער האָט געשפּילט צוויי, דריי מאָל אַ וואָך, אָבער ס׳איז געווען פול געפּאַקט. אין זאַל זענען געזעסן יידן פון אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד, יידישע קאָלכאָזניקעס פון קרים און פון כערסאָנער קאַנט, יידישע פאַרוואונדעטע וואָס האָבן זיך איצט אָפּגערוט אויף אורלויב נאָך זייער אויסהיילן אין טאַשקענטער שפּיטאָלן, יידישע אָפיצירן פון דער רויטער אַרמיי. מען האָט געשפּילט „טוביה דעם מילכיקן". יידישע רויטאַרמייאישע פּנימער זענען צעשפּרייט אין אַ מחיהדיקן שמייכל ווען זיי הערן טוביהן רעדן און וויצלען זיך. אַ פּעסטער פאָלקאָווניק מיט אַ דורכגעשאָסענער האַנט און מיט אַ ברייטער, מעדאַלן־באַדעקטער ברוסט קוועלט אָן פון טוביהס חכמות. דער קאַלט־פייכטער הונגער און נאָגעניש הייבן זיך אויף און בלייבן הענגען אין דער הויך, אין דער פינצטער, צווישן די אויסגעלאָשענע לאָמפּן. פון דער בינע גיט אַ יאָג אַ וואַרעמע כוואַליע פון יידיש און יידישקייט. דאָרשטיקע יידישע הערצער נעמען עס אויף אין גאַנצן זאַל ווי אַ דערקוויקעניש, ווי אַ טרייסט, ווי אַ שטויס צום ווייטערדיקן קאַמף, צום עקשנותדיקן ווייטערדיקן אויסדויער.

יאַנגי־יול

אַמאָל איז עס געווען בלויז אַ פּאַרוואָרפענע באַן־סטאַנציע מיט עט־לעכע ליימענע קיביטקעס און אַ גרויסער טשייכאַנאַ (טיי־בופעט). די סטאַנציע האָט געהייסן קאַאופמאַנסקאַיאַ, אַן איבערבלייבעניש פון יענע צייטן, ווען דער גענעראַל קאַאופמאַן, איינער פונעם צאַרס דייטשישע גענעראַלן האָט אַ שפּאַר געטון אויף דרום, בכדי אונטערצוויאָכן די ווילדע סאַרטן, ווי מען האָט דעמאָלט גערופן די אוזבעקן, און איינגלידערן זייער לאַנד צוזאַמען מיט די כאַנען פון כיוואַ און בוכאַראַ אין דער קרוין פון צווייקעפּיקן, צאַרישן אָדלער. היינט איז פאַרבאָטן אָנצורופן אַן אוזבעק „סאַרט״. זיי באַטראַכטן דאָס אַלס זידל־וואָרט, פּונקט ווי יידן באַ־טראַכטן דעם „זשיד״ אַלס זידל־וואָרט, און זיי פאָדערן מען זאָל זיי רופן מיטן נאָמען פון זייער גרוי־סן אַמאָליקן הערשער אוזבעק, פּונקט ווי די יידן פאָדערן מען זאָל זיי רופן מיטן נאָמען „יעווריי״. דער זכר פונעם גענעראַל קאַאופמאַן איז אָפּגעמעקט געוואָרן, פּונקט ווי עס איז אָפּגע־מעקט געוואָרן דער זכר פון די בוכאַרישע כאַנען, און אָנשטאָט דער קליי־נער באַן־סטאַנציע וואַקסט אַ היפּש ראַיאָן־שטעטל, וואָס הייסט יאַנגי — יול. יאַנגי מיינט אויף אוזבעקיש ניי, און יול מיינט וועג. הייסן, הייסט עס, אַז דאָס שטעטל איז אַרויף אויף אַ נייעם וועג.

אין מיט פונעם שטעטל איז דער וועג אַ נייער, אַן אויסגעפלאַס־טערטער און האַרטער. אין מיט פון שטעטל זענען ניי די געמויערטע גע־ביידעס פונעם גאָרסאָוועט (שטאָטישן ראַט), פונעם רייקאָם (ראַיאָן קאָ־מיטעט פון דער פּאַרטיי) און פון וואָיענקאָמאַט (מיליטערישער קאָמי־סאַריאַט). אין די קאַנצעלאַריעס און ביוראָען מאַרשטשען זיך פאַרוואָלקנ־טע שטערנס פון יונגע אוזבעקישע קעפּ און אין זייערע קרום־מאָנגאָלישע מאַנדל־אויגן ליגט אַ טיפע זאָרג. אָ, זיי האָבן איצט אַזוי פיל צו באַ־זאָרגן און באַטראַכטן. אַ קלייניקייט — אָנצופירן מיט אַ לאַנד, מיט אַזאַ גרויס און ברייט לאַנד. ווו־נישט־ווו — אַ בלאָנדער רוסיש־פלאַקסענער קאָפּ מיט אַ פּאָר צעשמייכלטע, סלאַוויש־פינקלענדיקע, בלויע אויגן. דער שמייכל אין די אויגן באַטייט: אַנו, ווייזט וואָס איר קאָנט! פאַרבייסן זיי די ווייס־בליאַנקענדיקע ציין, די יונגע אוזבעקישע חברה, און זייערע מאָנ־גאָלישע באַקן ווערן נאָך מער בולטער ווי שטענדיק. רייבן זיי מיט ברויג־

הויטיקע הענט די פעך־שוואַרצע, גלייכע, האַרטע האָר, פאַררוקן די געד האַפטענע טיובעטיעיקעס אויף דער פּאַטילניצע און זאָרגן, פאַרזאָרגן און באַזאָרגן. און וועגן וואָס צו זאָרגן פעלט זיי נישט. דעם בוימוואָל דאַרף מען וואָס גיכער צונויפזאַמלען און אַוועקשיקן אין די מאַגאַזינען. די בוימאַייל־זאַוואָדן דאַרפן וואָס שנעלער באַקומען די קערנדלעך פון דער בוימוואָל־בלום, בכדי צו קוועטשן אייל. אויפן בוימוואָל וואַרטן שוין אין צפון די שפּינערייען — די אַרמיי דאַרף האָבן וועש און אָנטועכץ. און ערשט דאַרף מען פונאַנדערטיילן דאָס אָנגעקומענע ברויט צווישן די בוימ־וואָל־קאָלכאָזן וואָס וואַקסן אַליין נישט קיין תבואות. און ערשט דאַרף מען באַזאָרגן די ברויט־געבנדיקע קאָלכאָזן צום נייעם פאַרזיי מיט קער־נער, און ערשט איז געקומען אַ אינסטרוקציע צו פאַרגרעסערן אומעטום דעם פאַרזיי־שטח, און ערשט דאַרף מען קודם פונאַנדערבויען די באַוואַ־סערונג פון די נייע פעלדער, און ערשט דאַרף מען פאַרגרעסערן די צאָל קעפּ אין די קאָלכאָזנע פי־סטאַנציעס, און ערשט... און ערשט...

די וועגן וואָס צעגייען זיך פונעם שטעטל איבערן סטעפּ צו די קאָל־כאָזן וואָלט מען נישט געקאָנט אָנרופן יאַנגי־—יול. דער וועג איז ווייט נישט קיין נייער. דאָס איז אַ וועג אַ פּשוטער, אַן אויסגעטראָטענער מיט מענטשלעכע באָרוועסע, צי אַפילו באַשטיוולטע פיס, מיט פערדישע און אייזלשע קאָפּיטעס און קעמלישע קלאָען, אַן אויסגעפאָרענער מיט די הויכע סקריפּענדיקע רעדער פון די אַרבעס (אַרבע — אַ הויכער אוזבעקישער וואָגן אויף צוויי רעדער) און בלויז טיילמאָל מיט די רעדער פון אַ לאַסט־מאַשין צי פונעם אויטאָ פון רייקאָם. זומער איז דער וועג אַ רויט־שטוי־ביקער און ווינטער איז ער אַ ליימיק־זומפּיקער, אָבער חוץ דעם, וואָס ער פירט קיין יאַנגי־—יול איז ער אַ וועג אַן אַלטער, וואָס וואַרט ערשט אויפגעריכט און באַנייט צו ווערן.

אָבער פירן פירט דער וועג פאָרט קיין יאַנגי־—יול. אַז מען דאַרף עפּעס, מוז מען פאָרן אַהין און יעדעס מאָל קומט מען צוריק מיט עפּעס נייעס. אַלטע אוזבעקן קראַצן מיט געלע פינגער די שיטערע בערדלעך, צופּען און דרייען די דינע, מאָנגאָלסקע וואָנצעס און טראַכטן וועגן דעם אַז די יונגע חברה איז אַוועק אויף מאָדנע, אויסטערלישע וועגן און עס איז זיי פּשוט נישט צום דערקענען. זיי הייסן מען זאָל האָדעווען אין די קאָלכאָזן „טשושקאָס" (חזירים), כאָטש זיי ווייסן, אַז קיין אוזבעק וויל זיך

דערצו נישט צורירן. זיי דערציילן, אַז זיי ווילן מוזן אויסברייטערן די פעלדער כאָטש זיי ווייסן, אַז עס איז נישטאָ קיין וואַסער פאַר די נייע פעלדער, און ערשט איז צוגעקומען אַ נייע צרה. יעדן טאָג קומען צוגיין אורטאַקס (חברים) פון דער קיזיל־אַרמיא (פון דער רויטער אַרמיי) און נעמען אַוועק פון דער אַרבעט אַלע יונגע קאָלכאָזניקעס און לערנען זיי האַלטן אַ ביקס. יעדער איינער — זאָגן זיי — דאַרף איצטער קענען זיין אַ קיזיל־אַסקאר (רויטאַרמייער). אָבער די מלחמה איז ווייט, און ווער ווייס צי זי וועט בכלל קומען אַהערצו, היינט צו וואָס סתם פאַרלירן צייט? נאָר מיט אָט־די „פּאָלשעפּיק״ (באָלשעוויקעס) איז שטענדיק אַזוי — זיי שפּאַרן זיך איין און פירן דורך זייערס, כאָטש עס דוכט זיך, אַז עס איז אוממעגלעך עס דורכצופירן. דאָס מאָל האָבן זיי אויך דורכגעפירט. אין די קאָלכאָזן איז איצטער נישט פאַראַן כמעט קיין איינער, וואָס זאָל נישט קענען שיסן. פאַראַן אַפילו אַזעלכע, וואָס קאָנען שוין לייענען פון די גרויסע, קאָלירקע פּאַפּיר־בויגנס, ווו אַ דינע ליניע באַטייט אַ טייך, און אַ קליין רעדעלע אַ שטעטל. אָט דאָס הייסט אַ מאַפּע, און עס איז שווער צו פאַרשטיין, צו וואָס דאַרף מען דאָס קענען בכדי צו זיין אַ גוטער „אַסקאַר״. צי קאָן מען דען מיט אַ מאַפּע הרגענען אַ שונא? אָבער מן־הסתם שטעקט עפּעס דערין. אויך די מיידלעך, אַ געלעכטער פּשוט צו טראַכטן, ווערן אויך „קיזיל־אַסקאַרס״. זיי שפּאַצירן אַרום אין מונדירן און טראָגן אויף דער ברוסט די רויטע צייכנס פון דער „האַלבער לבנה״. אַן איבערקערעניש איז געוואָרן אין לאַנד, זינט עס איז אויסגעבראָכן די גרויסע מלחמה.

ערשט נישט לאַנג — אַ נייע צרה. עס זענען אָנגעקומען, דער רוח ווייסט זיי פון וואַנען, מאָדנע פרעמדע מענטשן, וואָס רעדן מיט אַ גאָר נייער שפּראַך, זענען בייז און אומפריינטלעך, ווילן נישט אַרבעטן און האַלטן אין איין האַנדלען. מען מוז איצטער גוט היטן דאָס באַלעבאַטישקייט ווייל זיי גנבענען אויך, און נישט איינמאָל פעלט אַ שעפּסל פון דער קאָלכאָזנער סטאַדע. וועגן אָט־די מענטשן האָט מען טאַקע גענומען רופן אין רייקאָם די פּאַרזיצערס און סעקרעטאַרן פון קאָלכאָזן און ווער ווייס וואָס פאַר אַ ניי אומגליק גרייט זיך. אַרויסגעוויזן האָט זיך גאָר, אַז מען וועט דאַרפן זיי ברענגען אין קאָלכאָז, באַזאָרגן מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ און שפּייז מיט אַלעמען צוגלייך. אמת, זיי וועלן דאַרפן אַר־

בעטן די נייע, אָבער גיי װײס װאָס אַזאַ איינער קאָן אָפּטון. צונױפֿרעדן זיך מיט אים קאָן מען ניט, הײנט װי אַזױ זאָגט מען אים, װאָס ער זאָל טון, און ערשט איז די שפּײַז, װאָס דער קאָלכאָז טײלט אױס, אַ מאַ־גערע, און עס איז אַ סברא, אַז זײ װעלן ניט װעלן אַרבעטן פֿאַר אַזאַ שפּײַז. די קאָלכאָזניקעס טוען זיך אַן עצה: אױסער דער קאָלכאָזנער סטאַ־דע פֿאַרמאָגט אַ יעדער זײַן קו, זײַן אײזל, זײַן ביסל הינער און זײַן גערטנדל. אײדער די מלחמה איז אױסגעבראָכן האָט קײן עסנװאַרג ניט געפֿעלט, אָבער איצטער האַלט עס גאָר שמאָל, און אָן דער הילף פֿון דער אײגענער קלײנער באַלעבאַטישקײט װעט זײ זײַן טאַקע זײער שװער, די נײַע. אָבער װאָס קען מען טון? אין רײקאָם האָט מען אָנגעזאָגט אַז יע־דער קאָלכאָז מוז צונעמען און אײַנאָרדענען אַ גרופּע און פֿאַרפּאַלן. צו־ריקװײַזן קײן באַשלוס פֿון רײקאָם װעסטו דאָך ניט.

אין די ביוראָען פֿון רײקאָם איז טומלדיק און רױשיק. יעדער „פּרעד־סעדאַטעל" (פּאָרזיצער פֿון קאָלכאָז) װײַזט אױף, אַז ער האָט ניט קײן אָרט, אַז עס פֿעלט אים שפּײַז, אַז די קאָלכאָזנע קראָם איז ניט באַ־זאָרגט מיט קײן סחורות, הײַנט װי אַזױ נעמט מען דאָס אױף נײַע מענטשן. דער יונגער סעקרעטאַר פֿונעם רײקאָם דרײט מיטן פֿאַרעקשנטן קאָפּ. ער זאָגט אַז הײַנט איז אַלעמען שװער. אַז אין שטאָט איז פֿאַראַן נאָך װײניקער שפּײַז. אַז אין מאָסקװע לעבט מען איצט מיט אײן פּע־נעצל ברױט אַ טאָג, און צום סוף שלעפּט ער אַרױס דעם װיכטיקסטן אַרגומענט, קעגן װעלכן קײנער האָט שױן גאָרניט װאָס צו ענטפֿערן. ער זאָגט, דער סעקרעטאַר, אַז די „קיזיל־אַסקאַריס" אױפֿן פֿראָנט לײַדן מער פֿון אַלע און געבן אַװעק דאָס לעבן אױך, הײַנט װער האָט אַ רעכט צו דערצײלן מעשׂות װעגן דער אָדער יענער אומבאַקװעמלעכקײט. און אױסער אַלעם: די אינסטרוקציע קומט פֿון „קאָמיטעטי מאַרקאַזי" (צענ־טראַל־קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטײ), און יענע האָבן שױן מן־הסתּם די זאַך גוט אָפּגעװױגן, און שפּילן זיך מיט זײערס אַ װאָרט איז נישטאָ װאָס. װען עס זענען אָנגעקומען די ערשטע פֿאַרװונדעטע פֿון פֿראָנט, האָבן די קאָלכאָזן אױך זײ געמוזט אױפֿנעמען און שפּײַזן און האַלטן אַ חודש אָדער צװײ און כאָטש עס איז געװען שװער, װײַל אַרבעטן האָבן זײ ניט געקענט, דאָך האָט מען זיך צוגעװױנט דערצו, און איצט זענען אין יעדן קאָלכאָז פֿאַראַן עטלעכע קיזיל־אַסקאַריס אױף אָפּרו. אײנער

פֿאַרט אַוועק און פֿון טאַשקענטער שפּיטאָל קומט באַלד אַ צווייטער. מיט אַט־די קיזיל־אַסקאַרס איז פֿאַראַן נאָך אַ צרה. אַרבעטן קאָנען זיי טאַקע נישט. אָבער טשעפּען זיך צו די יונגע קאָלכאָזניצעס דאָס קאָנען זיי, יאָ. און ערשט מאַכט זיך אַז איינע איז שוין פֿאַרקנסט און מען האָט שוין פֿאַר איר באַצאָלט, און דער חתן וואַרפֿט זיך אויפֿן אַסקאַרי מיט אַ מעסער, און ווער דאַרף אים פֿאַרטיידיקן? דער פּרעדסעדאַטיעל. ווער וועט זיין פֿאַראַנטוואָרטלעך, אויב עס וועט עפּעס געשען? דער פּרעדסעדאַטיעל. שווער צו זיין אַ פּרעסעדאַטיעל, אוי שווער. אַלץ איז אויף זיין קאָפּ. ער באַקומט טאַקע צוויי אַרבעטס־טעג פֿאַר יעדן איינעם, אָבער ער האָט צען קאָפּפֿאַרדרייענישן מער ווי יעדער איינער אין קאָלכאָז.

איצטער דאַרף מען, הייסט עס, לויפֿן אין רייסאָיוז (ראַיאָן־פֿאַרבאַנד פֿון די פֿאַרברויך־קאָאָפּעראַטיוון) און אויספּועלן עפּעס מער פּראָוויאַנט אויפֿן חשבון פֿון די ניי־געקומענע. אָבער דאָרט גייט עס אויך נישט צו אַזוי לייכט. וואָס הייסט מער פּראָוויאַנט? פֿון וואַנען זאָלן זיי נעמען, אַז מען שיקט איצט צו נאָך ווייניקער ווי פֿריער. מען דאַרף זען אויסקומען מיט דעם וואָס איז דאָ און פֿאַרטיק. דער סעלפּאָ־מאַגאַזין איז ליידיק? די קאָלכאָזנע קראָמען זענען ליידיק? — וואָס קאָן מען טון, אורטאַק, וואָס קען מען טון? דער מאַגאַזין פֿון רייסאָיוז איז אויך ליידיק. אויף אַלץ האָבן זיי איין ענטפֿער: „אורושי" — מלחמה, און מיט דעם פֿאַרענטפֿערן זיי אַלץ. אַלטע אוזבעקן קלערן אַביסל ביים וואָרט מלחמה. זיי געדענקען די מלחמה, יענע, ערשטע מלחמה. צוערשט איז זיך צעקראָכן די אַרמיי פֿונעם צאַר און יעדער איינער האָט געשלעפּט און געראַבעוועט. דערנאָך האָט מען איינגעשטעלט רויטע פֿאָנען אומעטום, אָבער די מוללאָס פֿלעגן רופֿן אין די מאָשייען מען זאָל די פֿאָנען אַראָפּרייסן און נישט איין „פֿאַלשעפּיק" איז געפֿאַלן אין אַ טונקל ווינקעלע מיט אַ מעסער אין זייט. דערנאָך זענען פֿון די אַפֿגאַניסטאַנער בערג געקומען די באַסמאַטשעס. זיי האָבן געהאַט ביקסן פֿון אינגליזי און יאָרנלאַנג געהערשט איבער די דערפֿער, ביז וואַנען עס איז געקומען פֿון צפֿון דער גרויסער גענעראַל מיט די גרויסע וואָנצעס (בודיאָני). ער האָט טאַקע פֿאַריאָגט די באַסמאַטשעס, אָבער נישט איין דאָרף איז פֿאַרברענט געוואָרן ווייל מען האָט פֿון אַ הויז געשאָסן, אָדער געוואָרפֿן אַ מעסער. וואָס איז שולדיק אַ גאַנץ דאָרף? אָבער די אַסקאַריס פֿון גרויסן גענעראַל

האָבן געטענהט אַז עס איז מלחמה און זיי האָבן געטון וואָס זיי ווילן. דערפאַר טאַקע קאָן זיך היינט קיין אוזבעק נישט איינהאַלטן און ער מוז אַוועקנעמען דעם קאָפּ אָן אַ זייט, ווען ער דערזעט ערגעץ אויף אַ וואַנט דאָס פּנים מיט די גרויסע, שוואַרצע וואָנצעס. טריפה איז דער נאָמען און אומריין איז דאָס בילד, אָבער די „פאַלשעפּיק" האָבן אומעטום אַרויסגעהאָנגען דעם פּאָרטרעט, און אַראָפּרייסן וועסטו נישט, אָ ניין. דערנאָך איז אַלץ געוואָרן גוט און שטיל און רואיק. אמת, די מאָשייען זענען מערסטנטייל פאַרמאַכט, די מוללאַס זענען אַנטלאָפן צוזאַמען מיט די באַסמאַטשעס, די רייכע זענען אַנטלאָפן צוזאַמען מיטן הויף פון כאַן, און די ערד איז געוואָרן גאָטס ערד און יעדער אייגער האָט זיך דערנערט און געלעבט בשלוה־ושלום. בלויז דאָס יונגוואַרג האָט גענומען קאַליע ווערן. זיי רעדן מאָדנע רייד, זינגען מאָדנע לידער און קערן זיך אָפּ פון די אַלטע געבאָטן. עס איז שוין אַפילו דערגאַנגען דערצו, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן חתונה האָבן און דער כלהס טאַטן נישט געגעבן קיין אויסקויף־געלט. ווו איז יושר? טאָטש דער טאַטע האָט זי דאָך געהאָדעוועט אַ גאַנץ לעבן, געהיטן זי, אַז זי זאָל בלייבן ריין און גאַנץ, ווי אַן עפּעלע וואָס הענגט מיט פאַרויטלטע בעקלעך אויפן בוים און קיינער האָט עס נאָך נישט אָנגערירט. טענהן זיי, די יונגע, אַז מוחל דאָס היטן, זיי ווילן זיך שוין אַליין היטן. זיי האָבן זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן. זיי ווייסן וואָס עס קומט פאָר אומעטום אין דער גאָרער וועלט. אַלץ שטייט פאַרשריבן אויף די גרויסע פאַרדרוקטע בויגנס־פּאַפּיר וואָס קומען יעדן טאָג אָן פון טאַשקענט. די אותיות זענען רוסישע, אָבער ווען מען לייענט עס איז עס אוזבעקיש און אויב מען הערט זיך צו פאַרשטייט מען אַלץ. ערשט איז פאַראַן אַ ראַדיאָ, אַ מאַשין וואָס זינגט און רעדט און ברענגט נייעס וואָס מען קאָן אויסהערן, און מען דאַרף אפילו נישט לייענען. קלוג זענען זיי געוואָרן, די יונגע חברה, זיי טוען וואָס זיי ווילן און קיינער קאָן זיי קיין דעה נישט זאָגן.

דאָס אַלץ, האָבן געטראַכט אַלטע אוזבעקישע קעפּ, איז געקומען פון יענער גרויסער מלחמה. איצט איז אַ נייע גרויסע מלחמה. וואָס וועט זי איצט ברענגען? וואָס וועט איצט געבוירן ווערן פאַר אַ נייעס? דאָס ווייס קיינער נישט. מען ווייסט בלויז אַז דער הונגער וואַקסט, אַז פאַרוווּנדעטע אויף אָפּרו קומען אָן וואָס אַמאָל מער און מער, און ערשט איז אָט־

דאָס נייע אומגליק מיט די בעזשענצעס, וועלכע מען וועט דאַרפן קאָר־מענען און קליידן, און גאָט אַליין ווייס, צי זיי וועלן כאָטש אָפּאַרבעטן אַ טייל דערפון. דער בוכהאַלטער אין רייסאָיוז איז אַ קאַרעאַנער. אַזוי זאָגט ער, כאָטש מען דערציילט אַז איזן איז ער גאָר אַ יאַפּאַנטשיק, אלא וואָס, זינט די שלאַכטן ביי כאַנכין־כאַל און אַזיערע־כאַסאַן שעמט ער זיך צו דערציילן, אַז ער איז אַ יאַפּאַנטשיק טאַקע. ער זאָגט, דער בוכ־האַלטער, אַז אויף וויפיל עס איז ענג מיט שפּייז, וועט עס ווערן נאָך ענ־גער, און מען וועט דאַרפן גוט פאַרציען דעם פּאַסיק. מאַלע וואָס ער זאָגט, כאָטש עס קאָן זיין אַז ס'איז אמת. און אויב עס איז טאַקע אמת, דאַרף מען דאָך אַ זאָרג טון, מען דאַרף עפּעס אויסטראַכטן און באַזאָרגן דעם קאָלכאָז.

אין דער טשייכאַנאַ טרעפן זיך אַלע. מען זיצט מיט אַרונטערגע־צויגענע פיס, אויפן טערקישן שטייגער און מען זופּט פּאַמעלעך די ביי־טערע גרינע טיי. פאַרבייסן, פאַרבייסט מען מיט אַ „לעפּיאָשקע", אַ מין פּלעצל פון טונקל ראָזאָווע טייג. קיין ברויט ליידן זיי נישט. ברויט זאָלן עסן די רוסן... ברויט איז ווייך און זיי האָבן ליב אַן אויסגעבאַקן פּלעצל. זיצט מען און מען זופּט די טיי און מען קייט די לעפּיאָשקעס און מען דערציילט יעדער איינער פון זיין קאָלכאָז. ווי אַזוי האַלט עס שוין מיטן אַראָפּנעמען דעם בוימוואָל, וויפל ברויט האָט מען באַקומען, צי די „טשושקאָס" כאַוועון זיך טאַקע, אָדער זיי קומען אום, ווייל קיינער ווייס נישט ווי אַזוי זיך מיט זיי צו באַגיין. איינער דערציילט, אַז אין אַ דער־בייאיקן קאָלכאָז האָט מען אַרעסטירט דעם פּרעדסעדאַטיעל. ער האָט פאַרקויפט די קליינע טשושקעלעך צו אַ רוס און אָנגעשריבן אַ באַריכט, אַז זיי זענען געפּגרט. געטון האָט ער עס נישט צוליב גנבענען, נאָר ער וויל נישט האָבן קיין חזירים אין קאָלכאָז. עס איבלט אים, זאָגט ער, פון בלויזן געדרוך זייערן. איצטער זיצט ער דער פּרעדסעדאַטיעל, און ווער ווייס וואָס פאַר' אַ שטראָף ער וועט באַקומען. חברה אוזבעקן לאַכן. זיי טראַכטן אַז דאָס איז שוין געווען צו נאַריש אָפּצוטון אַזאַ מין זאַך. זיי נאָגן דעם גרינעם שטויב פון קרייטעכצער, וואָס זיי האַלטן אונטער דער צונג און שפּייען אַרום און אַרום מיט אַ גרינעם שפּייעכץ. דאָס איז זייער פּאַרציע ניקאָטין. קיין פּאַפּיראָסן רויכערן זיי נישט. נאָגן קרייטעכצער איז בעסער. די יונגע חברה אין די קאַנצעלאַריעס לאָזן זיי טאַקע נישט

שפּייען אויפן פּאָל, אָבער ווער האָרכט זיי דען? אויסגעשפּיגן און פאַריבן מיטן שטיוול, און געוויזן די גאַנצע שערענגע ציין אין ברייטן שמייכל. אָבעו' דאָ, אין דער טשייכאַנאַ, דאַרף מען נישט פאַרייבן מיטן שטיוול אַפּילו'. אַלע שפּייען געשמאַק, ווי ביי זיך אין דער היים. אַלע זיצן מיט אַרונטערגענומענע פיס און מען דאַרף זיך נישט מאַטערן און פלאָגן מיט זיצן אויף אַ שטול. דוכט זיך, דו זיצט און רוסט זיך אויס, אָבער די פיס טוען וויי, ווען זיי הענגען אַראָפּ. אַזוי אָבער ווען דו נעמסט זיי אַרונ־טעו' און שפּאַרסט זיך אָן אויף זיי איז עס אַ מחיה פאַרן גאַנצן גוף, און מען קאָן זיך פריי אויסטענהן און שמועסן. אַלע ענינים צווישן איין קאָל־כאָז און צווייטן ווערן דערלײדיקט דאָ, אין אָט־דער טשייכאַנאַ. אָפּקויפן איבעריקע פאַשע, איינהאַנדלען איבעריקע מכשירים, פאַרהאַנדלען פאַר־בליבענעם בוימוואָל, אַלץ, אַלץ. אמת, מען וועט עס ערשט דאַרפן דורכ־פירן פאָרמעל, אָבער די קניות מאַכט מען דאָ. בלויז ווען אַלץ איז שוין פאַרענדיקט, גייט מען איבער אין גרויסן רעסטאָראַן, וואָס לעבן וואָק־זאַל און מען פאַרטרונקט עס מיט ביר. אַ מאָדנע זאַך אָט דער ביר טאַקע. ווײַן פילט מען באַלד אַז עס איז גוט און באַטעמט. ביר איז ביטער און שמעקט שלעכט, אָבער טרינק נאָר אויס עטלעכע גלעזער — אָהאָ, מען דערפילט זיך ווי נאָך צוויי פעסלעך ווייַן...

יאָ, מען דאַרף זיך איילן אַהיים. מאָרגן וועט מען פון טאַשקענט שוין צושיקן די נייע פרעמדע מענטשן. מען דאַרף לויפן און אָנגרייטן פאַר זיי עפּעס אַ ווינקל. דעם קינדער־גאָרטן וועט מען דאַרפן איינאָרדע־נען אין קאַנצעלאַריע פון דאָרפסאָוועט, און די נייע אַריינזעצן אין הויז פון קינדער־גאָרטן. אַלנפאַלס, עפּעס וועט מען שוין צוטראַכטן.

ס'איז פייכט און קיל. די זון זעצט זיך אַ קײלעכדיקע און רונדיק־רויטע. פון ווייטנס ברענגט דער ווינט פון סטעפּ די יללות און גע־לעכטערן פון די שאַקאַלן. דאָס אייזל שאָקלט מיט די אויערן הין און צו־ריק און די ברוין־הויטיקע אוזבעקישע האַנט קיצלט דעם אייזלישן האַלדז מיטן עק פון קאַנטשיק. „כיק־כיק" — איילט ער אונטער דאָס אייזעלע, וואָס שלעפּט זשוואַווע די דינע, אָדערדיקע פיס אין דער רויט־לײמיקער בלאָטע. „כיק־כיק" — מורמלט דער אוזבעק, און טראַכט בשעת־מעשה, אַז ווען נישט אָט־די מלחמה, וואָלט מען היי־יאָר שוין דאָ אויך געמאַכט אַ האַרטן, געפלאַסטערטן וועג, אַ נייעם וועג, אַ „יאַנגי־יול".

קאָלכאָזנע נעכט

שטיל און פאַרחלומט איז דער אוזבעקישער קאָלכאָז ווינטער־צייט.

דינע נעפלען הענגען איבערן פייכטן, שנעל צעגייענדיקן שניי, וואָס אָט־פאַלט ער אַראָפּ, און אָט זאַפט ער זיך באַלד איין אין דער סטעפישער ערד. די נעפלען פלאָנטערן זיך אַרום פאַמעלעך, ווי דינע, דורכזיכטיקע פאָרהאַנגען, וואָס וויקלען זיך איין איינע אין דער צווייטער, ביז אין איינעם אַ טאָג קומט אָן אַ פראָסטיק־בייסיקער ווינט און צעטרייסט זיי אויף שטיקער טיול, געטראָגענע אויף ווינטיקע פליגלען. פאַרשווינדן פלוצלינג די נעפלען און פון נידעריק־הענגענדיקע כמאַרעס לאָזט זיך אַראָפּ אַ רעגן, אַ דריבנינקער און שטעכנדיק־דורכדרינגלעכער, אַ צעפויקטער אָן די קליינע שייבעלעך פון די קאָלכאָזנע קיביטקעס, אַן אומעטיקער און בענקענדיקער. מישט זיך דער רעגן אויס מיט דיקע, ווייסע, וואַטענע שניי־פלאַטערלעך, וואָס פאַלן און וויגן זיך, פאַלן און לייגן זיך אַוועק אויף דער ווייכער ערד פאָרזיכטיק און שטיל, פאַלן און צעגייען פון אייגענער דערבאַרעמקייט, רחמנות און ווייכקייט. דורכגעווייקט איז דאָס ברייטע קאָלכאָזנע פעלד, דורכגעווייקט די נידעריקע צונויפגעפלאָכטענע בוימוואָל־קוסטלעך, דורכגעווייקט דער אומעטיקער, סענקעוואַטער, און מאָדנע אויסגעקרימטער בוים סאַקסאול, דורכגעווייקט דער ברייט־צעלייגטער מאָרווע־בוים, דורכגעווייקט איז אַפילו דער שאַקאַלישער געוויין, וואָס קומט אָן ביינאַכט צוזאַמען מיטן ווינטיקן געוואָי פון ווייטן סטעפּ, און עס איז שווער צו וויסן, ווער האָט עס פריער אָנגעהויבן צו וואָיען, דער ווינט צי די שאַקאַלן.

אין אַזעלכע פינצטערע, פאַרעגנטע נעכט זיצן די אוזבעקישע קאָלכאָזניקעס ביי זיך אין די ליימענע קיביטקעס און קלייבן כוחות צום פרילינג, ווען די מאַמע ערד וועט געבן אַ ציִ־אויס צו זיי די גרינע, אייביק־יונגע הענט. אין אַ ווינקעלע פון דער כאַטע געפינט זיך דער „סאַנדאַל“ — אַ פירעקיקע גרוב אויסגעגראָבן אין דער כאַטע, איבער וועלכן עס שטייט אַ קליין, נידעריק טישל. אין דעם דאָזיקן גרוב וואַרפט מען אַריין די „גוזאַפאיאַ“ — די פאַרטריקנטע, פאַראַיאָריקע צווייגלעך פונעם בוימוואָל־קוסט, וואָס זענען שוין פריער דורכגעברענט געוואָרן אינעם דרויסנדיקן פייער, ווו מ'האָט געקאָכט מאַלצייט, און איצטער טליען זיי בלויז

די צווייגלעך. הייסן הייסט דאָס אַלץ: „סאנדאל“, אַ זכר מסתמא צו יענע
צייטן, ווען אין אַט־די היימישע פייערן האָט מען געברענט שטיקער פּאַר־
נעם שמעקנדיקן סאַנדאַל־בוים, וואָס האָט אי געוואַרעמט אי אָנגעפילט
די לופט מיט אַ זאנפטיקן ריח, אַ זכר פון צייטן ווען מען האָט דאָ קיין
בוימוואָל נישט געהאָדעוועט. היינט איז אַלץ אַנדערש. קיין סאנדאל־
האָלץ זעט מען נישט, די קאָלכאָזן זענען זומער־צייט אַרומגערינגלט
מיטן ווייסן בליעכץ פון די בוימוואָל־בלומען און ברענען ברענט מען די
אומנוציקע צווייגעלעך פון צוויי־יאָריקן קוסט, וואָס וועט מער שוין קיין
בלומען נישט ברענגען, און דער שאַרפער ריח זייערער דערמאָנט אַז אַלץ
איז היינט אַנדערש, אפילו דער רויך. זיצט מען הייסט עס אַרום דעם
כאַנדאַל און מען הענגט אַריין אין וואַרעמען גרוב די באָרוועסע פיס און
ווען דאָס פייער אונטן צעטליעט זיך צו שטאַרק, ציט מען אַרונטער די
פּיס אויפן טערקישן שטייגער. דאָס טישל פון סאנדאל איז צוגעדעקט
מיט אַ וואַטענער קאָלדרע, וואָס באַדעקט אויך די קני פון די ביי׳זיצע׳
און פאַרהאַלט אויפן געוועב פון די בוימוואָל־וואַטעס די ליבע וואַרעמ־
קייט וואָס גייט אַריין דורך די באָרוועסע פיס אין גאַנצן קערפּער אַריין,
און גיסט אָן די גלידער מיט צוגעלאָזנקייט, היימישקייט און נאָכגיביקער
שוואַכקייט. ווערן ליב די נאַקעטע היימישע ווענט פון דער קיביטקע, ווערן
ליב די אויסגעשפּרייטע אויף דער ערד, טערקיש־קאָליריקע, וואַטענע
קאָלדרעס, די הויכע מיט מעש און אייזן באַשלאָגענע קופערטעס, די לאַנ־
גע און קיילעכיקע וואַטענע קישנס, די קופּערנע קריגן, די קמיעות וואָס
הענגען אויף די ווענט, די צוויי־סטרונעדיקע אוזבעקישע מאַנדאַלינעס,
דאָס בילד פונעם אוזבעקישן „קיזיל־אסקאר“ — דעם זון וואָס איז איצט
אַ רויטער סאָלדאַט, דער גאַנצער אוזבעקישער אַרום־און־אַרום, וואָס איז
פּלוצלינג אַזוי איבערגעאַנדערשט געוואָרן און דאָך פאַרבליבן אייגן און
אַמאָליק־צוטריטלעך און פאַרשטענדלעך. אויב עס איז גוט אין קאָלכאָז
און דער מאַגאַזין טיילט אויס רייז, דעמאָלט קאָכט מען אין די אוזבעקי־
שע היימען דעם מזרחדיקן „פּילאוו“, וואָס זיין געשמאַק קענען אַלע איס־
לאַם־פעלקער פון ווייטן אַלזשיר ביז צו דער כינעזישער גרענעץ. אַלע
מאכלים קאָכן פרויען, דעם „פּילאוו“ אָבער גרייטן צו די מענער מערסטנ־
טייל. דאָס שעכטן זיי דעם שעפּס און בראָטן דאָס שעפּסענע ווייך־ראָ־
זעווע פלייש, דאָס צעשניידן זיי אויף דינע פענעצלעך און רענדלעך די

רויטע מערן, די שאַרפֿע ציבעלעס, רויטע פעפער־גלעקלעך, די קליינע קנאָבל־קעפּלעך, און אַלע אַנדערע געוויקסן און קרייטעכצער וואָס גיבן צו אַ טעם און אַ ריח. דאָס פרייען זיי פֿאַמעלעך דורך דעם רייז אינעם שעפּסענעם שמאַלץ ביז וואַנען ער ווערט געל און פוכקע און דאָך טיילט זיך יעדעס רייז־קערנדל אויס באַזונדער, דאָס לייגן זיי אויס די גאַנצע קופּע רייז אויף גרויסע קופּערנע טאַצן און שפּיקעוועז אַן דעם רייזע־נעם באַרג מיט שעפּסענע גריוון און שטיקער פלייש. דערנאָך, ווען מען זיצט שוין אַרום סאנדאל, וואַרעם צונויפגעדריקט, אַקסל צו אַקסל, טראָגן אַריין די פרויען די גרויסע קופּערנע קריגן פון וועלכע מען וואַשט זיך די הענט אין קופּערנע שיסלען אַריין, ווי צו „שאו ידיכם" און ערשט דעמאָלט טראָגט מען אַריין דעם גרויסן, דופּטיקן, געלבלעכן באַרג פון „פּילאָוו" און מען שטעלט אים אַוועק אין סאַמע מיטן. דער באַלעבאָס פון דער קיביטקע וואַרט און שמייכלט. אין זיינע קרומע אויגן — אַ גאַסט־פריינטלעך גוט שמייכעלע. זאָגן זאָגט דאָס שמייכעלע: „זייט אַזוי גוט חשובע געסט און זייט זיך מכבד". און די חשובע געסט גלעטן פֿאַמעלעך און חשיבותדיק־בכבודיק די דינע, שוואַרצע און שטייפע וואָנצעס, ענט־פערן מיט אַ שמייכל און שטאַרכען איינער דעם אַנדערן אונטערן אָרעם. דאָס שטאַרכען באַטייט: „דו ביסט חשובער — הייב דו אָן". ביי אַלעמען לויפן שנעל די רירעוודיקע נאָזלעכער פון די מאָנגאָלישע נעזער, ביי אַלע־מען ווערן די אַרויסשטאַרנדיקע באַקנביינער נאָך מער בולט און ביי אַלע־מען הענגט אויף די וואָנצע־שפּיצן דאָס זעלבע אַזיאַטישע שמייכעלע. גע־דויערט עס אַזוי אַ היפּשע ווײַלע, ביז וואַנען איינער אַן עלטערער, מיט זילבער־פּעדים אין שיטער־מאָנגאָלישן בערדל באַשליסט און רירט זיך צו פֿאַמעלעך און מיט יראת־הכבוד צום „פּילאָוו". ער פֿאַרטיפט אין דער ווייכער רייז־מאַסע דריי פינגער, נישט מער ווי דריי. די רעשט פינגער זענען איבעריקע און דעריבער פֿאַרבויגענע. די דריי פינגער קנעטן אַ לענגערע ווײַלע אַ געל רייז־קניידל. דער מיטלסטער און אָנווייז־פינגער נעמען אָן דאָס קײַלעכל פֿאַמעלעך און דער דיקער פינגער רוקט זיך אַרונ־טער אונטערן קניידל און שטופּט אים אַריין צווישן די צוויי שורות פון די ווייס־בלאַנקענדיקע ציין. דער ריטואַל פון אָנהייבן עסן איז, מיט מזל, פֿאַרענדיקט. אַלע אָטעמען אָפּ מיט דערלייכטערונג. אַלעמענס אויגן איז דער שמעקנדיקער רייז־קופּע, אַלע פינגער — רירעוודיק־באַוועגלעך און

פאַרנומען, ווער שמועסט נאָך, אויב עס מאַכט זיך אַ פלאַש קאַווקאַזער
וויין, דעמאָלט איז די שמחה נאָך גרעסער. און צום סוף ערשט פאַר־
טרינקט מען עס מיט אוזבעקישער, גרינער און ביטערער טיי, וועלכע מען
זופט פאַמעלעך און מיט אַ פייערלעכער ערנסטקייט פון די פלאַכע שע־
לעכלעך, אין וועלכע מען גיסט אָן דעם דופטיקן געטראַנק פון קליינע
טשייניקלעך. יעדער מענטש — אַ טשייניקל. יעדער מענטש אַן איינזאַ־
מער און אַרויסהויכער פון ווארעמער פאַרע. יעדער מענטש — אַ שטיק
חשיבות און וואַזשנעקייט. יעדער מענטש — אַ שטיק וואַרעמע היימיש־
קייט און ווינטערדיקע רו.

טיילמאָל מאַכט זיך, און אַ יונגע אוזבעטשקע גיט זיך פלוצלינג אַ
האַסטיקן ריס פון אָרט. פלינקע פינגער, מיט פון שמאַלץ גלאַנצנדיקע
נעגל הייבן דעמאָלט אָן שנעל־שנעל צו לויפן הין און צוריק איבער די
צוויי גרימפּלענדיקע סטרונעס. אַ קליין פייקל רופט זיך אָן פון אַ זייט. אַ
גלעקלדיקע טאַץ צעקלימפּערט זיך, אַ פּאַסטוכישער אוזבעקישער פלייטל
צעכליפּעט זיך, און פלוצלינג נעמט זיך וויגן אין דער לופטן אַ מעלאָדיע.
איינטאָניק איז זי די מעלאָדיע, אַ געבויטע פון בלויז צוויי־דריי מאָטיוון
וואָס האַלטן זיך אין איין איבערחזרן און זענען ענלעך צו זיך ווי צוויי
טראָפּנס וואַסער. אין פלוג דאַכט זיך אַז עס איז בכלל קיין ניגון נישט.
אין פלוג דאַכט זיך, אַז דאָס האַלט זיך לאַנגווייליק אין איין פלעכטן זיך
די זעלבע, נישט געענדערטע טענער. און אויך די ווערטער זענען אַזוי:
„אַ קעמל גייט אין סטעפּ... גייט זיך אַ קעמל אין סטעפּ... אין סטעפּ אַ
קעמל גייט און גייט... און עס קומט אים אַנטקעגן אַ ווינט... און דער
ווינט בלאָזט און בלאָזט...” און מען ווייסט נישט מיט וואָס האָט זיך
דער ניגון אָנגעהויבן און ווו ער וועט זיך ענדיקן. און מען ווייסט נישט
וואָס האָבן די ווערטער אָנגעהויבן צו דערציילן און ווען וועט זיך פאַר־
האַלטן דער געמורמל זייערער. אָבער ווען מען הערט זיך איין בעסער און
נענטער, ווען מען פּרוווט אַריינדרינגען טיפער און ווייטער, באַגרייפט
מען פלוצלינג אַז יעדער ניואַנס פון דער איינטאָניקער מעלאָדיע איז אַן
אַנדערער, אַז יעדעס וואָרט וועגן קעמל האָט אַ נייעם באַטייט, אַז אָט
גייט דאָס קעמל מונטער, אַז אָט לעכצט ער שוין נאָך אַ טרונק, אַז אָט
האָט דער ווינט אָפּגעקילט דעם פאַרשוויצטן שטערן פון איינזאַמען רײַ־
טער, אַז אָט האָט זיך באַוויזן פון דער ווייטנס דער „קישלאַק” מיט די

ליימענע קיביטקעס. אָבער נאָך בעסער פונעם ניגון, בעסער פון די ווערטער דערציילן דעם סוד פונעם ווייטן סטעפּ די צעוויגטע אַקסלען און היפטן פון דער יונגער אוזבעטשקע. אירע פיס טאַנצן כמעט נישט. די פיס מאַכן קליינע, קליינטשינקע, באַחנטע אָבער קוים באַמערקבאַרע טריטעלעך. עס טאַנצן בלויז די היפטן אירע. עס טאַנצן די צעוויגטע אַקסלען, עס טאַנצן די יונגע, שלאַנגעווודיקע הענט, עס טאַנצן די ברוסטן, עס טאַנצן אפילו די וויעס וואָס אָט לאָזן זיי זיך אַראָפּ און אָט באַווייזן זיי אַ שוואַרצע, מיט פייער דורכגעגליטע, פון ליידנשאַפט פאַרנעפּלטע פרייד. אַ פרייד פון זיין. אַ פרייד פון לעבן, אַ פרייד פון בענקען נאָך בענקשאַפט, אַ פרייד פון חלומען וועגן אומדערגרייכבאַרע חלומות.

הענט פּאַטשן. אוזבעקישע קאָלכאָזנע הענט פּאַטשן צו די גאַנצע צייט. יעדעס טריטעלע פון דער טענצערן — אַ פּאַטש, יעדער וויג פון אירע לענדן — אַ פּאַטש. און קעפּ שאָקלען זיך. קעפּ מיט שוואַרצע האָר אונטער די קליינע, קאָלירקע טיובעטיעקעס, און אויגן פינקען. אויגן ווי טונקל־ברוינע, כמעט שוואַרצע, מיט סאַמעט־באַצויגענע מאַנדלען. און ס׳בליאַסקען ציין אין אַ ברייטן שמייכל, ציין ווייסע, גלייכע, בלאַנקנדיקע ווי העלפאַנטביין. זיי טאַנצן מיט מיט דער טענצערן, כאָטש זי אַליין טאַנצט בלויז, און זיי זיצן. זיי טאַנצן מיט מיט זייערע אויגן, מיט זייערע שמייכלען, מיט זייערע פּאַטשנדיקע הענט, מיט דער וואַרעמער פּאַרע וואָס שלאָגט פון זייערע צעשוויצטע קערפּערס, מיט דער גאַנצער סטעפּישער פאַרחלומטקייט זייערער.

אין דרויסן קאָפּעט אַלץ דאָס דריבנע, דריבנינקע רעגנדל. און אין דער כאַטע איז אַלץ נאָך ליכטיק. אין דרויסן צעוואָיען זיך פלוצלינג די הינט וואָס לויפן אַרום לעבן דעם קאָלכאָזנעם מאַגאַזין, אַראָפּגעלאָזענע צו האַלבער נאַכט פון די קייטן. די געסט צעגייען זיך, אָבער נישט אַלע. די אַלטע קאָלכאָזניקעס בלייבן זיצן און שמועסן. אָ, פאַראַן וועגן וואָס צו שמועסן אין אָט־די מאָדנע צייטן. ערגעץ ווייט־ווייט איז אַ מלחמה. אַ שונא איז אָנגעפאַלן אויף די גרענעצן פון רואיקן לאַנד און אַ שרפה ברענט דאָרט. דעם שונא האָבן זיי קיינמאָל נישט געזען, אָבער זיי קענען נישט באַגרייפן, פאַרוואָס ער האָט געהאַט אַזאַ כוח, דער שונא, אַזוי ווייט אַריינצודרינגען אינעם לאַנד. אָט הענגט אין דער קאָלכאָזנער קאַנצעלאַריע אַ גרויסע מאַפּע. זענען דאָרט אַלע לענדער קליין און פאַרשידנ־

פֿאַרביק און דער ראַטנפֿאַרבאַנד איז אַ ריזיקער און רויטער. דער ראַטנ־פֿאַרבאַנד אַליין איז גרעסער פֿון אָט־די אַלע בונטע פֿלעקן וואָס אַרום אים. ווי אַזוי האָט דער שונא געוואַגט גאָר אָנצוהייבן? צי האָט ער נישט פֿאַרשטאַנען אַז „אורטאַק" סטאַלין איז קליגער און דער ראַטנפֿאַרבאַנד איז שטאַרקער? און אפֿשר?... אפֿשר זאָגט די מאַפּע נישט דעם גאַנצן אמת?... אפֿשר איז טאַקע דער שונא שטאַרקער?... און אויב אַזוי — וואָס וועט זיין? וואָס וועט געשען?...

מען הייבט זיך אָן דערמאָנען אָן די נישט־לאַנג פֿאַרגאַנגענע יאָרן, ווען פֿון די אַפֿגאַניסטאַנער בערג פֿלעגן אַראָפּקומען די „באַסמאַטשעס", די באַנדיטן וואָס די כאַנען האָבן זיי געדונגען, זיי זאָלן קעמפֿן מיט די „פּאַלשעפּיק", מיט די רויטע. אויך דעמאָלט האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אָט־אָט, און די רויטע וועלן באַזיגט ווערן. אָבער ניין. מען האָט זיי נישט באַזיגט. זיי זענען געקומען מיט ביקסן־פֿייער און מיט ווערטער־פֿייער. דאָרט ווו דאָס וואָרט האָט נישט געהאַט קיין ווירקונג, האָט גערעדט די ביקס. דאָרט ווו די פּאָניקע רויטקייט איז נישט גענוג געווען, האָט געברענט די רויטקייט פֿון שרפֿות. און שפּעטער איז שטיל געוואָרן. שפּעטער האָט מען פֿאַרטיילט די ערד און עס זענען זיך צעוואַקסן ברייטע, ווייס־בליענדיקע קאָלכאָזן. קאַראַוואַנען מיט קעמלען האָבן געפֿירט די גרויסע לייכטע פּעק מיט בוימוואָל צו די באַנען. און קאַראַוואַנען מיט קעמלען האָבן געבראַכט אין די קאָלכאָזן ווייץ און רייז און שיך און קליידער. דערנאָך האָבן אָנגעהויבן לויפֿן איבערן סטעפּ אויטאָ־מאַשינען, גרויסע און קליינע, רויכנדיקע און קנאַקנדיקע מיט געאייל און איבערגענומענע מיט אייגענער חשיבֿות. די קאַראַוואַנען האָבן געצויגן מיט די זעלבע וועגן, כאָטש די צאָל פֿון די רויכנדיקע מאַשינען האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. אַזויפֿיל אַרבעט, אַזויפֿיל אַרבעט, אַז עס סטייעט אַזש אי פֿאַר די מאַשינען, אי פֿאַר די קעמלען, און ערשט די טראַקטאָרן, וואָס סאָפּען שווער איבערדרייענדיק די ערד, וואָס קיינער האָט זיך נאָך צו איר נישט צוגערירט. און ערשט די ראַדיאָ־מעגאַפֿאָנען וואָס כאַפּן פֿון דער הוילער לופֿט ווערטער, וועלכע עס רעדט דער אורטאַק סטאַלין אין דער ווייטער מאָסקווע, און ערשט די פֿרויען וואָס האָבן אָנגעהויבן אַראָפּוואַרפֿן די צודעקן, די „פֿאַראַנדזשאַס" פֿון די פּנימער. און ערשט די „מאַקטאַבס" די שולן. ווו איז דאָס געהערט געוואָרן אַז אַלע קינדער זאָלן זיך לערנען

שרייבן און לייענען. און ערשט די „יאַסלעס" די קינדער־גערטנער ווו איין לערערקע ווערט אַ מאַמע, ווייל אַלע מאַמעס אַרבעטן אין פעלד. אַזויפיל אַרבעט... אַזויפיל אַרבעט... און די אַרבעט וואַקסט און אַרבעט האַלט אין איין צוקומען, און די זאַטקייט און שפע וואַקסן מיט דער אַרבעט צוזאַמען און די אַרבעט שטייגט אַריבער די זאַטקייט, און עס וואַקסט דער גייעג פון אַרבעט און ווילזיין, און זין וואַקסן, און טעכטער וואַקסן, און עס וואַקסט דער גאַנצער, צעבליטער סטעפ, און פעדים, ליכטיקע פעדים פון ווייסע בוימוואָל־וועגן ציען זיך און ציען, וואָס אַמאָל ברייטער, וואָס אַמאָל שטאַרקער, וואָס אַמאָל צעוואַקסענער.

טאָ וואָסזשע וויל דער שונא?... מען זאָל אים אָט־דאָס אַלץ אַוועקגעבן? פאַרוואָס? האָבן זיי דען נישט דאָרטן קיין אייגענע סטעפּעס? לאָזט זיי דען נישט דאָרט קיינער זיך אויסבויען קיין אייגענע שטעט? און וואָס טראַכטן זיי זיך דאָרטן, אַז מען וועט זיי דאָס אַלץ רואיק אַוועקגעבן? יאָ, אַ גרויסע מלחמה גייט אָן אויף דער וועלט און רוקט זיך אַלץ נענטער און נענטער'. אָט דערגרייכט זי שוין כמעט אַזש ביז אַהער. צי זענען דען נישט אַראָפּגעקומען קיין קאָמאַנדירן פון וואָיענקאָמאַט און איינגעפירט דעם „וסעוואָבוטש" (וסעאָבשטשעיע וואָיענאָיע אָבוטשעניע — אַלגעמיינע מיליטערישע אויסשולונג) אויך אין די קאָלכאָזן. און אָט, אָט האָט מען שוין גענומען אַוועקפירן די ערשטע פּאַרטיעס. דאָס גאַנצע דאָרף האָט זיי באַגלייט. אַלע מענער האָבן מיטגעוויינט מיט די ווייבער צוזאַמען. וויינען דאַרף מען — אַזאַ מנהג איז שוין. געזעגנט מען זיך דאַרף מען וויינען הייסט עס. און דאָס האַרץ טוט ווי טאַקע. אויסגעכאָוועט יונגע בליענדיקע זין און מען שלעפּט זיי אַוועק צו דער „אורושי" (קריג) און ווי האַלט מען זיך דאָס איין פון וויינען. אָבער פּאָרט איז גוט, וואָס אַלע גייען. פּאָרט איז גוט, וואָס אויך אוזבעקן זענען קאָמאַנדירן. ווען מען וועט פאַרטרייבן דעם שונא, וועט מען נישט האָבן צו זאָגן, אַז די אוזבעקן זענען געווען ווייט און זיי האָבן גאָרנישט געהאָלפן. כאָטש שרעקלעך איז אַ טראַכט צו טון וואָס דאָרטן קומט פאָר אויפן פראָנט. אָט איז יענע וואָך אַהיימגעקומען דער יונגער קאַסימדזשאַן פון דערביייקן קאָלכאָז. געקומען איז ער מיט איין ליידיקן אַרבל, מיט מעדאַלן אויף דער ברוסט, מיט אַ פאַרביסנקייט אין די אויגן און מויל־ווינקלעך און רעדן וויל ער גאָרנישט. טיילמאָל בלויז, נאָך אַ גלאָז ווײַן צערעדט ער

זיך, און דעמאָלט איז אַ שרעק צו הערן, וואָס ער דערציילט, אַזויפיל פייער, אַזויפיל טויט, אַזויפיל פאַרניכטונג... איי, איי, דערלעבט צייטן, דערלעבט... אָבער פאַרפאַלן, עס וועט גאָרנישט העלפן. אַלע גייען, מוזן טאָקע די אוזבעקן אויך גיין, און וואָסזשע, די רוסן גייען נישט? און די קאזאכן גייען נישט? און די טאדזשיקן? אַלע גייען, מוז מען טאָקע אויך גיין...

איי... איי... וואָס וועט דאָס זיין פרילינג? — פשוט אַ שרעק אַ טראַכט צו טון אַפילו. ווער וועט אַרויס אין פעלד? אַהאַ, זעסט, גוט וואָס די ווייבער קאָנען היינט אויך אַרבעטן, נישט אומזיסט האָט זיך די שווע־רע יונוסאָווא, די אלמנה, געלערנט פאָרן אויף אַ טראַקטאָר, נישט אומ־זיסט האָט זיך די טאָכטער פונעם קאָלכאָזנע פאַסטעך געלערנט פאַריכטן מאַשינען אין דער מ. ט. ס. (מאשינאַ טראַקטאָרנאיא סטאַנציאַ). זעסטו שוין, איצט וועט עס צונויץ קומען, נאָך אַ מין צונויץ קומען. און ערשט זענען אָנגעקומען אינסטרוקציעס, אַז מען דאַרף פאַרגרעסערן דעם פאַר־זיי־שטח. זון איז דאָ גענוג און איבערגענוג, אָבער וואַסער, ווו נעמט מען אַזוי פיל וואַסער? שמועסט מען אַפילו אַז אינגיכן וועט מען אָנהייבן דאָ גראָבן אַ קאַנאַל. דער קאַנאַל דאַרף לויפן פון דער קארא־סו (שוואַרצן וואַסער) ביז צו דער באַס־סו (ווייסן וואַסער).ביידע טייכן דאַרפן זיך הייסט עס פאַראייניקן און דאָס וואַסער וועט באַפרוכפערן דעם טרוקענעם סטעפּ, וואָס גרינט נאָר פרילינגס־צייט, און אַ גאַנצן זומער איז ער ברוין און צעפּלאַצט. אָבער ווער ווייסט, ווער ווייסט צי וועט מען דאָס באַווייזן צו טון? כאָטש דאַרפן דאַרף מען עס זייער. קיין נבואה קומט נישט אָן אַזוי ווי פריער. בוימוואָל דאַרף מען, דעם שטח פו־נעם בוימוואָל קען מען נישט פאַרקלענערן, אָבער ווייץ דאַרף מען אויך, ווייץ מוז מען האָבן און ווען ס׳זאָל נאָר זיין מער וואַסער, ליגט דאָך גאָטס ערד אַ ברייטע און וואַרטנדיקע. ווער ווייסט, ווער ווייסט? אַ שווערע אַרבעט אַזאַ קאַנאַל דורכצוגראָבן, זייער אַ שווערע אַרבעט. מיט אַלטע לייט און ווייבער וועסטו דאָס נישט באַווייזן, און די יונגע חברה נעמט מען אַוועק אויפן פראָנט, און דאָ ווערט דאָס ברויט וואָס אַמאָל איינגע־שרומפּענער, וואָס אַמאָל מאָגערער... כאָטש זיי, די „פאלשעפיק" אַז זיי שפּארן זיך איין... אַהאָ! וואָס זיי זאָגן, האַלטן זיי שטענדיק וואָרט... אָבער ווי אַזוי וועלן זיי דאָס מאָל באַווייזן זייערס, ווי אַזוי?

אין דרויסן שאריעט. דער רעגן האָט זיך איינגעשטילט. דער ווינט האָט צעיאָגט די וואָלקנס און אַ שטילע זילבערנע לבנה שפּאַצירט אַרום איינע אַליין איבערן קאַלטן הימל. סטוק, סטוק... דאָס קלאַפּט דער נאַכ־טיקער שטעקן פונעם אַלטן, קאָלכאָזנעם וועכטער... ער שלאָפט נישט דער אַלטער. ער ציילט זיינע אַלטע טריט און וועקט מיט זיין סענקעוואטן שטעקן דעם בלאָען באַגינען פון זיין וואַרעמען געלעגער. הענער האָבן זיך צעקרייעט אין קאָלכאָז. די לופט איז שטיל, און דער ווינט ברענגט פון שכנותדיקן קאָלכאָז אויך דאָס קרייען פון יענע הענער. מאָרגן איז אַ רו־טאָג, אָבער פאַרוואָס האָט זיך דאָס פלוצלינג דערהערט דאָס קלימ־פּערן אין דער קאָלכאָזנער קוזשניע? אהא, דאָס שטייט דער אַלטער אוקראַינישער שמיד, סטעפּאַנענקא, און מייסטרעוועט עפּעס. ער קאָן נישט שלאָפן דער אַלטער. עס שלאָפט זיך אים נישט — טענהט ער, און שטענדיק, ווען ער איז מיד פון נישט שלאָפן, לויפט ער אין קוזשניע און פּרוווט עפּעס בעל־מלאכהוועט... אפשר קאָוועט ער אַ נייעם רייף צום ראָד פון זיין וואָגן, און אפשר גאָר אַ פּאָר פּאָדקאָוועס פאַר זיין פערד... ווער ווייס אים?... אָבער דאָס קלאַפּן אין אַ רו־טאָגיקן באַגינען איז ווי אַ המשך צום נאַכטיקן שמועס... מען קלאַפּט און מען שמידט... עפּעס טוט מען... עפּעס וועט זיך שוין אויסשמידן... מען דאַרף פאַרקאַטשען די אַרבל... מען דאַרף זיך אַ נעם טון פעסטער צו דער אַרבעט.

אויפן הימל־ראַנד באַווייזט זיך אַ ליכטיקער, קאַיאָריקער פּאַס.

וואַסער וועט שטראָמען אין סטעפּ...

פונוואַנען און ווען דער פרילינג איז געקומען האָט מען נישט געזען, אָבער פלוצלינג האָט מען זיך אַרומגעקוקט און אָט איז ער שוין דאָ. מיט צעשיטע גאָלד־פונקען האָט ער אַרויסגעקוקט, דער פרילינג, פון די בלאָטיקע קאַלוזשעס, וואָס האָבן שוין גענומען טרוקענען, מיט בענקשאַפטן אומבאַגרייפלעכע און שטילע בלאָע חלומות האָט ער זיך אַרומגעטראָגן אין דער לופטן און פונאַנדערגעבלאָזן אַ ווייכע וואַרעמקייט, מיט פרישער נייקייט האָט ער זיך גענומען אַרומוואַלגערן איבער רויע, נישט־צעאַקערטע פעלדער', און געיאָגט אין די טיפענישן שטיקלעך פון צעגייענדיקן פאַראַיאָריקן שניי. איז אַ קאָלכאָזניק אַרויס פון דער כאַטע און די זון האָט צו אים אַ שמייכל געטון, און ער האָט גלייך מיט אַ שמייכל אָפּגעענטפערט. האָט זיך צערוישט און צעקלימפּערט די עלעקטראָ־דינאַמאָ אין דעם נאָענטן זאַוואָד, האָבן האַמערס אַ קלונג געטון אין דער קאָלכאָזנער קוזשניע, און דער סטעפּ האָט אַ רוף געטון שטיל, אָבער דורכדרינגלעך: „צייט קינדערלעך, מען דאַרף עפּעס נעמען טון!“

האָט מען, הייסט עס, אָנגעהויבן טון.

וועגן דעם קאַנאַל, וואָס דאַרף דורכשניידן דעם סטעפּ, פאַראייניקן צוויי טייכן און פונאַנדערטראָגן דאָס פרוכפּערדיקע וואַסער איבער דער רויטלעכער אומגערירטער פון דורות ערד, וועגן אָט־דעם קאַנאַל, האָט מען שוין געוווסט פון לאַנג. נאָך מיט יאָרן צוריק האָט מען געשמועסט וועגן דעם. דעם לעצטן ווינטער אָבער האָבן די קלאַנגען זיך גענומען אַרומטראָגן מער עקשנותדיק ווי שטענדיק, און געשמועסט האָט מען, אַז אינזשיניערן פון טאַשקענט, פון אַלמאַ־אַטאַ, פון מאָסקווע אַפילו, האָבן שוין אַלץ אויסגעמאָסטן, אויסגערעכנט און אויסגעפּלאַנעוועט. דאָך האָט זיך אָבער קיינער נישט געריכט, אַז שוין, אַז באַלד אָט דעם פרילינג, וועט זיך די אַרבעט אָנהייבן. ראשית, האָט מען זיך נישט געקענט ריכטן דערויף, ווייל דער סדר פון דער אַרבעט איז אַזאַ, אַז קודם דאַרף מען אָנהייבן די אַרבעט אין די פעלדער און נישט אין אַ סטעפּ, וואָס דאַרף ערשט ווערן אַ פעלד, און צווייטנס, איז שווער געווען צו באַנעמען ווי אַזוי וועט מען שאַפן די נויטיקע הענט צו דער אַרבעט. וואָס אַמאָל מער יונגוואַרג נעמט מען אַוועק אין דער אַרמיי, איז מיט וועמען וועט מען דאָס גראָבן

דעם קאַנאַל? מיט אַלטע לייט און מיט די קינדער? אַרויסגעוויזן האָט זיך אָבעו׳, אַז גלייך מיט די ערשטע, פרילינגדיקע זון־שטראַלן האָט זיך אויפן סטעפּ אַ רודער געטון, און די אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן אויף אַן אמת.

כיטרע יאַטן אָט די אינזשיניערן, טעכניקער און פּלאַנאָוויקעס, אָ, שוין איינמאָל אַ חברה. צוערשט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איידער וואָס, ווען, און זיי האָבן שוין באַשטימט וועלכער קאָלכאָז האָט וויפל שטח צו גראָבן. די גאַנצע לענג פונעם פּראָיעקטירטן קאַנאַל איז שוין געווען איינגעטיילט אין אָפּשניטן. יעדער קאָלכאָז: — ביטע, האָסט זיך דיין אָפּשניט, דערפאַר ביסטו פאַראַנטוואָרטלעך און דאָס איז אויף דיין קאָפּ. צווייטנס, האָבן זיי זיך שוין געהאַט פאַרשטענדיקט מיט דער צענטראַלע פון אַלע סעלפּאָס, (סעלפּאָ — סעלקאַיאַ פּאָטרעביטיעלסקאַיאַ אָרגאַניזאַציאַ — דאָרפישע פאַרברויך־קאָאָפּעראַטיווע). זיי האָבן שוין געהאַט צוגעגרייט אַ לאַגער מיט סחורות; מיט שניט־סחורות, שיך, קליידונג, ביי־כעו׳, עסנוואַרג, מיט וואָס דאָס האַרץ גלוסט. דאָס אַלץ האָט מען געשפּאָרט פון די געוויינלעכע נאָרמען אַ גאַנצן ווינטער און איצטער איז מען געקומען צו די קאָלכאָזן: „איר ווילט באַקומען אייער טייל אין פאַרברויך־סחורות? ביטע זייער. אָבער פריער אָרגאַניזירט די אַרבעט אַרום קאַנאַל“. דריטנס, האָט מען באַשטימט, אַז די נאָרמע פון ברויט אויפן קאַנאַל דאַרף זיין גרעסער מיט גאַנצע 200 גראַם טעגלעך: אנשטאט די געוויינלעכע 600 גראַם פאַר שווער־אַרבעטנדיקע, גאַנצע אַכט הונדערט. אויסער אַלעם האָט מען ערשט צו וויסן געגעבן די פאָרזיצער פון די קאָלכאָזן: „דער קאַנאַל ווערט באַטראַכט הן אין מאָסקווע הן אין טאַשקענט פאַר אַן אויפגאַבע נומער איינס“ — און געוווסט האָט מען, אַז מיט אַזאַ מין וואָרט טאָר מען זיך נישט שפּילן.

ווען האָבן זיך דאָס אויפן סטעפּ, אויפן נאַקעטן אומבאַוווינטן סטעפּ באַוויזן וועגן און שטעגן, סטעזשקעס ברייטע און שמאָלע, דאָס האָט מען אויך נישט באַמערקט. אין איינעם אַ העלן טאָג זענען זיי שוין געווען און פאַרטיק. צי האָבן אָט די וועגן אויסגעטראָטן און אויסגעפורעמט איבער נאַכט די לאַנגע קאָלאָנעס פון לאַסט־אויטאָס, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין פאָרן הין און צוריק איבער די גראָזן, ביז וואַנען די גרינקייט פון דעם צוגעפּלאַטשיקטן געוויקסעכץ איז גראָ און פאַרשטויבט געוואָרן, און אַזוי אַרום האָט זיך פלוצלינג די וועג־סטענגע באַוויזן, צי האָבן די שמאַ־

לע סטעזשקעס אויסגעטראָטן די ברייטע קעמל־קלאָען, די אייזלישע, מויל־אייזלישע און פערדישע קאָפּיטעס, די הויכע ארבע־רעדער? נישט וויכטיק. וויכטיק איז נאָר, אַז אָט שטייען שוין אין סאַמע האַרץ פונעם סטעפּ שוואַרצע, פלאַכע „יורטעס" (געצעלטן), און דער פרילינגדיקער ווינט פאַל־דעוועט דאָס שוואַרצע געוואַנט און פּראַלט אויף די טוכענע „טירן". אָט שטייען שוין גרויסע בייכיקע קעסלען, אין וועלכע מען קאָכט מאַלצייט. אָט האָט מען שוין אויפגעבויט אין סטעפּ די אויוונס פאַר די „לעפּיאָשקעס", פאַר דעם אוזבעקישן ברויט, וואָרום ברויט איז אויך נישט אַזאַ פּראָסטע זאַך ווי עס דוכט זיך. דאָס האָבן זיי בלויז ליב, די מאָסקווער, די רוסן און אַנדערע, צו עסן אַזאַ ווייכן און טייגיקן ברויט, און וואָס איז דאָס פאַר אַ קונץ נעמען און אויסקנעטן אַ גרויס שטיק טייג און אַריינרוקן אין אויוון? אַ לעפּיאָשקע, זעט איר, דאָס איז שוין אַ גאַנץ אַנדערע זאַך. דער אויוון איז קלענער, דאָס פייער ברענט פון אונטן, און דאָס רונדיק־אויסגעבויטע אויבערשטע געוועלב פונעם אויוון איז צעגליט און הייס. קנעט מען, הייסט עס, דעם טייג און מען מאַכט דערפון קליינע, דיקע פּלעצלעך. דער בעקער האַלט אויף דער פלאַכער דלאָניע אַ קליין קישעלע, אויף אָט דעם קישעלע לייגט מען אַרויף דאָס פּלעצל און דער בעקער גיט אַ שפּרונג אַריין מיט דער האַנט אין אויוון און קלעפּט צו דאָס פּלעצל פון דער הויך. איז דאָס פּלעצל הייסט עס צוגעקלעפּט צו די צעגליטע ציגל פון איין זייט און פון דער צווייטער זייט, פון אונטן, לעקט עס דער פלאַם. וואַקסט דאָס פּלעצל, אַ רויטלעכס, אַ באַטעמטס, אַן אויסגעבאַקנס און פרישס — אַ מחיה נישט נאָר צו עסן, נאָר בלויז צו קוקן אַפילו.

ווען די קאַלכאָזן זענען אַרויסגעקומען אין סטעפּ, איז שוין באַלד אַלץ געווען פאַרטיק פאַר זייערטוועגן. דאָס האָבן אַלץ פאַרגרייט די ספּעציעלע שטאָטישע און קאָלכאָזנע שלאָגלער־בריגאַדעס. די קאָלכאָזן זענען געקומען מיט געזאַנג און מיט די אָרקעסטערס פון די אוזבעקישע אינסטרומענטן זייערע, מיטן געריטשערײ פון די אייזלען און געבילערײ פון די הינט, מיטן געלעכטער און קונדייסעווען פונעם שוואַרץ־חנוודיקן אוזבעקישן קינדער־פאָלק, מיט דער ברייטער אוזבעקישער באַגריסונג: „יאכשע, יאכשעמיסיס, וואָס מאַכסטו טאַשמאַטש? — זייער גוט יוסופּ". די זון, האַ, נישקשה? — אָהאָ, שוין איינמאָל אַ זון, זי זאָל נאָר אונדז נישט אַ ברי טון מער ווי מען דאַרף".

האָט, הייסט עס, יעדער קאָלכאָז געגומען שניידן די ערד אויף דעם באַשטימטן אָפּשניט. אַ ווייך־גאָלדענע האָט זי זיך געעפנט, די ערד, אַ שטילע און פאַרשעמטע, וואָס מען אַנטבלויזט די נאַקעטקייט פון איר צע־שניטענעם אינגעווייד. צוערשט איז דער שניט געווען אַ פלאַכער, אַן אומ־באַדייטנדיקער, אָבער שפּעטער האָט ער זיך פאַרטיפט און אַראָפּגעלאָזט נידעריק, גאָר נידעריק, ביז די גרעבער זענען שוין געשטאַנען ביזן גאַרטל, ביז דער ברוסט, ביזן קאָפּ. דערנאָך זענען זיי פאַרשוואונדן געוואָרן די גרע־בעו׳, און די קוישעלעך מיטן זאַמד האָט מען געדאַרפט אַרויפציען אויף שטריק, און שפּעטער האָט מען אויסגעהאַקט „נאַ־סקאַס״ שטיגלעך אין דער ערד און אַ קייט פון יונגע יאַטלעך האָבן איבערגעגעבן די קוישלעך מיט זאַמד ביז אַרויף, ווו מען האָט דעם זאַמד צעשיט, צעטרעטן, אויסגעגלייכט און פאַרהאַרטעוועט. די טעכניקער האָבן געהאַלטן אין איין אַרומלויפן און מעסטן און חשבונען. אָט־אָ־דאָ האָבן זיי געהייסן גראָבן טיפער, אָט־אָ־דאָ אויסגלייכן, אויף אַ צווייטן אָרט באַפעסטיקן, ווייל דער קאַנאַל איז אויס־געבויגן און עס דראָט אַ געפאַר אַז דאָס וואַסער זאָל זיך אַרויסרייסן און צעשטערן דעם אָנגעשיטן וואַל. אוזבעקישע „קעטמעניעס״ — אַ סאָרט ריד־לעס מיט קרום פאַרזעצטע גרוב־אייזנס, האָבן זיך פאַרטיפט אין דער ערד וואָס אַמאָל מער, פלינקע הענט האָבן פאַרפולט די קוישלעך מיטן גאָלדע־נעם זאַמד, און איידער דו קוקסט זיך אום איז שוין דאָס קוישל אין דער הויך׳, און אָט איז עס שוין צוריק אונטן, אַ ליידיקס און אַ וואַרטנדיקס. אוזבעקישע ברוינע פּנימער, באַדעקט מיט גאָלדענעם שטויב און פּערלדיקן שווייס, די ווייסע ציין בליאַסקען און דו ווייסט נישט, צי איז דאָס אַזאַ שמייכל אָדער דאָס אָטעמען זיי שווער פון אָנשטרענגונג. די פּאָלעס פון די קאָליריקע כאַלאַטן אין גרינע, געלע און רויטע פּאַסן, פאַרשטעקט הינטער דער גארטל און צוגעבונדן צו די לענדן מיט די טערקישע, רויטע פּאַטשיי־לעס. די געהאָפטענע טיובעטיעיקעס פאַרוקט אַהינטער און די שוואַרצע האָר דורכגעמישט מיט זאַמד, און די זון, די וואַרעמע, מילדע פרילינגדיקע זון שמייכלט פון אויבן, אַ ליבלעכע, אַ גוטע און באַרעמהאַרציקע.

פאַרנאַכט קלייבן זיך די קאָלכאָזניקעס פאַרן גרויסן הילצערנעם באַ־ראַק פון דער טעכנישער לייטונג וואָס איז צונויפגעקלאַפּט פון בלעכן און רויע, נישט־באַאַרבעטע ברעטער. אויפן גרויסן שוואַרצן לוח זענען מיט קרייד אויסגעשריבן די נעמען פון די שלאָגלערישע בריגאַדעס און פון די

אינדיווידועלע גרויסע דערגרייכונגען. אויף די פֿאַרשוויצטע קאָלכאָזנע פּנימער — דאָס שטענדיקע אַזיאַטישע שמייכעלע, וואָס איז פֿול אי מיט פֿרייד, אי מיט איראָניע, אי מיט שטאָלץ, אי מיט כלומרשטער גרינגשעצונג. באַטייטן באַטייט דאָס שמייכעלע: „ווייס איך וואָס? זיי מיינען אַז מיט אָט־די ציפֿערן וועלן זיי מיך אונטעריאָגן, איך זאָל בעסער אַרבעטן, אָבער מיר קענען זיך שוין אויף די קונצן“. אָבער נאָך באַטייט דאָס שמייכעלע: „מיין נאָמען איז מיט גרויסע אותיות אויסגעשריבן אויפֿן לוח. הלמאַי זאָל איך לייקענען, אַז עס טוט מיר פֿאָרט הנאה“.

אין סטעפּ ברענען פֿייערן, נאַכטיקע, רויטפֿלאַמיקע, הויך־גרייכנדיקע פֿייערן. אַרום די פֿייערן זיצן די קאָלכאָזניקעס און קייען די גרינע קיילעכלעך פֿון די קרייטעכצער־וואָרצלען און שפּייען דעם גרינעם זאַפֿט גלייך אין פֿלאַם אַריין. דאָס איז דער ניקאָטין זייערער. עס שמועסט זיך בעסער, ווען מען נאָגט און מען קייט און שפּייט אויף אַלע זייטן. אָפּגעגעסן האָט מען שוין. אַ ווויל מאָלצייט האָט מען היינט געקאָכט — „בעש־פֿאַרמאַק“. מיינען מיינט דאָס וואָרט — „פֿינף פֿינגער“, און איזן איז עס אַ מאכל פֿון שטיקלעך טייג מיט איינגעקאָכטן שעפּסן־פֿלייש. די פֿינגער גלאַנצן נאָך ביי זיי פֿונעם שמאַלציקן מאכל און די אויגן גלאַנצן פֿונעם רויטן פֿלאַם און פֿון דער כשר־פֿאַרדינטער רואיקייט נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט. און נאָך אַ סיבה האָבן זיי צו זיין צופֿרידן. די חברים וואָס זענען אַראָפּגעקומען פֿון טאַשקענט זענען צופֿרידן מיט דער אַרבעט. גלייך ווי זיי זענען אַוועקגעפֿאָרן, האָט מען געעפֿנט דעם מאַגאַזין און חברה קאָלכאָזניקעס האָט אָנגעהויבן איינקויפֿן. וואָס מען האָט אַלץ נישט פֿאַרקויפֿט: געבלימלטע „סאַראַפֿאַנען“ — ברייטע קליידער, רויטע שטיוועלעך פֿון ווייכע לעדער, קאָפּ־טיכלעך, טיובעטיעיקעס, טיי, צוקערקעס, שאָקאָלאַד און וואָס נישט. אין קאָלכאָזנעם מאַגאַזין איז נאָך קיינמאָל אַזאַ שפּע מיט סחורה נישט געווען. דאָס וויל מען, הייסט עס, באַלוינען די קאָלכאָזניקעס פֿאַר זייער אַרבעט. און ערשט איז מלחמה־צייט און דאָך געדענקט מען אָן קאָלכאָז. הייסט עס, אַז דער קאַנאַל איז טאַקע וויכטיק, משמעות זייער וויכטיק. נו, יאָ, ברויט דאַרף מען, איי דאַרף מען איצט ברויט. דאָס בעסטע לאַנד, די ברויט־געבנדיקע אוקראַינע, איז כמעט אינגאַנצן אין שונאס הענט, און די אַרמיי דאַרף עסן. היינט ווער זאָל דאָס פֿאַרגרייטן. מען מוז, ברודערקע, אַרבעטן, מען מוז, מלחמה איז נישט קיין שפּילעכל.

דער אַלטער קוטשקאַר נעמט אַרויס מיט ברוינע ציטערדיקע הענט פון בוזעם אַ בריוו מיט אַ שטיקל צייטונג. דער בריוו איז אַ שטיקל פאַרשריבן פּאַפּיר און ווייטער גאָרנישט. אָבער די אויגן פון אַלטן קוטשקאַר קוקן אויף אָט־דעם שטיקל פּאַפּיר מיט צערטלעכקייט און ליבשאַפט. אַ קליינינקייט — דאָס איז אַ בריוו פון פראָנט. פון זיין אייגענעם, פון קוטשקארס זון, פון יונגן קוטשקאַראָוו. קיין פאַמיליען־נעמען איז נישט פאַראַן אין אָט־דעם לאַנד. בלויז די רוסן האָבן דריי נעמען. איין נאָמען פאַר זיך, אַ צווייטן פאַרן טאַטן, און אַ דריטן פאַר דער גאַנצער משפחה, אַ פאַמיליען־נאָמען הייסט עס. אָבער זיי, דאָס פאָלק פון די זוניקע סטעפּעס, האָבן בלויז צוויי נעמען — זייַנעם און דעם טאַטנס. הייסט דער טאַטע קוטשקאַר יוסופאָוו, הייסט דער זון איבראַהים קוטשקאַראָוו, הייסט דאָס אייניקל קאַסימדזשאַן איבראַהימאָוו. בלויז די נאָכטאַנצער, די יונגע חברה פון טאַשקענט, וואָס מאַלפּעווען נאָך יעדע זאַך, וואָס די רוסן טוען, בלויז זיי האָבן זיך אָנגעהויבן געבן פאַמיליען־נעמען. אָבער דאָס קאָלכאָזנע פאָלק האַלט זיך ביי די מנהגים פון די אָבות — געגוג צוויי נעמען און פאַרטיק. יאָ, איז דער בריוו, הייסט עס, פונעם יונגן קוטשקאַראָוו, וועלכער שרייבט צום אַלטן קוטשקאַר, צום טאַטן זייַנעם, אַז ער האָט באַקומען אַ מעדאַל, און אין אָט־דעם שטיקל צייטונג שרייבט זיך פאַרוואָס ער האָט דעם מעדאַל באַקומען. די צייטונג איז אויף רוסיש. דער סעקרעטאַר פונעם קאָלכאָז האָט זיך צוגערוקט נעענטער צום פייער און סילאַביזירט און פאַרטייטשט יעדעס וואָרט. אין צייטונג שטייט, אַז דער יונגער סערזשאַנט קוטשקאַראָוו, פון ב״טן פאָלק, האָט אויף אַ ב״טן אָפּשניט פון פראָנט, מיט אייגענע הענט צעשטערט אַ „דאָט" פון שונא און דערמיט דערמעגלעכט דער ראָטע צו לאָזן זיך אין אָנגריף. דער אַלטער קוטשקאַר וויל וויסן, וואָס מיינט אַ „דאָט". דער סעקרעטאַר גיט צו פאַרשטיין אַזוי לאַנג, ביז עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אויך ער פאַרשטייט עס נישט. אָבער דער אַלטער קוטשקאַר איז כיטרע, אוי כיטרע. ער ווייסט שוין טאָקע יאָ, נישט אומזיסט איז דאָך זיין זון אַ העלד און שרייבט צו זיין טאַטן וועגן אַ יעדער קליינינקייט. ער גיט זיי צו פאַרשטיין, קוטשקאַר, אַז אַ „דאָט" איז אַן אָרט, וואָס איז באַפעסטיקט מיט שטיינער און מיט צעמענט, און פון הינטן שיסט אַ פּולעמיאָט, און זיין זון, קוטשקאַרס זון, האָט מיט אַ גראַנאַט געמאַכט דערפון אַ תל, יאָ, צוגעקראַכן, אַ וואָרף געטון דעם גראַנאַט, און

אויס „דאָט“, אויס פּולעמיאָט, אויס דייטשן, און די ראָטע — פּאָראויס!... איי, אַ יאַט, אָט דער זון זיינער. שטענדיק געווען אַן עקשן. אין שולע געשגצט דעם לערער, געשפּרונגען יעדן איינעם אין די אויגן אַריין, אַזאַ נאַטוו' ביי אים, און דאָ, נאַ דיר, אַ העלד!

אוזבעקישע קעפּ שאָקלען זיך צו ריטמיש אין טאַקט פון די ווערטער פונעם אַלטן קוטשקאַר. אַ ווינט בלאָזט פון סטעפּ. וואָס דערציילט דער ווינט? אָ, דער ווינט ווייסט צו דערציילן פיל, זייער פיל מעשות. ער ווייסט צו דערציילן, דער ווינט, אַז מיט אוזבעקן טאָר מען זיך נישט פאַרטשעפּען. אַז שטענדיק זענען אוזבעקישע הערצער געווען איינגעעקשנט און פאַרביסן, און פערדישע קאָפּיטעס האָבן דעם סטעפּ געטראָטן צום טאַקט פונעם מלחמה־געדויש. ער ווייסט צו דערציילן וועגן גרויסן פירער, וואָס האָט געהייסן „אוזבעק“ און וואָס מיט זיין נאָמען רופן זיך היינט אַלע, וועלכער האָט פאַר זיין פאָלק איינגענומען אָט דאָס לאַנד. ער ווייסט צו דערציילן, דער ווינט, וועגן וואַנדערונגען איבער סטעפּעס ווייטע און אומענדלעכע, וועגן מלחמות לאַנגע און שווערע. וועגן געקלימפּעריי פון שווערדן און שפּיזן, וועגן פלינקע הענט און שטאַרקע הערצער. און איצטער דערמאָנט ער, דער ווינט, אַז נישט אומזיסט האָט דער יונגער קוטשקאַראָוו געטון, וואָס ער האָט געטון. דאָס לעבט אין אים דער גייסט פון די סטעפּעס, דאָס קלינגט אים נאָך אין די אויערן דאָס מלחמה־ליד פון זיינע אָבות, דאָס פירט אים דער גרויסער אוזבעק צום קאַמף.

די נאַכט פאַלט צו אַ טונקל־בלויע און טיפע. אויסגעשאָטן האָט זיך איבערן הימל דער גאָלדענער שטערן־שטויב פּונקט ווי דאָס זאַמד וואָס מען גראָבט פון דער סטעפּישער ערד. אַ בלאַסע און זילבערדיק־צעפינקלטע שפּאַצירט אַרום די לבנה, אַן אָנגעגאָסענע מיט פּוסטער גאווה און פאַלשן גלאַנץ, פּונקט ווי זי וואָלט געווען אַ זון. נישט אומזיסט בילן איר אַנטקעגן די קאָלכאָזנע הינט. אָבער איצט בילן עפּעס די הינט שטאַרקער ווי שטענדיק. וואָס איז געשען? אַהאַ, געסט זענען געקומען. דאָס איז אַראָפּגעקומען די „פילאַרמאָניע“ פון טאַשקענט. אַ מאָדנע וואָרט: „פילאַרמאָניע“. קומען מוזיקאַנטן, הייסט עס פילאַרמאָניע, קומען קונצן־מאַכער און צירקאָוצעס — פילאַרמאָניע, קומען חוזק־מאַכער, זינגער, לצים, אָפּשפּעטער — אַלץ הייסט פילאַרמאָניע. די אַלטע אוזבעקן זאָגן נישט פילאַרמאָניע, זיי זאָגן „טאָי“, טאָי מיינט יום־טוב. אַ חתונה איז אַ טאָי, אַ ברית־מילה

איז אַ טאָי, יעדע שמחה איז אַ טאָי. היינט פאַרוואָס זאָל מען נישט זאָגן טאָי, ווען ס׳קומען פון טאַשקענט די שפּילער, זינגער און קונצנמאַכער?

איז הייסט עס אַ טאָי היינט אויף דער קאַנאַל־סטראָיקע. אויפן ברייטן פּלאַץ לעבן באַראַק פון די טעכניקער האָט מען צעטרעטן און אויסגעגלייכט די ערד. צוויי שטאַנגען פון ביידע זייטן, און די שטאַנגען שפּיצן זענען פאַראייניקט מיט אַ דראָט. אויפן דראָט הענגען צוויי גרויסע קנוילן בוימוואָל, דורכגעזאַפּטע מיט בוימוואָל־אויל. אָט האָט מען זיי אָנגעצונדן. דער פלאַם האָט זיך צעשפּילט און דער אָרקעסטער האָט זיך צעשפּילט. דער אָרקעסטער איז אַן אוזבעקישער, אָבער די מוזיקאַנטן זענען אָנגעטון רויטאַרמייאיש. דאָס וויל מען, הייסט עס, דערמאָנען דעם עולם, ער זאָל געדענקען, אַז עס איז מלחמה אויף דער וועלט. אָבער די טענצער זענען שוין דערפאַר אָנגעטון אוזבעקיש, און נישט סתם אוזבעקיש, אין זייד און אין אַטלעס האָט מען זיי אויסגעפּוצט, די טענצער, אין גלאַנציקע כאַלאַטן מיט רויטע פּאַסן, אין רויטע ווייכע שטיוועלעך אויף הויכע אָפּצאַסן, מיט הויכע היטלען באַשלאָגן פון די זייטן מיט פוקסן־עקן. און זיי טאַנצן אין אַ ראָד, און זיי זינגען. אויף אוזבעקיש זינגען זיי, מיט אַ פאַרשטענדלעך לשון זינגען זיי. אַלץ איז פאַרשטענדלעך. זיי זינגען די לידער פון די אַמאָליקע אוזבעקישע זינגער־פּאָעטן, וואָס האָבן געפּלעגט וואַנדערן פון דאָרף צו דאָרף און זינגען זייערע אייגענע לידער. מען האָט אַזאַ זינגער גערופן „אַקים“. דער אַלטער דזשאַמבול, דער גרייז־גרויער קאַזאַך, איז אויך אַמאָל געווען אַן אַקים און געזונגען וועגן ווינט און וועגן די שטערן און וועגן דער לבנה. איצטער זינגט ער וועגן די אויפטוען פון די „פּאַלשעפּיק“ און וועגן „אורטאַק סטאַלין“, און ער האָט דערפאַר באַקומען אַ מעדאַל און ער איז אַ גרויסער חשוב אין מאָסקווע. אויך די זינגער פון פילאַרמאָניע זינגען וועגן די אויפטוען פון די „פּאַלשעפּיק“ און וועגן „אורטאַק סטאַלין“. אָט זינגט איינער און פרעגט: „וועמען גיב איך מיין האַרץ?“ און דער כאָר ענטפערט: „דעם פאָטערלאַנד און דעם אורטאַק סטאַלין“. „וועמען בין איך גרייט אַוועקצוגעבן דאָס לעבן?“ — „דעם פאָטערלאַנד און דעם אורטאַק סטאַלין“. „ווער וועט באַשיצן אונדזער קאָלכאָז?“ — די „קיזיל־אַרמיאַ“ און איר פירער, דער „אורטאַק סטאַלין“. אַלטע אוזבעקישע ליפּן מורמלען: „אַללאַ זאָל אים באַשיצן, גאָט זאָל שטאַרקן זיינע הענט, זאָל דער שונא געשלאָגן ווערן, און מיין זון זאָל אַהיימקומען וואָס שנעלער“.

איינגעלאָשן ווערט דאָס פייער און די גרעבער צעגייען זיך פּאַמעלעך אין די יורטעס. פונוווייטנס ווייַנען די שאַקאַלן. אויף וועמען ווייַנען זיי? אויף די זין, וואָס זענען אומגעקומען אין דער ווייטער מלחמה, צי אויף דער געשטערטער רואיקייט זייערער? צי טרויערן זיי צוזאַמען מיטן אַלטן קאַריט, וואָס האָט דערהאַלטן אַ בריוו פון וואָיענקאָמאַט, אַז זיין זון איז געפאַלן ווי אַ העלד, ווי אַן אמתער אוזבעק און אַ געטרייער „אַסקאַר" (סאָלדאַט), צי ווייַנען זיי דערויף, וואָס דער קאָלכאָז האָט זיך אַרויסגערוקט ווייט אין סטעפּ אַריין? אָ, ער וועט זיך נאָך ווייטער אַרויסרוקן אין סטעפּ דער קאָלכאָז. ערד דאַרף מען וואָס אַמאָל מער. ס'וועט קומען דאָס וואַסער, וועט מען אַרויספּאָרן אין סטעפּ מיט גרויסע מאַשינען, מיט די טראַקטאָרן און אַקער־אייזנס, און צעשיטן דורך פּאָרזיכטיקע פינגער דעם גאָלדענעם פּאַרזיי, און עס וועלן זיך צעוואַקסן תבואות, און עס וועט זיין וואָס צו שניידן און וואָס צו קלייבן און ברויט וועט זיין, גוט, באַטעמט ברויט. יאָרנלאַנג האָט זיך דער סטעפּ געעקשנט און נישט געוואָלט געבן קיין ברויט, אָבער איצט וועט ער געבן. ער וועט נישט אָפּזאָגן.

אויגן קלעפּן זיך, אָבער געדאַנקען פליען אַרום איבער די שוואַרצע יורטעס. מען דאַרף וואָס שנעלער ענדיקן דאָס גראָבן פונעם קאַנאַל. שוין אַזוי אויך צו שפּעט פאַר דער אַרבעט אויף די קאָלכאָזנע פעלדער, און כל־זמן מען ענדיקט נישט מיטן קאַנאַל, וועט מען אין קאָלכאָז נישט קענען אָנהייבן די אַרבעט. אָבער נישקשה. מען מוז זיך אַן עצה געבן, און מען וועט זיך אַן עצה געבן. די „פּאַלשעפּיק" פּאָדערן, און מען מוז נאָכקומען. איי, שווער, ס'איז שווער, דער רוקן טוט ווײ פון גראָבן, פון בייגן זיך, פון הייבן די קוישלעך, אָבער ביז אין דער פרי וועט ער זיך אויסרוען, דער רוקן, און וועט נישט ווײ טון. ביז אין דער פרי וועלן זיך די הענט אויסרוען און די מוסקולן וועלן זיך אָנגיסן מיט נייער קראַפט. און אין דער פרי וועט זיין אַ נייער טאָג, אַ נייע גאָלדענע זון, אַ נייער טאָג פון מי און אַרבעט, שווייס און אַרבעט, יאָגעניש און אַרבעט... אַרבעט... אַרבעט...

די שטילע הענט פונעם סטעפּישן ווינט קלייבן אויף פון די שוואַרצע יורטע־דעכער דאָס מידע שנאָרכן און צעשפּרייטן עס איבער דער טיף־בלויער אויסגעשטערנטער זילבערדיקייט פון דער אוזבעקיסטאַנער, פרי־לינגדיקער נאַכט.

אַ רוף פון ווייטנס

דער פרילינגגדיקער אומרו, וואָס האָט צוזאַמען מיט די מילדע ווינט־לעך זיך אַ טראָג געטון איבער די קאַלכאַזן, און אַנגעיאָגט אין די פּאַרשלאָ־פֿענע, צעטשוכעטע פון ווינטערדיקן שלאָף קיביטקעס, אַלע בענקשאַפטן און נאָגעניש פון ווייטן סטעפּ, דער זעלבער אומרו האָט אין איין וועגס שוין אַ פאַרטשעפּע געטון די פּליטים, וואָס האָבן געוווינטערט צווישן דעם אוזבעקישן קאַלכאָזנע פּאָלק, און זיי דערמאָנט אַז עס איז וואַרעם, אַז גאָטס וועלט איז שיין און ברייט, און אַז נאָך אַלעמען איז דאָס וואַנדערן גאַר־נישט אַזאַ שלעכטע זאַך. די זון האָט גענומען וואַרעמען וואָס אַמאָל שטאַר־קער און שטאַרקער, דער פריער אוזבעקישער פרילינג האָט זיך באַהאָנגען מיט בלומען וואָס האָבן אויף זיך געהאַט אַלע קאָלירן פון זייערע, אין פאַסן גענייטע כאַלאַטן, אַלע חנען פון זייערע געהאַפטענע קליינע טיובעטיעיקעס, און אַלע אויסגעחלומטע ריחות פונעם ווייט־סטעפּישן אַזיאַטישן מזרח. האָט דער ווינט געפלעגט ברענגען מיט זיך בייגאַכט פּלוצלינג אַ ריח פון אַן אַנדערן פרילינג, אַ ווייטן און אַ נאָענטן ביינאַנד, אַ פרילינג וואָס איז געשטאַנען צוקאָפּנס פון זייער קינדהייט, אַ פרילינג מיט וועלכן און אין וועלכן זיי זענען אויסגעוואַקסן אַמאָל, אַמאָל, אין יענעם ווייט־נאָענטן לאַנד, וואָס ביי די ווייסל־ברעגעס. אין דער ווייטער איינזאַמקייט פונעם סטעפּ האָבן זיך פּלוצלינג אַרויסגעשיילט פון געדעכעניש קרומע, פאַרהוי־קערטע ווערבעס, מיט צעלאָזענע צעפּ איבער שפּיגלדיקע געמיטלעכע טייכן. אין הויך־געוועלבטן, בלוי־גלעזערנעם, אָן־פלעקיקן הימל האָבן זיך אויסגע־כישופט לאַנגע שנורן פון ברייט פליגלדיקע באַטשאַנעס און זשוראַוועס, וואָס פלעגן זיך פּלוצלינג אַראָפּלאָזן מיט אַ פאַרשפּיציקטן דרייעקיקן פויגל־שליסל און אַרומבראָדיען איבער די נאַסע לאָנקעס אויף הויכע, רויטע פיס. האָט די בענקשאַפט געפלעגט טיילמאָל אַ שפּאַיר טון איבערן לייב ווי אַ נאַסער פלאַט שניי, וואָס פלעגט אַמאָל, אין יענער ווייטער היים, אַראָפּפאַלן פון אַ דאַך, פאַרגנבענען זיך הינטער אַ קאָלנער, צעגיין אויפן קאַרק און שפּעטער אַראָפּריזלען לענגאויס דעם רוקנביין, מיט אַ מחיהדיק, דערקוויקנדיק שטרעמעלע, וואָס פלעגט אי וועקן, אי רופן, אי מאָנען עפּעס אַזעלכעס, וואָס דעם סוד דערפון איז שווער געווען צו דערגיין. געוווּסט האָט מען נאָר, אַז עס טוט ווי און עס איז גוט און יום־טובדיק אויף דער

נשמה אין דער זעלבער צייט. איז מען אַזוי אַרומגעגאַנגען אין סאַמע מיט פון צעבליטן, מאָדנע־דופטיקן, אוזבעקיסטאַנער פרילינג און מיט פּאַר־נעפּלטע אויגן געקוקט איינער אויפן אַנדערן, און אַרויסגעלייענט פון יע־נעמס בליקן די זעלבע נאָגנדיקע בענקשאַפט נאָך יענעם, ווייטן, פאַרלוי־רענעם פרילינג פון דער אַמאָליקער, גוטער און אייגענער היים. גערעדט האָט מען נישט דערוועגן, מען האָט אין זיך געשטיקט די אומקלאָרע בענק־שאַפטן און נאָכטיקע גערדאַנקען און געהאַלטן זיך אין איין עצהן:

„וואָס טוט מען? וווהין פאָרט מען?"

אַז מען דאַרף פאָרן, דאָס איז געווען פאַר אַלעמען אַ זאַך אַ זיכערע און אומשטרייטבאַרע. ווייל וואָס וועט מען שוין דאָ אויסזיצן, צווישן אָט דער מחנה „ווילדע טערקן", וואָס וועט מען שוין מ׳שטיינס געזאָגט, דער־לעבן אין אָט־דעם „פאַרוואָרפענעם העק", אַז אויסצורעדן אַ וואָרט איז נישטאָ צו וועמען, אַז קיינער פאַרנעמט זיך נישט מיט זיי, אַז קיין תכלית זעט מען סיי ווי נישט אַרויס פון אָט־דעם גאַנצן זיצן אין קאָלכאָז. מילא, איבערן ווינטער איז נאָך געווען ווי נישט איז צו דערלייזן. איבערן ווינ־טער איז צופיל אַרבעט נישט געווען און מען האָט ווי נישט איז געקענט אויסקומען מיטן ביסל עסן וואָס דער קאָלכאָזנער מאַגאַזין האָט אַרויסגע־געבן. איצטער אָבער איז געוואָרן שווערער, איצטער איז געוואָרן אוממעג־לעך פשוט ווייטער דאָס אַלץ אויסצוהאַלטן. די קאָלכאָזניקעס, זיי זענען שוין צוגעוווינט צו די אַלע שאָטנס פונעם קאָלכאָזנעם לעבן. זיי ווייסן שוין, די קאָלכאָזניקעס, אַז פרילינגס־צייט איז שטענדיק ערגער מיט דער באַשפּייזונג, מיט די פּראָדוקטן וואָס עס טיילט פונאַנדער דער קאָלכאָזנער מאַגאַזין, ווייל דער קאָנטינגענט פון פּראָדוקטן וואָס די בוימוואָל־וואַקסנ־דיקע קאָלכאָזן באַקומען פון דער מלוכה שעפּט זיך שטענדיק אויס פריער איידער מען קאָן באַקומען אַן אַדערויף אויפן נייעם שניט. די קאָלכאָזני־קעס האָבן זיך אויך יעדער איינער זיין גערטנדל, זיין קו, זיין קליין באַ־לעבאַטישקייט, צו וועלכן קיינער מישט זיך אין אים נישט אַריין, און זיי גרייטן זיך באַצייטנס צו אויף דורכצוהאַלטן די שלעכטע צייט. אָבער זיי, די פּליטים, זענען אָנגעוויזן בלויז דערויף וואָס מען טיילט זיי אויס און דעריבער קלעקט עס טאָקע נישט. אין אָנהייב האָט מען נאָך געהאַט אַביסל איינזען, אַז זיי זענען נייע, אַז זיי דאַרפן זיך צוגעוווינען, אַז זיי דאַרפן ערשט אַריין אינעם קאָלכאָזנעם לעבן, אָבער איצט האָט מען אָנגעהויבן

פֿאָדערן פֿון זיי אַרבעט און ווייטער גאָרנישט. פֿונוואַנען זאָל מען נעמען כּוח צו דער אַרבעט אַז דאָס שפּייז איז נישט גענוג? און ערשט איז אַרויס אַ נייע גזרה. פֿון סאַמע מאָסקווע איז אָנגעקומען אַ באַפֿעל, אַז די נאָרמעס פֿון דער אַרבעט אין די קאָלכאָזן דאַרפֿן פֿאַרגרעסערט ווערן צוליבן פֿעלן פֿון אַרבעטס־הענט. מענטשן אין די קאָלכאָזן זענען פֿאַראַן ווייניקער און אַרבעט פֿאָדערט מען מער. דער פּראָנט שטייט אין אַ ביטערן גערעאַנגל און דאָס הינטערלאַנד מוז נאָכקומען — אַזוי טענהט מאָסקווע אין די לאַנ־גע אַרטיקלען וואָס אויף דער ערשטער זייט פֿון דער „פּראַוודאַ“, און וועל־כע ווערן איבערגעדרוקט אין אַלע צייטונגען, אויך אין די אוזבעקישע. אמת, אַ קאָלכאָז איז נישט קיין מלוכהשע פֿאַבריק, אַ קאָלכאָז, איז אַ קאָ־לעקטיוו אייגנטום, אַ קאָאָפּעראַטיווע אַזוי צו זאָגן, ווו אַלע קאָלכאָזניקעס האָבן די דעה, און זענען די באַלעבאַטים פֿון דעם גאַנצן קאָלכאָז־פֿאַרמעגן. אָבער אויך אַ קאָלכאָז ווערט געפֿירט לויט אַלגעמיינע נאָרמען, וואָס זענען אומעטום די זעלבע: יעדע אַרבעט האָט אַ נאָרמע, פֿאַראַקערן אַזאַ און אַזאַ שטיק פֿעלד איבערן טאָג הייסט אַ „טרודאָדיען“ — אָן אַרבעטס־טאָג פֿון איין מענטש. יעדער מין אַרבעט האָט אָן איינגעשטעלטן סטאַנדאַרט פֿאַר אַזאַ „טרודאָדיען“ און ערשט צום סוף יאָר קאָן מען געוואָר ווערן וויפֿל דער טרודאָדיען וועט האָבן די ווערט. דערווייל קריגט מען דערפֿאַר אַדע־רויפֿס אין פּראָדוקטן און מען מוז צושטעלן דער מלוכה אַזאַ און אַזאַ סכום פֿון אָראָפּגענומענעם שניט. היי־יאָר האָט מען פֿאַרגרעסערט דעם אינדי־ווידועלן טרודאָדיען, בכדי דורך פֿאַרגרעסערטער אַרבעט אַרויסבאַקומען פֿון די קאָלכאָזן כאָטשבי דעם זעלבן, און אויב עס איז מעגלעך נאָך אַ גרעסערן שניט ווי פֿאַראַיאָרן. די „ווילדע טערקן“ האַלטן אָפּ באַראַטונגען אין זייער גאָרגלדיקן לשון און האַלטן אין איין „מיטינגעווען“ ווי אַזוי נאָכצוקומען דעם פֿאַרלאַנג פֿון מאָסקווע, דעם פֿאַרלאַנג פֿון טאַשקענט. דעם פֿאַרלאַנג פֿונעם פֿראָנט. אָבער זיי, די פּליטים, קלערן נישט דערוועגן. פֿרעמדע זענען זיי אין אָט־דעם ווייטן און ווילד־פֿרעמדן לאַנד, און עס איז נישט זייער דאגה. זיי ווילן לעבן און זיי פֿילן איין זאַך: איינזיצן ווייטער אין די קאָלכאָזן קאָנען זיי נישט. יונגע יאַטן, וואָס עס איז זיי לייכט גע־ווען זיך אַ ריר צו טון, האָבן פֿון לאַנג שוין פֿאַרלאָזט די קאָלכאָזן און בלאָנקען זיך שוין פֿונדאָסניי אַרום איבער די גאַסן פֿון טאַשקענט און אַלמאַ־אַטאַ, פֿון בוכאַרא און סאַמאַרקאַנד. עלטערע פּליטים, וואָס האָבן

מיט זיך ווייבער און קליינע עופהלעך זיצן נאָך אין די קאַלכאָזן, קוקן אויס אויף אַ נייעס אַ יעדן טאָג און אין יעדנס בליק ליגט די זעלבע פראַגע:

„וואָס טוט מען? וווהין פאָרט מען?“

אין די קאָלכאָזן זיצן אויך ווייטער יענע חברה, וואָס טראָץ אַלע שווע־ריקייטן און ריכטיקע צי כלומרשטע עוולות, טראָגן זיי נאָך אַרום אין האַרצן די רויטפאָניקע געטריישאַפט צו יענע, אַמאָליקע טעג, ווען זיי פלעגן אויפציטערן ביים וואָרט: ראַטנפאַרבאַנד, צו יענע טעג, איבערגעפולטע מיט „מאסוווקעס“ און „פאָדפונקטן“, מיט אומלעגאַלע דעמאָנסטראַציעס און שווערע פעק פון העקטאָגראַפירטער ליטעראַטור. אַליין און פאַראייג־זאַמט זענען זיי דאָ פאַרבליבן. ווען עס האָט אַרויסגעטריבן פון זיך די אַרמיי, די זעלבע רויטע אַרמיי נאָך וועלכער זיי האָבן אַלע יאָרן זייערע געבענקט, און ווען מען האָט באַלד אין אָט־דער אַרמיי נישט אָנגענו־מען. קיינער גלויבט זיי נישט איצטער. פאַר די אייגענע חברים, פאַר די פּליטים, הייסן זיי „אונטערלעקערס און חניפהניקעס“, קאַריעריסטן, און אין בעסטן פאַל: „פאַרבלענדטע פאַנאַטיקער“. פאַר דער סאָוועטישער מאַכט זענען זיי פאַרבליבן די זעלביקע וואָס אַלע אַנדערע: אויסלענדישע אָנשיקעניש, וואָס מען קאָן זיך מיט זיי קיין עצה נישט געבן, נישט אַראָפּ־צושלינגען און נישט אויסצושפּייען, נישט אַהין און נישט אַהער, און ווע־מען מען טאָר פאַר קיין פאַל נישט אַרויסווייזן צופיל צוטרוי. פאַרמאַכטע אין זיך און פאַרביטערטע זענען זיי געזעסן ווייטער אין די קאָלכאָזן, געטון זייער אַרבעט, אַריינגעוויינט אין שלאָפלאָזע נעכט זייער גאַנצע בענקשאַפט און איינזאַמקייט און יעדן טאָג אַרומגעלאָפן ווי פאַרסמט, זוכנדיק אין די צייטונגען אַ טרייסט, אַ נחמה, אַ גוטע בשורה פון פראָנט.

פון די צייטונגען איז שווער געווען צו דערגיין אַ טאָלק. אין די קאָ־מוניקאַטן האָט מען געקאָנט לייענען בלויז וועגן דעם צי יענעם העלד, וואָס ער האָט אויפגעטון, ווי אַזוי ער האָט געקעמפט און ווי אַזוי ער האָט באַ־קומען זיין מעדאַל, אָבער ווי אַזוי עס גייט צו טאַקע אויפן פראָנט איז שווער געווען עפּעס זיך צו דערוויסן. מיט אומגעדולדיקייט האָט מען גע־וואַרט אויף דער ידיעה, אַז די ענגלענדער און אַמעריקאַנער האָבן שוין גע־עפנט אַ צווייטן פראָנט. אָבער אַזאַ ידיעה איז נישט געקומען. מען איז בלויז געוואָר געוואָרן, אַז די ענגלישע אַוויאַציע טיילט שווערע קלעפּ און באָמבאַרדירט דייטשישע שטעט און אַז די אַמעריקאַנער האָבן אין איי־

נעם אַ העלן טאָג אָנגעמאַכט אַ חורבן אין טאָקיאָ, אין יאָקאָהאמא און אין אַנדערע יאפּאַנישע שטעט מיט מאָדנע נעמען. אַ טרייסט איז עס געווען אָבער' אַ שוואַכע. פון די ידיעות וועגן רוסישן פראָנט איז קלאָר געוואָרן בלויז איין זאַך: דער רוסישער פרילינג האָט צעווייקט די רוסישע פעלדער און פליינען און אָפּגעשטעלט די אָפענסיווע פון דער רויטער אַרמיי, וואָס האָט שוין געהאַט אָנגעהויבן צו געבן געוויסע רעזולטאַטן. די דייטשע בעסטיע האָט מיטן אָנקומען פון דער וואַרעמקייט גענומען זאַמלען נייע כוחות און אָנציען די מוסקולן פון די שאַרף־נעגלדיקע לאַפּעס צו אַ נייעם, אַ שרעקלעכן, אַ בלוטיקן שפּרונג.

און פּלוצלינג איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען איבער אַלע קיביטקעס ווי עס האָבן נאָר' געוווינט פּליטים אַ נייע ידיעה: עטלעכע פּאָלקן פון דער ניי־געשאַפענער פוילישער שיקאָרסקי־אַרמיי האָבן באַקומען אַ דערלויבעניש לויט אַ ספּעציעלן ענגליש־סאָוועטישן אָפּמאַך און זענען אַרויס פון ראַטנ־פאַרבאַנד קיין פּערסיע. וועגן פּערסיע האָט מען געוווּסט דעמאָלט אַז אַ האַלב לאַנד געפינט זיך אין סאָוועטישע הענט און די צווייטע העלפט אין ענגליש־אַמעריקאַנישע, און אַז אין טעהעראַן, אין דער פּערסישער הויפּט־שטאָט רעגירן אַלע דריי מלוכות צוזאַמען. האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן געזאָגט, אַז די גאַנצע ידיעה איז קיין שמעק טאַבאַק נישט ווערט, ווייל מען האָט די פּוילישע פּאָלקן בלויז איבערגעטראָגן אין דעם סאָוועטישן טייל פון פּערסיע און אַז די פּאָליאַקן וועלן בלויז דאָרט דער־גאַנצן זייער' אויסשולונג און פון דאָרטן צוריקקומען און אַוועק צום פראָנט צוזאַמען מיט דער סאָוועטישער אַרמיי. עקשנותדיק האָט זיך אָבער געטו־מען פונאַנדערשפּרייטן נאָך אַ ידיעה: אַז די פּוילישע פּאָלקן זענען אין פּערסיע נישט פאַרבליבן, אַז זיי האָבן דורכגעשניטן דעם מדבר און דורך איראַק און סיריע זענען זיי אַוועק קיין ארץ־ישראל, ווו זיי וועלן זיך פאַר־אייניקן מיט דער א"ג „קאַרפּאַצקאַ בריגאַדאַ" וואָס איז געשאַפן געוואָרן אויסער' די גרענעצן פון ראַטנפאַרבאַנד. אַז די דאָזיקע פּאָלקן וועלן זיך גרייטן צום קאַמף אין ארץ־ישראל טאַקע, ווו זיי וועלן פאַרבלייבן ביז וואַ־נען די ענגלענדער וועלן זיי אָפּשיקן צום פראָנט. ידיעות זענען געקומען פאַרשידנאַרטיקע, פאַנטאַסטישע, איינע אויסטערלישער פון דער אַנדערער און אַלע האָבן געריצט מיטן זעלבן מאָדנעם כישופדיקן קלאַנג:

ארץ־ישראל!

געדוכט האָט זיך די פּליטים, אַז אַלץ צו וואָס זיי האָבן במשך פון אָט־די אַלע יאָרן פון וואַנדער און וואָגל געבענקט, שטעקט אין אָט־דעם אַלטן און נייעם וואָרט. זיי האָבן זיך פּלוצלינג דערמאָנט אָן שטילע פאַר־נאַכטן אויפן וואַרשעווער וואָקזאַל, ווו יונגע חברה אין קורצע הויזן און קליידלעך האָבן געטאַנצט אַ „הורא" צום טאַקט פון דער אומגעדולדיק־סאַ־פּענדיקער לאָקאָמאָטיוו. זיי האָבן זיך דערמאָנט אָן דיסקוסיעס אומענדלע־כע און פאַרביטערטע, אָן קאַמפן פון ווערטער און פויסטן, וואָס פלעגן אָנגיין אין וואַרשע און אין אַלע אַנדערע שטעט. זיי האָבן זיך דערמאָנט אָן יאָרן יונגע און זאַרגלאָזע, ווען מען האָט באַלייגט די שומרישע שבועה און די וועלט איז געווען פאַרשטענדלעך און גוט און קלאָר. זיי האָבן זיך דערמאָנט אָן שפּעטערדיקע ייִנגלשע יאָרן וואָס האָבן אין אָט־דער ווייס־בלויער, פאַרעווער געמיטלעכקייט אַריינגעבראַכט די פּלוצלינגדיקע אויפ־געשטורעמטקייט פון רויטע פאָנען און געשלעגן מיט דער פּאָליציי. די די גאַנצע צעברויזטקייט פון דער אַמאָליקער וואַרשעווער יוגנט האָט זיך פּלוצלינג געשטעלט זיי פאַר די אויגן מיט אָט־דעם וואָרט: ארץ־ישראל.

און ערשט האָט די ידיעה געהאַט נאָך אַ נאָכגעשמאַק. ארץ־ישראל איז געווען אַ טייל פון אַ גרויסער, ברייטער וועלט, ווו מען וועט אפשר קענען געפינען קרובים. נישט איינער פון די פּליטים האָט זיך פּלוצלינג דערמאָנט, אַז אין דעם צי אין יענעם קיבוץ האָט ער אַ ברודער, אַ גליד־שוועסטערקינד, סתם אַ קרוב. און אויב אפילו ער האָט קיינעם נישט אין ארץ־ישראל, האָט ער עמעצן אין קאַנאַדע, אין אַמעריקע, אין אויסטראַליע, און פון ארץ־ישראל איז מסתם פאָרט לייכטער צו שרייבן אַ בריוו, ווי פון דאַנען, פון אָט־דעם שטרענגן סאָוועטישן לאַנד, ווו אַ בריוו קיין אויסלאַנד האָט שטענדיק געוועקט פאַרדאַכט און בפרט איצטער, ווען עס איז מלח־מה אויף דער וועלט, און בפרט ווען דער בריוו־שרייבער איז אַ פרעמ־דער, אַ פּליט, אַן אויסלענדער. און אויסער אַלעם: אין ארץ־ישראל זע־נען דאָך פאָרט פאַראַן ייִדן, וואָס וועלן זיי, די פּליטים, גיכער פאַרשטיין, וואָס וועלן זיך מיט זיי פאַרנעמען, וואָס וועלן גיכער צולייגן אַן אויער צו זייערע טענות און מענות, וואָס וועלן זיי אָפּווישן אַ טרער און צוטוליען ווי אייגענע. יאָ, דאָס איז אַלץ צו גוט, עס זאָל זיין אמתדיק. מסתם איז די גאַנצע ידיעה אַ פאַלשע, אַן אויסגעטראַכטע.

אין טאַשקענט האָבן חברה געזוכט אַ באַשטעטיקונג פאַר אָט־די

ידיעות און נישט געקאָנט דערגיין קיין טאָלק. געווען אַזעלכע וואָס האָבן געזאָגט אַז די גאַנצע מעשה איז שקר־וכזב, אַז די גאַנצע פּוילישע אַר־מיי שטייט דערווייל צעוואָרפן אין אוזבעקיסטאַן און אויב זי וועט זיך רירן, איז נאָר אויפן פראָנט. געווען ווידער אַנדערע, וואָס האָבן דערציילט אַז אַ טייל, וואָס אַן אמת בלויז אַ קליינער טייל, איז יאָ אַרויס פון ראַטנ־פאַרבאַנד, אָבער זיי געפינען זיך אין צפון פון פּערסיע און קיין ארץ־ישראל זענען זיי נישט געפאָרן. געווען אָבער אויך אַנדערע, וואָס האָבן דערציילט אַז זיי האָבן מיט זייערע אייגענע אויגן געזען בריוו, וואָס זע־נען שוין דאָ אַהער אָנגעקומען מיטן רויטן קרייץ פון ארץ־ישראל טאַקע. פון וואַנען די בריוו זענען — דאָס האָבן זיי נישט געוווּסט. צי זענען דאָס בריוו פון סאָלדאַטן וואָס זענען אַוועק מיט דער פּוילישער אַרמיי אַהין, צי פון יענע פּליטים וואָס האָבן געשוואַרצט די גרענעץ לעבן דער טורקמעניִשער הויפּטשטאָט אשכאַבאַד, און פון דאָרט זיך דערשלאָגן אַהין, דאָס האָט קיינער נישט געקאָנט דערגיין. ווי אַזוי עס זאָל אָבער דער אמת נישט זיין, איז ווייטער געווען די זעלבע שווערקייט, וואָס שטענדיק: די פּוילישע אַרמיי האָט נישט אָנגענומען קיין יידן, און די וואָס האָבן זיך שוין יאָ אַריינבאַקומען האָבן דערפאַר גוט באַצאָלט.

די פּליטים האָבן טיילמאָל געפּרוּווט כאַפּן אַ שמועס וועגן אָט־דעם ענין מיט די בוכאַרער יידן. אמת, עס איז שווער זיך מיט זיי צו פאַרשטענדיקן, אָבער פאָרט קאָן מען זיך דורכרעדן אויף רוסיש. דאָס רוסישע לשון קומט אָןביידן שווער, אי דעם פּליט און אי דעם בוכאַרער, אָבער קיין אַנ־דער עצה איז פאָרט נישט פאַראַן. קיין יידיש רעדן זיי נישט, די בוכאַ־רער, זיי רעדן אַ מין האַלב־פּערסיש, האַלב אוזבעקיש, וואָס נאָר זיי אַליין פאַרשטייען עס, און זיי רופן עס אַז דאָס איז „נאַש יעווריסקי" — זייער יידיש הייסט עס. אָבער די דאָזיקע בוכאַרער יידן, ווען מען האָט מיט זיי אַ רעד־געטון וועגן ארץ־ישראל זענען זיי אַרויס מיט גאָר אַן אַנדערן לשון: פרום איז איין זאַך, און ארץ־ישראל איז אַן אַנדערע זאַך. ווער דאַרף ארץ־ישראל — אַז מיר האָבן שוין דאָ ארץ־ישראל. פאַרקערט, טענהן זיי, די בוכאַרער, און בייזע פונקען גליען אין זייערע שוואַרצע, מזרחדיקע אויגן — אויב משיח וועט קומען, דעמאָלט וועלן מיר גיין קיין ארץ־ישראל. דאָס וואָרט „משיח" זאָגן זיי אַרויס מיטן פולן ערנסט, פונקט ווי זיי וואָלטן גערעדט וועגן סוף פון קריג, צי וועגן אַ פרישן צוטייל פון

שיך אָדער מלבושים. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אַ סך פון די בוכאַרער זענען שוין געווען אין ארץ־ישראל. דאָס איז געשען אין יענע צייטן ווען די גרענעץ איז געווען אָפן, און באסמאטשעס האָבן געהאַלטן אין איין וואַנדערן פון פּערסיע און אפגאַניסטאַן און שלאָגן זיך מיט די באָלשעוויקעס. אַ סך בוכאַרער יידן זענען דעמאָלט אַוועק קיין ארץ־ישראל און... צוריקגעקומען, ווי נאָר זיי זענען געוואָר געוואָרן, אַז עס איז שטיל געוואָרן. ארץ־ישראל — טענהן זיי די בוכאַרער, איז פאַרשוועכט, ווייל די אַראַבער הערשן אין לאַנד, און די יידן אין ירושלים זענען אונטערגעוואָרפן אונטער אַ פרעמדן יאָך. יענע יידן ווידער, וואָס ווינען אין די קבוצות, האָבן נישט קיין גאָט אין האַרצן. דאַקעגן דאָ, אונטער „סאָוועטסקע וולאַסט" זענען יידן מיט אַלע גלייך, און ווער עס וויל זיין אַ ייד און אָפּהיטן די מנהגים פון די אָבות, דעם טשעפּעט קיינער נישט. אלא־וואָס, דער יונגער דור, די קאָמסאָמאָלצעס, זיי הייבן אָן צו פאַרגעסן אַז זיי זענען יידן, אָבער נישקשה, ווער עס האָט אַ שטאַרקע האַנט און איז אַ טאַטע ווי גאָט האָט געבאָטן דער קאָן דערהאַלטן זיינע קינדער אין יידישקייט. דערויף דאַרף מען נישט ארץ־ישראל. אָ, ווען משיח וועט קומען, דאָס איז שוין „דרוגאָיע דיעלאָ"... (אַן אַנדערע זאַך).

אַזוי האָבן זיי געטענהט, די אָרטיקע שוואַרצאויגיקע יידן מיט די געקרייזלטע קעפּ, און גאָרגלדיקן רוסיש. און די פּליטים האָבן זיך איינגעהערט און נישט געקאָנט דערגיין צי „אָט די טערקישע ישמעאלים" רעדן ערנסט, צי זיי טרייבן קאַטאָוועס. ווי עס זאָל אָבער נישט זיין, האָט מען גאַנצע טעג באַלאַגערט דעם פּוילישן קאָנסולאַט, געזוכט פּראָטעקציע, געפּרוווט קויפן אַ רעקאָמענדאַציע צו ווערן אָנגענומען אין פּוילישן מיליטער, געפּרוווט דערגיין אין וועלכן אָרט די קאָמיסיע נעמט יאָ אָן יידן און ווו נישט, און דערווייל, לויט דער אַלטער געוווינהייט אַרומגעבלאָנקעט איבער די טאָלטשאָקס און מיט אַ קויף און פאַרקויף געפּרוווט אַרויסבאַקומען די חיונה פון דער שטיינערנער, הונגעריקער, מלחמהדיקער שטאָט. אַ בייזע איז זי געשטאַנען די שטאָט. וואָס אַ טאָג מער בייז און אָנגעצויגן און אין הימל זענען יעדן טאָג געווען מער זיילן רויך. דאָס האָבן שוין צוביסלעך אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין טאַשקענט די פאַבריקן, וואָס מען האָט אין זיינער צייט אַהער עוואַקואירט פון יענע שטעט, ווו די דייטשן זענען איצט אַרומגעלאָפן הילפלאָז איבער די פּוסטע פאַבריקן־

געביידעס, און עס האָט זיי געוואָרפן די נכפה, אַז די רוסן האָבן פּאַרט באַוויזן די מאַשינען אַרויסצופירן. די מאַשינען ווידער, האָבן נאָך לאַנגע וואָגלענישן דערגרייכט די ווייטע שטעט און איצטער שטייען זיי אויך דאָ, און אויסגעפּוצטע פון שטויב און זשאַווער, וואָס האָט זיך אַריינגע־כאַפּט אין זייערע שטאָלענע אינגעווייזן בשעת די לאַנגע וואַנדערונגען, הייבן זיי שוין אָן אויפסנייַ צו רוישן און קלימפּערן מיט זייער אַמאָליקער מוזיק.

נישט יעדער אָבער האָט געוואָלט וואַרפן די אַרבעט און אַרומבלאָנ־קען זיך אין די קאָרידאָרן פון פּוילישן קאָנסולאַט. מען האָט זיי שוין גע־קאָנט, די פּאַליאַקן, און מען האָט געוווסט, אַז סייווי איז דאָס גאַנצע לוי־פּעניש אומזיסט. נישט יעדער האָט געוואָלט צאָלן דערפאַר, מען זאָל אים אָננעמען אין דער אַרמיי, און נישט יעדער האָט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן. די, וואָס זענען רואיק געזעסן און געאַרבעט האָבן זיכער נישט געהאַט מיט וואָס, אָבער פּלוצלינג האָט זיך פונאַנדערגעשפּרייט אַ ידיעה: די פּאָליאַקן פאַרלאָזן אויף אַן אמת דאָס לאַנד, און די פּוילישע אַרמיי אין ראַטנפאַרבאַנד ווערט ליקווידירט. מען דאַרף זיך דעריבער צו־שטעלן צו אַ מיליטערישער קאָמיסיע, איידער די פּאָליאַקן ליקווידירן אַלע קאָמיסיעס. דער שכל איז געווען אַ פּשוטער: צי די פּאָליאַקן וועלן יאָ אָננעמען אין דער אַרמיי, צי ניין, איז שטענדיק גלייכער צו האָבן מיט זיך אַ קוויטל, אַז מען האָט זיך צוגעשטעלט צו דער אַרמיי. דאָס וועט זיין נויטיק שפּעטער, ווען פּוילן וועט אַנטשטיין ווידער אַלס אַ מלוכה. דאָס וועט זיין מן־הסתם דער פּאַס, לויט וועלכן מען וועט קאָנען פאָרן אַהיים.

די בהלה פון „צושטעלן זיך" האָט אַרומגעכאַפּט אַלעמען, אַלעמען אָן אויסנאַם. די באַנען האָבן זיך אויפסנייַ פאַרפולט מיטן וואַנדערנדיקן פּליטים־פאָלק. מען האָט זיך איבערגעוואָרפן מיט נעמען פון שטעט ווו די קאָמיסיעס זענען „גוטע". מען האָט זיך דערציילט מעשות וועגן מי־ליטערישע דאָקטוירים — שיכורים, וואָס פאַר אַ פלאַש בראָנפן קאָן מען ביי זיי אַלץ אויספועלן. מען האָט געלאָזט שטיין אַלץ און געפאָרן אין איין צאַפּל, אין איין איילעניש, אין איין ציטער, אַבי נישט צו פאַרשפּע־טיקן, אַבי צו באַווייזן אַרויסבאַקומען דאָס געגאַרטע „קוויטל" וואָס אפשר, וועט עס אַמאָל אַרויסהעלפן צו דערפאָרן אַהיים.

גוזאַר

ווייט אויף דרום, אין סאַמע מיטן פון אוזבעקישן סטעפּ ליגט די קליינע באַן־סטאַנציע גוזאַר. אַ פּאַרוואָרפענע איז אָט־די באַן־סטאַנציע געלעגן פון אייביק אָן, אַ שטילע און אַן אומעטיקע. דאָס אוזבעקישע דאָרף גוזאַר האָט זיך פאַרשטעקט אָן אַ זייט, ווי עס וואָלט ברוגז געווען הן אויף דער סטאַנציע גופא, הלמאי זי גרויסט זיך מיט איר געביידע, און הן אויף די באַנען, וואָס פלעגן פאַרבייפאָרן צוויי מאָל אין טאָג און צערייסן די פאַרחלומטע שטילקייט פונעם סטעפּ. אַזוי לאַנג דוכט זיך, זינט די באַן־ליניע איז דאָ אויסגעבויט געוואָרן, און דאָך ווען מען בראָדיעט אַזוי אַרום צווישן גראָזן, וואָס זענען אין יענעם סטעפּ זאַפטיק־גרין, מיט יענער מזרחדיקער זאַפטיקער גרינקייט, וואָס דאָרט, אין ווייטן פוילן פלעגט מען נאָר קענען זען אויף בייליקע ליטאָגראַפיע־בילדער, איז, ווען מען בראָדיעט מיט אָט־די גראָזן און פלוצלינג גיט זי אַ טויך אויף, די באַן־ליניע מיט רעלסן גלאַנציקע און חוצפּהדיקע, מיט אַ שטילן געזשומעריי פון די טעלעגראַפישע דראָטן, וואָס זענען צעצויגן אויף אַלטע סלופּעס, בלייבט מען שטיין, מען כאַפּט אַ בליק אינעם הימל, און טיף אין זיך ווערט זי געבוירן די פראַגע:

— ווער האָט נאָך דיר געשיקט? ווער דאַרף דיך צו האָבן? געווען מסתם אַזוי גוט אָן דיר...

אַזוי טראַכט עס זיך, ווען מען קוקט אויף דער באַן־ליניע, נאָר די רעלסן גלאַנצן ווייטער אין דער זון, די סלופּעס בייגן זיך איין, פּונקט ווי זיי וואָלטן באַדויערט זייער איינזאַמען גורל, און די דראָטן, אָ, זיי זענען זייער פאַרנומען: פון די סטעפּ־פייגל כאַפּן זיי אויף אויף זייערע כטרונעס דאָס דינע געצוויטשעריי און זשומען עס אויס אין סימפאָניעס פאַרבענקטע און איינזאַמע, אין ניגונים שטילע און איינגעהאַלטענע, וועלכע עס קאָן נאָר איבעררייסן אַ פלוצלינגדיקער פייף פון דער אָנקומענדיקער לאָקאָמאָטיוו. דער פייף באַטייט: הערט! הערט! מיר ברענגען מיט זיך דעם ווייטן אומרו פון פראָנט! הערט! מיר יאָגן אַהינצו, אַהינצו, אַהינצו! און איר וואָס טוט?” די דראָטן אָבער נעמען זיך ווייניק וואָס איבער. די דראָטן האָבן זייערע סודות. ווער קאָן דען דערגיין די געהיימע דראָטן־שפּראַך? קאָן זיין, אַז אונטער דער צענזור פון זייער שטילן גע־

זשומעריי לויפן איצט ערגעצווו אייליקע טעלעגראַפישע באַפעלן. קאָז זיין אַז דווקא איצט לויפט מיט די דראָטן אַ נייע ידיעה פון פראָנט. ווער ווייסט? דער סטעפּ מאַכט זיך נישט וויסן. דער סטעפּ איז געווען פון אייביק אָן שטיל און ער איז ברוגז הן אויף די דראָטן און הן אויף די רעלסן. דער סטעפּ ציט זיך איין און לויפט אַוועק ווייט אַהינצו, בכדי אויפן האָריזאָנט זיך אַ הייב טון און אין צעשוווּמענער בלאָקייט באַהעפטן זיך מיטן הימל וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן גאָר, גאָר נידעריק.

קאָן זיין, אַז די דראָטן האָבן דאָס די ערשטע געבראַכט די גזרה, אַז די גאַנצע שטילקייט וועט געשטערט ווערן. דער סטעפּ אָבער האָט דערפון נישט געוווּסט. דער סטעפּ איז איבערגעוועקט געוואָרן פון זיין שווייגנדיקן דרימל דורך אַ גערויש און אַ געפילדער, דורך געשרייען, געלעכטער און זידלערייען אין אַ פרעמדער, גאָר פרעמדער שפּראַך. צו־ערשט האָט זיך אָנגעדראָלן די באַן־סטאַנציע. דערנאָך איז איבער אַ קליי־נעם באַראַק וואָס לעבן וואָקזאַל פלוצלינג אַרויסגעשפּרונגען אַ מאָדנע, נייע, אַ ווייס־רויטע פאָן. דערנאָך האָבן איבער דער פּלאַטפאָרם גענומען אַרומשפּאַצירן טאָג־איין, טאָג־אויס פּאַטרולן אין מאָדנע מונדירן. אָבער דאָס אַלץ איז געווען בלויז אַן אָנהייב. אָן אַ זייט פון דאָרף האָט זיך פלוצלינג צעלייגט אַ גאַנצע שטאָט פון ווייס־לייווּנטענע פּאַלאַטקעס און אין סאַמע מיטן האָט זיך אויף אַ הויכן מאַסט אַרויסגעהויבן ווידער די זעלבע פאָן. אַ פרעמדע און אַ חוצפּהדיקע. פון דעמאָלט אָן האָט שוין דער סטעפּ מער פון קיין רו נישט געוווּסט.

באַנען פלעגן זיך אָפּשטעלן אויף דער סטאַנציע עטלעכע מאָל אין טאָג. אַ זייטיקע איז זי געווען די ליניע, אָבער איצט איז זי אָנגעשוואָלן און וואַזשנע־זיכער געוואָרן ביי זיך. די צוגן פלעגן קומען פולע מיט גע־פילדער און רעש, פולע מיט אומרו און אומגעדולד, פולע מיט אימפּעט און חוצפּה. פון די אויפגעפּראַלטע טירן, פון די דעכער און שטיגלעך פלעגט זיך אַראָפּלאָזן די צעברויזטע אָפּגעריסענע־אָפּגעשליסענע מענטש־לעכע מאַסע, פאַרמלאָז זיך צעגיסן איבערן גאַנצן אַרום און אַריינדרינ־גען אין אַלע ווינקעלעך. און אָט דער מאַסע פלעגן זיך אַריינרייסן די זשאַנדאַרמעריע־פּאַטרולן מיט די רויט־אָראַנזשענע לאַמפּאַסן. די „קאַ־נאַרקעס", און פון זייערע אָפּגעהאַקטע, הייזעריקע באַפעלן האָט זיך דער פאָרמלאָזער קנויל געגומען שפּאַלטן, קאָרטשען זיך. פונאַנדעררוקן זיך

און געשטאַלטיקן אין גלייכע לענגלעכע פּירקאַנטן. אין אַ לאַנגן, פּויזנ־דיקן שלאַנג פלעגן אָט־די פּירקאַנטן זיך צונויפהעפטן און אַוועקלאָזן זיך מיטן נייעם, אויסגעטראָטענעם וועג אַהינצו, ווו עס איז געשטאַנען די נייע, לייוונטענע שטאָט מיטן ווייס־רויטן פאָן אין דער מיט.

אָבער נישט אַזוי שנעל פלעגט עס צוגיין. די מיליטערישע קאָ־מיסיעס וואָס האָבן אָנגענומען אין דער פּוילישער אַרמיי פלעגן טאַקע אַרבעטן מיט דער פולער פּאַרע, אַ גאַנצן טאָג ביז פאַרנאַכט. אָבער מער ווי 400 טעגלעך איז פאָרט שווער דורכצוזיפּן. געקומען זענען אָבער טעגלעך עטלעכע טויזנט. געקומען זענען יעדן טאָג פיר, פינף איבער־פולטע צוגן. עס זענען געקומען פּאָליאַקן פון צענטראַל־פּוילן, פון וואַר־שע, פון פּויזנער קאַנט, פון די קאַרפּאַטן־בערג, פון פלאַכן מאַזאָווש. פון אומעטום. דאָס זענען געווען די קריגס־געפאַנגענע פון 1939 וואָס מען האָט זיי איצט צו ביסלעך באַפרייט. עס זענען געקומען די איבערגעשיק־טע פון די אַרבעטס־לאַגערן אין סיביר, די אָסאַדניקעס פון די מזרח־ראַנדן, פון די פּוילישע קרעסן, עס זענען געקומען פּאָליציאַנטן און אָפי־צירן, גלחים און לאַנד־אייגנטימער, מעסער־שטעכער און גנבים. אַלץ האָט זיך אויסגעמישט און צונויפגעשמאָלצן אין גרויסן קעסל און איצ־טער פליסט עס אַלץ דאָ אַהער און טיילט זיך אָפּ פונדאָסניי, און באַמיט זיך, און וויל ווידער באַקומען די פריערדיקע פאָרעם, דעם פריערדיקן אויסזען. אָבער אומזיסט. עפּעס האָט זיך שוין אין זיי געענדערט. אָט־אָ־דער אַנטעק, אַ פויער איז ער געווען, מיט אַ טראָט אַ שווערן און גע־זעצטן, מיט אויגן רואיקע און זיכערע. איצט זענען זיינע טריט געוואָרן אייליק און אויפגעברויזט, די אויגן לויפן אַרום נערוועז, מיט פּחד און מיט שרעק, אָבער אויך מיט רציחה און האַס. אָט־אָ־דער עלטערער גוי: אַ פּאָליציאַנט איז ער געווען אַמאָל, דאָרט אין אַ קליין שטעטעלע. ער האָט זיך געביטן אין גאַנצן. די ענדערונג איז קענטיק אין זיין גאַנצער געשטאַלט, אָבער ווער עס וויל זי דערגרונטעווען אָט־די ענדערונג, דאַרף בלויז זיך גוט איינקוקן אין זיינע וואָנצעס. אַרויפשטאַרצן פלעגן זיי שטענדיק מיט צוויי אויסגעפּאָמאַדירטע, גלייכע שפּיצן פון ביידע זייטן נאָז, און איצט הענגען זיי אַראָפּ די וואָנצעס, שליאַבערדיקע, הילפלאָזע און אויסגעטועטע פון זייער חוצפּה. מיט נערוועזע הענט וויל ער, דער געוועזענער פּאָליציאַנט, זיי צוריק אָנשפּיזן, די וואָנצעס זיינע, אָבער די

ציינלאָזע באַקן, דאָס איינגעפּאַלענע פּנים קאָן קיין הויכע וואָנצעס נישט דערהאַלטן. אָט־אָ־דער גלח: אין זיין אַמאָליקער, כלומרשט הכנעהדיקער איינגעהאַלטנקייט און אונטערטעניקייט איז געלעגן דער באַוווסטזיין פון זיין מאַכט: „איך, גאָטס דינער, רעד צו אייך. איך בין טאַקע באַשיידן, ווייל באַשיידן דאַרף מען זיין, אָבער געדענקט, מענטשעלעך, ווער איך בין. איך בין די קירכע, און די קירכע געוועלטיקט איבער אַלעמען״. היינט איז ער נישט אונטערטעניק מער דער גלח. דער הונגער האָט אים אויס־געלערנט צו קוקן מענטשן אין די אויגן אַריין, און די הענט, די ווייסע אויסגעפּיעשטשעטע הענט, זענען געוואָרן גראָב און צעפּלאַצט. אָט־אָ־די הענט הייבן זיך מער נישט צו בענטשן און צייכענען קרייצן אין דער לופטן, מיט אַ שטילער, צביעותדיקער באַוועגונג. אָט־אָ־די הענט האָבן שוין דאָרט אין די ווייטע צפונדיקע וועלדער געהאַקט האָלץ. שווער זע־נען זיי דעריבער געוואָרן ווי דער בליק זיינער, שווער, דראָענדיק און מלא־חימה. געוועזענע אָפיצירן, פּאַרנדיק אין דער באַן, רעדן גאָרנישט. וואָס וועלן זיי זאָגן? צו וואָס רעדן איצטער? ווי אַזוי קאָן מען דער־האַלטן פאַר דער אָפּלאַכנדיקער מאָסע דעם אָפיצירן־כבוד און שטאָלץ. אַז מען טראָגט אויף זיך אַן אויסגעריבענע, וואַטענע „פופייקע״ און צע־ריסענע הויזן. דאָרט, ווען זיי וועלן אַריינקומען צו די טישן פון דער קאָמיסיע, וועלן זיי זיך אַוועקשטעלן שטאָלץ און זיכער. גראָבלען לאַנג אין די קעשענעס, אַרויסשלעפּן לסוף פון ווייטע באַהעלטענישן די פאַר־שמאַלצעוועטע פּאַפּירן זייערע. און איינרוימען אַ סוד: „קאַפּיטאַן״, אָדער „פּאָרוטשניק״, אָדער זאָל זיין אפילו „פּאָדפּאָרוטשניק״, אָבער אויך דע־מאָלט וועט זייער איבעראַנדערשונג נאָך נישט זיין פאַרענדיקט. פאַרענ־דיקט וועט עס זיין ערשט דעמאָלט, ווען זיי וועלן אַרויסקומען פון מאַ־גאַזין מיט אַ נייעם מונדיר אויף זיך, און אויפן היטל וועלן גלאַנצן די אַמאָליקע צייכנס פון מאַכט און געוועלטיקונג — די אָפיצירישע שטערנד־לעך. פּריצים זענען יאָ באַרעדעווודיק. אַ גאַנץ לעבן זענען זיי געווען באַ־רעדעווודיק, ווי אַזוי עס זאָל נישט זיין, האָבן זיי זיך דאָך געהאָדעוועט אין די זעלבע דערפער וואָס „זייערע״ פויערים. אָט דאָס גוטע און פרומע, קאַטויליש־פּוילישע פויערן־פאָלק. יאָ, דאָרטן, האָט מען געקוקט אויפן דאָרף פון די הויכע פענצטער פונעם שלאַכצקן הויף זייערן. דאָרט פלעגט מען גלייך, און אַן אַ פאַרוואָס פאַרפאָרן אַן אַנטעקן צי אַ מאַ־

טשעקן גלייך אין די ציין, דאָרט פלעגט מען זונטיק גיין אין קאַשטשאָל, און היטלען פלעגן אַנטבלויזן געהאָרכזאַם איינגעבויגענע, פויערישע, גע־שוירענע קעפּ. יאָ, עס פלעגט טרעפן פאַרשידנס. עס פלעגט טרעפן אַז אַט־די גוטע, פרום־קאַטוילישע אויגן פלעגן זיך אָנגיסן מיט פויערישער רציחה וואָס האָט זיך ראַפּטעם געװמען רייסן, אַן אומגעריכטע און אומ־באַצוימטע. אָבער דערויף האָט מען שטענדיק געפונען אַן עצה, איין טע־לעפאָן צום שטאָטישן פּאָליציי־קאָמענדאַנט און געענדיקט מיט אַלעמען. אָבער אפילו דעמאָלט, אַפילו דאָרט אין פּוילן האָט דער פּריץ געהאַט װעגן וואָס צו רעדן מיטן פויער. הייסט, דאָ אין אַט־דער באַן, וואָס פירט זיי אין פּוילישן נייעם מיליטער, האָבן זיי אויפסניי װעגן וואָס צו רעדן. פּריצישע אויגן קוקן כיטרע. אָ, איצטער דאַרף מען גוט מיט זיי איינלעבן זיך, מיט אַט־די אַנטעקס. אַ קליינינקייט, עס קאָן גאָר שנעל געשען, אַז מען וועט קומען אַהיים און מען מוז, מען דאַרף אים אַביסעלע אונטער־חנפענען.

אין דער קאָמיסיע זיצן עטלעכע עלטערע אָפיצירן. אַן אַלטער פּאָל־קאָווניק, וואָס האָט זיין טשין באַקומען נאָך אין די אַמאָליקע צאַרישע צייטן. זיינע אויגן קוקן פון אונטער די גראָע ברעמען מיט ביטול און פאַרשלאָפענער מידקייט: „אַט־אַ־דאָס מיסט דאַרף דאָס זיין די נייע אַר־מיי — אָ, מען וועט זיי דאַרפן גוט נעמען אין דער אַרבעט אַריין”. פון ביידע זייטן זיצן עטלעכע פּאָרוטשניקעס און קאַפּיטאַנען. די ענגלישע מונדירן זענען צו לויז אויף זיי. די מונדירן זעען אויס ווי געבאָרגטע, אָבער די שטערנדלעך זענען ניי און גלאַנצן. די שטערנדלעך זענען בכבור־דיק און מאַכט־האָבעריש, די שטערנדלעך פאָדערן איין זאַך:

„זע, זאָלסט זיך נישט טועה זיין, זאָלסט נישט פאַרגעסן זאָגן: — פּאַניע קאַפּיטאַניע!”

דער דאָקטער איז אַ יונגער. ער איז אַ פּיפּיקער חברהמאַן מיט אַ פּאָר קליינע אייגעלעך, וואָס לויפן שנעל אַהין און אַהער. אייגנטלעך קיין שווערע אַרבעט האָט ער דאָ נישט. זיין אַרבעט באַשטייט בלויז אין גע־וואָר ווערן צי דער צוגענומענער איז אַ ייד צי ניין. אויב ער איז נישט קיין ייד, דאַרף מען אים גלייך צונעמען. מען דאַרף אים בלויז באַשטי־מען אַ קאַטעגאָריע. אָבער דערויף דאַרף מען אפילו קיין דאָקטער נישט זיין. גענוג, אַז מען קוקט בלויז אַן דאָס פּנים, אַז מען קוקט אַריין אין די

אויגן. פון די אויגן קוקט אַרויס אַלץ. אין די אויגן קאָן מען דערזען דאָס פלעמל פון טובערקולאָז, דעם דורכגעמאַכטן טיפוס, די קראַנקע לעבער, דעם שקאָרבוט. ער, דער דאָקטער, ווייסט איצט, אַז שטעלן אַ דיאַגנאָז קאָן ער שוין גאָר לייכט. אַלע אַט־די קרענק האָט ער דורכגעמאַכט און צוגעזען פון דער נאָענט. אָבער אַ פּאָליאַק דאַרף מען צונעמען אין דער אַרמיי אפילו ווען ער איז קראַנק. מען דאַרף ראַטעווען. מען וועט איצטער בויען מיליטערישע שפּיטאָלן וועט מען היילן די קראַנקע. נישקשה, זאָל ענגלאַנד באַצאָלן. אָבער יידן דאַרף מען נישט נעמען אפילו ווען זיי זע־נען געזונט. יידן מעגן וואַרטן אַביסל, מען זאָל זיי צונעמען, זיי איילן זיך איצט אין דער אַרמיי, אָבער צי האָבן זיי זיך שטענדיק געאיילט אין דער אַרמיי. ניין, איצטער איז די מעשה אַ פּאַרקערטע. באַזונדערס אַזאַ באַפעל איז דאָ: נישט צונעמען. העכסטנס 3 אָדער 4 איבערן טאָג. שוין גענוג צוגענומען פריער, דאָרט אין די לאַגערן פון טאָטסקאָיע און קאָל־טוביאַנקאַ. איצטער דאַרף מען זיין פאָרזיכטיק. די יידן האָבן זיך זייערע שפּיצלעך. זיי קומען צוגיין און גיבן אָן אַ פּוילישן נאָמען. אַ דאָקטער דאַרף נישט פרעגן וועגן רעליגיע. דאָס איז נישט זיין עסק. מיט דעם פאַרנעמט זיך דער ספּעציעלער באַאַמטער. אָבער דער רעגיסטער ווערט געמאַכט פונעם דאָקטער. „רעליגיע?" — און לויטן ענטפער ווייסט שוין דער דאָקטער וואָס צו טון. אָבער די יידן גיבן אויך אָן קריסטלעכע רע־ליגיעס. אָט־אָ־דער טענהט אַז ער איז אַ קאַטאָליק. ער איז נאַקעט דער קאַטאָליק מיט דער לאַנגער נאָז און שוואַרצע אויגן, און דער דאָקטער באַטראַכט אים גענוי און שמייכלט. „קאַטאָליק?" פרעגט ער איבער נאָך אַמאָל מיט איראָניע, און דעמאָלט פאַרשטייט יענער אַז אויך דאָס העלפט נישט, און איילט זיך צוגעבן: „איך האָב געביטן מיין רעליגיע, איך בין געווען אַ ייד". „הם, זאָגט דער דאָקטער, אויב דו האָסט נישט קיין באַ־שייניקונג פון דער קירכע, האָט עס דיר נישט געלוינט".

נישט אַלע יידן זענען אַזוי שטיל און הכנעהדיק. פאַראַן אַזעלכע, וואָס קוקן אים, דעם דאָקטער אָן גלייך אין פּנים און רופן חוצפּהדיק אויס זייערע יידישע פאַמיליען־נעמען, און באַמיען זיך נישט אַפילו צו פאַרפּוי־לישן זייערע נעמען. „יצחק" — זאָגט איינער, און בייזערט זיך ווען מען רופט אים אָן „איצעק", אָדער „איצקאָ". אָט ערשט נעכטן, האָט איינער פון אָט־די בעלי־גאווה דאָ שיר דעם טיש נישט צעבראָכן. ער, דער דאָק־

טער, האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט אַ שוואַך האַרץ. „איך האָב אַ שוואַך האַרץ?" — האָט דער ייד זיך צעבייזערט. ווילסט מיך נישט צונעמען, נעם מיך נישט צו. איך האָב אייך אין דער ערד מיט אייער אַרמיי צוזאַמען. אָבער איך האָב אַ שוואַך האַרץ? אָט ווייז איך אייך שוין וואָס פאַר אַ שוואַך האַרץ איך האָב? — און ער האָט אָנגעכאַפּט דעם שווערן טיש פון דער קאָמיסיע און צעוואָרפן די פאַפּירן. דעם פאָלקאָווניק האָט ער אָנגעכאַפּט ביים לאַץ און געשאָקלט אים ווי אַ בוים פון וועלכן מען וויל אַראָפּשאָקלען פּירות, און אַרויסגייענדיק פון דאָרטן אונטער דער וואַך פון די ספּעציעל־אַרויסגערופענע, שמייכלענדיקע סאָוועטישע מיליציאָנערן, האָט ער נאָך אַלץ געבאַרמאָטשעט אונטער דער נאָז:

— אַזאַ אויסטראַכטעניש. איך און אַ שוואַך האַרץ...

אָבער נישט אַלע יידן באַהאַנדלט דער דאָקטער טאַקע אַזוי. ער ווייסט דער דאָקטער, אַז עטלעכע יידן טעגלעך דאַרף מען פאָרט צונעמען. ער ווייסט אויך, אַז יידן זענען פון אייביק אָן געווען צוגעוווינט צו צאָלן פאַר אַלצדינג. אַמאָל האָבן יידן נישט געוואָלט גיין דינען, האָבן זיי געצאָלט דערפאַר, איצטער ווילן זיי יאָ גיין אין דער אַרמיי, פאַרוואָס זאָלן זיי נישט צאָלן איצטער. אַזוי לאַנגווייליק איז דאָ, אין אָט־דעם פאַרוואָרפענעם אוזבעקישן העק, פאַר בראָנפן דאַרף מען אַוועקצאָלן דאָס גאַנצע געהאַלט, און ערשט קיין געלט וויל קיינער פון די בראָנפן־הענד־לער נישט נעמען, און וויפל קאָן מען דאָס גנבענען קאָנסערוון, וואָס זע־נען אויסגעטיילט פאַרן נישט־עקזיסטירנדיקן אַמבולאַנס? וויפל מונדירן קאָן מען דאָס פאַרקויפן? און ערשט יידן זענען אַזאַ פאָלק, אַז זיי וועלן דיר אַלץ אַרויסקריגן, פון אונטער דער ערד וועלן זיי אַרויסבאַקומען אַלץ וואָס מען דאַרף. דער דאָקטער האָט זיך דאָ זיינעם אַ יידל. ער ברענגט אים יעדן טאָג עטלעכע טויזנט רובל און גיט אַ צעטעלע. אַ קליין צעטעלע מיט דריי, פיר יידישע נעמען. דאָס צעטעלע קאָן מען נישט מיטנעמען צו דער קאָמיסיע. די נעמען דאַרף מען אויסלערנען פון אויסנ־ווייניק. שפּעטער, ווען אויף צומאָרגנס קומען אַריין די פּריזיוונִיקעס, דאַרף מען די נעמען גוט געדענקען. קומט אונטער אַזאַ נאָמען פונעם צעטעלע, דאַרף מען דעם מענטשן צופירן צום טיש און אַרויסזאָגן קלאָר:

— קאַטעגאָריע „אַ".

דער פאָלקאָווניק פאַרשטייט די שפּיל. אין אָוונט שפּילט דער פאָל־

קאָווניק מיטן דאָקטער אין קאָרטן. צווישן איין קאָן און דעם אַנדערן דערמאָנט דער פֿאַלקאָווניק די צאָל צוגענומענע „זשידקעס" און מאָנט אויף זיין חלק. אָ, דער פֿאַלקאָווניק וועט נישט דורכלאָזן אַנדערש און אַזוי איז עס שוין טאַקע. די שפּיל בייטאָג אָבער גייט צו ערנסט. זיי זענען ביידע ערנסט, אי דער דאָקטער, אי דער פֿאַלקאָווניק.

טיילמאָל אָבער געשעט אַן אַנדערע זאַך: יידישע נעמען זענען שווער צו פֿאַרגעדענקען פֿאַר אַ גויאיש אויער. ווי ווייט איז דען פֿון פֿעלדשטיין ביז פֿעלדמאַן, פֿון ראָזנבלום ביז ראָזנבלאַט? מאַכט זיך טיילמאָל, אַז דער דאָקטער פֿאַרטוישט די יוצרות. ער נעמט אָן דעם נישט־ריכטיקן פּריזיוניק פֿאַר דער האַנט און פֿירט אים צום טיש מיט דעם זעלבן פּזמון: קאַטעגאָריע „א".

אויף צומאָרגנס קומט דער טעות אַרויס. אויף צומאָרגנס קריגט זיך ד'אָס יידישע יינגל וואָס האָט יאָ איינגעצאָלט, מיטן „מאַכער". ער פֿאָדערט זיין געלט צוריק. דער „מאַכער" לויפֿט צום דאָקטער, און דער דאָקטער שילט די מלחמה, די קאָמיסיע, די גאַנצע זינלאָזע שפּיל און די יידישע נעמען, וועלכע ער קאָן נישט איינקריצן זיך אין זכרון. אָבער עס איז שוין פֿאַרפֿאַלן. דער צוגענומענער איז שוין צוגענומען. אַרויסוואַרפֿן אים קאָן מען נישט. צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע איז ער שוין אַוועק אַהינצו, צו דער פֿאַלאַטקע־שטאָט אינמיטן פֿון וועלכער עס בלאָזט זיך אויפֿן ווינט די פֿרעמדע, מאָדנע, ווייס־רויטע פֿאָן.

צוויי וועגן

פון דער געביידע פון דער מיליטערישער קאָמיסיע אין גוזאַר האָבן געפירט צוויי וועגן: איינער, מיט וועלכן עס האָבן אָפּמאַרשירט אין גלייכע, פירעקיקע קאָלאָנעס די צוגענומענע רעקרוטן אַהינצו, צו דער ווייסער, ציכטיקער פּאַלאַטקע־שטאָט, און אַ צווייטער אַ קורצער וועג, מיט וועלכן מען איז צוריקגעגאַנגען צום „יאַריד". דער „יאַריד" דאָס איז געווען דער צייטווייליקער לאַגער, ווו די נישט־צוגענומענע, די וועלכע האָבן דאָרט אויף דער קאָמיסיע דערהערט קאַטעגאָריאַ „דע", האָבן געוואַרט אויפן „קוויטל". דאָס קוויטל האָט באַשטעטיקט, אַז אַזאַ און אַזאַ בירגער פון דער פּוילישער רעפּובליק האָט זיך צוגעשטעלט צו מיליטערדינסט און אָנערקענט געוואָרן פאַר פּעאיק בלויז צו „פּאָספּאָליטע רושעניע בעז בראָני" (לאַנדשטורעם־אָפּטיילונג אָן וואַפן). אונטער דעם דאָזיקן ווילקלינגענדיקן נאָמען האָט זיך באַהאַלטן דער ביטערער אמת. אַז מען איז נישט צוגענומען, אַז מען וועט נישט באַקומען קיין מונדיר, מיט וועלכן עס וואָלט מעגלעך געווען צו פאַרבייטן די פאַרמיאוסטע שמאַטעס, אַז מען וועט נישט באַקומען קיין מיליטערישע קאָנסערוון, אַז דער טאָג וועט זיך ווידער אַ הענג טון איבערן קאָפּ אַן אומזיכערער, הונגעריקער און דראָענדיקער, אַז מען דאַרף זיך אויפזעצן אויף דער באַן און פאָרן צוריק. וואָס הייסט „צוריק"? וווהין, מישטיינס געזאָגט, צוריק? צו וועמען זאָל מען פאָרן? דאָרט אין די קאָלכאָזן, פון וואַנען זיי זענען אָקאָרשט אַוועק, וועט מען זיי אוודאי אָנקוקן מיט אַן איראָנישן, בייסיקן שמייכעלע: „אַהאַ, נישט צוגענומען, מען דאַרף אייך אין ערגעץ נישט" און די וועלט איז הונגעריק און אָפּגעריסן־אָפּגעשליסן, די וועלט איז אימהדיק און פול מיט פיינטלעכקייט און פרעמדקייט, די וועלט האָט זיך אָנגעשפּיצט און געשטעלט פּאָפּערעק, די וועלט איז אַ שונא.

דער פרילינג האָט זיך גענומען צייטיקן און רויטלען, ווי אַן עפּל וואָס האָט שוין פאַרזוכט די זון. ניין, דאָס איז נאָך נישט געווען קיין זומער. דער אוזבעקישער זומער האָט נאָך נישט געהאַט אַרויסגענומען פון טערקיש־קאָלירטן גאַרטל זיינעם, די גאַנצע אָנגעגליטע צעבלענדקייט, די גאַנצע צעהיצטע פאַרשרפּעטקייט און טריקעניש, אָבער דער פרילינג האָט שוין גענומען בראָטן און ברענען און פּאַמעלעך צוברוינען דעם

סטעפּ, ווי אַ פּלאַם וואָס גיט בלויז פון דער זייט אַ לעק אַ פּערטל שעפּסנס, וואָס דרייט זיך פּאַמעלעך אויפן בראַטאייזן. גרויסע פּאַרביקע, מאָדנע פּלאַטערלעך מיט פליגל ווי געהאַפּטענע אוזבעקישע מיצלעך, האָבן געזשומעט לאַנגווייליק אין די וועלקנדיקע בלומען. פּעטע, גרינע פליגן האָבן זיך געזעצט מאַסנווייז אויף יעדן שטיקל ברויט, אויף דער נאָז און אַפילו געפּרווט אַריינקריכן אין מויל, ווי נאָר מען האָט גע־פּרווט כאַפּן אַ דרימל. דאָס וואַסער אין נאַענטן טייכל איז געוואָרן שווי־מיק און געזעצט, פויל און באַדעקט מיט פאַרפוילטן שליים. דער הימל האָט זיך אויסגעלייטערט, שוין צופיל אויסגעלייטערט אַפילו, אָן אַ ברעקל וואָלקנדל, אָן אַ מינדעסטן ווייס־פּאַסיקל, אויף וועלכן דאָס אויג וואָלט זיך געקאָנט כאָטש אַ קאַפּעטשקע אָפּרוען. אַ בלאָער, אַן אומבאַפלעקט־בלאָער איז געהאָנגען דער הימל, ווי אַ גרויער, גלעזערנער, ווילד־פרעמ־דער קלאָש.

אין לאַנגע, לאַנגווייליקע, גאָרנישט־זאָגנדיקע טעג, זענען די פּלי־טים געלעגן אין זייערע פּאַלאַטקעס און דורך די שפּאַלטן אינעם אָפּגע־דו״פּעטן, שמוציקן פּאַלאַטקע־לייוונט געקוקט אויף אָט־דעם הימל טאַקע. געקוקט האָבן זיי און געפּלאַנעוועט ווהין איצט צו פאָרן, געקוקט און גע־חשבונט, וויפל רובלעס עס איז זיי נאָך פאַרבליבן אין די פאַרנייטע באַ־העלטענישן פון זייערע קויטיקע מלבושים, געקוקט און געטראַכט, וואָס איז זיי נאָך פאַרבליבן צום פאַרקויפן, געקוקט און געטראַכט מיט וואָס זאָל מען איצט אָנהייבן האַנדלען, צו וואָס קאָן מען זיך דאָס איצטער נעמען, אַז אָט־דער וועג אין דער פּוילישער אַרמיי האָט זיך שוין פאַר־שלאָסן אויף אַן אמת. דאָרט, אין די קאָלכאָזן, איז נישטאָ צו וואָס צור־ריקצופאָרן. דאָרט וועט מען זיי אוודאי אויפזינגען דעם אַלטן באַקאַנטן פּזמון, אַז „עס איז מלחמה, און מען דאַרף אַרבעטן״. פון וואַנען זאָל מען דאָס נעמען כוח צו דער אַרבעט, אָט דאָס גייט שוין קיינעם נישט אָן. קיינער וועט נישט פרעגן, פאַרוואָס מען שלאָפט נישט ביינאַכט, פאַר־וואָס מען וועקט זיך איבער מיט ווילדע געשרייען, פאַרוואָס עס רופט עמעצער פון דער נאַכטיקער שטילקייט אַרויס. קיינער וועט נישט פאַר־שטיין די בענקשאַפט, דאָס האַרץ־נאָגעניש, די פאַרקלעמטקייט. זאַכלע־כע זענען זיי אין די קאָלכאָזן, רואיקע און שטרענגע, מיט פאַרוואָלקנטע פּנימער און בייזע בליקן, מיט אָנגעצויגענע האַלבע רייד, מיט אומצוטרוי

און חשד. אין אַט־דעם גאַנצן לאַנד איז בלויז איין זאַך נאָענט געוואָרן זיי, די פּליטים, און דאָס איז די באַן. די באַן איז די זעלביקע אומעטום, די באַן איז אַן אייגענע און אַ נאָענטע, פאַר די רעדער קאָן מען זיך אָפּ־רעדן פון צעווייטיקטן האַרצן אַראָפּ, און די לאָקאָמאָטיוו וועט שוין אָפּ־ענטפערן מיט אַ לאַנגן, צעצויגענעם פייף און דערמיט געבן אַ צייכן, אַז זי פאַרשטייט אַלץ, אַז זי באַנעמט אַ יעדן מינדעסטן געדאַנק זייערן. און זי העלפט, די באַן צו באַרואיקן דאָס געמיט, זי העלפט מיטן געקלאַפּערײ פון די רעדער, מיטן אומרואיקן סאָפּען אויף די סטאַנציעס, און מיטן אייליקן צעווילדעוועטן געלויף איבער די גלאַנציקע, ווייטע, אומענדלעכע רעלסן. זי האָט קיינמאָל נישט קיין טענות, די באַן, אַפילו ווען מען פאַר־ראַט זי, אַפילו ווען מען שטייגט אָפּ און מען שפּאַנט אַוועק ערגעצווו מיט אַן אומזיכערן, וואַקלדיקן טראָט. זי ווייסט, די באַן: עס וועט ווידער קו־מען אַזאַ טאָג, ווען די בענקשאַפט נאָך ווייטקייט און אומרו וועט ווידער אַ שפּאַר טון פון סאַמע גריבעלע ביים האַרצן, אַזש ביז אַרויפצו, ביז צום גאָרגל, ביז צום אָרט ווו מען שלינגט אַראָפּ די נאַרישע, פּלוצלינג אָנגעקומענע טרערן. עס וועט קומען אַ טאָג ווען מען וועט ווידער מיט די זעלבע אומזיכערע, וואַקלדיקע טריט צוקומען צום וואָקזאַל, כלומרשט בלויז אַ קוק צו טון אויף די ווייטקייטן, און דעמאָלט וועט זי, די באַן אָנקומען אַ מונטערע, אַ פולע מיט נייע, אָפּנאַרערישע האָפענונגען, אַ דורכדרינגלעכע מיט אַ פייף וואָס וויל פאַרענטפערן אַלע פראַגן, באַרו־איקן אַלע פאַרלאַנגען און באַגערן. קורץ וועט דויערן דאָס פאַרטראַכטן זיך, זייער קורץ, און שטענדיק וועט זיגן זי, די באַן. מיט שנעלע, פּלוצ־לינג אַנטשלאָסן־געוואָרענע טריט וועט ער, דער וואַנדערער, זיך אַריינ־כאַפּן אין וואַגאָן, און די רעדער וועלן פּלאַפּלען און באַרואיקן, פּלאַפּלען און איינשלעפערן, פּלאַפּלען און פאַריאָגן אַלע שלעכטע פאַרגעפילן, בענקשאַפטן און חלומות.

איצטער וואַרט וואַרט אויף זיי, אויף די נישט צוגענומענע, ווידער די באַן. אָט, ווי נאָר זיי באַקומען דאָס קוויטל פון דער קאָמיסיע, פאָרן זיי באַלד אַוועק. ערגעץ וועט מען דאָך דערפאָרן, און דאָרט וועט מען שוין ווייטער טראַכטן. אפשר לאָזט זיך עפּעס צוטראַכטן שוין אויפן אָרט? אַהאַ, עפּעס קאָן מען פאָרט אויפטון, אָט גייען אַוועק די צוגענומענע אין דעם קאַזאַר־מע־לאַגער. מאָרגן וועט מען זיי אַרויסגעבן גוטע מילטערישע שיך, מונ־

דירן, היטלען. מן־הסתם ווילן זיי פאַרקויפן די מלבושים, וואָס זיי טראָגן אויף זיך. מלבושים... שוין איינמאָל מלבושים... אָבער דאָ, אין אָט־דעם הונגעריקן און נאַקעטן לאַנד איז אַלצדינג סחורה. דאָ קאָן מען פאַר־האַנדלען אַלץ. זיי רייסן זיך אויף פון זייערן האַלב־דרימל, די פליטים, און לאָזן זיך נאָכגיין די אַוועקגייענדיקע קאַלאַנעס. די צוגעגנומענע זענען צופרידן, זיי וואַרפן אַראָפּ פון זייערע פיס די צעריסענע שיך און פאַר־האַנדלען זיי אַזוי גייענדיק. זיי מאַרשירן אַוועק צום לאַגער באָרוועסע און פריילעכע. נאָך די פופייקעס און אַנדערע בגדים הייסן זיי קומען אויפ־צומאַרגנס. יאָ, זיי וועלן פאַרקויפן. צו וואָס דאַרף מען דען אַלטע מל־בושים? אויפצומאָרגנס איז די דראָטן־באַצוימונג לעבן לאַגער פול מיט „סוחרים". זיי גייען אַוועק פון דאָרטן, די „סוחרים" אָנגעלאָדענע מיט שווערע פעק. אויפן וועג חשבונט מען וויפל מען וועט קאָנען פאַרדינען. אין דער קאָמיסיע זידלט מען זיך, אַז מען זאָל זיי שוין אַרויסגעבן די קוויטלעך וואָס שנעלער. נישט צוגענומען? מילא, פאַרפאַלן. אָבער דאָ זיצן גלוסט זיך זיי נישט. אמת, דערווייל גיט מען זיי דאָ צו עסן. ס'עסן איז דווקא געשמאַק, אָבער וואָס פאַר אַ טעם האָט אַ מאַלצייט, ווען מען ווייסט, אַז מאָרגן האָט עס אַ ברירה שוין נישט צו זיין. ניין, שוין גליי־כער יענער מאַלצייט, דער הונגעריקער, דער אויסגעשטאַנענער אין די אָטשערעדעס, דער אויסגעהאַנדלטער אין די טאָלטשאָקס, אָבער דער איי־גענער, דער פאַרדינטער מיט אייגענעם שכל און האַווען. מוחל די טובות!

שוין פאַר דעם אַרויפגיין אויף דער באַן הייבט זיך אָן דער האַנדל. מען באַטראַכט איינער ביים אַנדערן די איינגעקויפטע מציאות. מען הייבט אָן אפילו צו האַנדלען צווישן זיך. מען רעדט זיך אָפּ צו פאָרן אין אַ געוויסער שטאָט צוזאַמען. מען שליסט שותפותן. מען ברויזט און מען איז פול מיט אומרואיקייט. אָט שטייט זי שוין די באַן. זי האָט אַהער־געבראַכט פרישע רעקרוטן, פרישע בעלנים אויף צו גיין אין מיליטער. גוט! זאָלן זיי זיך נאַרן מיט אומזיסטע האָפענונגען, זאָלן זיי זיך איינ־רעדן, אַז אָט־דאָ ענדיקט זיך דער אומזיכערער טאָג זייערער. זיי, די נישט־צוגענומענע ווייסן שוין אַלץ. זיי ווייסן, אַז סוף־כל־סוף וועט מען זיך פאָרט מוזן איבערבעטן מיט דער אַלטער, געטרייער, אַלץ־פאַרגעבנ־דיקער צויבערן, מיט דער פאַרסאָפּעטער כישופמאַכערן, מיט דער אויל־באַדעקטער, שווייסיקער לאָקאָמאָטיוו.

פאַראַן אַזעלכע צווישן די נישט־צוגענומענע, וואָס האָבן דאָרט, אין דער ווייסער פּאַלאַטקע־שטאָט איבערגעלאָזט אַ נאָענטן חבר. ווען וועט מען זיך שוין איצטער זען? אַזוי מאָדנע איז עס. מען איז געשלאָפן צו־זאַמען, אויסגערעדט זיך דאָס האַרץ איינער פאַרן אַנדערן, געגראָבלט צו־זאַמען מיט וואַגאַבונדישע פינגער אין די אייטערדיקע ווונדן פון בענק־שאַפט נאָכן פאַרגאַנגענעם, נאָכן אַמאָליקן, צוזאַמען געשפּינט פאַנטאַס־טישע פּלענער, געאַמפּערט זיך, געדיסקוטירט, און פּלוצלינג: ער וועט פאַרבלייבן דאָרט, אינעם מיליטערישן לאַגער, און דער צווייטער וועט זיך אויפזעצן אויף דער באַן איינער אַליין. ווידער אַמאָל די זעלבע, אַלט־באַקאַנטע נאָגעניש, דער זעלבער ריס פון ווייטיק, דער זעלבער ביטערער טעם וואָס הייסט: צעשיידונג.

אין יענעם, אין צווייטן לאַגער, אינעם לאַגער פון די גלייך־אויסגע־שטעלטע, גלייכפאָרמירטע פּאַלאַטקעס, איבער וועלכע עס געוועלטיקט ז'ער הויכער מאַסט מיט דער ווייס־רויטער פאָן, איז דאָס לעבן אַוועק גאָר אײַנגאַנצן אַנדערש. די טעג האָבן פאַרלוירן זייער צעשוווּמענע צעפלאָסנ־קייט און מען האָט זיי צעקעסטלט און צעשניטן אין גלייכע חלקים מיט גלאָטע, שאַרפע קאַנטן. אויסגעמאָסטן זענען זיי געוואָרן, די טעג, און איינגעטיילט אויף שעהן, אויף מינוטן און טיילמאָל אפילו אויף סע־קונדן. די ערד איז געוואָרן אויס ווייטקייט, די ערד האָט באַקומען אַ פאָרעם און גרענעצן. אָט־דאָ איז דער לאַגער, אָט־דאָ איז די פּאַלאַטקע, דײַן פּאַלאַטקע, אָט־דאָ איז דאָס פּיצעלע אָרט ווו דו דאַרפסט זיך פאַר־בעטן דײַן געלעגער. דאָס געלעגער איז אויך באַגרענעצט. די קאָלדרע איז אַ גלייך־פאַרקנייטשטער פּירקאַנט. בײַטאָג טאָר מען זיך נישט זעצן אויפן געלעגער. בײַטאָג וואַרט דאָס געלעגער אויפן שטרענגן, וואַכזאַמען אויג פונעם אינספּעקציע־אָפיציר, בײַטאָג איז מען פאַרנומען; מען פּרוּווט אַרײַנפּאַסן דעם פוילן, אומדיסציפּלינירטן קערפּער צו באַוועגונגען האַס־טיקע און שנעלע, צו טריט גלייכע און שטייפע, צו אַ גאַנג אַ זיכערן און אָפּגעמאָסטענעם. אין דער פּרימאָרגנדיקער, בלאָלעכער לופט שטעלן זיך אויס די קאָמפּאַניעס, באַטאַליאָנען און דרוזשינעס אין אַ לאַנגן צעצוי־גענעם פראָנט. די שיך — ענגלישע גוטע שיך, אויסגעפּוצט, די מונדירן — ענגלישע, נײַע מונדירן, אָפּגעצויגן. דער בליק אַ שטייפער, די גאָמ־בע אַרײַנגעצויגן, די ברוסט — מיט דער לעצטער אָנגעשטרענגטקייט אָן

אָנגעגעבענע פּאַראַויס, די הענט — גלייך אַראָפּגעלאָזן לענגאויס די קאַנטן פון די הויזן. אָפּגעציילט — „פולק, באַטשנאָשטש" (אַכטונג), דאָס נעמט אָן דער יונגער פּאָרוטשניקל מיט אַ קולכל ווי ביי אַ קרייענ־דיק הענדעלע, דעם ראַפּאָרט. שפּעטער פאַלן אָפּגעהאַקטע, הייזעריקע באַפעלן פון די אָפיצירן. די אָפּטיילונגען מאַרשירן אָפּ אויף איבונגען.

קיין געווער איז נישט פאַראַן נאָך. אויף אַ קאָמפּאַניע פון הונדערט מאַן — פינף ביקסן. פינף מענטשן קאָנען בלויז זיך איינאיבן מיט דער ביקס אין האַנט. די איבעריקע לערנען זיך מאַרשירן. באַוואָנצעטע אַלטע פּאָליציאַנטן מאַרשירן צוזאַמען מיט יונגע שקצימלעך וואָס האָבן נאָך קיינמאָל נישט פאַרזוכט דעם ריח און טעם פון קאַזאַרמע. אַלטע, פּראָ־פעסיאָנעלע „זאַוואָדאָווע" אונטעראָפיצירן, וואָס האָבן דאָרט אין פוילן דורכגעלאָזט הונדערטער תמעוואַטע רעקרוטן דורך זייערע הענט, ווערן פלוצלינג געוואָר, אַז זיי קאָנען נישט שטעלן קיין טראָט. צעפלאָסן איז ער געוואָרן דער טראָט און ברייט, אומבאַגרענעצט און אומבאַצוימט, שליאַבעריק און נאַכלעסיק. איצטער־אָ פאָדערט מען פון זיי, פון די אַלטע אויסגעדינטע סאָלדאַטן, זיי זאָלן זיך לערנען ווידעראַמאָל דאָס וואָס זיי האָבן שוין פון לאַנג פאַרגעסן. „אַ פוילישער סאָלדאַט דאַרף האָבן אַ זעלנערישן אויסזען" — בייזערן זיך אָפיצירישע, מלא־רציחהדיקע גאָרג־לען. אַ מאָדנער שמייכל הענגט אויף די פויעריש־סאָלדאַטישע פנימער. דוכט זיך, מען שרייט אויף זיי, אַ יאָ? אָבער זיי זענען צופרידן. דער געשריי איז אַן אַמאָליקער, דער געשריי איז אַ היימישער. דער געשריי דער־מאָנט, אַז דאָס וואָס איז געווען אַמאָל קאָן, האָט אַ ברירה, וועט זיכער צוריקקומען. אמת, אויף ווייטער און פרעמדער ערד קומט ער דער גע־שריי, סיידווי וועלן זיי איצט קיין מיליטערישן אויסזען נישט האָבן, ווייל ווי געשיקט עס זיך אַ סאָלדאַט אָן אַ ביקס, אָבער פונדעסטוועגן, אָט דער געשריי שמעקט מיט אַמאָליקער קאַזאַרמע, אָט דער געשריי רירט אָן ביי זיי עפּעס אַזעלכעס, וואָס זיי האָבן זיך שוין מיאש געווען, צי עס וועט בכלל נאָך צוריקקומען. און אָט איז עס געקומען. דאָס מויל וואָס שרייט איז אַן אָפיצירישע מויל. ערשט נעכטן איז עס געווען איינגעפאַלן דאָס מויל, און אין די ווינקעלעך און די קנייטשן וואָס אַרום די אויגן האָבן גע־האָנגען שרעק געמישט מיט הכנעהדיקייט. איצט אָבער איז עס חוצפּה־דיק און אין דער רציחה, אויף די אויפגעהויבענע וואָנצעס, אין די בלו־

טיקע אָדערלעך פון די רויטלעכע אויגן, אינעם גלאַנץ פונעם זילבערנעם אָדלערל וואָס אויפן היטל, אויף די שטערנדלעך וואָס אויף די שליפעס, אויף אָט־דעם אַלעם האָט זיך איצט מיט אַ פריילעכער דערמאָנונג באַזעצט דער פאַרלוירענער פוילישער אַמאָל, וואָס אפשר וועט ער נאָך פאָרט צוריקקומען. שטרענגען זיך טאַקע אָן אויסגעמאַטערטע פיס, וואָס זענען דורכגעלאָפן פון אַרכאַנגעלסקער שנייען ביז טאַשקענטער סטעפעס, הייבן זיך אין אַ ריטמישער, אָפּגעהאַקטער באַוועגונג העגט ביז צו דער הויך פון נייעם, שטייף־לעדערנעם פאַסיק, פרווט מען זיך דערמאָנען דעם טראָט פון יענע אַלטע קאַזאַרמישע צייטן, און איבער די ליפן העגגט דאָס פאַרגעבנדיקע פויערישע שמייכעלע וואָס זאָגט: „שריי, שריי, דערויף ביסטו, אַז דו זאָלסט שרייען, און דערויף בין איך, איך זאָל דיר נישט ענטפערן“.

דאָס מאָלצייט ווערט געקאָכט און אויסגעטיילט אין דער קיך, אָבער ברויט פאַרטיילט מען לויט די פאַלאַטקעס. יעדע פאַלאַטקע באַקומט לויט דער צאָל פון די „מיילער“. דאָס ברויט פאַרטיילט דער קאַפּראַל. אַ מאָדנע זאַך — דער קאַפּראַל איז דער איינציקער אונטעראָפיציר אין דער פאַלאַטקע און ער איז אַ ייד. ער האָט מורא געקראָגן פאַר פאָרווורפן. אַז ער וועט אומגערעכט צעטיילן דאָס ברויט און לויפט צו אַנדערע פאַלאַטקע־קאָמאַנדירן געוואָר ווערן, ווי אַזוי זיי טוען. אַלע האָבן זיך געמאַכט וואָגלעך. יאָ, מיט היימישע מיטלען, מיט אַ שטיקל שטריקל, אַ העלצל און צוויי שטיקעלעך טאָוול האָט מען געמאַכט אַ קליין וואָגעלע. אויך ער, דער יידישער קאַפּראַל, האָט זיך געמאַכט אַזאַ וואָג. איצטער צעשניידט ער דאָס ברויט אין עלף גלייכע חלקים. שווער צו צעשניידן דריי ברייטלעך אויף עלף חלקים. אויסרעכענען עס איז אוממעגלעך, מען דאַרף האָבן העכערע מאַטעמאַטישע בילדונג, און אויך דאָס איז נישט קיין באַוואָרעניש קעגן אַן אומגערעכטיקייט. אָבער אַ וואָג איז שוין אַן אַנדערע זאַך. יעדעס ברויט ווערט צעשניטן אויף עלף אָפּגעוויגענע פענעצן. יעדער סאָלדאַט באַקומט דריי אַזעלכע פענעצלעך. צוויי וויקלט מען איין אין האַנטעך און מען באַהאַלט אין זעקל צוקאָפּנס, און איינס עסט מען. מען קייט דאָס ברויט פאַמעלעך, ברויט וואָס מען דאַרף עס נישט אויסשטיין אין אָטשערעד, ברויט וואָס מען דאַרף נישט קלערן ווו עס איינצוקויפן, ברויט וואָס איז ווייך און באַטעמט. ברויט וואָס איז דאָ היינט,

און וועט מאָרגן ווידער קומען, עס וועט קומען מיט דער פּולסטער זיכער־קייט, דאָס ערשטע זיכערע שטיקל ברויט נאָך אַזוי פיל צופעליקע ביסנס.

דער סערזשאַנט־שעף פירט די קאָמפּאַניע אויף מיטיק. די מעטאַלע־נע מענאַשקעס אויסגעריבענע מיט זאַמד, זיי זאָלן גלאַנצן. איינער, אַ סאָלדאַט וואָס האָט זיך געוואָלט גאָר אויספיינערן, האָט אויסגעריבן זיין מענאַשקע מיט טערפּעטין און מיט קרייד. איצטער גלאַנצט זי, די מע־נאַשקע אָבער זי שטינקט. אַלע לאַכן, אָבער ער, דער סאָלדאַט מיטן האַרטן קאָפּ איז צופרידן. קיינעמס מענאַשקע גלאַנצט נישט אַזוי ווי זיי־נע. דאָס, וואָס עס וועט זיך פילן פון עסן, דאָס איז אַ נאַרישקייט. דער עיקר, אַז ער האָט די גלאַנצנדיקסטע מענאַשקע אין דער קאָמפּאַניע. די קוכערס טיילן אויס דאָס מיטיק מיט שנעלע, געשיקטע באַוועגונגען. סאָל־דאַטישע אויגן קוקן אויפן קוכערס הענט און בעטן: „שטעק אַריין טיפער דעם לעפל, גיב מיר דאָס געדיכטע פון סאַמע דנאָ". אָבער ער, דער קו־כער, לייגט נישט קיין אַכט דערויף. ער גיסט די זופּ, אַזוי ווי אים גלוסט. עס אַרט אים נישט, אויב עמעצער גייט אַוועק און קוקט מיט אַנטוי־שונג אין דער שיטערער יושקע. ער האָט קיין צייט נישט דער קוכער.ביים סאָלדאַט איז דאָס מיטיק איינס, ביי אים, ביים קוכער איז עס עט־לעכע הונדערט. באַזונדערס זיי, די קוכערס, האָבן זיך זייער אַלטן פּזמון: „ווילסט פרעסן? קום רייבן די קעסלען אין קיך, וועסטו פרעסן".

ביינאַכט ליגט מען אויף די געלעגערס און מען שמועסט פּאָליטיק: איז טאַקע אמת, אַז די אַרמיי וועט אַרויס קיין אויסלאַנד? פאַראַן אַזעל־כע, וואָס צווייפלען אין דער גאַנצער געשיכטע. אָט איז ערשט נישט לאַנג געווען אין לאַגער דער גענעראַל באַגוש, וואָס איז געווען אין מאָסקווע, און אָנגעזאָגט אויפן פאַראַד אַלע סאָלדאַטן, אַז זיי זאָלן זיך איינמאָל פאַר אַלע מאָל אַרויסשלאָגן אָט דאָס „אויסלאַנד" פון קאָפּ אַרויס. מען דאַרף זיך אויסאיבן און מען וועט אַוועק אויפן פראָנט צוזאַמען מיט די רוסן, און פאַרשטענדלעך איז דאָך דאָס, ווייל ווער דאַרף אַריין קיין פוילן דער ערשטער, אויב נישט אַ פּוילישע אַרמיי? אַנדערע לאַכן, זיי לאַכן פונעם בלויזן איינפאַל אַריינצומאַרשירן קיין פּוילן. ווי אַזוי קאָן מען דאָס בכלל טראַכטן וועגן דעם איצט, ווען דער דייטש שטייט שוין לעבן באַקו? נאָך אַנדערע דערציילן ווידער, אַז גאָר אינגיכן וועלן געשען וויכטיקע נייעס. עס דאַרף אַראָפּקומען פון מאָסקווע אַ נייער גענעראַל, וועמען די

רוסן האָבן געהאַלטן אַ לאַנגע צייט אין תּפיסה, דער גענעראַל וולאַדיס־לאַוו אַנדערס. אַט־אַ דער אַנדערט דאַרף ברענגען גאַר וואַזשנע נייעס.

פון סאַמע עקסטן בעטל דערגייט אַ שנאָרכן. עמעצער פאַרגנבעט זיך און אין בלאָסן שיין פון דער פאַרגנבעטער לבנה שטעקט ער אַריין דעם שנאָרכעדיקן אַ שטרוי אין דער נאָז. אַ הויכער „ששש־יק" און אַ זיד־לעריי. אויף די קולות קומט צוגיין דער דעזשורנע קאַפּראַל. ער באַפעלט צו שלאָפן. קיין פּיפּס וויל ער נישט הערן. אין דרויסן וואָיען די שאַקאַלן און פון טיף־גראַנאַטענעם הימל גיסט זיך דאָס בלאַסע לבנהדיקע זילבער. אַ לייכט ווינטל בלאָזט אינעם לייוונט פון דער פּאַלאַטקע און העגנט אָן אויף די שטריק צעגלאַנצטע, בלישטשענדיקע פּערעלעך טוי.

דער שלאָף ווערט איבערגעשניטן ראַפּטעם, ווי מיט אַ מעסער. יאָ, ס'איז שוין פאַרטאָג און דער טרומייטער שפּילט לעבן פּאָן די „פּאָבוד־קע", דעם וועק־מאַרש. אין דער האַלב־טונקעלער פּאַלאַטקע אַ יאָגעניש מיט אַ געפּילדער. אין דער קאַיאַריקער בלאָקייט צעשטעלן זיך באַלד די קאָמפּאַניעס און עס פאַלט דער באַפעל:

— דאָ מאָדליטווי! (אָפּריכטן די תּפילה).

קעפּ אַנטבלויזן זיך. פּויערישע, קודלעוואַטע און געשוירענע קעפּ. אויגן הייבן זיך אויף צום הימל ווו עס בליאַקעווען אָפּ די לעצטע בלאַסע שטערן. אין דער שטילינקער קאַיאַריקייט צעברומט זיך דער פרומער פּוי־לישער געזאַנג:

— קעדי ראַננע ווסטאַיאָן זאָזשע...*) (ווען דער מאָרגנרויט שטייט אויף...)

אוזבעקן פונעם נאָענטן קאָלכאָז טרייבן אין סטעפּ די טשערעדעס. די שעפּסן ענטפערן אָפּ אויפן פּוילישן געזאַנג מיט אַ מעקען און בע־טשעריי. דאָס געזאַנג וואַלגערט זיך און קייקלט זיך איבערן סטעפּ, אַ טעמפּס און אַן איינגעשפּאַרטס, אַ פרעמד און אַ מאָדנע פאַרבלאָנקעט געזאַנג. די אוזבעקן שטעלן זיך אָפּ פון דער ווייטן און פרעגן איינער ביים אַנדערן וואָס דאָס געזאַנג באַטייט.

— די פּאָלאַקן בעטן צו זייער אַללאַ... — פאַלט דער ענטפער.

---

*) אַ ליד פונעם פּוילישן דיכטער פון 19טן י. ה. פראַנצישעק קאַרפּינסקי. באַנוצט אין דער פּוילישער אַרמיי אַלס פרימאָרגן־תּפילה.

פוילן אונטערוועגנס

טעג זענען אַוועק רואיקע, איינטאָניקע, איינער צום אַנדערן ווי צוויי טראָפּנס וואַסער ענלעכע, טעג ווי לאַנגווייליקע פּאַראַגראַפן, פונעם מיליטערישן רעגולאַמין אויסגעשניטענע, טעג ווי שורות אויסגעמושטירטע, פאַרגליווערטע, בלייערנע סאָלדאַטן אויפן גרינעם סטעפּישן טיש אויסגעשטעלטע. די פלאַכע רואיקייט פונעם ווייטן סטעפּ האָט אויסגעגלעט די צעברויזטקייט פון די דורכגעלאָפענע וועגן. דאָס אָפּגעווויגענע, אָפּגעמאָסטענע שטיקל ברויט האָט אָפּגעווישט דאָס בלוט־קאָכעניש פון די שטורעמדיקע, שגעונדיקע אָטשערעדן. דער ווינט האָט אָפּגעברענט די באַקן, וואָס האָבן צו ביסלעך אָנגעהויבן פולער ווערן און די פּאַרטאָגיקע גימנאַסטיק האָט אַרייַנגעגעבן מער זיכערקייט אין די שליאַבעריק־געוואָרענע מוסקולן. ווו איז אַהינגעקומען די בילדערישע אָפּגעשליסנקייט פון די כלערליי שמאַטעס, פּופּייקעס און געלאַטעטע רעקלעך? זי איז איינגעשלונגען געוואָרן אין דער איינפאַרביקייט פון די מונדירן. ווו איז אַהינגעקומען די נערוועז־צעלאָפענע שגעונדיקייט פון די בליקן און באַוועגונגען? זי איז פאַרגליווערט געוואָרן אין דער אָנגעצויגנקייט פון די גלייך־אויסגעפאָרמירטע באַטאַליאָנען. ווו איז אַהינגעקומען די אומזיכערקייט, שרעק, מורא? אָט קוקט זי נאָך טיילמאָל אַרויס פון די אויגן, אָבער נאָר טיילמאָל, אָבער די פּאַלאַטקע באַרואיקט, דאָס געלעגער באַרואיקט, דער רויך פון דער קיך באַרואיקט, דער סטעפּ גלעט מיט גוטע הענט און באַרואיקט.

וואָס איז דען געשען אויף אָט דעם שטיקל סאָוועטישער ערד? דוכט זיך גאָרנישט, אָבער פאָרט איז עס אינגאַנצן אַנדערש. אָט־אָ־דאָס שטיקל ערד איז אַ מין פּוילישער אינדזל אין ברייטן, הונגעריקן, קאָנוולסיוו־אָנגעשטרענגטן סאָוועטישן ים. דער ים שטורעמט. פונעם ים דערגייען ווייטע, געדעמפּטע אָפּקלאַנגען פון דעם בלוטיקן געראַנגל: אַז די נאַציס האָבן גענומען קערטש, אַז אויסער סעוואַסטאָפּאָל איז גאַנץ קרים כמעט אין דייטשישע הענט, אַז טימאָשענקאָס אָפּענסיווע אויף מזרח פון כאַרקאָוו האָט וויניק־וואָס געלינדערט די לאַגע, אַז די דייטשן שניידן זיך אַריין וואָס אַמאָל ווייטער אינעם קאַווקאַזישן לאַנד. אָט־דאָס זענען געווען די קלאַנגען פון די פראָנטן און דערפון וואָס אין לאַנד גופא

טוט זיך האָט מען געוווּסט: אַז כמעט אַלע מענער פון די קאַלכאָזן האָט מען אַוועקגענומען אין דער רויטער אַרמיי, אַז היי־יאָר וועלן די פרויען דאַרפן אַליין באַאַרבעטן די פעלדער, אַז צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פונעם ראַטנפאַרבאַנד איז נישט געפייערט געוואָרן דער ערשטער מאַי יום־טוב, און אַז סטאַלין האָט צום ערשטן מאַי אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אַז „דאָס יאָר 1942 דאַרף ווערן דאָס יאָר פון דער ענדגילטיקער מפּלה פון די נאַציִשע באַנדיטן". אָט־אָ דעם באַפעל האָט מען אין די סאָוועטישע צייטונגען אָנגערופן: „אַ גערעץ (זאַקאָן) פאַרן סאָוועטישן פאָלק". דאָס אַלץ איז איצטער דערגאַנגען צו די פּוילישע סאָלדאַטישע אויערן ווי עס וואָלט געקומען פון ווייט, פון ערגעץ זייער ווייט. דאָ, אין אָט דעם לאַגער איז די זון אויפגעשטאַנען אַ יעדן טאָג אַ פרישע און אויסגעוואַשענע. דאָ האָט מען געקנעלט מיט אַלטע און יונגע סאָלדאַטן ווי אַזוי צו שטעלן אַ גלייכן „עכט־מיליטערישן" טראָט. דאָ האָט מען מיט גרויס פאַרזיכטיקייט געפּוצט, געשמירט מיט פעטס די איינצלנע פינף ביקסן אין יעדער קאָמפּאַניע און פּויערישע שווערע קעפּ האָבן געלערנט אויף אויסנווייניק ווי אַזוי עס הייסט דער אָדער יענער טייל פון דער ביקס. דאָ האָבן די עדוקאַציע־אָפיצירן געהאַלטן לעקציעס פון וועלכע מען האָט געקאָנט געוווּר ווערן ווער עס זענען די מיניסטאָרן פון דער לאָנדאָנער פּוילישער רעגירונג, ווי אַזוי פּוילן וועט אויפנעמען אירע זיגרייכע זין, פאַרוואָס הייסט די הייליקע מאַריאַ — „די קעניגן פון דער פּוילישער קרוין" און ווי שטאַרק איז די ליבע פון רוימישן פּויפּסט צום פּוילישן פאָלק. בלויז איין זאַך איז שווער געווען צו דערגיין: צי וועט בכלל די דאָזיקע אַרמיי ווען עס איז אַריין אין קאַמף אָדער ניין.

יעדן זונטיק אינדערפרי: אַ גאָטעסדינגסט. אַ ספּעציעל צוגעפּאַסטע פּאַלאַטקע האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מין פעלד־אַלטאַר. אויף אַ שמאָלן, ווייס־באַדעקטן טישל שטייט אַ האָלצערנער קרוציפיקס. אַ מעטאַלענער קריסטוס, אַ קליינטשיקער, אַן איינגעקאָרטשעטער, אַ שליאַבערדיקאַראָפּהענגענדיקער קוקט מיט פּוסטע, מעטאַלענע אויגן אויף די אייגענע צונויפגעטשעפּעטע פּיס. דער גלח, מיט אַ ווייסן קיטל איבער דעם מיליטערישן מונדיר זיינעם שעפּטשעט שטיל, שטיל, מיט בלוטלאָזע, פאַרבלאָזע ליפּן און קוקט אויף זיינע אייגענע צונויפגעלייגטע הענט. די סאָלדאַטיש־פּויערישע מאַסע שטייט מיט אַנטבלויזטע קעפּ און לאָזט זיך פאַ־

מעלעך, פֿאַמעלעך אַראָפּ אויף די קני. אויך זיי האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, אויך זיי האָבן צונויפֿגעלייגט די הענט. וועגן וואָס קלערן זיי איצטער? וואָס בעטן זיי איצטער? צי דאַנקען זיי דעם קליינעם פֿאַרוווּנדעטן מענטשעלע, וואָס האָט זיי שוין איינמאָל דערלייזט פֿון זייערע זינד, פֿאַרן לעבן־בלייבן, פֿאַרן דורכקומען דעם לאַגער, פֿאַרן דערגרייכן אַזש דאָ אַהער? צי בעטן זיי אַ רואיקן צוריקער צו זייערע היימען? צי געדענקען זיי די קאָרענע צעוויגטע פּוילישע פֿעלדער? צי געדענקען זיי די סאָסנעס און דעמבעס און איינגעהויקערטע ווערבעס מיט צעפּ צעלאָזענע איבערן וואַסער? צי געדענקען זיי טעג שטילע, אויפֿגאַנגען בלוילעכע, זונפֿאַרגאַנגען פֿלאַמיקע, רעגנס האַרבסטיקע, שנייען צעפּלאַטערטע? צי געדענקען זיי פּוילן? צי האָט זיי אויסגעלייטערט דער נע־ונד איבער וועגן ווייטע און ענדלאָזע? צי האָט זיי דערבאַרעמדיק און גוטהאַרציק געמאַכט דער הונגער, די נויט, די היימלאָזיקייט? צי קלערן זיי וועגן דעם, אַז אַט דער קריסטוס האָט געהייסן ליב האָבן? צי האָבן זיי פֿיינט באַקומען דאָס שלעכטע און ליב באַקומען דאָס גוטע, דאָס האַרציקע, דאָס נשמהדיקע? ווער ווייס, ווער ווייס... פֿון דעם קניען הייבן זיי זיך אויף מיט פּנימער פֿויעריש־טעמפּע, האַלצערנע און פֿאַרגליווערטע, מיט בליקן ווייט־פֿאַרקוקטע, אָבער הינטיש־אונטערטעניקע. אָט זינגען זיי די תּפֿלה, דאָס געזאַנג איז גלייך און איינטאָניק. דאָס געזאַנג איז ווי אַן אַלט, פּויעריש הייליק בילד, וואָס הענגט אין ווינקל פֿון אַ פּויערשער כאַטע. אָט איז שוין דאָס גאָטעס־דינסט פֿאַרענדיקט. זיי מאַרשירן צוריק צו זייערע פּאַלאַטקעס. „איינס ־צוויי, איינס־צוויי“. זייער טראָט איז האַמעטנע און שווער. זייער טראָט איז סאָלדאַטיש גלייכגילטיק און געזעצט. „אָפּטיילונג — גרייטן זיך צום מיטאָג“. זיי צעלויפֿן זיך שנעל, בליץ שנעל, ווי הינט וואָס האָבן דערפֿילט אַ ביין. ווער עס וועט שטיין דער ערשטער אין ריי, דער וועט זיין נענטער צום קעסל. גיכער, גיכער דאַרף מען אַרויסשלעפּן די מענאַשקעס פֿון רוקזאַק און לויפֿן צוריק צום זאַמל־פּלאַץ. די יידן זענען אויפֿן גאָטעסדינסט נישט געווען. די יידן שטייען שוין מיט זייערע מענאַשקעס גרייט. אָט די יידן מוזן פֿון יעדער זאַך אַרויסנעמען עפּעס אַ געווינס. אַפֿילו דערפֿון וואָס זיי זענען אומגלויביק און גאָטלאָז. אָט שטייען זיי שוין די ערשטע, ווידער די ערשטע, שטענדיק די ערשטע. ניין, זאָגן קאָן מען גאָרנישט. קודם־כל איז פֿאַרבאָטן זיך צו שלאָגן אין

ריי, צווייטנס וואָס פאַר אַ טענה קאָן מען האָבן, אַז זיי זענען דאָך פאָרט באַפרייט פון גאָטעסדינסט, דריטנס, יאָ, דריטנס דאָ איז נאָך פאָרט סאָוועטישע ערד, און מען טאָר נישט סתם פונאַנדערלאָזן די צונג. אָבער אין די אויגן ברענט אַ שלעכט פייערל, אין די אויגן ליגט פויערישע נכפה. אין די אויגן גליט דער אייביקער, היצלישער האַס און צווישן די ציין צישעט ווי ביי אַ שלאַנג, אַ צונויפגעדריקטער, איינגעביסענער, קוים באַמערקבאַרער אָבער פאָרט דייטלעכער: „זש־זש־זשידו!"

נאָכן מיטאָג איז מען רואיקער. אָט דער „זשידעק" (יידל) איז פאָרט אַן אייגענער, אַ פּוילישער זשידעק. ער רעדט פּויליש גוט, אָבער ס'איז פאָרט אַנגענעם אים אויסצולאַכן. כלומרשט חבריש, כלומרשט גוטברודעריש, כלומרשט נישט מיט קיין שום בייזע כוונות, אָבער אַ שטאָך טאָן שאַדט נישט. ער בייזערט זיך דער ייד, פאַראַן אַפילו טיילמאָל אַזעלכער וואָס פאַרפאָרט גלייך אין די ציין. פאַראַן אַזעלכער, וואָס לאָזט זיך נישט שפּייען אין דער קאַשע און שפּרינגט גלייך צום גאָרגל. אַזאַ אַ זשידעק קאָן מען איינגעמען מיט אַ גוט וואָרט. קיינער האָט נישט געמיינט קיין שלעכטס. איצט זענען אַלע ברידער. אַלע זענען פּוילנס זין, און אַלע דאַרפן אָנקומען אַהיים. אַזוי רעדן די מיילער, אָבער אין די אויגן ליגט דער זעלבער גיפטיקער שלאַנג. אויף דער שפּיץ צונג ליגט אַן אַנדער זידל־וואָרט. איצטער דאַרף מען עס אַראָפּשלינגען, אָבער... אַ צייט וועט נאָך קומען...

יעדן זונטיק נאָכמיטאָג קומען פאַר פאַרוויילונגען. אָפטיילונגען מאַרשירן אָפּ אין געשלאָסענע קאָלאָנעס צוםברייטן פּלאַץ, אין מיט פון וועלכן עס פלאַטערט די ווייס־רויטע פאָן. אויף ספּעציעל צוגעטראָגענע שטולן זעצן זיך אַוועק די אָפיצירן פונעם שטאָב. זיי האָבן אונטערגעדרייט די גרויע וואָנצעס אויפן אַמאָליקן פּוילישן שטייגער און זיצן גלייכע און שטייף־אָנגעצויגענע מיט קליינע שפּיצרוטלעך אין די הענט. אין די אויגן זייערע — די אַמאָליקע שליאַכעצקע אָנגעבלאָזנקייט און גאווה, אין די באַוועגונגען — מאַכטהאָבערישקייט און באַפעלערישקייט. אַרום און אַרום זיצן אויפן גראָז די סאָלדאַטן און אונטעראָפיצירן. דער עדוקאַציע־אָפיציר קלערט אויף די באַדייטונג פון דעם הייַנטיקן אַרויסטריט פון דער זעלנערישער אַרטיסטן־גרופּע: אַז מען איז אויסן צו דערמאָנען דעם סאָלדאַט, אַז ער איז טאַקע דער קעמפער פאַר פּוילנס אומאָפּהענ־

גיקייט, אַז מען וויל אים אַריבערטראָגן כאָטש אין געדאַנק אַהינצו, קיין פוילן, אַז מען וויל אים דערמאָנען דאָס אַלץ, וואָס ער האָט שוין פאַר־געסן, אָדער ער האַלט ביים פאַרגעסן. די „אַרטיסטן" רעציטירן און זינ־גען. זיי רעציטירן אומגעלומפּערטע נאַאיווע לידער פון היימישע זעלנע־רישע פּאָעטן און די זינגער זינגען די אַמאָליקע פּויליש־יידישע טאַנגאָס. יאָ, פּויליש־יידישע זענען זיי די טאַנגאָס, ווייל די ווערטער זענען טאַקע פּויליש און פוילן איז דאָס לאַנד וווּ זיי זענען געשריבן און אויפגעפירט געוואָרן, אָבער זיי זענען יידיש אויך, ווייל אַלע טאַנגאָ־קאָמפּאָזיטאָרן אין פוילן זענען געווען יידן. מען דאַרף נישט זיין קיין ספּעציעלער מו־זיק־קענער, בכדי דאָס צו דערקענען באַלד ביים ערשטן טאָן, אָבער איצט, איצט ווען דער דאָזיקער טאַנגאָ, געזונגען דורך אַ זעלנערישן כאָר צע־גייט זיך איבערן סטעפּ, איבערן ווייטן, עקזאָטישן אוזבעקישן סטעפּ איז עס שוין נישט סתּם אַ טאַנגאָ. די טענער רופן אַרויס אַזעלכע ווייטע און אין דער זעלבער צייט נאָענטע בילדער. וווּ איז דער סטעפּ? נישטאָ קיין סטעפּ. דער טאַנגאָ פליסט ווי אַ שטרעמעלע אין סאַמע מיטן פון סענאַ־טאָרסקע גאַס און פאַרהאַלט זיך פאַר דער עלעקטרישער רעקלאַמע פון טעאַטערל „קווי־פּראָ־קוואָ". דער טאַנגאָ טוקט זיך אין דער פרימאָרגנ־דיקער צעשריגנקייט פון אַ וואַרשעווער הויף און קנוילט זיך צוזאַמען מיט קיך־פּאַרע פונעם קיך־פענצטער אַרויס. דער טאַנגאָ גייט שפּאַצירן אין אַ ווייך־זיידענעם אָוונט אין סאַמע מיטן פון זאַקסישן גאָרטן. דער טאַנגאָ שיפט זיך מיט אַ „קאַיאַק" איבער דער ווייסל און פאַרטשעפּעט זיך אָן דעם דעליקאַטן געוועב פון די אייזערנע שטאַנגען פון דער קערבעדזש־בריק. דער טאַנגאָ איז וואַרשע, איז דאָס יידיש־פּוילישע וואַרשע, דאָס נאַאיווע, סנאָבישע, שמענדריקעוואַטע „נאָש פּשעגלאָנד"־וואַרשע, אָבער פאָרט וואַרשע...

ביינאַכט איז שטיל אין לאַגער. ביינאַכט הערט מען בלויז ווי די וואַכן בייטן זיך און דער אינספּעקציע־אָפיציר פּרוווט זיך, צי די פּאַ־טרולן וועלן אים דורכלאָזן אָן צו האָבן געפרעגט אים דעם פּאַראָל. ביי־נאַכט איז די פּאַלאַטקע אָפן פון בײדע זייטן, בכדי עס זאָל בלאָזן אַ ווינטל. ביינאַכט דאַרף מען שלאָפן, אַזוי שטייט געשריבן אין מיליטע־רישן רעגולאַמין. אַ זעלנער לייגט זיך דערויף אַנידער, אַז ער זאָל שלאָפן. טראַכטן — דאָס איז נישט קיין זעלנערישע זאַך. אין די רעגולאַמינען

פאַר סאָלדאַטן איז גאָרנישט פאַראַן קיין פונקט וועגן טראַכטן. פאַר בענ־קען אַוודאי נישט. דאָס דאַרף אַ סאָלדאַט טאָן אויסער דער צייט און ווען קאָן עס הייסן „אויסער דער צייט" אויב נישט ביינאַכט, ווען פון ביידע זייטן פּאַלאַטקע קאָן מען זען דעם טיף־בלויען גאָלד־באַטשוועקעטן הימל. און ערשט די שאַקאַלן... זיי לאַכן אַזוי, אַז עס גייט דורך אַ שוידער, און זיי וויינען אַזוי ווי אַ קליין קינד וואָס וועקט זיך איבער אין מיטן דער נאַכט. קייקלט זיך די שאַקאַלישע יללה איבערן אוזבעקישן סטעפּ, שלאָגט זיך אָן אָן די ליימענע קיבּיטקעס, שפּרינגט אַריבער דאָס מוטנע, שליי־מיקע טייכל און פאַרבלאָנקעט זיך אַזש אַהער צו די פוילישע פּאַלאַטקעס. רייסט אַרויס די יללה טיפע זעלנערישע זיפצן און קרעכצן פון האַלב־פאַרשלאָפענע, האַלב־וואַכע סאָלדאַטישע הערצער. קלייבט זיך צונויף דאָס גאַנצע אומגליקלעכע, שווערע יאָכצעניש, און טראָגט עס אַוועק אין סטעפּ. דערפרייען זיך דערמיט די שאַקאַלן און ענטפערן מיט אַ מין מאָד־נעם געלעכטער, פון וועלכן דאָס בלוט ווערט פאַרגליווערט אין די אָדערן.

נישט שטענדיק שלאָפט מען. סאָלדאַטן האָבן ליב צו רעדן, אמ־מייַנסטן רעדן פויערן. זיי דערמאַנען זיך אין די ווייטע, איבערגעלאָזטע נחלות זייערע און פרווון זיך זאָרגן וועגן זיי, באַזאָרגן דאָס באַלעבאַטיש־קייט כאָטש פונדערווייטנס, כאָטש בלויז אינעם פאַרבענקטן דמיון:

— ...און דאָס פערד, וואָס איך האָב דעמאָלט געקויפט איז געווען אַ ליסע פערד, און כאָטש ס'איז געווען אָפּגעבריט אונטער די פּאָדערשטע פּאַכוועס, דאָך האָב איך עס אויסגעשטעלט...

— ווען האָסטו עס געקויפט?

— איין מאָנאַט פאַר דער מלחמה... אַ יאַקזשע... אַ וויל פערד... קאָן זיין אַז פונקט איצט שטייט עס זיך ביי מיר אין שטאַל און כראָמ־טשעט שטרוי...

— הו־הו! טע וואָרט אויף דיר... וואָ׳דען... מן־הסתם האָט מען עס שוין אויפגעגעסן... נישטאָ וואָס צו עסן אין פוילן...

— רעד נישט קיין נאַרישקייטן. אין פוילן איז שטענדיק דאָ וואָס צו עסן, און וואָס שייך מיין פערד, וואָלט מיין „באַבע" דאָס נישט געטון. זי האָט שטענדיק געשאָנעוועט אַ בהמה...

— דעריבער האָט זי דיך געשאָנעוועט? האָ?

דאָס פערדישע געלעכטער פונעם פערדישן וויץ קייקלט זיך אַרויס

פונעם פולן געצעלט און בלייבט הענגען אומזיכער איבערן טוי־באַדעקטן גראָז. אַ ווײַלע איז שטיל, און ווידער:

— איצטער, קאָן זיין אין דער מינוט, שאַנעוועט דיך טאַקע דיין ווייב. אויב זי איז אַ שיינע, שלאָפט זי מיט...

— פאַרשטאָפּ דעם פּיסק...

— לאָז צורו...

— קיין ערלעכע פּוילישע פרוי וועט מיט קיין דייטשן נישט האָבן צו טון.

— איין זאַך טוען די דייטשן יאָ גוט. ווען מיר וועלן אַהיימקומען, וועלן נישט זיין מער קיין יידן דאָרט און פאַרטיק...

— ששש... דער קאַפּראַל איז אַ ייד... ער קאָן דערהערן...

— ער שלאָפט...

דער קאַפּראַל הערט שוין יאָ. דער פויסטן־קאַמף צעפלאַקערט זיך אין דער פינצטער, באַרוועסרהייט, אין דער הינטערוועש. קלעפּ פאַלן שווערע אומברחמנותדיקע. די אַנווענזנדיקע רייסן קוים אַוועק דעם צעיו־שעטן קאַפּראַל פון זיין קרבן. דער אינספּעקציע־אָפיציר פאַרשפּאַרט זיי ביידן אינעם געצעלט וואָס דינט פאַר אַן אַרעסט.

אויף צומאָרגנס שטייט דער קאַפּראַל „צום ראַפּאָרט", פאַרן פּאָל־קאָווניק. ער איז באַשולדיקט אין שלאָגן זיך, אין שלאָגן אַן אונטערגע־וואָרפענעם סאָלדאַט און אין... וועקן און פונאַנדערבלאָזן נאַציאָנאַלע שנאה אין די רייען פון דער אַרמיי. דער קאַפּראַל שטייט רואיק און קוקט מיט אָנגעשפּיזטע אויגן אויפן טויטן, בלוטלאָזן פּנים פון אַלטן פּאָל־קאָווניק. דעם פּאָלקאָווניקס וואָסערדיקע פיש־אויגן לויפן הין און צוריק. ער ברענט פון רציחה, אָבער שרייען וויל ער נישט. עס פּאַסט נישט צו שרייען אויף עפּעס אַ קאַפּראַל דאָרט, און נאָך דערצו אַ ייד. חוץ דעם דערמאָנט ער זיך די לעצטע אינסטרוקציעס פון לאָנדאָן: נישט צונעמען קיין יידן, און די וואָס מען נעמט שוין יאָ צו — האַלטן אין צוים, אָבער נישט אַרויסרופן קיין אָנקלאַגעס אין דער ברייטער וועלט. ווער ווייס אים, אָט דעם ייד, צו וועמען ער קאָן נאָך אַוועקשרייבן אויב ער וועט באַקומען אַ שווערע שטראָף. דער „זשיד" באַקומט אַ וואָך אַרעסט.

דער יידישער קאַפּראַל סאַלוטירט, ער דרייט זיך אויס אויף דער פּיאַטע און מאַרשירט אַרויס מיט אַ פעסטן שטייף־זעלנערישן טראָט.

דער לאַכנדיקער טויט

פון די הייסע טורקמענישע מדבר־סטעפּעס, פונעם שוואַרץ־פּאַר־ברענטן קאַראַ־קאָלפּאַקישן לאַנד, פון קאַזאַכסטאַנער ברויך־אָפּגעשרפּעטן פלאַכלאַנד, איז דער זומער אָנגעקומען. מיט זיין הייסן אָטעם האָט ער אָפּגעסמאַליעט די גרין־זאַפטיקע גראָזן, איינגעדרייט און אָפּגעוועקט די קאָליריקע, פּילפּאַכיקע בלומען, מוטנע און שליימיק־קויטיק געמאַכט דאָס וואַסער אינעם נאָענטן טייכל, אויפגעהויבן דעם הימל און אים געמאַכט איינגאַנצן דורכזיכטיק און טעמפּ־בלוי. צעציטערט די אָנגעגליטע לופט און באַזעצט זיך אויף די פּאַלאַטקעס אַ הייסער, אַ בריענדיקער אַן אומברחמנותדיקער און אַ שווייסיק־דורשטיקער. די פּאַלאַטקעס האָבן זיך איינגעגראָבן אין דער ערד, כמעט אַנדערטהאַלבן מעטער די טיף, אָבער עס האָט ווייניק וואָס געהאָלפן, עס איז נישט געווען מיט וואָס צו אָטעמען און דער צעגליטער טאָג האָט בלויז געקאָנט צוזאָגן איין זאַך: ביינאַכט וועט זיין אַביסעלע קילער!

אין דער אַרמייאישער ציטונג האָט זיך באַוויזן אַ ידיעה, אַז אין מאָסקווע איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ פּאַנסלאַווישער קאָנגרעס. אין פּוילנס נאָמען האָבן זיך באַטייליקט גענעראַל באָגוש און וואַנדאַ וואַסילעווסקאַ. די ציטונג האָט געבראַכט אַ בילד פון וואַנדאַ וואַסילעווסקאַ, ווי זי זיצט אין פּרעזידיום אָנגעטון אין אַ מונדיר פון אַ רויטאַרמייאישן קאָמיסאַר. טעמפּע קלאַנגען וועגן עפּעס אַ „פּאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן", וואָס האָט זיך געגרינדעט אין מאָסקווע צי אין קויבישעוו האָבן גענומען אַרומוואַנדערן איבער די סאָלדאַטישע פּאַלאַטקעס. די געוועזענע לאַגערניקעס האָבן עס געהאַלטן פאַר אַ שלעכטן סימן: אויב אַ פּאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן שאַפט זיך אין דער סאָוועטישער הויפּטשטאָט, הייסט עס, אַז פון אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד איז נישטאָ וואָס צו טרוימען אַפילו, הייסט עס טאַקע אַז אָט־אָט וועט מען פאַרשטאַרקן די איינאיבונג און מען וועט אַוועקשיקן די פּוילישע פּאָלקן צוזאַמען מיט דער סאָוועטישער אַרמיי אויפן פראָנט. אַלטע פּאָליציאַנטן, געהיים־אַגענטן און אַנדערער פּוילישער אָפּפּאַל האָבן געדענקט וואַנדאַ וואַסילעווסקאַ נאָך פון לעמבערג. דאָס איז זי געווען דער הויפּטפירער פון די פּוילישע קאָמוניסטן, דאָס האָט זי אַרויסגערוקט מענטשן אויף איבערצונעמען די פאַבריקן און פּאַ־

ליציי־אַמטן, דאָס איז זי געווען שטענדיק די ערשטע ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין אַרויסווייזן הילף און אונטערשטיצונג דער סאָוועטישער מאַכט, דאָס איז זי אוודאי איצט די יעניקע וואָס שטערט דאָס אַרויספאָרן פון די פוילישע רעגימענטן קיין אויסלאַנד. מען האָט דערציילט אַז זי האָט אַן אוקראַינישן באַלשעוויק פאַר אַ מאַן. עפּעס אַ שרייבערוק דאָרטן, ווי אַזוי הייסט ער דאָס? — אַהאַ, קאָרנייטשוק... יאָ, אוודאי, איר חבר, דער פוילישער באַלשעוויק סאָבאָלעווסקי איז דאָך געפאַלן נאָך אין לעמבערג פון אַ הינטן־אַרום־אַריינגעשאָסענער קויל, הייִנט איז דאָך פאַרשטענדלעך, אַז אַזאַ וואַנדאַ וואַסילעווסקאַ מוז זיך באַלד געפינען אַ צווייטן... גראָבע פּרעכע וויצן, געמישטע מיט גאַליקער שנאה, בלאָטע און קויט, האָבן געשפּריצט פון די פויליש־סאָלדאַטישע מיילער ביים נאָמען: וואַנדאַ. אַלץ האָבן זיי איר געקאָנט פאַרגעבן, נאָר אָט־דאָס, וואָס אויך איצטער, ווען זיי זענען שוין געקומען אַזש דאָ אַהער און דער גערטער אויסלאַנד איז אַזוי נאָענט, אַז אויך איצטער „מישט זי זיך" אין פּוילישע ענינים, אָט דאָס האָבן זיי נישט געקאָנט איר מוחל זיין. אַנדערע האָבן געלאַכט. „וואַרט, וואַרט, די באַלשעוויקעס שיקן אונדז נאָך נישט אויפן פראָנט. זיי וועלן מורא האָבן צו געטרויען אונדז געווער. זעסט דאָך אַליין, וויפל געווער זיי גיבן — איין ביקס אויף 30 מאַן, און דאָס אויך אָן קוילן".

פלוצלינג איז אָבער אָנגעקומען אַ באַפעל צו גרייטן זיך אין וועג. מען האָט געהייסן מיטנעמען מיט זיך אַלץ. מער וועט מען דאָ אַהער, קיין גוזאַר, נישט צוריקקומען. שנעל האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז אַ טייל פונעם גאַרניזאָן בלייבט אויפן אָרט, און דאָס איז געווען אַ סימן, אַז מען פאָרט נישט דערווייל קיין אויסלאַנד, ווייל אויב מען וואָלט עוואַקואירט, וואָלט מען דאָך אַלעמען געהייסן פאָרן. געווען השערות, אַז דאָס לאָזט מען עקסטרע איבער אַ פונקט פאַר נייע רעקרוטן, וואָס האַלטן נאָך דערווייל אין איין אָנקומען, אָבער אויף זיכער האָט מען גאָרנישט געקאָנט וויסן. ווי עס זאָל נישט זיין, האָט זיך די סאָלדאַטישע מאַסע פּיבערהאַפט גענומען גרייטן אין וועג. לסוף האָט זיך אַרויסגעוויזן: מען פאָרט בלויז אַריבער אין אַן אַנדערער אוזבעקישער געגנט. קערמינע צי קעניִמעך הייסט זי די באַן־סטאַנציע וווהין מען פאָרט, און דאָס איז אַלץ. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז הייסן הייסט דאָס אָרט טאַקע ביידע נע־

מען: קערמינע איז די סטאַנציע און דאָס דערפל דערנעבן, און אַ צוויי־טער דאָרף, מיט דרייסיק קילאָמעטער פאַרוקט ווייטער פון דער אייזנ־באַן, הייסט קענימעד. דער לאַנגער בהמה־צוג איז אָנגעקומען אַהינצו פאַרנאַכט, אַן אָנגעפראָפּטער מיט סאָלדאַטן און זייער באַגאַזש. אַ לאַנ־גער, אַ שווערער צוג, אַ סקריפּנדיקער מיט די אומגעשמירטע רעדער, אַן אָנגעהיצטער פון דער זון און אַן אומעטיקער און מידער. דער צוויי און צוואנציקסטער פּאָלק איז פאַרבליבן אין פּאַלאַטקעס האַרט ביי דער באַנ־סטאַנציע, און דער דריי און צוואנציקסטער האָט אַ באַלאָדענער מיט פּעק און רוקזעק זיך געלאָזט צופוסנס קיין קענימעד. פאַרנאַכטיקע שאָטנס האָבן זיך געצויגן פון בלוילעך־וויאָלעטענעם האָריזאָנט, פונעם פּורפּור־ראַנדיקן, אין פלאַמען־איינגעהילטן, זונפאַרגאַנג. זיי האָבן זיך אַרומגע־שלייכט, די שאָטנס, איבער די גרין־גאָלדענע ווייצן וואָס פוןביידע זייטן וועג, איבערן שנייענעם טעפּיך פון די בוימוואָל־בלומען, און זיך געטשע־פּעט צו די ברייט־צעלייגטע קרוינען פון די געזעצטע און שטילע מאָרווע־ביימער. זיי האָבן זיך אויסגעמישט אין דער לופטן, די שאָטנס, מיט די בלאָלעכע רויכן וואָס האָבן זיך דין און רואיק געהויבן פון די אוזבעקי־שע קיביטקעס, און צוזאַמען מיט זיי האָבן זיי צעהאָנגען טיולענע, וויינ־צעוויגטע וועליאָנען איבער די קעפּ פון די מידע, שוער־מאַרשירנדיקע זעלנערישע קאָלאָנעס. אַ שאָטן האָט זיך פאַרגנבעט אין די אויף אַש פאַרברענטע סאָלדאַטישע הערצער, אַ שאָטן אַן אומעטיק־שווערער, אַ מי־דער און אָפּגעמאַטערטער, אַ מרה־שחורהדיקער און בענקענדיקער, אַ האָ־פּענונגסלאָזער און דריקנדיקער. ווען וועט זיך שוין דאָס אַלץ ענדיקן? ווען וועלן שוין אויפהערן די מאַרשן און מאַטערנישן? ווען וועט זיך ענדיקן דאָס וואָגלעניש און די פּאַלאַטקעס? אָט איצט מאַרשירט מען אַ גאַנצע נאַכט — נאָך וואָס? בכדי אינדערפרי אויפצושטעלן ווידער פּאַ־לאַטקעס אין אַ נייעם מדבר, אין אַ נייערווילדעניש? ווידער וועט דער שוויס רינען טראָפּנווייז פון שטערן און פליגן וועלן זיך זעצן בשעתן שלאָף אויף די ליפּן? ווידער, ווידער...

און אַזוי איז עס געווען. נישט אַ האָר אַנדערש ווי דאָרט, אינעם פריערדיקן אָרט, אין גוזאַר. בלויז די זון איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג הוצפּהדיקער און פאַרשייטער, בלויז דער שוואַרץ־אָפּגעברענטער טרויער און אומעט האָט זיך געלייגט וואָס אַ טאָג שווערער אויפן געמיט, בלויז

דער שאַקאַלן־געוויין איז יעדער נאַכט געוואָרן מער און מער קלאָגעדיק, מער און מער אומגליקלעך און יללהדיק. טעג האָבן זיך געצויגן ווי שווע־רע וואַגאָנעס, געלאָדענע מיט גליענדיקן געדאַנקען־אַש, געשלעפּטע מיטן לעצטן כוח פון דער מידער, אויסגעשעפּטער, גרילצנדיקער, מוח־לאָקאָ־מאָטיוו. אין די אוזבעקישע סעדער האָבן זיך גענומען צייטיקן די פּירות. אין די אוזבעקישע גערטנדלעך האָבן גענומען זיך רויטלען די פּאָמי־דאָרן און די קאַוועגעס, און מעלאָנען זענען געוואָרן גאָלדיק און גרין־בלוי־לעך געשטרייפּט. די אוזבעקן האָבן גענומען רייסן און טריקענען די מאָר־וועבלעטער און פאַרקויפן עס צו די סאָלדאַטן אַלס אַ מין ערזאַץ־מאַכאָר־קע, ווייל קיין מאַכאָרקע איז אויך שוין נישט געווען. האָט מען געדרוי־בערט דיקע מאָרווע־ציגאַרעטן, געוויקלטע אין צייטונגס־פּאַפּיר, שווער געהוסט און געוווּנדערט זיך, הלמאי מען רויכערט און רויכערט, און עס ווילט זיך נאָך. האָט מען פאַרהאַנדלט מיליטערישע קאָנסערוון פאַר קאַ־וועגעס, פאַר זויערע מילך, פאַר שמוציקן אוזבעקישן קעז, פאַר לעפּיאָש־קעס. נישט מחמת מען איז געווען הונגעריק, נאָר עס שמעקט דער פרוכט פון דער ערד, עס רייצט און ציט דער ביסן, וואָס קומט אַ פרישער פון דאָרף, פון פעלד, פון דער ערד, פון דער קו, וואָס קומט פון סטעפּ מיט אַ שווערן אייטער. האָט מען אייגעהאַנדלט פאַר מונדירן און וועש בראָנפן, סאמאגאָן און געשיכורט אין די אָוונטן, געשפּילט מיט פאַר־שמאַלצעוועטע קאָרטן אָן „איינאונצוואַנציק", געזידלט זיך און איבער־געבעטן, געשלאָגן זיך און געזעסן אין אַרעסט, און געוואַרט, געוואַרט און געוואַרט, טאָמער קומט עפּעס אַ ידיעה, טאָמער געשעט עפּעס, אויף בעסער צי אויף ערגער, אַבי אַן ענדערונג.

און אַ נייעס איז געשען. געקומען איז דאָס נייעס נישט פּלוצלינג, אָבער ביז מען האָט זיך אַרומגעזען אַז דער טויט וווינט אין לאַגער, האָט געדויערט אַ שטיקל צייט, און ווען מען האָט אים שוין דערזען, דעם טויט, איז ער שוין געשטאַנען נאָענט, אַ חוזקדיקער און ביינערדיק־לאַכנ־דיקער, אַ שרעקלעכער און אַ נאָענטער באַנאַנד. ווער פון אָט־די סאָל־דאַטישע שלעפּער און וואַגאַבונדן האָט עס שוין נישט געזען דעם טויט פאַר די אויגן צענדליקער און הונדערטער מאָל? ווער פון זיי האָט שוין נישט געפילט זיין אָטעם האַרט נעבן זיך? אָבער יענער טויט איז גע־ווען אַן אַנדערער. יענער טויט איז געווען אַ צעדונערטער אין שלאַכטענעם

פייער, אַ צעפּייפּטער אין דער שניידיק־זשומענדיקער קוילן־סימפּאָניע. אָדער אַ טויט אַ פּראָסטיקער, אַ קאַלט־ווייסער, אַ בלאָלעכער און אייזיקער, אָדער אַ טויט אַ געשוואָלענער און הונגעריק־פאַרשטיקטער, אָדער אַ טויט אַ טרעטנדיקער אין אָטשערעד, אָדער אַ טויט אַ פּלוצלינגדיקער אין אַ צופּעליקן געשלעג, אָדער אַ טויט אַ צעפּלאַמטער אין דער היץ און וואַנזיניקייט פונעם פלעקן־טיפוס און לונגען־אָנצינדונג. יאָ, אַזויפיל טויטן האָבן זיי שוין געזען, אָבער יענע אַלע טויטן האָבן געהאַט אייז געמיינזאַמען שטריך: זיי זענען געווען ערנסט, די טויטן, און עס האָט פון זיי זיך געטראָגן די בכבודיקייט און פייערלעכקייט פון אַ מאַרטירערישן אומקום, עס האָט גערוט אויף זיי דער פּאַטאָס פון טרויער, פון צער, זיי זענען געווען אַרומגעשלייערט מיטן געוויינלעכן, טראַגישן אָבער דאָך נאַטירלעכן שוואַרצן מאַנטל פון אַוועקגיין און נישט זיין מער. אָט־דער טויט אָבער איז געווען פיל שרעקלעכער, אָט דער טויט האָט געמאַכט לעכערלעך און אַליין געלאַכט, אָט דער טויט האָט צוגענומען נישט נאָר דאָס לעבן, נאָר אויך די ווירדע, די זיכערקייט, דעם אָרעאָל פון שטאַרבן. עס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ באַפעל, מען זאָל זען צו פאַרניכטן די פליגן אין די פּאַלאַטקעס. גרינג צו זאָגן — פאַרניכטן. ווי אַזוי פאַרניכטן? אפשר אַוועקשטעלן אַ באַוואָפנטע וואַך פאַר די פּאַלאַטקעס און אָנזאָגן די פליגן, אַז אַזוי ווי דאָס איז אַ מיליטערישער לאַגער, טאָרן זיי אַהערצו נישט אַריינקומען — האָבן די סאָלדאַטן געחוזקט. די פליגן פאַרשלעפּן מאָגן־קראַנקייטן — האָט זיך געזאָגט אינעם באַפעל. מען זאָל נישט טרינקען די אומגעקאָכטע אוזבעקישע מילך — האָט ווייטער דער באַפעל געלויטעט. מילא, וואָס דאָקטוירים, נאָך דערצו מיליטערישע דאָקטוירים קאָנען אָנשרייבן. דער פּאָלקאָווניק וויל אונטערברענגען דעם האַנדל מיט די אוזבעקן — האָבן די סאָלדאַטן געלאַכט — האָט ער געהייסן דעם דאָקטער פאַרעפנטלעכן אַזאַ באַפעל און סטראַשעט די סאָלדאַטן מיט אַן עפּידעמיע. ווער עפּידעמיע? ווו עפּידעמיע? דאָס וואָס דער קליינער מאַטשעק איז אַנומלטן געשטאָרבן, דאָס האָט נישט צו טון מיט קיין שום עפּידעמיע. זיין קראַנקן מאָגן האָט מאַטשעק געברענגט מיט זיך פונעם לאַגער. און ווער האָט דען אַ געזונטן מאָגן. ווען האָט עס נישט „געיאָגט" דאָרטן, אין די צפונדיקע וועלדער, ווו עס איז נישט געווען קיין גרינוואַרג און דאָס ברויט איז געווען קלעפּיק ווי אַ שטיק ברויגער

ליים. אָט געדענקען זיי נאָך, די סאָלדאַטן, ווי נישט איינער פון זיי איז אָנגעקומען פון לאַגער אין מיליטער און גלייך אַוועק צום דאָקטער. זיי געדענקען ווי עס פלעגט זיי אויסדרייען די קישקעס, ווייל זייערע איינ־געשרומפּענע מאָגנס האָבן נישט געקאָנט זיך צוגעוווינען צו דעם מי־ליטערישן עסנוואַרג, צו וועלכן זיי האָבן זיך האַסטיק צוגעכאַפּט. די סאָל־דאַטן האָבן דעמאָלט געלאַכט פון די „לויפערס", מען האָט זיך געפּלעגט וועטן, ווער עס וועט „דערלויפן" דער ערשטער, מען האָט געחוזקט איי־נער פון אַנדערן, מען האָט נישט געקאָנט שלאָפן ביינאַכט, מורא האָבנ־דיק אַז זיי וועלן באַשמוצן דאָס געלעגער און זיך אויסשטעלן אויף גע־לעכטערלעך און נאַרישע חכמות. איצטער איז דאָס אַלץ שוין פון לאַנג איינגעשטילט. די רעגולערע שפּייז האָט זיי אויסגעהיילט און ערשט דער קאָפּ בראָנפן האָט אוודאי גוט געווירקט, און די גאַנצע מעשה מיט דער עפּידעמיע וואָס בושעוועט אין דער געגנט איז נישט מער ווי אַן אויס־טראַכטעניש.

פון דער דיוויזיע איז אַראָפּגעקומען דער דאָקטאָר פון שטאַב און צוזאַמען מיטן פעלקאָווניק האָבן זיי געמאַכט אַן אינספּעקציע איבערן לאַגער. דער דאָקטער האָט זיך געבייזערט און דער פּאָלקאָווניק האָט שפּעטער געזידלט אַלע קאָמפּאַניע־אָפיצירן. פון יעדער קאָמפּאַניע האָט מען דערנאָך אַרויסגעשיקט אייליק קליינע סאָלדאַטן־גרופּעס צו פאַרשיטן די לאַטרינע־גריבער, וואָס זענען געווען צו נאָענט צו די פּאַלאַטקעס, מען האָט געגראָבן נייע גריבער און זיי געשמירט מיט ווייסן קאַלך. אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט, אָדער עס איז געווען שוין אַלצאיינס. דער לאַכנדיקער טויט איז שוין געווען אין לאַגער.

יעדן טאָג פלעגן פון די קאָמפּאַניעס זיך ציען לאַנגע שורות פון קראַנק־געוואָרענע סאָלדאַטן: „צום דאָקטער". דער מיליטערישער פּאָל־קאָווע דאָקטאָר, אַ יונגער קאַפּיטאַן, האָט הילפלאָז געקוקט אין די פּלוצ־לינג רויט־פאַרלאָפענע סאָלדאַטישע פּנימער, אין די אויגן וואָס האָבן געגליט פון היץ, אויף די ציטערדיקע הענט. ער האָט נישט באַטראַכט, דער דאָקטער. ער האָט געשטעלט דעם דיאַגנאָז אויפן ערשטן בליק, ווען ער האָט צייט געהאַט צו באַטראַכטן, ווייל נישט שטענדיק האָט ער דאָס געקאָנט באַווייזן. עס פלעגט טרעפן אָפּטמאָל, אַז דער קראַנקער האָט זיך געמוזט „לאָזן לויפן" אינמיטן פון באַזוך. געווען עקשנים, וואָס האָבן

נישט געוואָלט גיין צום דאָקטאָר, אָבער זיי פלעגן סוף־כל־סוף ליגן בלייבן, הילפלאָזע און אויסגעשעפּטע אויף זייער געלעגער אין דער פּאַ־לאַטקע, און דער סערזשאַנט־שעף פלעגט זיי הייסן אַוועקטראָגן אין שפּיטאָל. יעדן טאָג פלעגט אָנקומען פון שפּיטאָל אַ רשימה פון די גע־שטאָרבענע. די רשימה איז געווען זאַכלעך און קורץ. געווען דער נאָמען פונעם סאָלדאַט, זיין עלטער, די נעמען פון זיינע עלטערן און דאָס אָרט פון אָפּשטאַם, און דערנעבן אַ קורצע באַמערקונג: געשטאָרבן דעם און דעם טאָג — אַראָפּגענעמען פון דעם „שטאַנד" פון דער קאָמפּאַניע. דער סערזשאַנט־שעף פלעגט אויסשטרייכן דעם נאָמען אין זיין קאָמפּאַניע־ביכל מיט אַ רויטן בלייפעדער, כאַפּן דערביי אַ בליק אויף דער רובריק: „צו וויסן געבן..." און דערמאָנען זיך אַז עס איז נישט פאַראַן קיינער, וועמען מען קאָן צי מען דאַרף אָט דעם טויט צו וויסן געבן. און שפּעטער פלעגט ער לייענען די נעמען פון די פאַרשטאָרבענע פאַרן פראָנט צוזאַ־מען מיטן טאָג־באַפעל. ביים לייענען פלעגט אַן ערנסטע זאָרג אויף אַ ווײַלע זיך פאַרציען איבער די סאָלדאַטישע פּנימער, אָבער עס פלעגט זיך מאַכן, אַז גראַד האָט איינער פון די סאָלדאַטן געמוזט „זיך לאָזן לויפן", און באַלד איז דער ערנסט פאַרשוווּנדן, באַלד האָט אַ שטיל גע־לעכטער זיך גענומען אַרומטראָגן איבער די רייען, באַלד האָט גענומען אַרומשוועבן איבער די קעפּ דער שרעקלעכער, אָבער לאַכנדיקער טויט.

דער שפּיטאָל האָט זיך געפונען אין אַ געביידע פון אַן אוזבעקישער שול, וועלכע מען האָט ספּעציעל פאַר דעם צוועק אויסגעליידיקט. אייגנטלעך איז עס נישט געווען קיין שפּיטאָל. די קראַנקע זענען געלעגן אויף דער ערד, אויף אימפּראָוויזירטע שטרויזעק און אויסגעגאַנגען שטי־לערהייט אין פּיין, אין יסורים און אין שטינקעכץ. זיי האָבן דערליידיקט זייערע באַדערפענישן הינטער זיך און עס איז נישט געווען, ווער עס זאָל זיי פלעגן. אין דרויסן האָט געברענט דער הייסער אוזבעקישער טאָג און מחנות פליגן האָבן זיך געיאָגט דורך די פענצטער. די דאָקטוירים האָבן זיך אַרומגעדרייט אָפּהענטיק צווישן די קראַנקע און אַלעמאָל אָנגעוויזן אויף אַן אַנדערן, וועלכער ליידט שוין נישט מער, וועלכער איז שוין פאַר־גליווערט געוואָרן, צו וועמען די פליגן קריכן שוין אומגעשטערט אַריין אין מויל. דאָס גאַנצע שפּיטאָל האָט געשטונקען. עס האָבן געשטונקען די ווענט, די געלעגערס, דאָס פאַרפוילטע, איבערגענעצטע שטרוי, דאָס

עסנוואַרג, אַפילו די מכשירים פון די דאָקטוירים. קיין מעדיקאַמענטן זענען נישט געווען בנמצא. טאָ מיט וואָס האָט מען געקאָנט היילן? דער שפּיטאָל איז געווען דאָס אָרט ווו דער לאַכנדיקער, חוזקדיקער טויט האָט מיט הייסע פליגל איינגענומען זיינע קרבנות, געוויגט זייער צעהיצטן דמיון מיט ווייטע פאַרגעסענע בילדער פון שטילער רו אין שאָטן פון אַלטע דעמבעס, געגלעט מיט פאַרגעסענע אַמאָליקע מאַמע־הענט און לסוף איינגעשטילט אויף אייביק, און אַרום און אַרום האָט זיך אַלץ געטראָגן דער סאָלדאַטישער געלעכטער פון די „לויפנדיקע", פון דעם שטינקענדיקן קאָמישן טויט, אַ געלעכטער, אין וועלכן עס איז געווען פּחד און מורא, אנגסט און שרעק אַז: „טאָמער טרעפט עס מיך?..." אָבער נישט געווען קיין באַדויער, נישט געווען קיין טרויער. ס'איז געווען דער אָפּקלאַנג פון שטינקענדיקן, לאַכנדיקן טויט.

מען האָט זיך דערציילט, אַז עס זענען אָנגעקומען אַ געוויסע צאָל מעדיקאַמענטן, אָבער אַזויוויי עס איז ווייניק, גיט מען עס בלויז פאַר די אָפיצירן. מען האָט אויך דערציילט, אַז פאַר אַ געוויסן אָפּצאָל קאָן מען באַוועגן איינעם פון די יונגע דאָקטוירים, זיי זאָלן אַרויסגנבענען און בּרענגען אַביסל אָפּיום, אָבער ווער קאָן דאָס וואָגן אַזאַ זאַך פאָרצושלאָגן אַ דאָקטער? ס'איז אויך אַרויס אַ קלאַנג, אַז אַ זופּ פון טשערעפּאַכע־פלייש איז דאָס בעסטע מיטל קעגן דער קראַנקייט. מחנות סאָלדאַטן זענען אַרויס אין סטעפּ, געגנישטערט און געגראָבן און אָנגעטאָסקעט גאַנצע קופּעס מיט טשערעפּאַכעס. מיט שאַרפע מעסערס פלעגן זיי אַרויסשניידן דאָס ציטערדיק־לעבעדיקע, גליטשיקע טשערעפּאַכע־פלייש פון דער האַרטער שאָל אַרויס און ביינאַכט עס קאָכן אין קאָנסערוון־בלעכלעך. מען האָט אויסגעגראָבן די לעצטע גאָלד־שטיקלעך פון די פאַרנייטע באַהעלטענישן און איינגעקויפט ביי די אוזבעקן רייז, וואָס אין פאַלק האָט מען עס נישט געקאָכט. מען האָט געזוכט עצות, געפּרוווט זיך באַוואָרענען און אויסהיטן. אַזוי שרעקלעך איז ער געווען אָט־דער מגפה־טויט און דאָס ערגסטע איז געווען דער געדאַנק: „אַז מיין שכן וועט אַהיימקומען אַמאָל קיין פּוילן, וועט ער דערציילן אַז איך בין געשטאָרבן מיט אַזאַ נאַרישן, שטינקענדיקן טויט ווי אָט־דער... פאַראַן געווען אָבער אַזעלכע וואָס האָבן מיט פיערישער גייציקייט געהיט די פאַרנייטע „אוצרות" זייערע און בלויז די ווילד־געוואָרענע סאַניטאַרן פלעגן

זיך צעשלאָגן צווישן זיך ביים נישטערן אין זייערע עיפּושדיקע בגדים, ווען זיי אַליין זענען שוין געלעגן מיט אַן אָפּענעם, ווי צום געלעכטער, מויל, אויף וועלכן עס האָט זיך שוין מיט קילן שטינקעכץ צעלייגט דער פּאַריסענער, יענער־וועלטיקער, אָבער דאָך לאַכנדיקער גרויליקער טויט.

טאָג נאָך טאָג האָבן זיך געצויגן די לוויות. אָפּטמאָל האָט נאָך פּור־נעם ארון געקאָפּעט מיט פּאַרגליווערטער, רויט־בלוטיקער עיפּושדיקייט. זענען געוואקסן גלייכע רייען פון פרישע, גאָלד־זאַמדיקע זעלנערישע קברים. אויסגעשטעלט גלייך זענען זיי געווען די קברים, ווי זיי וואָלטן געוואַרט אויף אַ באַפעל. קיין קרייצן זענען נישט געווען. נישט געווען קיין האָלץ צו מאַכן קרייצן. דער פּאָלקאָווניק האָט באַפוילן פון אייזן אויפצובויען אַ גרויסן קרייץ פאַר אַלעמען און אים אָפּמאָלן אויף שוואַרץ. איז ער געשטאַנען, דער קרייץ, מיט צענומענע שוואַרצע אָרעמס, אַ פרעמ־דער און אַ זייטיקער אין אָט־דעם לאַנד, אַ טרויעריקער און אַן אומע־טיקער, אָבער איבער זיין שוואַרץ־אבלדיקן קאָפּ האָט מיט אָפּגעשליסענע קראָען־פליגל געהאַלטן אין איין אַרומפלאַטערן דער עיפּושדיקער, לאַכנ־דיקער טויט.

גענעראַל אַנדערס

די קלאַנגען וועגן דעם נאָענטן אַרויספאָר קיין אויסלאַנד האָבן זיך פּלוצלינג גענומען שטאַרקן וואָס אַמאָל מער און מער, און פּלוצלינג האָט עס זיך באַקומען, אַז עס איז שוין אַ זאַך אַ זיכערע, אַן אָפיציעלע ידיעה. אמת, אינעם טאָג־באַפעל פון פאָלק האָט זיך גאָרנישט געזאָגט דערוועגן, אָבער די אָפיצירן האָבן אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם נאָענטן פאַרלאָזן דאָס לאַנד שוין גאַנץ אָפן. מען האָט שוין מער נישט געמאַכט קיין אָנדייטונגען, קיין אָנצוהערענישן. מען האָט שוין געוווסט צו דערציילן וועלכעו פאָלק איז שוין אין פערסיע, וועלכער אין איראַק, און וועלכער איז שוין אפילו אין ארץ־ישׂראל, ווו עס איז שוין פון לאַנג געשטאַנען די אַזוי גערופענע „קאַרפּאַצקאַ בריגאַדאַ“, די בריגאַדע פון די קאַרפּאַטן־בערג, וואָס האָט זיך פאָרמירט אויסער די גרענעצן פונעם ראַטנפאַרבאַנד.

ביים וואָרט „קאַמף“, „פראָנט“ צי אַפילו „באַפרייאונג“, פלעגן זיך אין די פּוילישע סאָלדאַטישע אויגן באַווייזן מאָדנע שאָטנס. זיי האָבן נישט געגלויבט נישט אין קאַמף, און אין זיג אוודאי און אוודאי נישט. די סאָוועטישע צייטונגען האָבן צווישן די שורות פון די לייטאַרטיקלען צי אָפּשאַצונגען פון דער לאַגע אויף די פראָנטן, געהאַלטן אין איין דערמאָנען וועגן דעם אַז דערווייל איז נאָך קיין צווייטער פראָנט נישט געעפנט געוואָרן. די דאָזיקע „דערמאָנונגען“ זענען פול געווען מיט שטילן פאָרוורף, מיט דינער איראָניע אויפן חשבון פון יענע וואָס ווילן געווינען דעם קריג מיט יענעמס בלוט, אָבער עס איז אַלץ געווען געשריבן אַזוי, אַז פאָרמעל האָט קיינער נישט געקאָנט זיך טשעפּען צו אָט־די אַרטיקלען. וואָס אָבער עס איז נישט געזאָגט געוואָרן אין די צייטונגען האָבן געזאָגט די אויגן, די אומגעדולדיקע באַוועגונגען און די ווערטער פונעם סאָוועטישן מענטשן. וועגן צווייטן פראָנט האָט מען גערעדט אומעטום. מען האָט אויסגעקוקט אויף אָט־דער ידיעה מיט אומגעדולדיקייט, מען האָט געוואַרט דערויף, ווי מען וואַרט אויף משיחן, מען האָט וועגן עפּעס אַנדערש נישט געקאָנט רעדן אַפילו. געדוכט האָט זיך, אַז וויבאַלד אַזאַ ידיעה וועט אָנקומען וועט אַלץ זיין געלייזט, אַלץ וועט ווערן פאַרענטפערט. אָבער די ידיעה איז נישט געקומען. דערפאַר זענען געקומען ידיעות אַנדערע, ידיעות מאָדנע און פשוט אומגלויבלעכע: אין דער זעל־

בער צייט, ווען דער סאָוועטישער פראָנט איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן אין גיגאַנטישן געראַנגל, ווען די ליניע פון די סאָוועטישע פראָנטן האָט געבערענגט אויפן געדאַנק דאָס בילד פון אַן אָנגעשטרענגטן, רויט־געוואָרענעם קאַרק, מיט אָדערן, וואָס אָט־אָט פּלאַצן זיי פון דער איבערמענטשלעכער אָנגעצויגנקייט, אין דער זעלבער צייט ווען די רויטע אַרמיי האָט אויסגעהאַלטן אויף זיך דעם גאַנצן לאַסט און דרוק פון דער שטאָלענער נאַצישער חיה, אין דער זעלבער צייט איז געקומען פון דער ווייטער אַפּריקע אַ ידיעה: טאָברוק איז געפאַלן — די דייטשן מאַרשירן אויף עגיפּטן. דער סאָוועטישער מענטש אין גאַס, דער פּשוטער בשר־ודם האָט געפרעגט: „ווי אַזוי וועלן זיי דאָרט אימשטאַנד זיין צו מאַכן אַ צווייטן פראָנט, אַז זיי קאָנען אַזאַ שטאָט ווי טאָברוק נישט איינהאַלטן?“ אין עטלעכע טעג שפּעטער איז געקומען די ידיעה וועגן דער באַנייטער דייטשישער אָפענסיווע אויפן סאָוועטישן פראָנט. אין די צייטונגען האָבן זיך באַוויזן ידיעות וועגן דעם געוואַלדיקן פאַרנעם פון די נאָענטע קאַמפן. פון אַלעמענס אויגן האָט אַרויסגעקוקט פאַרעקשנטער זאָרג און שרעקלעכע, אומבאַשרייבלעכע מידקייט.

אַ מאָדנע זאַך, די פּאָליאַקן האָבן זיך לגמרי נישט געפילט באַזאָרגט צי באַאומרואיקט פון אָט־די אַלע ידיעות. פאַרקערט, מיט אַ ווערעמדיק שמייכעלע פון שאָדנפרייד פלעגן זיי לייענען די ידיעות וועגן די דייטשע נצחונות און עס האָט זיך טיילמאָל געקאָנט אויסדוכטן, אַז עס האַנדלט זיך נישט וועגן אַ קאַמף מיט אַ דם־שונא פון פּוילן, נאָר וועגן עפּעס אַ גלייכגילטיק־ווייטן געראַנגל, וואָס גייט אָן ערגעץ הינטער די הרי־חושך, און וואָס האָט צו זיי, צו די פּאָליאַקן, גאָר קיין שייכות נישט. אויב אָבער ביי די ידיעות פון די פראָנטן פלעגן זיי גאָרנישט רעדן, נאָר בלויז איבערקוקן זיך און שמייכלען, פלעגן זיי שוין דערפאַר נישט באַהאַלטן זייער חוזק, ווען זיי פלעגן אָנטרעפן אויף אַן אויפרוף פונעם פּאַנסלאַווישן קאָמיטעט אין מאָסקווע. דער דאָזיקער קאָמיטעט האָט געוואָרפן דעם לאָזונג פון פאַרשטאַרקן און פאַרפילפאַכיקן דעם פּאַרטיזאַנישן קאַמף פון אַלע סלאַווישע פעלקער קעגן דייטשישן אָקופּאַנט. די פּאָליאַקן האָבן געחוזקט: „ווי דען? — פלעגן לאַכן“ — „אָט האָרכט מען זיי שוין, אָט לויפט מען שוין אויסצופירן מאָסקוועס באַפעלן“. די פּוילישע אויגן פלעגן אויפלייכטן נאָר ביי איין וואָרט: „אַרויספאָר קיין אויסלאַנד“. אַפילו די

שרעקלעכע עפּידעמיע, דער שניט פונעם לאַכנדיקן טויט, האָט זיך זיי אויסגעוויזן צו זיין אַ צרה וואָס וועט אויפהערן גלייך ביים אַרויספאָר.

אין לאַגער האָט מען פלוצלינג זיך אָנגעהויבן גרייטן אויפצונעמען אַ גאַסט. סאָלדאַטן, קראַנקע און געזונטע, האָבן געפּוצט, געקערט און גערייניקט דעם לאַגער, געפּרווט צו באַזייטיקן די סימנים פון דער אָפּ־הענטיקייט, אָפּגעלאָזנקייט און אַפּאַטיע. דער גאַסט, וועמענס קומען מען האָט אָנגעזאָגט, איז געווען אַ חשובער, זייער אַ חשובער — דער גע־נעראַל וולאַדיסלאַוו אַנדערס, „וולאַדיסלאַוו דער דריטער", ווי מען האָט אים גערופן אין דער אַרמיי. דער ערשטער איז געווען וולאַדיסלאַוו ראַטשקעוויטש. דער „פּרעזידענט" פון דער פּוילישער רעפּובליק אונטער־וועגנס, דער צווייטער — וולאַדיסלאַוו שיקאָרסקי, דער שעף פון די באַ־וואָפנטע כוחות, און דער דריטער איז געווען ער, אַנדערס, דער געוועזע־נער אַרעסטאַנט און פאַרשיקטער, און איצט דער קאָמענדאַנט פון דער פּוילישער אַרמיי אין ראַטנפאַרבאַנד. די אָפיצירן האָבן דערציילט נסים וועגן אים, אָבער ווען און ווו ער האָט אַרויסגעוויזן זיין העלדישקייט האָבן זיי נישט געוווּסט, דאַקעגן האָבן אַלע געוווּסט, אַז ער איז אַ זון פון אַן אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע, אַז ער איז דערצויגן געוואָרן אין אַ צאַ־רישער מיליטערישער שולע, אַז ער איז געווען אַן אָפיציר נאָך ביי ני־קאָלייען, און אַז ער איז אַ פאַרביסענער שונא פון די באָלשעוויקעס, הגם איצטער שמייכלט ער ווען עס באַזוכן אים די פאַרבינדלער־אָפיצירן פון־נעם סאָוועטישן שטאַב. מען פלעגט דערציילן ווי אַזוי מען האָט אים באַפרייט פון תפיסה, אַראָפּגעבראַכט קיין מאָסקווע און דאָרט אים גע־געבן אַ צימער אין אַן ערשטקלאַסיקן האָטעל פאַר דיפּלאָמאַטן. „אַלץ איז אין אָרדענונג?" — האָט דעמאָלט געפרעגט ביי אים דער קאָמאַנדיר פון נ. ק. וו. ד., וואָס האָט אים באַגלייט. „יאָ, אַלץ איז אין אָרדענונג". בלויז איין זאַך — ווי לאַנג דאַרף עס דויערן, איך זאָל באַקומען אַ נייעם מונ־דיר מיט מיינע אַלע מעדאַלן?" — האָט אַנדערס אָפּגעענטפערט מיט אַ פראַגע. דער קאָמאַנדיר האָט אים געענטפערט: „אַ מונדיר וועט איר באַ־קומען פון די מאַגאַזינען פון דער פּוילישער אַרמיי, וואָס שאַפט זיך, אָבער מעדאַלן וועט איר זיך שוין מוזן אַליין געבן, ווייל מיר ווייסן נישט ווו אייערע זענען אַהינגעקומען". אַזוי האָט מען דערציילט אין לאַגער, אָבער וויפל אמת עס שטעקט דערין, האָט קיינער נישט געוווּסט.

דער טאָג פון דער גענעראַלסקער אינספּעקציע האָט זיך געשטעלט אַ היציקער, אַן אָנגעגאָסענער מיט שווייס, לויפעניש און קאָפּדרייעניש. די סאָלדאַטן האָבן פון אינדערפרי אָן געפּוצט זייערע מונדירן און די עטלעכע צענדליק ביקסן פון פּאָלק זענען געוועזן אויסגערייניקט ביז צו שפּיגלדיקייט. דער לאַנגער גלייכעקיקער פראָנט פון די באַטאַליאָנען און קאָמפּאַניעס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אויפן זונפאַרפלייצטן פּלאַץ לעבן די פּאַלאַטקעס; אַן אומגעדולדיק־אָפּוואַרטנדיקער, אַ מידער פון דער זון און פון לויפעניש און אַן אומרואיק־אויפגעברויזטער: „וואָס וועט ער זאָגן, דער גענעראַל?״ — האָבן די סאָלדאַטן געפרעגט איינער ביים צווייטן. די ריכטיקע פראַגע האָט קיינער נישט געבראַכט אויף די ליפּן, אָבער זי איז געלעגן ביי יעדן איינעם אויף דער שפּיץ צונג, אָט די נישט אַרויסגעזאָגטע פראַגע טאַקע, די פראַגע: „צי וועט ער דער גענעראַל, שוין ברענגען מיט זיך די דאַטע פונעם אַרויספאָר? צי וועט מען שוין איינמאָל פאַר אַלעמאָל געוויר ווערן, ווען מען פאַרלאָזט אָט־דעם טרוקן־הייסן סטעפּ, ווען מען וועט פּטור ווערן פון דער אומזיכערקייט און וואַרטעניש, ווען מען וועט באַפרייט ווערן פון קוקן אויפן הויכן, אייזערנעם שוואַרצן קרייץ, וואָס אויף זיינע שפּיצן לאַכט דער שטינקענדיקער טויט, ווען עס וועט שוין אויפהערן דאָס דרייעניש אין די קישקעס, די טשערעפּאַכעס, דאָס ליגן און וואַרטן ביינאַכט אויף היץ, דאָס צוקוקן צו די לוויות, ווען עס וועט שוין פאַרשווונדן ווערן דער לאַגער.

דער פאַרבינדלער פון דער פּאָלק־קאָמאַנדע איז אָנגעלאָפן אַ פאַרשוויצטער. אויף זיינע איינגעפאַלענע באַקן — רויטע היץ־פלעקן. קאָן זיין אַז אָט־אָט כאַפּט אים אָן די שטיקנדיקע האַנט פונעם לאַכנדיקן טויט. ער האָט ראַפּאָרטירט עפּעס דעם אינספּעקציע־אָפיציר. איבער די קעפּ פון די אויסגעצויגענע, סאָלדאַטישע שערענגעס לויפן קורצע הענערדיק־קוויטשענדיקע, אויפגערעגטע באַפעלן. „באַטשנאָשטש״ (אַכטונג!) — און די סאָלדאַטן ציען זיך אויס גלייך ווי אַ ווירע. אין אַ וואָלקן שטויב לויפט אָן אַ בריטשקע, נאָך איינע. דער פּאָלקאָווניק לויפט צו — ער גיט אָפּ דעם ראַפּאָרט. דער גענעראַל האָט אָנגעהויבן זיין אינספּעקציע.

אַ הויכער, אַ ביינערדיקער, אַן אויסערגעוויינלעך ברייטער שפּאַצירט דער גענעראַל מיט אַ פאַמעלעכן טראָט פאַר דעם סאָלדאַטישן אויסגעצויגענעם, אויסגעגלייכטן פראָנט. דער קאָפּ זיינער איז כמעט אײַנ־

גאַנצן פֿליכעוואַטע. די לעצטע האָר זיינע אויסגעראַזירט אַזוי, אַז עס איז אפילו שווער צו דערקענען ווו עס ענדיקט זיך דער פּליך, און ווו עס הייבט זיך אָן דאָס אָפּגעראַזירטע. דער שאַרבן — אַ ווייסער, אַ גרויסער, אַ שאַרבן פון אַן אומנאַרמאַל גרויסן סקעלעט. און אַזוי זעט ער אויס אינ־גאַנצן טאַקע. אַ ריזיקער סקעלעט קוים אַרומגעצויגן מיט הויט. אויף די ליפּן, אויף די קליינע בערשטעלע־וואָנצעלעך, אויף די ביינערדיקע באַקן אַ שמייכעלע, אַ מאָדנע שמייכעלע, אַ שמייכעלע פון אַ טויטן וואָס צווינגט זיך אַליין אַרויסצווייזן העפלעכקייט. בלויז די אויגן שמייכלען נישט. די אויגן זענען שוואַרץ, מיט אַ מין מאַטער, תהומיקער שוואַרצ־קייט. די אויגן זענען קינסטלעך אַריינגעזעצטע שוואַרצע שטיינער אין די לעכער פון אַ בייניקן טויטנקאָפּ. די אויגן קוקן דורכדרינגלעך, בייז און גאווהדיק. די אויגן קוקן פון אַן אַנדערער וועלט. פון די אויגן ווייעט מיט קאַלטקייט, מיט אומברחמנותדיקייט, מיט טויט.

דער גענעראַל איז אָנגעטון אין אַ טראָפּישן אוניפאָרם. דאָס איז אַ גוטער סימן. אַזוי זענען אָנגעטון די ענגלישע קאָלאָניאַלע סאָלדאַטן. אַזוי הייסט עס וועלן אויך זיין אָנגעטון די פּאָליאַקן ווען זיי וועלן קומען קיין פּערסיע. די האָריקע קני פונעם גענעראַל קוקן אַרויס פון די קורצע, טראָ־פּיש־סקויטישע הייזעלעך. מאָדנע איז עס און קאָמיש: אַ גענעראַל אין קורצע הויזן. אָבער קיינער קוקט נישט אויף זיינע הויזן. מען קוקט אין זיינע אויגן וואָס זאָגן גאַרנישט צו און מען קוקט אויפן אויפגעצווונגענעם שמייכעלע, וואָס בלאנקעט זיך אַרום אויף זיין מויל.

דעם גענעראַל באַגלייט דער פּאַרשוויצטער פּאָלקאָווניק. ער איז מיד און צעהיצט אָבער דאָך אויפגעלייגט און צופרידן. פון דער צווייטער זייט — אַ סאָוועטישער מאַיאָר, אַ „קאָמפּלעמענט־אָפיציר" פון דער סאָ־וועטישער אַרמיי. דער מאַיאָר קוקט אויך אויף די סאָלדאַטישע פּנימער. אויך ער זוכט עפּעס אין די סאָלדאַטישע אויגן. זיין בליק איז פול מיט נייגעריקייט. זיין בליק דוכט זיך אויס צו פרעגן: „הייסט עס, מיר צע־שיידן זיך?"

די אינספּעקציע איז פּאַרענדיקט. דער גענעראַל האַלט אַ קורצינקע רעדע. ער זאָגט עס נישט דייטלעך, אָבער ס'איז שוין איצטער זיכער, אַז מען פאָרט, און גאָר אינגיכן. אין די רייען — אַ שטילער פריידיקער גע־מורמל. אונטעראָפיצירישע געשעפּטשעטע באַפעלן שטילן איין דאָס מור־

מלען. אַ קלינגענדיקער באַפעל. די באַטאַליאָנען קוקן ווי די בריטשקע פאַרשווינדט אין ריכטונג פונעם שטאַב פון פאָלק.

אַפילו די זון זעט שוין אַנדערש אויס נאָכדעם. עס דוכט זיך, אַז זי איז מילדער געוואָרן די זון, עס דוכט זיך, אַז אַלץ אַרום האָט פאַרלוירן די קאַנטן און אַלץ, דער סטעפּ, די פּאַלאַטקעס, די פעלדער וואָס אַרום לאַגער גרייטן זיך צום פאָרן. עס דוכט זיך, אַז פון דער ווייטער ווייט־קייט קומט אָן אַ שטילער פאַרוואָרן: „איר פאָרט טאַקע אויף אַן אמת?"

דערנאָך איז אַלץ אַוועק בליץ־שנעל. יעדן טאָג אַ נייער באַפעל. יעדן טאָג אַ פרישע פאַראָרדענונג: וועגן אָפּנעמען דאָס פאַרלעגענע סאָלדאַ־טישע געהאַלט, וועגן אויפגעבן די מיטגלידער פון פאַמיליעס וואָס ווי־נען נאָענט צום לאַגער און וועלן אפשר קענען מיטפאָרן, וועגן צוגרייטן זיך צו דער רייזע, וועגן דעם, וועגן יענעם, ביז פּלוצלינג איז געקומען דער טאָג ווען מען האָט אָנגעהויבן פונאַנדערנעמען די פּאַלאַטקעס. גע־ווּסט האָט מען שוין: די נאַכט וועט מען שוין אין אָט־דעם לאַגער נישט שלאָפן. בלויז דער שפּיטאָל האָט געקוקט פונדערווייטנס מיט דערשראָ־קענע, האַלב־טויטע אויגן. בלויז פליגן האָבן געזשומעט מאַסנווייז אויף די הויפנס פונעם אָנגעקופּעטן סאָלדאַטישן מיסט, בלויז די זון האָט גע־ברענט און געבראָטן, ווי זי וואָלט געוואָלט אין אָט־דעם לעצטן טאָג, אַ ברי טון אַזוי אַרום, אַז מען זאָל זי האָבן צו געדענקען.

דער לאַגער איז פּלוצלינג שטיין געבליבן אַ נאַקעטער, אַן אָפּגע־דעקט־אומפאַרשעמטער. אין די טיפע גריבער, איבער וועלכע עס זענען געשטאַנען די פּאַלאַטקעס, האָבן זיך איצט געוואַלגערט אַלערליי שמאַ־טעס, אַלטע פּאַפּירן, פאַרזשאַווערטע מענאַשקעס, צעריסענע קאָרטן, פּושקעס פון קאָנסערוון און סתם מיסט. די סאָלדאַטן זענען געזעסן אויף זייערע רוקזעק ביי די ראַנדן פון די גריבער און געוואַרט: עס דאַרפן אָנקומען אויטאָס און אַוועקנעמען אַלעמען צום וואָקזאַל. ווידער וואָק־זאַל, ווידער די באַן, אָבער דאָס מאָל — שוין די לעצטע רייזע איבער ראַטנפאַרבאַנדישער ערד. די לעצטע? טאַקע די לעצטע? און אפשר וועט די מגפה נאָך אָנכאַפּן פאָרן בויך ביז פאַרנאַכט? און אפשר וועט גע־שען עפּעס אַזעלכעס וואָס מען ריכט זיך גאָרנישט דערויף? אַזויפיל אומ־געריכטע, אומדערוואַרטע זאַכן געשען שטענדיק אין אָט־דעם לאַנד...

די אויטאָס זענען געקומען. זיי האָבן אָבער גענומען בלויז דעם באַ־

גאַזש, בלויז די רוקזעק. די סאָלדאַטן האָט מען אויסגעשטעלט אין קאָמ־פּאַניעס. דער זונפאַרגאַנג האָט צעצונדן דעם ווייטן האָריזאָנט און דער רויטער אָפּגלאַנץ האָט זיך שווער און אומעטיק פאַרבענקט געלייגט אויף די סאָלדאַטישע מידע פּנימער. די זון איז פאַרגאַנגען אויף מערב, און דאָרט אויף מערב איז אויך דער ווייטער, בלוטיקער פראָנט. צי דעריבער איז דער זון־אָפּגלאַנץ אַזאַ רויטער? צי וויל די זון אַזוי אַרום מאַכן זיי, די פּוילישע סאָלדאַטן, דעם לעצטן פאָרוווּרף פאַרוואָס זיי גייען אַוועק, פאַרוואָס זיי קומען נישט אַריין אין קאַמף, פאַרוואָס זיי האַסן און שפּייען מיט גאַל? דער פאַרנאַכטיקער שאַקאַלישער געוואָי האָט זיך אָנגעהויבן, זיי האָבן דערפילט די רעשטלעך פון דער פאַלקאָווער קיך און וואָיען. צו וועלכע רעשטלעך פון אַ רייכן טיש גרייטן זיך די פּוילישע פאַלקן?

די קאָלאָנע ציט זיך אויס אַ לאַנגע, אַ שלאַנגיקע. זי לאָזט זיך אַוועק מיטן וועג צווישן די וועלדער אַהינצו, קיין קערמינע, צו דער באַן־סטאַנ־ציע. גאַנצע דרייסיק קילאָמעטער דאַרף מען דורכמאַכן צופוס. אַ שווערע זאַך פאַר מידע, קראַנקע אָפּגעשוואַכטע פיס. אָבער די פיס גייען, די פיס טראָגן זיך ווי מען וואָלט זיי אונטערגעשמיסן מיט אומזעבאַרע בייטשן. די פיס פילן די גאַנצע צעבראָכנקייט און מידקייט אָבער זיי שפּאַנען פאָראויס. אַ ווינטל יאָגט אָן, אַ ביינאַכטיק קיל ווינטל. בלוי איז עס דאָס ווינטל און קילט די שלייפן, עס טראָגט מיט זיך דעם ריח פון פאַרברענטן קעמל־מיסט און פון געבראָטענעם אוזבעקישן שעפּסנפלייש, עס טראָגט מיט זיך דעם ריח פון ווייצענע פעלדער און פון טערקישן פּע־פּער. עס שפּילט זיך מיט די נאָס־צוגעקלעפּטע טשופּרינעס פון שטרוי־קאָליר און לויפט פאָראויס, פאַר דער קאָלאָנע, אַ ווינטל אַ גוטס, אַ מונ־טערנדיקס, אַ הייטערנדיקס.

דער טיף־בלויער, ווייכער, גאָלדיק־באַשפּרענקלטער מאַנטל פון דער נאַכט פאַרציט זיך איבער די פעלדער. הינט בילן פון דער ווייטנס, קאָל־כאָזנע הינט וואָס היטן די מאַגאַזינען. ערגעץ ווייט האָט זיך צעפייפט אַ באַן. און אפשר איז עס טאַקע די באַן, וואָס דאַרף זיי אַוועקפירן פונ־דאַנען ווייט, די באַן וואָס גייט קיין קראַסנאָוואָדסק, די באַן וואָס איז דער ערשטער שטאַפּל אין אַ נייעם, מאָדנעם וועג, אַ וועג א פולן מיטן אומדערוואַרטן, מיטן נייעם, מיטן אומבאַקאַנטן און דאָך אַזויפיל מאָל גע־חלומטן אויסלאַנד?

דער לעצטער גלעט

דער דרייאונצוואנציקסטער פוסגייער פּאָלק פון דער זיבעטער דיוויזיע איז אָנגעקומען קיין קערמינע באַגינען.

אַן אויסגעוואַשענער מיט ביינאַכטיקע טויען, אַ געלייטערטער און אָפּגעטובלטער אין דין־אַזשורענע בלויקייטן איז דער פרימאָרגן אויפגעשטאַנען און מיט ציטערדיקע פינגער אַרויסגעקייקלט פון הינטער דעם פּורפּורענעם שרפה־פאָרהאַנג וואָס אויפן צעצונדענעם ראַנד פון האָריזאָנט, אַ גרויסע און יום־טובדיקע צעשיינטע זון. אַזויפיל טעג לעבט דער מענטש אַדורך און אַזוי וויניק זון־אויפגאַנגען זעט ער, אָבער דעמאָלט האָבן די סאָלדאַטישע אויגן געזען און איינגעזאַפּט דעם שטילן פאַררויטלטן אויפגאַנג. אויסגעלייגט אויף דער ערד פאַר דער באַן־ליניע זענען זיי געלעגן, די סאָלדאַטן, און דער אויפגאַנג איז אָנגעקומען גראָד דעמאָלט, ווען זיי האָבן דערגרייכט זייער ציל, נאָך אַ דרייסיק־קילאָמעטערדיקן ביינאַכטיקן מאַרש. אָט פאָרן זיי שוין אַוועק פון דאַנען, פון אָטדעם גראָען אויסגעמוטשעטן און שטרענגן לאַנד. דער אַרויספאָר זייערער האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ זון־אויפגאַנג. זייערע פיס זענען אָנגעלאָפן און כמעט ווי געשוואָלן אין די האַרטע סאָלדאַטישע שיך. עס איז נאָך דאָ צייט ביז די באַן וועט אָנקומען, האָבן זיי דעריבער אויסגעטון די שיך טאַקע און דער שאַרפער ריח פון שווייסיקע אָנוצעס מישט זיך אויס מיטן דופטיקן בשמים־גערוך פונעם פרימאָרגן. נעכטן פאַרנאַכט זענען זיי אַלע געווען מונטער און פריילעך און איצטער זענען זיי עצבותדיק און מיד, זייער מיד. נעכטן פאַרנאַכט האָט דער האָריזאָנט זיך געטוקט אין מידער פאַרנאַכטיקייט און איצטער גליט ער אין רויטער הייטערקייט און פרישקייט. פּויזען אַרום רויטלעכע אָפּשיינען אויף מידע, איינגעפאַלענע, מיט שטויב־באַזעצטע סאָלדאַטישע באַקן און וווּנדערן זיך פון וואַנען דערנעמט זיך אַזאַ קאַלעמוטנע גרויקייט אויף מענטשלעכע פּנימער, דווקא איצט, ווען די זון גייט אויף. וואַנדערן אַרום מידע, אויסגעלאָשענע בליקן איבער דעם פּערלדיק־צעפינקלטן טוי און וווּנדערן זיך, פון וואַנען דערנעמט זיך אינעם קאַיאָר אַזאַ חדווהדיקע גלאַנציקייט, ווען זיי, די אויגן, זענען אַזוי שרעקלעך מיד. עס גלוסט זיך שלאָפן, אָבער עס שלאָפט זיך נישט. די אויגנלעפּלעך פאַלן צו, אָבער אונטער זייער ראָזעווען צודעק

פליען אַרום צעשפּאָלטענע, צעפּיצלטע ברעקלעך פון מידע געדאַנקען: „אָט פּאָרט מען... אָט פאַרט מען שוין טאַקע, אויף אַן אמת... וווהין לויפן אָט־די צעבליאַסקעטע באַן־רעלסן?... וואָס וועט זיין דאָרטן, אין ווייטן, אויס־געטרוימטן אויסלאַנד?... פאַרוואָס אָט־דער מאָדנער געפיל פון באַדויער, נאָך אָט־דעם אַלעם וואָס מען איז דאָ דורכגעגאַנגען און אויסגעליטן?...״ געדאַנקען פלאָנטערן זיך, פלעכטן זיך, קרייצן זיך, ביז זיי קנוילן זיך איין אין אַ מאָדנע צעפלויגענעם קיילעכל, וואָס דרייט זיך שנעל, שנעל, אַזוי שנעל אַז מען קאָן אַזש נישט נאָכפאָלגן אָט־דעם געווירבל. דער ראַ־זעווער קנויל ווערט בלוי, בלויער, טונקעלער ביז מען זינקט אַראָפּ ערגעץ טיף, זייער טיף, און מען פאַרגעסט אַז מען לעבט, אַז מען עקזיסטירט, אַז מען איז. עס געדענקט זיך בלויז אַז מען האָט אַ פּאָר אָנגעבלאָזענע, צעווייטיקטע, אויסגעמאַטערטע פיס, וואָס עס איז איצט אַ מחיה זיי צו פילן, ווייל זיי זענען איצט באָרוועס די פיס, און צווישן די פינגער פון אָט־די פיס טאַקע ציט דער ווינט אַדורך אַ גלעטנדיק־זיידענעם, קילבלעכן באַריר. בלייבן ליגן די קאָמפּאַניעס צוואָרפן אויפן גראָז, מיט פונאַנדער־געשפּרייטע, אָנמעכטיקע הענט און פיס, מיד פאַרוואָרפענע קעפּ, מיט צע־שויבערטע טשופּרינעס, מיט מיילער אָפענע און ווי פאַרגליווערטע, און בלויז אין די קנייטשן וואָס איבער די אויגן ליגט אַ מין עקשנות, וואָס איז אַזוי פאַרשטיינערט געוואָרן אויף די ברעמען, פונקט ווי זיי, די סאָל־דאַטן, וואָלטן פאַרגעסן פון איר פטור צו ווערן, איידער זיי שלאָפן איין.

די באַן איז געשטאַנען אויף אַ זייטיקן רעלסן־אָפּצווייג, און מען האָט אַהין געלאָדן די מיליטערישע מאַגאַזינען, אַ באַפעל איז געווען, אַז מיטנעמען דאַרף די פּוילישע אַרמיי בלויז דאָס וואָס די סאָלדאַטן האָבן נויטיק אין וועג, און דאָס וואָס געהער צו זייער פּערזענלעכן געברויך. די איבערבלייבעכצן פון די מאַגאַזינען דאַרפן בלייבן אין לאַנד, און פאַר־רעכנט ווערן דער סאָוועטישער אַרמיי אויפן חשבון פון דער אליאירטער הילף. אַזוי איז געווען אָפּגעמאַכט מיט די פאַרשטייער פון די אויסלענ־דישע מיליטערישע מיסיעס, וואָס האָבן באַזאָרגט די פּוילישע אַרמיי. אָבער די פּאָליאַקן האָבן זיך געגומען קליגלען, ווו שטייט עס געשריבן, אַז אַ סאָלדאַט דאַרף האָבן בלויז איין פּאָר שיך, צי איין מונדיר בלויז? אמת, ביז איצט האָט מען טאַקע אַרויסגעגעבן נישט מער ווי איין פּאָר שיך, אָבער אויב מען וועט איצט נישט אַרויסגעבן די צווייטע, וועט עס

הייסן אַז די פֿאַרבליבענע שיך דאַרפֿן בלייבן פֿאַר דער סאָוועטישער אַרמיי, און מיט אָט דעם געדאַנק האָבן די פּאָליאַקן נישט געקאָנט שלום מאַכן. איבערלאָזן עפּעס פֿון „זייערס" די באָלשעוויקעס? אָ ניין. גלייכער זאָלן די סאָלדאַטן זיך מאַטערן און טאַסקען מיט זיך צוויי, דריי פּאָר שיך, פֿיר, פֿינף מונדירן, נאָך צען פּושקעס קאָנסערוון איידער עפּעס איבערלאָזן, זיי האָבן גאַנץ גוט געוווּסט, די פּאָליאַקן, אַז אין פּערסיע זענען פֿאַר זיי אָנגעגרייט מאַגאַזינען מיט אַ שפֿע פֿון אויסשטאַטונג, זיי האָבן געוווּסט, אַז עס איז איבעריק דאָס מיטשלעפּן מיט זיך די שיך און קליידונג, אָבער זיי האָבן אויך געוווּסט, אַז סאָוועטישע סאָלדאַטן גייען אין פֿייער אין צעריסענע שיך, אין אָפּגעריסענע שינעלן און וואַרטן אויף דער צוגעזאָגטער אויסלענדישער הילף, וועלכע קומט אָן אַזוי ווייניק, אַזוי מוראַדיק־צימצומדיק, און דעריבער האָבן זיי באַשלאָסן פֿונאַנדערצוטיילן די מאַגאַזינען. אין די וואַגאָנעס האָט מען אַרייַנגעוואָרפֿן גאַנצע קאַסטנס מיט קליידונג און אויף פּויליש־סאָלדאַטישע פּנימער האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט אַ כיטרער, צולהכעיסדיקער שמייכעלע, וואָס האָט געזאָגט: „באדיי זיך מאַטערן, אַבי זיי נישט צו העלפֿן..."

נאָכמיטיק האָט מען אָנגעהויבן צו באַזעצן די קאָמפּאַניעס אין די וואַגאָנען. פֿון די אַרומיקע קאָלכאָזן זענען געקומען די אוזבעקן אַ קוק טון ווי אַזוי די „באָלאָני" (פּאָליאַקן) פֿאָרן אַוועק. זיי האָבן געקוקט מיט פֿאַרזשמורעטע פֿון דער זון אויגן, אין וועלכע עס איז געלעגן די שטענדיקע, אַזיאַטישע גלייכגילטיקייט זייערע. מיט ברוינע פֿינגער האָבן זיי פֿאַררוקט אויפֿן קאַרק די קיילעכדיקע קליינע מיצעלעך און געקראַצט די פּעך־שוואַרצע גלייכע, מאָנגאָלישע דראָטענע האָר. די פּאָליאַקן האָבן דאָס לעצטע מאָל געוואָלט מיט זיי אַ האַנדל טון, אויסבייטן ענגלישע סוכאַרעס אויף וויין, אויף אויבס, אויף זויערע מילך. איינער אַן אוזבעק האָט אַרויסגעברענגט אַ גרויסן טאָפּ מיט געקאָכטע טשערעפּאַכעס. ער האָט געהאַלטן האַלב־אָפּגעשונדענע טשערעפּאַכעס אין די שפּיצן פֿון זיינע טונקעלע פֿינגער און געשמייכלט, ווי ער וואָלט זיך גערייצט מיט זיי, מיט די אַוועקפֿאָרנדיקע. די סאָלדאַטן האָבן געלאַכט, אָבער פֿאַר זייערע אויגן האָט געשוועבט די געשפּענסט פֿונעם שוואַרצן קרייץ, וואָס איז דאָרט פֿאַרבליבן אין לאַגער, מיט אָרעמס הערשעריש־אויסגעשפּרייטע איבער עטלעכע הונדערט גאָלד־זאַמדיקע סאָלדאַטישע קברים.

אָבער נישט נאָר געלעכטער האָט זיך געטראָגן איבער דער באַן־סטאַנציע. דאָ און דאָרט האָט זיך אַ קייקל געטון אַ קרעכץ, דאָ און דאָרט האָט זיך אַ ריס געטון אַ שלוכץ, דאָ און דאָרט איז זיך עמעצער פּלוצ־לינג פאַרגאַנגען אין אַ ביטערן געיאָמער. דאָס האָבן געוויינט די „פּוי־לישע כלות״, אַזוי האָט מען גערופן די אָרטיקע רוסישע און קאָזאַקישע מיידלעך, מערסטנטייל טעכטער פון פאַרשיקטע אַהער קולאַקן, וואָס האָבן זיך „באַפריינדעט״ מיט פּוילישע סאָלדאַטן. יונג בלוט ווייס אין ערגעץ נישט פון קיין אידעאָלאָגישע גרענעצן. דער פרעמדער, נאָך דערצו אין מונדיר איז אומעטום אַ יחסן אין פאַרבענקטע פּרוויאַישע הערצער. די פּאָליאַקן האָבן פיינט געהאַט דאָס דאָזיקע לאַנד און די סאָוועטישע מייד־לעך האָבן מיט חשדימדיקע בליקן געקוקט אויף די אויסלענדער. אָבער אין שטילע לבנהדיקע נעכט האָבן זיך הייסע דרינגלעכע בענקשאַפטן אַרומ־געטראָגן אין דער לופטן און אָנגעגאָסן איינזאַמע פּרוויאַישע קערפּערס מיט צעפּלאָסענעם אומרו. אין שטילע, לבנהדיקע נעכט האָט מדברדיקע איינזאַמקייט געטריבן די סאָלדאַטן צו די שמאָלע שטעגלעך וואָס האָבן געפירט צו די קאָלכאָזן. באַנאַל איז עס און אַלט, אָבער דאָך ניי און יע־דעס מאָל ווי אַ פרישע אַנטפּלעקונג. און איצטער איז געקומען די צע־שיידונג, וואָס איז אויך באַנאַל און אַלט ווי די וועלט אָבער דאָך האַרצ־רייסנדיק און שרעקלעך־ווייטיקדיק. אַ סך פּאָליאַקן האָבן צוגעזאָגט זייע־רע „אויסדערוויילטע״ אַז זיי וועלן זיי מיטנעמען מיט זיך, אָבער איצט שטייט ביי די וואַגאָנען די פּוילישע זשאַנדאַרמעריע, די „קאַנאַרקעס״ מיט די אָראַנזש־קאָלירקע לאַמפּאַסן און פון דער צווייטער זייט פאָרען זיך שוין אַרום אויפן וואָקזאַל די בלוי־מונדיריקע פּאַטרולן פון דער נ. ק. וו. ד. „מיטפאָרן? נישטאָ קיין דערלויבעניש״ — טענהט די פּוילישע זשאַנדאַרמעריע. „אַוועקפאָרן? ווער מעג דאָס איצט אַוועקפאָרן פונדאַ־נען?״ — שרייען די נ.ק.וו.ד.־מיליציאָנערן. קוקט אַרויס דער סאָלדאַט מיט אַ קרום שמייכעלע פון וואַגאָן און די חברים זיינע ווּיצלען זיך אויף זיין חשבון, אויף איר חשבון, אויף דעם חשבון פון אָט־דער אָפּגעבליאַקע־וועטער זאַך, וואָס מען רופט דאָס ליבע. שטייט דאָס קאָלכאָזנע מיידל ביים וואָקזאַלנעם פאַרקן און דורך בייזע מיליציאָנערישע בליקן זעט זי דאָס איצט אומדערגרייכבאַרע פּנים פונעם פרעמדן סאָלדאַט, וואָס איז געוועזן אַזוי ווייט און פרעמד און אַזוי נאָענט און אייגן, און איצטער־אַ

פאָרט ער אַוועק צוזאַמען מיט דעם נאַרישן און שרעקלעכן וואָרט: אויף אייביק.

לעבן די יידישע סאָלדאַטן לויפן אַרום ציווילע יידישע פּליטים. זיי ווילן מיטגעבן גרוסן. וואָס הייסט גרוסן? צו וועמען גרוסן? צי האָבן זיי דען קרובים אין פּערסיע? אין פּערסיע האָבן זיי טאַקע נישט — פּאַלט דער ענטפער — אָבער אין ארץ־ישראל האָבן זיי שוין יאָ דערפאַר, און זיי, די פּליטים, ווייסן אַז שפּעטער צי פריער מוז די פּוילישע אַרמיי אָנ־קומען קיין ארץ־ישראל. „הלואי!" — ענטפערן די סאָלדאַטן און פאַר־שרייבן אויף קליינע צעטעלעך די נעמען, די אַדרעסן, די גרוסן. אויב זיי וועלן נאָר אָנקומען אַהינצו, וועלן זיי זיכער נישט פאַרגעסן. אַזוי זאָגן זיי צו, די סאָלדאַטן, און בשעת־מעשה ווילט זיך שטאַרק גלויבן אין אָט־דעם צוזאָג, ווילט זיך שטאַרק אַז עס זאָל מקוים ווערן די נביאות פון די פּליטים, כאָטש ווער ווייס, ביז איצט איז אַלץ געגאַנגען מיט דער פּוטער אַראָפּ, פאַרוואָס זאָלן זיי זוכה זיין פּלוצלינג אַזאַ גרויס גליק?

נישט אַלע פּליטים ווילן זיך באַגנוגענען מיט גרוסן. פאַראַן אַזעלכע וואָס זוכן וועגן ווי אַזוי מיטצופאָרן מיט דער אַרמיי קיין אויסלאַנד. פאַ־ראַן אַ פאַראָרדענונג, אַז די אַרמיי האָט אַ רעכט מיטצונעמען אַ געוויסע צאָל קרובים, כאָטש זיי זענען נישט אין דער אַרמיי. נו, און אַז מען איז נישט קיין קרוב, איז וואָס? אַזוי שווער צו ווערן אַ קרוב פון אַ יידישן סאָלדאַט? דער עיקר איז בלויז איבערצוצייגן די פּוילישע אָפיצירן אין דער אמתדיקייט פון דער קרובהשאַפט. אָבער אַ פּוילישן אָפיציר צייגט מען נישט איבער אַזוי שנעל און סתם מיט מויל־מלאכה, מען דאַרף אים ברענגען „באַווייזן". די „באַווייזן" זענען פאַרשיידנאַרטיק, אַמאָל איז עס אַ גאָלדשטיקל, און אַמאָל אַ בריליאַנטן פינגערל צי אַפילו דאָלאַרן. נישט יעדער פּליט האָט אַזעלכע „באַווייזן", אָבער פאַראַן אייניקע וואָס האָבן עס יאָ. זיי לויפן איצט אַרום איבער דער באַן־סטאַנציע מיט זייערע אויס־געוויילטע סאָלדאַטישע קרובים און זוכן די קאָמענדאַנטן פונעם טראַנס־פּאָרט. מען שושקעט זיך אין די ווינקעלעך, מען זוכט קאַנטשאַפט, פּראָ־טעקציע, געהיימע וועגן, און פאַראַן אַזעלכע וואָס געפינען. מיט אַ באַ־האַלטענער פרייד קריכן זיי אין די וואַגאָנעס און באַהאַלטן זיך אין די ווינקעלעך, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט, אַז עמעצער וועט זיי דערזען. די אָפיצירן זאָגן גאָרנישט צו. זיי הייסן בלויז קומען קודם־כל צום פּאָרט,

ביז קראַסנאָוואָדסק, און דאָרטן „וועט מען שוין זען". דאָס באַטייט, אַז דאָרטן וועט מען אוודאי דאַרפֿן אַרויסשלעפּן פֿון די פּאַרנייטע באַהעל־טענישן נאָך אַ גאָלדשטיקל, אָבער דער ווילן צום פֿאָרן איז אַזוי שטאַרק, אַז זאָל זיין דערוויל קראַסנאָוואָדסק, אַבי געפֿאָרן.

די באַן איז שוין פֿול, אַ העלפֿט פֿונעם פֿאָלק איז געבליבן וואַרטנ־דיק אויף דער מאָרגנדיקער באַן, אָבער די וואָס זיצן שוין אין די וואַגאָנען זענען פֿול מיט אומרו. דער לאָקאָמאָטיוו סאָפּעט שווער און גלייכגיל־טיק, אָבער הערצער קלאַפּן אומגעדולדיק. זיי, די וואַגאַבונדן וואָס די באַן איז זייער צווייטע היים האָבן פּלוצלינג באַקומען רייזע־פֿיבער. זיי וואַרטן מיט אומגעדולדיקייט אויפֿן ריטמישן קלאַפּן פֿון די רעדער אי־בער די רעלסן. און דאָס קלאַפּן קומט. צוערשט פּאַמעלעך און קריכנ־דיק, און שפּעטער שנעלער און שנעלער. דער וואַגאָן הייבט זיך און וויגט זיך. דאָרט, אין סאַמע שפּיץ פֿון דער באַן קלאַפּט שוין דער לאָקאָמאָטיוו מיט שווערע רעדער־לאַפּעס איבער דער גלאַנציקער רעלסן־לענטע. די וואַגאָנעס לויפֿן נאָך געהאָרכזאַם און אייליק און די שויבן ציטערן און קלינגען, אָבער די געמיטער פֿון די וואַנדערער זענען נאָך אומגעדולדי־קער פֿון דעם לאָקאָמאָטיוו, נאָך אייליקער פֿון די באַן־רעדער. זיי זיצן, די סאָלדאַטן מיט אויסגעצויגענע העלדזער, מיט אומרואיקע בליקן, און עס דוכט זיך ווי זיי וואָלטן אין זיך געזחרט: גיכער! גיכער! גיכער!

דער סטעפּ וויגט זיך פֿונדערווייטנס, אַ צעגליטער אין דער בלענ־דנדיקער זון. ווייסע בוימוואָל־פֿעלדער שווימען פֿאַרביי די אָפֿענע פֿענצ־טער. זאַפֿטיקע גרינקייט דרייט זיך אַן אויסגעמישטע מיט דער ברוינער פֿאַרשרפֿעטקייט פֿון דער ערד. אַט לויפֿן זיי שוין דאָס לעצטע מאָל פֿאַר־ביי די קאָלכאָזן, מיט שטילע רויכן איבער די ליימענע קיביטקעס. פֿונ־דערווייטנס שפּאַנט אַ קאַראַוואַן. די קעמלען זעען אויס ווי שפּילצייג. דאָס אָפֿענע פֿענצטער איז אַן עקראַן פֿון אַ קינאָ. איצטער גייט דער לעצ־טער אַקט פֿונעם פֿילם, וואָס הייסט: „געוועזן אין ראַטנפֿאַרבאַנד..." פֿאַר־וואָס ווילט זיך אַז דער פֿילם זאָל זיך אָנהייבן דרייען נאָך אַמאָל, פֿון סאַמע אָנהייב אָן? וואַרט, וואַרט, אפֿשר האָט מען עפּעס נישט דערזען אַט־אָ־דאָ? אפֿשר איז מען באַגאַנגען ערגעצווו אַ פֿעלער? אפֿשר, אפֿשר דאַרף מען אַרויס פֿונעם צוג אויף דער נאָענטסטער סטאַנציע און זאָגן: „ניין, איך פֿאָר נישט, איך וויל נישט פֿאָרן אין ערגעץ נישט". אָבער ניין.

דאָס איז אַן אומזין, דאָס וועט קיינער נישט פאַרשטיין, און אויב עס וועט אפילו יאָ עמעצער פאַרשטיין, איז וואָס? די פּאָליאַקן האָבן קריגס־געריכטן, וואָס משפּטן לויטן מיליטערישן קאָדעקס פון מלחמה־צייט. נישט פאָרן הייסט נישט אויספאָלגן אַ באַפעל און דאָס מיינט פּשוט אין מלחמה־צייט אַ זאַלפּ פונעם עקזעקוציע־פּלוטאָן. אָבער פון וואַנען נעמען זיך אין מיטן דערינען אַזעלכע נאַרישע געדאַנקען? צי האָט מען דען נישט געהאָפּט אויפן טאָג, ווען מען וועט קאָנען אַוועקפאָרן? יאָ, אוודאי האָט מען געהאָפּט, אָבער איצט, איצט, ווען דער סטעפּ לויפט דאָס לעצטע מאָל פאַרביי אויפן עקראַן פון אָפענעם וואַגאָן־פענצטערל, וואָלט זיך גע־וואָלט אַזויפיל זאַכן ענדערן, אַזויפיל זאַכן אָנהייבן פונדאָסניי...

אין דער אַלטער שטאָט מאַרי וואַרט אויף די פּאָליאַקן אַ מיטיק. דאָס איז אַן אָפּשיידס־מיטיק פאַר די אַוועקפאָרנדיקע פאַרבינדעטע פּויליש סאָלדאַטן. לויטן רויטאַרמייאישן קאַזאַרמע־מנהג זעצט מען אויס די סאָלדאַטן צו צען ביי אַ טיש און דעם טאָפּ מיט דער רויכיקער קאַשע שטעלט מען אַוועק אין מיטן טיש. יעדער נעמט זיך דאָס עסן אַליין אין זיין מענאַשקע אַריין. עפּעס שטעקט אַזעלכעס אין אָט־דעם געמיינזאַמען טאָפּ מיט דער שוואַרצער קאַשע, וואָס דערמאָנט אָן משפּחהדיקייט און רוסישער גאַסטפריינטלעכקייט. די רויטאַרמייער פון דער מיליטערישער סטאָלאָווקע זענען העפלעך און שמייכלען זייער ברייטן, סלאַווישן שמייכל. די פּאָליאַקן קייען די קאַשע מיט אַ מין פאַרלעגנהייט אויפן פּנים, עפּעס ווי זיי וואָלטן זיך באַהאַלטענערהייט געשעמט פאַר זייער גיפּטיקן האַס און שטעכווערטלעך. אָבער אויך דאָ געפינען זיך אַזעלכע וואָס פאַרגעסן נישט ווער זיי זענען, זיי וואָרטשען אונטער דער נאָז: „איצט נעמען זיי אונדז אויף די באָלשעוויקעס, איצט, ווען מיר שטייען שוין מיט איין פוס אויף יענער זייט גרענעץ. פאַרוואָס האָבן זיי אונדז נישט אויפגענומען פריער, ווען מיר האָבן זיך אַרומגעבלאָנקעט איבערן לאַנד געשוואָלענע פון הונגער? די פראַגע הענגט אין דער לופטן, איבער דער וואָרעמער פאַרע פונעם טאָפּ ווי אַ ספּיראַליש אויסגעדרייטער קאָפּ פון אַ שלאַנג.

די באַן לויפט ווייטער. דער סטעפּ גאָלדיקט זיך מיט מדבּרדיקן זאַמד. דאָס איז שוין טורקמעניסטאַן, דאָס לאַנד פון טרוקענע פּלאַכ־קייטן און ברענענדיקן דאָרשט, אין דער גליענדער זון שפּאַנען טורקמע־

נער אַרום מיט גרויסע שעפּסענע טשאַפּעס אויף די קעפּ. דער שווייס רינט פון זייערע פּנימער, אָבער זיי האַלטן, אַז די שווערע פוטער־היטלען, וואָס זעען אויס ווי גרויסע וואָראָנע־נעסטן, זענען דאָס בעסטע מיטל צו באַשיצן דעם קאָפּ פון די שרפהדיקע זון־שטראַלן. גלייכע, שוואַרץ־גע־קליידטע טורקמענישע קאַלכאָזניצעס מיט שנירלעך קאָרעלן און האַלדז־בענדער פון זילבער מטבעות, מיט אַ פּאַמעלעכן פּאַרטראַכט־שטאָלצן טראָט און מיט רויטע טיכלעך אויף די קעפּ, שיקן סודותפולע, מזרחדיק־צוזאָגנדיקע בליקן צו די פרעמדע סאָלדאַטן, וואָס קוקן אַרויס פון די פענצטער. „איך וואָלט מיר מיטגענומען אַזאַ מין „שטוב־מיידל״ קיין פוילן״ — צעלאַכט זיך אַ יונג פאַרוטשניקל. „אין פּערסיע וועסטו אויך באַקומען אַזאַ מציאה״ — ענטפערט אים אַ מאַיאָר און טשטשירעט אַרויס אַ מויל פון געלע, צעפוילטע, פערדישע ציין.

לויפט אַזוי די באַן אַריין פון גאָלדיק־צעשיינטן טאָג אין דער שטיל־וויאָלעטענער זיסקייט פון קילן פאַרנאַכט. הייבן זיך אויף פון ווייטן סטעפּ שאָטנס ווייכע און זיידענע, און צעהענגען זיך אין די ווינקעלעך פונעם וואַגאָן. ציטערט די רואיקע, סאַמעטענע לופט אַ פאַרנאַכטיק־פאַר־חלומטן ציטער ביז זי הילט זיך איין אין אַ טיף־בלויען, מיט גאָלד־פונקען אָנגעשפּיקעוועטן מאַנטל, וואָס פאַרוואַרפט אַ האַלבע פאָלע איבער דער לויפנדיקער באַן. וויגט זיך די באַן, הוידעט זיך די באַן, שטילן זיך איין די געלעכטערס, גייען איבער די ווערטער אין אַ שטילן פליסטער, וואָס קיינער ווייסט נישט נאָך וואָס ער איז געקומען. קומט פלוצלינג אַז פון אונטער די רעדער אַ צעפּלאָפּלט ווייט קינדער־מעשהלע, און עס טויכט אויף פון דער פינצטערניש אַן אַמאָליקער, אומשולדיקער, קינדישער „בורא־נפשות״ און פאַרדעקט דעם מידן סאָלדאַטישן קאָפּ מיטן גלעטנ־דיקן, פּוכיקן פליגל פון שלאָף.

אַן איינזאַמע טרער

איבערן גאָלד־זאַמדיקן פלאַכן מדבר פונעם טורקמעניש לאַנד רייט אַ ווינט אויף אַ שטויביקן וואָלקן און פּרווט דעריאָגן די באַן אין איר געלויף. דער וואָלקן אַליין איז אויך אַ הייסער און בייזער און עס אַרט אים ביז פאַרדראָס, הלמאי עס ציט זיך אַ בלענדנדיקע, שטאָליק־צע־גלאַנצטע רעלסן־לענטע איבער דער ווייט־צעשאָטענער גאָטס־ערד, וואָס געהער צו קיינעם נישט. נעמט ער דער וואָלקן און שטעלט זיך פּאָפּערעק אויף די רעלסן, אָבער עס קומט אָן די באַן און צעשפּאָלט אים און פּאַטשט אָוועק דאָס זאַמד אויף יעדע זייטן פונעם באַן־וואַל און דער וואָלקן בלייבט ליגן אַ צעקוועטשטער, אַ צעשאָטענער און אָנמעכטיקער. בלויז דער ווינט, דער אייביקער שטיפער, האָט נאָך אַלץ חשק צו פאַר־טשעפּען זיך מיט דער באַן אויפסניי. ער שיט דאָס זאַמד אין די אָפענע פענצטער פון די וואַגאָנעס און ראַפּטעם לויפט ער אָוועק אין סטעפּ און יאָגט אָן די באַן רייטנדיק שוין אויף אַ נייעם וואָלקן, און אַז דאָס חברן זיך מיטן זאַמד ווערט אים שוין אינגאַנצן נמאס, הייבט ער אָן צו קונ־דייסעווען מיטן שוואַרצן רויך־שלעפּ, וואָס האָט זיך אָנגעהאָנגען ביי די פאַרשוויצטע לעפּצן פונעם גראָבן און קורצן לאָקאָמאָטיוועס קוימען. צעבלאָזט ער דעם רויך, דער ווינט, רייסט פון אים שטיקער און צע־שלעפּט זיי אויף אַלע זייטן אָדער ער פּרוווט גאָר זיי אַריינקוועטשן צו־ריק אין קוימען אַריין און פּלוצלינג לאָזט ער זיך אַראָפּ, פאַרטשעפּעט זיך מיט איין פוס אָן אַ שטיגל פון אַ וואַגאָן און אַ פייפנדיקער לאָזט ער זיך נאָכשלעפּן צווישן די באַריידעוודיקע, פּלאָפּלענדיקע רעדער.

אויפן ווייטן האָריזאָנט וואַקסט פּלוצלינג אויס אַ ברוינער מיט וויאָ־לעטנע נעפּלען באַהאָנגענער פאַס, פונקט ווי נאָך אַ זון וואָלט געהאַלטן ביים אויפגיין, איצט, אין סאַמע מיטן פונעם צעגליטן, צעשיינטן טאָג. אָבער וואָס נענטער די באַן קומט צו, אַלץ בולטער נעמען זיך אַרויס־שיילן שאַרפע פעלזן־שפּיצן, טאָלן, באַרג־אַרויפס און באַרג־אַראָפּס און איידער מען קוקט זיך אום, לויפט שוין די באַן לענגאויס אַ ברוינעם באַר־גיקן קאַם, וואָס קראַצט פאַרבייפליסנדיקע קליינע וואָלקנדלעך. פונוואַנען האָבן זיך דאָ פּלוצלינג דערנומען אַזעלכע קליינע, וואַטענע וואָלקנדלעך? פונוואַנען די פּלוצלינגדיקע קילבלעכקייט? וואַרט, וואַרט — נאָך בייעס:

אַ געזאַלצענער ריח קיצלט די נאָזלעכער און דער מדברדיקער ווינט האָט אויסגעהויכט זיין הייסן אָטעם און ליגן געבליבן ווייט פון הינטן. איצט לויפט שוין לעבן דער באַן אַ ווינט אַן אַנדערער, אַ ווינט וואָס ברענגט אַ קוויקנדיק־געזאַלצענעם גרוס פונעם ים.

די באַן שטעלט זיך טאַקע אָפּ אַ פינף־זעקס קילאָמעטער פון קראַס־נאָוואָדסק, אָבער דעם ים פילט מען שוין דאָ נאָענט, זייער נאָענט. ווייסע ים־פייגל פלאַטערן אין דער לופטן און הוידען זיך אויף אומזעבאַרע שטריק. זייער געשריי הענגט אַ צעוויגטער אין דער הויך ווי אַ בשורה פון די ווייטע לענדער, וועגן וועלכע מען האָט געחלומט דאָרט, אינעם ווייסן פּאַלאַטקע־לאַגער. אויך דאָ איז אַ לאַגער. דער לעצטער לאַגער אין ראַטנפאַרבאַנד. דער לאַגער פון דער עוואַקואַציע־באַזע פון דער פּוילישער אַרמיי אין קראַסנאָוואָדסק.

עס פאַלט צו די נאַכט. מאָרגן גייט אָפּ די שיף קיין פּערסיע. מאָרגן אינדערפרי וועט מען דורכפירן די לעצטע פאָרמאַליטעטן ביים איינשיפן די אָפּטיילונגען. די אָפיצירן וואָרענען: מען דאַרף אָפּגעבן דאָס גאַנצע סאָוועטישע געלט, ווייל אַזאַ איז די פאַראָרדענונג פון דער סאָוועטישער מאַכט. און זיי גיבן צו, די אָפיצירן, אַז סיי־ווי האָט שוין דאָס דאָזיקע געלט אין פּערסיע קיין ווערט נישט. און נאָך וואָרענען זיי, אַז עס זענען מעגלעך רעוויזיעס אינעם געפּעק פון די סאָלדאַטן, און דעריבער, אויב עמעצער האָט ביי זיך גאָלד צי אַנדערע ווערטפולע זאַכן, זאָל ער דאָס אָפּגעבן, אָדער... דעם „אָדער" דאַרף מען פאַרשטיין. דער „אָדער" באַטייט, אַז די אָפיצירן האָבן גאָרנישט דאַקעגן מען זאָל אָט דאָס גאָלד ערגעץ גוט פאַרשטעקן. די סאָלדאַטן צעגייען זיך איבער די פּאַלאַטקעס מיטן ווייכן, נאָך פון בייטאָג אָנגעהיצטן זאַמד. דער האָריזאָנט טוקט זיך אין פאַרנאַכטיקער פורפור און ווען עס פאַלט צו די טונקלקייט צעפינטלט זיך אויפן הימל אַ בלישטשענדיקער צפונדיקער שטערן. לייכט דער שטערן און דערמאָנט וועגן ווייטן צפון, וועגן שנייאיקע זאַווערוכעס און שטילע פראָסטיק־בייסיקע נעכט מיט אויסגעשטערנטע הימלען, דאָרט אין אַרכאַנגעלסקער קאַנט, ווו מען ווייסט נישט צי די שטערן פליען פון שניי אין הימל אַריין אָדער צי שיטן זיי זיך פונעם מילכיקן וועג אויפן שניי אַראָפּ.

אויף צואָרגנס פירט אַ הינטערשטאָטישע באַן מיט קליינע שפּיל־

צייג־וואַגאָנעס אַוועק די אָפּטיילונגען צום פּאָרט. איבער די באַגינענדיק־פֿאַרשלאָפֿענע געסלעך פֿון קראַסנאָוואָדסק קלינגט אָפּ דער סאָלדאַטי־שער טראָט אַן אייליקער און אומגעדולדיקער. די ווייס־אויסגעמאָלטע הייזער — פֿאַררויטלט און שעמעוודיק־פֿריש. פֿון הינטער אַ פּאַרקן קומט פֿלוצלינג אַרויס אַ העגערישער אָנגעבלאָזענער „קוקאַרעקו" און די קאָ־לאָנע ענטפֿערט אָפּ מיט אַ געלעכטער. אַן אַלטער שלאָפֿלאָזער דיאַדקאָ מיט אַ צעכראָסטעטע העמד קומט אַרויס און שטעלט זיך פֿאַר דער טיר קוקנדיק אויף די סאָלדאַטן מיט מידע אַלטע אויגן. אַזויפֿיל שיפֿן זענען לעצטנס אָפּגעגאַנגען פֿון דאַנען קיין פּערסיע, אָנגעפּראָפּט מיט די פּוי־לישע סאָלדאַטן, אַז אָט־די קאָלאָנע איז שוין ביי אים קיין נייעס נישט. פֿונדעסטוועגן שטייט ער און קוקט. ער, דער אַלטער רוס, וואָס געדענקט נאָך זיכער ניקאָלייען, ער, וואָס געדענקט דאָס זיבעצנטע יאָר, ער, וואָס עס איז אים באַשערט ווידעראַמאָל איבערצולעבן אַ מלחמה. ער שטייט און קוקט מיט גלייכגילטיקע אויגן אויף די פֿרעמדע סאָלדאַטן, וואָס פֿאָרן אַוועק. פֿלוצלינג ווערט די שטילקייט צעשניטן פֿון אַ פֿייף. דאָס האָט אַ פֿאַבריק אַ רוף געטון די אַרבעטער. דער פֿייף געפֿינט אַ חבר — דאָס פֿייפֿט שוין נאָך אַ פֿאַבריק, אַ דריטע, אַ פֿערטע, אַ צענטע. יאָגט נאָך דער פֿייף די מאַרשירנדיקע קאָלאָנע און שניידט זיך אַריין אין די אויערן מיט בייזקייט, מיט פֿאָרוואָרף, מיט עקשנות. און זאָגן זאָגט דער פֿייף אַזוי: איר גייט אַוועק? גייט אייך. עקשנים זענען מיר און מיר וועלן אונדזער שטעטל אַליין באַשטיין.

אין פּאָרט וואַרט אויף די סאָלדאַטן אַן אומאָנגענעמע איבערראַ־שונג. די שיף וואָס גייט היינט אָפּ, האָט געענדערט איר מאַרשרוט. לויט אַ פֿלוצלינגדיקן באַפֿעל באַדאַרף זי אָפּגיין קיין באַקו, וווהין זי וועט אַוועקפֿירן אַ פּאָלק סאָוועטישע קאַוואַלעריע, וואָס דאַרף דאָרט אַרום צו־קומען צום קאַווקאַזער פֿראָנט. די פּוילישע סאָלדאַטן בלייבן שוין אין פּאָרט. דאָ וועלן זיי וואַרטן אויף דער מאָרגנדיקער שיף. זיי קוקן זיך צו ווי מען פֿירט אַרויף דאָס קאַוואַלעריע פּאָלק אויף דער שיף. צוערשט פֿירט מען די פֿערד, וועלכע שפּאַרן זיך איין ביים אַרויפֿגיין אויפֿן בריקל אָבער ווען זיי דערלאַנגען נאָר דעם ערשטן שפּרייז, פֿויקן באַלד זייערע געקאָוועטע קאָפּיטעס איבער די ברעטער. בלאָנדע קאַוואַלעריסטן מיט רויטע פּאַסן אויף די הויזן, מיט גרויסע טשובן פֿון פֿלאַקסענע האָר איבער

די אויגן, האַלטן די פערד ביי די צוימען מיט ברייטע, האַריקע דלאָניעס. פליעסקעט דער ים און פליוכטשעט מיט קליינטשינקע כוואַליע־פּעטשע־לעך איבער די זייטן פון דער שיף. דאָס פּאַטשט דער ים גוטברודעריש איבערן אַקסל פון די רויטע קריגער. דאָס זאָגט ער זיי צו אַ גוטע נסיעה. ד׳אָס ווינטשט ער זיי אַלדאָס גוטס אויפן וועג. אָט־אָ־דאָ איז ער שוואַרצ־לעך דער ים, אָבער פון ווייטנס ליגט צעשפּרייט אַ טיף־גרינלעכע, מיט בלויע פּאַסן דורכגעפלאָכטענע, מיט שטיקער גאָלד אָנגעשטאָפּטע, צע־פלאָסנקייט. וויגט זיך די שיף, פויקן די פערדישע קאָפּיטעס, הירזשען די ברייטע צעוואָקסענע פערד און בייסן די צוימען, הילכט דאָס רויטאַר־מייאישע געלעכטער און איבעררופן זיך, ווערט די שיף אַליין אויך אומ־געדולדיק און ציט אָן די אייזערנע פענטעס וואָס האַלטן זי געבונדן צום ברעג, און אין דער הויך פלאַטערן און שרייען די ים־פייגל. „אָ־האַ־האָ“! — צעשרייען זיך די מאַטראָסן און באַפרייען די שיף פון איר צוים. „פליוך־פליוך“! — ענטפערט דער ים און גיט נאָך דער שיף אַ לעצטן חברישן פּעטשל, פּונקט ווי מען גיט עס אַ גוט פערד אין גלאַנציק־אויס־געפּוצטן הינטן אַריין. „פּוף־פּוף!“ — צעבלאָזט זיך דער שיף־קוימען מיט אַ שוואַרצן קנויל רויך. אָבער אַלץ פאַרטויבט די סירענע. זי צעשרייט זיך, זי אַלאַרמירט, זי וועקט, זי מאָנט, זי פאָדערט. „אוהו־הו!“ — שרייט זי „צום קאַמף, ברידערלעך, צום קאַמף!“ די שיף רירט פּאַמעלעך, שווער, דערווייטערט זיך, נעמט אָן שנעלקייט, ענטפערט מיט נאָך אַ פייף אויף די געזעגענונגס־געשרייען, פון דער ציווילער מאַסע ביים ברעג, און לסוף ווערט זי קלענער די שיף, גאָר קליין, דערווייטערט, און וואָס ווייטער זי גייט אָפּ אַלץ מער פאַרגעסט זיך, אַז דאָס איז אַ קריגס־שיף אָפּגעפאָרן, אַז דאָס פירט זי אַוועק יונגע לעבנס, קאָכענדיקן געברויז פון בלוט און פלייש אינעם ווייטן קעסל פון פלאַם און טויט.

די פּאַליאַקן באַקומען זייער טעגלעכע שפּייז־פּאַרציע פון די פּאָרט־מאַגאַזינער. נישט פאַראַן קיין פרישׁ ברויט. מען טיילט ענגלישע, טרו־קענע, האַלב זיסע סוכאַרעס. די רוסן, וואָס אין פּאָרט, רופן עס „פּע־טשעניעס“ (זיס געבעקס). זיי לייגן פאַר די פּאַליאַקן אַ טויש. אין קראָס־נאָוואָדסק איז פאַראַן אַ סך וויין, גוטער, קאַווקאַזישער וויין. די רוסן פאַרהאַנדלען וויין פאַר „פּעטשעניעס“. אַזוי לאַנג שוין ווי קיין ווייס מעל קריגט מען נישט און אַזעלכע פּעטשעניעס זענען אַ דערקוויקונג פאַר די

קינדעו׳. די פּאָליאַקן גייען איין אויפן טויש. מען טרינקט דעם רויטן ווייַן אין וועלכן עס איז פאַרכישופט אַ גאָלדענער פאַרנאַכט מיט אַ הייסן אָטעם און מען פאַרבייסט עס מיט ענגלישע פלייש־קאָנסערוון. די זון בריט. דער ווייַן שלאָגט צום קאָפּ. סאָלדאַטישע מאָרדעס — פאַרשוויצט און רויט־אָנגעדראָלט. סאָלדאַטישער געלעכטער — הילכיק און פאַרשייט־פרעך. סאָלדאַטישער געזאַנג — פול מיט שיכורן ניבול־פּה. זיי לאָזן זיך אַרויס אין גאַס, די סאָלדאַטן, און מיט פויעריש־גיריקע הענט קנייפּן זיי פאַרבייגייענדיקע מיידלעך. די וועלט איז אָנגעגאָסן מיט זון און מיט שיכרות. די וועלט איז רויט און וויגט זיך אויף אַלע זייטן. די וועלט האָט זיך פאַרשלייערט אין אַ זוניק־צעבלענדטן אַטלאַסענעם מאַנטל און דער קאָפּ פליט אַרום אַ גרינגער און אַ נאַרישער. די קראַסנאָוואָדסקער גאַס פירט איצט גלייַך צום מאַרק פון די יאַרידן, ווו מען דאַרף פאַרשיכורן דאָס געלט פאַר דער פאַרקויפטער יאַלעווקע.

רויט־לאַמפּאַסיקע היטלען צעשיטן זיך פלוצלינג צווישן די שיכורע סאָלדאַטן — די מיליטערישע פוילישע זשאַנדאַרמעריע יאָגט צוריק די שיכורים צום פאָרט. די זשאַנדאַרמען פאַרענטפערן זיך: אַזאַ איז דער באַפעל פונעם באַזע־קאָמענדאַנט, פון פּאָלקאָווניק בערלינג. מאָדנע זאַכן דערציילט מען וועגן אים, וועגן אָט־דעם פּאָלקאָווניק טאַקע — אַז ער איז אַ געדונגענער פון די באָלשעוויקעס, אַז ער איז אַ באָלשעוויסטישער שפּיאָן, אַז ער גרייט זיך אַריבערצוגיין אין דער סאָוועטישער אַרמיי. אַז ער׳ בישטערט אין די פּאָלקן און זוכט אויס יענע סאָלדאַטן וואָס זענען די שונאים פון די באָלשעוויקעס און ער אַרעסטירט זיי און שיקט זיי אַוועק. אָט האָט מען ערשט נישט לאַנג אַרעסטירט אַ גאַנצע מענגע סאָלדאַטן. מען זאָגט, אַז דאָס איז דערפאַר ווייל זיי האָבן פריער געהאַט שוין סאָוועטישע פּעסער, און אַלס אַזעלכע ווערן זיי באַטראַכט ווי סאָוועטישע בירגער. די באַפעלן פאַר אַרעסטן גיט אַרויס די נ. ק. וו. ד. אָבער בערלינג פירט זיי אויס. איצטער איז ער אויך געקומען אין פּאָרט, בערלינג טאַקע. די שיכורים האָט מען אויסגעשטעלט אין אַ ריי און ער שטייט אַ הויכער, אַ לייכט־איינגעבויגענער מיט שפּיזיק־שטעכיקע אויגן און מוסרט זיי הלמאי זיי שיכורן, ווען אַ וועלט טוקט זיך אין מאָרד און אין פייער. די סאָלדאַטן קוקן אויף אים מיט טעמפּע אויגן. זיי קוקן אויף זייַנע פּאָלקאָווניק־שטערנדלעך און אין זייערע אויגן ליגט

פויערישע הכנעה און שיכורע טעמפקייט. ער הייסט די שיכורים אָפּפירן אין אַרעסט. זיי גייען דערשראָקענע און פלוצלינג־אויסגעניכטערטע. ווער ווייס, וואָס עס קאָן נאָך צוטראַכטן אָט־דער פאַלקאָווניק וואָס חברט זיך מיט די רויטע. דער אינספּעקציע־אָפיציר פונעם פּאָרט, אַ יונג פּאָרוטש־ניקל מיט שייגעצוואַטע, ממזרישע אויגן, ווינקט צו די אַרעסטירטע פון הינטער דעם פּאַלקאָווניקס פּלייצע. דאָס וויל ער זיי באַרואיקן, אָבער זיי שפּאַנען אַוועק צום אַרעסט מיט אומזיכערע, דערשראָקענע טריט.

אויף צומאָרגנס שטעלט זיך אַוועק ביים ברעג אַ שיף אַן אַנדערע. דאָס איז אייגנטלעך נישט קיין שיף נאָר אַ נאַפט־טאַנקער. ער האָט געבראַכט נאַפט פון קאַווקאַז, און איידער ער גייט צוריק אַהינצו וועט ער מאַכן איין קורס מיט פּוילישע סאָלדאַטן קיין פּערסיע. דער טאַנקער האָט נישט קיין קאַבינעס, ער האָט נישט קיין פּלעצער אינעווייניק. אַלץ מוז בלייבן במשך פון דער רייזע אין דער הויך, אויף דער דעק. די פּוילישע אָפּטיילונגען שטעלן זיך אויס און וואַרטן. דער פּאַלקאָווניק בערלינג פירט דורך די לעצטע אינספּעקציע פאַרן איינשיפן זיך. עטלעכע סאָלדאַטן רופט מען טאָקע אַרויס לויט די נעמען און מען פירט זיי אַוועק. וווהין? — דאָס ווייסט קיינער נישט. „בערלינג זוכט קרבנות" — שושקען זיך די סאָלדאַטן. „בערלינג נעמט אַרויס זיינע מענטשן, זיינע שפּיאָנען" — זאָגן אַנדערע. „בערלינג טוט דאָס נישט אַליין, ער פירט אויס באַפעלן פון דער נ. ק. וו. ד." — זאָגן דריטע. די סאָלדאַטן טאַפּן זיך איבער די קעשענעס. דאָרט אין לאַגער, וואָס אויף דער עוואַקואַציע־באַזע האָט מען נעכטן אָפּגענומען דאָס סאָוועטישע געלט, אָבער נישט אַלע האָבן אָפּגעגעבן. גאָלד האָט קיינער נישט אָפּגעגעבן. אפשר וועט איצט טאָקע פּאַרקומען אַ רעוויזיע? אָבער קיין רעוויזיע קומט נישט פאָר. עטלעכע נ. ק. וו. ד.־אָפיצירן קומען אָן שמועסנדיק פריינטלעך מיטן קאָמענדאַנט פונעם אָפּפאָרנדיקן טראַנספּאָרט — אַן אַלטער פּוילישער פּאַלקאָווניק מיט גרויע שליאַכטעצקע וואָנצעס. זיי באַגנוגענען זיך מיט איבערציילן די סאָלדאַטן. די שיף ווערט פול און הוידעט זיך אַן איבערגעלאָדענע אין דער הויך און אַ פוסטע אינעווייניק. איז דאָס נישט אַמאָל אַן אַנצוהערעניש, טאָקע דאָס, וואָס די שיף איז איבערגעלאָדן און שרייענדיק אויף דער אויבערפלאַך, און הויל און פוסט אינעווייניק? עס פאַלט צו דער פאַרנאַכט, און אַ קילע, ימיש־געזאַלצענע לופט הענגט איבער דער שיף, וואָס האַלט זיך

אין איין וויגן. נישטאָ ווו זיך אָוועקצוזעצן. ס׳איז ענג, שרעקלעך ענג. צי איז דאָס פון דעם ים־אָטעם, צי פון דער צעוויגטקייט, אָדער צי אפשר איז עס דער לעצטער „זיי־געזונט״ פון לאַכנדיקן טויט? — עס דרייט־אויס די קישקעס. די שיף שטינקט. די שיף־לאַטרינע איז אויסגעבויט פּראָווי־זאָריש, איינמאַליק. די לבנה שפּאַצירט אַרום אין דער הויך אַן אויסגע־בלייכטע און פולע מיט חוזק און שפּאָט: „אויך מיר העלדן, אויך מיר אַן אַרמיי, צום קאַמף זענט איר נישטאָ, אָבער דאָס קאָנט איר״. קיינער שלאָפט נישט. אַלע וואַרטן אויפן אַוועקגיין פון דער שיף. באַזונדערס איז אוממעגלעך צו שלאָפן. נישטאָ ווו זיך אַוועקצולייגן. נישטאָ אַפילו מיט וואָס צו אָטעמען, כאָטש מען געפינט זיך אויף דער פרייער לופט.

און פּלוצלינג, אומגעריכט, רירט די שיף פון אָרט. מען האָט אַפילו נישט באַמערקט, ווען מען האָט אַרויפגעצויגן דאָס בריקל. די שיף גייט מיט אויסגעלאָשענע ליכט און נאָר פון צייט צו צייט גיט אַ זעץ אַ פייער־דיקער פונקען־בינטל פונעם קוימען. די מאַשינען סאָפּען שווער אין דער שיף־אינגעווייידן און שווער אָטעמען די סאָלדאַטן. פונדערווייטנס ליגט קראַסנאָוואָדסק, מיט אויסגעלאָשענע ליכט, אַ פאַרטשייעטער, שטילער און וואַכזאַמער. פונדערווייטנס ליגט דאָס אויסגעמאַטערטע שטרענגע לאַנד, אַ שטילס, אַן עקשנותדיקס מיט וואַכזאַם־אָנגעשטרענגטע מוס־קולן. די נאַכט איז טונקל און טיף־בלוי. קראַסנאָוואָדסק איז פאַרהילט אין דער נאַכט ווי אַ האַרמאַט פאַרהילט זיך אין אַ קאַמופליאַזש. קראַסנאָ־וואָדסק האָט זיך נישט געוואָלט געזעגנען. קראַסנאָוואָדסק קוקט אין אַן אַנדערער ריכטונג. מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ הערט זיך איין דער קראַס־נאָוואָדסקער ברעג אין די ווייטע קנאַלן פון קאַווקאַזער פראָנט. אָט־אַ־די שיף איז צום פראָנט נישט אַוועק. ווען מען גייט עס אָן, וואָס די נאַכט דעקט צו אַ פּוסטן טאַנקער וואָס גייט אָפּ קיין פּערסיע? אַזויפיל שוים טרייבן די כוואַליעס צום ברעג און אַזויפיל שוים טרייבן די כוואַליעס פון ברעג אַוועק און קראַסנאָוואָדסק האָט נישט קיין צייט זיך אומצוקערן אויף שוים. נעכטן, ווען עס איז אָפּגעגאַנגען די רויטאַרמייאישע שיף האָבן זיך פון ברעג געצויגן שטילע פעדים אַהינצו, צום פערדישן היר־זשעריי און אַרמייאישן געזאַנג, אָבער היינט? היינט זענען קיין פעדים נישט געווען. די שיף האָט זיך אָפּגעריסן פון ברעג און דער קליינער שטח צווישן שיף און לאַנד האָט זיך געברייטערט און געברייטערט, אַנגעפילט

זיך מיט חשכות און פרעמדקייט ביז ער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ברייט־צעעפנטן נאַכטיקן תהום, איבער וועלכן עס איז נישטאָ קיין וועג אויף צוריק.

דער ים האָט געפּליעסקעט, גוטמוטיק און שטיל, ווי שטענדיק, ווי אייביק, ווי עס וואָלט אים נישט אָנגעגאַנגען דער שטומער פאַרדראָס פון די קראַסנאָוואָדסקער ברעגעס, פונקט ווי ער וואָלט געוואָלט באַרואיקן דעם פאַרבאָרגענעם באַדויער, דעם גרויסן ווייטיק פון צעשיידונג וואָס האָט זיך פלוצלינג, אומגעריכט, אַריינגעשניטן אין עטלעכע הערצער אויף דער שיף און אַרויפגעשפּאַרט פון גאָרגל אין די אויגן אַריין עטלעכע טרערן, וואָס קיינער האָט זיי אין דער נאַכטיקער פינצטערניש נישט דערזען.

סוף פון ערשטן באַנד

אינהאַלט

ערב שטורעם	9
די ערשטע טעג	16
גאָלדענער הארבסט	25
קאַוואַלעריע און טאַנקן	35
„גיי, קינד מיינס, גיי!"	46
דאָס ליכט קומט פון מזרח	55
לעמבערג אונטער סערפּ און האַמער	63
דאָס שוואַרצע גאָלד	72
ווייַן און טרערן	79
דער טאַנק פון די ברידער פּינטשוק	89
דער צוריקקער	99
איר האָט פאַרלוירן דעם וועג?	106
שנייַ און רובלעס	116
די ברייוו רופן	123
פרילינג אויף דער גרענעץ	131
הערצער אויפן מיסט	138
לאָקאָמאָטיוון פייפן בייַנאַכט	148
דער קורצער קורס	158
נישטאָ קיין גוטע קאַזאַרמעס אין אירקוטסק	169
ווי אַזוי פאַרברענגט מען די זומער-וואַקאַציעס?	177
רעקרוטן שווערן	187
אַ מעסער אין רוקן	195
אין שטויב פון די וועגן	201
פאַרבלוטיקטע באַנדאַזשן	211
מיטן האַרץ אויף די הענט	220
דניעפּראָפּעטראָווסק	230
אין פייער	240
אויף יענער זייט דניעפּער	249
„מיר ווילן נישט קיין אויסלענדער..."	259
אויפן דאָן	271

באנען און וואָקזאַלן — — — — — — — — — — — — — — 281
גענעראַל וולאַדיסלאַוו שיקאָרסקי — — — — — — — — — — 288
די פּאַליאַקן פון די לאַגערן — — — — — — — — — — — — 297
„אַמעריקע איז מיט אונדז!“ — — — — — — — — — — — — 306
די סאָלדאַטן פון הינטערלאַנד — — — — — — — — — — — 314
עלנט — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 322
די באַן לויפט אויף דרום — — — — — — — — — — — — 334
דער טאַשקענטער וואָקזאַל — — — — — — — — — — — — 343
זוניקער הונגער — — — — — — — — — — — — — — — — 353
טאַשקענטער ווינטער — — — — — — — — — — — — — — 362
יאַנגי־יול — — — — — — — — — — — — — — — — — — 370
קאָלכאָזנע נעכט — — — — — — — — — — — — — — — 378
וואַסער וועט שטראָמען אין סטעפּ... — — — — — — — — 387
א רוף פון ווייטנס — — — — — — — — — — — — — — 396
גוזאַר — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 405
צוויי וועגן — — — — — — — — — — — — — — — — — 413
פּוילן אונטערוועגנס — — — — — — — — — — — — — — 422
דער לאַכנדיקער טויט — — — — — — — — — — — — — 429
גענעראַל אַנדערס — — — — — — — — — — — — — — — 438
דער לעצטער גלעט — — — — — — — — — — — — — — — 445
אַן איינזאַמע טרער — — — — — — — — — — — — — — 453

ביכער פון דעם זעלבן מחבר

„אויף פרעמדע וועגן"
דערציילונג
פאַרלאַג: „פרייע יידישע טריבונע"
לאָנדאָן 1946

„בלעטער אויפן ווינט"
לידער און פאָעמעס
פאַרלאַג „איקוף"
בוענאָס־איירעס 1948

Este libro se terminó de imprimir
el día 10 de septiembre de 1952,
en los Tall. Gráf. Julio Kaufman,
Corrientes 1976, Buenos Aires.